STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10505

A BLIK OYF YISROEL UN OYF DER VELT

B. Szefner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. שעפנער

אַ בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט

בוד

30

ב. שעפנער

א בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט

פארלאג "יידבוך"
ביי דער
"געזעלשאפט פאר יידיש-וועלטלעכע שולן אין ארגענטינע"
בוענאס-איירעס
1958

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by:
B. SZEFNER
New-York
1958

Hecho el Depósito que marca la ley
Industria Argentina

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewis Material claims against Germany.

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de julio de 1958, en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hermanos", calle San Luis 3149, Bs. Aires - Rep. Argentina.

ערשטער טייל

אַ בליק אויף ישראל

1 אויפן וועג קיין ישראל 11

2 לוד־תל־אָביב 16

3 אַ שפּאַציר איבער תל־אָביב 21

4 צוויי קלאַסן: „עולים חדשים“ און „ותקים“ 28

5 דער ליכטיקסטער פּונקט — דער קיבוץ 35

6 אין קיבוץ גניגר 41

7 דער פינצטערסטער פּונקט — די מעברה 47

8 „מעברה דוד“, „מעברה תלפּיות“ 54

9 ביי יוסף שפּרינצאַק 62

10 די וואָס זען און די וואָס קוקן אַריבער 68

11 „ווייסע“ און „קאָלירטע“ יידן 75

12 יידישע קינדער פון באַזונדערע ראַסעס 81

13 ווי אַלט איז אַן „אַלטער מאַן“ אין ישראל? 88

14 ירושלים — די אייביקע שטאָט 94

15 ירושלים — די טראַגישע שטאָט 100

16 אַ באַגעגעניש מיט ד״ר משה סנה 106

17 באר שבע — סדום 112
18 אילת — די סטאַנציע פון האָפענונג 118
19 אַ שמועס וועגן ייִד און גוי אויף די וועגן פון גליל 125
20 צפת I — די שטאָט פון שטילקייט 131
21 צפת II — די שטאָט פון געשריי 136
22 דער פּאַלאַץ פון דער „הסתדרות" 142
23 טענות צו דער „הסתדרות" 148
24 אַראַבער I 155
25 אַראַבער II 162
26 די טענות צו דער ישׂראל־יוגנט 169
27 די טענות פון דער ישׂראל־יוגנט 175
28 די מערכה פון ייִדיש אין ישׂראל 183
29 ביים פּאַרלאַמענט ישׂראל 189

ערשטער טייל

אַ בליק אויף ישראל

**
*

די פּאָליטאַנען, וואָס קומען אַריין אין דעם בוך, זענען געשריבן געוואָרן בעת מיינע נאָך־מלחמה־רייזעס איבער די פאַרשידענע לענדער פון דער וועלט. בלויז צוויי, וועגן יאַפּאַן, זענען פון אַ פריערדיקן פּעריאָד — פון 1941.

נישט צופעליק האָב איך אַריינגענומען אין איין באַנד די פּאָליטאַנען וועגן ישראל און די פּאָליטאַנען וועגן אַנדערע לענדער פון דער וועלט. איך האָב שטענדיק געהאַלטן, אַז ייד און וועלט — און דאָס מיינט אויך ישראל און וועלט — זענען אויף אייביק פאַרבינדן מיט איין גורל. די דאָזיקע איבערצייגונג איז נאָך מיין באַזוך אין ישראל, אין 1953, נישט געוואָרן שוואַכער, נאָר גיכער שטאַרקער. אַלע פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן די וועלט, האָב איך אויך געטראָפן זיך אַרומדרייען אין דער יידישער מדינה, צי דאָס זענען די פּראָבלעמען פון מלחמה און שלום, פון דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע, פון מזרח און מערב, צי פון אַרבעט און קאַפּיטאַל, פון קלאַסן־און ראַסן־פאָראורטיילן, אָדער גאָר פון פאָראורטיילן קעגן — אַלטע לייט.

פאַרשטייט זיך, אַז ישראל האָט אויך אירע אייגענע, ספּעציפישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע זי ראַנגלט זיך אויף אַ העראָישן אופן. צוויי פון די פאַרנעמען דעם וויכטיקסטן אָרט — **זיכערקייט** און **אויפבוי**. אָבער אויך די ליזונג פון די צוויי פּראָבלעמען זענען אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דער וועלט, דאָס הייסט, אויף וויפיל די וועלט וועט העלפן ישראל און אויף וויפיל זי וועט לאָזן צורו ישראל.

איך וואָלט אָבער נישט וועלן שאַפן דעם איינדרוק ביי די לייענער, אַז אויף מיינע רייזעס האָב איך זיך פאַרנומען מיט זוכן פּראָבלעמען. איך האָב פריער פון אַלץ געזוכט **מענטשן**. אין זייער

שפּיגל האָב איך געזען שטעט און לענדער. דערפאַר האָב איך אין מיינע רייזע־בריוו אַמוויניקסטן פּלאַץ אָפּגעגעבן פאַר סטאַטיסטיק און דאַטעס. איך האָב זיך הויפּטזעכלעך באַמיט איבערצוגעבן די **אַטמאָספער**, אין וועלכער עס לעבן מענטשן און פעלקער. אויף וויפיל דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבן, איז פאַר אַנדערע צו אורטיילן.

דער מחבר

ניו־יאָרק, פעברואַר 1958.

אויפן וועג קיין ישראל

די לופט־שיף פון „אל־על" האָט זיך האַסטיק אַ הייב־געטון פון פּאַריזער פלי־פעלד און גענומען שניידן די ווייסע, פוכיקע וואָלקנס, וואָס זענען געווען אָנגעפילט מיט פרילינגס־זון.

דורך אַ „הילכער" האָט אַ פריינטלעכע מענער־שטימע פריינטלעך באַגריסט די פּאַסאַזשירן אין העברעיִש און אין ענגליש און זיי געלאָזט וויסן, אַז זייער וועג קיין ישראל פירט דורך דעם לופט־פלאַץ פון דער גריכישער הויפּטשטאָט אַטען, ווו דער עראָפּלאַן וועט זיך אָפּשטעלן אויף איין שעה צייט און דערנאָך פליִען גלייך קיין לוד.

אין האַלב־ליידיקן עראָפּלאַן איז געווען שטיל. די דריי צענדליק פּאַסאַזשירן זענען געזעסן צעוואָרפן איבער בײדע לאַנגע רייען פון דעם ווייס־בלויען שמאָלן זאַל און אָדער געלייענט צייטונגען, אָדער גלייכגילטיק אַרויסגעקוקט דורך די פענצטערלעך צו די לעצטע גרינע פינטעלעך פון פראַנקרייכס ערד, וואָס זענען געבליבן הינטער אונדז.

פאַרוואָס איז דאָ עפּעס אַזוי שטיל? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

פון דערפאַרונג ווייס איך, אַז ווען אַ ייִד פאָרט און שוויַיגט איז, אָדער ער איז נישט מיט אַלעמען, אָדער ער איז נישט קיין ייִד.

ביסלעכווייז האָט די קאַלטע נישט־ייִדישע אַטמאָספערע אין ייִדישן עראָפּלאַן זיך גענומען אָנוואַרעמען. דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין פאַרבונדן געשפּרעכן. אָבער זי איז נאָך אַלץ נישט געוואָרן אַזוי ייִדישלעך, ווי איך האָב דערוואַרט. ערשט ווען דער עראָפּלאַן האָט פאַרנאַכט פאַרלאָזן אַטען און גענומען זיך דערנענטערן צו ישראל, האָב איך אויף אַן אמת דערפילט, אַז איך פאָר מיט ייִדן. דער עולם האָט גערעדט הויך, אויפן קול. בלויז געציילטע פּאַסאַזשירן זענען געבליבן זיצן אויף זייערע פלעצער, די איבעריקע האָבן זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ, אָדער גאָר געשטאַנען אין גרופּקעלעך און דעבאַטירט, נישט שענקענדיק די מינדסטע אויפ־

ב. שעפנער

מערקזאַמקייט צו דער שטימע, וואָס האָט דורכן „הילכער" זיך געבעטן ביי זיי אין צוויי לשונות, צו באַפרייען דעם דורכגאַנג. זייערע מינעס האָבן ווי געזאָגט:

— מאַלע, וואָס ער רעדט דאָרט...

פון אַ ווינקל האָט זיך אויפגעהויבן אַ ברייטער ייִד מיט אַ לאַנגער רבנישער באָרד און אויסגערופן מיט אַ טאָן פון גבאי פון בית־המדרש הגדול:

— ייִדן, ס'איז צייט צו דאַווענען מנחה.

ער האָט זיך געלאָזט פון באַנק צו באַנק צו פאַרבירן אַ מנין. אויך צו מיר איז ער צוגעקומען. ווען ער האָט געזען, אַז איך קווענקל זיך, האָט ער מיך גענומען מוסרן:

— איר ווילט ישראל, דאַרפט איר אויך וועלן מנחה. וואָרום וואָסער טעם האָט אַ ייִדישע מדינה אָן מנחה? אַזאַ טעם ווי בן־גוריון...

— פאַרוואָס געפעלט אייך נישט בן־גוריון? — האָב איך אים געפרעגט.

— און אייך געפעלט ער יאָ? — האָט דער ייִד צוריקגעפרעגט.

איך האָב נישט געהאַט קיין חשק זיך מיט דעם ייִדן אַריינצולאָזן אין אַ וויכוח. איך האָב אים איצט געזען צום צווייטן מאָל. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געזען אין בופעט פון פלי־פעלד אין אַטען. דער ייִד איז דאָרט אַרומגעגאַנגען פון טיש צו טיש און געוואָרנט אונדזערע פּאַסאַזשירן, נישט צו עסן די דינע טיי־קיכעלעך, וואָס זענען סערווירט געוואָרן צוזאַמען מיט דער טיי:

— ייִדן, עסט נישט, ס'איז טריפה.

שוין דעמאָלט איז מיר דער ייִד נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט מיר אויס־געזען ווי אַ קליינשטעטלדיקער תקיף, וועמעס מגושמדיקייט האָט זיך אינגאַנצן נישט געפּאַסט צו זיין שיינער, אפשר שוין צו שיינער באָרד, וואָס האָט געשמעקט מיט זיידנצייג און מיט שבתדיקייט. פון מיינע שכנים בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז דער ייִד איז פון בני־ברק און אַז דאָס פאָרט ער איצט צוריק פון אַ שליחות אין אַמעריקע.

געזען אַז איך ענטפער נישט, איז דער ייִד אַוועק, אָבער נאָך מנחה איז ער ווידער צו מיר געקומען מיט אַ פאָרשלאַג, דאָס מאָל — שוין אַן עולם־הזהדיקן:

— נעמט אַ טרינק בראַנפן — אמתער שליוואָוויץ...

ער האָט זיך געבעטן ביי אַלעמען, מען זאָל מיט אים אויסטרינקען. אים איז געבליבן אַ האַלב פלעשל, — האָט ער געזאָגט, — וויל ער עס פטרן, איידער מען קומט אָן קיין תל־אביב. ער האָט געגנוג פעקלעך אויך אָן דעם.

איניקע פּאַסאַזשירן האָבן אים צוליב געטון. איך האָב אָפּגעזאָגט. דערפאַר, אָבער, האָב איך דאָס מאָל זיך מיט אים פאַנאַנדערגעשמועסט. מיר איז געווען

טשיקאַווע וואָס אַזאַ ייִד טוט אין בני־ברק און וואָס ער האָט געטון אין אַמעריקע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אין בני־ברק אין די „אינשורענס ביזנעס" (אַסע־קוראַציע־געשעפטן), און אַז טאַקע צוליב די דאָזיקע ביזנעס איז ער געווען אין אַמעריקע, און אַז אין עטלעכע חדשים אַרום וועט ער, אם ירצה השם, ווידער פאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב אים אויסגעהערט און, זאָל עס מיר נישט פאַררעכנט ווערן פאַר קיין עבירה, איך האָב אים נישט שטאַרק געגלויבט. אַזאַ באָרד, האָב איך זיך געטראַכט, פירט מען נישט פון בני־ברק קיין אַמעריקע צוליב „אינשו־רענס ביזנעס", סיידן דאָס זענען „אינשורענס" אויף עולם־הבא... דער ייִד איז געווען פינף חדשים אין ניו יאָרק און הגם געוווינט האָט ער אין ברוקלין, קען ער אויסגעצייכנט אויך די אַנדערע טיילן פון שטאָט. ווען איך זאָג אים, אַז איך וווין אין מאַנהעטן אויף הונדערט און עלפטער גאַס, רופט ער זיך אָפּ:

— איך קען גוט די געגנט. איר האָט דאָרט אַ שיינע שול.

— יאָ, — זאָג איך, — ביי הונדערט און צענטע גאַס און בראָדוויי.

— ניין, נישט די מיין איך. דאָס איז „אויך מיר" אַ שול. איך מיין ביי הונדערט און זעקסטע גאַס. דאָס איז אַ שול!

אייניקע פּאַסאַזשירן הערן זיך צו צו אונדזער שמועס און שמייכלען. דאָס באַוווּנדערן זיי, פּונקט ווי איך, דעם בני־ברקער ייִדנס גרויסע קענטעניש אין דער ניו־יאָרקער געאָגראַפיע. אַנדערע פּאַסאַזשירן פירן צווישן זיך אויפן קול שמועסן וועגן ישראל. אויב איך וואָלט פריִער נישט געוווּסט, אַז ישראל איז אַ דעמאָקראַטישע מלוכה, וואָלט איך זיך עס דערוווּסט איצט, אין עראָפּלאַן פון „אל־על", וואָס איז אייגנטלעך אַליין כמעט אַ רעגירונגס־אונטערנעמונג. פון אַלע זייטן הער איך קריטיקירן די ישראל־רעגירונג, זאָגן וויצן און שטעכווערטלעך אויפן חשבון פון דעם און יענעם מיניסטער, און עס זאָל דאָס איינער מורא האָבן, אַז אַ נישט־געוווּנטשטער אויער וועט אונטערהערן, אָדער אַז די „קנעפּלעך" פון עראָפּ־לאַן וועלן שפּעטער ראַפּאָרטירן צו זייער „נאַטשאַלסטווע". אַרום אַכציק פּראָצענט פון די פּאַסאַזשירן דאָ זענען ישראל־בירגער.

די מייסטע פון זיי זענען שליחים, וואָס פאָרן צוריק אַהיים פון אַמעריקע, אָדער פון אייראָפּע און לויט די רייד זייערע, איז מיר לייכט צו דערקענען, פאַר וועלכער פּאַרטיי יעדער פאָרט. אַלע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך די יונגע ייִדישע מדינה, קומען מיר דאָ אַנטקעגן שוין אין עראָפּלאַן, נאָך איידער איך שטעל מיין פוס אויף דער ישראל־ערד. איך האָב נישט געדאַרפט ערשט זיך נאָכפרעגן, כדי זיך צו דערוויסן, אַז דער יונגערמאַן מיט די דינע שוואַרצע וואָנ־צעלעך, וועלכער זאָגט, אַז בן־גוריון „צאַצקעט זיך" צופיל מיט די אַראַבער און

דערפאַר „קריכן זיי אונדז אויפן קאָפּ״, פּאַרט פון „חרות״, פּונקט ווי עס האָט זיך נישט געפּאָדערט ערשט צו זיין קיין נאָט פּינקערטאָן, כדי זיך אָנצושטויסן, אַז דער יונגערמאַן אַן די וואָנצעס און אַן אַ קראַוואַט, וואָס ווילצט זיך, אַז פאַר דעם ביסל ביינדלעך, וואָס אַמעריקע וואַרפט צו דער ישראל־רעגירונג, וועט זי צוריק־צאָלן דעם וואַשינגטאָנער שיילאָק מיט האַרמאַטן־פליייש, איז אַ שליח פון מפ״ם, אָדער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס אין תוך איז עס אייגנטלעך נישט קיין שטאַרקער אונטערשייד. אָדער אַז די רייזע פון דעם בני־ברקער ייִדן איז „אינשורט״ דורך אַן אָרטאָדאָקסישער קאַסע.

מערקווירדיק: קיין רעדנער פון מפּא״י איז אינגאַנצן אין עראָפּלאַן נישטאָ, וואָס דאָס פירט מיר אַרויף אויף דעם אומגלויבלעכן געדאַנק, אַז נישט די רעגי־רונג און נישט די מפּא״י שיקן אַרויס שליחים קיין אויסלאַנד...

אָבער איין פּאַרטיידיקער האָט דאָ בן־גוריון יאָ אין עראָפּלאַן, און דער איז גראָד נישט קיין שליח, און אַפילו נישט קיין מפּא״י, נאָר אַ רעליגיעזער ייִד, אַ סוחר, וואָס וווינט שוין צוואַנציק יאָר אין ישראל. זיין גרווילעך קורץ בערדל איז אַפילו אַ קאַפּיטשקעלע אונטערגעשוירן, אָבער עס זעט נאָך אויס געַנוג ייִדישלעך. דער ייִד האָט איינגעקויפט סחורה אין אַמעריקע און איצט פאָרט ער אַהיים. ער האָט אַ ביסל טענות הלמאי דער סוחר געניסט פון צו ווייניק „פרייהייט״ אין ישראל, אָבער אין אַלגעמיין איז ער צופרידן פון דער ייִדישער מדינה און פון דער רעגירונג.

— אַ ייִד פילט זיך פריי אין ישראל, זאָגט ער, אַזוי פריי ווי אין קיין שום אַנדער לאַנד אויף דער וועלט. אַ ייִד ווייס, אַז ער איז ביי זיך אין דער היים און דאָס איז ווערט דאָס גאַנצע געלט. ווו וואָלט איך איצט געווען, ווען איך וואָלט געבליבן אין פּוילן און ווו — ווייזט ער מיט די אויגן צו די שליחים, וואָס האָבן ערשט קריטיקירט — וואָלטן זיי געווען? ניין, איך האָב קיין טענות נישט און אויב איך וואָלט אַפילו יאָ געהאַט טענות, וואָלט איך באַלד חרטה געקראָגן, ווען איך וואָלט געהערט זייערע טענות. טאַקע ווייל זיי האָבן טענות, האָב איך נישט קיין טענות, וויש איך זיך אָפּ ס׳מויל...

ביי די לעצטע וואָלן, — דערציילט מיר דער ייִד, — האָט ער צום ערשטן מאָל געשטימט פאַר מפּא״י. פריִער פלעגט ער שטימען פאַר „מזרחי״, אָבער אַז ער האָט געזען ווי די „מזרחי״ לאָזט זיך פירן פון בן־גוריונען, האָט ער צו זיך געזאָגט: „איך האָב זיי געגעבן מיין שטימע, האָבן זיי זי אַוועקגעגעבן בן־גוריונען — קען איך דאָך זי אַליין אים אַוועקגעבן! איך האָב ליב צו האַנדלען מיט דער ערשטער קוועלע״...

צווישן די פּאַסאַזשירן געפינען זיך אַ חוץ מיר בלויז פיר אויסלענדישע ייִדן, טוריסטן, צוויי פון צפון־אַמעריקע, איינער פון דרום־אַמעריקע. זיי פאָרן צום ערשטן מאָל קיין ארץ־ישראל און זיי אַלע גיבן זיך האַסטיק אַ בייג־אויס צו די פענצטערלעך, ווען עס הערט זיך די שטימע דורכן הילכער, אַז אין צוואַנציק מינוט אַרום וועט דער עראָפּלאַן לאַנדען אין לוד. דאָס זענען היימישע ייִדן, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אַמאָל געלערנט אין חדר און איצט, ווען זיי קוקן אַרויס אין דער נאַכט אַריין, זוכן זיי דאָרט די ווייט־נאָענטע געשטאַלטן פון חומש. און אפשר זוכן זיי איצט דאָרט אויך די אייגענע יוגנט?...

איז דאָך יעדער פון זיי „דאָרטן" אַמאָל געווען אויף די פליגלען פון דער ייִנגלשער פאַנטאַזיע און אַריינגעפלאָכטן די אייגענע יונגע טריט אין די טריט פון קריגס־העלדן און פון די קעמלען, וואָס האָבן געשפּרייזט אויף די הייסע מדבר־זאַמדן.

די ייִדן־טוריסטן באַדויערן איצט, פאַרוואָס זיי פאָרן אַריין צום ערשטן מאָל אין ישראל מיט אַן עראָפּלאַן און נישט מיט קיין שיף. דאָרט איז נישטאָ ביים אָנקומען די פּלוצלינגקייט, וואָס ביי אַן עראָפּלאַן. די ברעגעס קומען דיר לאַנגזאַם אַנטקעגן און די ווייטע בערג שווימען ביסלעכוויז צו דיר אַרויס פון די נעפּלען. אויך די שטימונג איז דאָרט אַן אַנדערע. מען איז אַרומגערינגלט מיט ייִדן, וואָס קוקן פונקט ווי דו מיט ברייט־צעעפנטע אויגן צו די ווייטע האָריזאָנטן. דאָ, אָבער, זעסטו אין דרויסן בלויז שטיקער נאַכט און אינעווייניק — ניכטערע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען פאַרנומען מיט צונויפּנעמען זייערע פּעקלעך.

אויך איך זיץ צוגעשמידט מיט די אויגן צום עראָפּלאַן־פענצטערל. איך זע בלויז שוואַרצע נאַכט, אָבער איך הער פונדעסטוועגן נישט אויף צו קוקן. איך בין קיינמאָל קיין ציוניסט נישט געווען און אין פאַרלויף פון מיין גאַנץ באַוווּסטזיניק לעבן האָב איך דעם וועג צו ייִדישער גאולה פאַרזען בכלל אויפן וועג, וואָס פירט צו אַן אויסגעלייזטער וועלט. איך איצט ווייס איך, אַז אַן אַן אויסגעלייזטער וועלט וועט ייִדישע אויסלייזונג קיינמאָל קיין האָפט נישט האָבן. אָבער איך ווייס אויך, אַז די רעשטלעך פון מיין פאַרפייניקט פאָלק זענען געקומען צו די ברעגעס פון דער ייִדישער מדינה מיט דער האָפענונג צו געפינען דאָ, צווישן אייגענע, אַ ביסל מנוחה און פרייד.

פון דער ווייטנס זעען זיך שוואַכע פייערלעך פון לודער לופט־פעלד. נאָך עטלעכע מינוט און מיר פילן ווי די רעדער פון אונדזער עראָפּלאַן באַרירן לייכט די ערד.

מיר זענען אין ישראל.

לוד־תל־אביב

אַרומדרייענדיק זיך אויף דער פלי־סטאַנציע פון לוד, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז די ייִדישע מדינה איז שוין אַ סך עלטער ווי עס ווייזט דער קאַלענדאַר. די באַוועגונג אויפן וואָקזאַל, די האַלטונג פון די באַאַמטע און אויך די פּאַסאַזשירן זענען געווען נישט אַנדערש, ווי אויף די פלי־פּלעצער פון אַלטע, איינגעפונדע־וועטע מלוכות.

אַלץ האָט געקלאַפּט.

אַפילו די פּאָליציי האָט אין זיך נישט געהאַט מער קיין שום סימן פון נייקייט, פון אַמאַטאָרישקייט. אַזוי זענען אויס פּאָליציי־לייט אין אַלע דעמאָקראַטישע מלוכות — זיי בלאָזן זיך טאַקע נישט, זייערע בליקן און זייערע טריט שרייען אייך נישט אין אויער אַריין: „דרך־ארץ, די מאַכט גייט!" אָבער זיי זענען אויך נישט קיין נע־בעכלעך, זיי קענען זייער שטעטל באַשטיין, און אַז מען דאַרף זאָגן „ניין", קענען זיי עס זאָגן מיט אַזאַ קלאָרקייט און אַנטשלאָסנקייט, אַז דער צווייטער צד פאַר־שטייט באַלד, אַז עס איז נישט „יאָ" און אַפילו נישט „אפשר", נאָר ניין, בפירוש ניין . . .

טאַקע דאָ, אויפן פלי־פּלאַץ, דערציילט מען מיר, אַז אין אָנהייב האָבן ייִדן געפּרוּווט דעם ענין „ייִדישע פּאָליציי־לייט" נעמען אַ ביסל לייכטער. מען האָט געפּרוּווט אָפּדינגען. אַ גויִשן פּאָליציאַנט דאַרף מען טאַקע האָרכן, פאַרפאַלן, ס'איז דאָך עשיו, אָבער אַ ייִדן? — האָט מען נישט איינמאָל, ווען אַ ייִדישער פּאָליציאַנט האָט זיך „צוגעטשעפּעט", אים פשוט אויסגעלאַכט. ווער שמועסט נאָך, ווען דאָס „קנעפּל" איז געווען אַ ייִד, וועלכן מען האָט געקענט פון פריִער, איידער ער איז אַריין אין דעם פּאָליצייסקן מונדיר:

— גדליה, פאַרדריי נישט קיין קאָפּ...

— הער אויף צו פּראָוון שטיק...

אַ בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט

אַמאָל האָט מען אים נאָך גאַנץ האַרב אויסגעמוסרט:

— פּע, מעגסט זיך שעמען אין דיין ווייטן האַלדז אַריין, מעגסטו זיך...

אָבער יענע צייט איז שוין לאַנג אַוועק. יעדער ווייסט שוין אין ישראל, אַז אַ פּאַליציאַנט איז אַ פּאַליציאַנט. ער מעג אַפילו הייסן גדליה, אָדער תנחום, שפּילן זיך מיט אים דאַרף מען נישט. אַפּנים, אַז אויב מען האָט אַ ריכטיקע תפיסה, וווּהין אַפּצופירן אַ פאַרזינדיקטן, איז מען אַ ריכטיקער פּאַליציאַנט, מעג מען אַפילו האָבן נעכטן געווען אַ ישיבה־בחור. עס איז גאָר פּשוט אַ מאַכט־פראַגע.

אַז מען האָט די מאַכט — האָט מען זי...

אויך אין דער צאַל־קאַמער, ווו מען רעווידירט דעם באַגאַזש פון די אָנקומענדיקע פּאַסאַזשירן, קומט פּאָר אַלץ אַזוי ווי אין די צאַל־אַמטן פון די איינגעפּונדעוועטע מלוכות. דער באַאַמטער וואַרפט אַ בליק אויף מיינע אָפענע וואַליזעס, און גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, שטעלנדיק אַ צייכן, אַז די פּעקלעך מיינע זענען שוין רעווידירט. איך וואָלט געשווירן, אַז עס איז פּונקט דער זעלבער פּאַכמענישער בליק און פּונקט דער זעלבער מאַך מיט דער האַנט, ווי ביי זיין קאָלעגע אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, אין איטאַליע. זעט אויס, אַז עס דאַרף גאָרנישט לאַנג דויערן, אַז מענטשן פון דער זעלבער פּראָפעסיע זאָלן אָנהייבן נוצן די זעלבע באַוועגונגען.

איך האָב דאָס פעסטגעשטעלט נישט בלויז אין דער צאַל־קאַמער, נאָר אויך אין אַנדערע אָפיציעלע אַמטן און אינסטיטוציעס, וועלכע מיר איז שפּעטער אויסגעקומען צו באַזוכן אין ישראל. מען קען אין אַ יידישן אַמט לאַזן וואַרטן, ווי ביי לייטן, אויסהערן ווי ביי לייטן, הייסן ברענגען נאָך פּאַפּירלעך און אויך אָפּזאָגן ווי ביי לייטן... אַפילו אין דער כנסת (פּאַרלאַמענט) האָב איך מאָמענטנווייז געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך בין אין איינעם פון די אייראָפּעיִשע פּאַרלאַמענטן, וועלכע זענען מיר ספּעציעל גוט באַקאַנט. די דעפּוטאַטן קענען נישט נאָר די קונסט פון רעדן, נאָר אויך די קונסט פון לייענען ציטונגען און פּאַפּירן, ווען אַ צווייטער רעדט. און וואָס שייך די מיניסטאָרן, האָבן זיי זיך אַזוי איינגעאַרבעט אין „מיניסטאָרישן" פאַך, אַז איך האָב אָנגעהויבן צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון דער פאַרזיכערונג פון דעם ערשטן יידישן פּאָסט־מיניסטער, אַז זיין זיידע איז קיין פּאָסט־מיניסטער נישט געווען...

זיי קענען אַלע מלוכהשע שטיק פּונקט אַזוי ווי די גוים. אַפילו די מינדלעכע ענטפערס פון די מיניסטאָרן אויף די פאַרשיידענע אינטערפּעלאַציעס פון די דעפּוטאַטן האָבן געקלונגען אין מיינע אויערן גענוי אַזוי, ווי די ענטפערס פון די איינגעפּונדעוועטע, נישט־יידישע מיניסטאָרן, וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען

פיל מאָל צו הערן — די זעלבע געמאָסטענע ווערטער, איינגעפּאַקט אין דער זעלבער אָפיציעלער וואַטע...

מיט איין וואָרט — טאַקע אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: ככל הגויים — ווי אַלע פעלקער.

וואָס שייך דער צאַל־רעוויזע, האָב איך זיך אַפילו באַלד איבערצייגט, אַז זיי גייען נאָך ווייטער: זיי מאַכן עס נאָך בעסער ווי די גויִים.

נישט איינער פון די אָנקומענדיקע פּאַסאַזשירן האָט זיך טאַקע דערויף פאַר מיר באַקלאָגט.

— וואָס ווייסט איר וואָס זיי זענען? — זאָגט צו מיר שטיל אַן ארץ־ישראל־ייִד, וועלכער איז צוזאַמען מיט מיר געפאָרן אין עראָפּלאַן, ווייזנדיק פון דער ווייטנס מיטן פינגער אויף די צאָל־באַאַמטע — זיי קענען אייך נאָך הייסן צאָלן פאַר די הויזן, וואָס איר טראָגט אויף זיך, באַרעכענענדיק דעם פּרייז פינף מאָל אַזוי פיל וויפל איר האָט פאַר זיי באַצאָלט נייערהייט. און ערשט נאָכדעם וועלן זיי אייך די הויזן נישט צוריקגעבן.

— איר טרייבט איבער — האָב איך אים געפּרוּווט באַרויִקן — זיי זענען אַזוי ווי די צאָל־באַאַמטע אויף דער גאַנצער וועלט. זיי טוען וואָס זיי דאַרפן טאָן. די אויפגאַבע פון אַסטראָנאָמען איז צו קוקן אין הימל אַריין און די אויפגאַבע פון צאָל־באַאַמטע איז צו קוקן אין וואַליזעס.

— אייך איז גרינג זיך צו וויצלען — האָט דער ייִד זיך נישט געוואָלט באַרויִקן — איר זענט אַ טוריסט און דערצו נאָך אַן אַמעריקאַנער און צו דעם נאָך — אַ צייטונגס־שרייבער. איר זענט אַ ייִד מיט דריי קרוינען. פּרוּווט, אָבער, דאָ זיין אַ פּשוטער ארץ־ישראל־ייִד, אַזוי ווי איך, וועט איר דעמאָלט זען וואָס זיי זענען... זיי זענען ערגער ווי די גויִים.

דער ייִד איז נישט געווען גערעכט. ערגער ווי די גויִים זענען זיי נישט. זיי זענען נאָר, ווען עס האַנדלט זיך וועגן ייִדישע פעקלעך, אַמאָל גענייטער ווי זייערע גויאישע פאַך־קאָלעגן. זיי קענען זיך בעסער אָנשטויסן, וואָס אַ ייִדן קען אַמאָל איינפאַלן.

דאָרטן ,ווו יענעם, דעם נישט־ייִדישן צאָל־באַאַמטן, וועט אפשר נישט איינפאַלן צו זוכן, וועט אַ ייִדישער צאָל־באַאַמטער יאָ פּרוּוון אַ זוך טאָן.

און ער וועט טאַקע געפינען.

נעמט, אַ שטייגער, מיין „פּשוטן ייִדן״ (ער איז גאָרנישט געווען אַזוי „פּשוט״ — ער איז געווען אַ שליח, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון אַמעריקע). ווען דער צאָל־באַאַמטער איז צוגעגאַנגען צו יענעמס וואַליזעס, האָט ער אין איינער געגעבן

בלויז אַן אויבערפלעכלעכן קוק אַריין און באַלד אויף איר געשטעלט אַ סימן, אַז זי איז שוין רעווידירט. דער ייִד האָט דווקא געוואָלט אַלץ פּאַנאַנדערפּאַקן, און ווייזן, אַז ער האָט בלויז כשרע זאַכן. דער באַאַמטער האָט אָבער געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז „מען דאַרף נישט". דערפֿאַר האָט ער דעם ייִדן געהייסן פּאַנאַנדערפּאַקן אַ צווייטע וואַליזע, וואָס יענער האָט, זעט אויס, גראָד געוואָלט, אַז זי זאָל זיך נישט צופֿיל וואַרפֿן אין די אויגן. דער באַאַמ־טער איז אַהין אַריין מיט ביידע הענט און געשלעפּט פֿון דאָרט און געשלעפּט און עס האָט אַלץ נישט גענומען קיין סוף.

ערשט נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו אַ דריטער וואַליזע, אַלץ פֿון דעם זעלבן ייִדן, און צו אַ גרויסער טעקע זיינער, און אויך פֿון יענע קוואַלן האָט ער לאַנג געשעפּט. ווען ער האָט געענדיקט, ווייס איך נישט, ווייל ווען איך האָב פֿאַרלאָזט דעם וואָקזאַל, שוין נאָכדעם ווי איך האָב דאָרט אין רעסטאָראַן פֿאַר־בראַכט מיט פֿריינט איבער אַ שעה צייט, איז דאָס „שעפּן" נאָך נישט געווען גע־ענדיקט, נישט ביי דעם ייִדן און נישט ביי אַ מנין אַנדערע ייִדן. אויף די טישן זענען געלעגן צענדליקער זאַכן, פֿון בערג מיט ניילאָן־זאָקן ביז פּעק מיט ניילאָן־קאָרטן, און די באַאַמטע זענען געשטאַנען אַרום און געשעפּט און געשריבן. איך האָב אין דער לעצטער מינוט נאָך געפֿרעגט מיין „פּשוטן ייִדן", וואָס עס הערט זיך, אויף וואָס ער האָט מיר אַ צעפּלאַמטער געענטפֿערט צוויי ווערטער:

— זיי שעכטן...

פֿאָרנדיק אין שטאָט אַריין, האָבן מיר מיינע פֿריינט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אין וואָס עס באַשטייט דער טעות פֿון יענעם „פּשוטן ייִדן" מיינעם און אויך פֿון די איבעריקע ייִדן, וועלכע מען האָט „אָפּגעשאָכטן" אין דער צאָל־קאַמער.

זייער טעות באַשטייט דערין, וואָס זיי ווילן בשום אופֿן נישט שלום מאַכן מיטן פֿאַקט, אַז ייִדישע באַאַמטע האָבן אויך ייִדישע קעפּ. ייִדן צאָלן זייער טייער פֿאַר דעם טעות און אויך דאָס לאַנד צאָלט דערפֿאַר. אַ סך טריפֿהנע געשעפֿטן, סיי מיט שטייערן, סיי מיט וואַלוטע, סיי מיט שמוגל, זענען, אַ חוץ אויף אַנדערע, מער־אָרגאַנישע אומגליקן, אויך געבויט אויף דעם דאָזיקן טעות. גיב זיי ייִדישע באַ־אַמטע מיט גויאישע קעפּ, גיב זיי.

***

תל־אביב האָט מיך אָנגענעם איבערראַשט. איך האָב זיך אָנגעהערט אַזוי פֿיל שלעכטס וועגן תל־אביב, אַז מיר זענען דאָרט געפֿעלן געוואָרן אַפֿילו אַזעלכע

זאַכן, וואָס וואָלטן אין אַנדערע באַדינגונגען ביי מיר קיין ספּעציעלע אויפמערק־זאַמקייט נישט געצויגן.

מיר איז קודם כל געפעלן געוואָרן די פרישקייט, וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף דער דאָזיקער האַלב־מיליאָן־קעפּיקער שטאָט, וואָס איז נאָך קיין פופציק יאָר נישט אַלט. די געשיכטע האָט אָפּטמאָל ליב פּאַראַדאָקסן, און אייגער פון אירע פּאַראַ־דאָקסן איז דאָס, וואָס די יינגסטע שטאָט אויף דער וועלט איז די פאַקטישע רעזי־דענץ פון דער מדינה פון עלטסטן פאָלק אויף דער וועלט.

נאָכן אָפּזיצן עטלעכע וואָכן אין פּאַריז, ווו איך האָב געקענט פאָרן לאַנגע מיילן און נישט זען קיין איין נייַ הויז, איז תל־אביב געווען פאַר מיר אַ געגאַרטע אָפּוועקסלונג. דאָס בילד פון גאַנצע גאַסן מיט נייַע, ווייסע הייזער, מיט רונדיקע טעראַסן, וואָס זעען אויס ווי צעעפנטע פעכערס, מוז פאַרכאַפּן די אויגן פון יעדן ניי־געקומענעם, אויב... אויב נאָר ער דאַרף זיי נישט באַלד באַנוצן אויף צו זוכן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ ביסל עסן.

פאַרקערט, אַזאַ איינעם קען גיכער די דאָזיקע פרישקייט און שיינקייט דענער־ווירן, ווייל אויף איר זעט זיך נאָך שטאַרקער אָן דאָס אייגענע פינצטערע לעבן. איך האָב אָבער נישט געהערט צו די דאָזיקע ניי־געקומענע. איך האָב דערפאַר געקענט ביים אָנקומען הנאה האָבן פון דער יונגער שיינקייט פון תל־אביב, פון דער גרינקייט און ריינקייט פון אירע גאַסן און סקווערן, פון איר קולטורעלן, אייראָפּעיִשן כאַראַקטער, און אויך פון די אָריענטאַלישע חן־פינטעלעך, וואָס זי האָט אויף איר פּנים.

דערצו נאָך איז עס געווען די שענסטע צייט פון יאָר — פרילינג — דער אמתער „טוריסטן־וועטער", ווי מען רופט עס דאָרטן, ווען די זון באַשיינט די גרינקייט און ווייסקייט פון תל־אביב, אָבער זי מאַטערט נישט די מענטשן. די ווינטלעך, וואָס קומען פון ים און סקווערן, זאַפּן אויפן וועג איין אין זיך די ריחות פון קאַלך און סמאָלע פון די נייַע געביידעס, וואָס האַלטן זיך אומעטום אין בויען, און גיבן צו דעם פרילינג אַ מער־מונטערן אויסזען.

אָבער מיר איז נישט געווען לאַנג באַשערט צו געניסן פון דער פּאָעזיע פון תל־אביב. עס איז באַלד געקומען די פּראָזע פון תל־אָביב. שוין אין ערשטן טאָג פון מיין זיין אין ישראל, האָב איך זי, די פּראָזע, באַגעגנט אויף דער צענטראַלער אויטאָבוסן־סטאַנציע, אין האַרץ פון תל־אָביב.

וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

אַ שפּאַציר איבער תל־אביב

איך שפּאַציר איבער די גאַסן פון תל־אביב. פאַר די אויגן וויקלט זיך פאַנאַנדער אַ בילד פון אַ לעבעדיקער מאָדערנער שטאָט, וואָס איז נישט צו גרויס, איר זאָלט זיך דאָרט פילן פאַרלוירן און אויך נישט צו קליין, איר זאָלט זיך דאָרט לאַנגווייליקן. די מענטשן, וואָס קומען אייך אַנטקעגן, זענען אָנגעטאָן איינפאַך, אָבער אָנשטענדיק און אויך זייער אויסזען שיידט זיך נישט אונטער פון אויסזען פון די דורכגייער, וואָס איר באַגעגנט אויף די שטאָטישע גאַסן פון אייראָפּע און אַמעריקע. דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערן וועגן די קינדער. דער געזונטער קאָליר פון זייערע פּנימער פירט אייך אַרויף אויפן געדאַנק, אַז דער שפּייז־מאַנגל איז דאָ נישט אַזוי שאַרף, ווי ער ווערט געשילדערט אין די אַמעריקאַנער צייטונגען און אין די ישראלדיקע בריוו צו די קרובים אין אַמעריקע. פון יעדן קינדער־וועגעלע קוקט צו אייך אַרויס אַ לעבעדיקע הכחשה אויף די ידיעות וועגן „הונגער אין ישראל“.

אויך די שפּייז־רייען, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן אין די ערשטע יאָרן פון ישראלס זעלבסטשטענדיקייט, זענען מער נישט צו זען אויף די תל־אביבער גאַסן. איך גיי־פאַרביי פאַר אָפענע שפּייז־קראָמען און אויך פאַר מאַרק־פּלעצער, איך זע קונים גייען און קומען, אָבער קיין געדראַנג זע איך דאָרט נישט.

איך האָב שוין באַוויזן זיך צו דערוויסן, אַז דאָס איז נישט בלויז דערפאַר, וואָס די רעגירונג האָט אָפּגעשאַפט די „פּונקטן“ אויף די מייסטע שפּייז־פּראָדוקטן, און וואָס עס איז לעצטנס געווען אַ גרויס גערעטעניש אויף אַלערליי גרינצייג, נאָר אויך דערפאַר וואָס עס הערשט אַן ערנסטע אַרבעסטלאָזיקייט אין דער אינדוסטריע. אַנשטאָט וואָס ביז איצט האָט די רעגירונג יעדן צוגעטיילט גאָר ווייניק פּראָדוקטן, אָבער צו ביליקע פּרייזן, האָט איצט יעדער אַ רעכט צו קויפן פּראָדוקטן וויפל ער וויל צו פרייע, עס הייסט, צו טייערע פּרייזן. כדי פריי אויסצונוצן די דאָזיקע רעכט,

דאַרף מען „בלויז" אויך זיין פריי אין געלט... אָבער נאָר אַ קליינע מינדערהייט פון די פרייע ישראל־בירגער פאַרמאָגן אויך די דאָזיקע פרייהייט. קויפט מען דעריבער ווייניקער. די שפּייז־באַגרענעצונגען קומען טאַקע מער נישט אַלס באַפעל פון דער רעגירונג, זיי קומען אָבער, ווי אַ באַפעל פון דער אייגענער אָרעמער קעשענע.

דער צווייטער באַפעל איז אַ סך שטרענגער ווי דער ערשטער. אים היט מען מער אָפּ. אים קען מען נישט „אַרומגיין". ער האָט אָבער אַ גרויסע מעלה, ספּעציעל פאַר טוריסטן — ער באַפלעקט נישט דעם אויסזען פון די שיינע גאַסן פון שטאָט. איז טאַקע איצט אַ שפּאַציר איבערן שטאָט־צענטער פון תל־אביב אַ סך אָנגענעמער, ווי דעמאָלט, ווען מען האָט דאָרט באַגעגנט לאַנגע שפּייז־רייען. דער בליק פאַרהאַלט זיך ביי ברייטע, ליכטיקע אויסשטעלונגס־פענצטער, וואָס וואָלטן זיך נישט געהאַט צו פאַרשעמען פאַר ניו־יאָרקער פינפטער עוועניו; ביי ביכער־געשעפטן, וווּ איר קענט טרעפן אויך די נייסטע ענגלישע ביכער; ביי ברייטע טעראַסעס פון גרויס־שטאָטישע קאַפע־הייזער, וועלכע זענען אויך אין מיטן טאָג גאַנץ גוט באַזוכט; ביי מאָדערנע געביידעס פון טעאַטערס און קולטור־אינסטיטו־ציעס; ביי ציכטיקע בלומען־געשעפטן, וואָס זייער גרויסע צאָל זאָגט עדות, אַז בלומען ווערן דאָ נישט באַטראַכט פאַר קיין לוקסוס־אַרטיקל.

פאַראַן טוריסטן, וואָס אויף זייער ערשטן שפּאַציר איבער תל־אביב, זעען זיי פריִער פון אַלץ די נעמען פון די גאַסן. יעדע מינוט גיבן זיי זיך אַ שטעל אָוועק ביי אַ שמאָל גאַסן־שילדל און לייענען מיט גרויס התפּעלות דאָרט איבער אין העבּ־רעיִש אַ גרויסן נאָמען, וואָס איז אַרויסגענומען פון תנ"ך, אָדער פון אונדזערע נייע ספרים און געשיכטע־בלעטער: רש"י, בן־יהודה, שלמה המלך, דוד פרישמאַן, פּרוג, סאָקאָלאָוו, גאָרדאָן. איך האָב צו די דאָזיקע טוריסטן נישט געהערט. נעמען פון גאַסן זאָגן מיר גאַנץ ווייניק, מעגן זיי, די נעמען, זיין ווי גרויס און הייליק. אפשר איז עס דערפאַר, ווייל איך האָב אין מיין לעבן שוין געזען פיל שיינע שילדן איבער פּוסטע קראָמען און אַזוי פיל ליכטיקע נעמען איבער טונקעלע גאַסן.

אָבער אויך איך בין אויף די גאַסן פון תל־אביב נתפּעל געוואָרן פון ייִדישע נעמען, אָבער נישט פון די, וואָס זענען געשטאַנען אויף די גאַסן־שילדלעך, נאָר פון די, וואָס זענען געגאַנגען אויף די טראָטואַרן.

דאָס איז ווירקלעך געווען פאַר מיר די גרעסטע און אָנגענעמסטע איבער־ראַשונג אין תל־אביב און בכלל אין ישראל: די גרויסע צאָל לעבעדיקע פריינט און באַקאַנטע פון אַמאָליקן פּוילן, וועלכע איך האָב דאָרט באַגעגנט אויף שריט און טריט. נישט געווען בוכשטעבלעך קיין גאַס, קיין קאַפע־הויז אָדער עפנטלעכע

אינסטיטוציע אין תּל־אָביב, איך זאָל דאָרט נישט טרעפן אַ באַקאַנטן ייִדן פון פּוילן. נאָך איידער איך האָב באַוויזן אויפצוהייבן די אויגן און אָנצוקוקן דאָס היימישע פּנים, האָב איך שוין געפילט אויף זיך די וואַרעמע בליקן פון אַן אייגענעם און שוין געהערט מיין נאָמען פון יענעמס מויל:

— איר זענט דאָך?...

— אַ... און איר?...

און שוין דערפילט מען, אַז מען האָט אין גרויסן מבול פונדעסטוועגן אַ ביסל ווייניקער פאַרלוירן וויפל מען האָט געמיינט. נאָך געבליבן, צום גליק, אַ ביסל אייגענע, וואָס זענען אימשטאַנד אייך צו מאַכן נאָענט און היימיש יעדע גאַס און יעדע שטאָט ווו איר זאָלט זיי נישט טרעפן.

פאַראַן צווישן זיי פריינט, קאָלעגן, נאָענטע באַקאַנטע, ווייטע באַקאַנטע און אויך אַזעלכע, וואָס מען האָט נאָר איין מאָל באַגעגנט ערגעץ אין אַ שטעטל אויף אַ לעקציע, אָדער גאָר אויף אַ וואַרשעווער, לאָדזשער, צי לובלינער גאַס און די דאָזיקע איין מאָליקע באַגעגעניש האָט איבערגעלאָזט אין אַ ווינקל פון האַרצן עפּעס אַ קליין פינטעלע, וואָס האָט איצט, נאָך יאָרן, זיך אַ צאַפּל געטון אין מיטן גאַס פון תּל־אָביב.

איך האָב אין אַמעריקע אין פאַרלויף פון דרייצן יאָר נישט באַגעגנט אַזוי פיל באַקאַנטע פון פּוילן, ווי איך האָב אין פאַרלויף פון דריי וואָכן באַגעגנט אין ישׂראל. קיין אַמעריקע זענען אָריינגעקומען מער פּוילישע ייִדן ווי קיין ישׂראל, אָבער אין גרויסן אַמעריקאַנער ים איז זיי שווערער צו באַגעגענען, ווי אין דעם ישׂראלדיקן טייכל. אין תּל־אָביב וואַרפן זיי זיך מער אין די אויגן ווי אין ניו־יאָרק. אַ חוץ דעם האַלט זיך דאָרט אויף לענגער דער היימישער קאָליר. נישט איינמאָל האָב איך ביי אַזאַ באַגעגעניש געטראַכט, אַז אויב איך וואָלט נישט געהאַט קיין אַנדערע אורזאַכן אויף נישט צו סימפּאַטיזירן מיט דער תּורה פון די שיסער פון בעיגוּנס „חרות", וואָלט פאַר מיר גענוג געווען דאָס, וואָס זיי ווילן דווקא אַ ייִדישע מדינה אויףביידע זייטן ירדן. איך דאַרף נישט, אַז ישׂראל זאָל פאַרכאַפּן נייע טעריטאָ־ריעס. פאַר מיר איז בעסער, אַז מיינע פריינט און באַקאַנטע זענען קאָנצענטרירט אויף אַ קלענערן שטח, אַזוי אַז עס איז מיר לייכטער זיי צו טרעפן. איך האָב נישט קיין חשק צו דאַרפן גיין זוכן באַקאַנטע אַזש אויף יענער זייט ירדן.

* * *

אָבער די גרעסטע איבערראַשונג האָב איך איבערגעלעבט אויף דער צענט־ראַלער אויטאָבוסן־סטאַנציע (תחנה מרכזית) אין תּל־אָביב. אַזוי פיל באַקאַנטע,

ב. שעפּנער

וויפל איך האָב דאָרט מיט איינמאָל געטראָפן, האָב איך נאָך אין ערגעץ, אַפילו אין ישׂראל, אויף איין אָרט נישט באַגעגנט.

עס איז געווען אַרום פינף נאָכמיטיק, ווען מיין קוזין, אַ דאָקטער פון „קופּת חולים" (קראַנקן־קאַסע) האָט מיך צוגעפירט צו דער אויטאָבוסן־סטאַנציע אויף נחלת בנימין, כדי צו נעמען מיך אויף מיטיק צו זיך אַהיים אין נס־ציונה, אַ דריי פערטל שעה רייזע פון תל־אביב.

דער גרויסער פּלאַץ איז געווען פאַרפּלייצט מיט זון און מיט מענטשן. ווי עס זעט אויס האָט די זון אין פאַרלויף פון טאָג באַוויזן זיך שטאַרק צו צעוואַרעמען און איצט טאַקע האָט זי דאָס מיר „איינגערוימט" אין דער פּלייצע. אויך אַנדערע האָט זי דאָ דערציילט דעם זעלבן סוד. איך האָב עס דערקענט לויט זייערע פאַר־שוויצטע פּנימער. אָבער נאָך מער ווי דער עולם איז דאָ געווען פאַרשוויצט, איז ער קענטיק, געווען אומצופרידן, אויפגערעגט.

— אויף וועמען איז מען עס אַזוי אויפגערעגט? — האָב איך געפרעגט אַ ייִדן, נאָך איידער איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט אין דער רייע.

— איר ווייסט נישט? — האָט ער מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרחידושטן בליק

— איז אַ סימן, אַז איר זענט דאָ צום ערשטן מאָל. מען איז אויפגערעגט אויף די גראַפן. אָבער עס וועט סיי־ווי נישט העלפן. זיי פייפן אויף אַלעמען.

דער ייִד האָט באַלד געשטילט מיינע נייגיר און מיר דערציילט ווער עס זענען „די גראַפן". אַזוי רופט ער די שאָפערן, וואָס זענען גלייכצייטיק די באַלע־באַטים פון די אויטאָבוסן. זיי אַלע בילדן צוזאַמען אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס איז פּאַק־טיש אַ מאָנאָפּאָל. זיי זענען די אַריסטאָקראַטן פון צווישן די אַרבעטער. אויך די מיטגלידער פון אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען ביי דער „הסתדרות" פאַרדינען אַ סך מער ווי די בעסט־קוואַליפיצירטע לוין־אַרבעטער, אָבער די שאָ־פערן שטייגן אַלעמען איבער. זיי געניסן אַממייסטן פון דעם שטאַרקן וווּקס פון דער באַפעלקערונג. זיי געפינען זיך אויפן סאַמע שפּיץ פון דער פּיראַמידע. ווען דער האַנדלס־מיניסטער, — האָט מיר ווייטער דערציילט דער ייִד, — האָט זיי בעת די לעצטע אונטערהאַנדלונגען פאַרגעלייגט זיי זאָלן זיך באַנוגענען מיט אַ פּענסיע פון אַ מיניסטער, האָבן זיי זיך געפילט באַליידיקט. פאַרשטייט זיך, אַז די שאָפערן זענען נישט פאַראינטערעסירט צו פאַרגרעסערן די צאָל אויטאָבוסן. די אַלע, וואָס דאַרפן פאָרן, פאָרן דאָך סיי־ווי־סיי. זיי האָבן דאָך קיין ברירה נישט. וואַרטן זיי אַ ביסל לענגער אויף אַן אויטאָבוס און פאָרן אַ ביסל ווייניקער באַקוועם. איז וואָס איז דער אומגליק? אַבי דו ביסט ביי זיך אין דער אייגענער מדינה. איז צו וואָס אומזיסט אַרויסוואַרפן געלט אויף צו קויפן נייע אויטאָבוסן?

דער ייִד האָט מיר נאָך געוואָלט דערציילן איינצלהייטן וועגן לעבן פון די „גראַפן”, אָבער איך האָב אים געדאַנקט, ווייל איך האָב געוואָלט וואָס פריִער פאַר־כאַפּן אַן אָרט אין דער רייע, וועלכע איז גיך געוואָקסן. אָבער איך האָב נאָך רעכט נישט באַוויזן זיך אָוועקצושטעלן אין דער רייע, ווי פון אַלע זייטן האָב איך דער־הערט אָנרופן מיין נאָמען און געזען ווי עס שטרעקן זיך צו מיר הענט.

איין ייִד איז פון באָווידוואָר, אַ צווייטער פון מלאַווע, אַ דריטער פון טאַרנאָוו, אַ פערטער פון לובלין, אַ פינפטער פון סאָכאַטשעוו, אַ זעקסטער... אַ זיבעטער... אַ צענטער... עס איז מיר גיך קלאָר געוואָרן פאַרוואָס גראָד דאָ אויף דער אויטאָבוסן־סטאַנציע, האָב איך געטראָפן מער באַקאַנטע, ווי אויף וועלכן עס איז אַנדער פלאַץ. דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָ זענען געווען פאַרזאַמלט אַממייסטן ניי־געקו־מענע, אָדער ווי מען רופט זיי „עולים חדשים”, וואָס האָבן נישט קיין דירות אין תל־אביב. זיי מוזן דעריבער אין אָוונט נאָכן אָפּאַרבעטן אַ גאַנצן טאָג אין תל־אביב, אָדער אַרומלויפן דאָרט זוכן אַרבעט, נעמען דעם הינטערשטאַטישן אויטאָ־בוס און פאָרן אין אימיגראַנטן־לאַגער, אָדער אין דעם אָרעמען דירהלע וואָס מען האָט ערגעץ באַקומען.

וואָס מאַכן ייִדן? ווי פילט מען זיך אין לאַנד? — פרעג איך.

כמעט אַלע ענטפערס זענען געווען טרויעריקע, פאַרביטערטע. עס איז נישט גוט, עס איז ערגער, ווי מען האָט זיך פאַרגעשטעלט. אָדער מען האָט אינגאַנצן נישט קיין אַרבעט, אָדער מען האָט אַ ביסל אַרבעט, וואָס גיט נישט קיין מעגלעכ־קייט צו שפּייזן אַפילו בדוחק די אייגענע משפּחה; אָדער מען האָט יאָ אַרבעט, מען פאַרדינט ווי עס איז אויפן „מילכיקן לעבן”, אָבער וועגן אָפּשפּאָרן אויף אַ דירה קען מען אַפילו נישט טראַכטן. פון וואָס? אַ דירה שמעקט מיט טויזנטער! איז ווי אַזוי קען מען אַמאָל האָפן צוצוקומען צו איר? פריִער וועט משיח קומען. „דער אמתער משיח” — גיט צו דער באָווידוואָרער ייִד, וואָס געהערט צו די, וואָס אַרבעטן דערווייל פולע וואָכן. אמת נישט ביי זיין פאַך. אין דער היים איז ער גע־ווען אַ שניידער, אָבער דאָ איז ער אַ מויערער. ער האָט זיך, — דערציילט ער מיר, — גיך אַרומגעזען, אַז דאָ וועט ער מיט זיין פאַך ווייט נישט דערגיין, דאָ איז צו וואָרעם פאַר שניידעריי, מען גייט דאָ אַרום כמעט אַ גאַנץ יאָר אין אַ העמד און אין אַ פּאָר קורצע הייזקעס. איז ער אָוועק צו בוי־אַרבעט. ער בויט דירות פאַר אַנדערע, אַזוי ווי עס שטייט, — זאָגט ער, — אין מאַריס ראָזענפעלדס ליד...

בלויז איין ייִד דאָ, אַ רומענישער, אויך אַ געוועזענער שניידער און אַ איצ־טיקער בוי־אַרבעטער, האָט געזאָגט, אַז אים איז גוט. ער איז שטאַרק צופרידן. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז שוין אין לאַנד אַכצן יאָר.

ב. שעפנער

דער ייִד פון מלאַווע איז אין דער היים געווען אַ סוחר. דאָ איז ער אויך אין דער בוי־בראַנזשע. ער לייגט פּאַדלאָגעס. היינט האָט ער גראָד נישט געאַרבעט, ער איז אַריינגעפאַרן אין שטאָט מיט זיין קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר זיבן, וועלכע ער האַלט ביי דער האַנט. ער איז געווען אין „קופּת חולים". מען דאַרף דעם קינד אויסשניידן די מאַנדלען. האָט מען געהייסן קומען אין פינף מאָנאַטן אַרום.

— וועט דערוויל נאָך אַ ביסל אָנוואַקסן — מישט זיך אַריין אַ ייִד פון טשענסטאָכאָוו, אַ שלאָסער פון פאַך — וועט זיך מער לוינען צו שניידן.

דער דאָזיקער ייִד פאַרמאָגט אַ שאַרפע צונג, וועלכע ער באַנוצט מער ווי יעדער אַנדערער דאָ. אַלץ האָט ער מיר דערציילט, אָבער איך האָב ביי אים בשום־אופן נישט געקענט אַרויסקריגן ווי לאַנג ער איז אין לאַנד. ווען איך האָב אים געשטעלט די דאָזיקע פראַגע, האָט ער געענטפערט:

— צו לאַנג...

— איך מיין, ווען זענט איר געקומען? — האָב איך געפּרוּווט צוגיין פון אַן אַנדער זייט.

— הלוואי וואָלט איך אינגאַנצן נישט געקומען — האָט ער געענטפערט.

— אָבער וויפל יאָר זענט איר שוין דאָ? — האָב איך אַלץ געהאָפט אים צו בייגן.

— יעדער טאָג איז אַ יאָר

מייסטנס ניי־געקומענע האָבן זיך באַקלאָגט פאַר מיר אויף דער גלייכגילטיקייט פון „זיי", (פון די אַלטגעזעסענע, פון די „ותיקים"), צו די ליידן פון „אונדז" (פון די נייע עולים). ווען איך האָב געפּרוּווט זאָגן, אַז זיי זענען אפשר אַ ביסל צופיל פאַרביטערט, און אַז זיי זעען אפשר זאַכן צו שוואַרצן, ווייל אָט האָט מען דאָך פונדעסטוועגן פון קנאַפּע דריי פערטל מיליאָן ניי־געקומענע שוין איינגעאָרדנט אַ האַלבן מיליאָן, האָט מען מיר פון אַלע זייטן גענומען מאַכן פאַרוווּרפן:

— איר אויך? איך האָבן זיי שוין אויך פאַרבלענדט די אויגן?

— איך האָבן זיי שוין אויך געמאַכט פאַר אַן אַמעריקאַנער טוריסט?

— איך גלייבט אויך זייער סטאַטיסטיק? דאָרט, אין דער סטאַטיסטיק, געהערן מיר דאָך אויך צו די „איינגעאָרדנטע"?

דערוויל איז אַוועק אַ שעה מיט צען מינוט און עס איז ענלעך אָנגעקומען מיין אויטאָבוס קיין נס־ציונה. אָבער אונדזער שמועס האָט זיך נישט געענדיקט. ער האָט זיך בלויז איבערגעטראָגן אינעווייניק, אין פול־געפּאַקטן אויטאָבוס. דער שלאָסער פון טשענסטאָכאָוו האָט דערביי אויסגענוצט די געלעגנהייט כדי מיר

אין אויטאָבוס צו דערציילן אַ נייעם וויץ אויף דער אַלטער טעמע — דער מאַנגל אין קעגנזייטיקער פריינטלעכקייט אין העפלעכקייט אין ישראל.

— גיט אַ קוק — וויזט ער מיר מיטן פינגער אויפן עולם — וויפל עלטערע מענטשן עס שטייען אויף די פיס און וויפל יונגע לייט עס זיצן? עס זאָל דאָס איינעם פון זיי איינפאַלן זיך אויפצושטעלן און אָפּגעבן אַן עלטערן זיין פּלאַץ! — דאָס וועט איר מיט אייערע אייגענע אויגן ביי אונדז נישט זען. מען דערציילט, אַז איינמאָל האָט זיך ביי אונדז אין אויטאָבוס אַזאַ זאַך יאָ געטראָפן. אַ בחור, אַ סאַברע, האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַרגעלייגט אַן עלטערע פרוי זיין פּלאַץ. אָבער אַנשטאָט זיך אַוועקצוזעצן איז די פרוי גאָר געפאַלן אין חלשות. אַזוי איבערראַשט איז זי געווען פון דעם פאַרשלאַג... שפּעטער ווען מען האָט די פרוי אָפּגעמונטערט, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם פרייען פּלאַץ און דעם יונגנמאַן געדאַנקט. דעמאָלט איז פון איבערראַשונג דער יונגערמאַן געפאַלן אין חלשות...

איך זאָג דעם ייִדן, אַז דער וויץ איז אַ גוטער, אָבער מען וואָלט אים לייכט אויך געקענט צופּאַסן צו די ניו־יאָרקער אויטאָבוסן און סאָבווייס. אויך דאָרט וועט איר זעלטן זען, אַז אַ יונגערמאַן זאָל אָפּגעבן זיין פּלאַץ אַן עלטערן מענטשן. דער ייִד שמייכלט מיט אומצופרידנקייט, טראַכטנדיק זיך, מסתמא, אַז דאָס דערצייל איך, כדי „זיי" צו פאַרטיידיקן.

זיי — די „ותיקים".

נאָך דעם זעלביקן אָוונט איז מיר אויסגעקומען זיך צוצוהערן צו אַ דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט ביידע צדדים: „זיי", די אַלט־געזעסענע, און „מיר" — די נייע עולים.

וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

צווי קלאַסן: „עולים חדשים“ און „ותיקים“

ישראל איז אַן אָרעם לאַנד, איר פעלט אַ סך זאַכן, וואָס אַנדערע לענדער האָבן, אָבער איין זאַך פאַרמאָגט זי מער ווי אַ סך אַנדערע לענדער — קאָלירן. דעם אויג ווערט דאָרט קיינמאָל נישט לאַנגווייליק. די פעלדער זענען פול מיט קאָלירן און אַפילו די הייסע זאַמדן פון נגב זענען נישט פון איין פאַרב.

אָבער נאָך מער קאָלירן ווי עס פאַרמאָגט אין ישראל די נאַטור, פאַרמאָגן דאָרט די מענטשן. פאַראַן גרעסערע מדינות און אַפילו גאַנצע קאָנטינענטן, וואָס האָבן נישט אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקע און פאַרשיידנפאַרביקע באַפעלקערונג, ווי עס פאַרמאָגט די אַנדערהאַלבן מיליאָניקע ייִדישע מדינה.

יעדער שבט פון די צענדליקער ייִדישע שבטים, וואָס זענען געקומען פון אַלע עקן וועלט קיין ישראל, האָט מיטגעבראַכט אַהין זיין אייגענעם קאָליר, אויב נישט אויף דער הויט, איז אויף זיינע קליידער, אין זיינע מאָלצייטן, אין זיינע תפילות, אין זיינע לידער, אין זיינע טענץ — אין זיין גאַנצן לעבנס־שטייגער. אַפילו אין זיין שווייגן.

פאַראַן אויך אין ישראל פאַרשיידענע קאָלירן פון ווילשטאַנד, קאָלירן פון מיטלשטאַנד, קאָלירן פון אַרבעט און אויך אַ סך קאָלירן פון אָרעמקייט. ווייל עס איז נישט ריכטיק, אַז אָרעמקייט האָט נאָר איין קאָליר — די גרויע. אין ישראל, ווי בכלל אין די אָריענטאַלישע לענדער, פאַרמאָגט די אָרעמקייט אַ חוץ טונקעלע, אויך העלע, שרייענדיקע קאָלירן.

אויך פאַרטייען האָבן זיך זייערע באַזונדערע קאָלירן, אָנהייבנדיק פון צונטער־רויט ביז טיף־שוואַרץ. און אַזוי ווי ישראל פאַרמאָגט מער פאַרטייען ווי אַ סך אַנדערע לענדער, איז אויך אויף דעם געביט איר פאַרבן־רייכקייט גרעסער ווי אַנדערש ווו.

מיט רעכט פאַרגלייכט מען דעריבער ישראל צו אַ רעגנבויגן. אָבער עס איז

פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן אַ רעגנבויגן אויפן הימל און דעם רעגנבויגן אין ישראל: אין הימלישן רעגנבויגן לעבן אַלע קאָלירן צווישן זיך אין שלום און אין האַרמאָניע און אין ישראלדיקן רעגנבויגן — נישט...

דערפאַר איז דער ישראלדיקער טאַקע אויך אינטערעסאַנטער, ווי דער רעגנבויגן אויפן הימל: ער איז אַ רעגנבויגן פון קאָנפליקטן.

**

אָבער אויב איר וועט דערפון דרינגען, אַז די וויכטיקסטע זאַך, וואָס טיילט פאַנאַנדער די פאַרשיידענע שבטים און גרופן אין ישראל, איז דער קאָליר פון דער הויט, אָדער די פאַרטיי־קאַרטע, וועט איר מאַכן אַ גרויסן טעות.

דער טיפסטער אָפּגרונט ליגט אין ישראל גאָר צווישן אַלט־געזעסענע און ניי־געקומענע יידן, אָדער ווי זיי רופן זיך דאָרט — „ותיקים״ און „עולים חדשים״.

אַז איר וועט אין ישראל הערן ווי אַ ניי־געקומענער רעדט מיט אומצוטרוי און פאַרביטערונג וועגן „זיי״, זאָלט איר וויסן זיין, אַז דאָס מיינט ער — די אַלט־געזעסענע, די „ותיקים״.

און פאַרקערט, אַז איר וועט הערן ווי אַן אַלטער ישראל־תושב, אַ ותיק, רעדט מיט ביטול און אַמאָל אַפילו מיט פאַראַכטונג וועגן „זיי״, זייט זיכער, אַז דאָס מיינט ער די נייע עולים.

„מיר״ און „זיי״ — דאָס זענען די צוויי „קלאַסן״ אין ישראל, וועלכע זענען אַממערסטן אָנגעשטויסן איינער אויפן צווייטן. יעדער האָט זיך זיינע טענות. אָבער גאַנץ זעלטן קומט עס דערצו, אַז זיי זאָלן איינער דעם אַנדערן זאָגן די טענות אין פנים אַריין. דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל זיי שעמען זיך איינער פאַרן אַנדערן, נאָר גאָר איינפאַך צוליב דעם, וואָס זיי טרעפן זיך זעלטן פנים אל פנים. צווישן זיי ביידע שטייט אַ וואַנט.

איך האָב דאָס וואָרט „וואַנט״ דאָס מאָל נישט באַנוצט בלויז סימבאָליש. איך מיין אויך אַ וואַנט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט — אַ וואַנט פון אַ הויז.

איך האָב זיך איבערצייגט, אַז אין אַ סך פאַלן באַשטייט דער אונטערשייד צווישן דעם מענטשלעכן לעבן פון איינגעזעסענעם בירגער אין ישראל און דעם הינטישן לעבן פון ניי־געקומענעם בלויז אין דער דירה. דער ותיק האָט אַ מענטשלעכע דירה, און דער נייער עולה לעבט ערגעץ אין אַ הינטערשטאָטישער נאָרע, אָדער אין אַן אַראַבישער חורבה. דאָס איז גענוג, אַז איינער זאָל זיך פילן דערהויבן און דער צווייטער דערנידעריקט. מעגן אַפילו ביידע זיין אַרבעטער און

באַקומען מער־ווייניקער דעם זעלבן לוין. דאָס איז געוווינט, אַז איינער זאָל נישט פאַרשטיין דעם צווייטן...

אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטן האָט געשפּילט און שפּילט ווייטער די וווינונג, דער „דאַך איבערן קאָפּ", אַ וויכטיקע ראָלע אין מענטשלעכן לעבן. נישט אומזיסט האָבן אונדזערע חכמים די שיינע, לייטישע דירה („דירה נאה") אַריינגערעכנט אַלס איינע פון די דריי זאַכן, וואָס גיבן פרייד דעם מענטשן. אָבער אין קיין שום לאַנד פאַרנעמט, דאַכט זיך, די דירה נישט אַזאַ הויכן אָרט אויפן לייטער פון מענטשלעכן גליק, ווי אין ישראל.

אורזאַכן זענען פאַראַן עטלעכע. די וויכטיקסטע פון זיי איז, וואָס צוצוקומען צו אַ דירה אין ישראל איז גוואַלדיק שווער, אַבסאָלוט איבער די כוחות פון די נייגעקומענע. מען דאַרף דערצו האָבן — ווי די נייע עולים זאָגן — די דריי לעבנס־וויטאַמינען „פּ" (פּראָטעקציע, פּלייצעס און פּיאַסטערס), וואָס אָן זיי איז שווער צו עפענען אַ טיר אין ישראל, אָן אונטערשייד, צי דאָס איז אַ טיר פון אַן אָפיציעלן אַמט, אָדער אַ טיר פון אַן אייגענער דירה.

קויפן אַ מענטשלעכע דירה, שמעקט מיט טויזנטער, סיידן מען האָט גרויסע פּראָטעקציע, דעמאָלט קען מען זיך אָן עצה געבן אויך מיט ווייניק געלט. איז ווי קען אַ נייער עולה (פון אויסנאַמען רעדט מען נישט) צוקומען צו אַ נייער, מאָדערנער דירה?

דער אַלט־געזעסענער, דער ותיק, האָט אָדער אַ גוטע דירה פון פריִער, אייַדער עס איז געוואָרן אַזוי שווער מיט וווינונגען, אָדער פון — שפּעטער. מען האָט געבויט אָן אַ שיעור מאָדערנע קאָאָפּעראַטיווע הייזער, הייזער פאַר טוער, פאַר וועטעראַנען א.אז״וו. — דאָס זענען אַלץ הייזער מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, מיט טעראַסעס, ווו עס וווינען, פאַרשטייט זיך, מייסטנס אַלט־געזעסענע בירגער פון ישראל.

דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז דער אונטערשייד צווישן אַ נייער דירה און אַן אַלטער אין ישראל איז אַ גוואַלדיקער — עס איז אַן אונטערשייד אין יאָרהונדערטער. במילא שאַפט זיך דער זעלבער אונטערשייד צווישן די מייסטע ותיקים און די מייסטע ניי־געקומענע.

און מען דאַרף זיך נישט וווּנדערן, ווען יאָרהונדערטער קענען זיך נישט צונויפרעדן.

און נאָך אַ זאַך דאַרף מען געדענקען: אין ישראל איז צוצוקומען צו אַ דירה טאַקע זייער שווער, אָבער אויסהאַלטן זי איז זייער לייכט. דאָס דירה־געלט איז קליין און אַפילו אין בודזשעט פון אַן אַרבעטער פאַרנעמט עס בלויז עטלעכע פּראָ־

צענט. קוים באַקומט אַ נייער עולה אַ מאָדערנע דירה, ווערן מיטאַמאָל בעסער נישט נאָר זיינע וווינונגס־באַדינגונגען, נאָר אויך זיין סאָציאַלע לאַגע און זיין פּסיכאָלאָגיע ווערט אינגאַנצן אַן אַנדערע. פון אַ שלעטער ווערט ער מיטאַמאָל אַ בענטשער.

איך האָב באַגעגנט אין ישראל נייע עולים, וואָס האָבן דורך אַזאַ אָדער אַנ־דערן גליקלעכן צופאַל (אין די מערסטע פאַלן איז עס געווען דער „וויטאַמין פּ"...) באַקומען אַ דירה אין אַ ניי הויז, אַ „שיכון", און איך האָב זיי פּשוט נישט דער־קענט. זיי האָבן אינגאַנצן גערעדט אַנדערע רייד, ווי נעכטן, ווען זיי האָבן די דירה נישט געהאַט. מאַנכעס־מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי זענען איבער נאַכט געוואָרן „ותיקים"...

נישט איין מאָל איז דער קאָנפליקט צווישן די אַלט־געזעסענע און די ניי־געקומענע, אַ קאָנפליקט צווישן אַן אַלטער און אַ נייער דירה...

דער אַלט־געזעסענער האָט אַ נייע דירה און דער נייער עולה — אַן אַלטע.

***

אָבער גאַנץ צופעליק האָב איך שוין דעם ערשטן טאָג פון מיין זיין אין ישראל געהאַט אַ געלעגנהייט צו הערן ווי עס ריידן זיך דורך צוויי פאָרשטייער פון די דאָזיקע צוויי „קלאַסן" אין ישראל — אַ „ותיק" און אַ נייער עולה.

דאָס איז געווען אין אָמניבוס, וואָס האָט מיך אין אָוונט געפירט פון נס־ציונה צוריק קיין תל־אביב. איך בין געפאָרן אין דער געזעלשאַפט פון מיינער אַ קוזינע, וועלכע האָט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק פאַרלאָזט איר רייכע היים אין וואַרשע און אַוועק קיין ארץ־ישראל, אין אַ קיבוץ, ווו זי געפינט זיך ביזן היינטיקן טאָג. אַ חוץ אונדז זענען נאָך געווען אין אויטאָבוס אַ גרופּע זעלנער און אויך אַ ביסל ציוויל־מענטשן, וואָס זייערע פּנימער האָב איך אין דער פינצטער נישט געקענט זען.

נאָכן אָפּפאָרן עטלעכע מינוט, הערן מיר ווי איינער פון די זעלנער, וואָס איז געזעסן אויף אַ פאָדערשטער באַנק, גיט אַ זאָג אויפן קול, אויסציִענדיק די פיס:

— אָפּגעפאָרן צוויי שעה און שוין ביים עק פון לאַנד... עס וואָלט זיך געוואָלט פאָרן נאָך...

— איך וואָלט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן — האָט זיך אָפּגערופן מיין קוזינע — אַז מיר זאָלן האָבן נאָך אַ שטיקל אַזיע.

— פאַרוואָס דווקא אַזיע? אייראָפּע איז אויך נישט שלעכט — האָט זיך אָפּ־

ב. שעפנער

גערופן אַ בידעריקער מאַן, וואָס איז געזעסן נישט ווייט פון מיר. ער האָט גערעדט עברית, אָבער עס איז געווען קענטיק, אַז דאָס קומט אים אָן זייער שווער.

מיין קוזינע האָט שאַרף צו אים אויסגעדרייט דעם קאָפּ:

— אָבער פון אייראָפּע האָט מען דאָך אייך אַרויסגעטריבן!

— נישט אין גאַנץ אייראָפּע האָט מען אונדז געטריבן — האָט ער געענטפערט רויק.

— ווילט איר וואַרטן — האָט זי אים סאַרקאַסטיש געפרעגט — ביז מען וועט אייך פון גאַנץ אייראָפּע אַרויסטרייבן? די דייטשע ייִדן האָבן אויך געוואַרט.

דער ייִד האָט נאָך אַ ווייל זיך אָפּגערופן:

— מיר איז שווער מיט אייך צו דיסקוטירן, נישט דערפאַר ווייל אייערע אַרגומענטן זענען שטאַרקערע, נאָר ווייל אייער עברית איז שטאַרקער. איך האָב געהערט ווי איר האָט פריִער גערעדט פויליש, איז אויב איר וועט דערלויבן...

— ביטע, איר קענט ריידן פויליש.

— אַ דאַנק, האָט ער געזאָגט אין אַ קולטורעלן פויליש, פאַר דער פריינטלעכקייט, אין אַלגעמיין קענען מיר, די נייע עולים, זיך דאָ נישט באַקלאָגן אויף צופיל פריינטלעכקייט.

— ווי לאַנג זענט איר אין לאַנד? — האָט זי אים געפרעגט.

— דריי יאָר — האָט ער געענטפערט — איך האָב שוין גענוג זיך אַנגעליטן דורך דער צייט.

— ברויט האָט איר? — האָט זי ווייטער שאַרף אים אַ פרעג געטון — טאָ זייט גליקלעך! ווען מיר זענען געקומען אין לאַנד, האָבן מיר דאָס אויך נישט געהאַט. קיינער האָט דאָ פאַר אונדז גאָרנישט פריִער אָנגעגרייט, אַפילו נישט קיין בתי־עולים און מעברות, אויף וועלכע אייערע באַקלאָגן זיך אַזוי שטאַרק. אויף אונדז האָבן געוואַרט בלויז זאַמדן, שאַקאַלן און מאַלאַריע.

— ווען אַפילו — האָט ער זיך אָפּגערופן — איך וואָלט נישט געוווסט, אַז איר זענט אַ „ותיקה", וואָלט איך דאָס שוין דערקאָנט אין אייער איינציקער פראַגע: „ברויט האָט איר?" אַלע אייערע שלאָגן אונדז מיט דער זעלבער פראַגע. אַליין לעבט מען אין ווילטאָג און מען האַלט אין איין פאָדערן פון דעם ניי־געקומענעם, וואָס וואַלגערט זיך אין דער מעברה, אָדער אין דער אַראַבישער חורבה, ער זאָל זיין גליקלעך און דאַנקען, וואָס ער האָט ברויט.

— איך לעב נישט אין ווילטאָג — האָט זי אים איבערגעריסן — איך לעב אין אַ קיבוץ.

— אַנטשולדיקט — האָט ער געזאָגט — איך מיין נישט אייך פערזענלעך

און אויב עס גייט אַפילו וועגן אייך, האָבן דאָך נישט מיר אייך געבראַכט אין קיבוץ. איר זענט געקומען אַהין מיט אייער גוטן ווילן. איר זענט געווען אַן אידע־אַליסטקע, איר האָט געגעסן ברויט מיט אידעאַל. מיר אָבער עסן בלויז טרוקן ברויט. איז עס ביטערער.

— מיר האָבן אייך דען געבראַכט אַהער? — האָט זי זיך אָפּגערופן — היטלער האָט אייך געבראַכט אַהער!

— עס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק — האָט ער פּראָטעסטירט — איך בין געווען אין אַ לאַגער אין דייטשלאַנד און דאָרט אַהין זענען אייערע שליחים גע־קומען און אונדז גערופן און באַשווירן נישט צו פאָרן ערגעץ אַנדערש, נאָר אַהער, צוזאָגנדיק אונדז אַ סך פון די זאַכן, וואָס אייערע דאָ האָבן און מיר האָבן נישט...

— ווען אייערע וואָלטן געוואָלט פאָרן אַרבעטן אין פעלד — האָט זי געזאָגט — וואָלטן זיי אויך געקענט זייער לאַגע אויסבעסערן. אָבער זיי ווילן נישט. תל־אביב שמעקט זיי בעסער, חיפה. קאַפע־הייזער דאַרפן זיי, שטעקעלעך־פּרנסות גיט זיי, ווי אין דער היים. אָבער צוליב די דאָזיקע שטעקעלעך־פּרנסות איז דאָך געקו־מען דער חורבן. מיר האָבן דאָס פאַרויסגעזען מיט יאָרן צוריק און איר ווילט עס אַפילו איצט נאָך נישט זען.

— און אפשר קענען מיר נישט — האָט ער געגומען ריידן מיט האַרץ — אַרבעטן אין פעלד? אפשר זענען מיר נישט אימשטאַנד נאָך די אַלע שרעקלעכע מלחמה־איבערלעבונגען, צו טריקענען זומפּן און האַקן שטיינער? איך בין אַלט דריי און פופציק יאָר, פון דעם בין איך צען יאָר געווען אין געטאָס און אין לאַגערן. מיינט איר, אַז אויף מיין חלק איז דאָס נאָך נישט גענוג? איך זאָג נישט, אַז איך וויל נישט אַרבעטן. איך וויל, איך בין ערשט נעכטן געווען אין „לשכת העבודה״ (אַרבעטס־ביוראָ) בעטן אַרבעט. אָבער מען האָט מיך געזאָגט, אַז איך בין שוין צו אַלט. איז פאַר אַרבעטן אין שטאָט בין איך שוין צו אַלט, אָבער פאַר אַרבעטן אין נגב בין איך נאָך יונג?

— זיי פאַרקויפן אונדז אויף פוליש — האָט אַ זעלנער זיך אָפּגערופן.

איך האָב זיך די גאַנצע צייט פון שמועס מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן. אָבער איצט האָב איך זיך געווענדט צו מיין קוזינע, דאָס מאָל אין יידיש, וועלנדיק, אַז מער יידן זאָלן פאַרשטיין:

— דו מאַכסט דעם זעלבן טעות — האָב איך געזאָגט צו איר — וואָס איינ־געזעסענע אַמעריקאַנער יידן. אויך זיי וואַרפן פאַר די ניי־געקומענע, די „גרינע״, הלמאי יענע ווילן אַ סך מער וויפל די אַמאָליקע אימיגראַנטן האָבן געהאַט. „מיר, — זאָגן זיי, — ווען מיר זענען געקומען אַהער, האָבן מיר ערגער געלעבט, ווי איר

לעבט היינט. מיר האָבן זיך מער געמאַטערט". זיי פאַרגעסן אָבער, אַז זיי זענען געקומען יונג, פול מיט לעבן און ענערגיע, און די איצטיקע אימיגראַנטן באַשטייען אַממיינסטן פון מיטל־יאָריקע מענטשן, פון אויסגעמאַטערטע מלחמה־קרבנות. און נאָך אַ זאַך פאַרגעסן זיי, אַז דעמאָלט זענען אויך די אַלגעמיינע באַדינגונגען געווען אַנדערע, און אויב די „גרינע" האָבן געלעבט אין נאָרעס, האָבן אויך די מייסטע „געלע" געלעבט אין „פאַלאַצן", ווו כדי צו באַקומען אַ ביסל זון און אַפילו אַ ביסל וואַסער, האָט מען געמוזט זיך מטריח זיין און אַרויסגיין אין דרויסן. היינט אָבער איז אַנדערש. אַפילו דאָ ביי אייך און אַפילו אין די קיבוצים. מען זעט אַרום זיך מאָדערנע דירות, באַקוועמע לעבנס־באַדינגונגען — איז שווער פאַרן ניי־געקומענעם נישט אַריבערצוקוקן און נישט אַריבערצוזיפצן.

— ווען דו ביסט מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק געקומען אַהער, האָסטו דאָך נישט געהאַט צו וועמען אַריבערצוקוקן. דו האָסט זיך געלייגט שלאָפן אויף אַ האַרטער פאָדלאָגע, וויסנדיק, אַז טויזנטער אַנדערע שלאָפן נישט אויף ווייכערע געלעגערס אין די אַנדערע קאָלאָניעס און אַפילו אין די שטעט. איז זיך דיר טאַקע געשלאָפן בעסער. דערצו נאָך ביסטו געגאַנגען שלאָפן מיט אַ ליד. דאָס איז אַ וווּנדערבאַרער מיטל סיי פאַר גוט שלאָפן און סיי פאַר גוט וואַך־זיין... די נייע עולים אָבער האָבן יאָ וועמען מקנא צו זיין און זיי האָבן נישט קיין ליד.

די דיסקוסיע האָט פאַרענדיקט דער שאָפער מיט אַ קורצער מעלדונג:

— תל־אביב.

דער ליכטיקסטער פּונקט - דער קיבוץ

גאַנץ אָפּט האָב איך, בעתן אַרומפאָרן איבער דער ייִדישער מדינה זיך געשטעלט די פראַגע:

— ווי שפּעט איז אין ישראל?

געוויינלעך ווייס איך ווי שפּעט עס איז, אַפילו דעמאָלט ווען מיין האַנטזייגערל שטעלט זיך אָפּ. אין וועלכן הויז איך זאָל נישט אַריינקומען איז פאַראַן אַ זייגער, וואָס ווייזט מער־ווייניקער די ריכטיקע צייט. עס קען נאָר זיין אַן אונטערשייד פון עטלעכע מינוט. איין זייגער לויפט אַ ביסל, אַן אַנדער פּוילט זיך אַ קאַפּעטשקע אונטער. פאַראַן אָבער איין אָרט וווּ איך ווייס אינגאַנצן נישט ווי שפּעט עס איז — דאָס איז ביי אַ זייגערמאַכער. אַז איך קום אַריין צו אַ זייגערמאַכער ווער איך צע־טומלט. פאַראַן דאָרט צענדליקער זייגערס, וואָס יעדער ווייזט אַן אַנדער צייט. ביי איינעם איז נאָך זייער פרי און ביים צווייטן איז שוין גאָר שפּעט. איינער זאָגט, אַז דרויסן איז ליכטיק און אַ צווייטער — אַז ס'איז טונקל. איינער הייסט מיך אַרבעטן און אַ צווייטער הייסט מיך שוין גיין שלאָפן.

מוז איך נישט איין מאָל אין אַזאַ פאַל אָנקומען צום זייגערמאַכער, ער זאָל מיך אַרויסהעלפן פון דעם צייט־לאַבירינט.

— זאָגט מיר — פרעג איך אים — וועלכער פון די אַלע זייגערס ווייזט די ריכטיקע שעה?

אויך ישראל האָט אַ סך זייגערס, וואָס יעדער איינער פון זיי ווייזט נישט נאָר אַן אַנדער שעה פון טאָג, נאָר אויך אַן אַנדער צייט פון יאָר, און אַמאָל אַפילו אַן אַנדער יאָרהונדערט. טוריסטן, וואָס פאָרן אַרום איבערן לאַנד נישט בלויז מיט אַן אָפּן האַרץ, נאָר אויך מיט אָפענע אויגן, געפינען זיך דעריבער אָפטמאָל דאָרט אין גרויס פאַרלעגנהייט. צוליב דער גרויסער צאָל זייגערס ווייסן זיי נישט, ווי שפּעט עס איז אין ישראל. מאַנכע באַנוצן זיך מיט דער אַלטער עצה — זיי פרעגן

דעם זייגערמאַכער. אָבער די צרה איז, וואָס אין דער יידישער מדינה זענען פאַראַן אַ סך זייגערמאַכערס און יעדער איינער ווייזט אויף אַן אַנדערן זייגער. אַזוי אַז נאָך די אויפקלערונגען ווייסט מען פּונקט אַזוי פיל ווי פריִער.

וואָס שייך מיר, האָט איינמאָל געטראָפן, אַז ליגנדיק שפּעט ביינאַכט אויף מיין געלעגער, האָב איך געפילט אַ קאָפּ־שווינדל פון די פאַרשיידענע זייגערס, וואָס איך האָב אין פאַרלויף פון טאָג געזען. איך האָב געזען זייגערס, וואָס האָבן געוויזן נאַכט; איך האָב געזען זייגערס, וואָס האָבן געוויזן פרילינג און זייגערס, וואָס האָבן געוויזן האַרבסט; זייגערס וואָס האָבן מיר דערציילט פון אור־אַלטע צייטן; זייגערס וואָס זענען געווען אַנגעשטעלט אויף מיטלאַלטער; זייגערס וואָס האָבן געהאַלטן ביי דער מאָדערנער צייט, און אויך זייגערס וואָס האָבן געוויזן דעם ליכטיקן אויסגע־חלומטן מאָרגן — דעם געגאַרטן „באחרית הימים״.

וועגן די אַלע זייגערס וועל איך אייך דערציילן. הײַנט וויל איך זיך אָפּשטעלן ביי דעם זייגער, וואָס האָט מיר אין ישראל געוויזן די ליכטיקסטע שעה — דער זייגער פון די קיבוצים.

***

ווי אַ סאָציאַליסט, און ווי אַ יידישער סאָציאַליסט, האָב איך אין מיין האַרץ שטענדיק געטראָגן אַ וואַרעם געפיל פאַר די קיבוצים אין ארץ־ישראל. מיין קעג־נערשאַפט צום ציוניזם, ווי צו אַן אידייע וואָס איז געבויט אויף דער פּעסימיסטי־שער הנחה, אַז אַנטיסעמיטיזם (וואָס מיינט, אייגנטלעך, נישט בלויז יידן־האַס, נאָר אויך מענטשן־האַס) איז אַן אייביקע גוויאישע קראַנקייט, און מיין ווידערווילן צו „אַן אייגענער מלוכה״, ווי צו אַ העכסטן אידעאַל, האָט מיר נישט געשטערט צו באַוווּנדערן די טויזנטער יידישע יונגע לייט, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע, אָפטמאָל גאַנץ באַקוועמע, היימען, און אַוועק אין דער וויסטעניש, כדי דאָרט צו בויען אַ נייע געזעלשאַפט אויפן יסוד פון קאָלעקטיווער מענטשלעכער אַרבעט און פון חברישן ברידערלעכן צוזאַמענלעבן.

איך קען אַ ביסל היסטאָריע און איך ווייס, אַז יעדער דור האָט געהאַט זיינע גייסטיקע בערג־קלעטערער וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן צו די זעלבע שפּיצן, וואָס די יידישע חלוצים. זינט די גאָר אַלטע צייטן, זינט די מענטשן האָבן אויפגעהערט צו קריכן אויף אַלע פיר און אויפגעהויבן די קעפּ צום הימל, האָבן זיך צווישן זיי געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן געחלומט פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט. ווי שטאָלץ מיר זאָלן נישט זיין מיט אונדזער ישעיה הנביא, מוזן מיר צוגעבן, אַז נאָך פאַר אים האָבן מענטשן געפּרעדיקט דעם ישעיה־אידעאַל. אָבער גראָד דער

פאַקט, וואָס אין אַלע צייטן און אין אַלע עפּאָכעס האָבן זיך געפונען אידעאַליסטישע יחידים און אויך גאַנצע גרופּן, וואָס האָבן געפּרוווט בויען אַ נייע געזעלשאַפט אָן האַרן און אָן אויסגענוצטע, האָט אין מיינע אויגן נאָך טייערער געמאַכט דעם עקספּערימענט פון די ייִדישע יונגעלייט; ווייל ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז נישט צוזאַמענגעבראָכן.

אַלע אַנדערע עקספּערימענטן פון דעם כאַראַקטער, צווישן זיי אַ היפּש ביסל אויף דער נייער ערד, אין אַמעריקע, האָבן פריִער אָדער שפּעטער געפּלאַצט, צו דער גרויסער פרייד פון די באַלעבאַטים און פאַרטיידיקער פון דער אַלטער געזעלשאַפט.

— נאַר נאַראָנים — האָבן זיי זיך געריבן די הענט — האָבן געקענט דערוואַרטן אַן אַנדער סוף. אַזעלכע עקספּערימענטן מוזן פּלאַצן. גלייכהייט איז קעגן דער מענטשלעכער נאַטור, ברידערלעכקייט איז נאַרישע פלוידעריי. מענטשן וועלן שטענדיק מוזן האָבן אַ בייטש, וואָס זאָל זיי טרייבן צו אַרבעטן און צו בויען — די בייטש פון הונגער פאַר די אָרעמע און די בייטש פון פּראָפיט פאַר די רייכע. אָן די צוויי בייטשן וואָלט די מענטשלעכע ציוויליזאַציע גאָר נישט מעגלעך געווען.

אָבער אָט זענען אין מיטן דעם מדבר געשטאַנען די חלוצישע קאָלאָניעס און שוין מיט זייער עצם־עקסיסטענץ אָפּגעלייקנט יענעם געפּערלעכן און טרויעריקן ליגן, אַז אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט, געבויט אויף די פּרינציפּן פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט, איז קעגן דער מענטשלעכער נאַטור. און אַ יאָר איז אַוועק און צוויי און צען און צוואַנציק און דער עקספּערימענט האָט נישט געפּלאַצט. פאַרקערט, ער איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און לעבנס־פעיִקער.

איך האָב גוט געוווּסט, אַז אויב די ייִדישע בחורים און מיידלעך איז געלונגען צו דערהאַלטן ביים לעבן דאָס, וואָס אידעאַליסטישע פּיאָנערן אין אַנדערע לענדער האָבן געמוזט אויפגעבן, איז אָס נישט געשען בלויז דערפאַר, וואָס אונדזערע זענען אַזעלכע גוטע סאָציאַליסטן, נאָר אויך דערפאַר, ווייל זיי זענען גוטע ציוניסטן; ווייל זיי שעפּן זייער עקשנות פון צוויי קוואַלן: פון סאָציאַליסטישן און אויך פון ציוניסטישן, און פון לעצטן שעפּן זיי נישט בלויז מאָראַלישע כוחות, נאָר אויך מאַטעריעלע, וואָס ווי באַשיידן זיי זאָלן נישט זיין און ווי אומגערן די ייִדישע בירגערלעכע געזעלשאַפט זאָל זיי נישט געבן, זענען זיי פאָרט אַ וויכטיקער אָנשפּאַר אין קריטישע צייטן. אָבער די דאָזיקע ציוניסטישע הילף פאַרן סאָציאַליסטישן עקספּערימענט אין ארץ־ישׂראל האָט פאַר מיר פונדעסטוועגן נישט געקענט אינגאַנצן פאַרשטעלן דעם ליכטיקן פאַקט, אַז די יונגע מענטשן אין די קיבוצים אין ארץ־ישׂראל בויען פריִער פאַר אַלץ אַ נייע מענטשלעכע געזעלשאַפט.

ב. שעפנער

***

מיין ערשטע פערזענלעכע באַגעגעניש מיט אַ גרופּע קיבוצניקעס אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק, ווו איך בין געווען דער פאָרשטייער פון דער בונדישער „פאָלקסצייטונג" פון וואַרשע, האָט מיין סענטימענט פאַר די קיבוצים און זייערע בויער נאָך פאַרשטאַרקט און כ׳האָב דאָס דעמאָלט אונטערגעשטראָכן אין מיינע אַרטיקלען און אויך אין דעם עפנטלעכן רעפעראַט, וואָס איך האָב געהאַלטן אין פּוילן און אין אויסלאַנד, וועגן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. דאָס ערשטע אָרט, ווו איך האָב געהאַלטן דעם רעפעראַט, איז געווען דאָס פאַר־היטלערישע בערלין, ווו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג פון פאַריז קיין וואַרשע. איינער פון די אָפּאָנענטן, וואָס האָבן גענומען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע איבער מיין רעפעראַט, איז געווען בערל לאָקער, דער שפּעטער־דיקער פּרעזידענט פון דער יידישער אַגענטור, וועלכער האָט זיך באַזונדער אָפּגע־שטעלט אויף מיין שטעלונג צו די קיבוצים. פאַר אים איז דאָס געווען אין מויל פון אַ בונדישן רעדנער „אַ ניי וואָרט". איך האָב אַזוי נישט געהאַלטן. מיין פּאָזי־טיווע באַציִונג צו די קיבוצ״ים, ווי צו עקספּערימענט־סטאַנציעס פון סאָציאַליסטישן לעבנס־שטייגער, האָט, ווי געזאָגט, דאַטירט נאָך פאַר מיין באַזעלער באַגעגעניש מיט לעבעדיקע קיבוצניקעס.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז די ידיעות, וואָס זענען אין די לעצטע יאָרן, זינט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, צו אונדז דערגאַנגען וועגן „אַ קריזיס אין די קיבוצים", וועגן „קאַמפן אין די קיבוצים" און וועגן אַ „שוואַרצן מאַרק אין די קיבוצים", האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ טיפע באַאומרויִקונג. איך האָב נאָכגעפאָלגט יעדע נייעס, וואָס איז געקומען פון קיבוצים־פראָנט, איך האָב געלייענט אַלץ וואָס עס האָבן געשריבן סיי די פריינט און סיי די שונאים, אָבער קיין קלאָר בילד האָב איך פאָרט נישט באַקומען. די סיבה איז געווען די זעלבע, וואָס איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, ווען איך האָב גערעדט וועגן דעם אַלגעמיינעם בילד פון ישראל — צופיל זייגערס...

שטייען מיר טאַקע — האָב איך זיך געפרעגט מיט שרעק — פאַרן פאַנאַנ־דערפאַלן פון די קיבוצים? וועט טאַקע דער דאָזיקער גרויסער אַלמענטשלעכער עקספּערימענט אין יידישן לעבן ליקווידירט ווערן? וועט די נייע יידישע מדינה געבן גערעכט די ציניקער, וואָס זאָגן, אַז אַ געזעלשאַפט אָן עקספּלואַטאַציע און אָן פּערזענלעכן עגאָיִזם איז קעגן דער מענטשלעכער נאַטור?

איך האָב געפילט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ סך מער ווי אַ בלויז יידישער

אומגליק. דאָס וואָלט געווען אַ טראַגעדיע פאַר אַלע, וואָס חלומען דעם שענסטן פון אַלע מענטשלעכע חלומות — וועגן מענטשלעכער גלייכהייט און ברידערלעקייט.

ווי ווייט איז נאָך די וועלט פון דער פאַרווירקלעכונג פון דעם חלום? און צי וועט ער בכלל אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן? — שווער צו ענטפערן. מאַנכעסמאָל דאַכט זיך, אַז דער ציל איז שוין גאָרנישט ווייט און אַמאָל, ווידער, זעט עס אויס, אַז מען וועט צו אים קיינמאָל נישט דערגיין. אַזוי געדיכט און אומענדלעך זעט אויס די פינצטערניש אַרום. אָבער איין זאַך ווייסט מען יאָ: אין דעם טאָג ווען פון אונדזער ערד וועט פאַרשווונדן ווערן דער חלום וועגן גלייכהייט און ברידער־לעכקייט, און אַלע מענטשן וועלן אָפּמאַכן ביי זיך, אַז „אַזוי איז עס און אַזוי וועט עס שוין אייביק בלייבן" — אין יענעם טאָג וועט די זון זיך אויף אייביק אויסלעשן איבער די מענטשלעכע קעפּ און דאָס לעבן וועט פאַרלירן יעדן זין...

איך ווייס, אַז אויך די קיבוצים אין ישראל זענען ווייט נאָך נישט דערגאַנגען ביז צום אידעאַל פון גלייכהייט. אָבער איך ווייס אויך, אַז אויף דעם דאָזיקן וועג זענען זיי, די קנאַפּע זיבעציק טויזנט מענטשן, וואָס לעבן היינט צו טאָג אין די קיבוצים, דערגאַנגען ביז צו די ווייטסטע פּאָזיציעס. קיין אַנדער מענטלעכער קאָ־לעקטיוו געפינט זיך נישט היינט צו טאָג ביי אַזאַ אַרויפגערוקטן פונקט פון גלייכ־הייט ווי זיי.

און נאָך איין זאַך ווייס איך: אַז אַלע שונאים פון סאָציאַליזם זענען גלייכ־צייטיק שונאים פון די קיבוצים, און אַז זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן טאָג, ווען די דאָזיקע עקספּערימענט־סטאַנציע פון דער נייער מענטשלעכער געזעלשאַפט וועט צוזאַמענברעכן.. און אַז זיי טוען אַלץ, וואָס עס ליגט אין זייערע כוחות כדי דעם דאָזיקן „גליקלעכן טאָג" צוצואיילן — שוין דאָס איז גענוג, אַז איך זאָל וועלן פונקט דאָס פאַרקערטע.

***

איז טאַקע געווען פאַר מיר אַ באַזונדערע פרייד, ווען קומענדיק קיין ישראל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די באַאומרוּיקנדיקע ידיעות וועגן די קיבוצים זענען שטאַרק איבערגעטריבן. די שונאים פון די קיבוצים, די חרותניקעס און די אַנדערע רעכטע עלעמענטן פון לאַנד, האָבן אין די מייסטע פאַלן קיין הונדערט פּראָצענט ליגנס טאַקע נישט אויסגעטראַכט. זיי האָבן בלויז געטון דאָס זעלבע, וואָס די אַנטיסעמיטן טוען געוויינלעך מיט די פאַקטן פון יידישן לעבן: זיי שטעלן אָן אויף די נעגאַטיווע פאַקטן ריזיקע פאַרגרעסער־גלעזער און דאַקעגן, די פּאָזיטיווע

פּאַקטן, איז אָדער זיי פאַרשווייגן אינגאַנצן, אָדער, אַז זיי האָבן קיין אַנדער ברירה נישט, ווייזן זיי איך זיי דורך פאַרקלענער־גלעזער.

אַזעלכע פאַרגרעסער־גלעזער האָבן די שונאים פון די קיבוצים אָנגעשטעלט אויף דעם טרויעריקן פּאַקט, וואָס מאַנכע פון דער אָנפירונג פון איינצלנע קיבוצים האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן דעם גרויסן נסיון, ווען דער אונטערשייד צווישן די אָפיציעלע פּראָדוקטן־פּרייזן און די פּרייזן אויף דעם שוואַרצן מאַרק איז געווען אַ קאָלאָסאַלער, און זיי האָבן אַ ביסל שפּייז פאַרקויפט „אָן אַ זייט", נעמענדיק די פּראָפיטן נישט פאַר זיך, נאָר פאַרן גאַנצן קיבוץ. די שונאים, וואָס מאַנכע פון זיי זענען אַליין געווען פון קאָפּ ביז די פיס איינגעטונקען אין שוואַרצן מאַרק, האָבן גענומען אַ קליין ביסעלע אמת און דערפון געמאַכט אַ גרויסן ליגן: „די קיבוצים זענען פאַרבונדן מיט דעם שוואַרצן מאַרק!" ווייל ווי טרויעריק די דאָזיקע דער־שיינונגען זאָלן נישט האָבן געווען, זענען זיי אָבער געווען פאַראיינצלטע און נישט געקענט אָנרירן דעם מאָראַלישן פונדאַמענט פון דער קיבוץ־באַוועגונג, די שונאים האָבן ריכטיק אויסגערעכנט, אַז אויף אַ ריינעם קלייד זעט זיך אַ קליין פלעקעלע שטאַרקער אָן, ווי דער גרויסער פלעק אויף זייער אייגענעם ברודיקן מלבוש. ווער שמועסט נאָך, ווען מען שטעלט אָן אויף דעם פלעקעלע ריזיקע פאַרגרעסער־גלעזער און פּראָזשעקטאָרס און מען טייטלט דערויף מיט צענדליקער שטייפע פינגער:

— קוקט!

אויך די אינערלעכע קאַמפן אין די קיבוצים, וועגן וועלכע די שונאים און סענסאַציע־יעגער האָבן אָנדערציילט אַזוי פיל גרויל־געשיכטעס, זענען פון דער נאָענט אויס ווייניקער טראַגיש ווי פון דער ווייטנס. איך האָב זיך וועגן דעם איבערצייגט אַפילו ביי מיין באַזוך אין דעם קיבוץ, וווּ די אינערלעכע קאַמפן האָבן דעמאָלט אָנגענומען דעם שאַרפסטן כאַראַקטער — אין „עין חרוד". אָבער לאָמיר דערווייל לאָזן שטיין דעם קריגערישן קיבוץ און אַריינגיין אין אַ פרידלעכן, איינהייטלעכן קיבוץ, וואָס געהערט צו דער מפא״י (צו „איחוד הקבוצות והקיבוצים") און וואָס ליגט אין בליענדיקן עמק־יזרעאל. זיין נאָמען איז „גניגר".

דאָס וועלן מיר טאָן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

אין קיבוץ גניגר

שוין פריער, איידער איך האָב באַזוכט דעם קיבוץ גניגר, האָב איך געקענט זיין געשיכטע און איך האָב שוין געוווּסט, אַז הגם לויט דער צאָל מיטגלידער (בערך פינף הונדערט) איז ער נישט פון די גרעסטע, געהערט ער אָבער, לויט זיינע דערגרייכונגען, צו די מוסטער־קאָלאָניעס פון לאַנד.

פונדעסטוועגן בין איך געבליבן שטיין אַן איבערראַשטער, ווען פאַר מיינע אויגן האָט זיך צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט דאָס בילד פון גניגר, מיט זיינע סאָלידע ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע געביידעס און זיינע ווייסע, ציכטיקע וווין־הייזקעס, אַרומגערינגלט פון אומענדלעכע פאַרביקע פעלדער־טעפּיכער און פון דעם געדיכטן באַלפור־וואַלד.

וויפל מיר זאָלן פון דערווייטנס נישט לייענען וועגן דעם וווּקס און אַנטוויקלונג פון די קיבוצים, בלייבט אַלץ אין אונדזער פאַרשטעלונג דער קיבוץ פאַרבונדן מיט אָרעמע לייוונטענע געצעלטן, און דער קיבוצניק — מיט אַ פּאָר אויסגעריבענע, לייוונטענע הויזן און אַ הונגעריקן מאָלצייט, וואָס ווערט דערגענצט מיט חלוצים־לידער און הוראָס.

מוז מען טאַקע ווערן איבערראַשט, ווען מען זעט די סאָלידע איינגעפונדעוועטקייט פון אַזאַ קיבוץ ווי גניגר; ווען מען זעט די מאַסיווע געביידעס, די מאָדערנע ווירטשאַפטלעכע איינריכטונגען, די נייסטע אַגראַר־מאַשינען, די רייכע וואַרשטאַטן, דעם שפּעדיקן טיש מיט די פאַרשיידנאַרטיקע געשמאַקע שפּייזן, די מאָדערנע וווינונגען, ווו דער בלומען־בייט און די וועראַנדע אין דרויסן איז פּונקט אַזאַ נאַטירלעכער באַשטאַנדטייל פון דער דירה פון דעם קיבוצישן פאַרפאָלק, ווי דער דוש און דאָס ביכער־שענקל און די ווייסע פאַרהאַנגען אינעווייניק.

אמת, נישט אַלע מיטגלידער פון גניגר האָבן שוין וווינונגען אין די נייע מאָדערנע הייזקעס. עס איז איינגעשטעלט אַ רייע, לויט דער צאָל יאָרן, וואָס יעדער

געפינט זיך אין קיבוץ און לויט די פאַמיליען־פאַרהעלטענישן. מיין קוזינע און איר מאַן (וועמעס גאַסט איך בין געווען אין גניגר) האָבן געהערט צו די גרינדער פון קיבוץ און זיי זענען דערפאַר געווען צווישן די ערשטע אין דער ריי. זייער דירהלע באַשטייט פון אַנדערהאַלבן ליכטיקע צימערן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, באַשיידן אָבער געשמאַקפול מעבלירט, מיט אַ ראַדיאָ און אויך אַן עלעקטרישן טשייניק אויף אויפצוקאָכן טיי אָדער קאַווע, ווען עס ווילט זיך נישט גיין אין אַלגעמיינעם עס־זאַל, און אַפילו מיט אַ באַקוועמער קאַנאַפּע אויף צו געבן אַ נאָכטלעגער אַ גאַסט, וואָס דאָס טרעפט גאַרנישט זעלטן. מיט קיין באַזונדערע אָנשטרענגונגען איז אַזאַ גאַסטפריינטלעכקייט נישט פאַרבונדן. אויף דער נאַכט לייגט מען דעם גאַסט אַוועק שלאָפן ביי זיך אין הויז, אין דעם באַזונדערן צימערל און דריי מאָל אין טאָג נעמט מען אים מיט עסן אין עס־זאַל. דאָרט זיצט ער ביים אַלגעמיינעם טיש, צוזאַמען מיט די איבעריקע מיטגלידער פון קיבוץ, און נישט ער דאַרף זיך פאַר עמעצן פאַרשטעלן און נישט עמעצער דאַרף זיך פאַר אים פאַר־שטעלן, אָדער אים „האַלטן געזעלשאַפט". ער איז אפשר אַ גאַסט דאָ ביי זיינע קרובים, אָבער ביים טיש דאָ איז ער נישט קיין גאַסט, ער איז גאָר פשוט איינער פון אַלע — אַן אייגענער.

אָבער אויך די מיטגלידער פון קיבוץ, וואָס דאַרפן נאָך וואַרטן אויף צו באַקומען אַ נייע דירה (מען בויט דאָרט כסדר צו נייע, מאָדערנע וווין־הייזקעס) וווינען גאַנץ באַקוועם און ציכטיק און געניסן פון דעם געמיינזאַמען באַדצימער, וואָס געפינט זיך נעבן זייער דירה. די גלייכהייט ליגט דאָ אויף יעדן פעלד, אויף יעדער סטעזשקע, אין יעדן וואַרשטאַט און אויך אויף יעדן אָפענעם פנים, וואָס קומט דיר אַנטקעגן, צי דאָס איז פון אַ דערוואַקסענעם, צי פון אַ קינד.

אָבער, נייַן, די פנימער פון די קינדער זענען, דאַכט זיך, נאָך אָפענער, נאָך פרייער ווי די פנימער פון די דערוואַקסענע. זיי זענען דאָך דאָ געבוירן געוואָרן, אין דער אַטמאָספערע פון גלייכהייט. פאַר זיי איז דאָך די וועלט פון עקספּלואַ־טאַציע און פון פראָפיט, פון האַר און שקלאַף, נישט בלויז אַ בייזע, שלעכטע וועלט, נאָר אַ געקינצלטע, אַן אומנאַטירלעכע וועלט. די נאָרמאַלע, נאַטירלעכע וועלט איז דאָך פאַר זיי די־אָ, די וועלט פון קיבוץ.

***

פאַר מיר איז געווען אַ גרויסע איבערלעבונג אַרומצוגיין איבער די ווייסע, ליכטיקע קינדער־הייזער און איבער די שולן פון קיבוץ און זיך צוצוקוקן ווי אַזוי

די 212 קינדער דאָ ווערן אַריינגעגלידערט אין דעם קאָלעקטיוון מענטשלעכן צו־זאַמענלעבן און ווי עס ווערט אין דער זעלבער צייט אָפּגעהיט און געפּלעגט דאָס אינדיווידועלע פון יעדן קינד, דער אייגענער קאָליר, אָבער נישט כדי ער זאָל פאַרדעקן די אַנדערע קאָלירן, נאָר כדי ער זאָל צוזאַמען מיט זיי זיין אַ גלייכער שותף צום רעגנבויגן.

דאָס קליינוואַרג געפינט זיך די גאַנצע צייט אין דעם קינדער־היים, אָבער די עלטערע זענען מיט טאַטע־מאַמע, ווען יענע ווערן פריי פון דער אַרבעט. שפּעטער, ווען עס ווערט נאַכט, דאַרף מען זיך געזעגענען און אַוועק שלאָפן צוזאַמען מיט די איבעריקע קינדער. ביידע צדדים פּרוּוון נישט זעלטן דעם „שפּעטער" נאָך אַ ביסל אָפּשטופּן. אין די מיינסטע פאַלן זענען עס די קינדער. איך האָב געזען אויף דער נאַכט אַ סך אַזעלכע סצענעס אויפן פרייען, וואַרעמען דרויסן. דער טאַטע אָדער די מאַמע האָבן כלומרשט שטרענג באַפוילן: „שוין צייט זאָלסט גיין שלאָפן!" אָבער דער קליינער יורש האָט זיך געבעטן, טוליענדיק זיך צו די עלטערן: „נאָך אַ ביסעלע"... דער סוף איז געווען, אַז דער טאַטע, דער „גזלן", האָט נאָכגעגעבן.

שפּעטער, ווען די קינדער זענען ענדלעך אַוועק שלאָפן, האָבן מאַנכע קיבוצ־ניקעס זיך פאַרזאַמלט אין גרויסן זאַל און דיסקוטירט, אַנדערע האָבן גענומען אַ בוך, אָדער אַוועק אַ ביסל אויף אַ שפּאַציר. די אָוונטן ווערן געוויינלעך אויסגע־פילט מיט לייענען, פאַרזאַמלונגען, קולטור־אונטערנעמונגען, קינאָ, פון צייט צו צייט קומט אויך פון תל־אביב אַ טרופּע, וועלכע שפּילט אין דעם נייעם טעאַטער־בנין, וואָס עטלעכע קיבוצים פון עמק האָבן בשותפות אויפגעבויט. די קולטור־אַרבעט פאַרנעמט אין קיבוץ אַ גאַנץ וויכטיקן אָרט. חוץ דער קינדער־אינסטי־טוציע, זענען פאַראַן, דאַכט זיך, צוויי אָפּטיילונגען מיט וועלכע די קיבוצניקעס זענען אַממיינסטן שטאָלץ — דאָס איז די היגער־אָפּטיילונג (דער „לול") און די ביבליאָטעק.

דאָס פריידיקסטע, אָבער, אין קיבוץ איז נישט אַזוי ווייט דאָס, וואָס מען האָט שוין אויסגעבויט, נאָר דאָס וואָס מען בויט ווייטער. אין דער אַטמאָספערע פילט זיך דער אַראָמאַט פון בויען. גניגר בויט איצט אַ נייעם שול־בנין פאַר נאָך צוויי העכערע קלאַסן, אַ נייעם גרויסן עס־זאַל („חדר־האוכל"), אַ נייע מאָדערנע געביידע אויף צו מעלקן די קי, נייע וווין־הייזער און אַ נייעם „לול" פאַר די גאַר קליינע הינדעלעך.

בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די וועגן פון גניגר און דערפילט אַ טיפן דרך־ארץ פאַר די מענטשן, וואָס האָבן דאָס אַלץ געבויט און וואָס בויען ווייטער.

און אַלץ אָן אַ באַלעבאָס, אָן „פּריוואַטער איניציאַטיוו", אָן דער בייטש פון

פראָפּיט, נאָר געטריבן פון דעם דערהויבענעם באַגער צו פאַרפלאַנצן מיט ייִדישע הענט אַ קערנדל פאַר אַ נייער מענטשלעכער געזעלשאַפט, באַזירט אויף גלייכהייט און ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט.

דאָס דערהויבנסטע פון דעם דאָזיקן עקספּערימענט באַשטייט דערין, וואָס ער עקסיסטירט. מיט איין און דרייסיק יאָר צוריק האָבן צוויי צענדליק יונגע בטלנים פאַרלייגט די דאָזיקע סאָציאַליסטישע עקספּערימענט־סטאַנציע און זי שטייט ביזן היינטיקן טאָג. זי האָט אויסגעהאַלטן דעם שווערסטן עקזאַמען — דעם עקזאַמען פון צייט.

דאַרף מען נאָך אַ בעסערן סימן פאַר דער לעבנס־פעיִקייט פון אַ סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט?

***

איך האָב געזאָגט אין אָנהייב, אַז גניגר געהערט צו די מוסטער־קאָלאָניעס. אָבער דאָס מיינט נישט, אַז אַנדערע קיבוצים זענען פון איר ווייט אָפּגעשטאַנען. סיי פון דעם, וואָס איך אַלייז האָב געזען און סיי פון דעם, וואָס איך האָב געהערט פון באַגלויבטע מענטשן, האָב איך אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אַז כמעט אַלע אַלטע קאָלאָניעס געפינען זיך אין אַ גוטן צושטאַנד, און אַז זייערע מיטגלידער לעבן נישט ערגער ווי זייערע חברים פון גניגר. אַנדערע פאַרמאָגן אויך אינדוסט־ריעלע אונטערנעמונגען, וואָס גניגר האָט נישט. אמת איז, אַז אַ קליינע צאָל קיבוצים ליידן פון די פאַרטיי־קאַמפן צווישן מפאַ״י און מפ״ם, און אַז אין מאַנכע פאַלן האָט דאָס דערפירט צו פאַמיליען־טראַגעדיעס. אָבער אויך דאָרט ליידט מען נישט פון קיין עקאָנאָמישן קריזיס און זעלטן פון אַן ערנסטן מאָראַלישן קריזיס. דאָס רוב מיטגלידער באַטראַכטן נישט דעם גט פאַר קיין שרעקלעכן אומגליק. פאַר־קערט, דאָס אומגליק איז געווען ביזן גט, ווען אָוונט נאָך אָוונט האָט מען פאַר־בראַכט אין פאַרביסענע, אָבער פרוכטלאָזע, דיסקוסיעס און צום סוף איז יעדער געבליבן ביי ס׳זייניקע: די מפ״ם־לייט, אַז סאָוועטרוסלאַנד (צי מיט סטאַלינען און בעריאַן, אָדער אָן זיי) איז אַ גן־עדן, וואָס הלוואי וואָלט ער זיך וואָס גיכער אויך אויסגעשפּרייט איבער ישראל, און די מפאַ״י — אַז סאָוועטרוסלאַנד איז אַ גיהנום. קען זיך דער גיהנום מיטן גן־עדן צוזאַמענריידן? קען דאָ זיין מעגלעך אַ קאָמפּראָ־מיס? — איך האָב וועגן דעם גערעדט סיי מיט מיטגלידער פון דעם צעשפּאָלטענעם קיבוץ עין־חרוד, און סיי מיט די מיטגלידער פון דעם איינהייטלעכן מפאַ״י־קיבוץ גניגר, און אַלע האָבן געהאַלטן, אַז נישט דאָס איז איצט די וויכטיקסטע און אָמ־מיינסטן אָנגעווייטיקטע פראַגע פון דער קיבוץ־באַוועגונג.

וויכטיקער איז די פֿראַגע פֿון נאָכוווּקס, וואָס וויפֿל מען זאָל אין דער הינזיכט נישט טון (די באַוועגונג צו ברענגען מענטשן צוריק פֿון שטאָט אין דאָרף, דאָס געבן מיליטער־פֿליכטיקע אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין דער לאַנדווירטשאַפֿט אויפֿן חשבון פֿון זייער דינסט־צייט, די פֿאַרשטאַרקטע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער שול־יוגנט און אויך צווישן די נייע עולים צו גיין אין דאָרף) זענען אַלץ די רעזול־טאַטן נאָך דערווייל גאַנץ כּאַגערע. די שווערע שפּייז־סיטואַציע אין די שטעט האָט אין ישראל (ווי דאָס געשעט, אַגב, אויך אין אַנדערע לענדער) געמאַכט דאָס דאָרף און דעם קיבוץ מער צוציִענדיק פֿאַר שטאָטישע מענטשן. אין קיבוץ עסט מען אַ סך בעסער ווי אין די שטאָטישע אַרבעטער־הייזער. אָבער צי קען מען בויען ערנסטע האָפֿענונגען אויף אַן אומנאָרמאַלער לאַגע, וואָס יעדער וויל, אַז זי זאָל זיך וואָס פֿריִער ענדיקן? און צי קען אַ קיבוץ־באַוועגונג, וואָס לעבט מיט גרויסע מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, פֿאַרבינדן איר האָפֿענונג אויף דער צוקונפֿט מיט דעם דראַנג פֿון שטאָטישע אָפּצוּעסן אַ זאַטערן מאָלצייט?

די אייגענע יוגנט פֿון די קיבוצים וועט, אין איר גרעסטער מערהייט, זיכער נישט לויפֿן אין שטאָט אַריין. אָבער דאָס איז ווייניק אויף צו קענען ווייטער אָנ־האַלטן דאָס, וואָס איז שוין אויפֿגעבויט געוואָרן, און אַוודאי איז עס ווייניק אויף צו בויען נייע קיבוצים. מיינט דאָך דאָס, אַז אויב מען איז איצט בלויז קנאַפּע פֿינף פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג, וועט מען מאָרגן, מיט דעם וווּקס פֿון דער באַ־פֿעלקערונג און מיטן אויסשפּרייטן זיך פֿון דער ווירטשאַפֿט פֿון דער מדינה, זיין נאָך ווייניקער.

איז וווּהין וועט גיין דאָס לאַנד, וואָס מען האָט געהאָפֿט און געחלומט, אַז זיין וועגווייזער און אינספּיראַטאָר וועט זיין דער סאָציאַליסטישער קיבוץ?

און ווער וועט בויען דעם נגב?...

מענטשן, וואָס האָבן אַריינגעלייגט דרייסיק יאָר לעבן אין זייער קיבוץ, קענען דאָך אים איצט נישט לאָזן אויף הפקר, אָדער אַוועקשטעלן אויף זייער אָרט גע־דונגענע אַרבעטער און אַליין אַוועק בויען קיבוצים אין נגב? איז ווער וועט גיין אַהין?

אָבער ווי אַנגעווייטיקט די אַלע פֿראַגן זאָלן נישט זיין פֿאַר די קיבוצים אין ישראל, איז נאָך פֿאַראַן אַן אַנדער פֿראַגע, וואָס איז מער אָנגעווייטיקט — די פֿראַגע וועגן שלום מיט די אַראַבער.

די קיבוצים האָבן געצאָלט אַ שרעקלעכן פּרייז פֿאַר דער מלחמה, אַ פּרייז פֿון בלוט. אָבער זיי האָבן פֿון איר אויך עקאָנאָמיש עפּעס געוווּנען. יעדע דאָרפֿישע ווירטשאַפֿט געווינט פֿון מלחמה און פֿון אירע נאָכווייענישן, און די קיבוץ־ישע

ב. שעפנער

ווירטשאַפטן זענען אין דער הינזיכט קיין אויסנאַם נישט געווען. דאָס זענען צייטן, ווען דער ווערט פון מענטש פאַלט און דער ווערט פון שפּייז — שטייגט. ברויט ווערט אַ גרעסערער יחסן, אויך דאָס מיינט, אַז דער פּראָדוצירער פון ברויט ווערט רייכער. אַ חוץ דעם האָבן די קיבוצים באַקומען יעדער היפּשע שטיקער ערד פון די פאַרלאָזענע אַראַבישע ווירטשאַפטן. אָבער סיי די פאַרגרעסערטע איינקונפטן פון די אייגענע פּראָדוקטן און סיי די געשאָנקענע פרעמדע ערד, קען נישט, אין דער קלענסטער מאָס, קאָמפּענסירן פאַר דער נישט־סטאַבילקייט און פאַר דעם אומרו, וואָס עס שאַפט די לאַגע פון „נישט מלחמה און נישט שלום". דער קיבוצניק פילט אויף זיך מער ווי יעדער אַנדערער אין ישראל די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון דער מדינה, און פאַר דעם מאָראַלישן פּנים פון לאַנד, און ער גאַרט נאָך שלום מיט מער פיבער ווי יעדער אַנדערער.

ביז טיף אין דער נאַכט בין איך געזעסן מיט אַ גרופּע בויער פון גניגר, מיטל־יאָריקע מענטשן מיט אָפענע, צעאַקערטע פּנימער, און גערעדט וועגן די שווערע פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן זיי. זיי האָבן קיין שום זאַך נישט געפּרוווט באַהאַלטן אָדער באַפּוצן, אַפילו נישט זייערע ספקות, וואָס זענען דעם אָדער יענעם באַפאַלן אין טונקעלע מאָמענטן. אָבער קיין מאָל האָט אַזאַ צווייפל זיי נישט געפירט אין שטאָט אַריין. ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז די אַלע פּראָבלעמען וועלן דאָרט מיט זיי מיטגיין, און צו דעם וועלן צוקומען אַנדערע, ספּעציפיש־שטאָטישע פּראָבלעמען. די געציילטע פון צווישן זיי, וואָס זענען יאָ אַוועק אין שטאָט, האָבן זיך דאָרט קיין אָרט נישט געפונען און זענען אַרומגעגאַנגען ווי אויף אַ פרעמדן יאַריד. אַפילו די אומצופרידנקייט איז דאָ, אין קיבוץ, אַן אַנדערע ווי אין שטאָט, אַ ריינערע.

איך האָב נישט גערן זיך געזעגנט מיטן קיבוץ גניגר. מיר האָט זיך געוואָלט נאָך ווייטער טיילן זייער פרייד און אויך זייער אומצופרידנקייט.

דער פינצטערסטער פונקט - די מעברה

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דער ערשטער לאַגער פאַר נייע אימיגראַנטן, וועלכע איך האָב באַזוכט אין ישראל, זאָל זיין די „מעברה דוד", הינטער חיפה, וועלכע איז די שענסטע שטאָט אין ישראל.

די ייִדישע מדינה פאַרמאָגט נישט נאָר אַ סך לאַנד־פאַרליבטע, נאָר אויך אַ סך שטעט־פאַרליבטע. דאָס הייסט, ייִדן וואָס זענען פאַרליבט אין זייער שטאָט און זעען אין איר אַלע טויזנט חנען פון דער וועלט. איך פערזענלעך האַלט, אַז יעדער פאַרליבטער, אָן אונטערשייד צי ער איז פאַרליבט אין אַ פרוי, אין אַ לאַנד, אָדער אין אַ שטאָט, האָט אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור און דאָס ווירקט פּרי־ער פאַר אַלץ אויף זיינע אויגן. ער פאַרלירט די מעגלעכקייט צו זען אין זייער ריכטי־קער געשטאַלט סיי דעם אָביעקט פון זיין ליבע און סיי די אָביעקטן, אין וועלכע ער איז נישט פאַרליבט.

אָבער פון אַלע שטאָט־פאַרליבטע פאַרשטיי איך אַמבעסטן די, וואָס זענען פאַרליבט אין חיפה. זיי דאַרפן גאָרנישט האָבן קיין צו־הויכע טעמפּעראַטור כדי צו זיין באַגייסטערט פון זייער שטאָט. חיפה איז איינגערעמט אין אַ ראַם, וואָס איז פאַר זיך אַליין אַ קונסט־ווערק — דאָס איז דער הר־הכרמל מיט זיין חנעוודיקן פאַרק און ווייסע ווילעס אויפן גרינעם רוקן; אַנטקעגנאיבער דעם אומענדלעכן, אייביק־בלויען ים, און פון צפון־זייט — דער צעבליטער עמק זבולון מיט די טונקעלע גליל־בערג. וואָסער שטאָט מען וואָלט אין דעם ראַם נישט אַריינגעזעצט, וואָלט זי געווען שיין, נאָך באַזונדער חיפה מיט אירע בערגיקע, אָבער מאָדערנע און ציכטיקע גאַסן (צו פאַרדאַנקען איר ענערגישן בירגערמייסטער אבא חושי), מיט אירע שטיינערנע, עפנטלעכע געביידעס, וואָס זייערע אָריגינעלע אַרכיטעקטור פאַראייניקט אין זיך די פאַרטראַכטקייט פון נעכטן און די דינאַמישקייט פון היינט און אויך פון מאָרגן; מיט אירע רחבותדיקע פאַרקן און סקווערן, וואָס זענען שטענ־

דיק פול מיטן היימלעכן געדויש פון שפּילנדיקע קינדער, מיט איר גרויסשטאָטישן פּאַרנעם און מיט איר קליינשטעטלדיקער משפּחהדיקייט.

פאַר מיר האָט נאָך די צוויי הונדערט טויזנט קעפּיקע חיפה אַ באַזונדערן חן אַלס די שטאָט פון אַרבעט, פון באַוווּסטזיניקע פּראָלעטאַריער, וואָס זענען באַשעפּטיקט אין די צאָלרייכע פאַבריקן פון חיפה און אויך ביים פּאָרט, וואָס איז דער גרעסטער אין גאַנצן מיטעלן מזרח. בלויז מעטאַל־אַרבעטער פאַרמאָגט חיפה אַרום אַכט טויזנט. די פּראָלעטאַרישקייט פון חיפה וואַרפט זיך אין די אויגן ספּעציעל אין אָוונט, ווען די גאַסן זענען שוואַרץ פון די מחנות אַרבעטער, וואָס גייען און פאָרן פון דער אַרבעט און אויך שפּעטער, אויף דער נאַכט, ווען די גאַסן און קאַפע־הייזער ווערן אויסגעליידיקט. ווען אין תל־אביב איז נאָך טאָג, איז אין חיפה שוין נאַכט. ווען איר די תל־אביבער קאַפע־הייזער אין נאָך שווער צו געפינען אַ פּלאַץ, לעשן זיך שוין די לאָמפּן אין די קאַפע־הייזער אין חיפה. חיפה שלאָפט שוין. זי דאַרף אויפשטיין פרי צו דער אַרבעט.

איז טאַקע דער קאָנטראַסט געווען נאָך שאַרפער, ווען איך בין פון דער שיינער און מונטערער חיפה אַריינגעפאַלן אין געציילטע מינוטן אַרום אין דעם פאַרחושכדיקן, טרויעריקן אימיגראַנטן־לאַגער „מעברה דוד״.

***

איך האָב זיך שוין געהאַט אָנגעהערט און אָנגעלייענט אַ סך וועגן די דאָזיקע לאַגערן, וואָס זענען אַ שוואַרצער פלעק אויף דעם קלייד פון ישראל. אָבער דאָס בילד, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן, ווען איך בין אַריין אין לאַגער, איז געווען נאָך טרויעריקער פון יענע, וועלכע איך האָב געהאַט אין זכרון.

פון דרויסן האָט דווקא דער לאַגער אויסגעזען נישט שלעכט. די בלעכערנע געצעלטן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער זון און מאָמענטאַנוויז אַפילו געשאַפן ביי מיר די אילוזיע, אַז דאָס זענען די באַרימטע „גלעזערנע הייזקעס״, וועגן וועלכע עס האָט געחלומט דער גרויסער פּוילישער שרייבער סטעפאַן זשעראָמסקי. אָבער עס איז גענוג געווען צו עפענען די טיר פון דער ערשטער בלעכענער הייזקע, כדי ווי ביים טויער פון דאַנטעס גיהנום, אַלע אילוזיעס צו פאַרלירן. אַ טראָפּישע היץ האָט אַ זעץ געטון אין פּנים און אַזאַ הילפלאָזע, גרויע אָרעמקייט האָט אַ שלאָג געטון אין די אויגן און אין דער נאָז, אַן אָרעמקייט וואָס קען שוין אַפילו נישט שרייען, נאָר בלויז קרעכצן.

אין געציילטע מינוטן בין איך שוין געווען פון קאָפּ ביז פיס באַדעקט מיט

שוויִס. איך האָב זיך באַלד דערוווּסט טאַקע פֿון די איינוווינער פֿון דער מעברה, אַז די ווענט און דער דאַך פֿון זייערע געצעלטן האָבן אַ טבע צוצוציִען זומער די היץ און ווינטער — די קעלט. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען איך האָב באַזוכט די „מעברה תלפּיות" הינטער ירושלים, האָט מיר אַ דאָרטיקער איינוווינער, אַ ייִד פֿון מאַראָקע, אַזוי פֿאָרגעשטעלט די מעלות פֿון זיין בלעכערנער „וווינונג":

— ווינטער איז עס אַ פֿרידזשידיער און זומער איז עס אַ גיהנום.

ווייזט זיך אַרויס, אַז דער מענטש, וואָס האָט זיך דערטראַכט צום געדאַנק, מען זאָל בויען אַזעלכע געצעלטן פֿאַר די לאַגער־ייִדן, האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן אויפֿטו און אין אָנהייב האָט מען אַפֿילו אַזאַ געצעלט אויסגעשטעלט אַלס מוסטער אויף אַן עפֿנטלעכן פּלאַץ אין תל־אביב, כדי מענטשן זאָלן זען און באַוווּנדערן. איך ווייס נישט ווער דער דערפֿינדער איז, אָבער איך האַלט, אַז מען דאַרף אים אויפֿזוכן און אַלס אויסדרוק פֿון נאַציאָנאַלער אָנערקענונג אים שענקען אַזאַ געצעלט, אָבער מיטן באַדינג, ער זאָל דאָרט וווינען מינדעסטנס איין יאָר צייט.

מיין ערשטער באַזוך אין „מעברה דוד" איז געווען אין געצעלט פֿון צוויי פּרויען פֿון פּוילן, אַן אַלטע וואָס איז געלעגן אויף אַ הילצערן בעטל, און אַ ביסל אַ ייִנגערע, איר טאָכטער, וועלכע איז געשטאַנען ביי אַ פּאַררויכערט קיכל און דאָרט עפּעס געקאָכט. ווען זי האָט מיך דערזען אָנקומען, האָט זי האַסטיק צו מיר אויסגעדרייט איר שפּיציק, טונקל פּנים און מיך אַ פֿאַרוווּנדערטע אָנגעקוקט.

איך האָב זי באַגריסט און איר געזאָגט, אַז איך בין אַ צייטונגס־שרייבער פֿון אַמעריקע און איך וויל זען, ווי אַזוי מען לעבט דאָ.

— ווי מען לעבט דאָ? — האָט זי ביטער אַ פֿרעג געטון, ווייזנדיק מיט דער דאַרער האַנט אויף דעם הויפֿן שמאַטעס אין ווינקל און אויף דער מאַמען אירער — איר קענט קוקן.

און זי האָט זיך צעוויינט. די אַלטע אויפֿן בעטל האָט דאָס געוויין אונטערגע־כאַפּט. אָבער זי האָט געוויינט אַנדערש ווי איר טאָכטער: שטיל, קוים־קוים וואָס מען האָט געהערט. איר געל פּנים האָט זיך אינגאַנצן נישט באַוועגט. מען האָט בלויז געזען דאָס געוויין, אָבער עס נישט געהערט.

באַלד האָט די טאָכטער זיך פֿאַר מיר גענומען פֿאַרענטפֿערן, ווישנדיק די אויגן:

— עס וויינט זיך פֿון זיך אַליין.

זי האָט אויפֿגעהערט וויינען און גענומען רעדן גאַנץ רויִק, אַן דער מינדסטער טענה: זי האָט דען עפּעס צו עמעצן? עס איז דאָך איר פֿינצטער מזל, בלויז איר מזל. איז דען ווער שולדיק?

זי קומט פון אַ שטעטל פון קעלצער געגנט. האָט געהאַט אַ מאַן, דריי קינדער, שוועסטער, ברידער, אַ הויז — אָבער וואָס איז דער אונטערשייד? — אַלע דאָ האָבן דאָך געהאַט... איז זי געבליבן אַליין מיט דער קראַנקער מאַמען. אין אַנדערע שטובן איז כאָטש דאָ אַ מאַנסביל. זי וואָלט אַרויס אין שטאָט אויף אַרבעט. זי וואָלט געגאַנגען רוימען אין פּריוואַטע הייזער, אָבער קען זי דען לאָזן די מוטער אַליין? יענע קען אינגאַנצן נישט גיין, האָט אויך דאָס לשון פאַרלוירן. לעבט מען אַזוי פאַר די צוועלף פונט שטיצע וואָס מען באַקומט אַ חודש. זי טרייסט זיך, אַז אַנדערע באַקומען דאָס אויך נישט. מיט דריי יאָר צוריק, ווען זי איז געקומען אַהער, האָט מען די מענטשן אין די לאַגערן אויסגעהאַלטן. איצט דאַרף יעדער פאַר זיך אַליין זאָרגן. בלויז די אַלטע און קראַנקע באַקומען עטלעכע פונט פון דער אונטערשטיצונגס־אָפּטיילונג („לשכת הסעד״). ניין, זי קלאָגט זיך נישט, עס איז דאָך איר מזל.

פאַרן אַוועקגיין האָט זי נאָר געוואָלט, איך זאָל איר ענטפערן אויף איין פראַגע:

— מיר וועלן טאַקע אַמאָל אַרויסקומען פון דאַנען?

איך האָב איר פאַרזיכערט, אַז יאָ. זענען דאָך פון די דריי־פערטל מיליאָן ניי־געקומענע שוין אַ האַלבער מיליאָן אַרויסגעקומען און נאָר ווייניקער ווי אַ דריטל דאַרפן נאָך אַרויסקומען. זיכער וועט זי אַרויסקומען. זי האָט מיט דאַנק־באַרקייט געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך ווידער צעוויינט.

***

אין געצעלט, וווהין איך בין נאָכדעם אַריין, האָב איך שוין יאָ געטראָפן אַ מאַנסביל, אַ ייִדן פון יאַס, רומעניע. די שטוב האָט אויסגעזען ריינער, באַלעבאַטישער, הגם אויך דאָ איז דאָס „מעבל״ באַשטאַנען פון הילצערנע בעטלעך און קעסטלעך, וואָס האָבן געדינט צו פאַרשיידענע הויז־צוועקן. דאָס קיכל איז געווען פון דרויסן און ווי איך האָב זיך באַלד דערוווסט, האָט עס דער באַלעבאָס אַליין צונויפגעשטעלט. אויך פאַר דער שטוב איז געווען ריינער ווי פאַר מאַנכע אַנדערע שטובן.

ניין, אויך דער לאַגער גלייכט מענטשן נישט אויס. איינער געפינט ביי די ערגסטע באַדינגונגען גענוג כוח און מעגלעכקייט צו זאָרגן פאַר דער ריינקייט פון זיין קערפּער, פון זיינע קליידער, פון זיין שטוב, און אַן אַנדערער גיט אַפילו ביי בעסערע באַדינגונגען אַ מאַך מיט דער האַנט: „זאָל אַלץ פאַרפוילט ווערן״. פאַראַן אויך אַזעלכע, ווי דער לאַגער־פאַרוואַלטער האָט מיר שפּעטער איבערגע־

געבן, וואָס דאָס אַרויסוואַרפן שמוץ פאַרן הויז איז ביי זיי אַ מין אויסדרוק פון פּראָטעסט. דאָס לעבן איז אַזוי פּינצטער, איז זאָל עס זיין נאָך פינצטערער. מען וואַרפט מיסט פאַרן אייגענעם הויז און מען וואַרפט מיסט אויך פאַרן הויז פון שכן. דאָס איז אַ קוואַל פון אָפטע קריגערייען צווישן די שכנים און פון אָפטע אַנקלאַגעס צום פאַרוואַלטער.

גייענדיק איבערן לאַגער האָב איך לייכט געקענט דערקענען די צוויי „ריכ־טונגען" צווישן די פינף טויזנט יידן פון אַלערליי שבטים און לענדער — די היגיענישע „ריכטונג" און די אַנטי־היגיענישע. פאַר געוויסע שטובן האָט זיך געוואַלגערט מיסט און אָפּפאַל און פאַר אַנדערע איז געווען ריין, צוגעקערט. היב־טער מאַנכע פענצטערלעך האָט מען אַפילו געקענט זען אַ בלימל, אַ ביסל גרינס, וואָס אָרעמע הענט האָבן אַליין פאַרפלאַנצט מיט דער כוונה דאָס וויסטע לאַגער־לעבן אַ ביסל שענער צו מאַכן. פאַר איין שטוב האָב איך געטראָפן אַ יונגע פרוי מיטן אויסזען פון אַ געזונטער פוילישער דאָרפס־מויד, רייניקנדיק מיט גרויס פלייס קיך־טעפּ. די כלים האָבן געבלאַנקט פון ריינקייט, אָבער זי האָט זיי וויטער געשייערט און געריבן, ווי זי וואָלט זיך פאַרמאָסטן זיי צו נעמען אויף אַ קאָנקורס. סיי פון אירע טעפּ און סיי פון איר אַליין האָט זיך ווי געטראָגן אַ געשמאַק פון ריינקייט. איך האָב זיך דערוווסט, אַז זי איז אַן איראַקערין, אַ מאַמע פון צוויי קינדער, אָבער קיין מאַן האָט זי נישט און אַז זי „לעבט" פון דער שטיצע וואָס זי באַקומט.

אויך דער יאַסער ייד האָט אויסגעזען ציכטיק. די טונקעלע באָרד, וואָס האָט אַרומגעצוימט זיין ברייט, גוטמוטיק פּנים, איז געווען ריין, צעקעמט. אויך ער האָט געזאָגט, אַז ער טאָר זיך נישט קלאָגן, עס איז אים בעסער פון אַנדערע. ער אַליין האָט טאַקע שוין דריי מאָנאַטן נישט געאַרבעט און ווען ער איז נעכטן ווידער אַוועק אין אַרבעטס־אַמט האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז פריער ווי אין זעקס וואָכן זאָל ער נישט קומען פרעגן אויף אַרבעט, אָבער ער האָט געזען, אַז אַפילו די יונגע האָט מען אַהיימגעשיקט מיט גאָרנישט. ער איז שוין אַלט 52 יאָר און דאָס איז דאָ אַ צו הויכע עלטער אויף צו באַקומען אַרבעט. אַפילו מאַנכע פופציק־יעריקע וויל מען שוין מער נישט רעגיסטרירן אויף אַרבעט, מיטן מאָטיוו, אַז זיי זענען שוין צו אַלט (ווען איך האָט איי אַ וואָד אַרום געהאַט אַ שמועס מיטן דעמאָלטדיקן גענע־ראַל־סעקרעטאַר פון „הסתדרות" מרדכי נאמיר, האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז די עלטער־גרענעץ אויף אָנגענומען צו ווערן אין דער „הסתדרות" איז נישט 50, נאָר 54 יאָר. איך וועל וועגן דעם שמועס דערציילן אין די וויטערדיקע קאַפּיטלען).

האָט ער דעריבער, — זאָגט מיר ווייטער דער יאַסער ייד, — נישט קיין

רעכט זיך צו קלאָגן. דערצו נאָך האָט ער צוויי גערראָטענע זין, פון וועלכע ער האָט נחת. דער עלטערער אַרבעט אין אַ בוכהאַנדלונג אין חיפה און פאַרדינט זעכציק פונט אַ חודש. פון דעם טאָקע לעבט די גאַנצע פאַמיליע, ווייל דער יינגערער איז נישט נאָר וואָס ער קען נישט אַריינברענגען אין הויז קיין געלט, נאָר ער קאָסט נאָך. ער איז, גאָט צו דאַנק, גאָר אַ פעיקער; ער לערנט אין חיפהער טעכניקום און אַז גאָט וועט העלפן און מען וועט קענען דערציִען ביז ער וועט ענדיקן וועט ווערן אַ סך גרינגער. מען וועט דעמאָלט אפשר אויך קענען צוקומען צו אַ „שיכון" (וווינונג). אויך דאָס ווייב ברענגט אַריין עטלעכע פונט אַ חודש. זי העלפט אַרויס אין אַ קינדער־היים דאָ אין לאַגער. טוט אים וויי. דאָס קינד אַרבעט, דאָס ווייב אַרבעט און ער, וואָס איז שטענדיק געווען דער שפייזער פון הויז, ער, דער טישלער־מייסטער פון יאַס, — ער דרייט זיך אַרום ליידיק. ער איז געוואָרן די באַלעבאָסטע פון דער שטוב.

ער האָט אַ זיפץ געטאָן. עס איז געווען אַ באַשיידענער זיפץ, אַ זיפץ אָן פּרעטענזיעס פון אַ ייִדן אָן פּרעטענזיעס אַפילו צו די „שוואַרצע ייִדן" אין לאַגער, צו וועלכע אַנדערע „ווייסע ייִדן" דאָ האָבן טענות, האָט ער קיין טענות נישט. פאַראַן דאָ מער ווי אַ העלפט פון „יענע ייִדן". אין אָנהייב איז אָפּטמאָל געקומען צו סכסוכים. קיין קאָנטאַקט האָט מען טאָקע איינע מיט די אַנדערע נישט געהאַט. אָבער קריגערייען — יאָ. די „ווייסע" האָבן אין אַלע צרות און אין אַלע פאַרברעכנס באַשולדיקט די „שוואַרצע". מען האָט אַפילו נאָך פיר פאַרנאַכט די טעכטער מער נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב אויס מורא פאַר די „שוואַרצע". און יענע, ווידער, זענען אַרומגעגאַנגען אָנגעשטויסן אויף די „שקינאַזים" (אַשכנזים) הלמאי זיי זענען די האַרן, די פּריווילעגירטע, די וואָס פאַרכאַפּן פאַר זיך די אַרבעט, די שטעלעס, די דירות, די שטעט, די מדינה. אָבער די לאַגע האָט זיך די לעצטע צוויי יאָר שטאַרק פאַרבעסערט. קיין נאָענטער קאָנטאַקט איז אייגנטלעך אויך איצט נישטאָ, אָבער מען איז מער נישט אַזוי אָנגעשטויסן איינער אויפן צווייטן. מען טרעפט זיך אין אויטאָבוס, אויף פאַרזאַמלונגען און מען אַנטלויפט מער נישט איינער פון צווייטן. מען הייבט זיך אָן אַ ביסל צו פאַרשטיין.

אַ סך ענגער איז דער קאָנטאַקט צווישן דער יוגנט פון די ביידע לאַגערן און אַוודאי און אַוודאי צווישן די קינדער אין די קינדער־היימען און שולן. כמעט יעדע פאַרטיי האָט דאָ, אין דער „מעברה", אַ קינדער־היים. אין צייטן פון וואַלן קומען אַהער אַלע פאַרטייען צו די דערוואַקסענע און דעמאָלט זאָגן זיי אַלעמען צו דעם גן־עדן אויף דער ערד, אָבער אינמיטן יאָר פאַרגעסן זיי אָן די דערוואַקסענע. דערפאַר אויף די קינדער האָבן זיי אָן אויג אַ גאַנץ יאָר. מען דערציילט די

קינדער מעשהלעך, מען לערנט זיי שפּילערייען, מען גיט זיי אַ ביסל עסן. איך האָב באַזוכט די קינדער־היימען, וועלכע זענען פאַרשטייט זיך, אויס אַ סך אָרעמער און עלנטער ווי די קינדער־היימען אַפילו אין די אָרעמע געגנטן אויף יענער זייט פון די לאַגער־טויערן. אַלץ שמעקט דאָ מיט נויט, מיט צדקה, מיט דערשלאָגנקייט: די ווענט, די קינדער, אַפילו די שפּילצייג. אָבער דאָס פריידיקסטע פאַר מיר איז דאָרט געווען דאָס צוזאַמענלעבן און צוזאַמענשפּילן פון די „ווייסע" און „קאָליר־טע" קינדער.

בעת איך בין געווען אין דער קינדער־היים, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון די פרויען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, האָבן פאַרן פענצטער זיך גענומען זאַמלען הונדערטער לאַגער־יידן, מייסטנס פּוילישע און רומענישע. דאָס האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז אין לאַגער איז דאָ אַ גאַסט פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" און זיי זענען געקומען פאַר אים זיך אָראָפּרעדן פון האַרץ.

ווען איך בין צוריק אַרויס פון דער קינדער־היים, האָבן די יידן מיך אַרומ־גערינגלט. איין רומענישער ייד מיטן אויסזען פון אַ היימישן שיינעם באַלעבאָס האָט צו מיר אויסגעשטרעקט זיינע צווי בלייכע הענט:

— איך בין גרייט שטיינער צו טראָגן, אָבער גיט מיר שטיינער.

די מייסטע האָבן אָבער נישט גערעדט וועגן אַרבעט, נאָר וועגן אַרויסקומען פון דאַנען. אַ היפּשע צאָל פון זיי געפינען זיך שוין אין לאַגער דריי און אַפילו פיר יאָר און מען זעט נישט קיין סוף. פאַרקערט, דאָס צוקומען צו אַן אייגן ווינקל זעט זיי אויס איצט אַפילו ווייטער ווי מיט אַ יאָר און צוויי צוריק, ווייל איצט דאַרף מען האָבן מער געלט אויף צו קויפן אַ וווינונג, אַ „שיכון", און איצט האָט מען ווייניקער אויסזיכט אויף אַרבעט.

— איז וואָס וועט זיין מיט אונדז? — האָבן זיי מיך געפרעגט — איז טאַקע פאַר אונדז מער קיין האָפענונג נישטאָ?...

ווען איך בין שפּעטער אַריין צום פאַרוואַלטער פון לאַגער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די לאַגע פון די „מעברה"־יידן איז אַ ביסל ווייניקער האָפענונגסלאָז, ווי זיי דאַכט זיך.

וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

„מעברה דוד“, „מעברה תלפיות“

אין איינער פון די הילצערנע סוכות, וואָס זענען צעוואָרפן איבער דעם זאַמדיקן באָדן פון דעם אימיגראַנטן־לאַגער לעבן חיפה („מעברה דוד“), געפינט זיך די ביוראָ פון פאַרוואַלטער (מנהל).

אַלץ זעט אין לאַגער אויס גרוי און פּראָוויזאָריש, ווי קיין שום זאַך וואָלט דאָ נישט עקסיסטירט אויף צו לעבן, נאָר אויף „דורכצושטופּן“, אויף איבערצו־קומען — אַזוי די הייזקעס, די ברודיקע קרעמלעך, וואָס דערציילן וועגן גראָשנ־ווּיקע מסחרים, די הילצערנע געביידעס און אויך די מענטשן.

איינער אָבער טיילט זיך אויס פון גאַנצן אַרום — דאָס איז דער פאַרוואַלטער פון לאַגער, אַ יונגער מענטש אין די דרייסיקער. זיין ברוין, מענעריש פּנים, זיינע רירעוודיקע באַוועגונגען און זיין מונטערע האַלטונג שטימען אינגאַנצן נישט מיט דער פּאַסיווער דערשלאַגנקייט און האָפענונגסלאָזיקייט פון לאַגער.

אָבער אַממייסטן האָט מיך געוווּנדערט זיין רויִקייט. ווי קומט צו אים אַזאַ רויִקייט? — האָב איך זיך געפרעגט. און אפשר, האָב איך זיך באַלד אַליין געענט־פערט, קען מען זיך צו דעם אויך צוגעוווינען? מען איז אַזוי לאַנג אומרויִק ביז מען באַרויִקט זיך.

ווען איך צערעד זיך מיט אים, ווער איך געוווירר, אַז זיין רויִקייט נעמט זיך פריִער פאַר אַלץ דערפון, וואָס ער האָט שוין אַליין, אַלס יאָרנלאַנגער חלוץ און וועזעלשאַפטלעכער טוער, דורכגעמאַכט אין לאַנד „קאַלטס און וואַרעמס“. זאַמדן און געצעלטן און אַלע אַנדערע צרות פון ביי־געקומענע זענען פאַר אים קיין נייעס נישט. דערצו נאָך האָט די כסדרדיקע אַרבעט אין די פאַרשיידענע אימיגראַנטן־לאַגערן ביי אים אויסגעאַרבעט אַן אַנדער קוק אויף די אַלע זאַכן, ווי ביי איינעם וואָס קומט אַהער נאָר אויף אַ ווייל. מאַנכע רופן עס: אַ „פּראַקטישער קוק“, אַ „ניכטערער קוק“ און אַנדערע האָבן אַפילו דערפאַר נאָך אַ ביסל אַן ערגערן

נאָמען... אָבער וואָסער נאָמען מען זאָל דעם קוק נישט געבן — ער איז אַ רויקער קוק. ער ווייסט, אַז צווישן אַזוי פיל צעבראָכענע מענטשן מיט קראַנקע נערוון טאָר מען אַליין די נערוון נישט פאַרלירן, ווייל דעמאָלט וועט זיין נאָך ערגער ווי עס איז.

מען דאַרף טון אַלץ וואָס איז מעגלעך ביי די געגעבענע באַדינגונגען, און אויב דאָס איז ווייניק — איז פאַרפאַלן. ער, דער פאַרוואַלטער, קען גאָרנישט העלפן. ער מאַכט דאָך נישט די פּאָליטיק פון לאַנד. אין זיין האַנט ליגט דאָך נישט דאָס בויען הייזער פאַר די לאַגער־יידן. דערמיט פאַרנעמען זיך דאָך אַנדערע, העכערע באַאַמטע פון אים.

ער זאָגט מיר דאָס אין אַ רויקן און געשעפטסמעסיקן טאָן. ער קען דאָ אויס־געצייכנט אַלע מענטשן אין לאַגער, ער האָט שוין דאָ געהאַט אַ סך שטורעמס און דעריבער איז אים שוין שווער צו ווערן איבערראַשט. ער פאַרזיכערט מיר, אַז עס איז פריער געווען ערגער ווי עס איז איצט. איצט געפינען זיך אין לאַגער בלויז קנאַפּע פינף טויזנט מענטשן, בעת עס זענען געווען צייטן ווען עס זענען געווען אפשר צוויי מאָל אַזוי פיל. דערביי איז דער עלעמענט געווען אַ מער פּליי־סיקער; אין לאַנד זענען כסדר אָריינגעקומען נייע מאַסן אימיגראַנטן. איצט אָבער איז דאָך קיין מאַסן־עליה נישטאָ און דער עלעמענט אין לאַגער איז אַ מער סטאַ־בילער. דער עלעמענט איז אפשר מער אומצופרידן, ווייל ער זיצט שוין דאָ עטלע־כע יאָר און ער זעט קיין סוף נישט. ער איז אָבער אויך ווייניקער הפקרדיק. ער איז ווייניקער גענויגט צו שטורעמען און מאַכן סקאַנדאַלן, ווייל ער האָט זיך ווי־עס־איז צוגעוווינט צום אומגליקלעכן לאַגער־לעבן און ער ווייסט אויך, אַז דאָס האַקן און בראָקן וועט זיין לאַגע נישט ענדערן.

אויף די ווענט פון פאַרוואַלטערס אָפיס זע איך פאַרשיידענע אויפרופן און מעלדונגען וועגן אינערלעכן לאַגער־לעבן, וועגן אַרבעט־פאַרמיטלונג, וועגן שפּראַך־קורסן און אויך אַ פאַרביקן פּלאַקאַט מיט אַ רוף צו גיין אַרבעטן אין פעלד.

דער פאַרוואַלטער דערציילט מיר, אַז אייגנטלעך זענען די אויסזיכטן אַרויס־צוקומען פון לאַגער נישט אַזעלכע האָפענונגסלאָזע, ווי די יידן דאָ האָבן עס מיר איבערגעגעבן. עס זענען געווען לעצטנס אַ היפּשע צאָל פרייע דירות אין צפת, אין ראש פּינה, אָבער עס האָבן זיך דאָ נישט געפונען קיין סך בעלנים אַהין צו פאָרן. די יידן ווילן בעסער וואַרטן נאָך אַ ביסל, כדי צו באַקומען אַ דירה אַרום חיפה. עס גייט זיי נישט אַזוי ווייט אין וווינען אין דער גרויסער שטאָט, ווי אין די בעסערע מעגלעכקייטן וואָס זענען פאַראַן אין חיפה צו באַקומען אַרבעט.

איין ייד, וועלכן איך האָב געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט נישט גענומען די דירה וואָס מען האָט אים פאַרגעלייגט אין צפת, האָט מיר געענטפערט:

— איצט, ווען איך האָב שוין דאָ אַ ביסל פּרנסה, ווילן זיי מיך פון דאַנען אוועקשיקן?

דאָס „ביסל פּרנסה" איז אַן אַרבעט פון אַ נאַכט־וועכטער אין חיפה. ער גייט אַרויס פון לאַגער פינף אין אָוונט און קומט צוריק זיבן אין דער פרי. פון דעם „לוין" קען ער זיך קיין העמד נישט קויפן. ער ווייזט מיר טאַקע דאָס צעשונדענע העמד, וואָס ער טראָגט אויף זיין דאַרן לייב, אָבער פאָרט — אַ שטיקל אָנשפּאַר האָט ער שוין אין חיפה, וויל ער דערפאַר נישט גיין קיין צפת.

אַ צווייטער ייד זאָגט מיר:

— צוויי יאָר זיץ איך דאָ און וואַרט — זאָל איך איצט זיך גיין באַגראָבן ערגעץ אין אַ דאָרף?

— פאַרוואָס באַגראָבן?

— ווייל — ענטפערט ער מיר — די מייסטע פון זיינע באַקאַנטע, וואָס זענען אַוועק אין דערפער, באַדויערן דאָס. מען האָט זיי טאַקע געגעבן ערד, אָבער אָן וואַסער. איז די ערד איינגעשפּאַרט, און וויפל מען זאָל אין איר נישט אַריינאַרבעטן, קען מען פון איר קיין שטיקל ברויט נישט אַרויסציִען. מוזן זיי, נאָכן מאַטערן זיך ביי דער האַרטער, טרוקענער ערד, זוכן אין דרויסן אַ ביסל אַרבעט. וויל ער בעסער ווייטער זיצן אין לאַגער און ווייטער וואַרטן. אפשר וועט ער זיך פאָרט אויף עפּעס דערוואַרטן. דערווייל ווילן „זיי" ביי אים פאַר אַ שטיקל דירה 840 פונט, און דאָס העכסטע וואָס ער וואָלט געקענט צונויפשטעלן — זאָגט ער — זענען 40 פונט. אָבער ער וואַרט.

דאָס וואַרטן איז נישט אינגאַנצן האָפענונגסלאָז. גאַנץ פאַרטרוילעך האָט מיר דער פאַרוואַלטער איבערגעגעבן, אַז אין גיכן דאַרפן פאַרטיק ווערן אַרום חיפה פיר הונדערט דירות פאַר די יידן פון לאַגער. אָבער די דאָזיקע גוטע נייעס האַלט מען דערווייל בסוד, ווייל מען האָט מורא, אַז ווען די יידן וועלן זיך וועגן דעם דערוויסן, וועט קיינער מער נישט וועלן פאָרן אין די ווייטערע געגענטן און אין די דערפער. יעדער וועט וועלן בעסער וואַרטן. אָבער נאָר אַ קליינער פּראָצענט וועט דאָך פאַקטיש פון די דירות קענען געניסן...

ווער וועט עס געהערן צו די ווייניקע גליקלעכע?

דער פאַרוואַלטער ענטפערט מיר, אַז דערויף איז איינגעשטעלט אַ רייע, לויט דער צאָל מאָנאַטן וואָס מען געפינט זיך אין לאַנד און אין לאַגער. פאַר יעדן

מאָנאַט, וואָס מען איז אין לאַנד באַקומט מען איין פונקט און פאַר יעדן מאָנאַט אין לאַגער — אויך צו איין פונקט.

— און פּראָטעקציע? — פרעג איך גאַנץ אָפן דעם פאַרוואַלטער — גילט דאָ ביי אייך אין לאַגער אויך פּראָטעקציע?

ער ענטפערט מיר יידישלעך — מיט אַ פראַגע:

— וואָס, מיר זענען קיין יידן נישט?

זיין אָפנהאַרציקער ענטפער האָט מיך איבערראַשט. נישט ווייניקער איבער־ראַשט זענען געווען די פאַרשטייער פון דער קינדער־היים פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, צוויי חשובע חיפהער דאַמען, וועלכע האָבן בייגעוווינט מיין שמועס מיטן לאַגער־פאַרוואַלטער.

איינע פון זיי האָט אַ דערשטוינטע אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פאַרוואַלטער און אים געפרעגט:

— וואָס רעדט איר? דאָ גייט אָן פּראָטעקציע?

— יאָ — האָט ער רויק געענטפערט און אַ שמייכלדיקער איר גלייך געקוקט אין די אויגן אַריין — איר אַליין זענט נישט איין מאָל געקומען צו מיר נאָך פּראָטעקציע.

מיר איז אַ ביסל געוואָרן פריקרע פון דער דאָזיקער „פאַמיליען־סצענע" און איך האָב זיך גיך געזעגנט מיטן פאַרוואַלטער, פאַרלאָזנדיק דעם לאַגער מיט אַ געפיל פון פאַרשעמטקייט. איך האָב זיך פשוט געשעמט וואָס איך קען פון דאַנען אַוועקגיין און זיי, די טויזנטער לאַגער־יידן, מוזן דאָ ווייטער בלייבן.

**
*

אָבער ווי שלעכט איך האָב זיך נישט געפילט אין דער „מעברה דוד" לעבן חיפה, האָב איך זיך נאָך ערגער געפילט אין דער „מעברה תלפיות" לעבן ירושלים.

אורזאַכן זענען געווען גאַנצע דריי:

ערשטנס, געפינען זיך דאָ אַ סך מער מענטשן (15 טויזנט) ווי אין חיפהער לאַגער, און דאָס מיינט גלייכצייטיק מער מענטשלעכע פיין, מער טראַגעדיעס.

צווייטנס, בין איך געקומען דאָ אַהער אין אַ טאָג, ווען עס איז געווען אַ כאַמסין, אַזוי אַז די היץ איז געווען אַ סך שווערער ווי אין דעם חיפהער לאַגער. אויב אין אַ געצעלט אין דעם חיפהער לאַגער האָט געדויערט פינף מינוט ביז איך בין געוואָרן אינגאַנצן באַדעקט מיט שוויס, בין איך דאָ, אין אַ בלעכערנער „דירה", שוין נאָך צוויי מינוט געווען נאַס פון קאָפּ ביז פיס.

און די דריטע און וויכטיקסטע אורזאַך איז געווען, וואָס אין לאַגער איז דעמאָלט נישט געווען קיין וואַסער. אַלע וואַסער־קראַנען איבערן ריזיקן שטח זענען געווען טרוקן און הונדערטער מענטשן מיט פינצטערע, פאַרשמאַכטע פּנימער, האָבן זיך געדרייט אַרום זיי מיט ליידיקע עמערס און טעפּ אין די הענט, האָפנדיק, אַז אפשר וועט זיך באַלד אין זיי באַווייזן וואַסער. אָבער עס האָט זיך נישט באַוויזן.

איך בין באַלד געוווּר געוואָרן, אַז דאָס איז נישט דערפאַר ווייל אין ירושלים פעלט היינט אויס וואַסער, נאָר ווייל דער שטאָטישער וואַסער־דעפּאַרטאַמענט האָט פאַרשלאָסן דאָס וואַסער פאַרן לאַגער, צוליב דעם וואָס מען האָט אים נישט באַצאָלט צו דער צייט דעם רעכענונג...

כמעט אַלע פופצן טויזנט אימיגראַנטן וואָס געפינען זיך אין לאַגער זענען „קאָלירטע" ייִדן, מייסטנס פון צפון־אַפריקע. אַ פּאָר צענדליק „ווייסע" ייִדישע פאַמיליעס זענען דאָרט פאַראַן, אָבער זיי ווינען באַזונדער, העט־העט ביים סאַמע עק פון דער „מעברה", פון וואַנען מען זעט די גרענעץ פון עבר־הירדן.

מיט שוועריקייטן איז מיר געלונגען זיך צונויפצורעדן מיט אייניקע פון די דאָזיקע ווייטע ייִדן. זייער שפּראַך איז אייגנטלעך אַראַביש, אָבער זיי רעדן אויך אַ ביסל פראַנצויזיש און אַ ביסל עברית. זייערע געשיכטעס זענען נישט ענלעך צו די געשיכטעס פון די „ווייסע" לאַגער־ייִדן. זיי דערציילן נישט וועגן די גליקן, וואָס זיי האָבן געהאַט אין דער היים. בלויז איינער האָט מיר דערציילט, אַז אין קאַסאַבלאַנקאַ איז אים געווען זייער גוט, אַז ער האָט געדינט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און אַז ער איז אַנטלאָפן פון אַ קריגס־שיף בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט העלפן די ייִדן אין דער מלחמה מיט די אַראַבער. איצט, אָבער, — האָט ער געזאָגט, ווייזנדיק מיט אַ פינגער צו דער גרענעץ פון עבר־הירדן — וואָלט ער דאָס שוין נישט געטון.

אַנדערע האָבן דערציילט, אַז זיי זענען אויך אין דער היים געווען אָרעם, אָבער זיי האָבן געהאָפט, אַז דאָ וועט זיין בעסער, ווי עס איז. אָבער די לעצטע פראַגע, וואָס זיי האָבן מיר געשטעלט, איז געווען די זעלבע ,וואָס עס האָבן מיר אין חיפהער לאַגער געשטעלט די „ווייסע" ייִדן:

— ווען מיר אַמאָל פון דאַנען אַרויסקומען?

— איז דאָ אַ האָפענונג?

ווען איך האָב געפרעגט אייניקע פון זיי, וועלכע זענען מיט מיר געשטאַנען אין דרויסן, ווו עס ווינען דאָ די אַשכנזישע ייִדן, האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז זיי, די „שקנאַזים", ווינען דאָ אין די בעסערע געצעלטן. זיי זענען דאָך די פּריווילעגירטע.

זיי האָבן גערן איינגעשטימט מיך אַוועקצופירן צו די „שקנאַזים".

מיר זענען געגאַנגען גאַנץ לאַנג און די היץ און די זאַמדן האָבן געמאַכט די צייט פון גיין אויסזען נאָך לענגער.

ענדלעך האָבן מיר דערזען אַ רייע נידעריקע הילצערנע געצעלטן.

— דאָ איז עס — האָבן מיר געזאָגט מיינע באַגלייטער.

איך בין אַריין אין ערשטן געצעלט און נאָך געציילטע מינוט האָב איך דער־פילט, אַז איך קען מער נישט אָטעמען — אַזוי האָט מיך געשטיקט די היץ אין דער דאָזיקער „פּריווילעגירטער" דירה, וואָס איז דער אָביעקט פון קנאה ביי די „קאָלירטע" ייִדן.

אין שטוב איז געווען פיינלעך ריין, ציכטיק. די קעסטלעך, וואָס האָבן געדינט פאַר טישן און בענקלעך, זענען געווען אויסגעשייערט ווי אויף ערב־פּסח. דאָס בעטל איז געווען צוגעדעקט מיט אַ שיינער, ווייסער קאָלדרע. אינמיטן שטוב איז געשטאַנען אַ הויכער ברוינער קאַסטן, וואָס מען האָט אים אויך געקענט אָננעמען פאַר אַ קופערט. ער האָט אינגאַנצן פאַרשטעלט די איינווייניקייט פון צי־מער, אַ קליין, איינגעשרומפּן ווייבל, אַ היימישע מאַמע פון אַ ייִדיש שטעטל, אַזוי אַז ביים אַריינקומען האָב איך זי אינגאַנצן נישט באַמערקט.

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. זי איז נישט געווויינט צו קיין וויזיטן. זי וווינט שוין צוויי יאָר אין לאַגער און קיין דרויסנדיקער מענטש איז נאָך — האָט זי מיר געזאָגט — אין איר שטוב נישט געווען.

אַ רומענישע איז זי. זי האָט געהאַט אַ מאַן, קינדער, עלטערן — אַלץ געהאַט, געהאַט... זי זעט אויס ווי איבער זעכציק, אָבער זי איז ערשט איין און פערציק.

פון וואַנען זי לעבט? — זי גייט אַרויס נייען און פאַרדינט דרייסיק פונט אַ חודש פאַר זיבן שעה אַ טאָג אַרבעט.

וואָס זי עסט? — זי נעמט אַרויס פון הינטער אַ קעסטל אַ טעפּל און ווייזט מיר. דאָרט איז פאַראַן אַ ביסל פאַרפל. פאַר איר, זאָגט זי, איז עס גענוג. זי דאַרף נישט מער. וואָלט זי נאָר געקענט שלאָפן — אָבער זי קען נישט. זי איז געווען ביים דאָקטער, האָט ער איר פאַרשריבן איינשפּריצונגען. דאַרף עס קאָסטן צען פונט. האַלט זי דעם רעצעפּט אין קעשענע.

ביז מיט צוויי מאָנאַטן צוריק האָט זי געוווינט מיט נאָך אַ פרוי. איז יענע געווען אַ „נערוועזע". מען האָט זי געמוזט נעמען אין אַ שפּיטאָל.

פון אַלע אירע דאגות, וואָס לאָזן זי נישט שלאָפן, איז, ווייזט זיך אַרויס די־

ב. שעפנער

גרעסטע — דער קאַסטן. זי האָט אין דעם קאַסטן אַריינגעלייגט אַלץ וואָס עס איז איר געבליבן פון איר גאַנצער באַלעבאַטישקייט און האָט אים געבראַכט מיט זיך פון רומעניע קיין ישראל. אָבער ווען זי איז אַהער אָנגעקומען, האָט מען פון איר פאַרלאַנגט פאַר אים 25 פונט צאָל. אינגאַנצן האָט מען איר געגעבן, ווי יעדן נייעם אימיגראַנט, דרייסיק פונט און ציי האָט זי געקענט כמעט איר גאַנץ פאַרמעגן אוועקגעבן פאַר צאָל? האָט זי גענומען לויפן „אָפּבעטן", אפשר וועט מען איר באַ־פרייען דעם קאַסטן פון צאָל. זי איז געלאָפן פון איין אַמט צום צווייטן — קנאַפּע צוויי יאָר איז זי געלאָפן. האָט זי אָבער, — זאָגט זי, — קיין פּראָטעקציע נישט געהאַט, האָט זי זיך געמוזט אונטערגעבן. זי האָט פון אירע פאַרדינסטן צונויפ־געזאַמלט די 25 פונט און ענדלעך אַרויסבאַקומען דעם קאַסטן. אָבער ווען זי האָט אים געעפנט, האָט זי דערזען, אַז דורך דער צייט זענען כמעט אַלע זאַכן אין קאַסטן צעפרעסן געוואָרן פון מאַלן.

זי האָט גערעדט וועגן קאַסטן אַזוי ווי וועגן אַ לעבעדיקן מענטשן. זי האָט אַפילו נישט געזאָגט „דער קאַסטן", נאָר „ער".

„ער" איז איר איבערגעבליבן פון אַלעס, וואָס זי האָט געהאַט.

זי האָט גאַנצע צוויי יאָר געוואָרט אויף „אים".

זי האָט „אים" געוואָלט ראַטעווען.

זי האָט „אים" שפּעטער נישט דערקענט.

זי האָט צוליב „אים" נישט געקענט שלאָפן.

ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך איצט קען זי צוליב „אים" נישט שלאָפן. זי האָט מורא, מען זאָל „אים" נישט אַרויסגנבענען. און אויך בייטאָג, ווען זי קומט פון דער אַרבעט, גייט זי צוליב „אים" פון שטוב נישט אַרויס. פאַראַן דאָ אַזוי פיל „פרעמדע", מאַראָקאַנער, אַלזשירער, איראַקער. זיי דרייען זיך כסדר פאַרן פענצ־טער. זיי האָבן שוין געוואָרפן אַן אויג אויף „אים".

איך האָב געפילט אַ טיפע, אינערלעכע באַדערפעניש עפּעס צו טון פאַר דער דאָזיקער עלנטער פרוי. איך האָב געפּרוווט איר געבן די פאָר פונט פאַר די איינ־שפּריצונגען, אָבער זי האָט נישט געוואָלט נעמען. זי דאַרף נישט קיין געלט, האָט זי געזאָגט, זי אַרבעט.

ווייזט אויס, אַז דורך די פענצטער האָבן לאַגער־ייִדן באַמערקט ווי איך נעם אַרויס געלט. איך בין עס געוויר געוואָרן שפּעטער, פאַרן אוועקגיין, ווען זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט און אין כאָר אויסגערופן:

„לא כסף, רק מים!" — נישט קיין געלט, נאָר וואַסער!

איך בין אַוועק פון לאַגער אַ דערשלאָגענער, פאַרפאָלגט פון אַ שולד־געפיל לגבי די ייִדן אין די לאַגערן און פון אַ פראָטעסט־געפיל לגבי די ייִדן, וואָס האַלטן זייערע ברידער אין אַזעלכע לאַגערן.

איך האָב געבראַכט צום אויסדרוק די דאָזיקע ביידע געפילן אין מײַנע שמועסן מיט די פירער פון מדינת ישראל.

וועגן דעם — אין די ווייטערדיקע קאַפיטלען.

בײַ יוסף שפּרינצאַק

ווען יוסף שפּרינצאַק האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך, האָב איך געוווּסט, אַז דאָס וועט נישט זיין קיין אָפיציעלער וויזיט. ווייל מעג אַפילו שפּרינצאַק, ווי דער פּרעזידענט פון פּאַרלאַמענט אין יעדער דעמאָקראַטישער מלוכה, פּאַרנעמען אויף דעם אָפיציעלן לייטער דעם צווייטן אָרט באַלד נאָכן פּרעזידענט פון דער מדינה, ווייסן, אָבער, אַפילו די, וואָס קענען אים בלויז פון הערן, אַז ער איז אַזוי ווייט פון אָפיציעלקייט, ווי אַ היימישער ייִד איז ווייט פון אַ שוואַרצן צילינדער, אָדער פון אַ גרינעם יעגער־קאַפּעלושל מיט אַ פּעדער אין דער זייט. פונדעסטוועגן האָב איך זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אונדזער שמועס וועט פון דער ערשטער מינוט אָן אָננעמען אַזאַ היימישן, שיעור אינטימען, כאַראַקטער, און אַז אָנשטאָט די געפּלאַנטע פופצן מינוט, וועט ער זיך פּאַרציִען אויף עטלעכע שעה.

„שולדיק" אין דעם איז הויפּטזעכלעך ער, שפּרינצאַק. באַלד ווי איך בין אַריבער די שוועל פון זיין רחבותדיקן קאַבינעט, אין דער געביידע פון דער כנסת, און דערזען פאַר זיך די בידעריקע, מאַסיווע פיגור פון שפּרינצאַקן, מיט דעם נישט־אָפיציעלן שמייכל צווישן זיינע דיקע, גרויע וואָנצעס, האָב איך געוווּסט, אַז די אָפיציעלקייט איז געבליבן אויף יענער זייט טיר און אַז דאָ שטייט פאַר מיר אַ היימישער, פּוילישער ייִד, מיט וועלכן איך האָב אייגנטלעך אָנגעהויבן מיין שמועס שוין פריִער, אין וואַרשע אָדער לובלין, און דאָ פירן מיר אים ווייטער.

אָפיציעל איז שפּרינצאַק אַפילו נישט קיין פּוילישער ייִד. ער דערציילט עס מיר באַלד ביים אָנהייב פון אונדזער שמועס, און טאַקע מיטן ייִדישן לשון און מיט אַלע קנייטשעלעך פון אַ טיפּישן וואַרשעווער ייִד. צוויי ייִדן האָבן זיך געשפּאַרט וועגן זיין געבורטס־אָרט. איינער האָט געזאָגט, אַז שפּרינצאַק איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן, און אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז אין אוקראַינע. זיי האָבן זיך אַפילו געוועט. אָבער זיי האָבן ביידע פאַרשפּילט. ווייל שפּרינצאַק איז גאָר

געבוירן געוואָרן און — פּרוווט נישט טרעפן, אַ שאָד די מי — אין מאָסקווע. די עלטערן זיינע זענען געלאָפן פון קישינעוו און ווען זיי זענען אַריין קיין מאָסקווע, איז ער, דער יורש זייערער, אַרויס אויף דער וועלט. אָבער ווי אַלע אָפּיציעלקייטן, האָט אויך דער אָפּיציעלער געבורטס־אָרט זיינער געשפּילט אַ קנאַפּע ראָלע אין שפּרינצאַקס לעבן. אַלס יונגער בחור איז ער געקומען קיין וואַרשע, און דאָרט זיך אויסגעמישט מיט די פּוילישע ייִדן און פּאַקטיש געוואָרן איינער פון זיי. ער איז באַקאַנט מיט אַלע ווינקעלעך און אַלע געסעלעך פון דער אַמאָליקער וואַרשע, ווי גאָר ווייניק געבוירענע וואַרשעווער. ער איז אויסגעבונדן מיט אַלע דעמאָלט־דיקע וואַרשעווער שיכטן אויך קלאַסן, פון דער סאַמע מזרח־וואַנט אָן, פון די רבנים, שיינע ייִדן, חסידים, אַסימילאַטאָרן, ליטוואַקעס, ביז העט־העט אַראָפּ, צו די טרעגערס, ווילדע יונגען, פּרעטענזיע־געלט־נעמער. ער קען זייער לשון, זייערע ווערטלעך, זייערע ניגונים און לידער. „ווייסט איר — פרעגט ער מיך — וואָס עס זענען געווען אין וואַרשע די „קאָלעיקעס״? ניין, ער מיינט נישט די קאָלעיקעס (קליין־באַן), וואָס זענען געגאַנגען קיין גער, יאַבלאָנע אָדער גריצע, נאָר די קאָלעיקעס פון די טרעגער, פון די „שטאַרקע״, די קאָלעיקעס אויף קראַכמאַלנע אויף פּראַגע.

אָבער מער פון אַלץ קען ער די אַמאָליקע אַרבעטער־באַוועגונג אין וואַרשע, די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, די פּאַרטייען, דעם „בונד״.

איידער ער נעמט ריידן וועגן „בונד״, גיט ער מיר אַפילו אָן אַ מין אָפּיציעלע דעקלאַראַציע, אַז ער „איז פון אייביק אָן אַ ציוניסט און פריער פון אַלץ אַ ציוניסט״, באַלד קומט אָבער אַזאַ וואַרעמער און היימישער „אָבער״, וואָס מאַכט מיך גיך פאַרגעסן אין אַלע אָפּיציעלע דעקלאַראַציעס. ער האָט אַ שוואַכקייט צום „בונד״, אַ וואַרעמען סענטימענט און געבוירן געוואָרן איז דער דאָזיקער סענטימענט ביי שפּרינצאַקן אין וואַרשע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. פריער איז אים דער „בונד״ געווען גאַנץ פרעמד, אָבער אין דער צייט פון בייליס־פּראָצעס איז ער איבערראַשט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז דער „בונד״ האָט פּלוצלינג גערופן אַ שטרייק נישט, ווי זיין שטייגער, פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, נאָר אויף צו שיצן דעם נאַציאָנאַלן כבוד פון ייִדישן פאָלק, וואָס איז דורכן צאַרישן עלילת־דם־פּראָצעס באַליידיקט געוואָרן. „אַזוי — האָט ער זיך געפרעגט — מיט אַזעלכע שטרייקן פאַרנעמט ער זיך אויך?...״ ער, שפּרינצאַק, האָט דעמאָלט געזאָגט צו זיינע פּועלי־ציון־חברים, אַז אַזאַ פּאַרטיי פאַרדינט איר בכבודיקן פּלאַץ ביי ייִדן.

און פון דעמאָלט אָן איז דער דאָזיקער סענטימענט שוין געבליבן ביי אים ביזן היינטיקן טאָג. די איינציקע טענה זיינע צום „בונד״ איז נאָר געווען, פאַר־וואָס ער איז אַזאַ שאַרפער קעגנער פון ארץ־ישראל. ווען דער פירער פון „בונד״,

וויקטאָר אַלטער, וועלכן סאָוועט־רוסלאַנד האָט אומגעבראַכט צוזאַמען מיט ערליכן, איז מיט איבער צוויי צענדליק יאָר צוריק געווען אין ארץ־ישראל, האָט ער, שפּרינצאַק, דערציילט ער מיר, אים געמאַכט אַ פֿאָרשלאַג, אַז די פּועלי־ציוניסטן אין די גלות־לענדער זאָלן אַרייַנטרעטן אין „בונד" און דערפֿאַר זאָל דער „בונד" זיך אָפּזאָגן פֿון זיין קעגנערשאַפט צו ארץ־ישראל.

שפּרינצאַק איז באַקאַנט מיט דער בונדישער ליטעראַטור און פּרעסע און טאַקע פֿון דאָרט קען ער מיך. ער האָט מיך געלייענט און עס האָט קיין סך נישט געפֿעלט, זאָגט ער מיר, ער זאָל אויך קומען צו מיינער אַ לעקציע ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק, ווען ער איז געווען אין פּאַריז. אים, זאָגט ער, האָט באַזונדער פֿאַראינטערעסירט די טעמע פֿון מיין לעקציע אין פּאַריז „טשאַרלי טשאַפּלין און מנחם מענדל", ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צו גיין, אָבער דער אָפֿיציעלער כאַראַקטער פֿון זיין באַזוך אין אויסלאַנד, ווי דער „ספּיקער" פֿון דער כנסת, האָט אים געשטערט דאָס צו טון. דערפֿאַר וויל ער, איך זאָל אים כאָטש איבערגעבן דעם אינהאַלט פֿון דער לעקציע.

ווייזט זיך אַרויס, אַז נאָך איצט געפֿינט ער צייט אַפֿילו אויף צו לייענען אַ בונדיסטיש יידיש בוך. אַזוי דערציילט ער מיר, אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פֿון דעם ראָמאַן „זלאַטקע" פֿון דער באַגאַבטער שריפֿטשטעלערין מרים ראַסקין, וואָס האָט זיך געהאַט געדרוקט אין „פֿאָרווערטס" און וואָס איז אַרויס שפּעטער אין בוך־פֿאָרם אין בונדישן פֿאַרלאַג „אונדזער צייט". דער ראָמאַן שילדערט דעם ראָמאַנטישן באַגינען פֿון „בונד", ווי ער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין לעבן פֿון אַ שטיל יידיש שטעטל פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד. זיין באַגייסטערונג פֿאַר דעם ראָמאַן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט ספּעציעל אויסגעשריבן אַ צווייטן עקזעמפּלאַר פֿון בוך (מיטן ערשטן וויל ער זיך נישט שיידן) כדי צו געבן אים צו לייענען זיינע פֿריינט. זיין אַמביציע איז, אַז דער ראָמאַן זאָל איבערגעזעצט ווערן אויף העברעיש, כדי אויך זיינע ניין אייניקלעך זאָלן אים קענען לייענען און זיך באַקענען מיטן העראָישן נעכטן פֿון יידישן פֿאָלק.

די דאָזיקע אַמביציע צו באַקענען די קינדער און אייניקלעך אויך מיט די ליכטיקע זייטן פֿון יידישן לעבן אין „גלות", האָב איך, אַגב, באַמערקט ביי אַ היפּשע צאָל ציוניסטישע טוער אין ישראל, וועלכע האָבן זיך איצט געכאַפּט, אַז אַנטלויפֿנדיק פֿון „גלות", האָבן זיי אויפֿן וועג נישט נאָר פֿאַרלוירן אַ סך יידישע אוצרות, נאָר אויך טיילוויז זייערע אייגענע קינדער, וועלכע זענען געוואַקסן מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס יידישע לעבן פֿון נעכטן איז נאָר באַשטאַנען פֿון גראָשנדיקע קרעמלעך, פֿון בעטלער־טאָרבעס און פֿון פּאָגראָמען. איך וועל זיך

אויף דער פראַגע אויספירלעכער אָפּשטעלן, ווען איך וועל דערציילן וועגן דער יוגנט אין ישראל.

**
*

אומקערנדיק זיך צו זיין לעצטן באַזוך אין פאַריז, זאָגט מיר שפּרינצאַק, אַז ער קוקט מיט נישט קיין פריילעכע אויגן אויף דער צוקונפט פון ייִדישן ישוב אין פאַריז. ייִדין אַסימילירן זיך דאָרט שטאַרק. אַ סך וועלן אָפּפאַלן צוליב געמישטע חתונות. דאַקעגן רעדט ער מיט אַנערקענונג וועגן ייִדישן ישוב אין בוענאָס איירעס, וועלכן ער האָט אויך באַזוכט. פאַראַן דאָרט אַן אינטענסיוו ייִדיש לעבן, אַ ברייט־פאַרצווייגטע שול־נעץ.

פון דער ייִדישער דרום־אַמעריקע גייען מיר איבער צו רעדן וועגן ייִדישן לעבן אין צפון־אַמעריקע, וואָס ליידט שטאַרק פון מאַנגל אין נאַציאָנאַלע אַמבי־ציעס. איך זאָג אים, אַז לויט מיין מיינונג זענען אין אַ גרויסער מאָס דערין שול־דיק די ציוניסטן, וואָס פון איין זייט האָבן זיי פאַרוואַנדלט דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן אין אַמעריקע אין אַ געלט־קאַמפּיין פאַר ישראל, און פון דער צווייטער זייט פּרוּוון זיי, דורך די שליחים פון ישראל, איבערצייגן די אַמעריקאַנער ייִדן, אַז זיי דאַרפן זיך אין זייער „גלות" נישט פילן זיכער. די כוונות פון דער פּראָפּאַגאַנדע, האָב איך אים ווייטער געזאָגט, זענען קלאָר, — דורך סטראַשען די אַמעריקאַנער ייִדן מיט אַנטיסעמיטיזם און מיט מעגלעכע מאַרגנדיקע פּאָגראָמען אין אַמעריקע באַוועגן זיי צו גיין אין גרויסע מאַסן קיין ישראל און עס אויפריכטן אי מיט זייערע קאַפּיטאַלן און אי מיט זייערע פעיִקייטן און אַרבעטס־מעטאָדן, אָבער עס איז פאַר מיר אויך קלאָר, אַז אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע איז שעדלעך אַפילו פאַר ישראל. דווקא די ייִדישע מדינה דאַרף די ערשטע זיך אָפּזאָגן פון דער ציוניסטישער טעזע, אַז אין אַלע גלות־לענדער זענען ייִדן פרעמדע, אומגעבעטענע געסט, און אַז פריִער צי שפּעטער וועלן די באַלעבאַטים, די „גויִים", זיי פון דאָרט פאַרטרייבן, צי מיט קאַלטע, קולטורעלע מיטלען, אָדער גאָר מיט הייסע, מיט פייערדיקע. ווייל אויב אַזאַ פינצטערע נבואה זאָל, חלילה, טאַקע, מקוים ווערן, (אין וואָס אַפילו די ציוניסטן אין אַמעריקע גלייבן נישט) וועט דאָס באַדייטן נישט בלויז חורבן פון די ייִדן אין די גלות־לענדער, נאָר אויך פון די ייִדן אין ישראל. וואָרום, צי וועט דען ישראל קענען אײן וואָך עקסיסטירן, נאָכדעם ווי אַמעריקע וועט נעמען פאַר־פאָלגן אירע ייִדן? אָבער עס דאַרף גאָרנישט אין אַמעריקע דערגיין אַזש אַזוי ווייט, עס וועט זיין גענוג, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג זאָל נאָר ווערן „אַ ביסל אַנטיסע־מיטיש" און פאַרבאָטן אַרויסצושיקן געלט קיין אויסלאַנד, כדי די ישראל־עקאָנאָמיע

זאָל צוזאַמענברעכן. יעדער אין ישראל ווייסט דאָס, אַפילו די מפ״מניקעס, וואָס חלשן, דאַכט זיך, צו באַפרייען ישראל פון „אַמעריקעס קייטן״.

שפרינצאַק האָט מיט מיר מסכים געווען, אַז אַן אַנטיסעמיטיש אַמעריקע וואָלט געווען אַ טראַגעדיע פאַר ישראל און אַז אויך אַן אויסגעלייזדיקט יידיש לעבן אין אַמעריקע וועט שטאַרק שעדיקן די יידישע מדינה.

— איך זאָג מיינע חברים, — האָט ער מיר געזאָגט, — אַז מען טאָר נישט לאָזן אויסגיין די הון, וואָס לייגט גאָלדענע אייער. מען מוז זען צו שטאַרקן דאָס יידישע לעבן אויף די ערטער.

אונדזער שמועס גייט איבער צו מער פערזענלעכע ענינים. מען דערמאָנט נעמען פון געמיינזאַמע באַקאַנטע, פריינט און געוועזענע פריינט. צווישן די לעצטע זענען יצחק גרינבוים, ד״ר סנה (קליינבוים) און שלום אַש. שפרינצאַק דערציילט מיר, ווי זיין שטייגער, מיט אַ סך הומאָר וועגן זיינע דערפאַרונגען מיט סנהס פרי־ערדיקער אַנטי־סאָוועטישקייט און מיט זיין איצטיקער סאָוועטישקייט; מיט יצחק גרינבוימס עגאָצענטרישן ראַדיקאַליזם און מיט שלום אַשס קריסטלעכע באַ־רעדעוודיקייט.

אין מיטן פון אונדזער שמועס קומט אַריין שפרינצאַקס ווייב, חנה, אַ מיטל־ווּקסיקע פרוי, זייער באַשיידן אָנגעטאָן. דאָס חלוצישע לעבן, וואָס זי איז דורכ־געגאַנגען מיט איר מאַן אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן, האָט איבערגעלאָזט טיפע שפורן אויף איר טונקל פנים און אַפילו אויף אירע באַוועגונגען. איר מאַן שטעלט מיך פאַר איר פאָר. דערהערנדיק מיין בונדיסטישן יחוס, גיט זי, האַלב אין שפאַס, מיך אַ פרעג:

— ס׳זענען נאָך פאַראַן בונדיסטן?

— נישט פאַראַן, — ענטפער איך איר אין זעלבן טאָן, — ס׳איז געבליבן בלויז איינער אין מוזעאום. איז ער פון דאָרט אַוועק, כדי צו כאַפּן אַ שמועס מיט אייער מאַן און אין איינועגס זיך אויך שוין באַקענען מיט זיין ווייב. באַלד ווי ער ענדיקט דעם שמועס, גייט ער צוריק אין מוזעאום.

שמייכלענדיק מיט הנאה, נעמט שפרינצאַק גוטמוטיק קיבעצן זיין ווייב, אַז זי איז נאָך אַ „שאַרפערע״ ציוניסטקע פאַר אים. ווען ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל, איז זי שוין געווען אויפן פּלאַץ.

דער שמועס ווערט איצט געפירט זאַלבעדריט און אין זעלבן היימישן טאָן ווי פריִער, ביי טיי און כיבוד. אונטן, אין כנסת, איז פאַרגעקומען אַ זיצונג, אָבער שפרינצאַק האָט זי איבערגעגעבן צו פירן צו איינעם פון די וויצע־פאַרזיצערס, און ער איז געבליבן ווייטער זיצן מיט מיר און פאַרגעזעצט דעם שמועס.

פאַרן אַוועקגיין האָב איך נאָך באַרירט אַ פראַגע, וואָס האָט מיך געמאַטערט די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין ישראל און וואָס אויך היינט הערט זי מיך נישט אויף צו פאַרפּאָלגן — דאָס איז די פראַגע פון די צענדליקער טויזנטער ייִדן, וואָס וואַלגערן זיך אין די אימיגראַנטן־לאַגערן („מעברות") אין ישראל. איך האָב געזאָגט שפּרינצאַקן, אַז לויט מיין מיינונג, טאָר מען נישט האַלטן מענטשן יאָרן (טייל זיצן שוין דאָרט פיר יאָר) אין אַזעלכע בלעכענע קאַסטנס, וואָס פאַר־וואַנדלען דאָס לעבן אין אַ גיהינום. יעדן מענטש מוז מען זיכערן כאָטש אַ מינימום־עקסיסטענץ און דאָס לעבן אין די לאַגערן איז, לויט מיין מיינונג, אונטער יעדן דערלאָזבאַרן מינימום. שפּרינצאַק האָט מיט מיר נישט מסכים געווען. זיין שטאַנד־פּונקט, אַזוי אויך דעם שטאַנדפּונקט פון אַנדערע אַנגעזעענע טוער אין ישראל וועגן דער פראַגע, וועל איך איבערגעבן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

די וואָס זעען און די וואָס קוקן אַריבער

עס איז ביי מיר אַן איינגעשטעלטער מנהג, אַז ווען איך קום צום ערשטן מאָל צו פאָרן אין אַ לאַנד, אָדער אַ שטאָט, זענען צווישן די ערשטע פלעצער וועלכע איך גיי דאָרט זען — די גאַסן און קוואַרטאַלן ווו עס לעבן אַרבעטער, די אָרעמקייט — די געקריוודעטע און באַליידיקטע.

איך טו דאָס נישט אַזוי ווייט צוליב דעם, וואָס איך בין אַ סאָציאַליסט און האָב דעריבער אַ ספּעציעלן אינטערעס אינעם לעבן פון די אָרעמע גאַסן, נאָר גי־כער דערפאַר, ווייל איך האַלט, אַז דאָס פּנים פון אַ לאַנד, אַזוי אויך פון אַ שטאָט, סיי דאָס פיזישע און סיי דאָס מאָראַלישע פּנים, אַנטפּלעקט זיך ערשט דאַן, ווען מען זעט ווי עס לעבן דאָרט די אַרבעטער און די אָרעמקייט, ווייל רייכע גאַסן און שיינע פּלעצער זענען כּמעט אומעטום, אַפילו אין די אינדישע, עגיפּטישע און פּערסישע שטעט, און אויב מען זעט נישט מער ווי די פּאַראַדנע טיילן פון שטאָט, האָט מען בלויז אָנגעזעטיקט דאָס אויג. דער קאָפּ, דאַקעגן, בלייבט פּונקט אַזוי ליידיק ווי פריִער.

דאָס איז, אַגבֿ, אויך אמת וועגן אַ פּריוואַט הויז. אויב איר זעט דאָרט בלויז דאָס אויסגעפּוצטע גאַסט־צימער קענט איר האָבן אַ גאַנץ שוואַכן באַגריף וועגן דעם צושטאַנד פון הויז. ערשט ווען מען גיט אַ קוק אויך אין דער קיך און אין די טונקעלע ווינקעלעך, ווו אַ פרעמד אויג קומט געוויינלעך נישט צו, קען מען באַקומען אַ ריכטיק בילד פון דער הויז־באַלעבאַטישקייט.

איך האָב אויף מיינע רייזעס איבער פאַרשיידענע לענדער געטראָפן טוריסטן וואָס זענען געווען אין די אינטערעסאַנטסטע פּלעצער פון דער וועלט און דאָרט גאָרנישט געזען. זיי האָבן זיך אַ פּאָר טעג אָדער וואָכן אַרומגעדרייט אין אַ קעס־טעלע, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט קאָלירטע אַנזיכטס־קאַרטלעך און פאַרביקע פּראָספּעקטן פון שיינע גאַסן, רייכע האָטעלן, פּיקאַנטע פאַרוויילונגס־ערטער, גע־

בויגענע קעלנער, פּריינטלעכע שאָפערן, היסטאָרישע פּלעצער און אימפּאָזאַנטע מאָנומענטן, לעבן וועלכע די מערסטע פון זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט און אָראָפּ־גענומען „פּיקטשורס". („איך און די פּיראַמידן", „איך און נאַפּאָלעאָן", „איך און דוד המלכס קבר" אד"גל). דערנאָך זענען זיי אָוועקגעפאָרן צו אַן אַנדער קעסטעלע און אַזוי אַרום „געזען די וועלט"...

אויך ישראל האָט אַ היפּש ביסל אַזעלכע טוריסטן, ספּעציעל אַמעריקאַנער. זיי דרייען זיך אַרום אַ פּאָר וואָכן אין אַ קאָלירט קעסטעלע. מען פירט זיי אַרום אין פאַרשיידענע אינטערעסאַנטע און היסטאָרישע פּלעצער, מען ווייזט זיי אַ פּאָר שיינע בילדער פון אַלטן און נייעם ארץ־ישראל (און ישראל האָט וואָס צו ווייזן), מען האַלט פאַר זיי פּאַטריאָטישע רעדעס, מען גיט זיי אַ פּעקל מיט פאַרביקע פּראָספּעקטן און מען זעצט זיי צוריק אַריין אין די באַקוועמע אויטאָמאָבילן אָדער אויטאָבוסן, וואָס פירן זיי צוריק אין די האָטעלן — זיי האָבן שוין אַלץ געזען.

געוויינלעך זענען אַזעלכע טוריסטן גאַנץ ווילע יידן, מיט הערצער, וואָס זענען פול מיט ליבשאַפט פאַר ישראל און מיט גוטע כוונות אַלץ צו זען „מיט די אייגענע אויגן", אָבער זיי זעען אַ סך ווייניקער ווי „אַלץ", און אַפילו דאָס וואָס זיי זעען שוין יאָ, זעען די מייסטע פון זיי אויך אַנדערש ווי מען דאַרף עס זען.

אין ישראל איז מיר טאַקע אויסגעקומען צו הערן אַ סך וויצן און ווערטלעך וועגן אַזעלכע טוריסטן, וואָס זעען און זעען און... זעען גאָרנישט.

איינער אַזאַ וויץ איז דאָרט באַזונדער פּאָפּולער:

אַ ייִד קומט אויף יענער וועלט, אָט ווי פּרצעס ייִד פון די „דריי מתנות" — מיט צוויי גלייכע זעקעלעך: אַ זעקעלע מצוות און אַ זעקעלע עבירות. מען לייגט זיי אַרויף אויף דער וואָגשאָל — בלייבט דאָס צינגעלע שטיין אין דער מיט: נישט אַהין און נישט אַהער. דער ייִד האָט פּונקט אַזוי פיל מצוות ווי עבירות. איז וואָס טוט מען מיט אַזאַ ייִדן? וווהין שיקט מען אים: אין גן־עדן, אָדער אין גיהנום? באַשליסט דער רבונו של עולם אין זיין גרויסן חסד צו געבן דעם ייִדן די ברירה: ער קען גיין וווהין ער וויל, אָדער אין גן־עדן, אָדער אין גיהנום.

איז ער, אָבער, אַ ייִד אַ סוחר, וויל ער נישט קויפן קיין קאַץ אין זאַק. „מען דאַרף", — זאָגט ער, — „פריִער אַ קוק טאָן און ערשט נאָכדעם וועט מען באַשליסן".

הייסט זיך דער ייִד פריִער אָוועקפירן אין גיהנום. קומט ער אַהען און ווערט נתפּעל: אַ בילבול אויסגעטראַכט אויפן גיהנום! ווער ברענען, וואָס ברענען? עס איז דאָרט לעבעדיק און פריילעך. טייל טאַנצן, אַנדערע פאַרברענגען ביים בופעט,

וואָס איז אָנגעשטעלט מיט כל־טוב און נאָך אַנדערע זיצן גאָר ביי טישלעך און זענען אַריינגעטון אין אַ געשמאַקן פּאַקער. געפעלט אים דער ענין, אָבער פונ־דעסטוועגן וויל ער נאָך נישט באַשליסן: מען דאַרף נאָך אויך צוגיין אין גן־עדן און כאַפּן אַ קוק מיט די אייגענע אויגן ווי דאָרט זעט אויס.

פירט אים דער זעלבער מלאך באַלד אַוועק אין גן־עדן, אָבער דאָרט ווערט ער גראָד נישט נתפּעל. עס איז טאַקע גאַנץ שיין, אָבער לאַנגווייליק. ייִדן זיצן אונטער געדיכטע שמעקעדיקעביימער און לערנען תורה, איינער גיט אַ מאָל אַ זופּ דעם בעכער ווייַן, וואָס שטייט לעבן אים, און גראָבט באַלד ווידער אין די אויגן אין ספר. אויף דער צווייטער זייט, אין „עזרת נשים", זיצן ווייבער איבער נייע „צאינה־וראינהס" און ווישן די אויגן מיט זייערע ברייטע טערקישע שאַלן.

„וואָסער נחת קען אַזאַ ייִדע, ווי איך, דאָ דערלעבן?" האָט ער זיך געטראַכט.

אויף צו מאָרגנס איז דער ייִד גלייך אַוועק צום רבונו של עולם מיט זיין באַשלוס: „איך וויל גיין אין גיהנום".

„גוט" — האָט געענטפערט דער האַר פון די וועלטן און געגעבן אַ ווונק צו אַ מלאך ער זאָל טון דעם ווילן פון דעם ייִדן.

אין אַ מינוט אַרום איז שוין דער ייִד געווען ביי די טויערן פון גיהנום. נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַריבערצוטרעטן די שוועל, האָבן אים אַרומגערינגלט אַ מחנה רויטע שדימלעך מיט בלאַנקענדיקע שפּיזן. איינער האָט אים אָנגעכאַפּט ביי איין פוס, אַ צווייטער — ביים אַנדערן פוס, אַ דריטער ביי דער רעכטער האַנט, אַ פערטער ביי דער לינקער האַנט, אַ פינפטער ביים קאָפּ, און זיי האָבן גענומען אים שלעפּן גלייך צו אַ ברענענדיקער פאַס סמאָלע, וואָס אירע פייערדיקע צונגען האָבן שוין דערגרייכט צו זיין פּנים.

„וואָס טוט זיך דאָ?" — האָט דער ייִד גענומען שרייען אַ פאַרציטערטער — דאָס איז ס׳גיהנום? כ׳בין דאָך דאָ ערשט נעכטן געווען און עס האָט אויסגעזען גאָר אַנדערש! אינגאַנצן אַנדערש!"

— נעכטן? — האָט אים געלאַכט גלייך אין פּנים אַריין אַ קליין רויט שדל און זיך געהאַלטן ביי די זייטן — נעכטן ביסטו דאָך דאָ געווען אַלס טוריסט.

***

ווי אין די מיינסטע וויצן, איז אויך אין דעם דאָזיקן וויץ פאַראַן אַ קערנדל אמת. אַ סך פלעצער ווערן פאַרן טוריסט אַנדערש „סערווירט" ווי פאַרן נישט־טוריסט. דערפאַר טאַקע האָב איך זיך באַמיט אויך ביי מיין באַזוך אין ישראל,

אַזוי ווי אין אַנדערע לענדער, צו זיין וואָס ווייניקער טוריסט און וואָס ווייניקער זיך לאָזן פירן. איך בין אַרומגעפאָרן איבער די קיבוצים און איבער די שטעט נישט ווי אַ טוריסט, נאָר ווי אַן אייגענער, וואָס וויל פון גאַנצן האַרצן זען דאָס ליכטיקע, דאָס פריידיקע, וואָס איז נאָר פאַראַן צו זען. אָבער וואָס וויל אויך נישט פאַרזען דאָס טונקעלע, דאָס טרויעריקע.

אויך אין די אימיגראַנטן־לאַגערן, פּונקט ווי אין קיבוצים, אין אילת ווי אין חיפה, בין איך אַרומגעגאַנגען אַליין, אָן טוריסטן־באַגלייטער, אַריינגעגאַנגען ווי אַן אייגענער, און דערפאַר טאַקע האָב איך דאָרט, אין די לאַגערן, געזען אַזוי פיל טרויער און דערפאַר טאַקע בין איך פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען אַזאַ צעוויטיקטער און דערשלאָגענער.

דאָרט טאַקע, אין די לאַגערן, האָב איך זיך דערמאָנט אין טאָלסטאָיס באַרימטן וואָרט, אַז מען קען נישט קענען קיין לאַנד, אויב מען זעט נישט זיינע תפיסות.

„און זיינע לאַגערן״ — האָב איך אין געדאַנק צוגעגעבן...

***

דער ערשטער, מיט וועמען כ'האָב זיך געטיילט מיט מיינע איינדרוקן פון די לאַגערן (מעברות), איז געווען דער כנסת־פּרעזידענט, יוסף שפּרינצאַק, וועלכער איז, לויט מיין מיינונג, דער פאָלקסטימלעכסטער ייִד פון צווישן די מדינה־פירער אין ישראל.

אויף מיינע טענות, אַז מען האָט נישט געטאָרט אַראָפּברענגען ייִדן, כדי זיי צו האַלטן אַ צייט לאַנג אין אַזעלכע שוידערלעכע באַדינגונגען, האָט ער געענט־פערט, אַז עס איז קיין אַנדער ברירה נישט געווען. די ייִדן האָבן זיך געפונען אין אַ געפאַר אומצוקומען, און ווי די באַדינגונגען אין די לאַגערן זאָלן נישט זיין שלעכט, איז זיי דאָרט אַלץ בעסער, ווי ווען זיי וואָלטן געבליבן אין זייערע לענדער, אויסגעשטעלט אויף שנאה און פּאָגראָמען.

איר דאַרפט געדענקען, — האָט מיר ווייטער געזאָגט שפּרינצאַק, — אַז די מיינסטע ייִדן וואָס געפינען זיך אין די מעברות זענען פון די מזרח־לענדער, ווו זיי האָבן געלעבט נישט נאָר אין רעכטלאָזיקייט, נאָר אויך אין דער שרעקלעכסטער נויט. מיינט איר טאַקע, אַז אין די ליימיקע גריבער אין תימן, אָדער אין די גע־טאָס פון מאַראָקאָ, טוניס, צי אַלזשיר, האָבן די ייִדן געלעבט בעסער ווי אין די מעברות? דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס דאָרט, פון יענע גריבער, האָבן זיי קיין שום האָפענונג נישט געהאַט ווען עס איז אַרויסצוקומען, בעת אין די מעברות זענען

זיי נאָר צייטווײַליק: עס וועט אפשר געדויערן אַ ביסל לענגער, אָבער זיי וועלן אַרויס פון דאָרט. מיר האָבן דאָך געהאַט איבער זיבן הונדערט טויזנט נייע עולים אין די מעברות. זענען מער ווי פינף הונדערט טויזנט שוין אַרויסגענומען געוואָרן פון דאָרט. ווען מען וואָלט מיר געזאָגט ביים אַנטשטיין פון דער מדינה, אַז מיר וועלן אין פאַרלויף פון 5 יאָר צייט איינאָרדענען אַ קנאַפּן האַלבן מיליאָן ייִדן, וואָלט איך נישט געגלויבט.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קען נאָך באַרעכטיקן דאָס האַלטן אין די לאַ־געגען ייִדן, וואָס האָבן פון זייער אייגענעם ווילן געוואָלט פאַרלאָזן זייערע לענדער, ווו זיי זענען געווען דירעקט באַדראָט (ווי אין תימן, למשל). אָבער כ׳האָב גע־טראָפן אין די לאַגערן אַ סך ייִדן, וואָס זענען אין זייערע לענדער נישט געווען אין סכנה און וואָס וואָלטן נישט געקומען, ווען ישראל־שליחים זאָלן זיי נישט רופן, צוזאָגנדיק זיי אין ישראל גאָר אַן אַנדער לעבן ווי דאָס וואָס זיי האָבן אין די לאַגערן.

איך קען אויך נישט פאַרשטיין, האָב איך געזאָגט, נאָכדעם ווי איך האָב געזען אין וואָסערע שוידערלעכע באַדינגונגען עס לעבן די איבער צוויי הונדערט טויזנט ייִדן אין די מעברות, ווי אַזוי די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון ישראל האָבן לעצטנס געקענט אַרויס מיט דעם באַרימטן רוף צו סאָוועט־רוסלאַנד: „שלח את עמי״ — שיק אַרויס מיין פאָלק. לאָמיר אָננעמען אויף איין מינוט, אַז כרושטשעוו וועט מסכים זיין צו מאַכן פאַר „זיינע״ ייִדישע בירגער אַן אויסנאַם פון אַלע „זיינע״ אַנדערע בירגער און פאַר זיי עפענען די טויערן. איז ווו וועט מען, נאָכן אָפּגע־האַלטענעם „ניצחון״, איינאָרדענען די דאָזיקע הונדערטער טויזנטער ייִדן? אין די זעלבע בלעכענע גיהנום־קאַסטנס? און אויב היינט זיצן שוין אין די לאַגערן ייִדן פיר יאָר צייט און מען האָט זיי נאָך אַלץ פון דאָרט נישט אַרויסגענומען — און מען קען אַפילו נישט זאָגן ווען דאָס וועט געשען — ווי לאַנג וועט מען דאָרט דאַרפן האַלטן די נייע עולים פון די סאָוועטישע לענדער? דאַרף עס נישט זיין די ערשטע אויפגאַבע פון יעדן ייִדן אין ישראל פריִער פאַר אַלץ אָפּצווישן פון לאַנד דעם דאָזיקן פלעק, וואָס רופט זיך „מעברות״ און וואָס מאַכט טיפער און טיפער אין דער יונגער ייִדישער מדינה דעם אָפּגרונט צווישן אָרעם און רייך, צווישן „אויבן״ און „אונטן״, און ערשט דערנאָך טראַכטן וועגן אַריינברענגען נייע עולים?

שפּרינצאַק האָט מיר דערויף געענטפערט, אַז לויט זיין מיינונג איז אויך פאַר די ייִדן, וואָס האָבן זיך כלומרשט געפילט זיכער אין זייערע לענדער, בעסער, וואָס זיי געפינען זיך אין די מעברות אין ישראל, ווי אין זייערע הייזער אין דער

אַלטער היים. דאָרט זענען זיי געווען באַדראָט, צי זיי האָבן דאָס אַליין געזען אָדער נישט. אויב היינט איז נישטאָ קיין דירעקטע געפאַר, וועט זי זיין מאָרגן. און וואָס שייך די צוזאָגן, וואָס מען האָט זיי געגעבן, האַלטן אין דעם פּרט אויך רייכערע לענדער נישט קיין וואָרט. ערשט נישט לאַנג האָט שפּרינצאַק געלייענט, אַז אין אויסטראַליע איז די לאַגע פון די ענגלישע אימיגראַנטן, וואָס זענען אַהין אַראָפּ־געבראַכט געוואָרן, נישט בעסער. די אויסטראַלישע רעגירונג האָט די ענגלענדער צוגעזאָגט גאָלדענע בערג און ווען זיי זענען געקומען, האָבן זיי אַפילו קיין פּרי־מיטיווע וווינונגען נישט געטראָפן. דאָרט האָט מען געהאַט בלויז איינצואָרדענען 90 טויזנט נייע אימיגראַנטן. אויסטראַליע איז אַ גרעסערע און רייכערע מדינה ווי ישראל און זי געפינט זיך אויך נישט אין קיין פּאַקטישן קריגס־צושטאַנד.

וואָס שייך די סאָוועטישע ייִדן, גיט זיך שפּרינצאַק אָפּ אַ רעכענונג, אַז אויב זיי וועלן קומען קיין ישראל, וועט מען פון זיי דאָ האָבן אַ סך צרות. ווער ווייסט וויפל פון זיי עס וועלן שפּעטער אַגיטירן פאַרן סאָוועטישן „גן־עדן”? פונדעסטוועגן האַלט ער, אַז אויב מען וועט נאָר זיי אַרויסלאָזן, דאַרף מען זיי ברענגען קיין ישראל, אָן אונטערשייד צי מען וועט פאַר זיי האָבן דירות אָדער נישט. מען מוז אויסנוצן אַזאַ געלעגנהייט, ווייל באַלד קענען זיך די טויערן פאַרהאַקן און ווער ווייסט, צי נישט אויף אייביק.

אויך אין מיינע געשפּרעכן מיט אַנדערע פירער פון דער מדינה און מיט אַרבעטער־טוער אין ישראל האָבן די לעצטע אַרויסגעזאָגט די זעלבע מיינונג:

— בעסער אין די מעברות, ווי דאָרט, אין גלות. אַלע דאַרפן קומען. צי פריִער צי שפּעטער וועט מען דאָך דאָ אַלע איינאָרדענען. די שוועריקייטן וועלן אַוועק און די ייִדן וועלן בלייבן.

ווען איך האָב געהערט אַזעלכע רייד פון פּשוטע ייִדן פון גאַס, דאָס הייסט, פון אַלט־געזעסענע ישראל־ייִדן („ותיקים”) האָב איך זיך אינגאַנצן נישט געוווּנ־דערט. איך האָב געוווּסט, אַז זיי ווייסן פּשוט נישט ווי עס לעבן די ייִדן אין די לאַגערן. עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז ניין צענטל פון די ישראל־בירגער האָבן די צווייטע זייט פון אַ מעברה־טויער נאָך פאַר די אויגן נישט געזען. דאָס איז אפשר דאָס ביטערסטע געפיל פון די ייִדן אין די לאַגערן — דאָס געפיל, אַז מען זעט זיי גאָרנישט, אַז זיי זענען אַוועקגעוואָרפענע, פאַרגעסענע.

אָבער די פירער פון דער מדינה און די טוער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל ווייסן וואָס עס טוט זיך אין די לאַגערן און אַ היפּשע צאָל פון זיי האָבן גאַנץ וואַרעמע מענטשלעכע הערצער צו פילן דעם ווייט פון אַ לאַגער־ייִד.

און אויב זיי האַלטן פונדעסטוועגן דאָס נישט פאַר קיין גרויסער טראַגעדיע

און זיי זענען גרייט אַריינצובריינגען נייע הונדערטער טויזנטער ייִדן אין די לאַ־גערן אַריין, איז עס צוליב זייער ציוניסטישער איינשטעלונג צו דער פּראַגע פון ייִדישער זיכערקייט אין גלות און בכלל צום ייִדישן לעבן אין גלות.

זיי האַלטן, אַז ווי ייִדן זאָלן זיך נישט פילן זיכער אין זייערע גלות־היימען, איז עס נישט מער ווי אַן איינגערעדטע זיכערקייט. זייערע הייזער שטייען אויף זאַמד, און אויב זיי ווייסן דאָס נישט, דאַרף מען זיי נאָר באַדויערן. ווען זיי וועלן זיך עס דערוויסן, קען שוין זיין צו שפּעט. זייער לאַגע איז פּאַקטיש אַן ערגערע ווי די לאַגע פון די ייִדן, וואָס זיצן אין די מעברות אין ישראל. אמת, די ניי־געקו־מענע מוטשען זיך דערווייל אין די לאַגערן, אָבער דאָס איז נישט קיין טראַגעדיע. „מיר האָבן זיך אויך געמאַטערט, ווען מיר זענען מיט 30 יאָר צוריק אַהערגע־קומען". די וויכטיקסטע זאַך איז, מען זאָל וואָס פריִער אויסליידיקן די גלותן און פולער מאַכן די ייִדישע מדינה. דאָס איז דער איינציקער וועג צו לייזן די ייִדן־פּראַגע. דאָס איז דער איינציקער וועג ווי אַזוי צו באַשיצן ייִדן פון פּאָגראָמען און שמד און ווי צו באַשיצן די ייִדישע מדינה פון די שונאים. אַ ישראל מיט מיליאָנען ייִדן וועט בעסער קענען פּאַרטיידיקן אירע גרענעצן. אַז היינט איז אין ישראל נישט גוט? — וועט מאָרגן זיין גוט. דער אַלטער דור (דער דור המדבר), וואָס איז די לעצטע יאָרן געקומען פון די גלות־לענדער, ליידט און מוטשעט זיך? נישט קיין אומגליק! דערפאַר וועט דער קומענדיקער דור שוין זיין אינגאַנצן אויסגעלייזט.

און אַז מען קוקט מיט אַזעלכע פינצטערע אויגן אויף דעם ייִדישן לעבן אין די גלות־לענדער, און אַז מען קוקט אַריבער מיט אַזעלכע ליכטיקע אויגן צום קומענדיקן דור, קומט שוין נישט אָן אַזוי שווער אויך אַריבערצוקוקן איבער די לאַגערן...

„ווייסע‟ און „קאַלירטע‟ ייִדן

ווי זענען די באַציִונגען צווישן די „ווייסע״ און „קאַלירטע״ אין ישראל?

פאַראַן אַ מיינונג אין ישראל, אַז עס זענען אינגאַנצן קיין באַציִונגען נישטאָ. איבערהויפּט צווישן די עלטערע. מען ווױנט אַפּ יאָרן צוזאַמען אויף איין הויף, אָדער אין איין לאַגער, און מען בלייבט זיך פולשטענדיק פרעמד. יעדער לעבט זיך אין זיין אייגענער אָפּגעזונדערטער וועלט, צו וועלכער דער אַנדערער האָט נישט דעם מינדסטן חשק זיך צו דערנענטערן.

די דאָזיקע מיינונג איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. די אָפּגעזונדערטקייט איז נישט אַזאַ הונדערט־פּראָצענטיקע. איך אַליין האָב אויף פיל פלעצער געטראָפן קאַלירטע ייִדן אַרבעטן צוזאַמען און אַפילו פאַרברענגען צוזאַמען מיט ווייסע ייִדן. איך האָב זיי געזען צוזאַמען ביי די עפנטלעכע אַרבעטן אויף די וועגן אַרום תל־אביב, חיפה, ירושלים און אויך אין נגב. איך האָב זיי געזען צוזאַמען אין די לאָקאַלן פון דער „הסתדרות״, אין די מיליטערישע קלובן, און איך האָב זיי אַפילו געזען טאַנצן צוזאַמען אויפן קבר פון ר׳ שמעון בן יוחאי אין מירון, הינטער צפת.

אָבער עס וועט זיך נישט געפינען קיין איין מענטש אין ישראל, וואָס זאָל פּרוּוון זאָגן, אַז די אָפּגעזונדערטקייט צווישן די ווייסע און קאַלירטע ייִדן (אין ישראל רופט מען זיי „שוואַרצע ייִדן״) עקסיסטירט נישט, אָדער אַז זי איז נישט פאַרבונדן מיט טיפן קעגנזייטיקן אומצוטרוי, אויב נישט טאַקע שנאה.

פאַרשטייט זיך, אַז מען קען אַלע קאַלירטע ייִדן נישט אַריינלייגן אין איין טאָפּ, פּונקט ווי מען קען נישט אַריינלייגן אין איין טאָפּ אַלע ווייסע ייִדן. איך האָב געטראָפן ווייסע ייִדן, וואָס האָבן געקוקט מיט מער אַנטיפּאַטיע און אומצוטרוי אויף אַ צווייטער פעלקער־גרופּע פון ווייסע ייִדן, ווי אויף קאַלירטע ייִדן. איינע אַזאַ באַגעגעניש האָט אויף מיר געמאַכט אַ באַזונדערס פיינלעכן איינדרוק. דאָס איז געווען אין רמלה, ווו טויזנטער ייִדן פון די נייע עולים, ווייסע און קאַלירטע,

ב. שעפּנער

אָבער מיינסטנס בולגאַרישע ייִדן, זענען באַזעצט געוואָרן אין די פּאַרלאָזענע אַראַבישע הייזער. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די פינצטערע, האַלב־איינגעפּאַלענע הייזער עטלעכע שעה און געשמועסט מיט ייִדן פון פּוילן, פון ליטע, פון רומעניע. איז פון וואָס מיר זאָלן נישט האָבן אָנגעהויבן רעדן, איז מען באַלד אַרויסגעקומען אויף די בולגאַרישע ייִדן, וואָס זייערער אַ לאַנדסמאַן איז דער פּרעזידענט פון שטאָט. מיינע מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן האָבן מיך דווקא געוואָלט איבערצייגן, אַז פון אַלע ייִדן אויף דער גאַנצער וועלט, ווייסע און קאָלירטע, זענען די בולגאַרישע ייִדן די ערגסטע, און אַז עס איז שוין בעסער צו זיין „אין גלות" ביי די שוואַרצע ייִדן, ווי ביי די בולגאַרישע.

די זעלבע דערשיינונג קענט איר אויך טרעפן צווישן די קאָלירטע ייִדן. דער דורכשניטלעכער עולה פון איראַק וועט גיכער וועלן זיין אין „גלות" ביי אַ ווייסן ייִדן, ווי ביי אַ תימנער ייִדן. אויף אַ תימנער ייִדן קוקט געוויינלעך אַן איראַקער מיט דער פאַראַכטונג, מיט וועלכער עס האָט געקוקט אַ פּוילישער פּריץ אויף זיין ייִדישן דאָרף־שניידער. ער איז פון אַ נידעריקער ראַסע, אַ שלעפּער. די מיינסטע איראַקער האַלטן פיזישע אַרבעט פאַר אַ דערנידעריקונג פון מענטשלעכן כבוד און נישט אַרבעטן פאַר אַ סימן פון יחוס, בעת דער תימנער, ווי דראָבנע ער איז נישט, וויל אַרבעטן און קען אַרבעטן. אַזוי דאַכט זיך קענט איר אים אַדורכציִען דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל, אָבער אַז עס קומט צו אַרבעט, קען ער בערג איבער־קערן. דאָס מאַכט אים ענלעך צום געלען יאַפּאַנער און נעענטער צום ווייסן ייִדן. פון דער תימנער עליה האָט דאָס „ווייסע" ישראל אַמווייניקסטן קאָפּ־ברעכעניש. מיטן תימנער איז אַמלייכטסטן אַדורכצוקומען. ער איז נישט קיין שווערע „פּראָב־לעם" פאַרן לאַנד. ער אַרבעט און קרעכצט נישט. ער איז אַ שמח־בחלקו. איך האָב געטראָפן תימנער ייִדן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, אָבער נאָר איינער פון זיי האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט און געבענקט נאָך תימן. אַלע איבעריקע האָבן אויף דער פראַגע ווי עס גייט זיי, געהאַט דעם זעלביקן ענטפער:

— ברוך־השם.

און דערביי אויפגעהויבן די אייגעלעך צום הימל און פרום אַ קוש־געטון די אייגענע האַנט־פלאַך: „ברוך־השם".

דעם תימנער ייִדן, וואָס האָט יאָ געקרעכצט, האָב איך טאַקע באַגעגנט אין „בולגאַרישן" רמלה. ער איז געזעסן איינער אַליין אויף דעם טונקעלן געלעגער אין זיין חורבה, און געמאַכט מיט די ליפּן. אויף אונדזער באַגריסונג (איך בין געווען ביי אים צוזאַמען מיט מיין פריינט מ. צאַנין) האָט ער געענטפערט מיט אַ פריינטלעכן „שלום" און דערביי מיט דרך־ארץ געשאָקלט מיטן קאָפּ, לאָזנדיק

אין באַוועגונג זיין שיטערע שוואַרצע באָרד און זיינע צעשויבערטע לאַנגע פאות, וואָס האָבן אים דערגרייכט ביזן אַקסל. שווער געווען צו טרעפן זיין עלטער: אפשר דרייסיק און אפשר גאָר זעכציק. אויף דער פראַגע ווי עס גייט אים, האָט ער געענטפערט מיט אַ קרעכץ: „לא טוב" (נישט גוט). זיין העברעיש האָט גיכער געקלונגען ווי אַראַביש און מען האָט זיך געדאַרפט שטאַרק אָנשטרענגען צו כאַפּן אַ וואָרט. קיין אַרבעט האָט ער נישט, בלויז איין ווייב האָט ער. ער האָט געהאַט פיר — וויזט ער מיט פיר פינגער פון דער האַנט און גיט אַ קרעכץ, וואָס קומט פון די טיפענישן פון האַרצן און וואָס צילט, זעט אויס, אַרויסצורופן אונדזער באַזונדערן מיטגעפיל. פיר ווייבער, אָבער דאָס איז געווען דאָרט, אין תימן, איצט האָט ער נישט מער ווי איינע. ער האָט געהאַט צען קינדער, זענען אים געבליבן צוויי, „ברוך־השם", זאָגט ער און גיט זיך אַ קוש אין דער האַנט־פלאַך. דאָס ווייב און די קינדער פאַרדינען אַ ביסל, זיי גייען רוימען אין באַלעבאַטישע הייזער. פון דעם לעבט מען, „לא טוב".

איז דער, פרעגן מיר אים, דאָרט, אין תימן, געווען בעסער? יאָ, ענטפערט ער, עס איז געווען דאָרט בעסער. פיר ווייבער, חזרט ער איבער, און אַפילו „בשר בשבת" — פלייש אום שבת. „אָבער דאָרטן זענען געווען גזירות? דער מלך האָט געפּייניקט די ייִדן?" — פרעגן מיר. „לא", ענטפערט ער ענערגיש, אָננעמענדיק זיך פאַרן כבוד פון זיין תימנער מלך. „רק מורדי במלכות" בלויז, הייסט עס, בונטאָווטשיקעס, האָט מען דאָרט פאַרפאַלגט (ער וויזט דערביי מיטן פינגער אויפן האַלדז), אָבער די אַנדערע ייִדן — נישט. ער האָט נישט געהערט צו די בונטאָווטשיקעס, האָט ער געלעבט רויִק, געהאַט 4 ווייבער און אַפילו פלייש אום שבת.

פון דעם גאַנצן ווילטאָג, וואָס ער האָט געהאַט אין תימן, בענקט ער, זעט אויס, אַממייניסטן נאָך די פיר ווייבער. וויפל מאָל מיר האָבן אים נישט אַוועקגע־פירט פון דעם פונקט, האָט ער זיך אַלץ צו אים אומגעקערט. ווען מיר זענען שוין געווען ביי דער טיר, האָט ער נאָך אַלץ איבערגעחזרט: „אַרבע נשים" — פיר ווייבער.

אויף צווישן די צופרידענע תימנער ייִדן געפינען זיך אַ היפּשע צאָל, וואָס גיבן פון צייט צו צייט אַ באַהאַלטענעם קרעכץ אויף דער גזירה פון די „שקינאַזים" נישט צו האָבן מער ווי איין ווייב. פון אַלע „ווייסע" גזירות לייגט זיך זיי די דאָזיקע גזירה אַמווייניקסטן אויפן שכל.

**
*

ב. שעפּנער

פאַראַן נאָך אַ ווייסע גזירה, וואָס איז פאַר די תימנער ייִדן שווערלעך צו באַנעמען (פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי שווער ווי די „גזירה” קעגן פּיל־ווייבעריי) — האָט איז היגיענע. דאָ שפּיי נישט, דאָ ניס נישט, דאָ עס נישט מיט די הענט, דאָ עפן דאָס פענצטער. — טשיקאַווע באַשעפעניש די דאָזיקע „שקינאַזים”...

אויפן געביט פון היגיענע איז אַ סך שוין דערגרייכט געוואָרן צווישן די קאָלירטע ייִדן אין ישראל. אָבער עס איז נאָך געבליבן אַ היפּשער וועג דורכצוגיין. דאָס אייגענע פּינטלעכע לעבן און דער טיפער אומצוטרוי צו די ווייסע ייִדן מאַכט דעם עלטערן דור פון די קאָלירטע פאַר גאַנץ סקעפּטישע אויפנעמער פון די עלעמענטאַרסטע פאָרשריפטן און געזעצן פון היגיענע. די ישראל־רעגירונג שיקט אין די לאַגערן און קאָלאָניעס פון די קאָלירטע ייִדן ספּעציאַליסטן־דאָקטוירים, מיט לעקציעס, ווי אַזוי אָפּצוהיטן דאָס געזונט און זיך צו שיצן פון קלעפּיקע קראַנקהייטן, אָבער קיין באַזונדערן דערפאָלג ביים עלטערן דור האָט נישט די דאָזיקע אויפקלערונג. איינער פון די דאָזיקע אויפקלערער איז דער באַקאַנטער ווילנער דאָקטאָר מ. דוואָרזשעצקי, וועלכער האָט פאַר זיין בוך וועגן ווילנער געטאָ באַקומען די ישראל־פּרעמיע פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן. ער האָט מיר דערציילט זיינע אינטערעסאַנטע דערפאַרונגען צווישן די קאָלירטע ייִדן. איין עפּיזאָד, וואָס ער האָט מיר איבערגעגעבן, איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַציִונגען פון די קאָלירטע ייִדן צו די „היגיענע־גזירות” פון די ווייסע ייִדן:

ער, ד״ר דוואָזשעצקי ,האָט געהאַלטן אין אַ לאַגער פון תימנער ייִדן אַ לעקציע וועגן דער וויכטיקייט פון היגיענע. האָט ער זיי, צווישן אַנדערן, געזאָגט, אַז ווען אַ מענטש גיט אַ ניס, איז כדי נישט צו באַשפּריצן זיין שכן, דאַרף ער זיך פאַרשטעלן מיט דער האַנט דאָס מויל, ווייל אין שפּייעכץ זענען פאַראַן אַזעלכע קליינינקע ווערעמלעך, באַצילן, וואָס קענען איבערטראָגן פאַרשיידענע קראַנקהייטן פון איין מענטש צום צווייטן. האָבן די תימנער ייִדעלעך אויסגעהערט און זייערע אייגעלעך האָבן געשמייכלט מיט אומצוטרוי: „שקינאַזישע דריידלעך”. דער דאָקטער האָט ווייטער גערעדט, אָבער זיי האָבן זיך נישט צו שטאַרק צוגעהערט, מיטאַמאָל איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט אַריינגעברענגט הייטערקייט צווישן עולם: דער „ווייסער” סעקרעטאַר פון לאַגער, וועלכער האָט געפירט דעם פאָרזיץ אויף דער לעקציע, האָט אַ נאָס געטוּ און זיך פאַרשטעלט דאָס מויל. איז אויסגעבראָכן אַ הילכיקער געלעכטער. דער „שקינאַזי”, האָבן די תימנער זיך געטראַכט, האָט שוין נעכאַפּט די תורה פון „שקינאַזישן” דאָקטער. נישט אַנדערש, דאָס איז ביי זיי געווען אַ צוגעגרייטער פּלאַן, כדי אַריינצונאַרן אין זאַק די ספרדישע ייִדן. שטעלט זיך

אויף דער סעקרעטאַר און פֿאַרזיכערט, אַז ער ווייסט שוין פֿון פריִער, נאָך פֿאַר דער הייַנטיקער לעקציע, אַז מען דאַרף זיך פֿאָרשטעלן דאָס מויל בעת מען ניסט. דאָ איז דאָס געלעכטער געוואָרן נאָך גרעסער: „שקינאַזישע באַרימערײַ... אַלץ ווייסן זיי דאָך פֿון פריִער"... ווער ווייסט צי ד"ר דוואָזשעצקי וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט צו פֿאַרענדיקן די לעקציע, ווען ער זאָל נישט פּלוצלינג אויסרופֿן:

— משה רבינו האָט געזאָגט... „והייתם לי קדושים", און הייליק זאָלט איר מיר זייַן, רייַן זאָלט איר זייַן.

דאָס איז ביים דאָקטער אַן אויסגעפּרוּווט מיטל אויף אַרויסצורופֿן דרך־ארץ צו היגיענישע פֿאַרשריפֿטן. אַז ער זעט עס האַלט שלעכט, גיט ער אַ פּאַטש אין דער לופֿט מיט דער הייליקער תורה, מיט משה רבינו. און אַז די פֿרומע תימנער ייִדעלעך דערהערן, אַז נישט בלויז דער „שקינאַזישער" דאָקטער, נאָר אַז אויך אונדזער משה רבינו האָט געהייסן אָפּהיטן היגיענע, שפּיצן זיי אָן די אויערן, דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש!

**
*

יאָ, אַפילו די תימנער האָבן נישט קיין באַזונדערן צוטרוי צו די ווייסע ייִדן, ווער שמועסט די איראַקער, די מאַראָקאַנער, די אינדיער. באַזונדערס ווערט גרעסער דער אומצוטרוי, ווען עס ווערט גרעסער די אַרבעטסלאָזיקייט. ווען די קאַלירטע ייִדן קומען אין דער „לשכת העבודה" (אַרבעטס־אַמט) און דער ווייסער באַאַמטער זאָגט זיי צום צוואַנציקסטן מאָל, אַז קיין אַרבעט איז נישטאָ, גייען זיי אַוועק מיט דעם פֿאַרדאַכט, אַז נאָר פֿאַר זיי איז, קיין אַרבעט נישטאָ, פֿאַר די ווייסע איז דאָ. אַלץ האָבן די ווייסע, די רעגירונג, די הייזער, די אַרבעט.

ווען איך בין געווען אין ישראל איז געשען אַ פֿאַל, וועגן וועלכן אַלע צייַ־טונגען האָבן געשריבן ווי וועגן אַן אויסטערלישער געשעעניש: אין אַ לאַגער פֿון איראַקער ייִדן איז פֿאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס איר צוועק איז געווען אַראָפּצוזעצן דעם איראַקישן סעקרעטאַר פֿון אַרבעטס־אַמט און צוריק אַרויפֿצוזעצן דעם „ווייסן" סעקרעטאַר, וועלכער איז געווען פֿריִער. דאָס באַשטימען דעם אי־ראַקישן סעקרעטאַר אויף דעם אָרט פֿון אַשכנזישן איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ קאָנצעסיע פֿאַר די איראַקער. דאָס האָט מען זיי געוואָלט ווייַזן, אַז מען וויל נישט הערשן איבער זיי, נאָר אַז מען איז גרייט איבערצוגעבן זייערע אַרבעטס־ענינים אין די הענט פֿון זייערן אַן אייגענעם. אָבער דווקא זיי האָבן דאָס נישט געוואָלט. זיי האָבן זיך נישט פּריִער באַרויִקט ביז מען האָט דעם איראַקער סעקרעטאַר באַזייטיקט און צוריק אַרויפֿגעזעצט דעם ווייסן סעקרעטאַר.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז די דאָזיקע אויסטערלישע דעמאָנסט־ראַציע פון קאַלירטע ייִדן לטובת אַ ווייסן ייִדן געווען פאַרבונדן מיט אַ גאַנץ פּראַקטישן חשבון: די איראַקער האָבן נישט געוואָלט האָבן דעם איראַקישן סעק־רעטאַר, ווייל ער האָט געהאַט זיינע קרובים אין לאַגער און עס איז דעריבער געווען אַ באַרעכטיקטע מורא, אַז ער וועט זיי פּאַוואָריזירן ביים געבן אַרבעט (וויטאַמין „פּ" — פּראָטעקציע). בעסער דעריבער, אַז דער ווייסער זאָל זיין דער אַרבעט־פּאַרטיילער, אים זענען אַלע איראַקער גלייך פרעמד.

מיט צוטרוי צו ווייסע האָט, ווי מען זעט, אַפילו די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע נישט קיין שטאַרקע שייכות. אַגב, איז דער אומצוטרוי אַ קעגנזייטיקער. איינער (דער קאַלירטער) קוקט אַרויף צום צווייטן (צום ווייסן) מיט אומצוטרוי, וואָס איז געמישט מיט קנאה, און דער צווייטער (דער ווייסער) קוקט אַראָפּ צום קאַלירטן מיט אומצוטרוי, וואָס איז געמישט מיט פאַראַכטונג און אַפילו מיט שרעק. און וואָס מער דער פּראָצענט קאַלירטע ייִדן ווערט גרעסער אין לאַנד (ער דערגרייכט שוין היינט איבער 40% מיט אַ טענדענץ זיך ווייטער צו פאַרגרעסערן אויפן חשבון פון די ווייסע, וועלכע האָבן אי ווייניקער קינדער, אי אַלץ ווייניקער נייע קוואַלן פון אימיגראַציע), אַלץ גרעסער ווערט די שרעק צו בלייבן אין דער ייִדישער מדינה אַ ווייסע מינדערהייט צווישן אַ קאַלירטער מערהייט.

די וואַקסנדיקע פאַרביטערונג צווישן דער ישראל־באַפעלקערונג קעגן די אַמעריקאַנער ציוניסטן, פאַרוואָס זיי ווילן בעסער „פריידיקן ציוניזם" אין אַמע־ריקע, אַנשטאָט צו קומען זיך באַזעצן אין דער ייִדישער מדינה און אויך דער שטאַרקער חשק צו ברענגען ייִדן פון סאָוועטישע לענדער, נישט געקוקט אויף די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע געפאַרן, מיט וועלכער אַזאַ מאַסן־אימיגראַציע וואָלט געווען פאַרבונדן, — דאָס אַלץ איז ענג פאַרבונדן מיט דער שרעק פאַר אַ קאַליר־טער „פאַרפלייצונג".

גרויסע האָפענונגען לייגט מען אויף די קינדער און אויף דער יוגנט. צווישן זיי איז ווירקלעך אַ סך דערגרייכט געוואָרן אויפן געביט פון ווייס־שוואַרצער־„אַסימילאַציע". איך האָב דאָס געזען אין די קינדער־גערטנער, אין די שולן, אין די געמיינזאַמע וואַרשטאַטן און גאָר באַזונדערס אין דעם קינדער־דאָרף בית־שמן. וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

יידישע קינדער פון באַזונדערע ראַסעס

סיי איינצלנע מענטשן סיי גאַנצע פעלקער לייגן אַרויף זייערע שענסטע האָפענונגען אויף די יונגע פּלייצעס פון זייערע קינדער. דאָס וואָס מען האָט אַליין געוואָלט דערגרייכן און נישט געקענט, האָפט מען, אַז די קינדער וועלן דערגרייכן. זיי וועלן ווייטער שפּינען די חלומות, פון וועלכע מען האָט אַליין זיך געמוזט אָפּזאָגן, זיי וועלן דערפליִען צו די הויכקייטן, פאַר וועלכע די אייגענע פליגלען זענען שוין צו אַלט און שוואַך.

אָבער מער ווי אומעטום האָב איך געהערט רעדן וועגן דער דאָזיקער האָפענונג אין ישראל. און דאָס איז אויך נישט קיין וווּנדער. אין ישראל לייגט מען אַרויף אויף די פּלייצעס פון די קינדער אַן אויפגאַבע, וואָס קינדער אין אַנדערע לענדער האָבן נישט. אין דער יידישער מדינה איז דערווייל נאָך נישטאָ קיין איינהייטלעך יידיש פאָלק, נאָר אַ סך יידישע פעלקער מיט באַזונדערע קאָלירן, מנהגים, שפּראַכן אד״גל. דער עלטערער ציוניסטישער דור גיט זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז ער וועט שוין נישט באַוויזן פון די אַלע פעלקער צו מאַכן איין פאָלק, און זיין גאַנצע האָפענונג לייגט ער דעריבער אויף די קינדער.

וויל איך איצטער נישט רעדן וועגן די אַלגעמיין־מענטשלעכע האָפענונגען, וואָס מען לייגט אין ישראל אַרויף אויף די קינדער און וועגן די שווערע טענות, וואָס הערן זיך אַלץ אָפטער צווישן עלטערן דור, אַז די ישראל־יוגנט איז צו רעאַליסטיש, אַפילו ציניש, און אַז זי האָט גאָרנישט קיין חשק צו טראָגן ווייטער די אידעאַלן, פאַר וועלכע די אייגענע טאַטעס האָבן זייערע שענסטע יאָרן אַוועקגעגעבן. דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך און מיר וועלן זיך צו איר אומקערן אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען. דאָס מאָל גייט מיר בלויז וועגן דער נאַציאָנאַלער — אָדער ווי מיר וועלן זי אפשר אָנרופן: טעכניש־נאַציאָנאַלער אויפגאַבע פון די קינ־

דער אין ישראל — צו באַזײַטיקן די וואַנט צווישן די פֿאַרשיידענע ייִדישע שבֿטים און פֿריִער פֿון אַלץ צווישן די קאָלירטע ייִדן און די ווײַסע ייִדן.

אויף וויפֿל מיר האָט זיך אײַנגעגעבן פֿעסטצושטעלן פֿון מײַנע פּערזענלעכע אָבסערוואַציעס און אויך פֿון מײַנע שמועסן מיט לערער און געזעלשאַפֿטלעכע טוער איז אויפֿן דאָזיקן געביט שוין אַ סך דערגרייכט געוואָרן. די ווײַסע און קאָלירטע קינדער געפֿינען לײַכט אַ וועג איינער צום אַנדערן און ווען מען זעט זיי זיך שפּילן צוזאַמען, זינגען צוזאַמען און טאַנצן צוזאַמען, האָט מען דעם אײַנדרוק, אַז די וואַנט צווישן ווײַס און שוואַרץ עקסיסטירט שוין אינגאַנצן נישט צווישן זיי. דאָס איז אָבער נישט אינגאַנצן ריכטיק. פּרעבל־לערערינס (גננות) און אויך לערער פֿון פֿאָלקס־שולן האָבן מיר איבערגעגעבן וועגן אינצידענטן, וואָס אַנטשטייען נישט זעלטן צווישן די ייִדישע קינדער פֿון די באַזונדערע „ראַסעס". די מײַנסטע אינצידענטן קומען נישט אַזוי ווײַט צוליב דעם העכערקייטס־געפֿיל פֿון די ווײַסע קינדער, ווי צוליב דעם נידעריקייטס־געפֿיל פֿון די קאָלירטע קינדער. זיי ברענגען דאָס דאָזיקע געפֿיל מיט פֿון דער היים און אויך פֿון גאַס און עס איז גאַנץ שווער ביי זיי דאָס אויסצוראָטן. דער לערער אַליין קען נישט טון די גאַנצע אַרבעט, ער דאַרף האָבן צוויי צוהעלפֿער — די היים און די גאַס. אין ישראל אָבער איז דערווײַל די היים (די ווײַסע און, נאָך מער, די קאָלירטע) אַ גאַנץ קנאַפּער העלפֿער, און אויך די גאַס איז נאָך פֿול מיט פֿאָראורטיילן.

ווי דאָס איז געוויינטלעך דער פֿאַל מיט אַלע געקריוודעטע, איז אויך ביי די „קאָלירטע" ייִדן אין ישראל דאָס געפֿיל פֿון אייגענער מינדערווערטיקייט פֿאַרבונדן מיט איבערגעטריבענעם פֿאַרדאַכט צו דעם העכערן צד און מיט אַ קרענקלעכקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין זען אומגלייכהייט און אומגערעכטיקייט אַפֿילו דאָרט, וווּ זיי עקסיסטירן גאָרנישט. ביי קאָלירטע קינדער אין די ישראל־שולן קען מען נישט זעלטן באַמערקן קעגנזעצלעכע שטריכן — אַ שעמעוודיקייט און גלײַכצײַטיק אַ געוויסע איבערגעטריבענע דרייסטקייט, אָדער גאָר פּשוט חוצפּה. אַ דערשלאָגנקייט און גלײַכצײַטיק איבערגעטריבענע פּרעטענזיעס. ווען צוויי ווײַסע קינדער אַמפּערן זיך צוליב עפּעס, איז עס אַן אומשולדיקער קינדערשער קאָנפֿליקט, וועלכן קיינער שענקט נישט קיין באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט, אָבער ווען אַ ווײַס און אַ שוואַרץ קינד קריגן זיך, ווערט עס גלײַך אַ „ראַסן־מלחמה".

פֿון די לערער פֿאָדערט זיך אַ סך טאַקט צו קענען אַזעלכע „מלחמות" ליקווידירן אויף אַ ווילסאַנישן אופֿן — אָן זיגער און אָן באַזיגטע.

איך האָב געזען לערער, וואָס האָבן דער דאָזיקער פּראָבלעם געשענקט די

גרעסטע אויפמערקזאַמקייט און האָבן דערגרייכט זייער גוטע רעזולטאַטן. זיי האָבן ביי זיך אין קינדער־גאָרטן אָדער אין דעם קלאַס ווירקלעך באַזייטיקט יעדע גרעניץ צווישן „שוואַרץ" און „ווייס". דאָס איז זייער גרעסטע סאַטיספאַקציע. דעם שטאַרקסטן דערפאָלג האָבן גראָד געהאַט די לערערינס, וואָס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין ספּעציעלע סימפּאַטיע צו די קאָלירטע קינדער. ספּעציעלע סימפּאַטיע איז אין דעם פאַל אַן אויסדרוק פון פילאַנטראָפּיע און דאָס מיינט אַ באַציִונג „פון אויבן אַראָפּ". אויסטיילן די קאָלירטע קינדער און לויבן זייערע לייסטונגען מער ווי מען לויבט די זעלבע לייסטונגען פון ווייסע קינדער, איז אויך אַ פאָרם פון דיסקרימינאַציע. „זעט, הייסט עס, ווי שיין אַ הינקענדיקער טאַנצט". אַנשטאָט געקינצלטער סימפּאַטיע ווענדט דער גוטער לערער אָן אמתע גלייכהייט. זיי לויבן און טאַדלען ווייס און שוואַרץ אויפן זעלבן אופן פאַר די זעלבע לייסטונגען. די ערשטע צייט שטויסט זיך אָן די דאָזיקע מעטאָדע אויף פאַרדאַכטן פון די קאָלירטע קינדער, אָבער דערפאַר שפּעטער גיט זי דעם גרעסטן פּראָצענט.

אָבער, ווי געזאָגט, קען די אַרבעט פון די לערער אין די קינדער־גערטנער און פאָלקס־שולן נישט זיין קיין הונדערט פּראָצענטיקער דערפאָלג צוליב דעם וואָס די היים און די גאַס העלפן נישט גענוג מיט. דאָס קאָלירטע קינד באַקומט אין שולע אַ פּאַרציע גלייכהייט און שפּעטער גייט עס אַהיים און באַקומט דאָרט אַ גרעסערע פּאַרציע אומגלייכהייט. ווערט טאַקע דעריבער אויף דעם געביט מער דערגרייכט אין די אַנשטאַלטן, וווּ די קינדער געפינען זיך צוזאַמען אַ גאַנצן טאָג און נאָך מער — דאָרט וווּ די קינדער אָדער יוגנטלעכע גייען אינגאַנצן נישט אַהיים. איך האָב דאָ אין זינען די זיבעציק צענטערן פון דער יוגנט־עליה, וווּ עס געפינען זיך היינט צו טאָג קנאַפּע 14 טויזנט קינדער, איבער פופציק פּראָצענט קאָלירטע, און אויף וויפל דאָס באַציט זיך צו מיליטער און אין די 36 פאַך־שולן פון „אָרט", ווו דער פּראָצענט פון „אַסימילאַציע" פון שוואַרץ מיט ווייס גייט צו אַ סך שנעלער.

וואָס שייך די צענטערן פון דער יוגנט־עליה האָבן די ישראל־טוער אַ האָפענונג, אַז מיט זייער הילף וועט זיך איינגעבן אויך צו אַסימילירן אַ סך פון עלטערן דור פון די שוואַרצע ייִדן. אַזוי, צום ביישפּיל, באַמיט זיך איצט די ייִדישע אַגענטור צו ברענגען קיין ישראל צו איין קינד פון אַ ייִדישער פאַמיליע פון צפון־אַפריקע (אַרום 250 אַזעלכע קינדער קומען אָן יעדן חודש). די האָפענונג איז, אַז דאָס קינד זאָל שפּעטער דינען אַלס בריק פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. ער וועט זיך דערווייל אַקלימאַטיזירן אין לאַנד, אַזוי אַז ווען די עלטערן וועלן שפּעטער

קומען, וועלן זיי אַ דאַנק אים זיך גיך „אויסגרינען״. צו אים וועלן זיי האָבן מער צוטרוי ווי צו די „שקינאַזים״.

***

איינע פון די שענסטע יוגנט־אינסטיטוציעס אין ישראל, ווו ווייס און שוואַרץ געפינט זיך אונטער איין פּריינטלעכן דאַך, איז די בן־שמן־קאָלאָניע, וועלכע רופט זיך „כפר הנוער״ (יוגנט־דאָרף).

דער ריזיקער שטח, באַדעקט מיט פעלדער און וועלדער, צווישן וועלכע עס איז צעוואָרפן אַ היפּשע צאָל געביידעס פון שולן, יווין־הייזער, שטאַלן און וואַר־שטאַטן, מאַכט אַן איינדרוק פון אַ רייכן, גוט־קולטיווירטן, פּריצישן מאַיאָנטעק. דער אמת איז, אַז דער דאָזיקער מאַיאָנטעק איז טאַקע גוט קולטיווירט, אָבער נישט ער איז פּריציש און נישט ער איז רייך. איך בין דאָס געוווּיר געוואָרן באַלד אין די ערשטע פינף מינוט, וואָס איך האָב זיך דאָרט געפונען. דער פאַרוואַלטער פון דאָרף, אַ קליינגעוואַקסיקער ייד, וואָס זעט אויס ווי אַ געמיש פון אַ רוסישן אינטעליגענט און פון טוביה דער מילכיקער, האָט דאָס מיר אויף זיין געשמאַקן ליטווישן יידיש אומגעפּער אַזוי דערקלערט:

מיר האָבן פיר הונדערט ווילע קינדער. מיר האָבן אַ סך פעלדער און וועל־דער. מיר האָבן אַ סך בהמות און עופות. מיר האָבן טייערע לערער. מיר האָבן אַ גוטן נאָמען אין לאַנד און אויך אין אויסלאַנד, אָבער אונדז פעלט בלויז איין זאַך — אַ צוועלפטער חודש אין יאָר.

עס איז מער וויניקער דאָס זעלבע, וואָס עס האָט געפעלט יענעם ישיבה־בחור — אַ זעקסטער טאָג אין וואָך. פינף „טעג״ האָט ער געהאַט און שבת האָט ער אויך געהאַט. איז צוזאַמען שוין געווען זעקס טעג און וואָלט אַ וואָך באַשטאַנען בלויז פון פינף וואָכעדיקע טעג און פון הייליקן שבת, וואָלט ער געלאַכט פון דער וועלט. איז אָבער דאָ נאָך אַן איבעריקער טאָג און ער מאַכט עס שווער די גאַנצע וואָך.

פאַר עלף מאָנאַטן סטייעט דער בודזשעט פון בן־שמן, אָבער פאַרן צוועלפטן חודש איז שוין גאָרנישטאָ. וואָלטן זיי געהערט צו אַ פּאַרטיי, וואָלט געווען אַ צוועלפטער און אפשר אויך אַ דרייצנטער חודש. געהערן זיי אָבער נישט צו קיין פּאַרטיי. פון וואַנען איז דאָ פאַר די עלף חדשים? — וויזט זיך אַרויס אַז די רעגי־רונג גיט אַ ביסל, אַ געוויסע צאָל עלטערן צאָלן, דאָס איבעריקע שאַפט מען. אָבער עס איז וויניק.

עס איז אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע אינסטיטוציע בן־שמן. דאָרט געפינען זיך קינדער פון דריי קאַטעגאָריעס: 1) קינדער פון צעבראָכענע פאַמיליעס; עלטערן גייען זיך פאַנאַנדער, איז שיקן זיי דאָס קינד אָדער צו קרובים, אָדער אין בן־שמן, וויסנדיק, אַז דאָרט וועט עס האָבן אַ גוטע היים און וועט אויך ווערן אַ מענטש, אַ קאָלאָניסט, וואָס וועט שפּעטער, ווען ער וועט צו זיבעצן יאָר פאַרענדיקן זיין לערן־צייט, נישט דאַרפן צו קיינעם אָנקומען; 2) קינדער, וואָס די עלטערן ווילן זיי לערנען לאַנדווירטשאַפט און וואָס האַלטן, אַז אַמבעסטן וועלן זיי דאָס דער־גרייכן אין בן־שמן, און 3) קינדער פון נייע אימיגראַנטן.

פאַר קינדער פון די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס צאָלן אין די מייסטע פאַלן די עלטערן און פאַר אימיגראַנטן־קינדער צאָלט אַ טייל פון קאָסטן די רעגירונג.

יעדן טאָג לערנען די קינדער אַלגעמיינע און יידישע לימודים און אויך לאַנדווירטשאַפט. איך האָב באַזוכט די וווין־צימערן פון די קינדער, די קלאַסן, די קיך און עס־זאַל, די וואַרשטאַטן און שטאַלן, און אויך די פּאַרוויילונגס־זאַלן. אומע־טום איז מיר אָנטקעגנגעקומען דער אַראָמאַט פון ריינקייט און דער אַראָמאַט פון שעפערישער געזעלשאַפטלעכקייט. איך האָב געזען ווי די לערער זוכן וועגן צוצו־קומען וואָס נענטער צו די הערצער פון די קינדער און אויך צו ברענגען אַ דער־נענטערונג צווישן איין קינד און צווייטן.

דאָס לעצטע איז דאָ אַ באַזונדערס וויכטיקע אויפגאַבע, ווייל דאָ זענען פאַראַן קינדער פון פאַרשיידענע קאָלירן, פון פאַרשיידענעם עלטער (פון זעקס ביז זיבעצן) און אויך פון פאַרשיידענע היימען.

צווישן די קינדער פון די צעבראָכענע היימען און אויך צווישן די קינדער פון די „קאָלירטע" אימיגראַנטן געפינט מען אַ היפּשע צאָל „ווילדע", דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס לאָזן זיך נישט איינשפּאַנען אין די געזעלשאַפטלעכע פליכטן; אַזעלכע וואָס האָבן נישט קיין צוטרוי צו קיינעם און וואָס האָבן ליב צו טומלען, שרייען, באַנוצן די פויסטן און נישט בלויז דעמאָלט, ווען איר דערצאָרנט זיי, נאָר אַפילו גלאַט אַזוי, אָן שום אורזאַך, בלויז צו טון צו־להכעיס „דער וועלט".

אין די מייסטע פאַלן, זאָגט מיר דער פאַרוואַלטער, קומט דאָס פון די שווערע איבערלעבונגען אין דער היים, פון מאַנגל אין ליבע פון עלטערן. אַזעלכע קינדער גיט מען צו אַרבעטן ביי די שעפּסן, ביי די פערד. אָט ווייזט ער מיר אַזאַ יינגל, וועלכן מען האָט געגעבן אַ פערד און וועגעלע. איך זע ווי דאָס יינגל גיט זיין פערד עסן, ווי ער רייניקט אים, ווי ער גלעט אים. ער טוט דאָס מיט צערט־לעכקייט. זיין פּנים זעט איצט אויס מילדער, קינדערשער. דאָס צונויפפירן אַזעלכע

קינדער מיט לעבעדיקע באַשעפענישן מאַכט זיי ווייכער, מענטשלעכער. זיי הערן זיך אויף צו פּילן איינזאַם. דאָס פיר־פיסיקע לעבעדיקע באַשעפעניש ברענגט זיי צו נענטער צו מענטשן.

נישט קיין קלענערע דערגרייכונגען האָט בן־שמן צו פאַרצייכענען אויפן געביט פון דערנענטערן „שוואַרץ" מיט „ווייס". איינע פון די וויכטיקסטע שטע־רונגען צו אַזאַ דערנענטערונג איז, ווי געזאָגט, דער מינדערווערטיקייטס־געפיל ביים שוואַרצן און דער העכערקייט־געפיל ביי דעם ווייסן קינד. אין בן־שמן האָט מען די דאָזיקע שטערונג געפּרווט באַזייטיקן מיט דער הילף פון... עלטער. עס עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז יינגערע קינדער קוקן מיט דרך־ארץ אויף עלטערע קינדער. האָט מען גענומען צוויי יונגע אייראָפּעיִשע קינדער און זיי געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון אַ טערקיש מיידל, וואָס איז מיט פיר יאָר עלטער פון זיי. זי ווייסט מער פון זיי און זי דינט פאַר זיי ווי אַן עלטערע שוועסטער. דאָס וואָס איר פעלט אין דער קאָליר, דעקט זי מיט יאָרן און מיט וויסן. דער דאָזיקער עקספּערימענט האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן. דאָס קאָלירטע קינד פילט זיך נישט נידעריקער און די צוויי ווייסע פילן זיך נישט העכער...

נאָך אַ מיטל פּרווט מען דאָרט אָנווענדן, וואָס העלפט שטאַרק מיט צו באַ־פרייען די קאָלירטע קינדער פון זייער אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס און די ווייסע פון זייער העכערקייטס־געפיל. די לערער האָבן גענומען פאַרשרייבן די אָריענ־טאַלישע לידער און מעלאָדיעס, וואָס געווײנלעך פלעגן ווייסע קינדער פון זיי חוזק מאַכן, און וואָס אויך שוואַרצע קינדער האָבן זיך ביסלעכווייז מיט זיי אָנגעהויבן שעמען, ווי מיט אַ צייכן פון זייער „ווילדקייט", עס הייסט, נישט־ציוויליזירטקייט. איצט האָט דער קינדער־אָרקעסטער אָנגעהויבן שפּילן די דאָזיקע ניגונים, צו דער צופרידנקייט פון אַלע קינדער. זיי האָבן זיך איצט אַרומגעזען, אַז דאָס זענען שיינע מעלאָדיעס, מיט וועלכע מען דאַרף זיך גאָרנישט שעמען.

פאַרלאָזנדיק בן־שמן, האָב איך זיך געטראַכט:

צי וואָלט נישט געווען קיין פּלאַן מען זאָל דעם עקספּערימענט, וואָס מען האָט געמאַכט אין דעם קינדער־דאָרף מיט אָריענטאַלישע מעלאָדיעס און לידער, אויך מאַכן אין די ישראל־שולן מיט יידישע לידער און אויך בכלל מיט דער גאַנצער רייכער יידישער ליטעראַטור און געשיכטע, וואָס דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע יידנטום האָט געשאַפן אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן און וואָס איז ווילד־פרעמד די קינדער פון דער יידישער מדינה?

אַזאַ עקספּערימענט וואָלט געקענט באַפרייען הונדערטער טויזנטער תושבים

פון ישראל פון זייער גרויטקייט־קאָמפּלעקס און וואָלט גלייכצייטיק באַפרייט פיל פון די דריי הונדערט טויזנט ייִדיש־ריידנדיקע ייִדן, וואָס זענען פאַרמשפּט צו לעבן אַפילו אָן אַן אייגענער טעגלעכער צייטונג, פון זייער מינדערווערטיקייט קאָמפּלעקס.

און אַזאַ עקספּערימענט וואָלט דאָך געקענט שאַפן אַווירקלעכע בריק, נישט בלויז קיין פּאַפּירענע קאַמפּיין־בריק, צווישן די ייִדן פון ישראל און די שפּעטערישע ייִדישע ישובים אויף דער וועלט.

אָבער לאָמיר איצט זיך דאָ אָפּשטעלן. מיר האָבן זיך דאָ פאַרטשעפּעט אָן אַ פראַגע, וועלכע איך וויל בעסער לאָזן אויפן סוף — די פראַגע וועגן דער באַציִונג פון ישראל צו ייִדיש און צו ייִדיש לעבן אין די „גלות"־לענדער.

ווי אַלט איז אַ „אַלטער מאַן" אין ישראל?

איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען פון דער יונגער ייִדישער מדינה איז די פּראָגע וועגן — די אַלטע.

גאָר פּשוט מיינט עס: וואָס טוט מען מיט די אַלטע לייט?

ווען איר גייט איבער די גאַסן פון ישראלס שטעט און ווען איר פאָרט איבער די קאָלאָניעס, האָט איר דעם איינדרוק, אַז נישט נאָר איז די מדינה פון עלטסטן פאָלק אויף דער וועלט — יונג. נאָר אַז אויך איר באַפעלקערונג איז אַ יונגע. אויף טריט און שריט טרעפט איר יונגע מענטשן און קינדער. אַן אַלטן מאַן באַגעגנט איר זעלטן.

טײלוויז איז דער דאָזיקער איינדרוק אַ ריכטיקער. ישראלס באַפעלקערונג איז פאַרהעלטניסמעסיק אַ יונגע. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז זינט די מדינה איז אַנטשטאַנען, איז די באַפעלקערונג עלטער געוואָרן נישט נאָר מיט די פּאָר יאָר, וואָס עס עקסיסטירט דאָס זעלבסטשטענדיקע ישראל, נאָר אויף אַ סך מער יאָרן, און דאָס צוליבן איינפאַכן גרונט, וואָס עס זענען אַריינגעקומען אין לאַנד אַריין אַ סך עלטערע און מיטלאָריקע מענטשן.

אַ גאַנצע רייע לענדער האָבן גאָר פּשוט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון לאַנד די יונגע ייִדן. האָט ישראל געהומען דאָס, וואָס מען האָט „געגעבן" — מיטלאָריקע, עלטערע. אויף דעם חשבון קען מען הערן און אַפילו לייענען גאַנץ ביטערע רייד פון מאַנכע „סאַברעס", איבערהויפט פון די „בינונים". הלמאי ישראל האָט זיך געלאָזט „אַרייננאַרן" פון די גויאישע לענדער און צוגענומען ביי זיי דאָס ייִדישע „בראַק". דאָס אַלטוואַרג. בעת די יונגע, אַרבעטס־פעיִקע און מיליטער־פעיִקע ייִדן זענען נישט אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון זייערע געבורטס־לענדער, אַזוי אַז די ייִדישע מדינה האָט פון די נייע עולים גאַנץ ווייניק נוצן, זי מוז זיי „פּאַשען", און זי קען אַפילו מיט זיי נישט באַשיצן אירע גרענעצן.

די דאָזיקע טענות זענען נישט בלויז ציניש, נאָר אויך פאַלשע. די ייִדישע מדינה האָט מיט דער הילף פון די נייע עולים אויפגעבויט איר אַרמיי, האָט אויפֿגעשטעלט הונדערטער נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן און צענדליקער נייע אינדוסטריע־צווייגן, האָט פאַנאַנדערגעבויט אירע שטעט און זי האָט אויך מיט זייער כוח און אין זייער זכות אַריינגעבראַכט אין לאַנד הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן, וואָס אויב אויך מיט זיי איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד נאָך אַלץ אַ שווערע, וואָלט זי אָבער אָן זיי זיכער געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלע.

אָבער דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט: ישראל פאַרמאָגט איצט צענדליקער טויזנטער עלטערע און מיטליאָריקע מענטשן, מיט וועלכע זי קען זיך קיין עצה נישט געבן.

איך האָב געשריבן „עלטערע און מיטל־יאָריקע"; אָבער ווען איך האָב אין ישראל געשטעלט די פראַגע, ווער איז אַן אַלטער און ווער איז אַ מיטל־יאָריקער, האָב איך קיין איינהייטלעכן ענטפער נישט באַקומען. דער ענטפער איז געווען אָפהענגיק נישט לויטן פּאַס פון די מענטשן, נאָר לויט דער... לאַגע אין לאַנד.

עס איז פאַראַן אַן אַנגענומענע מיינונג, אַז אַ מענטש איז אַזוי פיל אַלט, אויף וויפל ער זעט אויס. די דאָזיקע מיינונג איז באַזונדערס פּאָפּולער צווישן פרויען, וועלכע עס דאַכט זיך, אַז זיי זעען אויס יונג און דעריבער זענען זיי זיכער, אַז זיי זענען טאַקע יונג...

אין ישראל אָבער איז אַ מענטש אויף אַזוי פיל אַלט, אויף וויפל דאָס לאַנד זעט אויס...

זעט דאָס לאַנד אויס גוט, איז אין לאַנד פאַראַן גענוג אַרבעט, איז אַ פופציק־יאָריקער ייִד נאָך אַ מיטל־יאָריקער מענטש און ער קען באַקומען אַרבעט; זעט אָבער דאָס לאַנד נישט גוט אויס, הערשט אין לאַנד אַרבעטסלאָזיקייט, דעמאָלט איז אַ פופציק־יאָריקער ייִד שוין אַן אַלטער מאַן — אַ זקן.

— איר ווילט אַרבעט? — זאָגט מען אים — איר זענט דאָך שוין אַלט?...

און ווי נאָר ס'שטייגט די אַרבעטסלאָזיקייט אין ישראל הייבט זיך גיך די עלטער פון די מענטשן. אַ מיטל־יאָריקער ווערט איבערנאַכט אַן אַלטער מאַן.

מען וויל אים אַפילו מער נישט רעגיסטרירן אויף אַרבעט.

מאַנכע אַזעלכע „זקנים" פּראָטעסטירן, קלאַפּן אין טיש פון אַרבעטס־אַמט.

— איך בין נישט אַלט, — שרייען זיי, שטופּנדיק אין די אויגן אַריין זייערע געזונטע הענט, זייערע אָנגעגאָסענע מוסקולן — איך קען זיך פאַרמעסטן מיט אייערע יונגע.

באַזונדערס פּאַטעטיש קלינגט אַזאַ טענה אין מויל פון אַ „קאַלירטן" ייִדן,

וואָס ביי פופציק יאָר האַלט ער נאָך אין רעכטן מיטן ברענגען נייע דורות אויף דער וועלט. אַזאַ „זקן" האָט געוויינלעך אַ יונג ווייב פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק מיט אַ האַלב טוץ קינדערלעך, וואָס זי האָט איר מאַן שוין געשאָנקען און מיט נאָך אַ האַלב טוץ, וואָס זי קלייבט זיך ערשט אים צו שענקען.

איז גיט מען פלוצלינג אַזאַ ייִדן אַ זאָג, אַז — שוין! דו האָסט שוין דיינע אַרבעטס־חשבונות מיטן לעבן פאַרענדיקט, רוק זיך אָפּ, זקן, און לאָז צו די יונגע! וויינט ער, בעט ער, און אַז דאָס העלפט נישט, שרייט ער, האַקט נישט זעלטן די שויבן און טירן פון אַרבעטס־אַמט (איך האָב געטראָפן אַ סך אַרבעטס־אַמטן מיט אויסגעהאַקטע שויבן), אָבער אויך דאָס העלפט נישט.

דאָס פּנים זיינס זעט טאַקע נאָך אויס גוט, אָבער די לאַגע אין לאַנד זעט אויס נישט גוט, און זי באַשטימט זיין עלטער.

***

איינער פון די מיטלען, וואָס די רעגירונג און ייִדישע אַגענטור נעמען אָן, כדי צו לינדערן די פּראָבלעם פון די מיטל־יאַריקע, איז צו אָרגאַניזירן פאַר זיי לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן, קאָאָפּעראַטיווע דערפער.

די אידייע איז זיכער אַ גוטע. זי איז אויסן צו געבן מיטל־יאַריקע ייִדן אַ מעגלעכקייט צו פאַרדינען זייער שטיקל ברויט מיט די אייגענע הענט, און אַזוי אַרום זיי צו מאַכן פילן, אַז זיי זענען נישט קיין „בראַק", קיין אָפּפאַל; אַז זיי זענען נישט קיין איבעריקע מענטשן אויף דער וועלט.

אָבער ווי אַ סך גוטע אידייען אין ישראל, ליידט אויך די דאָזיקע אידייע פון מאַנגל אין מיטלען און פון מאַנגל אין וואַסער.

***

איך האָב באַזוכט איינעם אַזאַ דאָרף פון מיטל־יאַריקע, „כפר ירקנים", וואָס געפינט זיך אינגאַנצן אַ קנאַפּע שעה רייזע פון תל־אביב.

דער אויטאָמאָביל, מיט וועלכן איך בין אַהין געפאָרן, האָט נישט געקענט זיך דורכשפּאַרן דורך די טיפע זאַמדן, וואָס האָבן געפירט צום דאָרף. בין איך פון שאָסיי צוגעגאַנגען אַ קנאַפּן מייל וועגס צופוס. אויפן וועג האָב איך געטראָפן עטלעכע ייִדן טראָגנדיק פּעסער מיט וואַסער. איך האָב זיי געפרעגט ווו עס געפינט זיך דער „כפר ירקנים".

— מיר גייען אויך אַהין, — האָבן זיי געזאָגט.

איך האָב זיך פאַר זיי פאַרגעשטעלט, און נאָך איידער איך בין געקומען אויפן אָרט, האָב איך שוין געוווּסט זייערע לעבנס־געשיכטעס.

— איר ווילט וויסן וואָס אונדז פעלט? — האָט איינער פון די ייִדן געענט־פערט אויף מיין פראַגע ווי עס לעבט זיך זיי — דאָס וואָס מיר טראָגן, דאָס פעלט אונדז: וואַסער.

איך האָב דאָס דאָזיקע וואָרט געהערט אין ישראל אַ סך אָפטער ווי אין וועלכן עס איז אַנדער לאַנד אויף דער וועלט. און וואָס מער איך האָב עס געהערט, אַלץ מער איז מיר געוואָרן פאַרשטענדלעך די בענקשאַפט, דער טרויער און די פרייד, וואָס מענטשן האָבן אין דעם וואָרט אַריינגעלייגט.

אין ישראל האָב איך ערשט רעכט פאַרשטאַנען ווי נאַטירלעך עס איז די אַלטע ייִדישע צונויפפאַרונג פון „וואַסער" מיט „לעבן" — מים חיים...

אָן וואַסער איז קיין לעבן נישטאָ.

„כפר ירקנים" איז אייגנטלעך אַ דאָרף פון רומענישע ייִדן. עס האָבן זיך מיט צוויי יאָר צוריק צונויפגענומען 117 פאַמיליעס פון ניי־געקומענע רומענישע ייִדן און צוזאַמען געפּרוּווט בויען אַ ניי לעבן. פאַראַן אויך צווישן זיי פיר פאַ־מיליעס פון פּוילישע ייִדן. יעדער איינער פון זיי איז עלטער פון 50 יאָר, אַזוי אַז אויף צו באַקומען אַרבעט זענען זיי שוין געוועזן צו אַלט. יעדער פאַמיליע האָט באַקומען 6 דונאַם ערד צי באַאַרבעטן (אויב זיי וועלן דעם דאָזיקן באַדן געהעריק באַאַרבעטן, וועלן זיי באַקומען נאָך 6 דונאַם) און אויך אַ פּראָוויזאָריש געצעלט און אַ האָפענונג, אַז אויב עס וועט גוט אָוועק, וועט זיין ברויט, וועט זיין אַ מלבוש, וועלן זיי האָבן אַ פּאָר שיך און עס וועט אויך זיין אַ געמויערטע שטוב.

דערוויַיל, אָבער, איז קיין ברויט נישטאָ. די ערד איז אַן איינגעשפּאַרטע, אַ האַרטע, אויסגעהאַרעוועטע ייִדישע הענט גראָבן, אַקערן, זייען, אָבער די ערד בלייבט פאַרעקשנט. זי גיט אַרויס אַ ביסל ציבעלעס, אַ ביסל מערן, אַ ביסל קרויט, אַ ביסל קנאָבל — אַלץ אַ ביסל, וואָס נישט נאָר קען מען דערפון נישט ווערן אינגאַנצן זאַט, נאָר אַפילו אויף צו ווערן האַלב־זאַט מוזן די מענער אַרויסגיין דרויסן און געפינען אַ טאָג־צוויי אַרבעט. אָן דרויסנדיקער אַרבעט וואָלט מען מיט די אַלע פעלדער קיין וואָך נישט געקענט דורכלעבן.

וואָס וויל זי, די ערד? — זי וויל געניטע הענט, זי וויל מאַשינען, זי וויל באַמיסטונג, אָבער מער פון אַלץ וויל זי — וואַסער, און קיין וואַסער איז נישטאָ. וואַסער מוז מען ברענגען צו שלעפּן אויף די פּלייצעס.

די ייִדן האָבן מיך אַרומגעפירט איבער זייערע פעלדער און גערטנדלעך און מיר געוויזן די אָרעמע גרינסן, וואָס סטאַרטשען דאָ און דאָרט אַרויס; אויסגע־

דאָרטע, פאַרחלשטע, פאַרשטויבטע. מיר האָט זיך געדאַכט, ווי איך הער נישט נאָר פון די ייִדן, נאָר אויך פון דער ערד אַ פאַרחלשט געבעט:

— וואַסער...

די ייִדן דערציילן מיר, אַז פאַראַיאָרן איז געראָד איין פּראָדוקט זייער שטאַרק געראָטן — קרויט. אַלץ האָט איינגעדאַרט, אָבער דאָס קרויט איז אויפגעגאַנגען מיט שפע.

איז אָבער אַן „אומגליק״ געשען פאַראַיאָרן — אין גאַנצן לאַנד איז געווען אַ גרויסע רעטעניש אויף קרויט, אַזוי אַז אַ העלפט פון זייער קרויט איז פאַרפוילט געוואָרן. די „תנובה״ (די קאָאָפּעראַטיווע צענטראַלע, וואָס קויפט אויף די דאָרפישע פּראָדוקטן) האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קויפן.

איך ווער גיך היימיש מיט די ייִדן דאָ. איך האָב דאָס געפיל, ווי איך וואָלט זיך געפונען אין אַ ייִדיש שטעטל פון פּוילן. די זעלבע אָפּענע, היימישע פּנימער, בלויז אַ ביסל ברוינער; די זעלבע טאַטעס און מאַמעס, די זעלבע שניידער, שוסטער, סטאָליאַרעס, קרעמער, דאָס זעלבע לשון און אַפילו דער זעלבער זיפץ...

זיי האָבן דאָ אויף וואָס צו זיפצן. עס פעלט פּרנסה. זיי ווילן נישט קיין סך. בלויז אַ ביסל, אַבי דעם טאָג דורכצוקומען. מאָרגן וועט דאָך זיכער זיין בעסער, אָבער אויך דאָס ביסל איז שווער צונויפצושטעלן. די מענער לויפן יעדן טאָג אין די דערבייאיקע שטעטלעך און קאָלאָניעס כאַפּן אַ טאָג אַרבעט. די ווייבער בלייבן ביי די פעלדער און גערטנער. אָבער ביידע צוזאַמען קענען דאָס „ביסל״ נישט אַריינברענגען אין חושכדיקן געצעלט, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון ברעטלעך און שמאַטעס. וואָלט דרויסן נישט געווען קיין אַרבעטסלאָזיקייט. און וואָלט דאָ געווען וואַסער... איז אָבער פאַרקערט: אַרבעטסלאָזיקייט איז יאָ דאָ און וואַסער — נישטאָ.

אָבער מען איז פונדעסטוועגן נישט פאַרצווייפלט. מען איז פול מיט גלויבן, אַז עס וועט ווערן בעסער. אָט פירן זיי מיך מיט שטאָלץ צו די געמויערטע הייזעקעס, וואָס דאַרפן שוין איז אַ זעקס מאָנאַטן אַרום זיין אינגאַנצן פאַרטיק — די'ערע הייזקעס! יעדע פאַמיליע וועט דאָרט האָבן אַ צימער. און אַ גרעסערע פאַמיליע — אַפילו צוויי צימערן. אמת, קיין לויפיקע וואַסער וועט דאָרט נישט זיין, קיין עלעקטריע אויך נישט, און קיין טואַלעט אויך נישט. עס וועט בלייבן דער קאָלעקטיווער, הילצערנער טואַלעט אויפן הויף, וואָס זיינע ריחות טראָגן זיך אויף אַ מייל ווייט.

איין פרוי, וואָס די היימישע מאַמע ליגט אין יעדן קנייטשעלע פון איר איידל פּנים, האָט צו מיר אַ בקשה. זי זאָגט דאָס שטיל, זייער שטיל:

אפשר וואָלט איר געקענט פועלן אין ירושלים, מען זאָל די שטיבלעך זייערע מאַכן קלענער און דערפאַר אויפשטעלן אַ שטיקל באָד־צימער אויפן הויף; זאָל כאָטש זיין איינס פאַר אַלעמען און אויך אַ טואַלעט, ווו אַ מענטש זאָל קענען אַריינגיין.

איך פרעג זי, וואָס זי איז געווען אין דער היים. זי וויל מיר אויף קיין פאַל נישט זאָגן.

— וואָס איז דער אונטערשייד? — ענטפערט זי — יעדער איז דאָך געווען.

פון אַ צווייטער פרוי ווער איך געוווירן, אַז זי איז פון יאַסי און אַז איר מאַן, וועלכער דרייט זיך דאָ אַרום לעבן מיר אין אַ געלאַטעטער פויערישער קורטקע, איז געווען אין דער היים אַ שיינער באַלעבאָס מיט אַ גרויסער שניט־קראָם און מיט אַן אייגענער מויער.

איך פרעג די יידן:

— באַדויערט איר נישט וואָס איר זענט געקומען אַהער?

— ניין, — ענטפערן מיטאַמאָל צענדליקער שטימען פון מענער און ווייבער.

דער „ניין" איז אַרויס אַ מונטערער, אַן אויפריכטיקער. איך האָב קיין שום גרונט נישט געהאַט צו צווייפלען, אַז אַזוי מיינען זיי טאַקע; זיי זענען צופרידן וואָס זיי זענען געקומען אַהער.

איין ייִד גיט מיר צו פאַרשטיין פאַרוואָס זיי זענען צופרידן:

— דאָרט, — זאָגט ער, — האָבן מיר טאַקע געגעסן בעסער ווי דאָ, אָבער דערפאַר זענען מיר געשלאָפן ערגער...

אַלע זענען דערמיט איינשטימיק. יאָ, דאָ שלאָפן זיי בעסער. זיי האָבן נישט קיין מורא. און דערביי דערציילט מיר יעדער איינער אַן אַנדער געשיכטע ווי אַזוי מען האָט געלעבט לעצטנס אין דער היים — שוין אין דער „נייער" רומעניע, אונטער דער קאָמוניסטישער הערשאַפט.

אַז אַ ייִד איז אין דער פרי אַרויס פון שטוב, האָט אים דאָס ווייב אָנגעזעגנט, ער זאָל אַהיימקומען אַן יאָרן. ווייל אַ סך זענען אַהיימגעקומען „מיט יאָרן" — עס הייסט, מען האָט זיי געגעבן „דריי יאָר", „פיר יאָר", „פינף יאָר". זינד האָט מען שוין ביי יעדן געפונען: „פאַר קאָנטררעוואָלוציע", „פאַר סאַבאָטאַזש", „פאַר נאַציאָנאַליזם".

דאָ אָבער איז מען טאַקע נישט זיכער, צי מען וועט אַהיימקומען מיט אַרבעט, אָבער מען איז זיכער, אַז „מיט יאָרן" וועט מען נישט אַהיימקומען. איז שוין גוט. דערצו נאָך איז דאָ אַ האָפענונג, אַז מאָרגן וועט זיין בעסער.

ווען עס וואָלט נאָר נאָך געווען וואַסער!

ירושלים - די אייביקע שטאָט

דער וועג פון תל־אביב קיין ירושלים פירט דורך טונקעלע בערג און דורך גרינע אַליוון־וועלדלעך, אָבער מיך האָט ער געפירט — דורך דער אייגענער קינדהייט.

מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן בין איך געזעסן אין אויטאָמאָביל און זיך איינגעהערט אין די עכאָס פון די טריט, וואָס האָבן דורך דער שטילקייט פון לויטערן פרימאָרגן זיך דערטראָגן צו מיר פון די אַרומיקע בערג. דאָס זענען געווען באַקאַנטע טריט, וועלכע איך האָב געהערט זינט מיין פרי׳ער קינדהייט — טריט פון נביאים און פון מלכים, פון בונטאַרן און פון באַצווינגער, פון דערלייזער און פון פאַרשקלאַפער. און די אַלע טריט האָבן דורך יאָר־טויזנטער זיך געצויגן צו דער אייביקער שטאָט — קיין ירושלים.

איך ווייס נישט פאַרוואָס די אַלע מענטשן און פעלקער האָבן זיך אַזוי געריסן קיין ירושלים. האָבן זיי אין ירושלים געזוכט אַ וועג צו דער וועלט, אַ וועג צו זיך, אָדער אַ וועג צום הימל? איך ווייס אָבער יאָ, אַז דער וועג קיין ירושלים פאַרמאָגט אין זיך אַ סך צוציִונגס־קראַפט. ווי ניכטער איר זאָלט נישט זיין, האָט איר אויף דעם וועג כסדר ס׳געפיל, אַז נישט בלויז אייער אויטאָמאָביל, נאָר אויך איר אַליין גייט אַרויף. ערשט דאָ, ווערט אייך רעכט פאַרשטענדלעך דער ביבלישער אויסדרוק: „אויפגיין קיין ירושלים״; און ווי זיכער איר זאָלט נישט זיין, אַז די בערג פון יהודה זענען נישט קיין הויכע, האָט איר דאָך דאָ אַ נעפּלהאַפּט געפיל, אַז ערגעץ דאָרט ווייט באַגעגענען זיי זיך מיטן הימל. און ווי סקעפּטיש איר זאָלט זיך נישט באַציִען צו מענטשן וואָס זאָגן נביאות, זעט עס פונדעסטוועגן אייך איצט אויס גאַנץ נאַטירלעך, ווען מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף די דאָזיקע וועגן האָבן געהאַט „זעונגען״.

אַזאַ מיסטעריעזע פּראַכט ליגט אויסגעגאָסן אויפן וועג קיין ירושלים און ווער ווייסט, צי ער, דער וועג, האָט נישט באַשטימט דעם גורל פון דער שטאָט?

איז דאָך, זאָגט דער ייִד עדוואַרד בערנשטיין, אויך דער וועג צום גן־עדן שענער ווי דער גן־עדן אַליין.

⁂

איינער פון די גרעסטע פּאַראַדאָקסן פון דער ייִדישער ירושלים, איז וואָס זי איז פּאַקטיש די ייִנגסטע שטאָט פון צווישן אַלע הויפּטשטעט אויף דער וועלט.

צו די עלטסטע געגנטן פון נײַ־ירושלים געהערט די שכונה (קוואַרטאַל) פון די פרומע ייִדן, „מאה שערים”, און אויך זי איז נאָך אַפילו קיין הונדערט יאָר נישט אַלט. זי האָט זיך אָנגעהויבן בויען ערשט מיט אַכציק יאָר צוריק, אין 1873. די גאַנצע אַלטקייט און אייביקייט פון ירושלים ליגט פּאַקטיש אויף יענער זייט גרעניץ, אין עבר־הירדן, מיט דער אויסנאַם פון הר־ציון, וווּ עס געפינט זיך דער קבר פון דוד המלך. אָבער אויך אַרום דוד המלכס קבר זענען אין די לעצטע יאָרן איינגעפּירט געוואָרן אַ סך נײַעסן (באַזונדערע חדרים פאַר די ספר־תורהס פון פאַרשיידענע חרובע ייִדישע קהילות, אַ חדר מיט דאָקומענטן אד”גל — אַלץ הויפּטזעכלעך מיטן אויג געווענדט נישט אַזוי ווײַט צו דער פאַרגאַנגענהייט, אָדער צו דער אייביקייט, ווי צו די היינטיקע און מאָרגנדיקע טוריסטן), אַזוי אַז אַפילו דער הר־ציון האָט פאַרלוירן אַ סך פון זײַן אַלטקייט.

די מערסטע ירושלימער קוואַרטאַלן האָבן נאָך אַ סך ווייניקער יאָרן, ווי מאה שערים. דערצו איז לעצטנס צוגעקומען אַ היפּשע צאָל נײַע קוואַרטאַלן און אויך נײַע געבײַדעס, וואָס אָדער זיי זענען שוין אײַנגאַנצן פאַרענדיקט, אָדער זיי האַלטן זיך נאָך אין בויען. אויף טריט און שריט שטויסט איר זיך אָן אויף רישטאָוואַניעס און אויף הויפנס שטיינער (אין ירושלים בויט מען געוויינלעך די הײַזער פון קאַנטיקע שטיינער) און אויף ליים און קאַלך, וואָס דאָס שמעקט שוין זיכער נישט מיט אַלטקייט און נישט מיט אייביקייט.

אָבער אויב די ירושלימער קוואַרטאַלן זענען נישט אַלט, זענען זיי אָבער אויך נישט יונג. באַזונדערס איז דאָס ריכטיק וועגן די קוואַרטאַלן פון אַלטן, פרומען ישוב. עס ליגט אויף זיי אַ מין פריִע געעלטערטקייט, פּונקט ווי אויף די יונגע־לײַט מיט די געדיכטע בערד און פּאות, און אויף די יונגע ווײַבער אין די טיפע שײַטלען און קאָפּ־טיכער, וואָס וווינען דאָרט אין די שמאָלע הײפלעך. ווען איר טרעפט אין תל־אביב אָדער אין חיפה אַ קוואַרטאַל פון זעלבן עלטער, זעט ער אויס אין אײַערע אויגן ווי אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס דאַכט זיך, ער שטייט

ערשט אין שידוכים, אָבער ווען איר באַגעגנט אַזאַ קוואַרטאַל אין ירושלים, דאַכט זיך אײַך, אַז ער איז שוין אַ באַיאָרטער ייִד, וואָס האָט שוין קינדער חתונה צו מאַכן.

פון די פּנימער פון די הײַזער, אַזוי ווי פון די פּנימער פון די מענטשן, קוקט דאָ אַראָפּ אַן ערנסטקייט, וואָס שמעקט מיט עלטער און מיט נאָך עפּעס. איז דאָס הימל? „יענע וועלט"? אָדער גאָר דאגת פּרנסה? — שווער דערויף גענוי צו ענטפערן. אין פיל פאַלן איז עס אַלץ צוזאַמען.

שוין אויפן ערשטן בליק זעט איר, אַז ירושלים איז אַ שטאָט פון באַאַמטע, פון פּקידים, און בכלל פון מענטשן, וואָס לעבן פון אָפּגעציילטע גראָשן, וועלכע דאַרפן הויפּטזעכלעך קומען פון דרויסן. איר זעט עס אין דער גרויסער צאָל קהלשע אינסטיטוציעס און חברות, וואָס זענען צעוואָרפן איבער די באַזונדערע קוואַרטאַלן, אין דער גרייסער צאָל אַמטן, ישיבות, חלוקה־הײַזער, קירכעס, אָרדנס, מיסיעס, קאָנסולאַטן אאַז"וו. איר זעט הײַזער, וואָס איבער יעדן פענצטער איז אײַנגעמויערט דער נאָמען פון אַן אַנדערן נדבן, וועלכער האָט די אינסטיטוציע געהאָלפן בויען. איר טרעפט דאָרט נעמען ספרדישע, אַשכנזישע און אַפילו גויאישע. יעדעס הויז אַזאַ איז אַ צענטראַלע, פון וואַנען עס גייען אַרויס ברכות און ווינטשעוואַניעס צו אַלע עקן פון דער וועלט און פון וואַנען עס קומען אַהער בײַשטײַערונגען אין פאַרשיידענער גרויס. מען לעבט פון דער דאָזיקער אַלטער און מאָדערנער „חלוקה", אָבער נישט צו זאַט. אַ חוץ די הויכע באַאַמטע, וועלכע וווינען אין דעם אַריסטאָקראַטישן ווילע־קוואַרטאַל רחביה, וואָס ליגט אײַנגעטונקען אין ביימער און אין בלומען, קען מען די ירושלימער ייִדן נישט באַשולדיקן אין געניסן פון צופיל עולם הזה. אויך אין די געשעפטן און קרעמלעך דערקענט איר דאָס. די מיינסטע פון זיי זענען באַשיידענע פּראָווינציאַנעלע קראָמען, ווו סיי דער סוחר און סיי דער קונה באַגניגענען זיך מיט אַ שטיקל פלייש אויף שבת. אויך די קאַפּעהײַזער אין ירושלים זענען עדות, אַז דער באַפעלקערונג רינט נישט איבער דער באָרד. אַרום אַכט אין אָוונט פאַרמאַכן זיי זיך שוין. און אַז זיי וואָלטן שטאַרק געוואָלט, וואָלטן זיי זיך געקענט אַפילו פאַרמאַכן פריִער. קיין גרויסע היזקות וואָלטן זיי נישט געליטן. זינט די רעגירונג האָט גענומען שטאַרקער אונטערשטרייכן דעם רעזידענץ־כאַראַקטער פון ירושלים, האָט די שטאָט אַ ביסל אויפגעלעבט. עס בויען זיך אַלץ נײַע הײַזער פאַר רעגירונגס־אַמטן און צענטראַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אַזוי אויך האָטעלן און פּריוואַטע וווינונגען פאַר די באַאַמטע. דאָס האָט אויך אַרײַנגעבראַכט אַ שטיקל אויפלעבונג אין האַנדל

און אַפילו געשאַפן נייע אינדוסטריע־צווייגן. אָבער פון פּרנסה בריווח איז ירושלים נאָך אַלץ גאַנץ ווייט, הלוואי, וואָלט זי געווען אַזוי ווייט פון עבר־הירדן.

***

און דאָך פאַרמאָגט ירושלים מער לאָקאַלע פּאַטריאָטן, ווי עס פאַרמאָגט וועלכע עס איז אַנדערע שטאָט אין ישראל, אַפילו מער ווי חיפה. זיי, די ירושלימער, רעדן וועגן זייער שטאָט מיט אַזאַ ליבשאַפט, אַז ווילנדיק־נישט־ווילנדיק ווערט איר אָנגעשטעקט. דאָס איז ריכטיק נישט בלויז וועגן די פרומע ייִדן, וואָס פאַר זיי איז ירושלים חשובער פון גאַנץ ישראל, נאָר אַפילו וועגן פיל מאָדערנע, וועלט־לעכע ייִדן. מיר האָט אַ געוועזענער ייִדישער אַרבעטער־פירער פון פּוילן גע־זאָגט, אַז ער וואָלט קיין שום אַנדער שטאָט אויף דער וועלט נישט אויסגעטוישט פאַר ירושלים, הגם ער איז קיין ציוניסט קיינמאָל נישט געווען. אים געפעלט די גייסטיקע אַריסטאָקראַטישקייט פון ירושלים, איר פאַרטראַכטקייט און צוריק־געהאַלטנקייט. דאָס, — זאָגט ער, — וואָס אַן אויפגעקומענער גביר וועט זיך דער־לויבן אין תל־אביב, וועט ער זיך נישט דערלויבן אין ירושלים. ער וועט זיך אַליין שטעלן די פראַגע: „פּאַסט אַזעלכעס צו טאָן אין ירושלים?" און ער וועט זיך אַליין ענטפערן: „ניין, עס פּאַסט נישט". ירושלים, — האָט ער געזאָגט, — פאַרמאָגט אַן אינערלעכע שיינקייט, וואָס שטופּט זיך נישט אין די אויגן. מען דאַרף ערשט גוט זיך צובייגן, מען זאָל זי זען. אין דער הינזיכט איז זי אַ ביסל ענלעך צו לאָנדאָן. מען שטעלט נישט אַרויס אין דרויסן אַלץ, וואָס מען פאַרמאָגט. דאָס איז צו וווּלגאַר: „קום אַריין אינעווייניק, וועסטו זען". דערפאַר טאַקע, — האָט ער געזאָגט, — וואָלט ער, נאָך ירושלים, פאַר זיך אויסגעקליבן לאָנדאָן אַלס אַ פּלאַץ אויף צו וווינען.

אַ צווייטער ירושלימער ייִדישער אינטעליגענט, וועלכער וווינט שוין דאָרט איבער צוויי צענדליק יאָר, האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט איצט ירושלים מער ליב ווי פריִער, ווען זי איז געווען פאַרייניקט מיט אַלט־ירושלים. ער איז דערביי־בער צופרידן, וואָס די נייע ישראל איז פּטור געוואָרן פון די ירושלימער אַלטע, קרומע געסלעך און בכלל פון די הייליקע חורבות, וואָס צוליב זיי איז ירושלים פון אייביק אָן אַ צענטער פון רעליגיעזע מלחמות און אינטערנאַציאָנאַלע אינטרי־געס און קאָנפליקטן. ווען עס וואָלט געווען, — זאָגט ער, — מעגלעך, אַז יענער טייל ירושלים זאָל שוין בלייבן אויף יענער זייט גרענעץ און ישראל זאָל בלייבן ביי נייַ־ירושלים, וואָלט עס געווען די בעסטע לייזונג פאַר דער וועלט און פריִער

פאַר אַלץ פאַרן ייִדישן פאָלק. ער רעדט נישט אַזוי ווייט פון פּאָליטישן שטאַנד־פּונקט, ווי פון קולטורעלן און נאַציאָנאַלן ייִדישן שטאַנדפּונקט. ניי־ירושלים האָט אַן אייגן גייסטיק פּנים וואָס וואַרפט זיך נישט באַלד אין די אויגן. אויך אירע נאַטור־שיינקייטן שרייען נישט, באַרימען זיך נישט, נאָר זענען מער קאָנצענטרירט אין זיך. „כל כבודה בת מלך פנימה״. דאַקעגן אין אַלט־ירושלים שרייט די קדושה פון דריי רעליגיעס; עס שרייט די נויט, עס שרייען די בעטלער.

פאַר די פרומע ייִדן ליגט, אָבער, גראָד די שיינקייט פון ירושלים אין די הייליקייטן, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט גרענעץ און וואָס זייער אָפּשיין פאַלט דאָ אויף יעדן מענטשן און אויף יעדער מויער.

זאָגט מיר אַ ייִד אין מאה שערים, אַ נטורי־קרתאניק, אַז פאַר אים איז ארץ־ישראל דאָ־אָ. שוין פינף און צוואַנציק יאָר ווי ער איז פון ירושלים נישט אַרויס־געפאָרן און ער האָפט, אַז, בלי נדר, וועט ער פון דאַנען קיינמאָל נישט אַרויס־פאָרן. אים אַרט נישט צי די מיניסטאָרן מיט די גענעראַלן, „וואָס טראָגן ייִדישע נעמען״ און זייערע קאָנצעלאַריעס, זיצן יאָ אין ירושלים, צי נישט — דער עיקר איז, אַז דער רבונו של עולם זיצט דאָ, אַז די שכינה איז דאָ.

ס׳טייטש — פרעג איך אים — די גמרא זאָגט דאָך, אַז די שכינה איז געגאַנ־גען צוזאַמען מיט די ייִדן אין גלות אַריין? אַז „שכינתא בגלותא?״ — שמייכלט ער מיט ביטול. וואָס מיין איך עפּעס, אַז די שכינה איז אַ בשר־ודם, וואָס אַז זי גייט אַוועק אין אַ צווייטן אָרט, איז זי מער נישטאָ אין ערשטן אָרט?... ס׳איז מלא כל הארץ כבודה. די שכינה באַגלייט די ייִדן אין גלות און זי בלייבט אויך דאָ, אין ירושלים. דאָ איז איר שורש. אין ירושלים של מעלה און אין ירושלים של מטה... אויך דאָ איז נאָך נישט גוט. די ציוניסטן האָבן זיך איינגערעדט, אַז משיח איז שוין געקומען. אָבער „מיר״ ווייסן דאָך דעם אמת. ער דאַרף ערשט קומען. יעדן טאָג וואַרטן אויף אים די ייִדן פון מאה שערים, אָבער זיי ווייסן, אַז דאָ איז דאָס בעסטע אָרט צו וואַרטן.

גייענדיק איבער די געסלעך פון מאה שערים, האָב איך טאַקע געהאַט דעם איינדרוק, אַז די פרומע ייִדן פון האַלטן ירושלים פאַר אַ גאַנץ באַקוועם אָרט אויף צו וואַרטן אויף משיחן. נייך, נישט גאַנץ ירושלים, נאָר זייער קוואַרטאַל. זייער „שכונה״. ירושלים איז אפשר די איינציקע שטאָט אויף דער וועלט, וווּ די מיינסטע לאָקאַלע פּאַטריאָטן זענען אייגנטלעך גיכער פּאַטריאָטן פון זייער קוואַרטאַל; איבער הונדערט שכונות זענען פאַראַן אין ירושלים און כמעט יעדע האָט זיך אירע פּאַטריאָטן, וואָס באַטראַכטן זייער שכונה פאַר דעם אייגנטלעכן ירושלים. אָבער די שאַרפסטע פּאַטריאָטן פאַרמאָגט די שכונה מאה שערים, וואָס איז די פעסטונג

פון די נטורי קרתא. פאַר זיי איז מאה שערים נישט בלויז אַ באַזונדערע שטאָט, נאָר אַפילו אַ באַזונדערע מדינה, וואָס לעבט זיך מיט איר אייגן לעבן און רעכנט זיך אינגאַנצן נישט מיט די געזעצן און דינים פון דער, ווי זיי רופן זי, „ציוניס־טישער מדינה״.

דער גאַנצער קוואַרטאַל זעט אויס ווי אַ גרויסער רבישער הויף, אָבער מיט אַ סך באַזונדערע רביס און רבילעך. די ייִדן דרייען זיך אַרום אַפילו אין די וואָכנ־טעג אין אַ מין חול־המועד־שטימונג. גרייט יעדע מינוט אַריינצוכאַפּן אַ מצוה, אָדער אונטערצושטעלן דאָס אויער פאַר אַ וואָרט פון „אים, זאָל לעבן״.

מען גייט אין מיטן גאַס, אַליין, אָדער בחברותא, לאַזנדיק דעם ווינט זיך פריי שפּילן מיט באָרד און פּאות און מיטן ברייטן אַרבע־כנפות; מען רעדט אַריבער פון איין אָפענעם פענצטער צום צווייטן און אויב עס איז עפּעס קשה, קען מען פון גאַס דערלאַנגען מיט דער האַנט דורך אַ פענצטער צו אַ פּאַליצע און באַלד אויפן אָרט דעם ענין קלאָר מאַכן.

וואָס'י־ מ'איז דען נישט ביי זיך אין דער היים?

און עס זענען דען דאָ אויף דער וועלט בילכערע געשעפטן?

מיין שטימונג איז אָבער אין ירושלים נישט געווען אַזאַ געהויבענע. וויפל מאָל איך האָב געפּרוווט זיך פאַרקוקן אויף דעם מאָדערנעם ירושלים, אָדער אויף דעם פרומען ירושלים, האָט פּלוצלינג פון הינטער שטעכל־דראָט צו מיר אַרויסגע־קוקט דאָס טראַגישע ירושלים.

עס האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז יעדעס מאָל, ווען איך בין געקומען קיין ירושלים, האָט מען אויפן אויער איבערגעגעבן וועגן קרבנות, וואָס זענען די לעצטע נאַכט געפאַלן ביי די גרענעצן, וועלכע געפינען זיך אין מיטן שטאָט, אָט־דאָרט־אָ, ביי די שטעכל־דראָטן...

וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

ירושלים - די טראַגישע שטאָט

ווען איך בין צום ערשטן מאָל געפאָרן קיין ירושלים, האָב איך זיך געשראָקן, אַז איך זאָל זיך דאָרט נישט צופיל אָנשטויסן אויף פסוקים פון תנ״ך און אַנדערע הייליקע ספרים.

אַפילו אין די אַנדערע שטעט און געגנטן פון ישראל פילט איר זיך ווי אַרומגערינגלט פון פסוקים. יעדער באַרג און יעדער שטעג קומט אייך אַנטקעגן מיט זיינע פסוקים, וואָס גאָר אָפט זענען זיי באַהאָפטן מיט אַ ניגון, וואָס אין אים זענען אַריינגעוועבט שטיקער פון אייער היים און פון אייער יוגנט.

אַזעלכע פסוקים ווירקן גוט אויף אייער געמיט. זיי נעמען אַ פשוטן באַרג און באַדעקן אים מיט די טריט פון אליהו הנביא און אַזוי אַרום פאַרבינדן זיי אים מיט די בילדער פון אַ היימישער אויסגעשטערנטער סדר־נאַכט און מיט דעם ליכטיקן פנים פון אייער אייגענער מאַמען. אָדער זיי נעמען אַ שטיל דאָרף און לאָזן דאָרט אויפגיין דאָס קול פון תנאים און אמוראים, וואָס אין אייער האַרצן קלינגט דאָס אָפּ מיט אַן עכאָ פון אייער אייגענעם, שוין לאַנג־פאַרגעסענעם, גמרא־ניגון.

אָדער זיי נעמען אַ באַשיידענעם טייך און זיי פלעכטן אַריין אינעם שטילן מורמלען פון זיינע וואַסערן די פּאָעטישע געזאַנגען, וואָס זענען שוין אַלט טויזנטער יאָרן און וואָס זענען גלייכצייטיק אַ טייל פון אייער אייגענעם פרילינג.

אַזעלכע פסוקים פאַרוויגן אייך אין האַלבן־דרימל, און דאָס מאַכט אייך שווער צו זען דעם אַרום אַזוי ווי ער איז היינט צו טאָג — אין שיין פון דער איצטיקער ווירקלעכקייט.

מען דאַרף פאַרמאָגן שוין גאָר אַ שטאַרקן כאַראַקטער, כדי צו קענען אָפּטרייסלען פון די אויגן דעם זילבערנעם לבנה־שטויב און דורכשטופּן דעם אייגענעם בליק דורך די ראָמאַנטישע ווענט פון היימישע פסוקים און ניגונים.

און אַזוי ווי ירושלים האָט מער פּסוקים ווי יעדער אַנדערער טייל פון ישראל, האָב איך דערפאַר, פאַרנדיק צום ערשטן מאָל אין דער אייביקער שטאָט, זיך באַזונדערס געשראָקן.

„ווען אַמאָל — האָב איך זיך געפרעגט — די פּסוקים נישט פאַרשטעלן פאַר מיר דאָס אמתע פּנים פון דער שטאָט?”

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אָבער, אַז מיין שרעק איז געווען אַן אומזיסטע. דער יידישער טייל פון ירושלים (אָדער ווי ער רופט זיך: ניי־ירושלים) פאַרמאָגט גאַנץ ווייניק פּסוקים. כמעט אַלע פּסוקים געפינען זיך דאָרט, וווּ עס געפינען זיך די הייליקע ערטער — אין אַלט־ירושלים, וואָס ליגט אין קיניגרייך פון עבר־הירדן.

די אַראַבער האָבן דאָס הייליקע יידיש ירושלים און די יידן האָבן אַ נייע שטאָט, לעבן ירושלים.

אַנשטאָט אַנצושטויסן זיך אויף פּסוקים, האָט זיך גאָר דאָרט מיין אויג כסדר אָנגעשטויסן אויף שטעכעדיקע דראָטן.

גייענדיק איבער די געסלעך פון דעם פרומען קוואַרטאַל, מאה שערים, רופט זיך פּלוצלינג צו מיר אַן מיין באַגלייטער, מ. צאַנין:

— גייט פּאַוואָליע, ווייל איר קענט דאָ אַריין אין עבר־הירדן.

און טאַקע באַלד וויזט ער מיר, אַז בלויז עטלעכע שריט פון אונדז שטייט אַ וואַנט אויף וועלכער עס איז אָנגעקלאַפּט אַ הילצערן שילדל, מיט אַן אויפשריפט אין דריי שפּראַכן (העברעיש, ענגליש און פראַנצויזיש):

עצור!

STOP !

ARRET !

וואָס דאָס מיינט, אַז זייט מוחל, און גייט נישט ווייטער, ווייל דאָרט, אויף יענער זייט שטאָט, איז שוין „אויסלאַנד”.

די וואָרענונג פון מיין פריינט, אַז איך קען אַריין קיין עבר־הירדן, איז געווען אַ היפּש ביסל איבערגעטריבן. אַפילו, ווען איך זאָל וועלן, וואָלט איך דורך דאָרט נישט געקענט אַריין קיין עבר־הירדן, ווייל, ערשטנס, וואָלט איך פריער געמוזט דורכשניידן די שטעכיקע דראָטן און דערצו בין איך נישט געווען צוגעגרייט נישט פיזיש און נישט, אַזוי צו זאָגן, גייסטיק. דערצו נאָך געפינען זיך אַרום, אין באַ־העלטענישן, יידישע זעלנער, וואָס קוקן אויף די שטעכיקע דראָטן מיט אויסגע־שפּיצטע אויגן; צווייטנס, ווען מיר וואָלט שוין אַפילו געלונגען דורכצורייסן זיך

ב. שעפּנער

דורך דער ייִדישער שטעכיקער וואַנט, וואָלט איך ערשט אַרײַנגעקומען אין „קיינעמס לאַנד”, וואָס איז אַ פּוסט, וויסט געסל, באַוואַקסן מיט ווילדע גראָזן און וואָס פֿון דאָרט פֿירט אַ וועג צו אַ צווייטער שטעכיקער וואַנט — דאָס זענען שוין זייערע דראָטן, אַראַבישע, מיט זייערע לעגיאָנען אין די באַהעלטענישן. ערשט ווען איך וואָלט אויך יענע שטעכיקע וואַנט דורכגעשניטן, וואָלט איך געקענט אַרײַן אין עבר־הירדן, אויב, פֿאַרשטייט זיך, עס וואָלט נאָך געווען וואָס ס'זאָל אַרײַן.

בין איך גיך צוריקגעגאַנגען פֿון דער גרענעץ, אָבער איר שאָטן איז מיר שוין נאָכגעגאַנגען אומעטום, ווו איך האָב זיך נאָר געקערט און געווענדעט.

און דאָס איז געווען די שווערסטע איבערלעבונג, וואָס איך האָב געהאַט אין ירושלים. די ירושלימער אײַנוווינער זענען שוין צוגעוווינט צו די ווענט פֿון שטעכיקע דראָטן אין מיטן זייער שטאָט, פּונקט ווי די יאַפּאַנעזער, וועלכע וווינען אויף פֿודזשי־יאַמאַ, זענען צוגעוווינט צו זייער רויכערנדיקן וווּלקאַן. זיי גייען פֿאַרביי און קוקן זיך שוין אַפֿילו נישט אום אויף אים. אַזאַ כּוח האָבן אין זיך פֿאַקטן, וואָס דויערן אַ לענגערע צײַט, מעגן זיי זײַן ווי ווילד און אומנאַטירלעך. דאָס אויג געוווינט זיך צו זיי צו. מײַן אויג איז אָבער צו די שטעכיקע ווענט אינגאַנצן נישט געווען צוגעוווינט, האָט עס דערפֿאַר אַ צאַפּל געטון יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך אויף זיי אָנגעשטויסן.

***

אין די טעג, ווען איך בין געווען אין ירושלים, האָבן די דאָזיקע שטעכיקע דראָטן געגעבן מײַן אויג נאָך גאָר אַ באַזונדערן גרונט אַ צאַפּל צו טון. עס זענען געווען, ווי מען האָט זיי גערופֿן אין ישׂראל, „הייסע טעג”. אויף די גרענעץ־פּונקטן צווישן ישׂראל און עבר־הירדן, אין סאַמע מיטן ירושלים, זענען פֿאָרגעקומען קאַמפֿן, און הגם די צײַטונגען האָבן נישט געטאָרט דערציילן וויפֿל עס זענען געפֿאַלן, האָבן זיי אָבער יאָ געמעגט דערציילן, אַז עס זענען געווען געפֿאַלענע „פֿון ביידע זײַטן” און אַז זייער צאָל איז געווען אַ גרעסערע, ווי געוויינלעך.

וואָס מיינט „ווי געוויינלעך”? איז דען פֿאַראַן אַזאַ זאַך, ווי „געוויינלעכע” געפֿאַלענע אין צײַט פֿון אַ וואָפֿנשטילשטאַנד? דאָס קלינגט דאָך ווי מען וואָלט געזאָגט „אַ געוויינלעכע מיתה־משונה”?

ליידער, ליידער, אין ישׂראל איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי „געוויינלעכע” געפֿאַלענע. מען פֿאַלט פֿון דער זײַט און מען פֿאַלט פֿון יענער זײַט. דאָס איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין די דאָזיקע לאַנגע יאָרן פֿון וואָפֿנשטילשטאַנד צווישן ישׂראל און

אירע אַראַבישע שכנים. עס איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג, אַז אַראַבער פון יענער זייט, מיינסטנס היימלאָזע, וואָס זענען בעת דער מלחמה אַוועק פון ישראל, זאָלן פּרוּוון אַריינקומען צוריק אין לאַנד אַריין, און עס איז אויך אַ געוויינלעכע זאַך, אַז די גרענעץ־זעלנער פון דער זייט זאָלן שיסן, און עס איז אויך אַ געוויינלעכע זאַך, אַז די גרענעץ־זעלנער פון יענער זייט, אָדער טאָקע די אַריינדרינגענדיקע אַראַבער זאָלן צוריקשיסן. און טיילמאָל איז עס פאַרקערט — יענע שיסן און פון דער זייט שיסט מען צוריק. און אַזוי ווי דאָס שיסן איז אַ געוויינלעכע זאַך, זענען אויך די געפאַלענע „געוויינלעכע"...

אָבער אין יענע טעג, ווען איך בין געווען אין ישראל, זענען געפאַלן מער ווי געוויינלעך. עס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע הייסע וואָך, וואָס האָט אַרויסגערופן פאַרשיידענע קלאַגעס, וואָס זענען געגאַנגען פון מויל צו מויל.

קיין באַזונדערע נערוועזיטעט איז אין שטאָט נישט געווען צו באַמערקן. דאָס לעבן איז זיך געפלאָסן מיט זיין נאָרמאַלן גאַנג. ייִדן האָבן גערעדט וועגן פּרנסה, וועגן אַמעריקע; אין מאה שערים האָט מען אַ גאַנצן טאָג געשמאַק געלערנט תּורה און צווישן מנחה און מעריב האָט מען גערעדט וועגן דער „שרעקלעכער געפאַר", אַז די רעגירונג זאָל נעמען פרומע ווייבער צום מיליטער (גיוס נשים).

פון וואַנען האָט זיך גענומען די דאָזיקע רויִקייט?

איך בין אַריין צו אַ ייִדן, וואָס וווינט האַרט לעבן דער גרענעץ און מיט אים פאַרפירט אַ שמועס. דער ייִד איז אַ פרומער, אָבער נישט קיין פאַרשלאָפענער. ער איז אַ שטיקל סוחר און, ווי ער האָט מיר דערציילט, פאַרדינט ער ווי עס איז אויף זיין אויסקומעניש. ער האָט אַ טאָכטער אין ברוקלין, ניו־יאָרק, און ער האָט דורך מיר איבערגעשיקט אַ גרוס פאַר איר. נישט מער, ווי אַ גרוס. קיין פרידזשידער האָט ער נישט געבעטן, יעדנפאַל נישט דורך מיר. ער איז געווען אַ שיינער באַלעבאָס אין אונגאַרן און ערשט מיט דריי יאָר צוריק איז ער געקומען אין לאַנד, צוזאַמען מיט זיין צווייטער פרוי.

די שטוב איז אַ פאַרלאָזענע, אַ טונקעלע, פון אַלע ווינקעלעך טראָגט זיך אַ מרה־שחורה. פונדעסטוועגן זענען דאָ און דאָרט צו באַמערקן סימנים פון אַ היימישער, באַלעבאַטישער שטוב. אַפילו די פלושענע קאָלדרעס אויף די בעטן און דאָס שויבן־שענקל דערציילן וועגן דעם. אָבער די מיינסטע סימנים פון באַלעבאַטישקייט ליגן אויף זיין פנים און אויף זיין גאַנצן שטעל. ער איז אַ ייִד אַ האָפערדיקער, פול מיט בטחון. צי ער האָט געהערט שיסן? — אַוודאי האָט ער געהערט. זיין הויז ליגט דאָך אויף דער גרענעץ. ווו דען זאָל מען הערן שיסן, אויב נישט דאָ?... אָבער ער שרעקט זיך נישט. ער פילט זיך דאָ — זאָגט ער — אַ סך זיכע־

רער, ווי ער האָט זיך געפילט אין אונגאַרן. דאָרט האָט בלויז איין צד געשאָסן און דאָ האָבן געשאָסן ביידע צדדים, זייער צד און אונדזער צד, און ער ווייסט אויף זיכער, אַז אונדזערע האָבן בעסער געשאָסן... „מיר האָבן זיי אָנגעלערנט". פֿון וואַנען ווייסט ער דאָס אַזוי אויף זיכער? ער שמייכלט:

— פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר. אַז איך זאָג, ווייס איך.

איך האָב דעם דאָזיקן געפֿיל פֿון זיכערקייט באַמערקט ביי אַ סך ייִדן אין ישׂראל. צי זיי זענען צוואַנציק מייל פֿון דער גרענעץ, אָדער בלויז עטלעכע הונ־דערט מעטער פֿון דער גרענעץ — כּל־זמן מען הערט נישט שיסן, פֿילט מען זיך זיכער און מען פֿאַרנעמט זיך מיט אַנדערע ענינים. איך האָב זיך געפּרוּווט דער־גרונטעווען צו די קוואַלן פֿון דער דאָזיקער זיכערקייט און איך בין געקומען צום אויספֿיר, אַז אין אַ גרויסער מאָס ליגט זי אין די נצחונות, וואָס די ייִדן האָבן אָפּגעהאַלטן בעת דער מלחמה מיט די אַראַבער. יענער נס איז נאָך אַלץ אַ קוואַל פֿון וועלכן מען שעפּט. „אַז מיר האָבן זיך דעמאָלט מיט „זיי" אָן עצה געגעבן, וועלן מיר זיך אויך ווייטער אָן עצה געבן". מען וויל טאַקע זייער שטאַרק אַ שלום, אָבער מען גלייבט, אַז אויב עס וועט קומען צו אַ מלחמה, וועלן „מיר" ווידער געווינען.

אויף דער דאָזיקער זיכערקייט בויען טאַקע די חרותניקעס זייער אומפֿאַר־אַנטוואָרטלעכע פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אַ „שטאַרקער האַנט". טאַקע אין די „הייסע טעג" אין ירושלים האָט די חרות־צייטונג געשריבן, אַז ישׂראל דאַרף זיך ענדלעך „באַפֿרייען פֿון דער טעריטאָריאַלער פּעטליע", וואָס ענגט אויף איר האַלדז. עס הייסט, זיך ווידער נעמען צו דער שווערד. ניינציק פּראָצענט ייִדן אין ישׂראל (און אפשר נאָך מער) האַלטן די דאָזיקע רייד פֿאַר געפֿערלעכער משוגעת. ישׂראל דאַרף מלחמה, אַפֿילו אַ זיגרייכע מלחמה, ווי אַ לאָך אין קאָפּ. אָבער די רייד וואָלטן אינ־גאַנצן נישט מעגלעך געווען, ווען עס זאָל צווישן אַ גרויסן טייל פֿון דער באַפֿעל־קערונג נישט הערשן דער גלויבן, אַז מען וועט זיך קענען מיט „זיי" אָן עצה געבן.

טיילווייז קען מען אויך געפֿינען די קוואַלן פֿון דעם דאָזיקן גלויבן אין אַלטן ייִדישן בטחון, ווייל אָן בטחון וואָלט דאָך אינגאַנצן נישט מעגלעך געווען צו לעבן.

אָבער פֿונדעסטוועגן זענען נאָך פֿאַראַן אין ירושלים ייִדן, וואָס ווילן בעסער זיין אַ ביסל ווייטער פֿון דעם אָרט, וווּ מען שיסט. אַזוי בין איך ביים מאַנדלבוים־טויער (דער גרענעץ טויער דורך וועלכן עס גייען אַריבער קריסטלעכע פּילגרימען און באַאַמטע פֿון דער ייִדישער אויף דער אַראַבישער זייט) אַרויף אויפֿן דריטן שטאָק פֿון אַ ייִדיש הויז און דאָרט געטראָפֿן איינקוואַרטירט אַ גרופּע ייִדישע סטו־דענטן פֿון דעם ירושלימער אוניווערסיטעט. וווּ זענען די באַלעבאַטים פֿון דער

שטוב? — פרעג איך. ענטפערן מיר די סטודענטן, דריי סימפּאַטישע בחורים, מיט טונקעלע פּנימער, אַז די באַלעבאַטים האָבן פאַרלאָזט די דירה, ווען מען האָט פון יענער זייט אָנגעהויבן שיסן. נו, האָבן די דריי סטודענטן אויסגענוצט די „גינס־טיקע געלעגנהייט" און, צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, וווינען זיי „ווי גראַפן".

אַי, מען שיסט? — נו, שיסט מען.

די סטודענטן זענען צוזאַמען מיט מיר אַרויף אויפן דאַך און דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען ירושלים — טאַקע דאָס אמתע ירושלים, מיטן הר הצופים און מיטן אַמאָר־מעטשעט און מיט דער באַרימטער שטאָט־מויער (חומה) און מיט די געסלעך, וואָס פירן צו דער כותל המערבי. דאָ טאַקע זענען מיר אַנט־קעגנגעקומען מחנות פּסוקים וועגן ירושלים, וואָס אין דער שפּיץ פון זיי איז געגאַנגען דער פּסוק „ירושלים הרים סביב לה" — מיט בערג איז ירושלים אַרומגערינגלט. איך האָב געזען, אַז דער פּסוק שטימט.

אָבער צו לאַנג קוקן אויף ירושלים איז געווען געפערלעך. אַנטקעגנאיבער, אויפן דאַך פון אַן אַראַביש הויז, זענען געלעגן זעק מיט זאַמד און הינטער זיי זענען געלעגן פּאַרטייעט אַראַבישע לעגיאָנערן מיט אָנגעשטעלטע ביקסן.

טאַקע פון דאָרט האָט מען די לעצטע נאַכט געשאָסן.

ווען איך בין צוריק אַראָפּ אין גאַס, האָט פון די אָפענע פענצטער פון מאה־שערים זיך געטראָגן דאָס קול פון תורה און אויף דער גאַס האָבן זיך געשפּילט יידישע יינגלעך, מיט פאַראַנדערגעקנעפּלטע קאַפּאָטקעלעך און צעפלאָטערטע פאות. זיי האָבן מיט נייגעריקייט מיך באַטראַכט, ווײַלנדיק טרעפן צי בין איך טאַקע אַן אַמעריקאַנער. אָבער ווען איך האָב גענומען זיי אויספרעגן וואָס זיי לערנען, האָבן זיי פּלוצלינג זיך פאַרוואַנדלט פון קליינע שטיפער אין ישיבה־בחורים און גענומען מיר דערלאַנגען גאַנצע שטיקער גמרא, דורכגעפלאָכטן מיט אַזאַ געשמאַקן פּוילישן יידיש, אַז איך האָב נישט געוווּסט וואָס פריִער צו באַוווּנדערן: זייער גמרא אָדער זייער יידיש.

וועך מיר גרענעץ? וואָס מיר שיסן?

דאָ גיט מען זיך אַ שטעל אַרויף אויף אַ טורעם פון פּסוקים און פּשטלעך און מען איז איבער די גרענעצן און איבער די ביקסן.

אַ באַגעגעניש מיט ד״ר משה סנה

ווען איך בין געפאָרן קיין ישראל האָב איך זיך געמאַכט אַ צעטל פון באַקאַנטע, וועלכע איך וויל זען, און אַ צעטל פון באַקאַנטע, וועלכע איך וויל נישט זען. דער ערשטער אויפן לעצטן צעטל איז געווען ד״ר משה סנה (קליינבוים).

איך קען ד״ר קליינבוימען נאָך פון וואַרשע, ווו ער איז געווען, אויב נישט דאָס וווּנדער־קינד, איז יעדנפאַל דער וווּנדער־יונגערמאַן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. שוין אַלס סטודענט פון מעדיצין האָט ער געצויגן אויף זיך אויפמערקזאַמקייט סיי אַלס רעדנער און סיי אַלס פּובליציסט. ער האָט גערעדט לעבעדיק, מיט טעמפּעראַמענט און מיט דרייסטקייט, וואָס דאָס האָט ספּעציעל אימפּאָנירט די פּוילישע ייִדן. אויך אין זיין שרייבן (אין דעם ציוניסטישן „היינט״) האָט קליינבוים באַנוצט דעם דאָזיקן דרייסטן טאָן, וואָס איז ביי אים געווען אַן אויסדרוק פון אַ געוויסער מאָס פּערזענלעכן קוראַזש און אויך פון נישט קיין קליינער מאָס זעלבסט־זיכערקייט און איינפּאַכער חוצפּה.

ווייל מיט וואָס־וואָס, אָבער מיט קיין באַשיידנקייט האָט ד״ר קליינבוים, פּונקט ווי זיין רבי, יצחק גרינבוים, וועמען ער האָט זיך באַמיט צו קאָפּירן (דערפאַר טאַקע האָבן אים אַ סך גערופן „קליינגרינבוים״) קיינמאָל נישט געזינדיקט. יעדעס מאָל וואָס איך האָב אים געהערט רעדן, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז דעם שטאַרקסטן איינדרוק מאַכט זיין רעדע אויף אים אַליין.

— ווי שיין איך רעד — טראַכט ער זיך זיכער — שענער ווי גרינבוים.

אין דער צווייטער וואָך פון קריג האָב איך צופעליק באַגעגנט קליינבוימען אויף די באָמבאַרדירטע גאַסן פון לובלין. איך בין דעמאָלט געלאָפן פון וואַרשע מיט אַ גרופּע עוואַקוירטע ייִדישע שרייבער און ער איז דעמאָלט געלאָפן אַלס פּוילישער אָפיציר (ער איז געווען אַ מיליטערישער דאָקטער) צוזאַמען מיט דער צעקלאַפּטער פּוילישער אַרמיי. אין דער קורצער צייט, וואָס מיר זענען געשטאַנען

אויף דער לובלינער הויפּט־גאַס, קראַקעווער פּאַרשטאַט, האָט ער מיר באַוויזן צו דערציילן, אַז זיין פעלד־שפּיטאָל איז נאָך אַפילו נישט פּאַנאַנדערגעפּאַקט. פון ערשטן טאָג, וואָס ער איז געוואָרן מאָביליזירט ביז היינט, פאַרנעמט ער זיך בלויז מיט איין זאַך — מיט לויפן. אַזוי ווי מיר זענען אַזוי געשטאַנען און געשמועסט, איז אָנגעפלויגן אַן עסקאַדרע דייטשע עראָפּלאַנען און גענומען רעגענען מיט באָמבעס.

מיר זענען זיך ביידע צעלאָפן אויף פאַרשיידענע זייטן, אָבער אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט. דאָסמאָל אין ווילנע, וווּ קליינבוים האָט שוין, פּונקט ווי מיר אַלע היימלאָזע פּוילישע ייִדן, געטראָגן אַלטע ציווילע קליידער, אָבער אַ ניי — בערדל. באַלד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז ביי אים נישט אַזוי ווייט אַ בערדל, ווי אַ סגולה קעגן סטאַלינען. קליינבוים איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק געהאַט גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט דורך דער רויטער אַרמיי. ער האָט אָבער נישט קיין חשק געהאַט זיך צו לאָזן אָוועקפירן אין לאַנד פון דער „סאָציאַלער רעוואָלוציע" האָט ער דעריבער אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען זיינע סאָוועטישע היטער, וועלכע האָבן אים געפירט איבער די גאַסן צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע פּוילישע געפאַנגענע, זענען געווען פאַרנומען אין אַן אַנדער ווינקל, און ער איז אַרויס פון די רייען. ער האָט גיך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן זיין מיליטערישן שינעל און זיך אויסגעמישט מיט די ציווילע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טראָטואַר. ייִדן בני־רחמים האָבן אין יענער צייט נישט איין גע־פאַנגענעם געהאָלפן אַנטלויפן דורך געבן אים ציווילע קליידער און דורך אויס־באַהאַלטן אים ביי זיך אין הויז. אויך קליינבוימען האָט אַזאַ באַרמהאַרציקער ייִד געהאָלפן זיך ראַטעווען פון סאָוועטישע הענט. כדי נאָך מער זיך צו באַוואָרענען קעגן זיינע סאָוועטישע באַפרייער, האָט קליינבוים זיך געלאָזט וואַקסן אַ בערדל, וואָס האָט פון זיין פּנים אינגאַנצן באַזייטיקט דעם נעכטיקן פּוילישן אָפיציר.

שפּעטער זענען מיר צוזאַמען אַפילו עפּנטלעך אַרויסגעטראָטן אויף אַן אויפ־נאַמע וואָס די קאָוונער ייִדן האָבן איינגעאָרדנט פאַר די היימלאָזע ייִדישע שרייבער פון פּוילן. מיר האָבן זיך אין דער וואַרעמער, גאַסט־פריינטלעכער אַטמאָספערע פון דער ייִדישער קאָוונע גאַנץ גוט געפילט. אָבער דער געדאַנק, אַז מיר געפינען זיך צו־נאָענט פון די סאָוועטן, האָט אונדז קיין מינוט רו נישט געגעבן און אונדז כסדר געטריבן צו זוכן אַ וועג, ווי אַזוי אַרויסצוקומען פון ליטע. איינער פון די ענערגישסטע זוכער איז געווען קליינבוים, און ער איז טאַקע געווען פון די ערשטע, וואָס איז אַרויס.

ווען איך האָב שפּעטער געהערט וועגן קליינבוימס אַריינטריט אין דער פּראַ־

סאָוועטישער מפ״ם, בין איך נישט געווען שטאַרק איבערראַשט. איך האָב געוווּסט, אַז קליינבוים האָט נישט פּלוצלינג ליב־באַקומען סטאַלינען, נאָר אַז ער האָט ווייטער ליב דעם, וועלכן ער האָט שטענדיק ליב געהאַט — קליינבוימען. אָט טאַקע די דאָזיקע ליבע האָט עס געפירט דעם אַמביציעזן קליינבוימען צו דער שטאַרקער און איינגעפונדעוועטער ישראל־פּאַרטיי מפ״ם, וואָס דורך איר האָט ער געהאָפט צוצוקומען צו אַ מיניסטאַרן־שטול, און אפשר טאַקע צו דער אויסגעחלומטער פּרעמיער־שטול. וואָרום וואָס האָט ער געקענט דערלעבן ביי די צעשטויבטע אַלגעמיינע ציוניסטן? האָט ער דאָך געזען וואָס עס האָט ביי זיי דערלעבט זיין רבי, יצחק גרינבוים.

דערפאַר אָבער, ווען איך האָב שפּעטער געהערט, אַז אויך די כמעט־קאָמוניסטישע מפ״ם איז פאַר קליינבוימען געוואָרן צו־רעכט, און אַז ער איז אויך פון איר אַוועק, כדי צו זיין נאָך נענטער צו די הונדערט־פּראָצענטיקע סטאַליניסטן (מיט וועלכע ער האָט זיך גאַנץ גיך אינגאַנצן באַהאָפטן) — דעמאָלט בין איך שוין יאָ געווען אַ ביסל איבערראַשט.

דאָס האָט שוין ביי מיר געשמעקט נישט בלויז מיט אייגנליבע און מיט קרענקלעכער אַמביציע, נאָר מיט נאַרישקייט, און פאַר קיין נאַר האָב איך קליינבוימען קיינמאָל נישט געהאַלטן.

וואָס האָפט קליינבוים צו דערגרייכן ביי די קאָמוניסטן? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען. ווייסט ער נישט, אַז ווען אַפילו ער זאָל שוין יאָ דערלעבן דעם „גליקלעכן" מאָמענט, עס זאָל קומען צו אַ דריטער וועלט־מלחמה און די סאָוועטישע אַרמיי זאָל „באַפרייען" ישראל, וועט ער זיין פון די ערשטע אויף יענער וועלט? האָבן דאָך די סאָוועטן אין אַלע „באַפרייטע" לענדער אַזוי אָפּגעדינט די אָרטיקע נייע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיי דאָרט געהאָלפן פאַרכאַפּן די מאַכט?

איך האָב אָבער נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק זיך צו באַגעגענען מיט קליינבוימען, כדי אים צו שטעלן די דאָזיקע פראַגע. אָן אונטערשייד וואָסערע מאָטיוון עס זאָלן נישט האָבן קליינבוימען געבראַכט צו די קאַרידאָרן פון קרעמל — אַ פאַקט איז, אַז ער איז דאָרטן; אַז ער באַנוצט דעם זעלבן אויסגעלאָסענעם זשאַרגאָן וואָס זיי, און אַז ער האָט באַנוצט, אַפילו שוין נאָכן טויט פון סטאַלינען, גאַנצע פּסוקים פון פאַרשטאַרבענעם „פאָטער פון די פעלקער", איז וואָסער זינען האָט עס פאַר מיר זיך מיט אים צו טרעפן? וואָס קען ער מיר זאָגן און וואָס קען איך אים זאָגן?

האָב איך טאַקע אינגאַנצן נישט געהאַט בדעה זיך מיט אים צו באַגעגענען.

אָבער צופעליק האָב איך אים יאָ געטראָפן, און עס איז אַפילו געקומען צו אַ שמועס צווישן אונדז.

**
*

דאָס איז געווען אין דער כנסת אין ירושלים. איך בין דאָרט געזעסן אין בופעט מיט אַ גרופּע פריינט, ווען עס איז אַריינגעקומען קליינבוים. דאָס „אַנטי־סטאַלינישע" בערדל האָט ער שוין נישט געהאַט. דערפאַר אָבער איז זיין פּנים איצט געווען אַ סך קיילעכדיקער ווי אין קאָוונע, ווען איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל געזען.

דערזעענדיק מיך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי מיין טיש און מיך באַגריסט.

— וואָס מאַכט איר?

— נשקשה. און איר?

— אויך נישקשה.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי מיין טיש, און אַ ווײַלע זענען מיר ביידע געזעסן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און געשוויגן. איך בין זיכער, אַז אויך ער האָט אין יענעם מאָמענט געטראַכט דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געטראַכט — אַז מען זאָגט נישט דאָס, וואָס מען וויל זאָגן.

ענדלעך האָב איך איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— איך טראַכט — האָב איך אָנגעהויבן — וועגן דעם וואָרט „אפשר". עס איז אַ שיין און נוצלעך וואָרט. עס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר גרויסע מענטשלעכע זוכענישן און פאַר גרויסע מענטשלעכע דערגרייכונגען. איז וואָלט איך אייך וועלן פרעגן, קליינבוים: איז איך לעצטנס אינגאַנצן נישט איינגעפאַלן זיך צו באַנוצן מיט דעם וואָרט?... זענט איר טאַקע אַזוי זיכער אויף גאַנצע הונדערט־פּראָצענט, אַז דער וועג, אויף וועלכן איז האָט זיך פאַרנומען, איז דער איינציק־ריכטיקער? באַפאַלן אייך טאַקע נישט קיין שום ספקות? שטעלט איר זיך נישט אַמאָל די פראַגע: אפשר?...

נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער זיך אָפּגערופן: —

— איך זע פאַר זיך אַ קלאָרע סיטואַציע: איך זע ווי דאָס לאַנד קייקלט זיך אַלץ מער און מער באַרג־אַראָפּ. אין אַזאַ פאַל איז דאָס ערשטע וואָרט, וואָס דאַרף קומען אויפן זינען, נישט דאָס וואָרט „אפשר", נאָר דאָס וואָרט „אויב": אויב מיר וועלן נישט באַצייטנס צוליפן אונטערהאַלטן, וועט אַלץ פאַלן צום אָפּגרונט.

— פאַלט אייך גאָרנישט איין — האָב איך אים ווידער געפרעגט — אַז מיט אייער אונטערהאַלטן שטופּט איר דאָס לאַנד נאָך גיכער צום אָפּגרונט?

— ניין! — האָט ער געענטפערט אַנטשלאָסן. — איך זע נישט קיין אַנדער וועג ווי צו ראַטעווען דאָס לאַנד פון אַ קאַטאַסטראָפע. איר זעט אַן אַנדערן וועג. דערין באַשטייט אונדזער דיסקוסיע.

— איך האַלט נישט — האָב איך געזאָגט — אַז דאָס איז אַ פראַגע פון דיסקוסיע. גיכער איז דאָס אַ פראַגע פון בוכהאַלטעריע. מען ציט־אונטער דעם חשבון און מען זעט, אַז עס שטימט נישט.

— מען קען נאָך נישט אונטערציִען קיין חשבון — האָט ער געענטפערט.

— איך וויל איצט נישט אַריינגיין אין אַ דיסקוסיע ווי דער חשבון וועט אויסזען אין הונדערט יאָר אַרום. כאָטש, לויט מיין מיינונג, קען ער קיינמאָן נישט אויסזען בעסער, נאָר ערגער. איך רעד וועגן די ביז־איצטיקע רעזולטאַטן — איז צו וועלכער פּאָזיציע זייערער איר גייט נישט צו, זעט איר דעפיציט.

אַזוי דאַכט זיך איך נאָר. דאָס איז דערפאַר, ווייל איר ציט־אונטער דעם חשבון דעמאָלט, ווען מען טאָר אים נישט אונטערציִען. נעמט, אַ שטייגער, אַ פויער: אין די ווינטער־ און פרילינג־חדשים האָט ער לויטער אויסגאָבן און גאָר ווייניק איינקונפטן. איז אויב איר וועט דעמאָלט ביי אים מאַכן אַ חשבון, וועט איר האָבן אַ גרויסן דעפיציט. אָבער דאָס וועט זיין אַ פאַלשער חשבון. דעם ריכטיקן חשבון קען מען מאַכן ערשט נאָכן שניט. דעמאָלט האָט מען סיי די הוצאות און סיי די הכנסות, און מען קען וויסן צי עס איז דאָ אַ דעפיציט אָדער ריווח.

— מיינט איר, אַז מען דאַרף דאַרטן נאָך אַלץ וואַרטן ביז נאָכן שניט?... איז נאָך אַלץ דאָרט קיין שניט נישט געווען?... און מיינט איר, אַז מער ווי אַ דריטל יאָרהונדערט (זינט די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד) איז פאַר אַן אָרעמען מענטשן ווייניק צו וואַרטן? ער דאַרף נאָך אַלץ מאַכן נייע און נייע אויסגאָבן מיט דער האָפענונג, אַז שפּעטער, נאָכן שניט, וועט קומען דער ריווח?

ער האָט געפּרוווט מיר ענטפערן, אַז אייגנטלעך איז אַ געוויסער ריווח שוין איינגעפלאָסן — אַ ריווח אין די סאָוועטישע לענדער און אין די „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס", אַ ריווח אין כינע, אַ ריווח ביי די אַנדערע אַזיאַטישע פעלקער, וואָס וואַכן־אויף. אין מיטן האָט ער איבערגעריסן, דערפילנדיק, זעט אויס, פּונקט ווי איך, אַז נישט דאָ און נישט מיר ביידע וועלן די דיסקוסיע פאַרענדיקן. ער האָט זיך געזעגנט און אַוועק צו זיינע חברים, וואָס האָבן אויף אים געוואַרט אין אַ ווינקל פון בופעט, וואַרשיינלעך אויף אינסטרוקציעס ווי צו „ראַטעווען דאָס לאַנד". ער איז דאָך זייער פירער.

איך האָב אים שוויַיגנדיק נאָכגעקוקט, שטעלנדיק זיך די זעלבע פראַגע וואָס פריִער, איידער איך האָב אים באַגעגנט:

— ווייסט ער נישט, אַז אויב זיי וועלן, חלילה, אַ מאָל „ראַטעווען" ישראל, וועלן זיי אים פון די ערשטע ליקווידירן?

**
*

איך האָב די זעלבע פראַגע שפּעטער געפרעגט אַ סך קלוגע ייִדן אין ישראל. מאַנכע האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס. ער איז פאַר זיי פּונקט אַזאַ רעטעניש, ווי פאַר מיר. אַנדערע האָבן די פראַגע פאַרענטפערט מיט זיין קרענקלעכן דורשט נאָך מאַכט. עס הייסט: אַזוי ווי ער איז זיכער, אַז די סאָוועטן וועלן סוף־כל־סוף פאַרכאַפּן דעם גאַנצן נאָענטן מזרח, וויל ער באַצייטנס פאַר זיך פאַרזיכערן די פּרעמיער־שטול אין דער קומענדיקער „פאָלקס־דעמאָקראַטיע" פון ישראל. דערביי האָפט ער, אַז אַזוי ווי ער איז שוין איצט הונדערט־פּראָצענט לאָיאַל צו מאָסקווע, וועט מען אים שפּעטער בעסער באַהאַנדלען, ווי מען האָט באַהאַנדלט די מאַסאַריקס און די גאָמולקעס. איינער פון די ישראל־פירער, דער געוועזענער בילדונגס־מיניסטער שזר (רובאַשאָוו), האָט אין אַ שמועס מיט מיר די דאָזיקע השערה אונטערגעשטיצט מיט אַ משל פון ווילנע, וועלכן ער האָט איבערגעגעבן אין סוצקעווערס נאָמען:

אין ווילנע איז אַרומגעגאַנגען אַ צעדרייטער, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז ער וועט אייביק לעבן. האָט מען געפּרוווט מיט אייזערנע אַרגומענטן אַרויסשלאָגן פון זיין צעהיצטן קאָפּ די דאָזיקע ווילדע איינריידעניש: „גיב אַ קוק — האָט מען צו געזאָגט — משה רבינו איז געשטאָרבן, ישעיה הנביא איז געשטאָרבן, דער רמב״ם איז געשטאָרבן, דער ווילנער גאון איז מאָנטעפיאָרע איז געשטאָרבן, ראָטשילד איז געשטאָרבן — אַלע מוזן שטאַרבן!".

האָט ער אויסגעהערט און כיטרע אַ שמייכל געטון:

„איך וועט זען — האָט ער געזאָגט — איינער וועט זיך דורכרייסן"...

אויך סנה־קליינבוים האָפט, אַז איינער וועט זיך דורכרייסן און אַז ער וועט זיין דער איינער.

איז ער דען אַ נאַר?

ניין. ער איז נישט קיין נאַר. אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז כדי אַריינצוגיין מיטן גאַנצן כוח גליַיך אין אַ בלינדער וואַנט אַריין און זיך צעהאַקן די נאָז, דאַרף מען גאָרנישט זיין קיין נאַר, מען דאַרף בלויז זיין שיכור.

און יעדער מענטש מיט קרענקלעכע פּערזענלעכע אַמביציעס, וואָס חלומט ביינאַכט און בייטאָג וועגן מאַכט, איז אייגנטלעך שטענדיק אין אַ שיכורן צושטאַנד.

באר־שבע־סדום

אַז איר פאָרט פון תל־אביב קיין סדום, האָט איר דאָס געפיל, ווי איר וואָלט זיך געלאָזט אויף אַ פאַרקערטן וועג ווי דער, אויף וועלכן עס זענען געגאַנגען אונדזערע אור־זיידעס. יענע זענען אַרויפגעגאַנגען פון דער מדבר קיין ארץ־ישראל און איר גייט פון ארץ־ישראל אַראָפּ אין דער מדבר אַריין.

דער אויטאָמאָביל לויפט איבער אַ גלאַטיקן שאָסיי, וואָס ליגט צווישן צע־בליטע פעלדער און אָראַנזשן־גערטנער, און צווישן טומלדיקע שטעטלעך אין רויכערנדיקע פאַבריקן: ראשון לציון, נס־ציונה, רחובות... דאָ און דאָרט גיט אַ טויך־אויף אַ טויטער פרדס, וואָס זעט אויס ווי אַ טונקעלער פלעק אויף אַ העלן טעפּיך. עס איז אַ פאַרלאָזטער אַראַבישער אָראַנזשן־גאָרטן, וואָס אויב מען זאָל אים אַפילו באַלד אָנהייבן ווידער באַאַרבעטן, וועט מען דאַרפן וואַרטן זיבן יאָר ביז ער וועט צוריקגעבן פרוכט.

נענטער צו באר־שבע הויבן זיך אָן וואַרפן אין די אויגן אַלץ מער סימנים פון דעם מדבר. דאָ און דאָרט קוקן אַרויס פון גרינעם אַרום נאַקעטע בערג, וואָס זייערע ברוינע שטיינער דערציילן פון אייביקער וויסטעניש.

וואָס ווייטער ווערט די וויסטעניש גרעסער, ברייטער — באַלד וועט זי, דאַכט זיך, דאָס לעבן איינגאַנצן אָוועקשטופּן.

אָבער ניין, דערוויילן פירט נאָך נישט אונדזער וועג אין דער טיפער מדבר־אַריין. אויפן וועג האָבן מענטשלעכע הענט דעם מדבר אָפּגעשטופּט פון ביידע זייטן, און אין מיטן אויפגעבויט אַ נייע שטאָט (זי איז אינגאַנצן זעכציק יאָר אַלט) און איר געגעבן אַן אַלטן נאָמען, אַרויסגענומען פון חומש: באר־שבע.

דאָס אמתע באר־שבע, וואָס דאָרטן זאָל האָבן געוווינט אונדזער זיידע אברהם, ליגט עטלעכע מייל ווייטער. פּונקט ווי ניי־ירושלים, איז אויך דאָס נייע באר־שבע, אַ יונגע שטאָט וואָס ליגט לעבן דער אַלטער חומש־שטאָט.

און יענע אַלטע באר־שבע קען מען איצט אינגאַנצן נישט זען, נישטאָ קיין רעכטער סימן פון איר פּונקט ווי מען קען נישט זען די שטאָט חרן, וווהין יעקב אָבינו איז געגאַנגען פון באר־שבע.ביידע שטעט זענען, זעט אויס, געבליבן אין חומש.

אַנשטאָט אברהם אָבינו און שרהן און יצחקן און אַלע אַנדערע חומש־יידן, זעט מען איצט אויף די גאַסן פון באר־שבע אַממייסטנס רומענישע יידן — פאַר־האָרעוועטע, פאַרדאַגהטע, מיט מדבר־זאַמדן אין די פאַלדן פון זייערע קליידער און מיט מדבר־זון אויף זייערע פּנימער.

דעם ערשטן ייִדן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין באר־שבע, איז גראַד נישט געווען קיין רומענישער, נאָר מיינער אַ לאַנדסמאַן — אַ פּוילישער און פון קוטנע אַ געוועזענער סוחר.

פון אים טאַקע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די רומענער האָבן „פאַרכאַפּט" אברהם אָבינוס שטאָט. דערפאַר טאַקע, זאָגט ער מיר, איז דער נאָמען פון באר־שבע לעצטנס געענדערט געוואָרן. זי הייסט מער נישט באר־שבע, נאָר באר ארבע — נישט, הייסט עס, די שטאָט פון זיבן ברונעמער, נאָר פון פיר ברונעמען. ווייל מער ווי פיר ברונעמען זענען איצט שוין נישטאָ. די איבעריקע דריי ברונעמער האָבן די רומענער צוגעלקחנט.

ער האָט הנאה, דער ייד, פון דעם וויץ, וואָס גייט אויפן חשבון פון די ווילדע רומענישע יידן. מיינט איר, אַז ער האָט עפּעס צו די רומענישע יידן? ניין. אָבער ער פאַרגינט זיי נישט פאַרוואָס זיי האָבן „פאַרכאַפּט" באר־שבע. מיט וואָס האָבן זיי עס „פאַרכאַפּט" באר־שבע, און וואָס אַזוינס האָבן זיי דאָרט „פאַרכאַפּט", אַ חוץ די ברונעמער פון חומש?

זיי האָבן „פאַרכאַפּט", — זאָגט ער מיר, — די אַרבעט. די מערסטע פון די איבער צוואַנציק טויזנט נייע יידן אין באר־שבע (עס הייסט, נייע אימיגראַנטן, ווייל קיין אַלט־געזעסענע, קיין ותיקים זענען דאָרט נישט געווען, אַ חוץ אַ ביסל באַאַמ־טע) זענען באַשעפטיקט ביי די בוי־אַרבעטן, ווייל באר־שבע האַלט זיך כסדר אין בויען, אַנדערע אַרבעטן אין דער פּאָטאַש־פאַבריק אָדער אין אַנדערע פּונקטן פון נגב, פון וואַנען מאַנכע קומען אויף שבת צו פאָרן אין שטאָט אַריין. נאָך אַנדערע האַנדלען, אָדער ווילן האַנדלען און עס איז נישטאָ מיט וואָס. מיינט דער־ריבער יעדער אַרבעטסלאָזער, אַז דער אַנדערער, וואָס האָט יאָ אַ ביסל אַרבעט, האָט עס ביי אים „פאַרכאַפּט"...

איך האָב געהאַט אַ שמועס וועגן דער לאַגע אין באר־שבע מיטן מעיאָר פון דער שטאָט, דוד טביהו, אַ ייד אַ גיבור, וואָס דערמאָנט אַ היימישן, יוסטן ישובניק.

ער איז נאָר מער רירעוודיק. ער איז דורכגעגאַנגען אַלע שטאַפּלען פון אַ חלוץ ביז אַ פאַרוואַלטער פון דער מעכטיקער בוי־געזעלשאַפט פון דער הסתדרות, „סולל בונה", און פון דאָרט ביז שטאָט־מעיאָר. מיט קיין זאַמדן און מיט קיין שטיינער קען מען אַזאַ ייִדן נישט אָפּשרעקן. יאָרן לאַנג פאַרנעמט ער זיך מיט פאַרטרייבן זאַמדן אין דעם מדבר אַריין און מיט דורכהאַקן שטיינערנע ווענט.

ער רעדט מיט ברען וועגן זיין אַמביציע צו פאַרוואַנדלען די נאַקעטע, הייסע באר־שבע אין אַ גרויסער מאָדערנער שטאָט, וואָס זאָל זיין אַ בריק צווישן דעם צעגליטן נגב און דעם לאַנד. איז דאָך דאָ דער טויער, וואָס פירט צו צוויי ימען — דעם ים המלח און סדום, און צום רויטן ים און אילת.

אָבער דערווייל איז דער נגב נאָך נישט צעבליט; דערווייל זענען נאָך פאַר טויזנט ייִדן אין באר־שבע קיין רעכטע דירות נישט פאַראַן. דערווייל קרעכצן אַ סך פון די ניי־געקומענע ייִדן אין באר־שבע.

דער מעיאָר פאַרזיכערט, אַז ער טוט וואָס ער קען, און אפשר נאָך מער וויפל ער קען. אין די פאָר יאָר האָט ער געהאָלפן פאַרוואַנדלען די וויסטע שטאָט אין אַ שיינעם מענטשלעכן ישוב, האָט אויפגעשטעלט הונדערטער וווין־הייזער, האָט אויסגעבויט אַ האַנדלס־צענטער, האָט אַריינגעצויגן אין שטאָט אַריין אַ ביסל אינ־דוסטריע־אונטערנעמונגען און באַמיט זיך אויך אַרויסצוקריגן ביי דער רעגירונג וואָס מער געלט פאַר נייע פּראָיעקטן אין באר־שבע.

אַ סך פון די פּרנסה־לאָזע ווענדן זיך צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג זי זאָל זיי דערלויבן צו עפענען נייע קרעמלעך פון גאַזאַ, פון ציטונגען, פון גרינוואַרג. דער מעיאָר האַלט, אָבער, אַז עס זענען שוין פאַראַן גענוג קרעמלעך אין באר־שבע. אין דעם פאַל בין איך גראָד מיט אים געווען איינשטימיק. איז דען לייכטער צו זיין אַ פּרנסה־לאָזער מיט אַ קרעמל, ווי אָן אַ קרעמל? פאַרקערט, אַמאָל איז שווערער.

אַפילו פאַרטיי־קרעמלעך איז דאָ איבערגענונג אין באר־שבע. איך זע עס פון די פּלאַקאַטן אויף די ווענט, וואָס רופן צו פאַרשיידענע מיטינגען און פאַרזאַמלונגען.

***

אַרויספאָרנדיק פון באר־שבע קיין סדום, האָט זיך דער מדבר אַנטפּלעקט פאַר מיר אין זיין גאַנצער, ברוטאַלער גראַנדיעזקייט.

ווו דאָס אויג גרייכט — זאַמדן און זאַמדן. אויך די ברווינע פעלדזן זענען, דאַכט זיך, געדיכטע זאַמד־כוואַליעס, וואָס האָבן אַמאָל געוואָלט אַנטלויפן פון דער

מדבר און זענען אויפֿן וועג פֿאַרגליווערט געוואָרן. אַפּילו דער צעגליטער, ברוינ־לעכער הימל זעט מיר אויס צו זיין אַ טייל פֿון דעם דאָזיקן אומענדלעכן זאַמ־דיקן ים.

איז דאָ קיין לעבן אינגאַנצן נישטאָ?

אַזוי דאַכט זיך אייך אויס אין אָנהייב, באַלד ווי איר פֿאָרט אַריין אין דער דאָזיקער וויסטער וועלט. שפּעטער, אָבער, הייבט איר אָן באַמערקן צווישן די טויטע זאַמדן לעבעדיקע פֿינטעלעך. עס איז אָן ענלעך געפֿיל, ווי ווען איר פֿאַלט פּלוצלינג אַריין אין אַ פֿינצטערער שטוב און עס דאַכט זיך אייך, אַז אַרום אייך איז גאָרנישטאָ, בלויז אַ פֿינצטערע ליידיקייט, אָבער אַז איר הייבט זיך אָן אַ ביסל צוגעוווינען צו דער פֿינצטערניש, נעמען זיך ביסלעכוויז אויסשיילן פֿאַר אייך זאַכן און איר דערזעט אַז איר זענט דאָ נישט אַליין.

איך האָב פּלוצלינג דערזען, ווי אַ שוואַרצע געשטאַלט טויכט־אויף דאָרט ווייט צווישן די זאַמד־פֿעלדער און גייט מיט רויִקע טריט אין דער טיפֿעניש פֿון דער מדבר. דאָס איז געווען די געשטאַלט פֿון אַ בעדויִנער, וואָס וואַנדערט דאָ שוין אַזוי טויזנטער יאָרן. שפּעטער האָב איך שוין געזען דאָס נידעריקע לייוונ־טענע געצעלט, וווהין דער בעדויִנער איז אַריין.

און אויב לעבן איז דאָ, מוז דאָך ערגעץ דאָ אויך זיין וואַסער. יאָ, עס איז דאָ! מיטן אויג האָב איך עס נישט געזען, אָבער איך האָב געזען דאָס גרינע פֿינ־טעלע, וואָס דאָס וואַסער האָט פֿאַרפּלאָנצט אין מיטן מדבר. מען האָט זיך געדאַרפֿט שטאַרק אָנשטרענגען, כּדי צו דערזען דעם דאָזיקן ווייטן אָאַזיס, אָבער עס איז ווערט געווען. אויפֿן האַרצן איז גרינגער געוואָרן, און עס האָט זיך אַפּילו אָנגע־הויבן דאַכטן, אַז די ליפּן זענען געוואָרן אַ ביסל פֿייכטער. אַזוי גרויס איז אין מדבר די בענקשאַפֿט פֿון מענטשן נאָך אַ ביסל לעבן.

און אָט זעט מען פֿון ווייטנס אויך קעמלען. איך פּרוּוו ציילן: איינער, צוויי, דריי, פֿינף, צען, עלף. זיי דערציילן טאַקע פֿון מדבר, אָבער זיי דערציילן אויך פֿון לעבן. מיך אַרט אַ ביסל וואָס דאָס זענען קעמלען בלויז מיט איין הויקער, אָנשטאָט מיט צוויי, אָבער איך טרייסט זיך, אַז בעסער כאָטש איינער, ווי גאָרנישט. ווייל אין תל־אביב האָבן קלאָלעגן מיך אין שפּאָס „געסטראָשעט", אַז איך וועל אינ־גאַנצן קיין קעמלען מער אין נגב נישט געפֿינען. דאָרט גייט אַרום אַ וויץ, אַז ווען אַ רעגירונגס־שליח איז לעצטנס צוריקגעקומען פֿון נגב, האָט ער זיך געריכמט מיטן גרויסן פֿאַרשריט, וואָס איז דאָרט געמאַכט געוואָרן: „פֿריִער — האָט ער געזאָגט — האָבן מיר אין נגב געהאַט זאַמדן מיט קעמלען, און איצט איז אונדז שוין געלונגען די קעמלען צו באַזייטיקן"...

ב. שעפנער

******

אָבער אַ חוץ קעמלען און בעדויִנער, זענען אויך איבערן וויסטן נגב צעוואָרפן אַ ביסל קיבוצים, וואָס אייניקע פון זיי געפינען זיך שוין אין זייער אַ גוטן צו־שטאַנד. די דאָזיקע אָאַזיסן דערציילן נישט בלויז, ווי גרויס עס איז דער כוח פון לעבן, נאָר ווי גרויס עס איז דער כוח און די עקשנות פון מענטשן. איצט, פאָרנדיק איבער דער וויסטעניש פון נגב, טראַכט איך וועגן די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן פרייוויליק זיך באַהאַפטן מיטן מדבר, כדי מיט אים דאָס אייגענע קור־צע לעבן צו טיילן. איר קענט זיין קליגער, ווי די דאָזיקע מענטשן, איר קענט אַפילו זיין גערעכטער פון זיי, אָבער איר פילט, אַז זיי זענען שטאַרקער פון אייך. ווייל גייענדיק באַזיגן דעם מדבר, האָבן זיי פריִער געמוזט באַזיגן זיך אַליין. און דערצו פאָדערט זיך, ווי אונדזערע חכמים זאָגן ריכטיק — די גרעסטע גבורה.

אויך דער האַרטער אַספאַלט, אויף וועלכן איר פאָרט כסדר אַראָפּצו (סדום געפינט זיך 400 יאַרד נידריקער פון ים־פלאַך) דערציילט אייך וועגן לעבן. עס איז דער שאָסיי קיין סדום — דער שאָסיי, וואָס כדי אים דורכצופירן, האָט מען געמוזט ריזיקע בערג אומוואַרפן און טיפע טאָלן פאַרשיטן. טראַכטנדיק מיט באַ־וווּנדערונג וועגן די מענטשן, וואָס האָבן דאָ היינטער דער מדבר־זון געבויט דעם דאָזיקן שאָסיי, פאַרגעס איך אינגאַנצן, אַז איך דאַרף אויף די דאָזיקע וועגן טרעפן אַ פרוי, וואָס זאָל שוין דאָ שטיין אַ פאַרגליווערטע אין אַ שטיק זאַלץ אַ היפּש שטיקל צייט — לוטס ווייב.

שפּעטער דערמאָן איך זיך אין איר און נעם זי אַרומזוכן מיט די אויגן אי־בערן גאַנצן ווייטערדיקן וועג ביז סדום. איך זע שטיין ביים וועג גרויסע פעלדזן פון אַלערליי קאָלירן, וואָס זענען אפשר שטיקער זאַלץ, ווייל אַפילו דער זאַמד איז דאָ געזאַלצן, אָבער לוטס ווייב זענען זיי זיכער נישט. עס גלייבט זיך נישט, אַז דער פּעטער לוט זאָל האָבן געהאַט אַזאַ ריזיק ווייב...

******

און אָט איז סדום.

נאָך איידער איך האָב דערזען דאָס זילבערנע, טויטע אויג פון ים־המלח, האָב איך שוין געוווּסט, אַז איך בין אין סדום; סדום זעט מען נישט, סדום פילט מען.

ווען איר דערשפּירט, ווי די היץ שטיקט אייך און ווי די זאַמדיק־פעלדזיקע וויסטעניש, וואָס ליגט בייַם טויטן ים, אָטעמט אויף אייך מיט איר געזאַלצענעם אָטעם — איז אַ סימן, אַז איר זענט אין סדום.

האָבן דאָ געלעבט מענטשן? זענען אַהער געקומען אורחים? — עס גלייבט זיך נישט. קיין גרעזל שפּראָצט נישט אויף דער דאָזיקער פאַרחלשטער, געזאַל־צענער ערד; קיין ווערעמל לעבט דאָ נישט, קיין פויגל באַווייזט זיך דאָ נישט. אַלץ איז טויט, טויט, טויט.

און אויב, — טראַכט איך, — דאָ האָבן פונדעסטוועגן יאָ געלעבט מענטשן, וויל איך זיי מער נישט פאַראורטיילן, נאָר אויף זיי רחמנות האָבן. אַז מען לעבט אויף אַזאַ פאַרשאָלטענער ערד, קען מען נישט שמייכלען, נישט צו פרעמדע און אַפילו נישט צו אייגענע.

פאַרשאָלטענע מענטשן קענען נישט בענטשן.

אָט אַזוי האָב איך אין סדום רעווידירט מיין באַציִונג צו די סדום־לייט.

פון דער ווייטנס האָט זיך דערהערט דאָס פייפן פון דעם קליינעם באַנעלע, וואָס לויפט אויפן זייטן־שאָסיי, וועלכער פירט צו די פאָספאַטן־גרובן פון דער פּאָטאַש־געזעלשאַפט. איך בין מיט די לעצטע כוחות אַוועק אַהין. איך האָב זיך דערפרייט מיטן צייכן פון לעבן, וואָס האָט דאָ זיך אַריינגעשניטן אין דער גרויזאַמער טויטקייט פון סדום. אַ סך חלומות פאַרבינדט מען מיט די מינעראַלן, וואָס ליגן אין דעם טויטן ים, און וועלכע דאַרפן ברענגען לעבן פאַרן נגב און פאַרן גאַנצן לאַנד.

אָבער נאָך גרעסערע חלומות פאַרבינדט מען מיט דעם צווייטן ים, וואָס ליגט אין די וויסטענישן פון נגב — מיטן רויטן ים, וואָס וואַשט די הייסע זאַמדן פון אילת.

וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

אילת - די סטאַנציע פון האָפענונג

אויף שריט און טריט קענט איר איצט הערן אין ישראל אַ פראַגע, וואָס איז אייגנטלעך אַן איבערחזרונג פון דעם באַקאַנטן חלוצים־לידל „מי יבנה הגליל?" די פראַגע איז:

ווער וועט בויען דעם נגב?

אָבער ווען אין יענעם לידל איז די פראַגע אַרויסגעקומען פריילעך, האָפער־דיק, און איז באַלד באַגלייט געוואָרן מיט דעם אַנטשלאָסענעם ענטפער: „אנחנו נבנה הגליל!" (מיר וועלן בויען דעם גליל) — ווערט די פראַגע „ווער וועט בויען דעם נגב?" אַרויסגעזאָגט מיט אַ היפּש ביסל אומרו, און דער ענטפער איז אַ ביסל אַן אַנדערער.

אַז מען מוז בויען דעם נגב — אין דעם צווייפלט נישט קיינער אין ישראל. אַלע דאַרפן פילן, אַז די האָפענונג פון דער ייִדישער מדינה ליגט אין די הייסע זאַמדן פון נגב. ישראל אָן נגב איז אַ קליין, אָרעם לענדל, וואָס נישט נאָר איז עס נישט אימשטאַנד אַריינצונעמען נייע מאַסן ייִדן, נאָר וואָס האָט אַפילו נישט די מעגלעכקייטן צו שפּייזן איר איצטיקע באַפעלקערונג. אַכציק פּראָצענט פון דעם טעגלעכן באַדאַרף מוז מען ברענגען פון אויסלאַנד און דערפאַר צאָלן מיט פרעמ־דע וואַליוטע, אָדער גאָר מיט וועקסלען, וואָס זענען אויסגעשטעלט מיט דער אויס־זיכט, אַז מען וועט זיי אַמאָל קענען צאָלן מיטן כוח פון נגב. אין נגב געפינען זיך פאַרשיידענע מינעראַלן און האָפנטלעך אויך אויל, וואָס קען פאַרוואַנדלען ישראל אין אַ רייכער מדינה. אין נגב איז דאָ אָרט פאַר מאַסן נייע אימיגראַנטן, אויב נאָר מען וועט קענען פאַרטרייבן פון דאָרט דעם מדבר.

אָבער ווער וועט פון דאָרט פאַרטרייבן דעם מדבר?

ווער וועט בויען דעם נגב?

די ייִדן פון ישראל, די אַלט־געזעסענע, די ותיקים, האָבן געשיקט די ערשטע

בריגאַדעס אויף צו בויען דעם נגב. איר טרעפט זיי סיי אין די קאָלאָניעס פון נגב, און סיי אין די עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס און אין די פאַרשיידענע אָמטן אין אילת. אָדער דאָס זענען די קיבוצניקעס פון די קאָלאָניעס, אָדער יונגע ייִדן פון די שטעט, וועלכע דער רוף צו גיין אין נגב האָט מיטגעריסן. ניי־געקומענע אימיגראַנטן זעט איר דאָרט גאַנץ ווייניק.

אָבער אַלע ווייסן, אַז מיט די דאָזיקע פּיאָנערן־בריגאַדעס, וואָס געפינען זיך איצט אין נגב, וועט מען דעם נגב נישט אויפבויען. זיי זענען בלויז דער אַוואַנגאַרד, וואָס נאָך אים האָפט מען צו זען די אַרמיי פון נייע אימיגראַנטן, סיי די, וואָס געפינען זיך שוין אין לאַנד און סיי די, וואָס דאַרפן ערשט קומען. יעדן טאָג רופט מען זיי צו גיין אין נגב. מען רופט זיי דורך פּלאַקאַטן אויף די ווענט, דורך אַרטיקלען אין די צייטונגען, דורך ספּעציעלע אויפרופן, וואָס ווערן פאַרשפּרייט אין לאַנד און אין אויסלאַנד, און מיט נישט ווייניקער ברען רופט מען אַהין די ייִדישע פאַכמענער און קאַפּיטאַליסטן פון אַמעריקע.

אָבער דערווייל זעט מען נישט די אַרמיי.

אָדער זי איז אויס אויסגעמאַטערט — ווי דאָס איז דער פאַל מיט די נייע אימיגראַנטן, וואָס געפינען זיך אין די לאַגערן פון ישראל — די מייסטע פון זיי זענען ייִדן, וועלכע האָבן פאַרן קומען אין די ישראל־לאַגערן זיך געוואַלגערט אין סאָוועטישע אָדער היטלערישע לאַגערן און זיי האָבן נישט, נישט קיין פיזישן און נישט קיין גייסטיקן כוח צו ווערן אויף די עלטערע יאָרן פּיאָנערן און צו „מאַכן געשיכטע".

אָדער זיי זענען צופיל אויסגערוט, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די אַמעריקאַנער ייִדן, און זיי פילן דעריבער נישט קיין שום נויטווענדיקייט צו פאַרלאָזן זייערע קראַנען מיט לויפנדיקן קאַלטן און וואַרעמען וואַסער און זייערע גוטע פּרנסות ביי זיך אין דער היים, כדי צו זוכן אַ ביסל וואַסער און אַ שטיקל ברויט אין די טיפענישן פון דעם מדבר.

איז טאַקע דערווייל דער נגב אַ סך מער אידייע, ווי ווירקלעכקייט.

***

אַממיינסטן האָב איך דאָס דערפילט אין אילת.

דער וועג פון תל־אביב נעמט אינגאַנצן מיטן עראָפּלאַן אַ שעה צייט און וואָלט ער אָפּגעפלויגן צו דער צייט, וואָלט ווירקלעך דער איבערגאַנג פאַר מיר געווען אַ צו שאַרפער. אָבער גאָט האָט געהאָלפן און דער עראָפּלאַן איז אָפּגעגאַנגען מיט

אַ פּאַרשפּעקטיקונג פון פיר שעה. עטלעכע מאָל האָט ער געזאָלט אָט־אָט אָפּגיין און ער איז נישט אָפּגעגאַנגען. איך האָב זיך די גאַנצע צייט אַרומגעדרייט צווישן די זעכציק אילת־פּאַסאַזשירן אויפן לודער פלי־וואָקזאַל און זיך דערוויל באַקענט מיט „אילת אונטערוועגס". די פּאַסאַזשירן זענען באַשטאַנען פון לויטער אַלטגע־זעסענע ישראל־יידן, טייל פון זיי זעלנער און באַאַמטע, אַנדערע — מיטאַרבע־טער פון די פאַרשיידענע עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס אין און אַרום אילת. עס האָט זיך אויך דאָ געפונען אַ דאַרער הונט, וועלכן די לייטערין פון אילתער מוזיי, אַ פרוי, וואָס די חלוצישע יאָרן זענען איר געוועזן אויסגעקריצט אויפן טונקעלן פּנים, האָט געפירט אויף אַ ציימל.

נאָכן אָפּוואַרטן אַרום דריי שעה האָט מען אונדז צונויפגערופן, אָבער נישט כדי אונדז צו הייסן אַריינגיין אין עראָפּלאַן, נאָר כדי פאַרצולייגן, אַז זעקס פון אונדז זאָלן זיך פרייוויליק אָפּזאָגן פון דער רייזע, ווייל אַנשטאָט אין אַן עראָפּלאַן וואָס האָט זעכציק ערטער, וועט מען דאַרפן פליִען מיט אַן אַנדער עראָפּלאַן, וואָס האָט נאָר פיר און פופציק פלעצער. אַזוי ווי קיינער וויל זיך אָבער נישט אָפּזאָגן, נעמט דער אָנפירער פון דער פלי־ליניע אַרויס פון קעשענע אַ פּאַרטיקן צעטל מיט זעקס נעמען, וואָס פאַלן אַרויס. ער האָט, — זאָגט ער, — פּאַרויס געוווּסט, אַז קיין פרייוויליקע וועלן נישט זיין. מיין נאָמען איז געבליבן צווישן די פיר און פופציק, און נאָך אַ שעה זענען מיר טאַקע אַלע אָפּגעפלויגן.

דורך דעם עראָפּלאַן־פענצטערל זעט מען נישט דעם מדבר, דערפאַר אָבער פילן מיר אויבן זיין קאָכעדיקן אָטעם. כמעט אַלע פּאַסאַזשירן אין עראָפּלאַן זיצן האַלב־פאַרחלשטע. אַפילו מיין שכן, אַ באַאַמטער פון דער עקספּערימענטאַלער אַגריקולטור־סטאַנציע, וואָס וווינט שוין אין אילת דריי יאָר, קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. ער האָט שוין פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס דינע רעקל און אויך די שיך און ער וויל נאָך אַלץ ווייטער וואַרפן: „כאָטש, — זאָגט ער, — צי פון זיך אַראָפּ די הויט".

ער דערציילט מיר, אַז ער וווינט אין אילת מיט אַ פרוי און קינד. ווי ער פילט זיך? — זיין פרוי, — זאָגט ער, — פילט זיך נישט גוט. זי לאַנגווייליקט זיך. אין אָוונט, ווען די היץ באַקט נישט, איז ווידער נישטאָ וווהין צו גיין. אַמאָל ווייזט מען אַ פילם. אַפילו ציימונגען דערהאַלטן מיר ערשט אויפן אַכטן טאָג. איז עס אַ מעלה און אַ חסרון: די מעלה — מען לייענט נישט די וואָזשנע נייעסן, וואָס זענען אימשטאַנד צו פאַרטרייבן אַ מענטשן אין די טיפסטע וויסטענישן, און דער חסרון — וואָס אויב מען לייענט נישט די ציימונגען, בענקט זיך נאָך דער וועלט. אָבער ער איז פונדעסטוועגן נישט אומצופרידן. ער האָט אַן אינטערעסאַנטע אַר־

בעט. מען פּרוּווט־אויס אינעם באָדן פון אילת פאַרשיידענע פלאַנצן און געוויקסן, כדי צו דערגיין וואָס עס לוינט דאָרט בעסער צו פאַרזייען. זייער מיידעלע גייט אין קינדער־גאָרטן, וואָס ציילט שוין 15 קינדער. סך־הכל זענען אין אילת פאַראַן אַ 250 איינוווינער.

**
*

די ערשטע, וואָס האָט מיך מקבל־פּנים געווען אויפן נאַקעטן פּלי־פּעלד אין אילת איז געווען — די זון. זי האָט מיך גאָר וואַרעם באַגריסט און מיך באַגלייט די גאַנצע צייט ביז איך בין פאַרנאַכט צוריק אַריין אין עראָפּלאַן.

אָבער איך האָב געהאַט אין אילת מער אָנגענעמע באַגלייטער — דאָס איז געווען אַ יונג פּאָרל, די ליכטיקע טאָכטער פון קאַסיר פון דער „הסתדרות”, יצחק כאַסקין, און איר מאַן, אַ סימפּאַטישער בחור פון טשעכאָסלאָוואַקיע. באַלד נאָך דער חתונה זענען זיי אַוועק אַרבעטן קיין אילת.

זיי פירן מיך איבער דעם פּרימיטיוון פּלי־וואָקזאַל, וואָס באַשטייט פון עט־לעכע הילצערנע שאַפּעס. דאָ געפינען זיך די פּלי־ביוראָס, די לאַגערן, די עלעקטרי־שע סטאַנציע. איך טרעף דאָרט אַ היפּש ביסל יידן. אייניקע זענען געקומען אָפּנע־מען סחורות, וואָס זענען פאַר זיי אָנגעקומען מיטן עראָפּלאַן. אַנדערע זענען געקומען „גלאַט אַזוי”, ווי עס פלעגן אַמאָל קליינשטעטלדיקע יידן גיין צום היימישן וואָקזאַל „אָפּוואַרטן די באַן”. אפשר וועט מען באַגעגענען אַן אייגענעם, אפשר וועט מען הערן עפּעס נייס פון דער גרויסער וועלט, מיט וועלכער דער אילתער עראָפּלאַן, פּונקט ווי דער היימישער „פּאַיעזד”, האָט אַמאָל פאַרבונדן דאָס פאַר־וואָרפענע שטעטל. און ווען מען האָט קיין אייגענעם נישט באַגעגנט און קיין נייעס נישט געהערט — איז אויך דער וועג נישט געווען אַרויסגעוואָרפן. האָט מען געזען דעם „פּאַיעזד”, האָט מען געזען מענטשן אָנקומען — מען האָט דען דאָ גרעסערע אַטראַקציעס?

אַרויסגייענדיק פונעם פּלי־וואָקזאַל, פאַל איך אַריין אין גליענדיקע זאַמדן, צווישן וועלכע עס ליגן צעוואָרפן פאַרשיידענע הייזקעס. אַלץ שמעקט דאָ מיט אָנהייב, מיט עקספּערימענט — די פלאַנצן, די געציילטע דינינקע ביימעלעך, די קופּער־מינעס (וואָס זאָלן נאָך שטאַמען פון שלמה המלך), די מינעראַל־סטאַנציעס, די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אַפילו די הייזער. איך דערוויס זיך, אַז יעדעס הויז איז געבויט פון אַנדערע מאַטעריאַלן און אויף אַן אַנדער אופן — דאָס פּרוּווט מען אַזוי אַרום אויס פאַרשיידענע מאַטעריאַלן און סטילן, כדי צו דערגיין וועלכער פון זיי איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַרן אָרטיקן באָדן און קלימאַט.

דורך די זאַמדן גיט זיך פלוצלינג פאַר מיר אַן אַנטפּלעק דער רויטער ים.

איך איבערצייג זיך אַן איבעריק מאָל, ווי ווייניק מען קען גלייבן דעם נאָמען פון אַ ים. דער שוואַרצער ים איז גאָר גרין, דער פּאַסיפישער ים איז גאָר שטורמיש און קריגעריש, און דער רויטער ים איז גאָר — בלוי, אַזוי בלוי, אַז אַלע בלויע וואַסערן פון דער וועלט מעגן זיך פאַר אים פאַרשעמען.

אויך דאָ, איבער די כוואַליעס פון רויטן ים, שווימט די גרויסע האָפענונג פון ישראל — די האָפענונג אויף דירעקטע האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט אינדיע, מיט אויסטראַליע, מיט אַפריקע, אָן צו דאַרפן אָנקומען צום סועץ־קאַנאַל; די האָפענונג אויף אַ גרויסער פיש־אינדוסטריע, ווייל דער רויטער ים איז זייער רייך מיט פיש.

אָבער די האָפענונגען, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן רויטן ים, פּונקט ווי די האָפענונגען וואָס זענען פאַרבונדן מיט די מינעראַלן פון טויטן ים (ים המלח), און פּונקט ווי די האָפענונגען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט באַוואַסערן דעם נגב, און מיט די קופּער־מינעס, זענען אַלע אָפּהענגיק פון אַן „אויב":

אויב עס וועלן קומען מאַסן נייע אימיגראַנטן אין נגב;
אויב עס וועלן קומען אַהער אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן;
און ענדלעך דער „אויב" איבער אַלע „אויבס":
אויב עס וועט געשלאָסן ווערן אַ שלום מיט די אַראַבישע מלוכות.

דערווייל ליגט דער אילת־פּאָרט ביים רויטן ים אַ פאַרחלשטער. קיין האַנדלס־שיף זעט מען דאָ נישט, קיין פישער קומען נישט. ווּהין וועט די האַנדלס־שיף גיין, ווען אויף אַ קורצן שטח פון דריי ביז זעקס מייל געפינען זיך דאָ אין מיטן ים אַזש צוויי גרענעצן — די גרענעץ מיט עגיפּטן און די גרענעץ מיט עבר־הירדן. מיט דעם בלויזן אויג קען מען פון דאַנען זען די הייזקעס און מיליטער־פּאָסטנס פונעם אַנטקעגנאיבערדיקן פּאָרט אַקאַבאַ אין עבר־הירדן. און ווי קען דאָ קומען אַ פישער? פיש זענען טאַקע דאָ גענוג, אָבער כאַפּן זיי קען מען נישט. איידער דו קוקסט זיך אום, גיבן זיי דיר אַן אַנטלויף קיין „אויסלאַנד"...

אָבער איבער אַלע געדאַנקען וואָס מאַטערן מיך אין אילת נעמט די אויבערהאַנט איין געדאַנק —

וואַסער!

מיינע יונגע באַגלייטער טרייסטן מיך, אַז די היץ איז דאָ אַ טרוקענע און אַז אין מיטן זומער איז זי נאָך מיט 20—30 גראַד שטאַרקער ווי איצט. אָבער די טרייסט קילט מיך נישט. די היץ האָט דעם גאַנצן קערפּער מיינעם נאָס געמאַכט, דערפאַר דאָס מויל האָט זי אינגאַנצן אויסגעטריקנט, ווי עס וואָלט געוועזן אַ שטיק האַרטע לעדער. איז ווו נעמט מען דאָ אַ קאַלטן טרונק וואַסער?

איך דערוויס זיך, אַז די וואַסער־פּראָבלעם אין אילת שטייט איצט אַ סך בעסער, ווי ביז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. אילת באַקומט איצט גענוג וואַסער פון „באר אורה" (דער ליכטיקער ברונעם), וואָס געפינט זיך אינגאַנצן אַ צוועלף מייל פון דאַנען. אַמאָל איז דאָרט געווען אַן אַראַבישער ברונעם, וואָס האָט געהייסן „ביר הינדיס" (פינצטערער ברונעם). פאַרן פאַרלאָזן די געגנט האָבן די אַראַבער פאַרשאָטן דעם ברונעם. איצט האָבן אים די ייִדן צוריק אויסגעגראָבן, האָבן גע־ענדערט זיין נאָמען אויף „ליכטיקער ברונעם" אוז דאָרט פאַרלייגט רערן, וואָס פירן וואַסער קיין אילת. אָבער מיין אייגענע וואַסער־פּראָבלעם בלייבט נאָך אַלץ נישט פאַרענטפערט, ווייל איך וואָלט וועלן נישט סתם וואַסער, נאָר אַ ביסל קאַלט וואַסער.

מיינע סימפּאַטישע גאַסט־געבער האָבן אַן אייגן דירהלע און וואַסער איז דאָרט אויך דאָ, אָבער עס איז וואַרעם, ווייל קיין רעפריזשערעיטאָר האָבן זיי נישט. מיר געפעלט, וואָס די טאָכטער פון קאַסיר פון דער מעכטיקער, רייכער „הסתדרות" האָט נישט קיין רעפריזשערעיטאָר, הגם זי וווינט און אַרבעט צו־זאַמען מיט איר מאַן אין אילת. דאָס איז אַן אָנגענעמער געדאַנק, באַזונדערס אין ישראל, וווּ אויף שריט און טריט הערט מען זיך קלאָגן אויף דער קראַנקהייט וואָס רופט זיך „פּראָטעקציע" און אויף „ברייטע פּלייצעס". אָבער פון דעם אָנגע־נעמען געדאַנק ווערט מיר, ליידער, נישט פייכט אין מויל.

אָבער אָט האָט דאָס פּאָרל זיך דערמאָנט, אַז אין זייטיק, אָפּגעשלאָסן שטיבל פון מוזעום געפינט זיך אַ רעפרידזשערעיטאָר און אַז ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש קען מען געפינען דעם שליסל צו יענעם וואַסער־אוצר. דער וועג צום מוזעום פירט דורך זאַמדיקע וועגן און בערגלעך. ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהין, האָבן מיר נאָך לאַנג געדאַרפט זוכן דעם שליסל. מיר האָבן אים ענדלעך געפונען און דע־מאָלט איז געקומען די פאַרווירקלעכונג פון מיין חלום — מען האָט געעפנט דעם רעפרידזשערעיטאָר און אין אַ פלאַש געפונען וואַסער. איך האָב אויסגעטרונקען איין גלאָז און געהאַט גענוג. דאָס וואַסער האָט געהאַט בלויז איין מעלה — עס איז געווען קאַלט. מער נישט.

איך האָב נאָך געכאַפּט אַ קוק אין מוזעום. קיין סך צו קוקן איז דאָרט נישט געווען. אויך דער מוזעום איז אַן אָנהייב; דערווייל זענען דאָרט פאַראַן פעלן פון אַלערליי האַי־פיש און אויך זעלטענע שטיינער און שטיינדלעך פון אַרום אילת.

גייענדיק צוריק פון מוזעום האָבן מיר מיינע גאַסט־געבער דערציילט, אַז זיי פילן זיך נישט שלעכט אין אילת. עס איז דאָס געפיל פון יונגע פּיאָנערן, וואָס ווייסן, אַז זיי באַטייליקן זיך אין אַ גרויסן עקספּערימענט. זיי זענען צווישן יונגע

חברה, און דאָס מאַכט זי מעגלעך אַ ביסל צו פֿאַרטרײַבן די מדברדיקע אײַנזאַמקייט. ער איז שוין דרײַ־פֿערטל יאָר אין אילת, זי — אַ האַלב יאָר. ער קומט פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע. ער האָט, — זאָגט ער מיר, — געזען אַ סך שרעקלעכע זאַכן אין אייראָפּע און דערפֿאַר איז ער צופֿרידן וואָס ער איז ווײַט פֿון אַ ישוב, ווײַט פֿון דער וועלט.

אויך זי, אַ סאַברע, זאָגט מיר, אַז זי איז צופֿרידן צו זײַן ווײַט פֿון טומל, ווײַט פֿון די פּאַרטיי־קריגערייען.

איז טאַקע אילת „ווײַט פֿון דער וועלט?" קוקן נישט אַהער צווײ גרענעצן, וואָס דערציילן ווי נאָענט עס איז אילת צו שווערע פּראָבלעמען און צו וועלט־געפֿאַרן? און צי דען קען מען אין אילת זיך אָפּגרענעצן פֿון די פּאַרטיי־קאַמפֿן?

די פֿראַגן ליגן מיר אויף דער צונג, אָבער איך זאָג זיי נישט אַרויס. די צוויי ווילע קינדער דאַכט זיך דערווייל, אַז זיי זענען אַנטלאָפֿן אין אַ רויק ווינקל — איז לאָמיר בײַ זיי די אילוזיע נישט צונעמען. ווען דען זאָל זיך זיי אויסדוכטן, אַז זיי זענען אין אַ שטיל, זיכער ווינקל, אויב נישט איצט, ווען זיי זענען נאָך אין זייערע האָניק־חדשים?

צוריקקומענדיק צום פֿלי־וואָקזאַל דערוואַרט מיך אַ נײַע וואַסער־מתנה — דאָסמאָל פֿון אָנפֿירער פֿון דער עלעקטרישער סטאַנציע. ער רופֿט מיך אַרײַן צו זיך, כּדי מיך מכבד צו זײַן מיט אַ גוטן טרונק „פֿון תּל־אָביב". נאָכדעם ווי מיר זענען אַרײַן צו אים אין חדר, האָט ער פֿאַרמאַכט הינטער אונדז די טיר, דאַן זיך אָנגעבויגן אויף דער ערד און פֿון אַ ווײַטן ווינקל אונטערן בעט אַרויסגעצויגן אַ בײַכיקע גלעזערנע פֿלאַש. ער האָט מיט גרויס פֿאַרזיכטיקייט פֿאַר מיר אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער און עס מיר דערלאַנגט:

— תּל־אָביבער וואַסער!

בעת ער האָט געגאָסן האָב איך אים געבעטן, ער זאָל נישט אָנגיסן קיין פֿול גלאָז. איך האָב עס געטון בלויז דערפֿאַר, ווײַל איך האָב נישט ליב דאָס תּל־אָביבער וואַסער, דערצו נאָך, ווען עס קומט פֿון אונטער אַ וואַרעם בעט. אָבער ער האָט געמיינט, אַז איך טו עס דערפֿאַר, ווײַל איך וויל שוינען זײַן וואַסער־אוצר, האָט ער דעריבער מיט גאַסט־פֿרײַנטלעכער ברייטקייט דווקא אָנגעגאָסן ביזן סאַמע ברעג.

האָב איך דערפֿאַר זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און עס אויסגעטרונקען אײַנגאַנצן.

ווען איך בין צוריק אַרײַן אין עראָפּלאַן, האָבן געמישטע געפֿילן מיך באַהערשט: אַ געפֿיל פֿון פֿאַרלייכטערונג וואָס איך פֿאָר אַוועק, און אַ געפֿיל פֿון באַוווּנדערונג פֿאַר די, וואָס בלײַבן.

אַ שמועס וועגן ייִד און גוי אויף די וועגן פון גליל

איינע פון די אייגנאַרטיקע אייגנשאַפטן פון דער ישראל־לאַנדשאַפט איז דאָס, וואָס זי איז נאָך נישט פאַרענדיקט. איר פאַרט פאַרביי געגנטן, צי דאָס איז אין יהודה אָדער אין גליל, יוו פון איין זייט ליגן צעבליטע פעלדער און גערטנער און פון דער צווייטער זייט — שטיקער נאַקעטער מדבר.

מיין ישראל־פריינט, וואָס פירט מיך מיט זיין מאַשין דעם גאַנצן וועג פון תל־אביב ביז אַרויף אין אייבערשטן גליל, ווייזט מיר מיט דער האַנט אויף די גרינע פעלדער־טעפיכער, וואָס ליגן אויף דער רעכטער זייט:

— נעכטן — זאָגט ער — האָט דאָ אויסגעזען אַזוי ווילד, ווי אויף יענער זייט, און מאָרגן וועט דאָרט אַזוי אויסזען, ווי עס זעט איצט דאָ אויס.

— ווען איז געווען דער נעכטן? — פרעג איך אים.

— מיט נישט קיין גאַנצע צוואַנציק יאָר צוריק — ענטפערט ער.

— און ווען וועט זיין דער מאָרגן?

— אין אַ פינף יאָר אַרום, אין דריי און אפשר אין נאָך ווייניקער.

איך האָב נישט קיין גרונט אים נישט צו גלייבן נישט בלויז וועגן נעכטן, נאָר אויך וועגן מאָרגן. ישראל האַלט זיך אין איין בויען. ווען איר קוקט אויף די אימיגראַנטן־לאַגערן און אַרבעטס־אַמטן, אויף די שטעכיקע דראָטן ביי די גרענעצן און אויף דעם האַנדלס־בודזשעט פון דער יונגער מדינה, זעט איר אַר־בעטסלאָזיקייט, אַן עקאָנאָמישן קריזיס, פּאָליטישן קריזיס און אַפילו אַ מאָראַלישן קריזיס. אָבער ווען איר קוקט אויף די קאָלאָניעס און אויף די שטעט, זעט איר ענערגיע, איניציאַטיוו, בויאונג. די ישראל־ייִדן האָבן אַפילו געשאַפן אַ וויץ וועגן דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן צושטאַנד פון זייער מדינה: „ישראל — זאָגן זיי — איז ענגליכן צו אַ קאַרטאָפל: ליגט אין דער אדמה און וואַקסט“...

פאַראַן אַ סך, וואָס קריטיקירן אויך די פיבערהאַפטע בוי־באַוועגונג אין

ישראל. זיי זאָגן, אַז מען בויט צופיל רעפּרעזענטאַנץ־געביידעס און לוקסוס־ווילעס און צו ווייניק פאָלקס־דירות פאַר די, וואָס האָבן נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ. זיי זאָגן, אַז מען בויט צופיל „אויף צו ווייזן" פאַר טוריסטן און פאַר אַמעריקע, ווי פאַר ישראל און פאַר די באַדערפענישן פון אירע איינוווינער. אָבער ווען איר פאָרט איבערן לאַנד, אויך אין נגבֿ, און זעט די נייע קאָלאָניעס, וואָס האַלטן זיך אין בויען; די נייע וועגן, וואָס מען פלאַסטערט; די ברונעמער, וואָס ווערן גע־גראָבן; די נייע געביידעס, אויף וועלכע מען ציט אַרויף דעכער, ווען איר הערט דאָס מונטערע קלאַפּן פון האַמערס און דאָס האַסטיקע אָטעמען פון מאַשינען, וואָס פלעכט זיך אַריין אין דעם היימלעכן טומל פון די טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען באַשעפטיקט ביי די אַלע אַרבעטן — דעמאָלט פאַרגעסט איר אינגאַנצן, אַז בויאונג קען אויך האָבן אירע שאָטן־זייטן און איר זעט נאָר אירע ליכטיקע זייטן.

אַזאַ כוח האָט אין זיך די מוזיק פון בויען — זי מונטערט אייער געמיט און לאָזט אייך נישט אַריינפאַלן אין קיין שלעכטער שטימונג.

**
*

אָבער די שלעכטע שטימונג איז געקומען צו מיר נישט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק — פון מיינע מיט־פּאַסאַזשירן אין אויטאָמאָביל. דריי זענען זיי געווען: איינער אַ ישראל־ייִד, מיין פריינטס ייִנגערער ברודער, אַ געוועזענער קיבוצניק און געוועזענער מיטגליד פון „הפועל הצעיר", וואָס האָט זיך אַליין פאַר מיר פאַר־געשטעלט אַלס „פּראַגער" עס הייסט, אַז דער אַנטיסעמיטישער און אַנטי־ציוניס־טישער סלאַנסקי־פּראָצעס אין פּראַג האָט אים געעפנט די אויגן. ביז פּראַג איז ער, ווי אַלע הפועל הצעירניקעס געווען אַ פאַרטיידיקער פון סאָוועטרוסלאַנד. אָבער זינט פּראַג איז ער געוואָרן אַן אַנדער מענטש, און האָט מער נישט קיין גוט וואָרט נישט פאַר סטאַלינען און אויך נישט פאַר כרושטשעוון. די איבעריקע צוויי פּאַסאַזשירן זענען געווען טוריסטן פון דרום־אַמעריקע. איינע פון זיי, אַ ציוניס־טישע טוערין, איז באַלד ביים אָנהייב פון אונדזער אויספלוג אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון עקזאַלטאַציע; יעדן זאַך, וואָס זי האָט אַרויסגערעדט, האָט זי אָנגע־הויבן מיט אַן „אַ!", אָדער „אַך!"

— אַך, ווי וווּנדערבאַר!

— אַ, ווי אויסערגעוויינלעך!

אויך זי איז, פאַרשטייט זיך, געווען באַגייסטערט פון דעם בוי־פיבער, וואָס

מיר האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג, אָבער נאָך מער פון דעם וואָס מען בויט, איז זי געווען באַגייסטערט פון דעם — וועד עס בויט.

— אָך, גיט אַ קוק, — האָט זי געוויזן מיטן פינגער צום דרויסן, — אומעטום ייִדן, אויף די רושטאָוואַניעס — ייִדן, ביי די קי — ייִדן, ביים שאָסיי — ייִדן, לויטער ייִדן. עס איז דאָך אַ מחיה. איך בין שוין דריי טעג אין ישראל און איך האָב נאָך קיין גוי נישט געזען. ווי וווּנדערבאַר!

— וואָס וואָלט איר געזאָגט — האָב איך זי געפרעגט — ווען איר וואָלט געהערט ווי אַ גויאישער טוריסט גייט אַרום אין פּאַריז, אָדער אין לאָנדאָן, אין וואַשינגטאָן אָדער אין מעקסיקאָ סיטי און באַרימט זיך: „איך בין שוין דאָ דריי טעג און איך האָב נאָך קיין איין ייִד נישט געזען. ווי וווּנדערבאַר!". וואָלט אייך געפעלן אַזאַ באַגייסטערטער גוי?...

— וואָס פאַרגלייכט איר? — האָט זי זיך באַליידיקט — זיי מאַכן אויף אונדז פּאָגראָמען און מיר דאַנקען גאָט, אַז מען לאָזט אונדז צורו.

— דערווייל זע איך — האָב איך איר געענטפערט — אַז איר דאַנקט גאָט נישט דערפאַר, וואָס מען מאַכט נישט אויף אייך קיין פּאָגראָמען, נאָר דערפאַר וואָס איר האָט שוין דריי טעג קיין גוי נישט געזען. אָן אונטערשייד, הייסט עס, אַ גוטער גוי, אָדער אַ שלעכטער גוי, אַ פּאָגראָמען־מאַכער, אָדער אַ נישט־פּאָגראָמען־מאַכער — אַבי איר זעט אים נישט. דערין ליגט די ישועה פאַר ייִדן: מיר זאָלן זיי נישט זען און זיי זאָלן אונדז נישט זען?... מיר דאַכט זיך, אַז פאַר אונדז לוינט אַזאַ „ישועה" נאָך ווייניקער ווי פאַר די גוים, ווייל דעמאָלט וואָלט איר נישט געהאַט וווהין צוריק צו פאָרן. אָבער דאָס ערגסטע וואָלט געווען, וואָס אויך דאָ וואָלטן מיר און אַלע איבעריקע היגע ייִדן זיך דעמאָלט געפילט ווייניקער זי־כער, ווי מיר פילן זיך איצט.

זי האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן.

— פונדעסטוועגן — האָט זי געזאָגט — פילן זיך דאָ די ייִדן זיכערער ווי אין די גלות־לענדער, אַפילו ווי אין אייער אַמעריקע. דאָ זענט איר דאָך זיכער, אַז איר וועט נישט טרעפן אויף די ווענט קיין אויפשריפטן: „נידער מיט די ייִדן", „אַ טויט די ייִדן". וויפל איז דאָס ווערט?

— איך ווייס נישט — האָב איך זיך אָפּגערופן — וויפל אַזעלכע אויפ־שריפטן איר טרעפט ביי אייך אויף די ווענט. אָבער וואָס שייך מיר, האָב איך אין פאַרלויף פון די צוועלף יאָר, וואָס איך געפין זיך אין אַמעריקע, נאָך קיין איין מאָל נישט געטראָפן אויף די ווענט קיין אויפשריפט „אַ טויט די ייִדן", אָדער „נידער מיט די ייִדן". איך זאָג נישט, אַז אַזעלכע אויפשריפטן זענען ביי אונדז נישטאָ.

אַפילו אין אַנטיסעמיט איז אימשטאַנד הונדערטער וועגט צו באַדעקן מיט ייִדן־פּרעסערישע אויפשריפטן, און קיינער זאָל אים נישט כאַפּן און קיינעם זאָל עס אויך נישט שאַטן. איך זאָג נאָר, אַז איך האָב אין אַמעריקע אַזעלכע אויפשריפטן אויף די ווענט נישט געזען.

— איר ווייסט — האָט זי מיר געזאָגט מיט אַ שטאָך — פאַרוואָס איר האָט נישט געזען, ווייל איר ווילט נישט זען. איר זענט נישט דער איינציקער ביי אייך אין לאַנד. אַ סך אַמעריקאַנער ייִדן ליידן פון דער זעלבער קראַנקהייט — זיי זעען נישט. ווען זיי וועלן אָנהייבן זען, האָב איך מורא וועט שוין זיין צו שפּעט.

איר צוהילף זענען אַיצט געקומען די אַנדערע צוויי מיט־פּאַסאַזשירן — דער צווייטער טוריסט פון דרום־אַמעריקע און דער געוועזענער „הפועל הצעירניק". דער דרום־אַמעריקאַנער ייִד האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס איך האָב נאָך נישט געזען אין צפון־אַמעריקע קיין אַנטיסעמיטישע אויפשריפטן אין עפנטלעכע פּלעצער. אָט האָט ער ערשט נישט לאַנג גערעדט מיט אַ ייִדן פון פּיטסבורג, האָט אים יענער געזאָגט, אַז ווו מען גייט און ווו מען שטייט אין פּיטסבורג זעט מען ייִדן־העצערישע אויפשריפטן, און אַז אַ סך ייִדישע געשעפטס־אייגנטימער ווען זיי קו־מען אין דער פרי עפענען זייערע קראָמען, טרעפן זיי אויף די טירן און פענצטער אויסגעמאָלן האַקנקרייצן. און מיין פריינטס ברודער האָט געהאַט עדות, אַז אין אַמעריקע בושעוועט דער אַנטיסעמיטיזם. ער האָט עס אַליין געהערט פון צוויי קיבוץ־מיטגלידער, וועלכע זענען געווען צוויי מאָנאַטן אין אַמעריקע אַלס שליחים. זיי האָבן דערציילט אויף אַ באַריכטס־פאַרזאַמלונג אין קיבוץ, אַז אין די בעסערע האָטעלן אין אַמעריקע — און אַפילו אין ניו־יאָרק — לאָזט מען נישט אַריין קיין ייִדן; אַז מען זאָגט־אָפּ פון זייערע שטעלעס ייִדישע לערער און ייִדישע רעגירונגס־באַאַמטע, און אַז ייִדישע אינזשיניערן קענען נישט באַקומען קיין אַרבעט אין די פאַבריקן.

— ווי מיינט איר — פרעג איך אים — ווייס איך נישט בעסער וואָס עס קומט פאָר אין אַמעריקע ווי די צוויי שליחים, וואָס זענען דאָרט געווען צוויי מאָנאַטן?

ער ענטפערט מיר מיטן באַקאַנטן שפּריכוואָרט:

— אַ גאַסט אויף אַ ווייל זעט אויף אַ מייל.

דער דרום־אַמעריקאַנער ייִד האָט דערויף נאָך אַן אַנדער ענטפער, וואָס שטימט אינגאַנצן מיט דעם, וואָס זיין לאַנדספרוי האָט מיר פריִער געזאָגט:

— זיי האָבן געהאַט אָפענע אויגן האָבן זיי געזען.

ווער ווייסט ווי לאַנג די דיסקוסיע וואָלט זיך געצויגן, ווען עס זאָל זיך נישט

אַריינמישן מיין פריינט, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שווייגנדיקער ביים רעדל:

— אַנשטאָט — האָט ער געזאָגט — זיך צו אַמפּערן ווער עס האָט אים אַמע־ריקע אָפּענע אויגן און ווער פאַרמאַכטע אויגן, קוקט בעסער אויף ישראל. זעט אַ ים, זעט אַ ברעג, זעט אַ באַרג, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אַנגעשאָטן, כדי צו קענען שטורעמען די פעסטונג עכו. נאַפּאָלעאָן האָט געמוזט אַוועק, אָבער זיין באַרג איז געבליבן.

אונדזערע אויגן ווענדן זיך איצט אינגאַנצן צו דער קאַליפּולער לאַנדשאַפט פון עמק. דער אויטאָמאָביל לויפט איבערן גלאַטיקן שאָסיי צווישן גערטנער און וועלדלעך. פון אַ זייט גיט אַ שימער דער בלויער ים מיט זיינע געלע זאַמדיקע ברעגעס. מיר זענען ביי נהריה, אַ רעזאָרט־שטעטל ביים ים, געבויט פון דייטשע יידן מיט דייטשער זאָרגפעלטיקייט און מייסטערשאַפט. די ברייטע זויבערע גאַסן זענען איינגעהילט אין גרינס. אַרום דעם ים זעען זיך מאָדערנע ספּאָרט־פּלעצער און אָפּענע רעסטאָראַנען, וווּ מען זיצט זיך געמיטלעך אונטערן שאָטן פון גרויסע קאָלירטע שירעמס. אָבער שענער פון אַלעם איז דער ברייטער זאַמד־ברעג, וואָס ליגט אַזאַ ריינינקער אונטערן בלויען הימל.

— וואָס זאָגט איר — פרעגט מיך אַ באַגייסטערטער מיין פריינטס ברודער — איז דאָ נישט שיין?

— זיכער איז דאָ שיין — ענטפער איך — זייער שיין.

— מעג זיך נישט — פרעגט ער ווייטער — אייער פלאָרידאַ און אייער קאַלי־פאָרניע באַהאַלטן?

— איך קען דאָס נישט זאָגן — ענטפער איך רויק.

— איך ווייס — זאָגט ער אַ באַליידיקטער — פאַרוואָס איר ווילט דאָס נישט מודה זיין; ווייל איר זענט אַן אַמעריקאַנער און דערצו נאָך אַ בונדיסט, קענט איר ביי זיך נישט פועלן, אַז ארץ־ישראל קען זיין שענער ווי אַמעריקע. אַפילו ווען איר זעט דאָס מיט אייערע אייגענע אויגן, ווילט איר עס אויך נישט צוגעבן.

— איר האָט אַ טעות — פאַרזיכער איך אים — איך האַלט נישט, אַז אַלע שיינקייטן מוזן זיך געפינען אויסער די גרענעצן פון ישראל און אַז זיי דאַרפן דווקא ליגן אין אַמעריקע. אָבער אויב איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָ איז שענער ווי אין פלאָרידאַ און אין קאַליפאָרניע וואָלט איך געטון אַן עוולה נישט אַמעריקע — זי קען אַזאַ עוולה פאַרטראָגן — נאָר דעם אמת. איר האָט אין פלאָרידאַ און אין קאַליפאָרניע ערטער, ווו ביידע, נאַטור און מענטש, האָבן נישט געשפּאָרט קיין מיטלען און אַז די ביידע ווילן און אַז געלט פעלט אויך נישט, קענען זיי וווּנדער

באַוויזן. אָבער איר מאַכט אַ צווייטן טעות און דער איז אַ פּיל גרעסערער — איר קענט נישט פרייען זיך מיט אייערע שיינקייטן סיידן איר מוזט זיין זיכער, אַז אַלע אַנדערע שיינקייטן פון דער וועלט דאַרפן ביי די זיי די שטיוול פּוצן. צו וואָס דאַרפט איר דאָס? מוז דען דער ים־ברעג אין פלאָרידאַ, צי אין קאַפּרי, זיין מיאוס, כדי איר זאָלט קענען הנאה האָבן פון דעם שיינעם ים־ברעג פון נהריה? און איז דען נישט בעסער און געזינטער פאַר זיך און פאַר אַנדערע, ווען מיר קענען זיך באַגייסטערן מיט אַ שיינער זאַך און מיר דאַרפן דערביי נישט ציטערן צי זי איז נישט, חלילה, אויפן זעלבן שטאַפּל וואָס די שיינקייטן פון אַנדערע?

אונדזער אויטאָמאָביל האָט זיך איצט געטראָגן איבער די וועגן פון גליל און אַריינגעדרייט זיך אין טבריה, ווו עס איז אונדז אַנטקעגן געקומען דער ים כנרת, איינגעהילט אין טונקעלן גאָלד פון דער פאַרגייענדיקער זון.

איצט האָט געהערשט צווישן אונדז אַלע פולע איינשטימיקייט, אַז — דער כנרת איז וווּנדערבאַר.

צי דאַרף עמיצער ביי אים די שטיוול פּוצן? — איך האָב וועגן דעם נישט געטראַכט און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אויך ער, דער געוועזענער „הפועל הצעירניק", האָט איצט וועגן דעם נישט געטראַכט, אין דער שטימונגס־פולער פאַרנאַכטיקער שטילקייט, וואָס האָט איינגעהילט דעם כנרת און אויך די, וואָס זענען געשטאַנען ביי זיינע ברעגעס, האָט זיך אַזאַ פּראָזאַישע, וואָכנדיקע פראַגע אינגאַנצן נישט אַריינגעפּאַסט.

צפת ו – די שטאָט פון שטילקייט

דער סטיל פון צפת איז — שטילקייט, אָפּגעשלאָסנקייט, יחידות. עס איז דער וועג פון מקובל, פון מיסטיקער, וואָס פירט צום אייבערשטן דורך שמאָלע איינזאַמע סטעזשקעס, דורך טונקעלע בערג־פּאַלדן. די מחנה איז נאָר אַ שטערונג, דאָס קול — אַ וואַנט צווישן האָרץ און הימל. פריִער דאַרף מען קענען זיין אַליין מיט זיך, איינגאַנצן אַליין מיט זיך, כדי זיך איינגאַנצן צו קאָנען באַהעפטן מיט „אים". ווערטער קענען אָפּטמאָל בלויז אָראָפּפירן פון וועג. דאָס העכסטע וואָרט קומט דורך שווייגן. און אויב מען לאָזט פון צייט צו צייט אַרויס אַ געשריי איז עס גיכער אויף צו פאַריאָגן פון זיך די קולות, ווי זיי אַרויסצופירן. און אויך אַזאַ געשריי איז נישט בציבור, נאָר ביחידות. אַרום און אַרום איז די געטלעכע ליכטיקייט און אין מיטן — דאָס קליינע, טונקעלע פינטעלע — דער מענטש.

אַזוי האָב איך געזעז צפת, ווען איך בין דאָרט אַריין, ריכטיקער: אַרויף — צום ערשטן מאָל און זיך באַגעגנט מיט דער טיפער בלויקייט פון אירע שמאָלע, געבויגענע מויערן און פון איר ברייטן הימל.

צפת ליגט העכער פון ירושלים, אירע בערג זענען גרעסער ווי די פון דער אייביקער שטאָט, און אויב זיי זענען אפשר נישט הייליקער, זענען זיי אָבער טונקעלער, סודותדיקער. פון די שמאָלע, אַלט־שטאָטישע ירושלימער געסלעך פירט אויך אַ וועג צום ברייטן הימל. אָבער יענער וועג איז אַ גלייכער, אַן אָפענער, בעת דער וועג פון די צפתער געסלעך איז אַ געשלענגלטער, אַ פאַרפלאָנטערטער. אויך דאָרט, אין ירושלים, איז דער וועג אויסגעפּלאַסטערט מיט הייליקע קברים און הייליקע פסוקים, אָבער דאָרט זענען עס קברים פון יידן מיט היימישע חומש־פּנימער און דאָרט זענען פּסוקים קלאָרע און פאַרשטענדלעכע, וואָס אויף זיי ליגט נאָך דער טוי פון דער אייגענער יוגנט. דאַקעגן די קברים פון צפת, די אַממייִנסטן פאַרהייליקטע, זענען פון יידן מיט שפּיציקע קבלה־פּנימער און די פּסוקים —

טונקעלע, אָנגעלאָדענע מיט אָנדייטונגען, מיט ווונקען, און מיט נעפּלדיקע זייטן־וועגן, וואָס קענען פירן אי אַראָפּ און אי אַרויף.

עס איז אין סטיל פון צפת, וואָס זי האָט פון אַלע אירע גרויסע קברים גראָד אויסגעקליבן דעם קבר פון ר' שמעון בן יוחאי, דעם שעפער פון „זוהר", פּאַר איר עליה. פאַראַן דאָרט, נישט ווייט טאַקע פון ר' שמעונס קבר, די קברים פון די צוויי גרעסטע יידן פון תלמוד — שמאי און הלל. פאַראַן נישט ווייט פון צפת, אויפן וועג קיין טבריה, דער קבר פון גרויסן ר' עקיבא, וועלכער איז געווען דער רבי פון ר' שמעונען סיי אין תורה, סיי אין העלדישקייט, אין ווידערשפּעניקייט צו די רוימער — אָבער יענע קברים זענען זינט די לעצטע פינפטהאַלבן הונדערט יאָר, ווען די קבלה־לערנער האָבן זיך באַזעצט אין צפת, אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט און אַלע אָנגעצונדענע אויגן זענען געווענדט צום קבר פון ר' שמעון בן יוחאי, דעם קבלה־לערנער. אפשר פירט אויך דורך די אַנדערע הייליקע קברים אַ וועג צום הימל, אָבער די צפתער איז נענטער צום האַרצן דער וועג פון ר' שמעון בן יוחאי, דער מיסטישער וועג.

שוין דער געבוי פון צפת מאַכט די שטאָט סודותדיק, אָדער ווי איך וואָלט געזאָגט, „זוהרדיק". זי ליגט אויבן, אויף אַ שטיינערדיקן באַרג, וואָס איז דער טורעם פון אייבערשטן גליל, און זי ליגט גלייכצייטיק אונטן, צופוסנס פון בערג, צו וועלכע מען דאַרף אַרויפקוקן. אויך אירע געסלעך זענען „אויבן" און „אונטן": קאַנטיקע, שטיינערנע טרעפּן פירן אייך כסדר אַרויף און אַראָפּ. און אַז איר זענט שוין גאָר אונטן, ביים לעצטן אונטערשטן געסל, זענט איר נאָך אַלץ אויבן און איר קענט פון דאָרט אַראָפּקוקן אין די שטילע, סודותדיקע טאָלן. אין צפת, ווי אין דער קבלה, מישט זיך אָפּטמאָל דער „אויבן" מיטן „אונטן"; יעדער וועג קען פירן אי אַראָפּ און איר אַרויף.

אויך די הייזקעס זענען סודותדיק, פאַרפּלאָנטערט. איין געסל וויקלט זיך אַריין אין צווייטן, איין הייזקע — אין דער אַנדערער. גייסט אַריין אין אַזאַ שמאָל, שאָטנדיק געסל און פּילסט זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין פאַרגליווערטע יאָרהונדער־טער. זעסט אויף צעקרישלטע מויערן סימנים פון דער ערד־ציטערניש פון מיט הונדערט און צוואַנציק יאָר צוריק און גלייכצייטיק אַ טיף־בלויען שימער, וואָס איז אויסער דער גרענעץ פון צייט. אָט זינקט דאָ אַ הייזקע אַראָפּ אין דער ערד און דאַך, דאַכט זיך, קען זי פּלוצלינג אַ פלי טון אין דער הויך און זיך באַהעפטן מיט איינעם פון די הייליקע קברים אויפן באַרג. דיר זעט עס אויס, אַז פון יענעם געסל פירט אַ וועג אַרויס אין דרויסן, אָבער ווען דו קומסט צו צו דער לעצטער הייזקע, ווייזט זיך גאָר אַרויס אַז דו ביסט אַריין אין אַ נייעם פּלאָנטער. דו גע־

פינסט זיך אין אַ לאַבירינט מיט אַ סך טירן און טרעפּן, וואָס יעדע קען פירן אויבן און אונטן, אַרויס און אַריין.

נישט די טרעפּ אָדער די טיר איז וויכטיק, נאָר די כוונה, וואָס מען איז מכוון בעת מען שטעלט דעם טריט, די אייגענע געלייטערטקייט, די צריפים.

און דאָס איז אַן ענין נישט פאַר טריט פון מיליאַנען פיס, נישט פון טויזנטער, נישט פון הונדערטער, אַפילו נישט פון צענדליקער, נאָר פון איינצלנע, פון יחידי סגולה — פון איינזאַמע טריט אויף שטילע, איינזאַמע וועגן.

**
*

עס איז גראָד געווען שבת בייטאָג, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אָנגעקומען קיין צפת. דערפאַר איז די שטילקייט געווען נאָך טיפער. אַפילו די קרעמלעך אויף די געסלעך פון צפת זענען געשטאַנען פאַרזונקען אין וויטע, נישט־דאַיקע רעיונות. אויף די אָפּגעשוינדענע ווענט זענען געהאַנגען אָרעמע שילדלעך, וואָס האָבן מיט אויסגעקרימטע לשון־קודשדיקע אותיות דערציילט וועגן כלומרשט וואָ־כעדיקע זאַכן, וואָס מען פאַרקויפט אינעווייניק — נאָפּט, אייזן, קליידער, זעמל־מעל, בשמים — אָבער די טונקלקייט, וואָס האָט איינגעהילט די פאַרמאַכטע טירן, האָט געגעבן העכערע אָנצוהערענישן.

אָט איז אַ קליין קרעמעלע, זיכער נישט ברייטער פון פיר איילן, וואָס אויף זיין טיר הענגט אַ שווערער אייזערנער פרענט מיט אַ ריזיקן שלאָס. איז וואָס היט מען עס דאָרטן, אויב נישט עפּעס אַזוינס, וואָס מען קאָן מיט דעם אויג נישט דערזען? און אָט זענען קלויזן פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. דורך די שמאָלע פענצטער זעען זיך די פלעמעלעך פון ליכט, וואָס ברענען ביים עמוד. צווישן די וויס־געקאַלכטע ווענט פון אר״יס קלויז טראָגט זיך אַ שטיל ברומען, וואָס דער־גייט צו מיין אויער און פון דאָרט לאָזט עס זיך אַראָפּ טיפער, טיפער. עס איז שוין לאַנג נאָכן דאַווענען און איצט זענען אין קלויז נאָר דאָ עטלעכע יידן, מקובלים, וואָס יעדער זיצט זיך אין אַן אַנדער ווינקל און ברומט שטיל אַריין אין אַ ספר. זיי הייבן אַפילו נישט אויף די אויגן, ווען דער פרעמדער קומט אַריין. איך כאַפּ אַ קוק: בלויז אַ טייל זענען קבלה־ספרים, די אַנדערע זענען — אַ חומש, אַן עין־יעקב, אַ גמרא. אָבער עס גייט דאָך נישט אין וואָס מען קוקט אַריין, נאָר אין וואָס מען לערנט אַרויס.

ווען איך בין צוריק אַרויס אין דרויסן, האָט צו מיינע אויערן זיך דערטראָגן אַן אַנדער מין שבתדיק ברומען, וואָס איז געקומען פון דער הויך. האָב איך אויפ־

ב. שעפנער

געהויבן די אויגן און דערזען דערזען אויף אַ דאַך זיצן אַ ייִדענע אין אַ טערקישן שאַל מיט אַ ברייטער צאינה וראינה אויף די קני. די ייִדענע האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געווען אַ טייל פון דער גאַנצער לאַנדשאַפט אַרום — פון די בערג, פון די קלויזן, פון די געסלעך און פון די קברים.

אויך אויף די אַראַבישע געסלעך פון צפת איז געלעגן אויסגעשפּרייט די זעלבע שבתדיקע פאַרטראַכטקייט. די אַראַבער זענען מער נישטאָ אין שטאָט און אין זייערע פּוסטע הייזער מיט די שמאָלע הייפלעך וווינען איצט ס׳רוב ייִדישע מאָלער. פאַר וועלכע די אַלטע, הייליקע שטאָט מיט אירע בערג און טאָלן און מיט אירע לאַבירינטישע געסלעך אין אַלטע קלויזן איז אַ נישט דערשעפּלעכער קוואַל פון אינספּיראַציע. די גאַס, וווּ עס קאָנצענטרירן זיך אַממייִנסטן ייִדישע מאָלער, רופט זיך טאַקע די מאָלער־גאַס („רחוב הציירים״). שוין פון די טרעפּן אין דער הויך קען מען זען די אויפשריפטן אונטן, וואָס דערציילן, אַז ביי דעם און יענעם מאָלער קומט פאָר אַן אויסשטעלונג. יעדע טיר, וואָס איך האָב געעפנט אויף יענער גאַס, האָט מיך צוריק אַריינגעפירט אין צפת, פאַראייביקט אויף טאָוול און לייוונט, אויסגעהאַקט אין שטיין און אין קופּער, און וואָס זייער אינעווייניקדיק ליכט האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן שטילן ליכט פון דרויסן.

אַפילו די נ״יע צפת, וואָס איך האָב אין יענעם טאָג באַגעגנט אויבן, ביי די ראַנדן פון די בערג, וואָס פירן צו מירון, האָט דאָס בילד פון דער פאַרטראַכטער שבתדיקער שטילקייט נישט געענדערט. טויזנטער נייע איינוווינער פאַרמאָגט איצט צפת — ייִדן, געקומענע פון די דייטשע לאַגערן, פון די אַראַבישע לענדער און אויך פון פּוילן. אויך הייזער און קראָמען זענען דאָרטן פאַראַן נייע, מאָדערנע, מיט אַ סך פענצטער און מיט ווייניק אָנצוהערענישן און ווונקען צו פאַרגאַנגענע און קומענדיקע וועלטן.

פונדעסטוועגן איז די אַלטע צפת די דאָמינירנדיקע, די הערשנדיקע. איר טיף־בלויער שטעמפּל ליגט אויף דער שטאָט און אויפן גאַנצן אַרום. איר סודות־דיק ברומען טראָגט זיך אין דער לופט, צווישן די בערגיקע נעפּלען. און נאָך מער ליגט איבער אירע בערג און אָפּגרונטן, איבער אירע טונקעלע קוואַלן און פאַרשאָטנטע קברים, איר טיפע מיסטישע שטילקייט.

**
*

גאָר אַנדערש זעט אויס צפת אום ל״ג־בעומר.

די שטאָט פון דער טיפער שטילקייט ווערט מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ

שטאָט פון גרויסן געשריי. פערציק טויזנט פאַר פיס גייען אַריין קיין צפת און לאָזן זיך פון דאָרט צום באַרג־קבר. פערציק טויזנט העלדזער שרייען נאָך הילף.

אויך די ל״ג־בעומר־פייערונגען אויף ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס קבר האָבן זיך אָנגעהויבן מיט שטילע טריט. די ערשטע מקובלים, וואָס האָבן געמאַכט צפת פאַר זייער הויפט־שטאָט, זענען בלויז איינמאָל אין חודש געגאַנגען צום קבר פון זייער לערער און אויך דעמאָלט — נאָר אין גרופּעס צו צען. דאָס איז געווען די צאָל, וואָס האָט נישט געדאַרפט איבערשטיגן ווערן: צען ייִדן זענען באַשטימט געוואָרן מתפּלל צו זיין אויפן קבר. שפּעטער איז די דאָזיקע תפילה פאַרבונדן געוואָרן מיט אָנצינדן פייערן אויפן קבר („הדלקה״). דאָס האָט געדאַרפט סימבאָליזירן דאָס גרויסע ליכט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אויף דער וועלט מיט דער לערע פון „זוהר״.

אַ ליכט, וואָס איז באַהאַלטן און וואָס נאָר דורך קבלה קען מען זיך דערצו דערגרונטעווען.

די פייערן האָבן געהאַט נאָך אַ באַדייטונג — אי זיי האָבן סימבאָליזירט ליכט און אי זיי האָבן סימבאָליזירט לייטערונג, ריייניקונג. כדי צו געפינען דעם וועג צו ליכט, צו אויסלייזונג, דאַרף מען פריִער געפינען דעם וועג צו לייטערונג, דעם וועג צו באַפרייען זיך פון די ערדישע תאוות, די גרעסטע מענטשלעכע תאווה איז — געלט. איז דערפאַר געווען אַ מנהג אַריינצוּוואַרפן אין די פייערן אויפן מירונער קבר, זילבערנע מטבעות, צו באַפרייען זיך אַזוי אַרום פון דער תאווה פון געלט.

איז פון די דאָזיקע צען ייִדן, וואָס זענען אַמאָל געגאַנגען צום קבר פון ר׳ שמעון בן יוחאי איצט געוואָרן פערציק טויזנט ייִדן און פון דעם דאָזיקן פייער פון ליכט און דערלייכטערונג איז געוואָרן אַ שריפה, וואָס סמאַלעט אויף מיילן אַרום.

אַזוי פאַרוואַנדלט זיך שטילקייט אין געשריי, פלאַם אין רויך, „אויבן״ אין „אונטן״.

איך האָב דערפילט דעם דאָזיקן רויך נאָך איידער איך בין צום צווייטן מאָל אַריינגעפאָרן אין צפת. ער איז מיר אַנטקעגנגעקומען שוין אויפן וועג, צוזאַמען מיט די טויזנטער קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די הייליקע בערג.

און אַזוי בין איך ל״ג־בעומר אָנגעקומען קיין מירון און אַליין געוואָרן איינער פון די פערציק טויזנט.

וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

צפת II - די שטאָט פון גנעשריי

עס איז נאָך געווען פריִער טאָג — ל״ג־בעומר — ווען אונדזער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן ברייטן, זאַמדיקן פּלאַץ אין מירון, הינטער צפת, און שוין איז אַ פייערדיקע זון געשטאַנען איבער אונדזערע קעפּ און אָנגעפילט די לופט מיט אַ שטיקנדיקער היץ.

אָבער ווען איך האָב אַ קוק געטון אויף די צעפלאַמטע פּנימער פון די טויזנ־טער ייִדן, וואָס האָבן געשטראָמט פון אַלע זייטן צום פאַרהייליקטן באַרג־קבר פון ר׳ שמעון בר יוחאי, האָב איך גענומען צווייפלען צי די זון איז שולדיק אין דער אַרומיקער שטיקעניש. עס האָט מיר אויסגעזען, אַז נאָך מער ווי פון דער זון שלאָגט אַ היץ פון זיי; דאָס האָבן זיי דאָ די לופט פול געמאַכט מיט פייער, מיט רויך און מיט דער צאַפּלדיקער האָפענונג אויף אַ נס.

די מיינסטע מענטשן דאָ אַרום מיר זענען אָרעמע, געשלאָגענע, פאַרשעמטע, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן די האָפענונג צו געפינען אַ ביסל גליק אויפן גלייכן וועג. זוכן זיי עס דעריבער אויף גערדרייטע וועגן, אויף אויסטערלישע, צווישן טונקעלע בערג־היילן און רויכיקע קברים.

און די גרעסטע האָפענונג פאַרבינדן זיי מיט די רויכן, וואָס גייען־אויף פון קבר פון ר׳ שמעון בר יוחאי, דעם גרויסן אַנטפּלעקער פון די פאַרבאָרגענע וועגן, וואָס פירן צו דער אויסלייזונג. אין זיין זכות וועלן זיי זיכער געהאָלפן ווערן.

די זיכערקייט קומט צו זיי פון צוויי קוואַלן, וואָס ביידע זענען זיי טונקל — דער קוואַל פון פאַרצווייפלונג און דער קוואַל פון אָבערגלויבן.

די דאָזיקע צוויי קוואַלן קען מען דאָ זען אויף טריט און שריט. אָט ציִען זיך מחנות קאַליקעס איבער דעם שטויביקן וועג, וואָס פירט צום הייליקן קבר: בלינדע, לאָמע, טויב־שטומע, קרעציקע, געליימטע, וואָס ווערן געטראָגן פון קרובים, קינדער מיט פאַראַליזירטע הענט און פיס, מיט אויסשיטן אויף די קעפּ,

מיט אויפגעבלאָזענע בייכער און אויסגעקרימטע גלידער. אויף די פּנימער פון די אַלע קאַליקעס און פון זייערע קרובים ליגט די פאַרצווייפלונג אַ פאַרגליווערטע, אַ טעמפּע. אַלע ליכט פון האָפענונג האָבן פאַר די מענטשן זיך שוין לאַנג פאַר־לאָשן. געבליבן איז זיי בלויז דאָס ליכט, וואָס ברענט אויבן אויפן הייליקן קבר. רייסן זיי זיך דעריבער אַהין מיט אַלע כוחות. פאַר זייערע לעצטע פּרוטות קויפן זיי אויל כדי צו מאַכן דעם פלאַם אויפן קבר נאָך גרעסער. דאָס איז דאָך זייער לעצטע האָפענונג. זאָל דאָס ליכט דאָרט אויפן באַרג אויך אויפהערן ברענען, וועט דאָך ווערן שטאָק־פינצטער.

זיי אַרט נישט די היץ פון דער זון, נישט די ענגשאַפט פון דער מחנה, נישט דאָס שטיקעניש פון די וואָלקנס שטויב און רויך, וואָס הילן דאָ אַלעמען איין. פאַרקערט, וואָס הייסער, וואָס ענגער, וואָס שטויביקער און שטיקנדיקער, אַלץ בעסער, ווייל דאָס איז אַ סימן, אַז מען געפינט זיך שוין נאָענט פון אָרט ווו מען קען געהאָלפן ווערן.

און כדי צו זיין זיכערער מיט דער הילף, קויפט מען איין אויפן וועג אַלערליי סגולות, אָפּגעשפּראָכענע חפצים, שיר המעלותן, בילדער פון הייליקע ייִדן, פון מקובלים; ספּעציעל פאַרפאַסטע תפילות אויף צו זאָגן אויבן אויפן קבר; הייל־גראָזן; קמיעות.

פון ביידע זייטן פון זאַמדיקן וועג, וואָס פירט צום הייליקן באַרג, שטייען זיי אויסגעשטעלט, די פאַרשיידענע הענדלער מיט די אַלע הייליקייטן. מאַנכע שרייען אויס זייער סחורה הויך אויפן קול, אַזוי ווי דער שכן, דער הענדלער, וואָס פאַר־קויפט קוואָס און געווירצטע פלעצלעך. זיי רייסן די קונים פאַר די פּאָלעס, שווערנ־דיק מיט הייליקע שבועות, אַז פון זייערע סגולות וועט מען זיכער געהאָלפן ווערן. אַנדערע ציִען שטיל, איינגעקאָרטשעט, די אויגן איינגעגראָבן אין אַ ספרל, ווי זיי וואָלטן די אַלע הייליקע חפצים בעסער געוואָלט פאַרנוצן פאַר זיך, פאַר דער אייגענער אויפריכטעניש, ווי זיי פאַרקויפן פאַר אַנדערע.

***

וואָס ווייטער אויפן באַרג, אַלץ געדיכטער די מאַסע, אַלץ הייסער — די לופט. גייענדיק, שטויסט מען זיך אָן אויף מענטשן, וואָס ליגן אויף דער ערד, צווישן די שטיינער און היילן. דאָס זענען מזרח־ייִדן, וועלכע זענען נאָך מיט טעג צוריק געקומען אַהער צוזאַמען מיט זייערע משפחות. זיי פילן זיך נענטער צו ר׳ שמעון בר יוחאי, ווי די אַשכנזישע ייִדן. זיי זענען געווען פון די ערשטע מקובלים אין

צפת. און זיי האָבן אויך אַן אַנדער באַגריף וועגן צייט, ווי אונדזערער אַ ייִד, עס איז דער אָריענטאַלישער באַגריף. די צייט גייט ביי זיי מיט קעמל־טריט און גאַנץ אָפט בלייבט זי אינגאַנצן שטיין. אַזאַ תימנער אָדער פּערסישער ייִד איז געקומען קיין מירון מיט אַ וואָך צוריק צוזאַמען מיט ווייב און קינדער און דאָ פאַרלייגט זיין געצעלט אין אַ הייל, אָדער צווישן עטלעכע שטיינער. ער האָט מיטגעבראַכט אַ הויפן געטריקנטע פלעצלעך, אַ ביסל וואַסער, עטלעכע קמיעות. ליגט ער זיך אויסגעלייגט אויף דער הייליקער ערד און אָטעמט איין מיט הנאה די ריחן, וואָס קומען אַהער פון באַרג־קבר. וואָס לענגער מען געפינט זיך דאָ, אַלץ זיכערער איז מען מיט דער הילף. זיצט מען דאָ צוזאַמען מיטן הויז־געזינד אַ וואָך, צוויי וואָכן. מען האָט צייט.

מאַנכע, די מער פאַרמעגלעכע, האָבן מיטגעבראַכט טעפּיכער און אויך קופּער־נע כלים. איינער האָט דאָ מיטגעבראַכט זיין ציג און זי דאָ צוגעבונדן צו אַ שטיין. דערנעבן ליגט אַ ביסעלע גרינס אויף צו שפּייזן די ציג און מסתמא אויף צוצוגעבן איר חשק זי זאָל געבן מילך. עס זעט אָבער נישט אויס, זי זאָל געבן. זי שטייט אַ מרה־שחורהדיקע און גיט פון צייט צו צייט אַ שאָקל אין דער ברייט מיט איר בערדל, ווי זי וואָלט וועלן פון זיך פאַריאָגן דעם רויך, וואָס עסט איר די אויגן.

נישט ווייט פון דעם ייִדן מיט דער ציג ליגט אַ קיילעכדיקער מזרח־ייִד, מיט אַ רויטן טורבאַן אויפן קאָפּ, און האַלט אויף אַ שנירל אַ האָן, וואָס עסט אַרויס פון אַ טעלער שטיקלעך צעווייקטע חלה. אויך דאָס באַשעפעניש איז קענטיק נישט צופרידן מיט זיין דאָלע. מען דערקענט עס פון זיין חושבדיקן אויסזען און פוילע באַוועגונגען. אָבער ער מוז דאָ זיין. ער איז דאָ נישט סתם אַ האָן, נאָר אויך אַ סגולה. עס איז אַ ברייט־פאַרשפּרייטער גלויבן צווישן די אָריענטאַלישע ייִדן, אַז אויב אַ מאַן ברענגט מיט מיט זיך אַ האָן אויף ר׳ שמעון בר יוחאיס קבר, שטאַרקט זיך זיין מענערישע קראַפט.

זעט מען טאַקע דאָ אַ היפּשע צאָל מזרח־ייִדן מיט הענער אין די הענט. איינער אַזאַ ייִד וואָרפט זיך מיר באַזונדער אין די אויגן. ער איז אויסטערליש הויך, אַזוי אַז מען זעט אים אַרויס פון דער גאַנצער מחנה. אויף זיין טונקל מענעריש פּנים ליגן צוויי געדיכטע, שטייפע וואָנצעס, וואָס גיבן אים דעם אויסזען פון אַ טער־קישן, אָדער פּערסישן פּעלדפּעבעל. אין ביידע הענט האַלט ער פעסט אַ ברוינעם האָן, וואָס איז, דאַכט זיך, אַ ביסל ענלעך צו אים. ווען איך טרעף אַזאַ איינעם אויף דער גאַס, וואָלט מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז ער איז מיינער אַ „ברו־דער״. אָבער דאָ קען איך דערין נישט צווייפלען. אָט האָט ער זיך אין דער

גרעסטער ענגשאַפט אַדורכגעשטופּט דורכן עולם און שטייט שוין מיטן האָן אויפן הויפּל, ווו עס געפינט זיך דער הייליקער קבר.

אויך מיר איז געלונגען זיך דאָרט אַריינצושטופּן. פּאָליציי האָט מיר געהאָלפן. דאָ איז די היץ אַזוי גרויס, אַז עס ווערט אינגאַנצן איבעריק זיך אָפּצווישן דעם שווייס פון פּנים. סיי ווי וועט דאָך אין עטלעכע סעקונדן אַרום דאָס פּנים ווידער זיין אַזוי נאַס, ווי פריִער. און פּאַרוואָס עפּעס בלויז ווישן דאָס פּנים? — אַלץ איז דאָך נאַס פון שווייס, אַפילו די שיך. די היץ קומט דאָ פון די פלאַמען, אין וועלכע דאָס הייליקע קבר איז איינגעהילט. דורך די אָנגעגליטע קראַטעס וואַרפן יידן אַריין ליכט אויפן ברענענדיקן שטיין. אַמאָל האָט מען אויף דעם שטיין אָנגעצונדן ליכט. איצט אָבער, אַז קיין מירון, אויף ל״ג־בעומר, האָבן גענומען שטראָמען צענדליקער טויזנטער יידן, איז דאָס געוואָרן אוממעגלעך. פּרווו, אדרבה, אָנצינדן פערציק טויזנט ליכט אויף אַ מצבה־שטיין. באַגנוגנט מען זיך איצט מיט וואַרפן די ברענענדיקע ליכט אויפן שטיין. נאָך איידער אַזאַ ליכט קומט צו צום שטיין, איז עס שוין צעשמאָלצן.

דער ריח פון די צעשמאָלצענע ליכט מישט זיך אויס מיטן ריח פון ברענענדיקע הויפּנס האָר, וואָס קומען פון די קעפּלעך פון יידישע קינדער. אויך דאָס איז אַ וועג געהאָלפן צו ווערן — אָפּצושערן אום ל״ג־בעומר די האָר ביי די דריי־יעריקע יידישע יינגלעך און די האָר פאַרברענען אויפן הייליקן קבר אין מירון. און אַ דריטער ריח טראָגט זיך פון די פלאַמען — דער ריח פון די בערג פּאַפּי־רענע קוויטלעך, וואָס יידן שרייבן צו ר׳ שמעון בר יוחאי. ספּעציעלע קוויטל־שרייבער שטייען אויפן הויף און שרייבן. פאַר עטלעכע פּיאַסטער לאָזט מען זיך שרייבן אַ קוויטל און מען וואַרפט עס אַריין אין די פלאַמען.

אַזוי מישן זיך אויס די אַלע רויכן און ריחות מיט די געשרייען און יאָמערן פון יידן פון צענדליקער שבטים און לאָזן זיך צוזאַמען אַרויף אין דער הויך.

נאָך נישט צום הימל — אויפן וועג צום הימל ווערן די רויכן נאָך פאַרהאַלטן פון הונדערטער מענער און פרויען, וואָס זענען פאַרזאַמלט אויפן דאַך, וואָס איבערן קבר. דאָרטן געפינען זיך איינצלנע קעמערלעך, ווו עס וווינען אַ גאַנץ יאָר מקובלים, אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן, זוכנדיק יעדער באַזונדער אין איינזאַמע ראַנגלע־נישן דעם וועג צום הימל. אין דער וואָך פון ל״ג־בעומר זענען די מקובלים דאָרט נישטאָ און זייערע קעמערלעך ווערן באַזעצט פון גאַנצע משפּחות, וועלכע האָבן די ערשטע באַוויזן צו קומען צו די מירונער פייערונגען. זיי וואַרטן עס אויבן־אָפּ די רויכן, וואָס קומען דורך די דאַך־לעכער אַרויף אין דער הויך, און וואַשן מיט דעם די אייגענע פּנימער און אויך די פּנימער און אויגן פון זייערע קראַנקע קינ־

דער... אויך אַשכנזישע ייִדן קומען דאָ אַרויף אויפֿן דאַך, כּדי זיך צו וואַשן די אויגן מיט דעם הייליקן רויך.

איך האָב געהאַט גרויס חשק צוצוגיין צו איינעם אַזאַ ייִדן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ חסיד פֿון קרוין־פּוילן, און אים דערמאָנען, אַז שוין שלמה המלך האָט געזאָגט, דאָס רויך איז שעדלעך צו די אויגן. איך האָב זיך אָבער אָפּגעהאַלטן.

— קאַלטע חכמה — וואָלט דער ייִד זיכער מיר מבטל געמאַכט — מען דאַרף נעמען דעם ענין טיפֿער.

***

ייִדן פֿון צענדליקער מדינות און פֿון אַלערליי קאָלירן זענען אין יענעם טאָג פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַר מיינע אויגן אין מירון; די מײַנסטע פֿון זיי — שטאַרק־אָפּגעהיטע, פֿרומע. פֿול מיט מצוות און מיט תּפֿילות. און דאָך האָב איך צײַטנווײַז פֿאַרגעסן, אַז איך געפֿין זיך צווישן ייִדן.

דאָס איז געשען דערפֿאַר, וואָס מיר איז שוין פֿריִער אויסגעקומען בײַצוווינען מאַסן־פֿייערונגען בײַ „הייליקע ערטער" אין די פֿאַרשיידנסטע טיילן פֿון דער וועלט, און איינע איז געווען ענלעך צו דער צווייטער און אַלע צוזאַמען האָבן פֿאַרמאָגט אַ סך ענלעכקייט צו מירון.

צי דאָס איז געווען אין פּוילן אָדער אין מעקסיקע, אין פֿראַנקרײַך אָדער אין יאַפּאַן — אומעטום איז די היץ געווען די זעלבע און דער רויך — דער זעלבער.

אומעטום האָט מען געטראָגן קאַליקעס צו „הייליקע ערטער", אומעטום האָט מען געהאַנדלט מיט קמיעות און מיט אָפּגעשפּראָכענע חפֿצים, אומעטום האָט מען געצונדן ליכט פֿאַר „הייליקע" און אומעטום האָט מען צוליב די צו הויכע געשרייען גאָרנישט געהערט.

ווײַל אומעטום האָט מען די האָפֿענונג אויפֿן נס געשעפּט פֿון די זעלבע צוויי אַלטע טונקעלע קוואַלן — פֿון דעם קוואַל פֿון מענטשלעכער פֿאַרצווייפֿלונג און פֿון דעם קוואַל פֿון מענטשלעכן אַבערגלויבן.

***

אָבער אין איין הינזיכט האָט די מירון־פֿייערונג אויסגעזען עכט ייִדיש און דערפֿאַר זיך נישט געלאָזט פֿאַרטוישן אויף ענלעכע מאַסן־פֿייערונגען אין אַנדערע לענדער פֿון דער וועלט — אין איר פֿרייד.

אין מירון זינגט מען נישט ווייניקער ווי מען יאָמערט. דאָרט טאַנצט מען נישט ווייניקער, ווי מען וויינט.

דערביי איז דאָס נישט דאָס שטייפע געזאַנג פון פייערלעכע תפילות, און נישט דער ריטועלער טאַנץ, וואָס שמעקט מיט הימל און מיט אָפּגרונט — עס איז פּשוטער געזאַנג פון שמחה און היימיש־ייִדישער טאַנץ. וויפל די קבלה־ייִדן זאָלן אין די דאָזיקע טענץ נישט אַריינלייגן העכערע כוונות און וויפל זיי זאָלן נישט זייערע פרייד־געשרייען „בר יוחאי, בר יוחאי, אַשריך!... שמן ששון מחבריך!...״ ווענדן צום הימל און צום קבר — עס בלייבט אַלץ טאַנץ און געזאַנג, וואָס שמעקט מיט ייִדישער חתונה און מיט שמחת־תורה אין אַ פּויליש־ייִדיש שטעטל.

און אַפילו ווען מזרח־ייִדן טאַנצן, צוזינגענדיק דערביי זייערע כאָרכלדיקע אָריענטאַלישע ניגונים, פלעכטן זיך באַלד אַריין עטלעכע אַשכנזישע ייִדן פון די אַלטע געסלעך אין ירושלים און זיי פאַרהיימישן סיי דעם טאַנץ און סיי דעם געזאַנג. אין די לשון־קודשדיקע ווערטער רייסן זיך דורך אויסגעשרייען אין ייִדיש...

מירון איז, אגב, געווען דאָס איינציקע אָרט אין ישראל, וווּ איך האָב געזען טאַנצן „ווייסע״ ייִדן מיט „קאָלירטע״ ייִדן.

***

ווען איך האָב פאַרנאַכט פאַרלאָזט מירון, האָבן נאָך לאַנג מיך באַגלייט אויף די וועגן פון גליל די קולות און פייערן פון הייליקן באַרג. אָבער נאָך מער ווי די פייערן האָט מיך באַגלייט דער רויך.

דער פּאַלאַץ פון דער „הסתדרות"

שוין דעם ערשטן טאָג וואָס איך בין געווען אין תּל־אביב האָט מען פון פאַרשיידענע זייטן מיר געשטעלט די פראַגע:

— איר האָט שוין געזען אונדזער קרעמל?

— איר ווילט גאָרנישט אַ קוק־טון אויפן פּאַלאַץ פון דער „הסתדרות"?

— איר ווייסט שוין וועגן אונדזער וואָלקנקראַצער?

די אַלע פראַגן האָבן מיר געשטעלט ייִדן, וואָס זענען קעגנער פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל און וואָס האָבן, זעט אויס, מורא געהאַט, טאָמער ווייס איך נאָך נישט וועגן דעם גרעסטן „פאַרברעכן", וואָס די הסתדרות האָט אָפּגעטון.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט ביי דער געלעגנהייט געזאָגט וויצן און שטעך־ווערטלעך אויפן חשבון פון דער „הסתדרות" און אירע פירער, וועלכע זענען דאָך גלייכצייטיק די פירער פון דער מדינה. איין ייִד, אַ שרייבער פון אַ בירגערלעכער צייטונג, האָט מיר אַפילו פאַרזיכערט, אַז ער האָט גאָרנישט צו דער „הסתדרות" פאַרוואָס זי האָט פאַר זיך אויסגעקליבן אַ לוקסוס־פּאַלאַץ. ער האָט בלויז צו איר אַ טענה, הלמאי זי האָט אַ תּל־געמאַכט פון ביאַליקס אַ גוטן וויץ. ווען ביאַליק איז געקומען קיין אַמעריקע, זאָל ער האָבן געזאָגט, אַז אויך תּל־אביב האָט וואָלקנקראַצער אַזוי ווי ניו־יאָרק, נאָר מיט איין אונטערשייד, וואָס ביי איר זענען די וואָלקנס באַזונדער און די קראַצער באַזונדער. איצט אָבער, מיטן אויפבויען פאַר זיך אַן אמתן וואָלקנקראַצער אין תּל־אביב, האָט די „הסתדרות" ליקווידירט ביאַליקס וויץ.

אָבער די מורא, אַז איך זאָל נישט באַמערקן די נייע היים פון דער „הסתדרות" איז געווען אינגאַנצן איבעריק. אַפילו ווען מען זאָל וועלן, איז אויך שווער נישט צו באַמערקן אין תּל־אביב דעם „הסתדרות"־פּאַלאַץ, פּונקט ווי עס איז שווער נישט צו באַמערקן אין ניו־יאָרק די „עמפּאיר־סטעיט"־געביידע. אמת, דער „הסתד־

רות״־פּאַלאַץ האָט נישט מער ווי אַכט שטאָק, אָבער אין תל־אביב איז עס נישט נאָר די שענסטע, נאָר אויך די העכסטע און גרעסטע געביידע, און ווּ איר זאָלט נישט געפינען, לויכט זי אייך אַנטקעגן מיט אירע 467 פענצטער, וואָס קומען אַרויס פון אירע 320 ביוראָ־צימערן.

פונדעסטוועגן האָבן די אַלע ישראל־יִידן וועלכע האָבן געוואָלט מיט דער געשיכטע וועגן „וואָלקנקראַצער״ אַרויסרופן ביי מיר אַ כעס קעגן דער „הסתדרות״ זייער ציל נישט דערגרייכט. איך האָב זיי אויסגעהערט און בין, צו זייער גרויסער אַנטוישונג, געבליבן קאַלט. איך האָב זיך נישט אויפגערעגט.

דאָס הייסט נישט, אַז איך בין געווען באַגייסטערט פון דעם אויפטו פון דער „הסתדרות״ אויסצובויען פאַר זיך אין דער איצטיקער קריזיס־צייט אין ישראל א פּאַלאַץ, וואָס שטייגט איבער מיט זיין רייכקייט און לוקסוס אַלץ, וואָס עס האָבן אויפגעבויט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אפילו פון די רייכסטע לענדער אויף דער וועלט, איינגעשלאָסן אַמעריקע. דאָס איז מיר גראָד נישט שטאַרק געפעלן — און נישט בלויז דאָס. אַפילו ווען איך האָב באַזוכט אַ סך באַשיידענערע געביידעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי למשל די „הסתדרות״־הויכשולע „בית ספר לפּועלים״ און די פּאַרטיי־שול פון מפּא״י אויפן נאָמען פון בערל קאַצענעלסאָן „בית בערל״, האָבן מיר באַהערשט געמישטע געפילן. פון איין זייט בין איך געווען שטאָלץ, וואָס די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פאַרמאָגט אַזעלכע פּראַכטפולע אינסטיטוציעס, איינגעאָרדנט מיט אַזאַ ברייטן פאַרנעם און גוטן געשמאַק, און פון דער צווייטער זייט האָב איך זיך געשעמט וואָס אַזאַ פּראַכט און גלאַנץ געפינט זיך אין שכנות פון בלעכענע געצעלטן און ליימיקע גריבער, ווו עס וווינען נאָך הונדערטער טויזנטער אַרבעטער און אָרעמע מענטשן. איך האָב דערפילט, אַז מיטן אויסבויען אַזעלכע לוקסוסדיקע אַרבעטער־אינסטיטוציעס ווערט גלייכצייטיק אויסגעבויט אַ וואַנט צווישן איין טייל אַרבעטער אין ישראל און דעם צווייטן: צווישן די אויבערשטע אַרבעטער און די אונטערשטע; צווישן די אַריסטאָקראַטן־אַרבעטער און הויכע באַאַמטע און די אָרעמע לוין־אַרבעטער און עלנטע לאַגער־איינוווינער.

אָבער ווי גרויס עס זענען נישט געווען מיינע טענות צו דער „הסתדרות״ און צו דער מפּא״י, האָבן זיי קיינמאָל מיך נישט געקענט באַוועגן צו שליסן אַן איינהייטלעכן פראָנט מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן, מיט די חרותניקעס, אָדער מיט דער „אַגודה״ קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל. וויפל זיי האָבן פאַר מיר נישט פאַרגאָסן טרערן אויף דעם „פאַרשווענדערישן לוקסוס פון דער „הסתדרות״, איז אַלץ מיין האַרץ נישט גערירט געוואָרן — און דאָס שוין צוליב דער איינפאַכער סיבה, ווייל איך האָב געוווסט, אַז זייערע טרערן זענען פאַלשע. דאָס זענען

געווען טרערן נישט פון רחמנות, נאָר פון קנאה. דאָס האָבן זיי נישט געווײַנט אויפן „מי ימות", נאָר אויפן „מי יחיה" — דאָס הייסט, נישט אויף דעם, וואָס אָרעמע מענטשן אין ישראל לעבט זיך צו שלעכט, נאָר אויף דעם וואָס די אַר־בעטער אין ישראל לעבט זיך צו גוט.

אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צײַט, וואָס איך בין געווען אין ישראל, האָב איך קיין איין מאָל נישט געהערט, אַז אַן אַלגעמיינער ציוניסט אָדער אַן אַנדער אַנהענגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, זאָל זיך פאַר מיר פאַרקלאָגן אויף די פּריוואַטע לוקסוס־פּאַלאַצן אין רמת־גן, אויפן הר־הכרמל צי אין נתניה, וועלכע געפינען זיך אין שכנות פון די שוידערלעכסטע נעסטן פון אָרעמקייט און עלנטקייט. איך האָב זעלטן געזען אין אַמעריקע אַזעלכע פּריוואַטע לוקסוס־ווילעס, ווי איך האָב געזען אין נתניה, ווו עס געפינען זיך אויך, טאַקע צופוסנס פון די גן־עדן־פּאַלאַצן, אַן אימיגראַנטן־לאַגער מיט הונדערטער בלעכענע גיהנום־געצעלטן אָבער קיינער פון די בירגערלעכע קריטיקער פון „הסתדרות"־פּאַלאַץ האָט קעגן יענע פּריוואַטע פּאַלאַצן און קעגן זייערע באַלעבאַטים קיין וואָרט נישט געהאַט אויסצוזעצן. גיכער פאַרקערט. זיי טענהן כסדר, אַז די קאַפּיטאַלן און בכלל די פאַרמעגלעכע שיכטן ווערן שרעקלעך געקריוודעט אין ישראל; אַז מען לאָזט זיי, נעבעך, דעם קאָפּ נישט אויפהייבן; אַז אַלע פּרייהייטן האָבן צוגענומען די אַרבע־טער און דערפון נעמען זיך אַלע צרות.

אַז זאָל מען נאָר אויפהערן צו „דיסקרימינירן" קעגן די קאַפּיטאַליסטן און סוחרים, וועט ישראל ווערן אַ גן־עדן.

***

אָבער עס איז געווען נאָך אַ סיבה פאַרוואָס די ידיעה וועגן דעם וואָלקנקראַצער פון דער „הסתדרות" האָט מיך געלאָזט קאַלט. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל זי האָט מיר אויסגעזען צו זיין גאַנץ נאַטירלעך. און נישט נאָר מיר — יעדער איינער, וואָס האָט נאָר אַ שטיקל באַגריף וועגן דער ראָלע פון דער „הסתדרות" אין ישראל, מוז האָבן דאָס זעלבע געפיל. וואָרום ווער דען זאָל אין ישראל אויסבויען די גרעסטע און שענסטע געביידע, אויב נישט די „הסתדרות"?

איז דאָך די „הסתדרות" (צו וועלכער עס געהערן סיי אַרבעטער פון מפּאַ״י און סיי פון מפּ״ם) די מעכטיקסטע און רייכסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אויף דער גאַנצער וועלט.

איך ווייס, אַז פאַר זייטיקע מענטשן קען די דאָזיקע פעסטשטעלונג קלינגען ווי אַ וויץ.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? — וועלן זיי פרעגן — איז דען נישט ישׂראל אַ קליינע און אָרעמע מדינה, וואָס איז נאָך רעכט נישט אַרויס פון קריגס־צושטאַנד, מיט אַ באַפעלקערונג פון קנאַפּע צוויי מיליאָן מענטשן, וואָס צענדליקער טויזנטער פון זיי האָבן נאָך אַפילו נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ?

יאָ, דאָס אַלץ שטימט, און דאָך שטימט אויך דאָס, אַז די אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציע פון דער שוואַכער און נויטבאַדערפטיקער מדינת ישׂראל איז די רייכסטע און שטאַרקסטע פון צווישן אַלע אירע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס איבער דער גאַ־רער וועלט. אַזוי איז עס. ישׂראל איז אויך אין דעם פּרט אַנדערש פון אַלע פעל־קער. מעג די ציוניסטישע אידייע, וואָס האָט געבראַכט צו דער אַנטשטייאונג פון ישׂראל, האָבן געשעפּט איר כוח פון דעם ווילן צו ווערן „ככל הגוים" — ווי אַלע פעלקער — ישׂראל איז נישט ווי אַלע.

די רייכקייט און שטאַרקייט פון דער „הסתדרות" נעמט זיך שוין דערפון, וואָס צו איר געהערט אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד.

כדי צו באַקומען אַ באַגריף וואָס דאָס מיינט, איז גענוג צו פּרוּוון זיך פאָר־שטעלן, די פאַראייניקטע אַמעריקאַנער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, (א. פ. ל. און סי. אַי. אָ.) מיט אַ מיטגלידערשאַפט וואָס נעמט אַרום אַכציק מיליאָן מענטשן...

אָבער נאָך מער ווי אין דער גרויסער צאָל מיטגלידער ליגט די רייכקייט און שטאַרקייט פון דער „הסתדרות" אין דער גרויסער צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס זי פאַרמאָגט אָדער קאָנטראָלירט. די „הסתדרות" האָט געגרינדעט 500 קאָלאָניעס, וואָס פּראָדוצירן היינט צו טאָג זיבעציק פּראָצענט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע פון לאַנד און איר פאַרטיילונגס־צענטראַלע „תנובה" פאַרטיילט צוויי דריטל פון אַלע פּראָדוקטן פון לאַנד. אַ חוץ דעם איז זי די גרעסטע בוי־פירמע פון לאַנד („סולל־בונה"); זי האָט פאַקטיש מאָנאָפּאָליזירט אין אירע הענט די אויטאָבוסן־קאָמוניקאַציעס („אשד"), און זי איז באַטייליקט אין אַזאָ אָדער אַנדער וועג (אין מאַנכע אַלס פופציק־פּראָ־צענטיקער שותף צו פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן) אין אַכט הונדערט אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אין וועלכע זי באַשעפטיקט ביז אַ דריטל פון אַלע נישט־לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער פון לאַנד.

צו דעם רעכנט צו די נעץ פון אירע סאָציאַלע, בילדונגס־ און קולטור־ אינס־טיטוציעס; אירע אַכט הונדערט שפּיטאָלן און קליניקס; אירע סאַנאַטאָריעס און אָפּרו־פּלעצער (אגב, דער בודזשעט פון איר „קופּת־חולים" — קראַנקן־קאַסע — באַטרעפט דריטהאַלבן מאָל אַזוי פיל ווי דער גאַנצער געזונטהייטס־בודזשעט פון דער רעגירונג); דער אינוואַלידן־פאָנד מיט זיינע טויזנט בעטן; איבער דריי אַר־

בעטער־אוניווערסיטעטן; אירע בערך צוויי טויזנט בילדונגס־אינסטיטוציעס (מיט 200 טויזנט שילער), וואָס געפינען זיך אין פינף הונדערט ישובים, און וועלכע באַשעפטיקט טויזנט לערער; מיט אירע פאַך־שולן, מיט אירע טויזנט העברעיש־קורסן; דריי הונדערט ספּאָרט־קלובן; דריי טעאַטערן; זיבעציק דראַמאַטישע קרייזן; הונדערט כאָרן, זיבן הונדערט ביבליאָטעקן, דריי טאָג־צייטונגען, זשורנאַלן, פאַר־לאַגן — מיט איין וואָרט: אַ רייכע, מעכטיקע אַרבעטער־מלוכה אין אַ קליינער, אָרעמער מדינה.

איך בין אין דעם פאַל איינשטימיק מיט איר גענעראַל־סעקרעטאַר, מרדכי נאַמיר (געווי׳ ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע), אַז עס איז נישט די שולד פון דער „הסתדרות״, וואָס זי איז געוואָרן דער גרעסטער אינדוסטריע־אונטערנעמער אין לאַנד. זי האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי צו ווערן אַ... גביר. די ידישע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע זענען נישט געקומען קיין ארץ־ישראל, האָבן זי דערצו געצוווּנגען. זיי האָט נישט געלוינט צו קומען אין די וויסטענישן פון ארץ־ישראל און דאָרט צו בויען און וועגן און פאַבריקן. האָבן די חלוצים און זייער אָרגאַניזאַציע דאָס געמוזט טאָן. זיי האָבן דאָך געהאַט פריער פאַר אַלץ נאַציאָנאַלע אויפגאַבן (און דאָ ליגט, לויט מיין מיינונג, דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון דער „הסתדרות״, וואָס מאַכט זי אַנדערש פון אַלע אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציעס אויף דער וועלט; דאָס וואָס זי איז אַ סך מער נאַציאָנאַל און אַפילו נאַציאָ־נאַליסטיש, ווי סאָציאַל).

— די קאַפּיטאַליסטן — זאָגט צו מיר מרדכי נאַמיר — שרייען איצט, אַז די „הסתדרות״ האָט „פאַרכאַפּט״ פאַרשיידענע צווייגן פון דער אינדוסטריע. זיי פאַרשווייגן אָבער דעם פאַקט, אַז מיר האָבן זיך ביי זיי געבעטן, זיי זאָלן פאַרכאַפּן און זיי האָבן נישט געוואָלט. מיר האָבן מיט דרייסיק יאָר צוריק מאָנאָפּאָליזירט אין ארץ־ישראל די זאַמדן. מיר האָבן מאָנאָפּאָליזירט די מאַלאַריע און קיין ידישן קאַפּיטאַליסט אין גאָרנישט איינגעפאַלן ביי אונדז צו וועלן אַרויסרייסן די דאָזיקע מאָנאָפּאָלן. מיר גייען אין נגב, מיר גייען קיין אילת, ווו קיין קאַפּיטאַליסטן האָבן נישט קיין חשק צו גיין. אָבער אין צען יאָר אַרום וועלן זיי צו אונדז קומען מיט טענות הלמאַי די „הסתדרות״ האָט מאָנאָפּאָליזירט אילת.

מיט דער זעלבער שאַרפקייט האָט נאַמיר אָפּגעוואָרפן די טענות פון די בירגערלעכע פאַרטייען און זייער פרעסע קעגן דער נייער היים פון דער „הסתדרות״.

— האָבן דען — האָט נאַמיר געפרעגט — די טוער פון „הסתדרות״ פאַר זיך אויסגעבויט לוקסוס־היימען? וווינט נאַמיר אין אַ פּאַלאַץ? מיר האָבן אויפגעבויט אַ שיינע היים פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. האָבן מיר דערויף קיין רעכט נישט?

האָבן נאָר די קאַפּיטאַליסטישע אינסטיטוציעס, פּונקט ווי זייערע מיטגלידער, אַ רעכט אויף רייכע היימען און דאַקעגן די אַרבעטער־אינסטיטוציעס דאַרפן זיך אייביק געפינען אין קבצנישע הייזקעס?

נאָמיר האָט מיר ווייטער איבערגעגעבן, אַז אייגנטלעך האָט די „הסתדרות״ כמעט גאָרנישט אויסגעגעבן אויף דער נייער געביידע, ווייל זי האָט פאַר איר אַלטער געביידע אויף דער אַלענבי־גאַס (אַ מין ניו־יאָרקער 42סטע גאַס פון תל־אביב) איינגענומען אַ קנאַפּן מיליאָן פונט, בעת דער נייער בנין, וועלכער געפינט זיך אויסער דער שטאָט, ווו דער באָדן איז אַ סך ביליקער, האָט סך הכל אָפּגע־קאָסט קנאַפּע אַנדערטהאַלבן מיליאָן פונט.

איך בין זיך מודה, אַז דער דאָזיקער חשבון האָט פאַר מיר געקלונגען נישט צופיל איבערצייגנדיק. דאָס איז נישט נאָר דערפאַר, וואָס נאָמירס ציפערן האָבן שטאַרק נישט געשטימט מיט ציפערן וואָס איך האָב באַקומען פון אַלע אַנדערע קוועלן (דער אונטערשייד איז געווען סך הכל אין אַ... דריי־פיר מיליאָן), נאָר אויך דערפאַר, וואָס אַנדערטהאַלבן מיליאָן דאָלאַר פאַר אַזאַ וואונדער־געביידע האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ ווילדע מציאה. איך אַליין, ווי ווייט איך בין נישט פון די פּאַלאַצן־ביזנעס, וואָלט גרייט געווען די געביידע אָפּצוקויפן פאַר האַנ־דערטהאַלבן מיליאָן פונט, און איך בין זיכער, אַז איך וואָלט נאָך אין זעלבן טאָג געפונען אַ קונה, וואָס וואָלט מיר געגעבן אַ מיליאָן ריווח.

דערפאַר האָט פאַר מיר געקלונגען מער איבערצייגנדיק דער צווייטער אַרגו־מענט, וואָס נאָמיר האָט מיר געגעבן — דער אַרגומענט וועגן דעם פאַרשוויגענעם פּאַלאַץ פון די רייכע קאָלאָניסטן אין ישראל.

— האָט איר עפּעס געהערט — האָט מיך נאָמיר געפרעגט — עמעצער זאָל האָבן טענות, הלמאי די פּלאַנטאַטאָרן, די רייכע לאַנד־באַזיצער פון ישראל, האָבן אויסגעבויט פאַר זייער אָרגאַניזאַציע אַ לוקסוס־פּאַלאַץ, וועלכער געפינט זיך אין תל־אביב אויפן וועג צו דער הקריה? וועגן דעם פּאַלאַץ פון „האחדות האיכרים״ רעדט קיינער נישט, הגם ער באַדינט בלויז דריי הונדערט מענטשן, בעת אונדזער הויז באַדינט אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער.

אָבער די נייע „הסתדרות״־היים איז נאָר געווען איינע פון די פילע פראַגן, וואָס איך האָב באַרירט אין מיין געשפרעך מיט דעם פירער פון דער מעכטיקער אָרגאַניזאַציע אין ישראל. עס איז געווען אַן אָפנהאַרציקער שמועס, וועלכער האָט געדויערט עטלעכע שעה און האָט אַרומגענומען די וויכטיקסטע סאָציאַלע, עקאָנאָ־מישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען פון ישראל.

אָבער וועגן דעם אין די קומענדיקע קאַפּיטלען.

טענות צו דער „הסתדרות“

אין פאַרלויף פון דער צייט, וואָס איך בין געווען אין ישראל, איז נישט דורך קיין טאָג מיר זאָל נישט אויסקומען צו הערן פון אַלערליי מענטשן טענות צו דער רעגירונג און מער פון אַלץ טענות צו דער „הסתדרות“, וועלכע איז אויך פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה געווען פאַקטיש די רעגירונג פון ייִדישן ישוב, און וועלכע איז אויך איצט דער שטאַרקסטער פאָליטישער און עקאָנאָמישער כוח פון לאַנד.

איך בין די טענות נישט געגאַנגען ספּעציעל זוכן, ווי מאַנכע קענען מיינען, נאָר די טענות האָבן מיך אויפגעזוכט, און אַז זיי האָבן מיך נישט געטראָפן, זענען זיי געקומען נאָכאַמאָל. איך האָב נישט געמאַכט קיין סעלעקציע פון אומצופרידענע און פון שעלטער, פּונקט ווי איך האָב נישט געמאַכט קיין סעלעקציע פון צופרי־דענע און פון „הוראַ“־שרייער — איך האָב גערעדט מיט מענטשן פון אַלע ריכ־טונגען און פון אַלע שיכטן און מער פון אַלץ האָב איך יענע געלאָזט רעדן, האַלטנדיק פון כלל, אַז ווען אַ מענטש רעדט, דעררעדט ער זיך צום אמת, אַפילו ווען ער איז דאָס נישט אויסן. איך אַליין בין אין די מיינסטע פאַלן געווען אַ געטרייער און אויפמערקזאַמער הערער, איך האָב געהערט מיטביידע אויערן, אָבער אויך מיטן האַרץ, וואָס דאָס איז וואַרשיינלעך איינע פון די אורזאַכן פאַרוואָס אַזוי פיל מענטשן האָבן פאַר מיר געעפנט זייערע הערצער.

געווען נאָך אַן אורזאַך פאַרוואָס אַזוי פיל מענטשן זענען צו מיר געקומען מיט זייערע טענות צו ישראל — זיי האָבן געוווּסט, אַז איך בין נישט קיין ציוניסט; אַז איך בין נישט געקומען קיין ישראל אַלס איינגעלאַדענער גאַסט פון דער רעגי־רונג, אָדער פון דער „הסתדרות“, און אַז מיינע אויערן זענען דעריבער נישט אַנגעשטעלט אויף אָפיציעלע אינפאָרמאַציעס און אויף באַנקעט־רעדעס. אַזעלכע פרייע אויערן האָבן פאַר אומצופרידענע מענטשן אַ גרויסע צוציִונגס־קראַפט.

זיכער זענען די מיינסטע טענות געקומען פון אָרעמע מענטשן, פון נייע אימיגראַנטן. עס האָבן אָבער אויך נישט געפעלט קיין אַלט־געזעסענע (ותיקים), וואָס אַפילו אין אַמעריקע וואָלטן זיי געהאַט דאָס רעכט אָנצוגיין פאַר גבירים. אויך זיי האָבן פאַר מיר זיך באַקלאָגט אויף דער רעגירונג, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אויף דער „הסתדרות״, וואָס, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט, „פירט דאָס גאַנצע רעדל״.

פון די אַלע טענות בין איך פריִער פון אַלץ געוווּיר געוואָרן, ווי פאַלש עס איז די מעשה וועגן ייִדישער אַחדות.

ווייל נאָר אַ באַפעלקערונג, וואָס לאָכט זיך אויס פון אַחדות, קען זיין צע־שפּליטערט אין אַזוי פיל פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך, וואָס זענען גרייט איינער אויף דער אַנדערער צו דערציילן די שרעקלעכסטע בילבולים.

מיר האָט עס אויסגעזען, אַז דאָס באַקאַנטע ייִדישע לידל: „וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער ייִדן זענען מיר״, האָט מען אין ישראל אָנגעהויבן זינגען פּונקט פאַרדרייט:

„ייִדן זענען מיר, אָבער וואָס מיר זענען זענען מיר״...

אָבער אין איין הינזיכט האָב איך אין ישראל יאָ באַמערקט אַ געוויסע אַחדות: זאָל עמעצער דערציילן עפּעס שלעכטס אויף דער „הסתדרות״, וועלן אַלע פּאַרטייען און אַלע צייטונגען, וואָס געהערן נישט צו דער „הסתדרות״, דאָס באַלד אונטער־כאַפּן און ווייטער פאַנאַנדערטראָגן. עס טרעפט אַפילו, אַז די פּראָ־סאָוועטישע מפּ״ם, וואָס איז די מינדערהייטס־פּאַרטיי אין דער „הסתדרות״, שליסט זיך אָן אין אַזאַ אַלגעמיין־ייִדישער אַחדות־קאַמפּאַניע.

נאָכדעם ווי ביי מיר האָט זיך שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַ גאַנץ פּעקל מיט אַזעלכע טענות, האָב איך באַשלאָסן אָוועקצוגיין צום צווייטן צד און אויך הערן וואָס ער האָט צו זאָגן.

און עס איז געווען נישט מער ווי נאַטירלעך, וואָס אַלס דעם פאַרשפּרעכער פון „צווייטן צד״ האָב איך אויסגעקליבן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „הסתדרות״ — מרדכי נאַמיר.

***

איך האָב נאַמירן נישט געקענט פון פריִער. אָבער עס איז גענוג געווען פאַר מיר צו זיצן מיט אים אין זיין קאַבינעט, בלויז אַ קורצע צייט, כדי צו וויסן, אַז איך האָב פאַר זיך נישט בלויז דעם אָפיציעלן פירער, נאָר אויך דעם פּאַקטישן

און קאָמפּעטענטסטן פירער פון דער „הסתדרות״, וועלכער האָלט פּאַקטיש אין אירע הענט דעם גורל פון לאַנד.

נאָמיר איז אַ פעסטגעבויטער מאַן אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַן אויסדרוקפול פּנים און ענערגישע באַוועגונגען, וועלכע האַרמאָניזירן פולשטענדיק מיט דעם אמת, וואָס ער פאַרנעמט. ער געהערט צו די וויניקע עקזעקוטיוו־מענטשן, וואָס אַז איר זעט זיי זיצן ביי זייער ברייטן אַרבעטס־טיש, צו וועלכן עס ציִען זיך דראָטן פון פאַרשיידענע ווינקלען פון לאַנד, טראַכט איר זיך: יאָ, דער מענטש דאַרף דאָ זיצן. דאָס איז זיין ריכטיקער פּלאַץ.

מיר זענען ביידע גיך פאַרטיק געוואָרן מיט די העפלעכקייטס־פּסוקים, וואָס עס באַנוצן געוויינלעך פריינטלעכע באַלעבאַטים און זייערע גוט־דערצויגענע געסט, ווען זיי באַגעגענען זיך צום ערשטן מאָל, און גלייך צוגעטראָטן צום עיקר. איך האָב אים דערציילט וועגן די טענות, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן אויף טריט און שריט קעגן דער רעגירונג און איבערהויפּט קעגן דער „הסתדרות״, וועלכער מענטשן באַטראַכטן, נישט אָן רעכט, פאַר דעם אייגנטלעכן באַלעבאָס פון דער מדינה.

עפענענדיק דאָס פּעקל מיט די טענות, האָב איך צום ערשט אַרויסגענומען אַ טענה פון אַן איינצלנעם אָרעמען ייִדן, האַלטנדיק, אַז דער זיכערסטער וועג צום גליק פון כּלל, פון פאָלק, פירט דורך דעם גליק פון איינצלנעם מענטשן — פון יחיד.

דאָס איז אַ ייִד פון רומעניע, וועלכער וווינט אין אַן אַראַביש הויז, אין רמלה. ווען איך בין אַריין צו אים אין זיין אומהיימלעכער דירה, האָב איך אים געטראָפן אַ קרעכצנדיקן. „אויף וואָס קרעכצט אַ ייִד?״ — האָב איך אים געפרעגט. „אויף דעם זעלבן — האָט ער געענטפערט — וואָס אַנדערע ייִדן קרעכצן, אויף פּרנסה״.

אין ערגעץ האָב איך נישט געפילט אַזאַ סימפּאַטיע צו רומענישע ייִדן, ווי אין ישראל. אויב די פּוילישע ייִדן זענען געלערנטער, אינטעליגענטער, זענען דערפאַר די רומענישע — פאָלקסטימלעכער, האַרציקער און דער עיקר — זיי זע־נען קלענערע קרעכצער. אָמוויינִיקסטן האָבן מיר די רומענישע ייִדן דערציילט וועגן זייער יחוס אין דער היים, וועגן דעם וואָס זיי זענען „דאָרט״ אַלץ געווען. מען דאַרף גאָר וויניק זיי געבן, כּדי זיי צופרידנצושטעלן און עס איז נישטאָ אַזאַ אַרבעט, וואָס זיי זאָלן באַטראַכטן פאַר זיך אַלס צו נידעריק, אָדער צו שווער — אַבי מען קען מיט איר הילף אַרויסשלאָגן אַ שטיקל ברויט, איז שוין אַלץ רעכט, איז שוין „געלויבט דער אייבערשטער״. אין דער הינזיכט זענען זיי אַ ביסל ענלעך צו די תימנער ייִדן. דערפאַר אונטערשיידן זיי זיך אַזוי שטאַרק פון יענע מיט זייער

אויסזען. יענע זענען קליינינקע, דינינקע ייִדעלעך, צונויפגעשטעלט פון לויטער רוחניות, בעת די רומענישע זענען ברייטפּלייציקע פעסטע ייִדן, מיט פּנימער, וואָס דערציילן נישט וועגן קיין תעניתים און מיט הענט, וואָס אַז זיי זאָלן זיך אַפילו גוט־ברודעריש אַראָפּלאָזן אויף אַ תימנער פּלייצע, וועט דאָרטן בלייבן אַן אייבי־קער צייכן.

האָט מיר טאַקע דערפאַר דער קרעכץ פון יענעם רומענישן ייִד באַזונדערס געריִרט. פרעג איך אים וואָס ער האָט געטאָן אין דער היים, ענטפערט ער מיר, אַז ער איז געווען אַ שוסטער, און נישט גלאַט אַ שוסטער, אַ מייסטער אין זיין פאַך. און כדי מיר צו וויזן, אַז דאָס איז נישט סתם קיין באַרימעריי, איז ער אַוועק אין ווינקל, צו אַ גרויסן קופערט, און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ דאָקומענט, אין רומעניש, וועלכן ער האָט פאַר מיר מיט גרויס פאַרזיכטיקייט פאַנאַנדער־געעפנט. דאָס איז געווען אַ קאַרטע פון דער רומענישער רעגירונג, וועלכע זאָגט, אַז דער ייִד איז אַ שוסטער־מייסטער, אַ מיטגליד פון צעך פון די רומענישע שוסטער־מייסטער און אַז ער האָט דאָס רעכט צו פירן אַ שוסטער־וואַרשטאַט אין אַלע טיילן פון רומענישן קיניגרייך. אַ ייִד האָט שוין באַדאַרפט זיין גאַר אַ גוטער פאַכמאַן, אַז ער זאָל אַריינגענומען ווערן אין אַ האַנטווערקער־צעך אין דער אַנטי־סעמיטישער רומעניע. פונדעסטוועגן קען ער אין ישׂראל קיין אַרבעט נישט באַקו־מען. ער לויפט שוין יאָרן איבער פאַרשיידענע אַמטן און אינסטיטוציעס, מען זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן ביי זיין פאַך, אָדער אים דערלויבן צו פאַרלייגן אַ שוסטער־וואַרשטאַטל. אָבער ער האָט דערווייל גאָרנישט געפּועלט. פאַר רומעניע איז ער געווען אַ גוטער שוסטער און פאַר ישׂראל טויג ער נישט. דער ייִד איז אינגאַנצן אַלט 52 יאָר. אָבער אין אַרבעטס־אַמט ענטפערט מען אים, אַז ער איז צו אַלט. „וואָלט איך — האָט דער ייִד מיר געזאָגט — געהאַט אַ רויט ביכעלע, וואָלט אַנדערש געווען."

„אַ רויט ביכעלע" — דאָס איז די מיטגלידס־קאַרטע פון דער „הסתדרות", וועלכע זעט אויס אין די אויגן פון אַ סך נייע עולים, ווי אַ כישוף־ביכעלע, וואָס דערמיט קען מען עפענען אַלע טירן.

האָב איך דעם דאָזיקן פאַל דערציילט נאָמירן, און צוגעגעבן, אַז ענלעכע טענות האָב איך געהערט פון אַ היפּש ביסל מיטליאָריקע עולים חדשים, וואָס זענען אין דער היים געווען שניידערס און שוסטערס און דאָ קענען זיי אויף קיין פאַל נישט באַקומען קיין אַרבעט ביי זייער פאַך.

נאָמיר האָט מיר פאַרזיכערט, אַז די „הסתדרות" נעמט אַריין אַלס מיטגלידער יעדן אַרבעטער, אָן אונטערשייד פון וועלכן לאַנד ער קומט. אויב נאָר ער איז

נישט עלטער פון 55 יאָר און אויב ער האָט אין זיין געבורטסלאַנד געהערט צו אַ יוניאָן, ווערט ער אַריינגענומען אַפילו ווען ער איז עלטער פון 55 יאָר. וואָס שייך די פאַלן, וועלכע איך האָב אויסגערעכנט, פון שניידערס און שוסטערס, וועלכע האָבן קיין אַרבעט נישט געקענט באַקומען, האָט נאַמיר זיי נישט געפּרווט פאַר מיר גאָר פאַרענטפערן. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זיי זענען פאַר אים נישט קיין קלענערע איבערראַשונג ווי פאַר מיר. ווייל אין ישראל פעלן אויס אַרבעטער אין די אַזוי גערופענע ייִדישע פאַכן, ווי שוסטעריי און שניידעריי, צוליב דעם, וואָס די ישראל־יוגנט, פּונקט ווי די ייִדישע יוגנט אין אַמעריקע, מיידט אויס די ייִדישע פאַכן, שטראָמענדיק צו אַזעלכע פּראָפעסיעס, וואָס זענען פאַר־בונדן מיט עלעקטריע, ראַדיאָ, שיף־בוי. ער האָט מיר צוגעזאָגט די פאַלן, וועלכע איך האָב אים אָנגעגעבן, ספּעציעל אויסצופאָרשן, צוגעבנדיק, אַז די אויפגאַבע צו זאָרגן פאַר די עלטערע אַרבעטער, דאַרף ליגן אויף דער רעגירונג, נישט אויף דער „הסתדרות".

איך האָב דאַן געפרעגט נאַמירן אויף וויפל עס זענען אמת די טענות, וואָס איך האָב געהערט פון פאַרשיידענע מענטשן און וועלכע איך האָב אויך געטראָפן אין דער פּרעסע, אַז די „הסתדרות" האָט דערלויבט דער רעגירונג צו צאָלן די אַרבעטער ביי די עפנטלעכע אַרבעטן לוינען, וואָס זענען קלענער ווי עס איז דער מינימום, וועלכן די „הסתדרות" אַליין האָט פעסטגעשטעלט. איך האָב די טענה געהערט פון פאַרביטערטע אַרבעטער, און איך האָב זי אויך געהערט פון פאַרבי־טערטע אַרבעטס־געבער. די לעצטע האָבן דערמיט געוואָלט באַווייזן ווי אומגערעכט די רעגירונג איז צו זיי. פון זיי רייסט מען שטיקער (דאָס הייסט, מען צווינגט זיי צו צאָלן העכערע לוינען) בעת אַליין עקספּלואַטירט מען די אַרבעטער. „דער רבי מעג".

נאַמיר האָט מיר געענטפערט, אַז דער עצם־פאַקט איז אמת, אָבער ער איז איינגעוויקלט אין אַ בייזוויליקן ליגן. צוליב דער אַרבעטסלאָזיקייט האָט די „הסתדרות" פאַרלאַנגט פון דער רעגירונג, זי זאָל אָרגאַניזירן עפנטלעכע אַרבעטן פאַר די אַרבעטסלאָזע. דאָס זענען אָבער נישט קיין דרינגנדיקע אַרבעטן און ביי דער שווערער פינאַנציעלער לאַגע פון דער רעגירונג, וואָלט זי זיך נישט געדאַרפט צו זיי איצט נעמען. די „הסתדרות" האָלט אָבער, אַז די הונדערטער טויזנטער ייִדן, וועלכע האָבן זיך ביז איצט באַצויגן מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג צו אַר־בעט, טאָרן נישט אָנהייבן זייער נייעם עטאַפּ אַלס אַרבעטער פון... אַרבעטסלאָ־זיקייט. דאָס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון הונגער, נאָר פון ראַטעווען די אַרבעטס־רעוואָלוציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין ייִדישן פאָלק. מען מוז פאַר יעדן

פרייז די דאָזיקע מענטשן געבן אַרבעט און דערפאַר איז די „הסתדרות" איינגעגאַנגען, אַז פאַר די דאָזיקע נישט־דרינגנדיקע עפנטלעכע אַרבעטן, וואָס די רעגירונג האָט אָרגאַניזירט פאַר די אַרבעטסלאָזע, זאָל דער לוין מעגן זיין אַ ביסל קלענער, ווי דער מינימום.

***

עס איז קלאָר, אַז די אַלע טענות און פאַרדאַכטן נעמען זיך דערפון, וואָס די „הסתדרות" האָט אויפגעהערט צו זיין בלויז אַן אָרגאַניזאַציע פון לוין־אַרבעטער און מיטגלידער פון לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונעס, נאָר איז אויך געוואָרן אַליין אַ מעכטיקער פאַבריקאַנט. וואָס עס זאָלן נישט האָבן געווען די סיבות, וועלכע האָבן דערפירט דער „הסתדרות" צו דער איצטיקער ראָלע פון גרעסטן אַרבעטס־געבער אין לאַנד (און די סיבות זענען נישט געווען קיין עגאָיסטישע, נאָר נאַציאָנאַלע, ווייל דער ציל פון דער „הסתדרות" איז פריער פאַר אַלץ געווען נישט צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער, נאָר בויען אַ ייִדיש לאַנד) — דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט, אַז די אונטערנעמונגען פון דער „הסתדרות" פאַרמאָגן מער לוין־אַרבעטער, ווי וועלכע עס איז אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען אין ישראל. אַפילו אין דעם סאַמען אידעאַליסטישן ווינקל פון דער „הסתדרות", אין די קבוצות, דרייען זיך שוין אַרום לוין־אַרבעטער אין די הויכע טויזנטער.

דאָס איז די שטאַרקייט פון דער „הסתדרות" און גלייכצייטיק איר שוואַכקייט.

איך בין אָבער מסכים מיט נאַמירן, אַז ווען די „הסתדרות" וואָלט געוואַרט ביז קאַפּיטאַליסטן וועלן אויפשטעלן אינדוסטריעס אין ישראל, וואָלט איצט אינגאַנצן קיין אינדוסטריע אין ישראל נישט געווען און ישראל אַליין וואָלט אויך נישט געווען.

אָבער מיטן בויען פאַבריקן און פאַרלייגן פאַרשיידענע אינדוסטריעלע און האַנדלס־אונטערנעמונגען, האָט זיך די „הסתדרות" נישט געהאַלטן אין קיין איינהייטלעכער ליניע. עס זענען געשאַפן געוואָרן פאַבריקן און אונטערנעמונגען, אין וועלכע די אַרבעטער זענען די פאַקטישע באַלעבאַטים און זיי טיילן זיך מיט ריווח (קאָאָפּעראַטיוון) און עס זענען ווידער געבויט געוואָרן אונטערנעמונגען, ווו דער פאַקטישער באַלעבאָס איז די „הסתדרות". זי צאָלט די אַרבעטער אַ פעסטגעשטעלטן לוין, ווי עס צאָלן פּריוואַטע אונטערנעמונגען און זי נעמט צו דעם פּראָפיט, וועלכן זי פאַרווענדט אויף צו בויען און אַנטוויקלען אַנדערע אונטערנעמונגען, וועלכע זענען וויכטיק פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, אָבער וועלכע זענען פון געשעפטס־שטאַנדפּונקט דערווייל נישט מער ווי אַ לאַסט.

וועלכע פון דיביידע טיפּן „הסתדרות״־אונטערנעמונגען זענען וויכטיקער? — נאָמיר האָט מיר אויף דעם קיין געגויען ענטפער נישט געקענט געבן. יעדע איינע פון די צוויי טיפּן האָט זיך אירע ליכטיקע און אויך אירע שאָטנדיקע זייטן. אין די קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען פילט זיך דער אַרבעטער אַ סך בעסער, ווי אין די, ווו דער פּאַקטישער באַלעבאָס איז די „הסתדרות״. ער, דער אַרבעטער, ווייסט, אַז דאָס איז זיין וואַרשטאַט, אַז ער ווערט נישט אויסגענוצט. דערפאַר האָבן די דאָזיקע אונטערנעמונגען דעם חסרון, וואָס זייערע שותפים הייבן אָן מיט דער צייט צו בילדן אַ מין אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע. זיי פאַרדינען אַ סך מער ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער. זיי געפינען זיך ווי אויף אַן אייגענעם, גליקלעכן, אינדזל. דער פּראָפיט פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען קען נישט אויסגענוצט ווערן, ווי דאָס איז דער פאַל מיט דעם פּראָפיט פון די אַנדערע „הסתדרות״־אונטערנעמונגען, אויף נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע צוועקן. דערפאַר האָבן אָבער די לעצטע אונטערנעמונגען דעם חסרון, וואָס די אַרבעטער פילן זיך דאָרט נישט ווי ביי זיך, זיי האַלטן זיך אַזוי, ווי זיי וואָלטן געאַרבעט נישט אין אַן אונטערנעמונג, וואָס געהערט צו דער גאַנצער געזעלשאַפט, נאָר צו אַ פּריוואַטן באַלעבאָס.

מיר זענען אַריבער צו דער סאַמע אַנגעווייטיקטסטער פּראַגע אין ישראל, און דאָ האָט שוין אונדזער שמועס נישט געטראָגן אַזאַ רויקן כאַראַקטער ווי ביז איצט — צו דער פּראַגע וועגן די אַראַבער.

וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

אראַבער ו

פאַראַן אין ישראל אַ פּראָבלעם, וועגן וועלכער מען טראַכט אַממערסטן און מען רעדט אַמווייניקסטן. די פּראָבלעם רופט זיך אַראַבער.

די אורזאַך פאַרוואָס מען טראַכט אַממייסטן וועגן דער פּראָבלעם איז אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע — ווייל דאָס איז פּאַקטיש די צענטראַלע פּראָבלעם פון דער ייִדישער מדינה. צו וואָסער אַנדער פראַגע איר זאָלט זיך אין ישראל נישט צו־רירן מוזט איר זיך פאַרטשעפּען אין דער אַראַבער־פראַגע.

נעמט, אַ שטייגער, די לאַגע אויף די גרענעצן, וואָס ווי רויִק דאָרט זאָל נישט זיין, קענען די איינוווינער פון די גרענעץ־קאָלאָניעס זיך שטענדיק ריכטן, אַז אַ קויל, וועט פון ערגעץ קומען און אַז זי וועט עמעצן טרעפן.

איז דערין, פאַרשטייט זיך, שולדיק די אַראַבישע פּראָבלעם. וואָלט געווען שלום מיט די אַראַבער, וואָלטן דאָך קיין גרענעץ־צוזאַמענשטויסן נישט געווען.

אָדער, נעמט דעם אַכציק־פּראָצענטיקן דעפיציט אינעם האַנדל מיט אויסלאַנד, דעם מאַנגל אין רוי־שטאָפן פאַר דער אינדוסטריע, די אומצופרידנקייט צווישן דער באַפעלקערונג, — דאָס זענען דאָך אַלץ לעגאַלע קינדער פון דער אַראַבישער פּראָבלעם. ווייל וואָלט דאָס לאַנד זיך נישט געפונען אַלע זיינע יאָרן פון זעלבסט־שטענדיקייט אין פּאַקטישן קריגס־צושטאַנד מיט די אַראַבישע מלוכות, וואָלט מען דאָך פון איין זייט נישט געדאַרפט אַזוי פיל הונדערטער מיליאָנען אויסגעבן אויף זיכערקייט־צוועקן (ליידער, אָן דער זיכערקייט, אַז דאָס וועט טאַקע העלפן) און — פון דער צווייטער זייט — וואָלט מען פטור געוואָרן פון אַראַבישן באָיקאָט, וועלכער פאַרמאַכט די שכנותדיקע מערק פאַר דער יונגער, אָבער מאָדערנער און דינאַמישער ישראל־אינדוסטריע.

אויך די חרפּהדיקע פּראָבלעם פון די לאַגערן (מעברות) מיט זייערע בלעכענע

„היימען" וואָלט גיך געקענט געלייזט ווערן, ווען דער ישראל־בודזשעט זאָל נישט שטיין מיטן פּנים צו די אַראַבישע גרענעצן.

אַפילו די קולטור־פּראָבלעמען פון ישראל, און שוין אַ פשיטא די מאָראַלישע פּראָבלעמען, זענען ענג פאַרבונדן מיט דער אַראַבישער פּראָבלעם. זינט אַלע צייטן און אין אַלע לענדער עפנט מלחמה און „סאָלדאַטעסקאַ" טיר און טויער פאַר פאַרגרעבטקייט, פאַר דעמאָראַליזאַציע. ווען עס רעדן די האַרמאַטן און ביקסן שווייגן נישט נאָר די מוזעס, נאָר גאַנץ אָפט אויך — דאָס געוויסן. ווען דאָס אייגענע לעבן און האָב און גוטס זענען נישט זיכער, איז שווער צו האָבן איינזעעניש מיט יענעמס אייגנטום. מלחמה שאַפט אָן אַ שיעור געלעגנהייטן צו זינדיקן און אָן אַ שיעור תירוצים, צו זינדיקן. די סאָלידסטע דעמאָקראַטישע מלוכה זינדיקט אונטער, ווען זי ווערט פאַרוויקלט אין אַ מלחמה; נישטאָ אַזאַ אוממאָראַלישע בראַ־דעווקע, וועלכע מען זאָל נישט קענען, אויב מען וויל נאָר, פאַרדעקן מיטן שלייער פון „קריגס־בויטווענדיקייט" און „זיכערקייט פון דער מלוכה".

אָט אַזוי, ווי מען זעט, זענען אַלע פּראָבלעמען אין ישראל פאַקטיש פאַרבונדן מיט דער אַראַבישער פּראָבלעם און עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך פאַרוואָס מען טראַכט וועגן דעם אַממערסטן.

***

ווייניקער פאַרשטענדלעך איז אָבער פאַרוואָס מען רעדט און מען שרייבט אין ישראל פאַרהעלטעניסמעסיק ווייניק וועגן דער אַראַבישער פּראָבלעם (אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, די חרותניקעס און די קאָמוניסטן, וועלכע זענען אַ קליינע מינ־דערהייט אין לאַנד).

אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין ישראל האָט דאָס דאָזיקע שווייגן מיך שטאַרק געוווּנדערט. שפּעטער אָבער איז עס מיר קלאָר געוואָרן.

פון מיינע געשפּרעכן מיט מענטשן פון פאַרשיידענע קרייזן האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אַז די מייסטע ישראל־יידן רעדן נישט וועגן דער אַראַבישער פּראָבלעם, ווייל זיי האַלטן, אַז ישראל האָט וועגן דעם גאָרנישט מער וואָס צו זאָגן. די יידישע מדינה האָט, לויט זייער מיינונג, שוין געלייזט די אַראַבישע פּראַגע און איר אייגציקער ווונטש, וועלכן זי האָט שוין אַזוי פיל מאָל אויסגע־דריקט, איז צו שליסן אַ שלום מיט אירע אַראַבישע שכנים אויפן באָדן פון די איצטיקע גרענעצן און מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וואָס געפינט זיך איצט אין די דאָזיקע גרענעצן. העכסטנס קען זיין אַ רייד וועגן קליינע גרענעץ־קאָרעק־

טורן און וועגן צאָלן אַנטשעדיקונג פאַרן אייגנטום פון די אַנטלאָפענע אַראַבער.

איז צו וואָס זאָלן די ישראל־ייִדן דאָס ווידער און ווידער איבערחזרן? צו וואָס ווייזן די אַראַבער ווי אומרויִק מען איז?

דאָס האָט קיין צוועק נישט, האַלטן זיי. עס קען ברענגען נאָר שאָדן. דאָס קען ביי די אַראַבער שאַפן דעם איינדרוק, אַז מיט אַנהאַלטן ווייטער דעם צושטאַנד פון „נישט מלחמה נישט שלום״, וועלן זיי די ייִדן ברעכן; וועלן זיי ישראל צווינגען צו רעווידירן די אַראַבער־פּראַגע און מסכים זיין סיי אויף גרענעץ־ענדערונגען און — דער עיקר — אויף צוריק אַריינלאָזן — אויב נישט אַלע, איז די מערהייט — זיבן־אַכט הונדערט טויזנט אַנטלאָפענע אַראַבער.

דעריבער, מיינען זיי, איז בעסער צו שווייגן, בעסער אַרויסווייזן אַנט־שלאָסנקייט.

דער אַראַבער, פאַרזיכערן זיי, האָט דרך־ארץ פאַר קראַפט, פאַר אַנטשלאָסנקייט. נאָכגיביקייט מאַכט אים חוצפּהדיק.

בעסער לאָזן די רעגירונג אַרבעטן אויפן דיפּלאָמאַטישן פעלד; בעסער אָנ־ווענדן אַלע כוחות צו ווירקן אויף אַמעריקע, אַז זי זאָל רעדן „קלאָרע דיבורים״ צו די אַראַבישע מלוכות; ווייל אַלע זענען דאָ זיכער, אַז אויב אייזענהאַוער וואָלט נאָר געוואָלט רעדן צו די אַראַבער „אַזוי ווי מען דאַרף צו זיי רעדן״, וואָלטן זיי גאַנץ גיך געשלאָסן אַ שלום מיט ישראל און די ייִדישע מדינה וואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור געוואָרן פון איר גרעסטער צרה.

***

פאַראַן אָבער אַ היפּשע צאָל ישראל־ייִדן — אַ סך מער ווי מען מיינט אין אויסלאַנד — וואָס האַלטן, אַז די ביז־איצטיקע „לייזונג״ פון דער אַראַבער־פּראַגע אין ישראל איז סיי נישט יושרדיק און סיי נישט פּראַקטיש. זיי מיינען, אַז עס קען נישט בלייבן אַזוי ווי עס איז — נישט די באַציִונג צו די אַראַבער, וואָס געפינען זיך אין ישראל און נישט די באַציִונג צו די היימלאָזע פּאַלעסטינער אַראַבער, וואָס געפינען זיך ביי די גרענעצן, און אַז וואָס פריִער די ישראל־רעגירונג וועט זיך אַנטשליסן אין דער ריכטונג אויף אַ דרייסטן שריט, אין איינקלאַנג מיט די פּרינ־ציפּן פון יושר און גערעכטיקייט, מיט וועלכע ייִדן האָבן זיך שטענדיק באַשיצט אין אַ עת־צרה, אַלץ געזינטער וועט עס זיין סיי פאַר די צוויי מיליאָן ייִדן אין ישראל און סיי פאַר די עלף מיליאָן ייִדן, וואָס זענען צעשפּרייט צווישן די גוי־אישע פעלקער.

ב. שעפנער

אַ קליינע גרופּע פון די ישראל־ייִדן, וואָס טראַכט אַזוי — די „איחוד״־גרופּע, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען דער פאַרשטאָרבענער ד״ר מאַגנעס און צו וועלכער עס געהערן אַזעלכע אָנגעזעענע שריפטשטעלער און עטישע פּערזענלעכקייטן ווי ר׳ בנימין, פּראָפעסאָר מאַרטין בובער, — זאָגט אַרויס איר מיינונג מוטיק און אָפן אין וואָרט און אין שריפט. די איבעריקע, אָבער, האַלטן בעסער פאַר נייטיק צו שווייגן.

דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס זיי האָבן מורא פאַר דער פּאָליציי. ישראל איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, ווו די רעכט צו רעדן קעגן דער רעגירונג און קעגן דער פּאָליציי ווערט אפשר מער אויסגענוצט ווי אין וועלכן עס איז אַנדער לאַנד. ניין, זיי האָבן נישט קיין מורא, נאָר זיי האָבן נישט קיין חשק. עס פּאַסט נישט אין ישראל צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן די אַראַבער, עס געהערט נישט צום „גוטן טאָן״.

אורזאַכן זענען פאַראַן גאַנצע פיר:

ערשטנס — ליגט נאָך אַלעמען גאַנץ פריש אין זיכרון די מלחמה מיט די אַראַבער. נישטאָ כמעט קיין הויז, וואָס זאָל נישט האָבן געצאָלט קיין בלוט־שטייער. איר דאַרפט נישט ערשט אַריינגיין אין די הייזער, כדי דאָס צו זען. איר קענט עס אויך זען אויף די מיליטערישע בית־עלמינס, מיט וועלכע דאָס קליינע לאַנד איז אַזוי רייך.

צווייטנס — האָט טאַקע די אַראַביש־ייִדישע מלחמה געטראָגן אַ באַזונדערס בעסטיאַלישן כאַראַקטער, און אויב אַ סך אַראַבישע משפחות האָבן אַ גרונט נישט צו פאַרגעסן די גרויזאַמקייטן פון די אירגוניסטן און פון דער שטערן־גרופּע, האָבן טויזנטער ייִדישע פאַמיליעס נישט קיין קלענערן גרונט צו געדענקען די בעסטיאַלישקייט פון די אַראַבישע לעגיאָנערן און אויך פון די ציווילע אַראַבער, וועלכע האָבן זיי מיטגעהאָלפן.

דריטנס — דויערט דאָך ביזן היינטיקן טאָג די „קליינע מלחמה״, וועלכע שטעלט צו אַלץ נייע און נייע קרבנות פון ווילדער רציחה.

אויסשטעכן די אויגן אָדער אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון אַ ייִדישן שונא איז נישט קיין צו־זעלטענע דערשיינונג אין דער „קליינער מלחמה״.

פערטנס — דאָס לעבן פון די ישראל־ייִדן, וואָס וווינען נישט אין די גרענעץ־פּונקטן, איז געוואָרן אַ סך זיכערער זינט די אַראַבער זענען אַוועק. עס איז פאַרשוווּנדן די מורא דורכצוגיין פאַרביי אַן אַראַבישן ישוב, ווען אַפילו דאָרט וווינען ווייטער אַראַבער. אַמאָל, אַפילו אין די דרייסיקער יאָרן, האָט מען זיך געקענט ריכטן, אַז פון ערגעץ אַ באַהעלטעניש וועט אָנלויפן אַן אַראַבער מיט אַ בלאַנקן דיקן מעסער, אָדער אַז פון הינטער אַ בלינדער וואַנט וועט קומען צו פליִען אַ

קויל... איצט גייט אַ ייִד אין די ערטער מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז ער איז ביי זיך אין דער היים. ער ווייסט: זיי וועלן נישט וואַגן. זיי זענען דאָ ביי אונדז אַחוץ נישט מיר ביי זיי.

„מיר האָבן דאָך געזיגט".

עס איז אַן אַנגענעם געפיל, וואָס איך האָב זיך דערמיט אָנגעטראָפן אומעטום אין ישראל — אין די שטעט און אויך אין די קיבוצישע קאָלאָניעס. מען האָט מיר דערציילט „אין פריידן" וועגן די געפאַרן, וואָס האָבן דאָ געלויערט פון אַלע זייטן — נישט בלויז אין מלחמה־צייט, נאָר נאָך מיט יאָרן פריִער; אָט פון „דאָרט" פלעגן זיי פּלוצלינג אָנקומען. דאָ, אויפן וואַסער־טורעם, האָט מען שטענדיק גע־וואַכט, און פון דאַנען האָט מען אַלאַרמירט דעם קיבוץ וועגן דער אָנקומענדיקער געפאַר. אָט אויף יענעם בערגל זענען געווען דריי קרבנות. דאָרט, אין טאָל, איז געווען אַ שלאַכט; די קאָלאָניע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אינמיטן נאַכט; יענער מיט דער אָפּגעהאַקטער האַנט איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַזאַ נאַכט ווען מען איז „אַרויף אויף נייער ערד" („עליה על הקרקע").

די וועגן און שטעגן אין ישראל זענען פול מיט בלוטיקע זכרונות, מיט אָנדענקונגס־שטיינער, מיט דורכגעשאָסענע טורעמס. זיי אַלע דערציילן וועגן העל־דישקייט, וואָס האָט געוויינלעך די טבע זיך צו פאַרבן אויף רויט.

דאָס אַלץ געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט. היינט דאַרף מען מער נישט האַלטן וואַך אין די נעכט. מען קען רויִק שלאָפן. מען קען פריי אָפּאָטעמען. מען קען אַרויף אויף נייע ערד אינמיטן העלן טאָג. פון די פרעמדע פעלדער און הייזער שרעקט מער קיינער נישט. די וואָס האָבן געשראָקן, זענען אַוועק און די פעלדער און הייזער איבערגעלאָזט. איז מען צופרידן וואָס עס האָט זיך אַזוי גע־ענדיקט. מען דאַנקט גאָט פאַרן „נס" און מען וואָלט וועלן, אַז אַזוי זאָל עס שוין בלייבן. זאָל קיינער נישט רעדן וועגן ענדערן...

רעדט מען דעריבער נישט. עס הייסט, מען מיידט אויס צו רעדן.

און אויב אַפילו מען רעדט שוין יאָ, מאַכט מען עס שעמעוודיק, מיט באַ־וואָרענישן, מיט הקדמות פון דעם נוסח: „איך גיי נישט פאַרטיידיקן די אַראַבער... איך ווייס וואָס זיי האָבן אָפּגעטון... אָבער..."

**
*

איך האָב בעת מיין באַזוך אין ישראל וועגן דער אַראַבער־פּראָגע יאָ גערעדט, און געטון האָב איך דאָס אַן דעם מינדעסטן געפיל פון שעמעוודיקייט און אויך אַן פריִערדיקע הקדמות און באַוואָרענישן.

איך האַלט נישט, אַז אַ ייִד דאַרף זיך שעמען, אָדער דאַרף זיך פריִער פאַר־ענטפערן, ווען ער רעדט וועגן די קריוודעס, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן אַ מינ־דערהייט, אָן אונטערשייד ווער און ווו זי איז.

פאַרקערט, גיכער דאַרף אַ ייִד זיך שעמען און זיך פאַרענטפערן, ווען ער שווייגט וועגן אַזעלכע קריוודעס.

און פאַרענטפערן אין אַזאַ פאַל דאַרף ער זיך, לויט מיין מיינונג, נישט פאַר יענעם, נאָר פאַר זיך, פאַר זיין אייגן פאָלק, וואָס ווערט מיט אַזאַ פאַרשווייגן אַמ־מערסטן באַעוולהט און פאַרשעמט. נישט איינער פון די קריסטלעכע ייִדן־פריינט, פון די חסידי אומות העולם, וועמען זייערע אייגענע גויאישע „ברידער" האָבן געהייסן זיך שעמען פאַר אַנגעמען זיך די קריוודעס פון דער ייִדישער מינדערהייט (פון די „זשידעס"), האָבן טאַקע דעם זעלבן געדאַנק אויסגעדריקט. איינער פון זיי איז געווען דער גרויסער רוסישער פרייהייטס־קעמפער הערצען, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער שטעלט זיך איין פאַר די ייִדן, ווייל עס איז אים אַ רחמנות אויף די רוסן...

ווען איך בין צום ערשטן מאָל געפאָרן פון תל־אביב קיין יפו און געזען ווי גאַנצע קוואַרטאַלן ליגן אין חורבות, האָב איך זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם באַליידיקנדיקן געדאַנק, אַז נישט אַלע פאַרוויסטונגען זענען אַ רעזולטאַט פון די קריגס־אָפעראַציעס. איך האָב דאָס געוווסט שוין פריִער, און גאַנץ באַגלייבטע מענטשן האָבן מיר דאָס באַשטעטיקט ביי מיין איצטיקן באַזוך אין ישראל: באַנדעס אירגוניסטן און שטערניסטן האָבן אויסגענוצט דעם „גינסטיקן מאָמענט" און שוין נאָך די קריגס־אָפעראַציעס פאַרניכטעט קאָלטבלוטיק אַ סך אַראַבישע היימען צו־ליב דעם איינציקן צוועק, אַז די אַנטלאָפענע אייגנטימער זאָלן נישט האָבן מער וווהין זיך אומצוקערן.

אָבער מיין שטימונג האָט זיך נישט קיין סך געהויבן, ווען איך בין געגאַנגען איבער די אַראַבישע קוואַרטאַלן, וואָס זענען נישט פאַרניכטעט געוואָרן און האָב זיך געטראָפן מיט די בליקן פון די אַראַבער, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן אָדער זענען געזעסן פאַר זייערע וויסטע הייזער און קראָמען און געשוויגן.

אין דעם דאָזיקן שווייגן איז געלעגן דערשלאָגנקייט, אונטערטעניקייט און נאָך עפּעס טונקלס, אומהיימלעכס, וואָס האָט אויף מיר אין דעם הייסן טאָג אָנגע־יאָגט אַ קעלט.

אַן ענלעכן געפיל האָב איך געהאַט ווען איך האָב געוואַנדערט איבער די ענגע שמוציקע געסלעך פון נצרת און זיך אָנגעטראָפן מיט די בליקן פון די

אַראַבער, וואָס זענען געזעסן, רויכערנדיק נאַרגילאָס, אין די טונקעלע קאַווע־הייזער און אין די שמאָלע קראָמען־לעכער.

ער האָלט עפּעס פאַרטײַעט אין זיך, דער מזרח־מענטש, האָב איך געטראַכט. ער האָט צייט. ער קען וואַרטן.

טאַקע אין נצרת בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז אַ גרויסע צאָל אַראַבישע פּויערים פון אַרום האָבן פאַרלוירן זייער ערד צוליבן קאָנפיסקאַציע־געזעץ פון אַראַבישן באָדן און אַז פילע פון זיי וואַלגערן זיך אַרום אין שטאָט, זוכנדיק אַרבעט.

ווען איך האָב געפרעגט אין די יִדישע קאָלאָניעס אַרום נצרת וועגן די שטימונגען צווישן די שכנותדיקע אַראַבער, האָבן אייניקע געגעבן אויסמיידנדיקע ענטפערס און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז אַזוי ווי עס קומט נישט קיין שלום און אַזוי ווי אַמעריקע איז געוואָרן קעלטער צו ישׂראל, זענען די אַראַבער לעצטנס געוואָרן דרייסטער אין אויסדריקן זייער אומצופרידנקייט.

ווען איך האָב זיי געפרעגט, צי דאָס איז נישט אַמאָל אויך צוליב די דיסקרי־מינאַציע־פּונקטן פון ישׂראלדיקער בירגערשאַפט־געזעץ און צוליב דעם קאָנפיס־קאַציע־געזעץ פון באָדן, האָבן זיי געענטפערט נישט גערן:

— אפשר...

אין די זעלבע טעג האָבן אויך די צייטונגען געבראַכט די ידיעה, אַז אין ראשון לציון האָט די פּאָליציי אַראָפּגעטריבן פון דער אַרבעט אין יִדישע פּרדסים אַראַ־בישע אַרבעטער און זיי אַוועקגעפירט אונטער אַ שטאַרקער וואַך צוריק אין זייערע וווינונגס־ערטער.

דאָס אַלץ האָט מיך באַוויגן זיך אָפּן אַדורכצורעדן וועגן דער אַראַבישער פּראָבלעם מיטן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „הסתדרות", מרדכי נאַמיר.

וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

אראַבער

מיין שמועס מיטן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „הסתדרות", מרדכי נאַמיר, וועגן דער אַראַבישער פּראָבלעם, האָב איך, אַזוי ווי די געשפּרעכן וועגן אַנדערע פּראָבלעמען, אָנגעהויבן — פון אַ קריוודע. וואָס זאָל האָבן באַאַנגען געוואָרן קעגן איינצלנע מענטשן.

איך האָב אים געפרעגט וויפל אמת עס איז פאַראַן אין דער ידיעה, אַז אין די פּרדסים פון ראשון לציון זאָל די פּאָליציי, אויף דער אָנווייזונג פון דער „הסתדרות", האָבן אַראָפּגעטריבן פון דער אַרבעט די אַראַבישע אַרבעטער, וועל־כע זענען דאָרט געווען באַשעפטיקט, און אַז זי האָט ביי זיי צוגענומען זייערע פּאַסיר־שיינען, און וועלכע זיי האָבן נישט קיין רעכט צו פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער.

נאַמיר האָט מיר געענטפערט, אַז דער עצם־פאַקט, אַז מען האָט אַראָפּגענומען אַראַבישע אַרבעטער פון דער אַרבעט אין געוויסע אַרבעטס־פּלעצער אין ראשון לציון, איז אמת. אָבער ער האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען פאַר־וואַנדלט די דאָזיקע ריין־עקאָנאָמישע אַקציע פון דער יוניאָן־באַוועגונג אין אַ כלומרשט אַנטי־אַראַבישער אַרויסטרעטונג.

עס האָט זיך געהאַנדלט — האָט ער מיר פאַרזיכערט — נישט וועגן אַראַבער, נאָר וועגן לוין־דריקער. איצט הערשט אַרבעטסלאָזיקייט אין ישראל און די אַרבעטס־געבער פון דער ייִדישער מדינה, אַזוי ווי עס איז די טבע פון די אַרבעטס־געבער אויף דער גאַנצער וועלט, ווילן אויסנוצן דעם „גינסטיקן מאָמענט", כדי אַראָפּצודריקן די לוינען און צו באַשעפטיקן נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אין אַ צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט איז נישט שווער צו באַקומען „ביליקע הענט". עס פעלן נישט קיין הונגעריקע מענטשן, וואָס זענען גרייט צו נעמען וויפל מען גיט, אַבי צו באַקומען אַ ביסל אַרבעט. עס געהערט דעריבער צו די ערשטע פליכטן פון דער יוניאָן־באַוועגונג — אין ישראל איז דאָס די „הסתדרות" — נישט צו

דערלאָזן צו אַזעלכע דורכברוכן, וואָס זענען אימשטאַנד אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ קורצער צייט צונישט צו מאַכן די דערגרייכונגען, וואָס די אַרבעטער האָבן אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן פאַר זיך אויסגעקעמפט.

אין ראשון לציון האָבן די אַרבעטס־געבער זיך נישט געווענדט צו די אַרבעטס־אַמטן, אַז מען זאָל זיי צושיקן אַרבעטער, נאָר זיי האָבן גענומען נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון „פרייען מאַרק". די מערהייט איז טאַקע באַשטאַנען פון אַראַבישע אַרבעטער. אָבער עס זענען אויך געווען יידישע אַרבעטער — תימנער יידן, וואָס זענען געגאַנגען אַרבעטן צו די דאָזיקע יידישע קאָלאָניסטן. ווען די „הסתדרות" האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט זי די אַלע אַרבעטער אַראָפּ־גענומען פון דער אַרבעט, אַזוי די יידן, ווי די אַראַבער.

אָבער די קעגנערישע פּרעסע, וואָס איז אָנגעשטויסן אויף דער „הסתדרות", און איז גרייט וועגן איר צו פאַרשפּרייטן וועלכן נאָר בילבול מען טראָגט איר אונטער, האָט גלייך געשריבן, אַז מען האָט אַראָפּגעטריבן פון דער אַרבעט די אַראַבישע אַרבעטער. וועגן די תימנער יידן, וואָס זענען צוזאַמען מיט די אַראַבער אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער אַרבעט, האָט זי קיין וואָרט נישט דערמאָנט.

עס האָט זיך, ווי מען זעט, געשאַפן אַ פּיקאַנטע סיטואַציע: יידישע בירגער־לעכע צייטונגען, וואָס זענען געוויינלעך שטאַרק נאַציאָנאַליסטיש, האָבן זיך אָנגע־נומען די קריוודע פון די אַראַבער. אָט וואָסערע קרבנות מאַנכע יידן זענען גרייט צו ברענגען, אַבי צו קאָמפּראָמיטירן די „הסתדרות".

***

פון נאַמירס רייד איז געווען קלאָר, אַז אַרבעטסלאָזע טאָרן נישט אַליין גיין „כאַפּן" אַרבעט, זיי דאַרפן וואַרטן ביז דער אַרבעטס־אַמט וועט זיי שיקן. זיי דאַרפן וואַרטן אויף זייער ריי. אָבער צי קענען די אַראַבישע אַרבעטסלאָזע האָפן, אַז דער אַרבעטס־אַמט וועט זיי שיקן אויף אַרבעט? זענען זיי דען גלייכבאַרעכ־טיקט מיט יידישע אַרבעטער?

ניין, די אַראַבישע אַרבעטער געניסן נישט פון קיין גלייכבאַרעכטיקונג. יעדנ־פאַלס, האָבן זיי ביז איצט פון קיין גלייכע רעכט נישט גענאָסן. אָבער פון איצט אָן וועלן זיי יאָ ווערן גלייכבאַרעכטיקט מיט די יידישע אַרבעטער. דער „ועד הפועל" (עקזעקוטיווע) פון דער „הסתדרות" האָט ערשט אָנגענומען אַ באַשלוס אַריינצונעמען אַראַבישע אַרבעטער, ווי גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער אין אירע פאַריינען איבערן גאַנצן לאַנד.

ב. שעפנער

מיט אַ געפּיל פון שטאָלץ האָט מרדכי נאָמיר מיר דערציילט וועגן דעם היס־טאָרישן באַשלוס, וועלכער איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן ערשט מיט אַ טאָג צוריק אויף אַ פּייערלעכער זיצונג פון „ועד הפועל", טאַקע אין דעם צימער, וווּ מיר פירן אונדזער שמועס. אויך ביז איצט זענען די אַראַבער געווען כלומרשט פאַרבונדן מיט דער „הסתדרות", אָבער דאָס איז געווען אַ פאַרבינדונג נישט פון מאַן און ווייב, נאָר גיכער פון שוויגער און שנור. אַ צען טויזנט אַראַבישע אַרבע־טער האָבן באַלאַנגט צו אַ מין אַראַבישער געטאָ־אָרגאַניזאַציע, וואָס די „הסתדרות" האָט געשאַפן אונטערן נאָמען „ברית פועלי ארץ־ישראל".

די מיטגלידער פון דער באַזונדערער אַראַבישער יוניאָן האָבן נישט גענאָסן פון די זעלבע רעכט אויף אַרבעט, פון וועלכע עס האָבן גענאָסן די „הסתדרות"־מיטגלידער און נישט זיי האָבן באַקומען די זעלבע לוינען, ווען אַפילו זיי האָבן שוין באַקומען די זעלבע אַרבעט. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געמאַכט לייכטער די אַרבעט פון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן און פון די קאָמוניסטן, צווישן די דערנידעריקטע און פאַרביטערטע אַראַבישע אַרבעטער. עס איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך, אַז אײן נאַציאָנאַליזם שפּייזט דעם צווייטן.

אָבער איצט ענדט זיך — אַזוי האָט מיר נאָמיר פאַרזיכערט — אַ נײַ קאַפּיטל, אַ ליכטיק קאַפּיטל.

איך דערוויס זיך, אַז מרדכי נאָמיר האָט גרויסע פאַרדינסטן ביים דורכפירן דעם דאָזיקן באַשלוס. ער האָט געהאַלטן — און דאָס האָט ער אויך געזאָגט אין זײַן רעדע אויף דער פּייערלעכער זיצונג — אַז דער בעסטער וועג צו דערגרייכן די סאָלידאַריטעט צווישן די ייִדישע און אַראַבישע אַרבעטער, איז צו ברענגען ביידע אונטער איין דאַך, וווּ זיי זאָלן גענישן פון די זעלבע רעכט און אויך טראָגן די זעלבע פליכטן.

איך דריק אויס פאַר נאָמירן מײַן איבערצייגונג, אַז דער באַשלוס וועט מער ווירקן אויף צו ברענגען נענטער די אַראַבער צו די ייִדן, ווי די שענסטע שלום־רעדעס פון די פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן.

אָבער דאָס איז, לויט מײַן מיינונג, נישט דאָס איינציקע, וואָס דאַרף געטאָן ווערן, כדי צו שאַפן אַ סאָלידע בריק צווישן די ביידע פעלקער. דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם באַקומט נאָך, ליידער, גענוג שפּייז אין ישראל און איינע פון די וויכטיקסטע שפּייז־צושטעלער זענען די צוויי ישראל־געזעצן, וואָס האָבן אַרויס־גערופן אַזוי פיל פאַרביטערונג צווישן די אַראַבער אין ישראל, צוליב זייער דיס־קרימינאַציע־כאַראַקטער — דער בירגערשאַפטס־געזעץ און דער קאָנפיסקאַציע־געזעץ פון באָדן, וואָס נעמט צו אײַנגאַנצן, אָדער טיילווייז, די היימען און פעלדער

אויך פון טויזנטער ישראלדיקע אַראַבער, וועלכע זענען בעתן קריג נישט אַנט־לאָפן פון לאַנד. איז עס דאָך אַ פֿאַקט, אַז די ייִדישע מדינה געפינט זיך איצט נאָך ווייטער פון אַ שלום מיט די אַראַבישע מלוכות, און אַפילו פון פריינטלעכע באַציִונגען מיט אירע אייגענע אַראַבער, ווי זי האָט זיך געפונען מיט יאָרן צוריק, ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט. זיכער האָבן דערצו אויך מיטגעווירקט די צוויי אַנטי־דעמאָקראַטישע געזעצן.

**
*

נאַמיר איז מיט מיר נישט מסכים. ער פֿאַרזיכערט מיר, אַז דער בירגערשאַפט־געזעץ פון ישראל איז דער דעמאָקראַטישסטער פון אַלע בירגערשאַפטס־געזעצן אויף דער גאַנצער וועלט. פֿאַקטיש, זענען אַלע שטענדיקע איינוווינער פון ישראל, וואָס האָבן זיך אין מאָמענט פון שאַפן די מדינה געפונען אין לאַנד, געוואָרן אויטאָמאַטיש בירגער פון ישראל. קיין שום בירגערשאַפטס־געזעץ גיט נישט די מעגלעכקייט אַזוי גרינג צו ווערן אַ בירגער.

איך דערמאַן נאַמירן, אַז דער בירגערשאַפטס־געזעץ באַהאַנדלט אַנדערש די אַראַבער, ווי די ייִדן, און דאָס איז שוין געגנוג אויף אָפּצופרעגן זיין דעמאָקראַטישקייט. אין דער צייט, וואָס דער געזעץ גיט אויטאָמאַטיש בירגערשאַפט יעדן ייִדן, וואָס „קומט צוריק" קיין ישראל נאָך אַן אָפּוועזנהייט פון צוויי טויזנט יאָר, פאַרלאַנגט ער אָבער פון אַן אַראַבער, וואָס קומט צוריק אין לאַנד, ווו ער לעבט שוין דרייצן הונדערט יאָר, אַז ער זאָל באַווייזן זיין רעכט אויף בירגערשאַפט און אויך אָפּגעבן אַן עקזאַמען פון דער העברעיִשער שפּראַך — אַן עקזאַמען, וועלכן די מיינסטע נייע ייִדישע אימיגראַנטן וואָלטן נישט אויסגעהאַלטן.

קען אַזאַ געזעץ אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פון דעמאָקראַטישקייט?

אָבער די אַראַבער — זאָגט צו מיר נאַמיר — זענען אַנטלאָפן פון לאַנד, כדי צוריקצוקומען ווי זיגער.

איך דערמאַן אים, אַז די ישראל־רעגירונג האָט כסדר פֿאַרזיכערט, אַז די אַראַבישע באַפעלקערונג איז אַנטלאָפן פון לאַנד, ווייל זי איז געוואָרן טעראָריזירט און געהעצט פון אירע פירער. איז קען מען האָבן טענות צו אָרעמע, אָפּגעשטאַנענע מענטשן, וועלכע האָבן שטענדיק געלעבט אין פינצטערניש און אין אונטערטעניקייט, פאַרוואָס זיי האָבן זיך געלאָזט אויפהעצן און טעראָריזירן פון זייערע רעליגיעזע און פּאָליטישע פירער?

און מען דאַרף דאָך אויך נישט פֿאַרגעסן, אַז אַ חוץ אַגיטאַציע איז געווען נאָך אַ זאַך, וואָס האָט געיאָגט די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער — דאָס איז געווען

פייער. קוילן זענען געפלויגן איבער די קעפּ, באָמבעס זענען געפאַלן פון הימל — אין אַזעלכע סיטואַציעס זענען שוין געלאָפן נישט בלויז אָפּגעשטאַנענע, נאָר אויך קולטורעלע פעלקער. אָט זענען דאָך ביים אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה אויך די ייִדן פון פּוילן און פון רוסלאַנד געלאָפן. אַזאַ שוואַכקייט האָבן שוין מענטשן: אַז מען שיסט, לויפן זיי.

און ווייסן מיר דאָך, אַז אויך די ייִדישע אירגוניסטן און שטערן־לייט האָבן היפּש אונטערגעשטופּט. טאַקע אין די טעג, ווען איך בין געווען אין ישראל, איז פאָרגעקומען אין תל־אביב אַ פּראָצעס פון פיר געוועזענע אירגוניסטן, וועלכע האָבן אָנגעקלאָגט דאָס קריגס־מיניסטעריום, פאַרוואָס מען וויל זיי נישט צאָלן קיין אינוואַלידן־פּענסיע, הגם זיי זענען פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער אַראַביש־ייִדישער מלחמה. די רעגירונג האָט אָבער געטענהט, אַז די דאָזיקע פיר אירגוניסטן זענען פאַרוואונדעט געוואָרן נישט אין קריגס־אָפּעראַציעס, נאָר בעת זיי האָבן — אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו — פאַרניכטעט דאָס אַראַבישע דאָרף דעיר יאַסין, הינטער ירושלים. די „הגנה" האָט זיי דעמאָלט צוגעשיקט אַ קלאָרן באַפעל נישט חרוב צו מאַכן דאָס דאָרף. אָבער די אירגוניסטישע „העלדן" האָבן נישט געהאָרכט און דאָס דאָרף חרוב געמאַכט, און די גאַנצע באַפעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען פון 250 נפשות, מייגסטנס פרויען און קינדער, אויסגעמאָרדעט. פאַר אַזעלכע „קריגס־אָפּעראַציעס", האַלט די ישראל־רעגירונג, דאַרף זי די „העלדן" קיין אינ־וואַלידן־פּענסיע נישט צאָלן. די ידיעה וועגן דעם אויסגעמאָרדעטן דאָרף האָט זיך דעמאָלט פאַרשפּרייט ווי ווילד־פייער צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג און נישט ווייניק פון זיי באַוויגן צו לויפן. איז קען מען פאַראורטיילן אַזעלכע לויפער?

נאָמיר איז פּונקט אַזוי ווייט ווי איך פון באַרעכטיקן די פאַרברעכנס פון די אירגוניסטן. אָבער וואָס שייך די אַראַבער, טאָר מען, מיינט ער, נישט פאַרגעסן, אַז דער קריג דויערט ווייטער, אַז זיי ווילן קיין שלום נישט שליסן און אַז יעדן טאָג רייסן זיך אַריין ביי די פאַרשיידענע גרענעץ־פּונקטן אַראַבער, וואָס רויבן און מאָרדן, און וואָס פיל פון זיי בלייבן אין לאַנד און בילדן דאָ אַ פינפטן קאָלום.

צי ווייס איך — האָט ער מיך געפרעגט — אַז בעתן פּראָקלאַמירן די מלוכה האָבן זיך אין לאַנד געפונען בלויז אַ זיבעציק־אַכציק טויזנט אַראַבער, און אַז ווען מען זאָל שוין צורעכענען צו זיי די אַראַבער, וואָס די רעגירונג האָט שפּעטער דערלויבט אַריינצוקומען, כדי דאָ זיך צו פאַראייניקן מיט זייערע איבערגעבליבענע פאַמיליעס, וועט אַלץ די צאָל נישט באַטרעפן, צוזאַמען, מער ווי הונדערט טויזנט, בעת איצט געפינען זיך אין לאַנד אַן ערך צוויי הונדערט טויזנט אַראַבער? איז פון וואַנען האָבן זיך גענומען די איבעריקע הונדערט טויזנט אַראַבער? דאָס זענען

אַלץ „אַריינדרינגער". איז אויב ביי די אַלע קריגס־געזעצן און באַגרענעצונגען, איז אַזאַ גרויסע צאָל אַראַבער אַריינגעדרונגען, וואָס קען מען נאָך דערוואַרטן, ווען מען וועט די אַלע געזעצן אָפּשאַפן און יעדן אַריינדרינגער אונטערטראָגן בירגערשאַפט?

איך האָב נאָמירן געענטפערט, אַז איך האַלט אַלץ נישט, אַז דיסקרימינאַציע־געזעצן קענען העלפן ישראל און קענען זי ברענגען נענטער צו אַ שלום. אָבער נאָך ווייניקער האַלט איך, אַז דיסקרימינאַציע־געזעצן קעגן מינדערהייטן אין ישראל קענען העלפן די יידן, וואָס געפינען זיך אויסער די גרענעצן פון ישראל.

אויף וויפל איך האָב געהערט פון פאַרשיידענע קוועלן, טרעפן די דיסקרימינאַציע־פּונקטן פון ישראלדיקן בירגערשאַפטס־געזעץ בלויז עטלעכע טויזנט ישראל־אַראַבער (די עקסטע ציפער, וואָס מען האָט מיר אָנגעגעבן איז 15 טויזנט). אויב דאָס איז אמת — האָב איך געזאָגט — דאַן זענען די דיסקרימינאַציע־פּונקטן אין בירגערשאַפטס־געזעץ, לויט מיין מיינונג, מער ווי אַ זינד, זיי זענען אַ — נאַרישקייט. צוליב בירגערשאַפט־דאָקומענטן פאַר עטלעכע טויזנט אַראַבער האָט מען אַרויסגעשלאָגן פון דער האַנט פון עלף מיליאָן יידן אויף דער וועלט דעם וויכטיקסטן דאָקומענט, וואָס זיי באַנוצן אַלס שוץ־מיטל שוין צוויי טויזנט יאָר — דער דאָקומענט פון דער תורה און די נביאים וועגן יושר און גערעכטיקייט, וועגן גלייכע רעכט פאַרן שוואַכן ווי פאַרן שטאַרקן „פאַרן גר, ווי פאַרן אַלט־געזעסענעם"? מיר, די שטענדיקע מינדערהייט צווישן די פעלקער, מיר, וואָס נייַנציק פּראָצענט פון אונדז ווינען צווישן מערהייטן און וואָס די איבעריקע צען פּראָצענט פון אונדז (די ישראל־יידן), זענען יעדן טאָג און יעדע שעה אָנגעוויזן אויפן גוטן ווילן און אויפן מענטשלעכקייטס־געפיל פון די גרויסע, מעכטיקע פעלקער — מיר הייבן אָן אונדזערע ערשטע געזעצן אַלס מערהייטס־פאָלק מיט דיסקרימינאַציע־פּונקטן קעגן אונדזער מינדערהייט, אַלץ כדי אַ פּאָר טויזנט אַראַבער, וואָס ווינען צווישן אונדז, זאָלן נישט קענען ביי אונדז קריגן קיין בירגערשאַפט?

און דאָס זעלבע וועלן מיר דערגרייכן מיטן קאָנפיסקאַציע־געזעץ פון אַראַבישן באָדן — מיר וועלן צינעמען ביי אַ פּאָר טויזנט אָדער ביי אַ פּאָר צענדליק טויזנט אַראַבער אַ ביסל באָדן און אייגנטום און דערפאַר מאַכן וואַקלדיקער דעם באָדן אונטער די פיס פון מיליאָנען יידן.

נאָמיר האָט פאַרלוירן זיין געוויינלעכע רויקייט:

מיינט איר טאַקע, — האָט ער געפרעגט, — אַז די ישראל־פירער האָבן געשאַפן די יידישע מדינה כדי זיך צו שפּיגלען אין גלאַנציקע קנעפּלעך, און מונדירן? עס גייט דאָך וועגן אויסלייזן דאָס היימלאָזע יידישע פאָלק — וועגן קיבוץ

גלויות. האָט מען דען שוין נישט געבראַכט אין לאַנד באַלד אַ מיליאָן ייִדן? אָבער דאָ טאָר מען זיך דאָך נישט אָפּשטעלן, ווייל דעמאָלט מיינט דאָך אויפגעבן די האָפענונג; מען מוז ווייטער ברענגען ייִדן אין לאַנד אַריין, פון אַלע גלותן מוז מען זיי ברענגען. דאָס איז דער איינציקער וועג און מען מוז באַאַרבעטן די ערד און נישט לאָזן זי ליגן וויסט, ווייל אַזוי ווילן די שונאים. און מען מוז בויען, און איבער אַלעם מוז מען האָבן שלום, און אויב עס וועט זיין שלום, וועלן די אַלע קריגס־באַגרענעצונגען און פאָרזיכטיקייטס־מיטלען זיין איבעריק. ישראל שטייט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט...

ווען מיר זענען צוגעקומען צום פּונקט פון קיבוץ גלויות — האָבן מיר ביידע פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן זיך נישט דעררעדן. נישט איך האַלט, אַז מען קען און נישט איך האַלט, אַז מען דאַרף „אויסליידיקן אַלע גלותן". איך האַלט, אַז אָן אַ שטאַרקן ייִדישן צענטער אויסער ישראל, וועט ישראל נישט קענען עקסיסטירן. דאָ ליגט אייגנטלעך די וויכטיקסטע מיינונגס־פאַרשיידנקייט צווישן אונדז, וואָס פון איר קומען אַרויס אַלע אַנדערע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן און וואָס פירט צו אַלע קאָמפּראָמיסן פון דער וועלטלעכער סאָציאַליסטישער מפּאַ"י, סיי מיט דער אָרטאָדאָקסיע און סיי מיטן נאַציאָנאַליזם.

מיר האָבן ביידע, באַמיר און איך, זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז וועגן דער פראַגע רעדן מיר אויף צוויי באַזונדערע שפּראַכן, הגם מיר פירן אונדזער שמועס אין ייִדיש. ער, דער מלוכה־מענטש, רעדט די שפּראַך פון מלוכה, און איך, דער „גלות־ייִד", רעד די שפּראַך פון פאָלק צווישן די פעלקער...

די טענות צו דער ישראל־יוגנט

אין יעדן לאַנד קענט איר הערן פון עלטערן דור טענות צו דער אייגענער יוגנט, אַז זי איז ווייניקער אידעאַליסטיש „ווי אונדזער דור איז געווען"; אַז זי פאַרמאָגט נישט יענע נאַיוקייט און יענע ראָמאַנטישקייט, „וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט ווען מיר זענען געווען אין זייערע יאָרן"; אַז זי איז קאַלט, פּראַקטיש און אַפּילו ציניש. אָבער אין ערגעץ הערט מען די דאָזיקע טענות נישט אַזוי אָפט אויף פון אַזויפיל מענטשן ווי אין ישראל.

דאָס איז דאָרט איינע פון די פּאָפּולערסטע און אָנגעווייטיקטסטע טעמעס. זי ווערט באַהאַנדלט אין דער פּרעסע, אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן און גאָר באַזונדער אין די פּריוואַטע הייזער. ווען טאַטעס קומען זיך צונויף אין אַן אייגענעם ענגן קרייז און מען דאַרף נישט מאַכן דעם אָנשטעל און „קנייפּן די באַק".

אויך מיר איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן אין ייִדישע היימען אין ישראל טיפע זיפצן אויפן חשבון פון „אונדזערע קינדער". ווען איך וואָלט דאָרט געווען בלויז אַ זייטיקער גאַסט, וואָלט איך אַזעלכע זיפצן נישט געהערט. אַזוי פירט מען זיך אויף דער גאַנצער וועלט — פאַר אַ זייטיקן דערציילט מען בלויז די מעלות פון די אייגענע קינדער און נישט די חסרונות.

און מען דאַרף צוגעבן, אַז די ישראל־עלטערן האָבן מיט וואָס זיך צו באַרימען פאַר פרעמדע.

ערשטנס באַרימען זיי זיך מיטן אויסערלעכן אויסזען פון זייערע קינדער. איר קענט דאָ הערן אומגעפער אַזעלכער רייד פון טאַטע־מאַמע: „קוקט אָן אונדזערע סאַברעס, זיי זענען בלאָנד, הויכגעוויקסיק, מיט גלייכע רוקנס, אַזוי אַז עס איז אַפילו שווער צו דערקענען, אַז זיי זענען ייִדישע קינדער".

צווייטנס „זיי זענען פריי, אונדזערע סאַברעס, פון די פאַרשיידענע קאָמפּלעקסן, וועלכע האָבן באַגלייט די ייִדן אין די גלות־לענדער: נישט זיי האָבן מורא פאַר

קיין גוי, נישט זיי שרעקן זיך פֿאַר אַ הונט און נישט זיי אַנטלויפֿן, ווען זיי הערן אַ שאָס. פֿאַרקערט, זיי גייען אַנטקעגן דער געפֿאַר, ווען מען דאַרף".

דריטנס „ביי אונדזערע קינדער איז שטאַרק אַנטוויקלט די ליבשאַפֿט צו דער ערד און זיי זענען גרייט צו פֿאַרטיידיקן מיט זייער בלוט זייער פֿאַטערלאַנד („מולדת") מיט נישט ווייניקער העלדישקייט ווי די ענגלענדער, אָדער די פֿראַנצויזן זייער פֿאַטערלאַנד".

אין די יאָרן ערב דער גרינדונג פֿון מדינת ישראל איז צוגעקומען נאָך אַ מעלה, וואָס האָט אָנגעפּילט מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ די הערצער פֿון די ייִדישע טאַטעס און מאַמעס אין ארץ־ישראל: די סאַברעס האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך העלדישקייט און מסירת־נפש ביים ברענגען דורך פֿאַרשיידענע אומלעגאַלע וועגן ייִדן פֿון די דייטשע לאַגערן און אויך פֿון די מזרח־לענדער קיין ארץ־ישראל. אָפֿטמאָל איז זיי אויסגעקומען צו טראָגן די פֿרעמדע ייִדן אויף די אייגענע פּלייצעס פֿון מיטן ים צום ברעג־צו אין דערביי צו זיין יעדע מינוט אויסגעשטעלט אויף דער געפֿאַר אָדער דערטרונקען צו ווערן, אָדער צו פֿאַלן פֿון אַן ענגלישער, צי אַראַבישער קויל. אָבער די סאַברעס האָבן זיך פֿאַר דעם נישט אָפּגעשראָקן. זיי האָבן אויף אַזאַ וועג געבראַכט צענדליקער טויזנטער ייִדן אין לאַנד אַריין און האָבן פֿון זיי אויך צוגעגרייט אַ היפּשע צאָל מיליטערישע באַטאַליאָנען פֿאַר דער מלחמה מיט די אַראַבער.

די דאָזיקע העלדישקייט פֿון די סאַברעס ביים ברענגען אין לאַנד די גלות־ייִדן האָט פֿאַר אַ סך ישראל־ייִדן אויך געדינט אַלס דערפֿרייענדיקער באַווייז, אַז זייערע קינדער זענען פֿונדעסטוועגן נישט אַזוי אָפּגעפֿרעמדט פֿון ייִדישן נעכטן און פֿון די ייִדן אין די גלות־לענדער, ווי זיי האָט זיך געהאַט פֿריִער אויסגעדוכט.

ווייל געמיינט האָט מען פֿריִער, אַז די סאַברעס ווילן אינגאַנצן נישט וויסן פֿון קיין גלות־ייִד און אַז זיי קוקן אויף אים מיט שפּאָט און פֿאַראַכטונג, אַזוי ווי די פּריצישע זינדלעך אין פּוילן אָדער רומעניע האָבן געקוקט אויף די ייִדן פֿון היימישן שטעטל. נאָך אַ ווײַלע און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי, פּונקט ווי יענע, וועלן באַלד אָנרייצן אויף די גלות־ייִדעלעך דעם הונט. די טאַטעס, הגם ציוניסטן, וואָס זענען אַליין אַנטלאָפֿן פֿון „פֿאַרשאָלטענעם גלות", האָט פֿונדעסטוועגן ווי־געטאָן, ווען זיי האָבן געזען ווי ווייט די דאָזיקע פֿאַראַכטונג דערגייט ביי זייערע קינדער. איז דערפֿאַר גרויס געווען זייער שמחה, ווען זיי האָבן דערזען ווי זייערע קינדער שטעלן זיך איין דאָס לעבן פֿאַר די גלות־ייִדן און טראָגן זיי אויף זייערע פּלייצעס. עפּעס האָבן זיי געהאַט דאָס געפֿיל, ווי זיי וואָלטן צוריקגעפֿונען זייערע קינדער. דאָס דאָזיקע געפֿיל האָט זיך נאָך פֿאַרשטאַרקט שפּעטער,

ווען מען האָט געזען די אייגענע קינדער אויף די פּראָנטן פון ישׂראל, שלאָגנדיק זיך אין איין רייע מיט די געכטיקע גלות־ייִדן, די נייע עולים, קעגן די זיבן אַראַבישע אַרמייען.

אָבער אַז עס איז אַוועק אַ יאָר און צוויי און דריי, האָט מען אין ישׂראל גענומען דערפילן נאָך מער ווי פריִער, פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, די אָפּגעפרעמדקייט פון די אייגענע קינדער צו די עלטערן און אויך צו דער ציוניסטישער אידייע פון די אייגענע עלטערן.

ציוניזם איז געוואָרן אַ חוזק־וואָרט אין מויל פון אַ סך סאַבּרעס. „הוא מדבר ציונית״ (ער רעדט ציוניזם) מיינט ביי אַ סאַבּרע דאָס זעלבע ווי: „ער איז אַ בטלן״, „ער איז אַ ראָמאַנטיקער״, אָאָער גאָר פּשוט: „ער האַקט אַ טשײַניק״. אַנדערע זאָגן נאָך „הוא מדבר קאָסמעטיקע״, וואָס דאָס קלינגט אומגעפער ווי מען זאָל זאָגן, אַז ער איז אַ סענטימענטאַלער שוטה, אַ מאָראַל־פּרעדיקער, אַ לבנה־קריכער, אָדער גאָר אַז ער רעדט פון וועג.

לעצטנס האָט נאָך די ישׂראל־יוגנט געשאַפן אַ ספּעציעלן חוזק־נאָמען פאַר די וואָס „רעדן ציוניזם״. זי רופט אַזאַ איינעם: „ירחמיאלי״ (פון נאָמען ירחמיאל), וואָס דאָס דאַרף מיינען דאָס זעלבע וואָס „שלימיאל״...

ווייל פאַר אַ היפּשן טייל פון דער ישׂראל־יוגנט מיינט ציוניזם — גלות און אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט גלות; ציוניזם מיינט פאַר זיי פּינסק און פּלאָנסק (די היים־שטעטלעך פון ווייצמאַן און בן־גוריון); עס מיינט מליצה און צעקראָכנקייט, עס מיינט קרעמלעך און טשאָלענט.

דרייען זיך אַרויס ציוניסטישע טאַטעס מיט צעוויטיקטע הערצער. זיי קענען זיך נישט צונויפרעדן מיט זייערע קינדער. דאַכט זיך ביידע רעדן די זעלבע שפּראַך, עברית, דאַכט זיך ביידע האָבן ליב ישׂראל, אָבער נישט די שפּראַך און נישט די ליבע איז די זעלבע. די יוגנט קוקט אויף דער ישׂראל־ליבע פון די עלטערן מיט אַ ביסל חוזק און די עלטערן קוקן אויף דער ישׂראל־ליבע פון זייערע קינדער מיט אַ ביסל שרעק.

און פון צייט צו צייט גיט מען אַ זיפץ. נישט, ווי געזאָגט, פאַר אַ פרעמדן. אי עס פּאַסט נישט און אי עס איז נישט פּראַקטיש. דער פרעמדער וועט שפּעטער אַוועקפאָרן מיט אַ שלעכטן איינדרוק. אָבער פאַר אייגענע זיפצט מען.

דערציילט מיר מיינער אַ פריינט, אַ ציוניסטישער טוער פון פּוילן, אַז ער האָט צוויי ליכטיקע זין, שוין חתונה געהאַט. זיי האָבן ביידע גוטע פּראָפעסיעס. איינער איז אַן אַגראָנאָם און דער צווייטער אַן אינזשעניער, זיי האָבן זיך ביידע באַטייליגט אין דער מלחמה און זיי זענען ביידע צוריקגעקומען גאַנץ, וואָס דאָס

איז אַ גרויסער נס. און זיי זענען ביידע נישט קיין קאָמוניסטן, אָדער מפ״מניקעס און אויך נישט קיין חירותניקעס, וואָס דאָס איז אויך נישט קיין קליינער נס. אַלס סטודענטן האָבן זיי געהערט צו אַ מפא״י־קלוב, איצט געהערן זיי נישט צו קיין שום פּאַרטיי. זיי זענען גוטע קינדער, ער האָט פון זיי נחת, אָבער ער פילט זיך אומבאַקוועם, ווען ער דאַרף אין זייער אַנוועזנהייט רעדן וועגן זיין פּאַרטיי־אַרבעט (ער געהערט צו דער מפא״י), אָדער ער דאַרף זיי זאָגן, אַז ער איז געווען אויף אַ זיצונג צי אויף אַ פאַרזאַמלונג. זיי זאָגן אים גאָרנישט, אָבער זיי שמייכלען... דער דאָזיקער שמייכל, וואָס איז אַ גאַנץ גוטמוטיקער, שטעכט אים. ער פילט זיך ווי אַ חדר־יינגל, וועלכן מען האָט געכאַפּט אָפּטאָן עפּעס נישט קיין שיינע זאַך. דער שמייכל זאָגט:

— דער טאַטע פאַרנעמט זיך מיט נאַרישקייטן.

וואָלט די קינדער זיך מיט אים געאַמפּערט, וואָלטן זיי מיט אים דיסקוטירט, וואָלטן זיי באַקעמפט זיינע איבערצייגונגען און זיי אַנטקעגנגעשטעלט זייערע אי־בערצייגונגען — דעמאָלט וואָלט עס אים אפשר ווי געטון, אָבער דעמאָלט וואָלט עס, אַזוי צו זאָגן, געווען אַ נאָרמאַלער וויכוח, דער זעלבער נאָרמאַלער וויכוח, פון וועלכן עס האָט געליטן זיין פרומער טאַטע, ווען ער, דער היינטוועלטיקער זון, דער אַפּיקורס, האָט קעגן אים געפירט מלחמה — דאָס איז געווען די נאָרמאַלע, נאַטירלעכע מלחמה צווישן עלטערן און קינדער (מלחמת האָבות והבנים), וועלכע ווערט געפירט אין יעדער צייט און כמעט ביי יעדן פאָלק. אָבער זיינע קינדער שפּאָרן זיך מיט אים נישט, זיי דערקלערן נישט קיין מלחמה זיינע איבערצייגונגען, זיי שמייכלען בלויז און דער דאָזיקער שמייכל, פילט ער, איז די וואַנט, וואָס שטייט צווישן אים און זיינע קינדער.

ווער איז שולדיק, וואָס די דאָזיקע וואַנט האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן עלטערן און קינדער אין ישראל?

טאַקע דערזעלבער טאַטע האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז ער באַשולדיקט די עלטערן. ער באַשולדיקט זיך.

ער מיינט, אַז מיטן באַקעמפן דעם גלות און אַלע איבלען פון גלות, האָט זיין ציוניסטישער דור זיך צופיל פאַרגאַלאָפּירט. ער האָט מיט אַזאַ ברען זיך גע־פּרוווט באַפרייען פון די גלות־פּעקלעך, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי ער וואַרפט אויך אַוועק גרויסע ייִדישע ווערטן, וואָס אָן זיי איז דאָס ייִדישע לעבן סיי אין גלות און סיי אין ישראל אַ סך אָרעמער. ער מיינט, אַז ער, און נאָך טויזנ־טער אַזעלכע ווי ער, האָבן צופיל פאַרמיאוסט אין די אויגן פון זייערע אייגענע קינדער דעם גלות און איצט איז זיך דאָס נוקם.

אַט טאַקע, דערציילט ער מיר, אַז היי־יאָר איז אין ישראל צום ערשטן מאָל אָפיציעל געפייערט געוואָרן דער יאָרצייט פון י. ל. פרץ און עס זענען אויך פאָרגעקומען אַ גרויסע צאָל פייערונגען (אַ סך מער ווי יעדעס יאָר) צום יאָר־טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. די בײדע דערשיינונגען זענען נישט קיין צופע־ליקע. זיי זענען געווען דער ערשטער ערנסטער פּרוו אין מדינת ישראל צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די אייגענע קינדער צום פאַקט, אַז דער גלות איז נישט בלויז באַשטאַנען פון צעשראָקענע יידן, „וואָס האָבן זיך ווי קעלבער געלאָזט אויס־שעכטן״ (די אַלגעמיינע ישראל־ווערסיע וועגן די געטאָ־יידן), נאָר אויך פון העל־דישע קעמפער, און אַז אַ חוץ קרעמלעך און שענקען און בעטלער־טאָרבעס, האָבן די יידן אין גלות אויך פאַרמאָגט אַ רייכע ליטעראַטור, וועמענס פירער האָבן דאָס געלייטערטע קינסטלערישע וואָרט פאַרבונדן מיט דערהויבענע אוניווערסאַלע אידייען. דער פריינט מיינער האָט טאַקע געפּרוווט אויסנוצן די עפנטלעך־סאַנק־ציאָנירטע פרץ־פייערונגען, כדי זיינע צוויי זין צו פאַראינטערעסירן מיט פרצן. אָבער דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. אויך דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויפן שמייכל פון זיינע קינדער. עס איז געווען דער זעלבער גוטמוטיקער חוזק־שמייכל, וואָס שטענדיק. און געפרעגט האָט דער שמייכל די זעלבע פראַגע, וואָס ביי אַנדערע ענלעכע געלעגנהייטן:

— טאַטע, וואָס דרייסטו אַ קאָפּ מיט נאַרישקייטן?

אויב איר ווילט, איז זייער חוזק־שמייכל דאָס מאָל געווען מער אויפן אָרט ווי דעמאָלט, ווען דער טאַטע איז געקומען מיט זיינע פאַרטיי־ענינים, ווייל אַ ציוניסט אין אַ סאָציאַליסט און אַ קהל־מענטש איז דאָך דער טאַטע שטענדיק געווען. אויב דאָס איז אַ נאַרישקייט, איז עס אַן אַלטע נאַרישקייט, צו וועלכער די קינדער זענען שוין צוגעוווינט. אָבער די פרץ־נאַרישקייט איז דאָך ביי אים אַ נייע. דער טאַטע האָט דאָך ביז איצט זיי נישט „פאַרדרייט דעם קאָפּ״ מיט פרצן, אָדער מיט אַנדערע אַזעלכע גלות־ענינים. דער טאַטע און די לערער און די גאַס האָבן דאָך צו דעם דאָזיקן גלות־באַגאַזש ביז איצט זיך נישט געהייסן צורירן. איז וואָס עפּעס פּלוצ־לינג ביים טאַטן געוואָרן אַזאַ סעזאָן אויף פאַרלעגענע גלות־סחורה? צו וואָס האָט ער זיך גענומען גראָבן אין יענעם טויטן אַלטוואַרג, וואָס ווען עס האָט נאָך געלעבט האָט דער טאַטע דערפון חוזק געמאַכט? ווייל די דייטשן האָבן עס חרוב־געמאַכט? איז עס דאָך נישט מער ווי ראָמאַנטישע צעקראָכנקייט; נישט מער ווי פאַלשע שבחים, וואָס מען זאָגט נאָך אַ גראָבן יונג, בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געשטאָרבן.

זענען זיינע צוויי זין כנענים, אָדער ווי זיי רופן זיך „יונגע עברים״, וועלכע פרעדיקן, אַז ישראל דאַרף ווערן אַ לעוואַנטאַנישער שטאַט פון בלויז אָרטיקע גע־

ב. שעפּנער

בוירענע און איבעררייסן יעדע פאַרבינדונג מיט די ייִדן, וואָס זענען געבוירן אין אַנדערע לענדער?

ניין, זיי זענען נישט קיין כנענים. זיי געהערן, ווי געזאָגט, נישט צו קיין שום פּאַרטיי אָדער גרופּע, זיי זענען סאַברעס און טראַכטן אַזוי ווי די מיינסטע סאַברעס טראַכטן איצט.

אָבער, כדי צו וויסן, וואָס סאַברעס טראַכטן, איז ווייניק צו הערן, וואָס עס זאָגן וועגן דעם זייערע עלטערן. זיי דאַרפן נישט, די יונגע ישראלים, אַז די על־טערן זאָלן רעדן אין זייער נאָמען. זיי זענען גענוג אינטעליגענט און גענוג זעלבסט־שטענדיק, אַז זיי זאָלן קענען אַליין רעדן און אַליין איבערגעבן וואָס זיי פילן און טראַכטן. בין איך טאַקע דעריבער אַוועק צום בעל־דבר אַליין און אים אויסגעהערט. איך האָב געהאַט שמועסן מיט יונגע ישראל־ייִדן פון פאַרשיידענע שיכטן און ביך פון זיי געוויר געוואָרן, וואָס עס זאָגט און טראַכט דער צווייטער צד.

וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

די טענות פון דער ישראל־יוגנט

פאַראַן געציילטע פראַגן, אַרום וועלכע עס אייניקן זיך אַלע צעקריגטע פאַרטייען אין ישראל. איינע פון זיי איז — דער קריזיס ביי דער יוגנט. אַלע זענען איינשטימיק, אַז די יוגנט אין ישראל לעבט איצט איבער אַ קריזיס. די מיינונגס־פאַרשיידנקייטן הייבן זיך ערשט אָן ווען מען גייט אָפּשאַצן ווי טיף עס איז דער קריזיס, און ווער עס איז פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך. איין פאַרטיי וואַרפט אַרויף די שולד אויף דער אַנדערער, אָבער די יוגנט אַלס גאַנצע וואַרפט אַרויף די שולד אויף אַלע פאַרטייען, אָדער ריכטיקער, אויף אַלע פאַרטיי־ און רעגירונגס־פירער, וואָס דאָס מיינט אייגנטלעך אויף דעם עלטערן דור, ווייל ער פאַרנעמט דאָך אַלע פירער־שטעלעס.

אַ יונגער זשורנאַליסט אין ישראל, וואָס איז אַלט 27 יאָר, האָט דאָס מיר אַזוי דערקלערט:

— די יוגנט האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין די פאַרטיי־פירער, אָן אונטערשייד צי זיי זענען פון מפא״י, פון מפ״ם, אָדער פון חרות; זיי אַלע האָבן דעם עקזאַמען נישט אויסגעהאַלטן. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט הויכע פראַזן, מיט געבלימלטער מליצה, בעת אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר פראַקטישע קליינלעכע פּאָליטיקאַנער, גרייט צוליב אַ פאַרטיי־פּאָזיציע און צוליב אַ ביסל פערזענלעכער מאַכט און פערזענלעכער באַקוועמלעכקייט צו מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט וואָס איר ווילט און מיט וועמען איר ווילט. די טראַגישע יאָרן אויף די שלאַכט־פעלדער און די גרויע יאָרן נאָך דער מלחמה האָבן ביי דער ישראל־יוגנט געשאַפן אַ טיפע פאַראַכטונג פאַר הויכע פראַזן, וואָס זענען אין שרייענדיקן ווידערשפרוך צו אונדזער וואָכעדיקן לעבן.

— נעמט מיך — האָט ער ווייטער געזאָגט — ווען איך בין אַלט געווען צען יאָר, בין איך שוין געווען אַן אצלניק (געהערט צום טעראָריסטישן אירגון) און

ב. שעפנער

איך האָבן טאָג־טעגלעך איינגעשטעלט מיין לעבן. קנאַפּע פופצן יאָר האָב איך געלעבט אין דער העכסטער שפּאַנונג צווישן וויזיעס וועגן מלכות ישראל און שרעק פאַרן טויט. איצט האָט די שפּאַנונג אײנגאַנצן נאָכגעלאָזט. איך געהער נישט צו קיין שום פּאַרטיי, און ווען איך הער ווי עמעצער שרייט, אַז ער וויל אַ ייִדישע מלוכה פון ביידע זייטן ירדן, בלייב איך קאַלט. איינער רופט אַזאַ צושטאַנד אַנטוי־שונג; דער צווייטער וועט עס אפשר בלויז רופן אַנטשפּאַנונג — אָבער וואָס דער נאָמען זאָל נישט זיין, דער צושטאַנד בלייבט דער זעלבער. עס איז אַ צושטאַנד פון גלייכגילטיקייט, געבויט אויף אומצוטרוי צו די פירער. מיר גלויבן זיי מער נישט. מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון די מאַסן און לעבן זיך אין זייער אייגן, באַקוועם וועלטל. דאָס איז געזאָגט נישט בלויז וועגן די פירער פון די רעגירונגס־פּאַרטייען, וועלכע שטייען ביי דער מאַכט, נאָר אַפילו וועגן די פירער פון די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען, וואָס האָבן זייערע גרויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע חלומות אויסגעטוישט אויף דעם חלום — אַליין צוצוקו־מען וואָס פריִער צו אַ רעגירונגס־בענקל. אָבער אויך די, וואָס זיצן נישט אין דער רעגירונג, לעבט זיך זיי נישט שלעכט, און זייער פאַרבינדונג מיט זייער אייגענער מיטגלידערשאַפט ווערט אַלץ לויזער און לויזער. זיי זיצן אין דער כנסת, זיי פאָרן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק מיט פאַרשיידענע קהלשע שליחותן קיין אויסלאַנד.

***

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דעם פאָרוואורף וועגן די „שליחותן קיין אויסלאַנד" האָב איך אין די קרייזן פון דער יוגנט געהערט איבערחזרן אויפן אַדרעס פון די פירער אַ סך אָפטער און מיט מער ביטערקייט ווי אַלע אַנדערע פאָרוואורפן. „אַ שליח" איז אין די דאָזיקע קרייזן ממש געוואָרן אַ זידל־וואָרט, און אויב עמעצער פאָרט קיין אויסלאַנד נישט אַלס שליח פון דער רעגירונג, אָדער פון אַ פּאַרטיי, נאָר פון אַ פריוואַטער פירמע, אָדער צוליב אַ פּערזענלעכן ענין, האַלט ער פאַר נייטיק ביי יעדער געלעגנהייט דאָס צו אונטערשטרייכן מיט גרויס שטאָלץ: „איך פאָר נישט אַלס שליח", אָדער „איך בין נישט קיין שליח". אויך די וויצן און שטעכווערטלעך אויפן חשבון פון די שליחים און זייערע שליחותן זענען אין ישראל צאָלרייכער און שטעכעדיקער, ווי די וויצן אויף אַנדערע טעמעס, מיטן אויסנאַם פון איין טעמע, וואָס זי באַקומט נאָך מער שפּילקעס ווי די שליכים — דאָס איז בן־גוריון. די שאַרפסטע פיילן וואָס דער פּאָפּולערער פעליעטאָניסט עוזי (אַגב, אַ זייער טאַלענטירטער סאַבּרע) וואַרפט פון זיין ווינקל אין דעם סאָלידן „הארץ", זענען געצילט אין די „שליחים".

איך האָב דעם איינדרוק, אַז די שנאה פון דער יוגנט צו די שליחים דאַרף מען זוכן אין דריי קוואַלן: איין קוואַל איז — דער מאָראַלישער געפיל. די יוגנט האַלט, אַז צווישן דעם אָפיציעלן צוועק פון דער רייזע פון שליח און דעם פּאַקטישן צוועק אירן ליגט אַ טיפער אָפּגרונט, אַזוי ווי צווישן דער הויכער מליצה און דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק. די אַלגעמיינע איבערצייגונג איז, אַז מער ווי דאָס לאַנד, ווערן געהאָלפן פון די שליחותן די שליחים אַליין. דערצו נאָך איז די פאָרשטעלונג וועגן דעם ברייטן לעבן פון די שליחים זייער אַ רייכע. ישראל־יידן זענען זיכער, אַז יעדער שליח וווינט אין ניו־יאָרקער וואַלדאָרף אַסטאָריע אין ניו־יאָרק, און אַז אין יעדער קעשענע פירט ער אַהיים אַ פרידזשידעיר.

איך אויף דעם געביט, ווי אויף אַ סך אַנדערע געביטן, נעמט די איבערטריי־בונג אַן פאַנטאַסטישע פאָרמען.

דער צווייטער קוואַל איז — דאָס געפיל פון קנאה. מען פאַרגינט פּשוט נישט די שליחים זייער גליק. די ישראל־יוגנט האָט זייער ליב דאָס לאַנד. לויט מיין מיינונג ליידט די דאָזיקע ליבע, ווי אַ סך אַנדערע ליבעס, פון אַ צו הויכער טעמ־פּעראַטור. דאָס דראָט סיי מיט היסטעריע און סיי מיט אַנטוישונג. אָבער ביי דער גאַנצער ליבע צום לאַנד, וואָלט זיך דאָך שטאַרק וועלן אַ ביסל אַרויספאָרן פונעם קליינעם לאַנד, זען די ברייטע, גרויסע וועלט. אָבער וועגן דעם קען מען אַפילו נישט חלומען. אויף אַרויסצופאָרן דאַרף מען דאָך קודם כל האָבן אַזאַ זעלטענע זאַך ווי געלט, און דערצו — אין אויסלענדישער וואַליוטע. אָבער זיי, די פּאַרטיי־פירער, פאָרן אַהין און צוריק יעדן מאָל מיט אַן אַנדער נאַציאָנאַלער שליחות. מען פאָרט אין עראָפּלאַנען, אין לוקסוס־שיפן, אין שלאָף־וואַגאָנען, מען זעט אַ וועלט, מען פּראַוועט באַנקעטן, מען באַקליידט זיך און מען באַנייט זיך, און שפּעטער קומט מען צוריק מיט גרויסע, פול־געפּאַקטע וואַליזעס — איז ווי זאָל מען זיי נישט מקנא זיין?

און דער דריטער קוואַל איז —דאָס געפיל פון שטאָלץ, פון ווירדע.

די ישראל־יוגנט איז דערצויגן געוואָרן אין אַן אַטמאָספערע פון ציוניסטישן בונט קעגן געבויגענע יידישע גלות־רוקנס; קעגן אַ לעבן אַלס אומגעבעטענע אורחים ביי פרעמדע טישן. די לערער האָבן כסדר פאַרגעשטעלט פאַר דער יוגנט דעם גלות־ייד אַלס אַ צעשראָקענע באַשעפעניש, וואָס דאַרף יעדן טאָג לעבן און יעדן מאָלצייט אויסבעטלען ביי די גויאישע באַלעבאַטים פון די פרעמדע לענדער ווו ער וווינט. געהייסן האָט עס, אַז נאָר אין ארץ־ישראל, אויף דער אייגענער ערד, וועלן יידן ענדלעך קענען אויסגלייכן דעם רוקן און זיך פילן אַלס שטאָלצע מענטשן, וואָס דאַרפן ביי קיינעם נישט בעטלען קיין ברויט און קיין חסד. אַרויסגעוויזן האָט

זיך אָבער, אַז דווקא אין אייגענעם לאַנד, אין ישראל, מוזן ייִדן דערווייל מער אָנקו־מען צו הילף און צו חסד, ווי די ייִדן אין אַנדערע לענדער. אמת, די מערסטע שטיצע באַקומט מען ביי אייגענע, ביי ייִדן. אָבער, ערשטנס, נעמט מען אַ סך אויך ביי פרעמדע, ביי דער גויאישער אַמעריקאַנער רעגירונג, און צווייטנס, זענען די אייגענע געבער, די אַמעריקאַנער ייִדן, אויך אייגנטלעך נישט אַזוי אייגן... די מערסטע יונגע ישראל־ייִדן פילן נישט קיין באַזונדערע נאָענטקייט צו די אַמערי־קאַנער ייִדן, און דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע „ברידער", מיט די געבלימלטע קראַ־וואַטן און מיט די גראָבע ציגאַרן (אַזוי ווערן געוויינלעך פאַרגעשטעלט די אַמערי־קאַנער), וואַרפן מיט דאָלאַרן און שיקן פעקלעך און פרידזשידעירס, מאַכט די דאָזיקע נישט־נאָענטקייט נאָך ווייניקער נאָענט. אויך די אַמעריקאַנער טוריסטן און אַמעריקאַנער „אָנקלס" זענען אין ישראל אַ גאַנץ פּאָפּולערע טעמע פאַר גע־לונגענע וויצן און דערפאַלגרייכער פאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע. די קאָמוניסטן און זייערע פאַקטישע פאַרבינדעטע, די מפ״ם, ווייסן, אַז אויפן אַמעריקאַנער פערדל איז גוט צו רייטן. אַפילו די כנענים פרווון געווינען די הערצער פון דער יוגנט אויך מיט „אַמעריקאַנער" אַרגומענטן. זיי קלאַפּן אויפן שוואַכן פונקט, וואָס רופט זיך „אַמעריקאַנער נדבות"; זיי ווייסן, אַז דער שטאָלץ־געפיל פון דער יוגנט ליידט דערפון, וואָס דאָס לאַנד דאַרף כסדר אויסשטרעקן די האַנט צו אַמעריקאַנער ייִדן.

און ווער זענען די, וואָס שטרעקן אין אַלעמענס נאָמען אויס די הענט? — שליחים. זיי פליִען דאָך כסדר קיין אַמעריקע בעטן געלט. זיי פירן דאָך אָן מיט די אַלע „קאַמפּעינס". זיי פירן דאָך אויך אַרום איבער ישראל די אַמעריקאַנער געלט־געבער און פאַשען זיי מיט באַנקעטן און מיט קאָמפּלימענטן.

***

פילט זיך די יוגנט אַנטוישט און פאַרשעמט. זי קען נישט, ווי די עלטערע, שלום מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט. אַ קלענער טייל פון דער יוגנט האָפט נאָך אַלץ צו קומען צום אייגענעם אידעאַל מיט דער הילף פון דער באַמבע, מיט וועלכער מען האָט זיך אַ סך יאָרן איינגעלעבט. אַן אַנדער גרופּע, די כנענים, (אויך אַ קליינע, הגם אירע זוימען זענען פאַרפלאַנצט אין אַ סך יונגע הערצער) וויל איינגאַנצן איבעררייסן מיט די פרעמדע ייִדן, אַמעריקאַנער און נישט־אַמערי־קאַנער, און זיך בעסער באַהעפטן מיט די אַרטיק־געבוירענע פון אַלע לעוואַנטאַנער לענדער, פון וועלכן גלויבן זיי זאָלן נישט זיין, און צוזאַמען שאַפן אַ גרויסע לעוואַנטאַנער מלוכה. פיל גרעסערע מחנות פון דער ארץ־ישראל־יוגנט פאַרבינדן

זייערע חלומות מיט מאָסקווע, האָפנדיק, אַז זי וועט באַפרייען די גאַנצע וועלט און אויך ישׂראל פון דער אַמעריקאַנער „דאָלאַר־שקלאַפעריי״. עס זענען אויך פאַראַן היפּשע גרופּעס יוגנט אין די קיבוצים, אין נגב, אין דער אַרמיי און אין די שטעט וואָס זענען ווייטער געבליבן ביי זייער גלויבן אין „אַלט־פרענקישן״ דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם, אָבער די גרעסטע מערהייט פון דער יוגנט פילט מער נישט קיין וואַרעמקייט אין די אַלטע אידייאישע פייערן און קיין נייע פייערן זעט זי נישט. שטייט זי אָן אַ זייט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דערציילט מיר אַ צווייטער יוגנט־טוער פון ישׂראל, אַ מיטגליד פון מפּא״י:

— דער קריזיס אין די רייען פון דער יוגנט דריקט זיך אַמשטאַרקסטן אויס אין דער אַפּאַטיע צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. די יוגנט אין ישׂראל פלעגט געווײנלעך ליידן פון אַן איבערפלוס פון געזעלשאַפטלעכער ענערגיע. זי האָט זיך צופיל געקהלט; זי איז צופיל געווען פאַרקאָכט אין פּאָליטיק. מען האָט ווייניקער געלערנט און מער דיסקוטירט. היינט, אָבער, האָט זיך די לאַגע אינגאַנצן געענדערט. די יוגנט־קלובן ווערן שוואַך באַזוכט. אַפילו אין די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס באַמערקט זיך די אַפּאַטיע. מען אַנטלויפט פון געזעלשאַפטלעכקייט און מען לויפט אין קינאָ, אין טעאַטער און צום פּריוואַטן לעבן — צו תּכלית. די יוגנט איז מיד פון מלחמה און פון דעם נאָך־מלחמה־צושטאַנד, וואָס איז נישט מלחמה און נישט שלום. די יוגנט איז אַנטוישט אין די אידעאַלן, אין נאָמען פון וועלכע זי האָט פאַרגאָסן בלוט און וועלכע זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. ביי אונדז איז די מלחמה געווען שווערער ווי ביי אייך אין אַמעריקע, די קרבנות זענען געווען אַ סך גרעסערע — מער ווי פערציק טויזנט יונגע מענטשן זענען ביי אונדז געפאַלן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה — אויך דער צושטאַנד נאָך דער מלחמה איז אַ סך אַ שווערער. מיר לעבן דאָך אַלע יאָרן אין פּאַקטישן קריגס־צושטאַנד — איז אפשר דערפאַר נעמט ביי אונדז אָן דער קריזיס פון דער יוגנט אַ שאַרפערע פאָרם ווי ביי אייך.

***

אַן אַנדער יוגנט־טוער וואָס פאַרנעמט אַ גאַנץ אַנגעזעענע מלוכה־שטעלע, האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג. לויט אים, האָט דער קריזיס צווישן דער ישׂראל־יוגנט אויסשליסלעך לאָקאַלע סיבות. ער האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז ער וואָלט וועלן אַוועקפאָרן. ער זעט דאָ פאַר זיך נישט קיין צוקונפט. ער איז אַלט אַכט און צוואַנציק יאָר און ער האָט אַ פרוי מיט אַ קינד. זיין ריינער געהאַלט איז הונדערט זעכציק פונט אַ חודש. דאָס געהערט צו די גאַנץ שיינע באַאַמטן־פּענ־

סיעס אין ישראל. הינטער אים זענען דאָך דאָ אַ היפּש ביסל נידעריקע באַאַמטן־קאַטעגאָריעס. ער האָט אויך אַ גאַנץ לייטישע דירה, אָבער ער זעט נישט, ער זאָל דאָ אין די נאָענטסטע יאָרן קענען זיך אויסבעסערן זיין עקאָנאָמישע לאַגע. צווישן דרייסיק און פערציק, זאָגט ער מיר, מוז אַ מענטש זיך קענען איינאָרדענען. אויב נישט, וועט ער שוין גאָרנישט דערגרייכן אין לעבן און אין צוויי יאָר אַרום ווערט ער שוין דרייסיק...

די ניכטערקייט און פּראַקטישקייט פון דעם דאָזיקן יונגן מענטשן האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ שמייכל. ער האָט דעם שמייכל פאַרשטאַנען:

— איר וווּנדערט זיך אויף מיין פּראַקטישקייט? — האָט ער געזאָגט — אָבער אַז מען פאַרלירט דעם אידעאַל, ווערט מען פּראַקטיש. איך געהער אייגנטלעך אויך נאָך היינט צו מפּאַ״י, אָבער איך גלייב מער נישט. מעגלעך, אַז מיט דער צייט וועט דאָ ווערן גוט פאַר אַלע און נישט בלויז פאַר די, וואָס קענען זיך אַן עצה געבן, אָבער איך האָב נישט קיין כוח צו וואַרטן. איך וויל כאָטש צען יאָר זיין אַ גוטער ציוניסט אין אויסלאַנד...

אָבער אַממייניסטן טשיקאַווע איז פאַר מיר געווען די סיבה, וואָס האָט אים געפירט צו זיין אַנטוישונג. ער איז צום ערשטן מאָל מיט אַ צייט צוריק אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. ער איז געווען אַ שליח אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט־קאָנפערענץ. דערציילט ער, ווי ער האָט זיך געשראָקן, ווען ער איז אָנגעקומען אויפן פלי־פעלד אין אַמסטערדאַם און דערזען, ווי עס גייען צו אים צו צוויי ציווילע גוים צוזאַמען מיט צוויי פּאָליציי־לייט. ער האָט געמיינט, אַז זיי וועלן זיך צו אים טשעפּען. זיינע לערער און דערציִער האָבן אים אַזוי אין פאַרלויף פון יאָרן געשראָקן מיט ייִדן־פאַרפאָלגונגען אין די גויאישע לענדער, אַז ער האָט געמיינט, ער וועט אין אויסלאַנד זיך כסדר אָנשטויסן אויף אַנטיסעמיטיזם. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז די צוויי ציווילע גוים און די פּאָליציי־לייט זענען גאָר געקומען באַגריסן און העלפן די דעלעגאַטן, וואָס זענען געקומען צו דער יוגנט־קאָנפערענץ. פאַר אים איז דאָס געווען אַ זייער אָנגענעמע אַנטוישונג, וועלכע איז מיט יעדן טאָג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, געוואָרן גרעסער. ער האָט געזען, אַז מען האָט אים געגעבן אַ פאַלש בילד פון די גלות־לענדער. עס איז דאָרט גאָרנישט אַזוי געפערלעך צו וווינען, ווי מען האָט עס אים פאָרגעשטעלט און דאַקעגן אין ישראל איז נישט אַזוי זיכער ווי ער האָט געמיינט.

פילט ער נישט קיין צוגעבונדנקייט צו ישראל? — האָב איך אים געפרעגט

— האָט ער נישט ליב דאָס לאַנד?

יאָ — האָט ער געענטפערט — ער האָט ליב דאָס לאַנד, אָבער עס האָט זיך

אַ סך געענדערט זינט פאַר דער מלחמה. אַ סך חברים האָט ער פאַרלוירן. צו די נייע עולים, אָן אונטערשייד צי דאָס זענען די פאַרשיידענע קאָלירטע ייִדן, אָדער מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן פון די אַלערליי אונטערגעגאַנגענע שטעטלעך, פילט ער נישט קיין באַזונדערע קרובֿהשאַפט. ער זאָגט דאָס גאַנץ אויפריכטיק. ער קען זיך נישט העלפן. אויך דערין האָט אַ גרויסן חלק די שולע. מען האָט אים נישט געלערנט ליב האָבן דעם גלות און די גלות־ייִדן.

עס איז אים געווען לייכטער צו טראָגן די ייִדן אויף די פּלייצעס פון מיטן ים אין לאַנד אַריין, ווי צו וווינען מיט זיי אין שכנות.

**
*

אָבער פון אַלע מיינע באַגעגענישן מיט יונגע ייִדן אין ישראל איז מיר אַמטייערסטן די באַגעגעניש מיט אַ יונגער סטודענטקע פונעם ירושלימער אוני־ווערסיטעט. זי איז נישט קיין סאַברע, זי איז אינגאַנצן אין לאַנד אַכט יאָר, אָבער זי האָט דורך דער צייט שוין באַוויזן זיך פולשטענדיק צו אַקלימאַטיזירן אין לאַנד. זי האָט דאָ דורכגעמאַכט אַ מיטל־שול, אַרבעטנדיק גלייכצייטיק אין אַ קיבוץ און זי לערנט שוין דאָס צווייטע יאָר עקאָנאָמיע אינעם ירושלימער אוניווערסיטעט. מיט דריי יאָר צוריק, ווען זי איז נאָך געווען אין גימנאַזיע, האָט זי אָנגעשריבן אַן אַרבעט פאַר איר לערערין. אויף דער לעצטער האָט די אַרבעט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז זי האָט אַ קאָפּיע איבערגעשיקט אין דער צייטונג „הארץ". און אָט איז אַן אויסצוג פון דער דאָזיקער אַרבעט:

„...איך געפין זיך אין דער גימנאַזיע שוין אַ יאָר צייט און קיינמאָל האָב איך נאָך נישט געהערט מען זאָל דערמאָנען דעם גלות, מען דערמאָנט אַפילו נישט דעם טאָג, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. דאַקעגן גיט מען אַוועק שעהן אויף צו ריידן וועגן מענטשן, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן, אָדער געשטאָרבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק. אויף אונדזערע לעקציעס זענען מיר געוווינט צו אַנאַליזירן גרינטלעך און אינטערעסאַנט די העלדן, וועלכע האָבן געלעבט אין די צייטן פון תנ"ך, אָבער מען דערמאָנט אינגאַנצן נישט דעם גלות און זיינע טראַגעדיעס. מען דערמאָנט נישט די געשעענישן, וואָס זענען זיך פאַרלאָפן מיט מיר און מיט אַזעלכע ווי איך.

„איך ווייס, אַז מיר דאַרפן זיך אָפּגעבן מיט אַנדערע געדאַנקען, אַז מען דאַרף לערנען, אַז מען דאַרף אָנהייבן אַ נייע תקופה. אָבער איך ווייס נישט, ווי אַזוי מען גייט אַריבער איבער דער פריערדיקער תקופה. איך, וואָס בין דורכגעגאַנגען די אַלע שווידערלעכקייטן, קען נישט נאָכגיין דאָס נאָרמאַלע לעבן און עס דאַכט

זיך מיר אַמאָל, אַז די געשטאַלטן, איבער וועלכע מיר דיסקוטירן לאַנגע שעהן אין קלאַס, זענען גאָרנישט אַזוי וויכטיק.

„...אַרום איז כלומרשט דאָס לעבן נאָרמאַל, דאָך האָב איך זיך נאָך נישט צוגעוווינט צו דאָזיקן לעבן. עס איז מיר שווער צו באַגרייפן, ווי הייבט מען אָן אַ נאָרמאַל לעבן.

„...איך האָב זיך באַמיט צו דערנענטערן צו די געבוירערע אין ישראל, לעבן מיט זיי און פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט, פאַרגעסן און מער נישט דערמאָנען. אָבער ווי אַזוי קען מען פאַרגעסן אַזאַ גרויסע זאַך, אַזאַ הייליקע זאַך, וואָס איז נישט געקומען אין איין טאָג און איז נישט אַוועק אין איין טאָג?

„אָפטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז די סאַברעס זענען אויבערפלעכלעך. צי איז דאָס ריכטיק? מיר דאַכט זיך דאָס דערפאַר, ווייל זיי קענען מיך נישט פאַרשטיין און זיי האָבן אויך נישט ליב צו הערן, ווען איך דערצייל זיי וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען: ,איך וועל דערנאָך מורא האָבן צו גיין אַהיים. דערצייל נישט וועגן אַזעלכע זאַכן", אָדער: ,די יידן אין גלות זענען געגאַנגען צום טויט ווי די שעפסן". אַזעלכע רייד טוען מיר אַמײַנסטן וויי, וואָרום דאָס איז נישט ריכטיק. עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן מיט עקשנות געקעמפט קעגן טויט.

„איך טראַכט אַז לכל הפחות דאַרף מען פאַרמאָגן די העלדישקייט פון קענען אויסהערן אויפמערקזאַם, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. און איך טראַכט, אַז נישט בלויז די העלדישקייט פון דער פויסט איז העלדישקייט, אויך די העלדישקייט פון ליידן איז העלדישקייט".

דער בריוו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „הארץ", מען האָט אַ שטיקל צייט גערעדט פון אים אין די לערער־קרייזן, אָבער דערמיט האָט עס זיך געענדיקט. אַלץ איז געבליבן ווי געווען.

איך האָב איצט געפרעגט די פאַרפאַסערין פון דעם בריוו, צי זי איז נאָך ביי די זעלבע מיינונגען, וואָס זי האָט דעמאָלט אויסגעדריקט אין איר אַרבעט פאַר איר גימנאַזיע־לעלערין. זי האָט מיר געענטפערט, אַז איר מיינונג וועגן די סאַברעס האָט זי געענדערט. זי האָט איצט וועגן זיי אַ בעסערע מיינונג. זי האַלט נישט, אַז זיי זענען אויבערפלעכלעך. זי האָט זיך מיט זיי גוט צוזאַמענגעלעבט. אָבער די באַציִונג צום גלות איז סיי אין די שולן און סיי ביי די סאַברעס געבליבן נישט געענדערט.

עס איז פאַראַכטונג צום גלות און, פאַרשטייט זיך, אויך פאַראַכטונג צו דער שפּראַך פון גלות — צו ייִדיש.

דאָ קומען מיר צו דער פראַגע וועגן דער לאַגע פון ייִדיש אין ישראל, וועלכע מיר וועלן באַהאַנדלען אין קומענדיקן קאַפּיטל.

די מערכה פון ייִדיש אין ישראל

אין מײַנע שמועסן מיט פירער פון ישראל און פון דער „הסתדרות", האָב איך קיין אײנציק מאָל נישט באַרירט די פראַגע, וואָס איז מיר זייער נאָענט צום האַרצן — די פראַגע וועגן ייִדיש אין דער ייִדישער מדינה.

איך האָב דאָס געטון מיט אַ ספּעציעלער כוונה: עס איז מיר גאָר פּשוט נישט אָנגעשטאַנען צו בעטן ביי דער האַרינטע העברעיִש אַ ביסל אײנזעעניש פאַר דער ייִדישער „דינסטמויד", וועלכע איז מײַנע אַ לייבלעכע קרובה. עס האָבן דאָס שוין פאַר מיר געטון גאַנץ בכבודיקע ייִדיש־ייִדן און עס האָט נישט געהאָלפן. מער ווי אַ העפלעכן קרעכץ האָבן זיי ביי דער האַרינטע נישט געקענט אַרויסקוועטשן.

די אָפּטימיסטן צווישן די דאָזיקע בעטער פאַר ייִדיש האָבן זיך געטרייסט, אַז די מלוכה־פירער פון ישראל האָבן מיט זיי גערעדט אַ „קערנדיקן ייִדיש", אַ „זאַפטיקן ייִדיש", „אויף אַ סך געשוווירענע ייִדישיסטן געזאָגט געוואָרן", און אַז מאַנכע האָבן אַפילו אונטערגעברומט אַ ייִדיש פאָלקס־לידל, און דערביי געהאַט טרערן אין די אויגן.

איז אויב — האָב איך געטראַכט — זיי, גוטע ציוניסטן, וואָס האָבן אַליין אַ סך אַרייַנגעלייגט אין ארץ־ישראל, האָבן גאָרנישט געקענט פועלן, איז וואָס קען מײַן שתדלנות העלפן?

האָב איך טאַקע די טעמע אויסגעמיטן, טראַכטנדיק, אַז אויב עס האָט זיך עפּעס געענדערט אין דער אָפיציעלער באַציִונג פון ישראל צו ייִדיש, וועלן די ישראל־פירער מיר זיכער אַליין דאָס זאָגן, נישט וואַרטנדיק איך זאָל זיי פרעגן. ווייסן זיי דאָך, ווי איך וועל אַזאַ ידיעה אויפנעמען. אָבער זיי האָבן גאָרנישט גע־זאָגט. און דאָס טאַקע דערפאַר, ווייל עס האָט זיך אין דעם פּרט גאָרנישט געענ־דערט. אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן.

דאָס הייסט נישט, אַז מען שטערט עמעצן צו רעדן ייִדיש אין ישראל. חלילה!

איר קענט רעדן ייִדיש וויפל איר ווילט. די צייט פון דעמאָנסטראַציעס קעגן ייִדיש מצד די העברעיִשע פאַנאַטיקער, איז אַוועק. איר הערט פריי רעדן ייִדיש אין די אויטאָבוסן, אויף די גאַסן, אין די רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער, אין רעגירונגס־אַמטן און אַפילו אין בופעט פון דער כנסת. הלוואי אויף ניו־יאָרק געזאָגט געוואָרן. העברעיִש, אָדער ווי מען רופט עס דאָרט, עברית, איז טאַקע די שפּראַך פוי דער מדינה, און דאָס נישט בלויז די אָפיציעלע שפּראַך, נאָר אויך די פּאַקטישע, די לעבעדיקע שפּראַך, און וואָס שייך די קינדער און די יוגנט — די איינציקע שפּראַך, אין וועלכער איר קענט זיך מיט זיי פאַרשטענדיקן (אַ חוץ מיט טויזנטער אָרטאָדאָקסישע קינדער, וואָס רעדן ייִדיש אין ישראל, ספּעציעל אין ירושלים און אין צפת). אָבער עס זענען פאַראַן אין ישראל אַן ערך דריי הונדערט טויזנט ייִדן, מייסטנס פון די נייע אימיגראַנטן, וואָס אָן ייִדיש זענען זיי שטומע, אוןִ אין בעסטן פאַל — שטאַמלענדיקע באַשעפענישן. זיי שטערט קיינער נישט צו רעדן ייִדיש, און אויב אַ סאַברעלע קרימט זיי אַמאָל נאָך, איז עס אַ פּאַראיינצלטער פאַל, וועלכן מען דאַרף נישט נעמען ערנסט. און אויב ווידער אַן אָריענטאַלישער ייִד קרימט זיי פון צייט צו צייט נאָך מיט זיין „וואָס־וואָס־וואָס״, איז דאָס גיכער אַן אויסדרוק פון קנאה, ווי פון אָפּלאַכעריי. פאַר די „קאָלירטע״ ייִדן איז ייִדיש, ווי די שפּראַך פון די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, אַן אויסדרוק פון העכערער קולטור, וועלכע וועלכע זיי באַוווּנדערן אין האַרצן. ס׳איז איינע פון די טראַגי־קאָמישע פּאַראַדאָקסן פון ייִדישן לעבן, וואָס גראָד די אָריענטאַלישע ייִדן, וועלכע דער ציוניזם האָט יאָרן־לאַנג באַנוצט אַלס אַ שטאַרקן אַרגומענט אין זיין קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן ייִדיש אין ארץ־ישראל („מיר מוזן האָבן איין שפּראַך אויף צו קענען זיך צונויפרעדן מיט אונדזערע תימנער ברידער״) — וואָס גראָד זיי וואָלטן געוואָרן און לייכט גערעדט ייִדיש, אויב מען וואָלט זיי נאָר געגעבן אַ געלעגנהייט.

אויך ייִדיש טעאַטער ווערט מער נישט פאַרפאָלגט, נאָכדעם ווי די ייִדישע אַקטיאָרן האָבן אין העכסטן געריכט געוווּנען זייער פּראָצעס קעגן דער רעגירונג. די ייִדישע פּאָליציי שלעפּט זיי מער נישט יעדן טאָג אין געריכט אַריין פאַרן „פאַרברעכן״ פון שפּילן „אויף אַ פרעמדער שפּראַך״, ווי דאָס איז געשען פריִער. זיי קענען שפּילן וויפל זיי ווילן, אויב נאָר זיי קענען געפינען אַ פּאַסנדיקן לאָקאַל (קיין ערשטקלאַסיקן לאָקאַל וועט מען נישט פאַרדינגען פאַר ייִדיש טעאַטער) און אויב נאָר זיי זענען אימשטאַנד צו צאָלן די הויכע שטייערן, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויף די בילעטן (די העברעיִשע טעאַטערס דאַרפן די דאָזיקע שטייערן נישט צאָלן).

אַפילו אַ ייִדישע צייטונג קען מען שוין איצט לייענען יעדן טאָג אין ישראל.

אמת, די צייטונג מוז „באַשווינדלען״ די רעגירונג און זיך רופן דריי טעג מיט איין נאָמען און די אַנדערע דריי טעג — מיט אַ צווייטן נאָמען. אָבער ווער ווייסט נאָך בעסער ווי ייִדן, אַז אַ נאָמען שפּילט קיין ראָלע נישט און אַז וויכטיק איז בלויז דער תוך, דאָס וואָס שטייט, אָדער ליגט, אינעווייניק?

איז וואָס־זשע נאָך פעלט ייִדיש אין ישראל?...

וואָס שייך מיר, האָב איך אַמווייניקסטן אַ גרונט זיך צו קלאָגן אויף דיסקרי־מינאַציע קעגן ייִדיש. אַלע מיינע שמועסן מיט די פירער פון ישראל און פון דער „הסתדרות״ זענען געפירט געוואָרן אין ייִדיש. אויף דער אויפנאַמע, וואָס עס האָט פאַר מיר געמאַכט די רעדאַקציע פון „דבר״, האָבן אַלע רעדנער גערעדט ייִדיש, צווישן זיי אויך דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, דוד זכאי. איך האָב אויך גערעדט ייִדיש דורך דער ראַדיאָ אין ירושלים. מיינע עפנטלעכע רעפעראַטן אין ייִדיש זענען פאָרגעקומען אין גרויסע זאַלן, וואָס געהערן צו דער „הסתדרות״ און אויב עס איז דאָרט געקומען פּאָליצײ און געהייסן מענטשן זיך פאַנאַנדערגיין, איז עס נישט געווען געווענדט צו דעם עולם, וואָס האָט זיך געפונען אין זאַל, נאָר צו דעם עולם, וואָס איז געבליבן אין דרויסן, ווייל אינעווייניק איז שוין קיין פּלאַץ נישט געווען.

אָבער אויב איך זאָל אורטיילן די אָפיציעלע באַציִונג פון ישראל צו ייִדיש לויט דעם, ווי מען האָט זיך דאָרט באַצויגן צו מיין ייִדיש, וואָלט געווען פּונקט אַזוי ווי אַן אַמעריקאַנער טוריסט זאָל אורטיילן די פלייש־לאַגע אין ישראל לויט דעם „סטעיק״, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט אין זיין האָטעל.

ווייל די זעלבע לאָקאַלן, אין וועלכע איך האָב געהאַט מיינע רעפעראַטן אין ייִדיש, וועלן פאַר אַן אָרטיקער ייִדיש־אונטערנעמונג נישט אַזוי גרינג פאַדונגען ווערן.

ניין, די אָפיציעלע באַציִונג צו ייִדיש, ווי צו אַ פרעמדער שפּראַך („לועזית״), ווי צו אַ „זשאַרגאָן״, האָט זיך אין ישראל נישט געענדערט. עס איז מערקווירדיק — גראָד אויף דעם געביט איז די ייִדישע רעגירונג מער אויסגעהאַלטן און קאָנ־סעקווענט, ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן. כדי נישט צו דערצערענען זיינע קאָאַ־ליציע־שותפים, אָדער איינפלוסרייכע, אָבער אָפּגעפרעמדטע ייִדן פון אויסלאַנד, איז דער סאָציאַליסט און וועלטלעכער ייִד, בן־גוריון, גרייט צו גיין אויף גרויסע קאָמפּראָמיסן, סיי אין דער פראַגע פון חתונות און גטן, און סיי אין פראַגן פון קאַפּיטאַל און אַרבעט, און אַפילו אין אַזאַ פּרינציפּיעלער ציוניסטישער פראַגע, צי אַמעריקע איז יאָ גלות, אָדער נישט גלות. אָבער ווען עס קומט צו דער פראַגע ייִדיש, דעמאָלט בלייבט ער אויסגעהאַלטן אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. ער

האָט איינמאָל געזאָגט, אַז ייִדיש איז אַ „פרעמדע, גרילצנדיקע שפּראַך“, בלייבט עס אַזוי אויף אַלע אייביקייטן, און אַז ער האָט באַשלאָסן נישט צו דערלויבן אַ טעגלעכע ייִדישע צייטונג אין ישראל, וועט ער זיין באַשלוס נישט ענדערן. דאָס בלייבט הייליקער געזעץ. דאָ וועלן נישט זיין קיין שום קאָמפּראָמיסן.

אַן ענגלישע טאָג־צייטונג גייט טאַקע אַרויס, און גראָד אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. עס גייען אויך אַרויס צוויי דייטשע טעגלעכע צייטונגען און איין אונגאַרישע (דער אָפיציעלער תירוץ איז, אַז יענע פרעמד־שפּראַכיקע טאָג־צייטונגען האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין נאָך איידער עס איז אַנטשטאַנען די ייִדישע מדינה, אויפן גרונט פון אַ דערלויבעניש פון דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט — אַקוראַט, ווי די ישראל־רעגירונג וואָלט נאָך ביז איצט קיין איין פריִערדיקע ענגלישע דערלויבעניש, אָדער ענגלישן געזעץ נישט אָפּגעשאַפט...), אָבער קיין דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ ייִדישע טאָג־צייטונג, וועט קיינער נישט באַקומען — קיינער, אַפילו נישט בן־גוריונס אייגענע פּאַרטיי, די מפּא״י. דאָס העכסטע, וואָס ער האָט איר דערלויבט, איז — זי זאָל אים „אָפּנאַרן“. זי זאָל מאַכן אַ „שפּיצל“ און אַרויסגעבן איר ייִדישע צייטונג אונטער צוויי באַזונדערע נעמען, און ער וועט דאָס טאָלערירן, אַבי דער פּאַרבאָט קעגן אַ ייִדישער טאָג־צייטונג זאָל פאָרמעל בלייבן אָפּגעהיט. צופיל זיך לאָזן אָפּנאַרן האָט ער, פונדעסטוועגן, אויך פון איר זיך נישט געלאָזט. ווייל ווען די, איצט שוין נישט־עקזיסטירנדיקע, ייִדישע מפּא״י־צייטונג האָט געפּרוווט דרוקן מיט גרויסע שריפט דעם אַלגעמיינעם נאָמען פון ביידע אויסגאַבעס — „ייִדישע צייטונג“ — און דאַקעגן די צוויי „היתר־עיסקא“־נעמען — „דאָס וואָרט“ און „די צייט“ — מיט קליינע שריפט, האָט דאָס אינערן־מיניסטעריום באַלד געגעבן אַ וואָרענונג און די רעדאַקציע האָט דעם גרויסן אַלגעמיינעם קאָפּ אַראָפּגענומען און איז צוריק געבליבן ביי די צוויי באַזונדערע נעמען, וואָס יעדע האָט זיך באַוויזן דריי מאָל אין וואָך.

די רעגירונג איז, ווי מען זעט, געבליבן פעסט ביי איר פּרינציפּ:

„ייִדיש טאָר ביי אונדז נישט באַקומען קיין בירגער־רעכט!“.

און דער דאָזיקער פּרינציפּ ווערט אָנגעווענדט אין די שולן, אין געזעלשאַפט־לעכן לעבן, און אויך אין גאַס. מען דאַרף נישט ערשט לאַנג זיין אין ישראל דאָס צו באַמערקן. פאַר מיר איז דעריבער נישט געווען קיין גרויסע איבערראַשונג, ווען איך האָב איבערגעלייענט טאַקע אין דער ייִדישער מפּא״י־צייטונג (אינעם אַרטיקל פון משה גראָסמאַן), אַז אַלע ביכער־געשעפטן אויף דער פּרינציפּאַלער אַלענבי־גאַס אין תל־אביב, ווו די אויסשטעל־פענצטער זענען פול מיט ענגלישע, פראַנצויזישע און אויך דייטשע ביכער — ווילן נישט אָננעמען דעם זשורנאַל

„די גאָלדענע קייט", כאָטש עס איז אַן אויסגאַבע פון דער „הסתדרות". און פּונקט אַזוי האָט פאַר מיר נישט געקלונגען אויסטערליש דער צווייטער פאַקט, וועלכן עס ברענגט אין זעלבן אַרטיקל משה גראָסמאַן: אַז אַ זעכצן־יעריקע סאַברע האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצוגיין מיט אירע עלטערן אויף אַ יידיש־קאָנצערט פון יוסף בולאָוו, ווייל טאָמער וועט זי ביים אַריינגאַנג באַגעגענען אַ חברטע פון שול, וועט זי זיך פאַר יענער פאַרשעמען.

דאָס איז די אַטמאָספערע, אין וועלכער עס לעבט יידיש אין ישראל.

**
*

אָבער פאַראַן געציילטע אינדזלען אין ישראל, ווו יידיש איז אַרומגערינגלט מיט ליבע און דרך־ארץ, אַזוי ווי עס פאַרדינט די שפּראַך אויף וועלכער די יידישע מאַסן האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער גלות־געשיכטע געמאָנט זייער חלק וועלט און מיט וועלכער מיליאָנען פון זיי זענען געגאַנגען זייער לעצטן וועג...

דער שענסטער יידיש־אינדזל אין ישראל איז איצט דאָס קולטור־הויז אויפן נאָמען פון פראַנץ קורסקי אין תל־אביב, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן פון „בונד" אין ישראל מיט דער הילף פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין אַמעריקע. איך האָב זיך באַטייליקט אין דער דערעפענונג פון דעם קורסקי־הויז, און נאָך איצט שטייט מיר קלאָר פאַר די אויגן דאָס בילד פון דער דאָזיקער זעלטענער יידיש־פייערונג אין דער יידישער מדינה. דער עסטעטישער, אָבער קליינער זאַל האָט נישט געקענט אַריינעמען אַפילו אַ קליינעם טייל פון די אַלע, וואָס זענען געקומען. איז געפונען געוואָרן אַן אויסוועג: די בונדיסטן און מיטגלידער פון דער קורסקי־ביבליאָטעק האָבן זיך פרייוויליק אָפּגעזאָגט אַריינצוגיין אין זאַל, איבערלאָזנדיק אַלע פּלעצער פאַר די יידישע שרייבער און אַנדערע געסט, וואָס זענען געקומען צום חנוכת־הבית. זיי, די מחותנים, צוזאַמען מיט אַ סך פאַרשפּעטיקטע געסט, זענען געבליבן אין דרויסן, אויפן הויף און ביי די אָפענע פענצטער, און פון דאָרט אויס זיך באַטייליקט אין דער שמחה. גראָד די, וואָס האָבן אַממייניסטן גע־האָלפן, אַז יידיש אין ישראל זאָל האָבן אַן אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ, זענען ביי דער פייערונג געבליבן אונטערן פרייען הימל, אָבער מיטן האַרצן און מיט דער נשמה זענען זיי געווען אינעווייניק. ווען איך האָב גערעדט אויף דער דאָזי־קער פייערונג, איז מיר שווער געווען פעסטצושטעלן, פון וואַנען עס שטראָמט אַהער מער וואַרעמקייט — פון זאַל, אָדער פון דרויסן.

עפּעס האָט די גאַנצע פייערונג פאַרמאָגט אין זיך די פייערלעכקייט פון אַ

היסטאָרישע געשעעניש (דאָס ערשטע ייִדיש־קולטור־הויז אין ישראל) און די אינ־טימקייט פון אַ קליינשטעטלדיקע חתונה, ווו נישט נאָר די שכנים, נאָר אויך די דעכלעך און די לבנה קוקן אַריין דורך די פענצטער.

די גרעסטע צאָל פון די פאַרזאַמלטע ייִדישע שרייבער (ווי יואל מאַסטבוים, אברהם סוצקעווער, א. מ. פוקס, ד״ר ישראל רובין, י. פּאַפּיערניקאָוו א״אַ) זענען באַשטאַנען פון ציוניסטן, אָבער דאָס האָט זיי נישט געשטערט זיך צו פרייען אויף דער דאָזיקער שמחה. די מיינסטע שעפער פון ייִדיש, ביי זייער גאַנצער ליבע צום לאַנד, פילן זיך אָפּטמאָל איינזאַם און איבעריק אין ישראל. דאָ אָבער, אין קורסקי־הויז, לעבן די נייע פּאָליצעס מיט טויזנטער ייִדישע ביכער, און לעבן די מענטשן, וואָס לייענען זיי, האָבן זיי זיך דערפילט וויכטיק. דאָ זענען זיי געווען אויף זייער באָדן. עס איז דאָס אָנגענעמע געפיל פון מענטשן, ווען זיי וויסן, אַז מען דאַרף זיי האָבן.

אָבער עס וואָלט געווען פאַלש צו מיינען, אַז די גרינגשעצנדיקע באַציִונג פון דעם סאַברע און באַאַמטן אין ישראל צו ייִדיש איז אַן אויסדרוק פון רשעות. דער ענין איז אַ פיל טיפערער — ער האָט צו טון מיטן אייגענעם בליק אויפן ייִדישן לעבן סיי אין ישראל און סיי אין גלות.

די דאָזיקע פראַגע וועלן מיר באַטראַכטן אין אונדזער לעצטן קאַפּיטל.

ביים פּאַרלאָזן ישראל

קורץ פאַר מיין אָפּפאָרן פון ישראל בין איך געזעסן מיט מיין לאַנגיאָריקן פריינט, דעם באַקאַנטן שריפטשטעלער י. מ. ניימאַן, (וואָס איז געווען אַ רעדאַקציע־מיטגליד פון „דבר", ביז זיין טויט מיט אַ קורצער צייט צוריק), און זיך געטיילט מיט מיינע איינדרוקן פון לאַנד. רופט ער, דער לעבנסלאַנגער ציוניסט, זיך צו מיר אָן:

— איצט קענען מיר דאָך אייגנטלעך פאַרענדיקן אונדזער אַלטע דיסקוסיע. דו ביסט מסכים, אַז ישראל איז אַ פאַקט און איך בין מסכים, אַז די יידישע מדינה פאַרענטפערט נישט די יידן־פראַגע.

האָב איך צוגעגעבן, אַז איך האַלט די יידישע מדינה פאַר אַ פאַקט און אַז איך ווינטש פון גאַנצן האַרצן דער פאַקט זאָל ווערן וואָס פעסטער און זיכערער, כדי די יידן, וואָס געפינען זיך דאָרט, זאָלן קענען האָבן אַ נאָרמאַל נאַציאָנאַל לעבן. אָבער די פראַגע פון ...

האָב איך צוגעגעבן, אַז איך האַלט די יידישע מדינה פאַר אַ פאַקט און אַז איך ווינטש פון גאַנצן האַרצן דער פאַקט זאָל ווערן וואָס פעסטער און זיכערער, כדי די יידן, וואָס געפאַר, נויט און היימלאָזיקייט, אָדער די בענקשאַפט זיך אויסצולעבן אַ פול נאַציאָנאַל לעבן, האָבן דאָ צונויפגעטריבן פון אַלע עקן וועלט, זאָלן אויף דער דאָזיקער ערד זיך קענען פריי אויסלעבן אַלס מענטשן און אַלס יידן. און וואָלט דער צווייטער צד אין דער דיסקוסיע, דער ציוניזם, אויך אָנערקענט דעם צווייטן פאַקט, אַזוי ווי מיין פריינט, אַז מדינת ישראל פאַרענטפערט נישט די יידן־פראַגע, וואָס דאָס מיינט, אַז די יידן פון די איבעריקע לענדער פון דער וועלט מוזן זוכן און געפינען וועגן צו זיכערן זייער פיזישע עקסיסטענץ און אויך זייער קיום אַלס יידן אויסער די גרענעצן פון ישראל און אין די גרענעצן פון זייערע וווין־לענדער — דעמאָלט וואָלט מען געקענט פאַרענדיקן די דיסקוסיע. איז אָבער די מעשה, וואָס דער ציוניזם האַלט זיך ווייטער ביי זיין לאָזונג פון „קיבוץ גלויות"; פון „ראַטעווען קיין ישראל" די יידן פון אומעטום, ווייל אַנדערש, זאָגט ער, וועלן זיי אונטערגיין. דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל איז געבויט געוואָרן

דורכן ציוניזם און עס איז דעריבער געווען נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז ער זאָל אויך איבערנעמען די פירונג פון דער ייִדישער מדינה.

אָבער דערפאַר וואָס דאָס איז געווען נאַטירלעך, איז אויך נאַטירלעך, וואָס אונדזער דיסקוסיע דויערט ווייטער.

***

איך האָב געזען אין ישראל גרויסע דערגרייכונגען, וואָס האָבן אויף מיר איבערגעלאָזט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק, סיי אַלס ייִד און סיי אַלס סאָציאַליסט. פאַרשטייט זיך, אַז מער פון אַלץ זענען מיר געווען נאָענט די קיבוצים, ווו נייער מענטש און נייער ייִד זענען נישט בלויז טעאָריעס. עס זענען דאָ שוועריקייטן און אויך קריזיסן אין די קיבוצים, איצט מער ווי פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה. ווייל ווי ניי דער מענטש זאָל נישט זיין, האָט ער נאָך אַלץ אַ „שטיקל״ שייכות צום אַלטן מענטש, ער ווינט אין שכנות מיט אים, אָדער נישט זעלטן אַפילו אין אים און פון דאָרט ווינקט ער צו אים מיט זיינע זינדיקע אויגן... דערצו ליגט נאָך אויף מאַנכע קיבוצים דער שאָטן פון די פאַרלאָזענע אַראַבישע פעלדער... אָבער ווי אָרעמער און פינצטערער וואָלט געווען ישראל, ווען דאָרט זאָלן נישט זיין די קיבוצים מיט זייערע שוועריקייטן און קריזיסן! אָבער אויך אויסער די קיבוצים האָב איך געזען אין ישראל וויכטיקע אויפטוען — כ׳האָב זיי געזען אין די האַלב־קאָאָפּעראַטיווע דערפער (מושבים), איך האָב זיי געזען אין די קינדער־היימען, אין די האַנטווערקער־שולן, אין די יוגנט־פאַרמס, איך האָב זיי געזען אין אַ רייע קולטור־און קונסט־אינסטיטוציעס אין די שטעט, איך האָב זיי געזען אין די אַלערליי וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס, ספּעציעל אין רחובות, און איך האָב זיי אויך געזען אויף דעם גליענדיקן שאָסיי, וואָס פירט קיין סדום.

ווען איר גיט אַ טראַכט, אַז דאָס אַלץ איז אין פאַרלויף פון ממש געציילטע יאָרן אויפגעבויט געוואָרן אין מיטן די וויסטענישן פון דער דרימלענדיקער מיטל־אַזיע, ווו יאָר־הונדערטער גייען מיט קעמל־טריט, און נישט שטענדיק פאָרויס, נאָר אויך צוריק — מוזט איר ווערן נתפּעל.

אָבער איך האָב אויך געזען אין ישראל גרויסע, שוואַרצע פלעקן, וואָס הערן מיך נישט אויף צו פאַרפאָלגן, אַמשרעקלעכסטן האָבן אויף מיר געווירקט די אימיגראַנטן־לאַגערן, די מעברות, ווו פיל טויזנטער ייִדן שמאַכטן נאָך אַלץ אין די אַנגעגליטע בלעכענע קאַסטנס, וועלכע געפינען זיך נישט זעלטן גאַנץ נאָענט פון לוקסוס־ווילעס און פּאַלאַצן, וואָס ווערן כסדר געבויט פאַר די פּריווילעגירטע יחידים און אויך פאַר קהלישע אינסטיטוציעס.

נאָך די מעברות האָב איך זיך אַמערגסטן געפילט אין די אַראַבישע דערפער און שטעטלעך, אָדער ריכטיקער — געטאָס, ווייל די אַראַבער האָבן פון זייערע וווינונגס־ערטער נישט קיין רעכט אַרויסצופאָרן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון מיליטערישן קאָמענדאַנט. דאָרט, אין די אָנגעגליטע מעברות, האָבן מיך דערשיטערט די זיפצן, די טרערן און די קללות פון די היימלאָזע ייִדן. און דאָ, אין די אַראַבישע געסלעך און קאַפע־הייזער, האָט מיך געשראָקן דאָס טונקעלע שווייגן פון די אַראַבער. איך האָב זיך נישט געקענט באַפרייען פון דערדריקנדיקן געדאַנק, אַז דאָס זענען די אַראַבער, וועלכע די ישראל־פירער האָבן דאָך פאַר דער גאַנצער וועלט פאַרגעשטעלט אַלס ייִדן־פריינט, ווייל זיי האָבן זיך נישט געלאָזט אויפהעצן פון זייערע פירער, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די איבעריקע זיבן־אַכט הונדערט טויזנט פאַלעסטינער אַראַבער, און זענען געבליבן מיט די ייִדן.

זענען טאַקע — האָב איך זיך געפרעגט — די דאָזיקע שוויגנדיקע ישראל־אַראַבער געווען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פריינט פון די ייִדן, און דאָס לעבן אַלס מינדערהייט אין דער ייִדישער מדינה האָט זיי פאַרוואַנדלט אין שונאים, קעגן וועלכע מען מוז כסדר אָנווענדן אויסנאַם־געזעצן?

און ווען איך האָב שפּעטער אַנדערע און אויך זיך געפרעגט, ווו עס ליגט די סיבה סיי פון דעם פאַרשלעפּטן „לעבן" אין די לאַגערן און סיי פון די פאַר־ערגערטע באַציִונגען מיט דער אייגענער אַראַבישער באַפעלקערונג, האָב איך באַקומען אַן ענטפער: די הויפּט־סיבה ליגט אין דעם געבאָט פון „קיבוץ גלויות". דאָס איז דער העכסטער ציוניסטישער געבאָט, וואָס איז זיין נאָמען איז כדאַי צו פאַרבייגן אַנדערע געבאָטן. מען מוז אויסלײדיקן די גלותן, מעגן יאָ אָדער נישט זיין מענטשלעכע דירות פאַר די נייע אימיגראַנטן; אַלץ איינס, עס לוינען אַלע ליידן, כדי אויסצולייזן ייִדן פון די גויאישע לענדער. יעדער ייִד, ווו ער זאָל נישט וווינען, איז אַ ישראל־בירגער, און דעריבער מוז דער בירגערשאַפטס־געזעץ פון ישראל אַזוי צוגעשניטן ווערן, אַז ער זאָל שטימען מיטן פּרינציפּ פון קיבוץ־גלויות, מעג אַפילו צוליב דעם דאַרפן אויך געשניטן ווערן דער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע.

***

אָבער נאָך אַנדערע טרויעריקע דערשיינונגען האָב איך געזען אין ישראל, וואָס זייער סיבה האָב איך געפונען אין געבאָט פון קיבוץ גלויות. אַ שטייגער, די דערשיינונג, וואָס מיר האָבן באַהאַנדלט אין פריִערדיקן קאַפּיטל — די באַליי־דיקנדיקע באַציִונג צו דער ייִדישער שפּראַך, וואָס איז היינט, לויט מיין מיינונג,

אין די לענדער אויסער ישראל, דאָס שטאַרקסטע אַפּוּוער־מיטל קעגן דער אַסי־מילאַציע. אפשר קען מען אין די „גלות"־לענדער זיין אַ ייִד אויך אָן ייִדיש, אָבער מיט ייִדיש איז מען זיכער אַ ייִד. דערווייל האָט נאָך קיין איין ייִדיש הויז אין אַמעריקע נישט אָנגעהויבן צו רעדן העברעיִש, צוליב דעם וואָס מען האָט דאָרט אויפגעהערט צו רעדן ייִדיש, מעג אַפילו דאָרט עמעצער זאָגן אויף אַ קאַמפּיין־שמחה „שאַלאָם".

איז אַז איר פרעגט זיך ווו ליגט די סיבה פון דער דאָזיקער חרפּהדיקער באַציִונג פון די ייִדישע אָפיציעלע קרייזן און אויך פון דער ייִדישער יוגנט אין ישראל צו דער ייִדישער פאָלקס־שפּראַך, איז ווידעראַמאָל דער זעלבער ענטפער: „קיבוץ גלויות", אָדער „שלילת הגלות", דאָס מבטל מאַכן דעם גלות צוזאַמען מיט זיינע אַלע גרויסע מאָראַלישע ווערטן און גייסטיקע אוצרות. דאָס זאָגן „ניין" אויף אַלעם, וואָס ייִדן האָבן דאָרט געשאַפן, צי דאָס איז די ייִדישע שפּראַך, די ייִדישע ליטעראַטור, די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, די ייִדישע אויטאָנאָמיע, די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אָדער די ייִדישע זעלבסטשוץ.

איבער צוויי טויזנט יאָר ייִדישע געשיכטע דאַרף מען אַריבערשפּרינגען, ווי מען שפּרינגט אַריבער איבער אַ הויפן זאַמד. ווי זאָגן די כנענים אין זייער פּראָ־גראַם: „עס איז געווען אַ ליידיקייט פון בר־כוכבא ביז דער גרינדונג פון פּתח־תקווה"...

און אַזוי ווי די גאַנץ־קליינע גרופּע כנענים זאָגט, אַזוי טראַכט אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט אין ישראל. דאָס שטעלט פעסט אַזאַ באַגלויבטער עדות ווי ברוך קורצוויל, אַליין אַ מפּא"י־חבר, אין זיין גרינטלעכער אַרבעט „די יונגע עברים" (כנענים). אַזוי האָט מען געלערנט אין פאַרלויף פון יאָרן — אַז גלות איז לויטער אומגליק, און וואָס פריִער מען וועט זיך פון דעם פּעקל באַפרייען, אַלץ געזינטער פאַר דעם פאָלק ישראל און לאַנד ישראל.

***

זיכער איז דער דאָזיקער גרויסער ציוניסטישער „ניין" פאַרן גלות ענג פאַרבונדן מיטן גרויסן „יאָ" פאַר ישראל, געבויט אויף דער איבערצייגונג, אַז „מלוכה" איז אַ רפואה צו אַלע קראַנקהייטן פון אַ פאָלק. די דערפאַרונג האָט אונדז אָבער געלערנט, אַז אויב מלוכהשע זעלבסטשטענדיקייט איז אַ רפואה צו געוויסע נאַציאָנאַלע קראַנקהייטן, היילט זי אָבער נישט שטענדיק דעם פאָלקס סאָציאַלע און מאָראַלישע קראַנקהייטן. נישט זעלטן פאַרשאַרפט זי זיי נאָך. מיר האָבן דאָס

געזען אין אַ היפּשער צאָל ניי־אָנטשטאַנענע מלוכות אין מזרח־אייראָפּע צווישן די צוויי וועלט־מלחמות און מיר זעען דאָס איצט אויך, ליידער, אין ישראל. דער מאָראַלישער צושטאַנד פון ידישן ישוב אין ארץ־ישראל איז געווען אַן אַן ערך העכער פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה, ווי ער איז איצט. נישט אומזיסט האָט נאָך מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק זיך געשראָקן פאַר „מלוכה" (וואָס האָט דעמאָלט געהאַט נאָר איין פאָרעם — אַ מאָנאַרכיסטישע) אַזאַ קלוגער ייד ווי שמואל הנביא. אַגב, איז פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט פון קליינע און אַפילו פון גרעסערע מלוכות היינט צו טאָג מער אילוזיע, וויווירקלעכקייט און וואָס שייך יידן, האָבן מיר אין אונדזער גאַנצער פערטערהאַלבן טויזנט יעריקער היסטאָריע געהאַט קוים אַכציק יאָר פון פולער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט (די צייטן פון דוד און שלמה).

אָדער נעמט אַ שטייגער די אַנדערע איבלען פון ישראל, ווי די גרויסע צאָל אַמטן און פּאַראַלעלע אינסטיטוציעס. ביי מיין גאַנצער אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פון דער גרויסער אַרבעט פון דעם „קרן קימת" און פון דער יידישער אַגענטור, קען איך בשום אופן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס די דאָזיקע אינסטיטוציעס קענען נישט פאַראייניקט ווערן מיט די געהעריקע רעגירונגס־אַמטן, נאָר עקזיסטירן ווייטער אַלס זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציעס — איך האָב שיער געוואָלט זאָגן: זעלבסטשטענדיקע רעגירונגען — מיט אייגענע ריזיקע שטאָבן פון באַאַמטע, מיט פּראָפּאַגאַנדע־דירעקטאָרן, מיט שליחים און מיט דעם גאַנצן איבעריקן גרויס־מלוכהשן אָנשטעל, וואָס קאָסט אָפּ שווערע מיליאָנען דאָלאַרן, און וואָס אַפילו אויב נאָר אַ טייל וואָלט פאַרוועגדט געוואָרן אויף צו בויען וווינונגען פאַר די לאַגער־יידן, וואָלטן די בלעכענע גיהנום־דירות שוין לאַנג געקענט איבערגעאַרבעט ווערן אויף סאָרדינען־פּושקעס און מען וואָלט זיי געקענט עקספּאָרטירן קיין אויסלאַנד און באַקומען פאַר זיי פעסטע וואַלוטע.

אָבער אויך דאָ איז דער זעלבער ענטפער: „קיבוץ גלויות".

אַנדערש איז, ווען מען ווייסט, אַז מען איז דער פירער פון אַן אָרעם פאָלק, וואָס באַשטייט פון צוויי מיליאָן מענטשן, אַ סך פון זיי נאַקעטע און באָרוועסע און אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און גאָר עפּעס אַנדערש איז, ווען מען קוקט אויף זיך ווי אויף אַ רעגירונג פון צוועלף מיליאָן בירגער, וואָס די גרעסטע צאָל פון זיי וווינען „דערווייל אין אויסלאַנד" און האָבן דאָרט אָנגעזאַמלט היפּשע פאַרמעגנס, און עס איז נאָר אַ פראַגע פון צייט און פון גוטער פּראָפּאַגאַנדע, כדי זיי צוזאַמען מיט זייערע פאַרמעגן צו ברענגען „צוריק אַהיים". אַזאַ רעגירונג פון אַזאַ היפּש

און רייך פֿאָלק קען זיך נישט פירן קבצניש. אי עס פּאַסט נישט און אי עס לוינט נישט.

דערמיט איז שטאַרק פֿאַרבונדן אויך אַ צווייטער איבל, וואָס האָט שוין נישט איין אַמעריקאַנער ייִדן פֿאַרשאַפֿט אַ סך בייז־בלוט אין ישראל — דאָס סטראַשען די אַמעריקאַנער ייִדן מיט פּאָגראָמען און אַפילו מיט גאַז־קאַמערן אין אַמעריקע. אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אין ישראל פֿאַרנעמען זיך מיט די דאָזיקע פֿינצטערע נביאות, אָבער ספּעציעל צייכנט זיך דערמיט אויס די פּראָ־קאָמוניסטישע מפּ״ם, וואָס לויט איר פּראָגראַם, וואָלט זי דאָך געדאַרפֿט גיכער פּראָוואָזאַגן אַ רעוואָלוציע און אַן אָרדענונג פֿון ברידערלעכקייט און סאָציאַליזם אין אַמעריקע (ווי אין דער גאַנצער וועלט), ווי אונדז צוזאָגן אויפֿן נאָענטן מאָרגן אַ רעזשים פֿון פּאָגראָמען און גאַז־קאַמערן אין אַמעריקע. אָבער אַזוי שטאַרק איז דער געבאָט פֿון קיבוץ גלויות, אַז ער דעקט צו אַלע אַנדערע געבאָטן. אויך די סאָציאַליסטן אין ישראל, סיי די פּראָ־קאָמוניסטישע און סיי, לײַדער, די דעמאָקראַטישע, וועלכע זענען מיר דאָרט אָמנאָענטסטן, זעען די צוקונפֿט פֿון די ייִדן אויף דער וועלט (און ממילא אויך פֿון די פֿעלקער אויף דער גאַנצער וועלט) אין די פֿינצטערסטע פֿאַרבן. עס קומט אויס לויט זיי, אַז די פֿעלקער וועלן אַלעמאָל בלײַבן אַנטיסעמי־טיש און אַז אַ ייִד וועט צווישן זיי קיינמאָל נישט זײַן זיכער מיטן לעבן און אַז צוויי בירגער פֿון אַ לאַנד, מעגן זיי ביידע פֿאַרדינען זייער שטיקל ברויט מיטן שווייס פֿון זייער שטערן, איז אויב איינער איז אַ גוי, איז ער דער באַלעבאָס, און אויב דער צווייטער איז אַ ייִד, איז ער שטענדיק דער אומגעבעטענער אורח, וועלכן מען קען צו יעדער צײַט הייסן גיין.

דער דאָזיקער פּעסימיסטישער צוגאַנג צו דער נאַטור פֿון מענטשן און די דאָזיקע נאַציאָנאַליסטישע איינטיילונג פֿון די קינדער פֿון איין ערד אויף „באַלע־באָס” און „אורח” — דאָס איז די וואַנט, וואָס שטייט צווישן מיר און די ציוניסטן פֿון אַלע שאַטירונגען, אויך פֿון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. וואָרום אויב עס איז טאַקע אמת, אַז די פֿעלקער פֿון דער וועלט וועלן שטענדיק בלײַבן ייִדן־פֿרעסער, (וואָס דאָס מיינט ביי מיר אויך מענטשן־פֿרעסער), דעמאָלט איז דער גאַנצער שפּיל נישט כדאַי. דעמאָלט וועט מען אין ערגעץ נישט זײַן זיכער מיטן לעבן, אין ישראל נישט מער, ווי אין אַמעריקע, און דעמאָלט וועט אויך אין ערגעץ נישט לוינען צו לעבן.

איך גיב צו, אַז נאָכדעם ווי איך האָב באַזוכט ישראל, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער פּעסימיסטישער צוגאַנג פֿון ציוניזם צום גלות און צו דער מענטשלעכער נאַטור, האָט געשאַפֿן אַ סך ליכטיקע פּונקטן אין ארץ־

ישראל. ווער ווייסט, צי דער חלוץ וואָלט גאָר געווען אימשטאַנד זיך מיט אַזאַ עקשנות צו באַהעפטן מיט דער וויסטעניש און מיט דער גליִענדיקער זון און מיטן הונגער, און מיט דער מאַלאַריע, ווען ער זאָל נישט האָבן דאָס געפיל, אַז אַרום און אַרום אויף דער גאַנצער וועלט איז וויסט און פינצטער און אַז נאָר דאָ איז שיין און ליכטיק. ס׳איז נייטיק געווען די איבערטרייבונג סיי אין דעם אומ־גלויבן אינעם דרויסן און סיי אינעם גלויבן אין דעם ארץ־ישראלדיקן דאָ. אַ דאַנק דער דאָזיקער פאַרבלענדעניש זענען אין ישראל געשאַפן געוואָרן נסים.

איך האַלט אָבער, אַז איצט, ווען ישראל איז שוין אַ פאַקט, איז די דאָזיקע פאַרבלענדעניש שעדלעך פאַרן לאַנד און פאַר אירע ייִדן, אַזוי אויך פאַר די דרויסנדיקע ייִדן. אויב בן־גוריון איז גערעכט, אַז אין די גלות־לענדער איז איצט דער ציוניזם נישט מער ווי אַ שטערונג, מיין איך, אַז עס זענען נישט ווייניקער גערעכט די, וואָס זאָגן, אַז אויך אין ישראל איז דער ציוניזם מיט זיין געבאָט פון „קיבוץ גלויות״ איצט אַ שטערונג.

ייִדן פילן זיך פריי אין ישראל. זיי האָבן דאָרט גוטע מעגלעכקייטן זיך אויסצולעבן אַלס מענטשן און אַלס ייִדן, און עס וואָלט געווען אַ גרויסע טראַגעדיע סיי פאַר זיי און סיי פאַר די ייִדן פון די אַנדערע לענדער, אַז די דאָזיקע מעגלעכ־קייטן זאָלן געשטעלט ווערן אין געפאַר צוליב גרויס־מלוכהשער נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק, וואָס האַלט איר בליק געווענדט נישט צו דער היינטיקער זיכערקייט און ווילזיין פון די ייִדן אין ישראל, נאָר צו דער מאָרגנדיקער זיכערקייט פון די ייִדן אין ישראל און פון די ייִדן אין אַמעריקע.

די ייִדן אין ישראל, נאָך זייערע אַלע פינצטערע איבערלעבונגען און וואָגלע־נישן, האָבן פאַרדינט אַ פעריאָד פון פרידלעכן אויפבוי, פון דעמאָקראַטישער געשטאַרקטקייט, פון פריינטלעכע באַציִונגען מיט די שכנים און פון ברידערלעכער הילף פון די ייִדן פון די פרייע לענדער, אָבער דאָס וועט נאָר זיין מעגלעך, ווען ישראל וועט נישט באַטראַכטן זיך פאַר דעם איינציקן זיכערן ייִדישן ווינקל אויף דער וועלט, און אירע ייִדן אַלס די איינציקע אמתע ייִדן. ישראל אַלס דער וויכ־טיקער ייִדישער צענטער קען נאָר געווינען פון דעם, ווען זי וועט אויך אָנערקענען די וויכטיקייט און לעבנספעיִקייט פון די ייִדישע צענטערס אויסער ישראל, און ווען די ישראל־ייִדן וועלן זיך באַטראַכטן פאַר גלייכע שותפים פון די ייִדן און פון די מענטשן פון דער גאָרער וועלט.

צווייטער טייל

אַ בליק אויף דער וועלט

צווייטער טייל

אַ בליק אויף דער וועלט

1 די צוויי אַטענס (I אַטען של מטה II אַטען של מעלה) 201
2 רוים 213
3 צווישן יידן אין רוים 218
4 ביים פויפּסט 225
5 לאָנדאָן 231
6 אין לאָנדאָנער „וויטשעפּל" 238
7 פּאַריז 243
8 פּאַריז — דער יידישער צענטער אין נאָכמלחמהדיקן אייראָפּע 252
9 אַמסטערדאַם 264
10 אין דאַכאַו 278
11 שטאָקהאָלם 284
12 צווישן יידן און ניט־יידן אין שוועדן 290
13 זשענעווע 299
14 מיין באַגעגעניש מיט יאַפּאַן 307
15 איך און דער יאַפּאַנישער פּאָליציי־שעף 313
16 קאָנטראַסטן אויף די גאַסן פון מעקסיקע 320
17 אַ שמועס וועגן מאָרגן אויף די געסלעך פון האַוואַנאַ 329

די צוויי אַטענס:

I

אַטען של מטה

אויב עס איז אמת, אַז גליקלעכע פעלקער האָבן נישט קיין געשיכטע, דעמאָלט זענען די גריכן דאָס אומגליקלעכסטע פאָלק אויף דער וועלט, אַפילו נישט דאָס יידישע, איז נישט באַלאָדן מיט אַזאַ רייכער געשיכטע ווי דאָס גריכישע פאָלק.

אָבער די פלייצעס פון דעם היינטיקן גריך זענען שמאָלע, שוואַכינקע און דער פאַק איז אַ ריזיקער — נישט נאָר פעלט דעם טרעגער פיזישע כוחות אים צו טראָגן, נאָר אויך גייסטיקע כוחות. ער האָט שוין לאַנג פאַרלוירן די אינטימע פאַרבינדונג מיט זיין אייגענער רייכער פאַרגאַנגענהייט. דער פאַק איז אים וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ פרעמדער און פרעמדער, און דערפאַר שווערער און שווערער. האָט ער אין אַ געוויסן טאָג אַראָפּגענומען דעם פאַק פון די פלייצעס און איז זיך מיט שטילע טריט אַוועק צו זיך אַהיים, צו פירן אַ לעבן פון אַ גרויען מענטשן, וואָס זיין טאָג איז אויסגעפילט מיט די גרויסע נויטן און קליינע פריידן פון דער אָרעמקייט.

דאָס איז נישט געווען קיין אַקט פון רעוואָלוציע און אַפילו נישט פון פּראָטעסט, נאָר אַן אויסדרוק פון מידקייט און גלייכגילטיקייט. דער גריך האָט ווייטער דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר זיין אייגענער גלאָררייכער היסטאָריע און אין יום־טובדיקע טעג שטרענגט ער זיך אַפילו אָן און פרוווט ווידער אַרויפשלעפּן דעם פאַק אויף די פלייצעס, אָבער אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָר זענען זיי ביידע אָפּגעטיילט. די גריכן וווינען אונטן, צופוסנס פון די שטיינערנע בערג, און די גריכישע היסטאָריע וווינט אויבן — אויפן הייליקן אַקראָפּאָליס, צווישן די שטיינערנע רעשטלעך פון דער אַמאָליקער גלאָריע.

אַזאַ איינדרוק האָב איך געהאַט, ווען איך בין אין אַ מילדן, וואָכעדיקן פרימאָרגן צום ערשטן מאָל אַריינגעפאָרן אין אַטען און געפרווט אויפכאַפּן די אַטמאָספערע פון דער דאָזיקער פיר־טויזנט־יאָריקער שטאָט.

אויב אויף די גאַסן פון אירע צוויי יינגערע שוועסטער — ירושלים און רוים — האָב איך אויף שריט און טריט געשפּירט דעם אָטעם פון אייביקייט, האָב איך אין אַטען — נישט אויף אירע מאָדערנע גרויסשטאָטישע גאַסן און אַפילו נישט אויף די שמאָלע געסלעך פון דער אַלטער שטאָט, אַרום די קראָמען און וואַר־שטאַטלעך — אויף קיין איין מאָמענט נישט געהאַט דעם געפיל, אַז איך בין אַרומ־געריינגלט פון יאָר־טויזנטער. עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן די פאַרזיכערונג פון מיין גריכישן באַגלייטער, אַז אויף די דאָזיקע געסלעך איז אַרומגעגאַנגען דער באַרוועסער סאָקראַטעס און געפּרעדיקט זיין לויטערע חכמה פאַר זיינע יונגע תלמידים, וואָס זענען נאָך אים נאָכגעגאַנגען. איך האָב קיין סימן פון זיין אַנוועזנ־הייט דאָ אין ערגעץ מער נישט געפונען — נישט אויף די הייזער און נישט אויף די פּנימער פון די מענטשן. אפשר זענען דאָ אַמאָל געווען שפּורן פון געטער און פון פילאָסאָפן — האָבן די יאָר־טויזנטער פון מלחמות, קנעכטשאַפט און גלייכ־גילטיקייט זיי אָפּגעווישט. אפשר איז גאָט אייביק — געטער זענען דאָס זיכער נישט. זיי קענען נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פון צייט.

און די אַלט־גריכישע פילאָסאָפן? — זייערע שפּורן זענען גראָד יאָ ווייטער צעוואָרפן איבער פּנימער פון שטעט און מענטשן, אָבער אַמווייניקסטן איבער די שטעט און מענטשן פון היינטיקן גריכנלאַנד.

**
*

אַטען איז אַ מאָדערנע מיליאָנען־שטאָט, וואָס איר מילדער קלימאַט און אירע נאַטירלעכע דעקאָראַציעס — בערג און ים — גיבן איר צו אַ שטילן חן. אירע הויפּט־גאַסן און פּלעצער, איבערהויפּט די שיינע, רחבותדיקע וועניזעלו־גאַס און דער מאַלערישער קאָנסטיטוציע־פּלאַץ, אַרומגערינגלט פון די מאָנומענטאַלע גע־ביידעס פון פּאַרלאַמענט און רעגירונג, אירע ברייטע פּאַרקן, וועלכע דינען אַלס הינטערגרונט צו די קעניגלעכע פּאַלאַצן און אַלטע טעמפּלען; דער באַנייטער סטאַדיום, די רייכע האָטעלן און קאַפע־הייזער מיט זייערע ברייטע גאַסן־טעראַסעס — דאָס אַלץ שאַפט פאַרן אויג דאָס בילד פון אַ לעבנס־לוסטיקער אייראָפּעישער הויפּט־שטאָט, וואָס איז דאָ און דאָרט נאָך באַשפּרענקלט מיט אָריענטאַלישע חן־פינטעלעך. אָבער דאָס איז נישט דאָס ריכטיקע בילד פון אַטען און נאָך ווייניקער

— דאָס ריכטיקע בילד פון גרינכלאַנד. גיכער איז דאָס בלויז דער יום־טובדיקער אויבער־מאַנטל, מיט וועלכן דאָס שטאָלצע גריכנלאַנד פאַרדעקט אירע אָרעמע קליידער און דער אויבערפלעכלעכער שמייכל הינטער וועלכן עס באַהאַלטן זיך די נויט און דער טרויער פון די גריכן.

דאָס צו זען איז נישט נייטיק ערשט צו שטודירן גריכישע עקאָנאָמיע און סטאַטיסטיקס. עס איז גענוג זיך צו פאַרקערעווען פון איינער פון די שיינע הויפּט־גאַסן פון אַטען אין אַ זייטיקן געסל, כדי זיך צו טרעפן אויג אויף אויג מיט דער גריכישער ווירקלעכקייט. יעדע גרויסע שטאָט, אויך פון רייכע לענדער, האָט אירע טונקעלע קוואַרטאַלן, וועלכע דערציילן אייך סיי אין דער שטומער שפּראַך פון פאַרחלשטן הונגער, סיי אין דער יאָמערדיקער שפּראַך פון דער פאַרצווייפלונג און סיי אין דער גרילצנדיקער שפּראַך פון הפקר, אַז משיח איז נאָך נישט געקומען און אַז ווער ווייסט, צי ער וועט אַהער אַמאָל קומען. אָבער אויף די אָרעמע געסלעך פון אַטען, און אויך פון די אַנדערע גריכישע שטעט און שטעטלעך, זעט איר אַ נויט וואָס איז סטאַביל און מעכטיק ווי די שטיינערנע בערג, וואָס באַדעקן דאָס לאַנד. די נויט דאָ איז גראָד נישט שרייענדיק, הגם זי פאַרמאָגט אין זיך אַ ביסל פון דער קאָלירפולקייט פון אָריענט. דער גריך איז צו שטאָלץ אויף אויסצושרייען זיין אָרעמקייט, אָבער זי איז דאָ טיף און איינגעזעסן, די נויט. איר זעט, אַז דאָ ציילט זיך יעדעס שפּענדל, יעדער פאָדעם, יעדעס קרישקעלע ברויט און יעדער טראָפּן אויל. עס האָט זיך געציילט ביים עלטער־עלטער־זיידן פון היינטיקן גריך און ווער ווייסט — אַזאַ איינדרוק האָט איר דאָ — צי עס וועט זיך נישט אויך ציילן ביי די קומענדיקע דורות.

די לעגענדע דערציילט, אַז צוויי געטער האָבן צווישן זיך געקעמפט פאַר דער פּריווילעגיע צו ווערן די באַשיצערין פון דער שטאָט אַטען. די ערשטע איז געווען אַטענאַ, די טאָכטער פון גריכישן הויפּט־גאָט צעאוס און דער צווייטער איז געווען פּאָסעידאָן, דער גאָט פון ים. די אַנטשיידונג איז געלעגן אין די הענט פון די געטער אויפן אָלימפּ. האָבן זיי באַשלאָסן אויסצוקלייבן פון די צוויי קאָנקורענטן דעם יעניקן, וואָס וועט שענקען די איינוווינער פון אַטען אַ מער־ווערטפולע מתנה. האָט דער גאָט פון ים געשאָנקען די אַטענער זאַלץ־וואַסער און דערמיט זיי געמאַכט פאַר די הערשער איבער די ים־וועגן (לויט אַן אַנדער ווערסיע, האָט ער געשאָנקען אַטען אַ פערד). אָבער די קלוגע אַטענאַ האָט געשאָנקען די איינוווינער פון אַטען אַן אַליוו־בוימל. די געטער האָבן דאָס באַטראַכט פאַר דער מער ווערטפולער מתנה, ווייל פון פלאַנצן אַליוו־ביימלעך האָבן די גריכן געקענט ציִען חיונה, און זיי האָבן זי אויסדערוויילט אַלס באַשיצערין פון אַטען.

אײן טײל פֿון דער דאָזיקער לעגענדע איז זיכער אמת: דאָס אַליװ־בױמל איז געװאָרן די שפּײזערין פֿון די גריכן. ביזן הײנטיקן טאָג איז די גריכישע עקאָנאָמיק אין אַ גרױסער מאָס אָפּהענגיק פֿון איר אַליװ־גערעטעניש. דאָס איז אָבער נישט קײן גרױסער קאָמפּלימענט פֿאַר דער געטין אַטענאַ. זי האָט אפשר פֿאַרמאָגט חכמה, אָבער קײן ברײטע האַנט — זיכער נישט. דאָס אַליװ־בױמל האָט זיך אַרױסגעװיזן צו זײַן זײַער אַן אָרעמער שפּײזער, װאָס אַפֿילו שױן צוזאַמען מיט דער געטלעכער באַשיצערין אַטענאַ קען עס נישט באַשיצן די מײנסטע אײנװױנער פֿון אַטען פֿון הונגער.

קײן באַקעטע נױט האָב איך אױף די אָרעמע געסלעך פֿון אַטען און פֿון אַנדערע גריכישע שטעט כמעט נישט געזען, אָבער איך האָב געזען בכבודיקע נױט, אַ נױט צוגעדעקט מיט אַ טישטעכל. די שיך זענען טאַקע נישט קײן גאַנצע. אָבער זײ זענען אָפּגעפּוצט. מען גײט טאַקע נישט שלאָפֿן מיט קײן זאַטן מאָגן, אָבער אײנגאַנצן לײדיק איז ער אױך נישט. עפּעס לײגט מען אַהין אַרײן און דערנאָך נעמט מען רוזיק אָפּרײניקן דעם טיש און אָפּװאַשן די טעלער און טעפּלעך, אַזױ װי פֿון אַ רײכטיקן מאָלצײַט.

אין אַ גרױסער מאָס ליגט די אורזאַך פֿון דער דאָזיקער בכבודיקײט פֿון דער גריכישער נױט אינעם אײנגעבױרענעם שטאָלץ פֿון די גריכן. אָבער נישט אין קײן קלענער מאָס איז דערין אױך „שולדיק״ די ברײטהאַרציקײט פֿון אַמעריקע. אַ ביסל גיט דאָס באַשײדענע אַליװ־בױמל און אַ ביסל גיט אָנקל סעם. אַמעריקע האָט נישט נאָר געראַטעװעט גריכנלאַנד פֿון קאָמוניסטישן טעראָר און שקלאַפֿערײַ, נאָר אױך פֿון באַקעטן הונגער. יעדע האַנדלסשיף, װאָס שװימט צו די גריכישע ברעגעס, ברענגט הילף פֿון אַמעריקע. יעדעס נײַע הױז, װאָס װערט געבױט אין גריכנלאַנד, יעדע פֿאַבריק, װאָס װערט אױפֿגעשטעלט, אָדער באַנײַט, אַפֿילו יעדע אוראַלטע רוינע, װאָס װערט ערגעץ אױסגעגראָבן, איז פֿאַרבונדן מיט אַמעריקע. איר װעט אױך אין יעדער שטאָטישער שטוב און פּױערישער כאַטע פֿון גריכנלאַנד געפֿינען עפּעס אַ סימן פֿון אַמעריקע. צי דאָס איז אַ קלײד, אַ פּאָר שיך, אַ שפּײַז־קענדל, אָדער אַ קינדערישע שפּילצײַג.

איז דעריבער נישט קײן װוּנדער װאָס די װיכטיקסטע טעמע אין דער הײַנטיקער גריכנלאַנד איז — אַמעריקע.

זײַענדיק אין אַטען, האָב איך געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז די אײנציקע, װאָס טראַכטן דאָרט אַממײנסטן װעגן גריכנלאַנד און אַמװײניקסטן װעגן אַמעריקע, זענען די אַמעריקאַנער טוריסטן. װען זײ גײען אױף די גאַסן פֿון אַטען און הײבן אױף די אױגן אין דער הײך, זעען זײ דעם אַקראָפּאָליס און די גאַנצע גלאָריע

פון אַלטן גריכנלאַנד. דאַקעגן, ווען די גריכן הייבן אויף די אויגן אין דער הויך, זעען זיי די גלאָריע פון מאָדערנעם וואַשינגטאָן.

יעדער גריך גיט זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז אָן וואַשינגטאָן וואָלט איצט שוין קיין אַטען נישט געווען. אויפן אָרט פון אַטען וואָלט געווען נאָך אַ מאָסקווער סאַטעליטן־שטאַט.

***

אויפן ערשטן בליק דאַכט זיך, אַז אַטען האָט שוין פאַרגעסן די צייטן פון דעם קאָמוניסטישן גערילאַ־קריג. אין לאַנד איז רויק, קיין צעשאָסענע הייזער זעט מען נישט. אָבער נאָך אַ גאַנץ קורצער צייט איבערצייגט איר זיך, אַז די שרעק פון „יענע טעג" ליגט נאָך אַ פאַרטייעטע ערגעץ צווישן די שאָטנס פון די הייזער און אַפילו אין די בליקן פון אַ סך גריכן. זענען דאָך ביזן היינטיקן טאָג נאָך נישט צוריקגעבראַכט געוואָרן טויזנטער גריכישע קינדער, וואָס די קאָמוניסטישע גערילאַס האָבן פאַרשלעפּט פון שטאָטישע און דאָרפישע הייזער.

גייט זי נאָך אַלץ אַרום, די שרעק, איבער גריכנלאַנד, און צוזאַמען מיט איר גייט דער פאַרדאַכט צום פרעמדן. גריכנלאַנד איז נאָך אַלץ נישט אַרויס פון איר קריגס־צושטאַנד, פון אירע געפאַרן און פון אירע חורבות. אין האָטעל דאַרפט איר נישט בלויז ווייזן אייער פּאַספּאָרט, נאָר איר דאַרפט אויך אויספילן אַ פראַגע־בויגן מיט זעקס און צוואַנציק פראַגן און שפּעטער דאַרפט איר זיך דריי מאָל אונטערשרייבן. ערשט נאָך דעם אַלעמען פילט איר, אַז דער פאַרדאַכט הענגט נאָך אַלץ אין דער לופט.

די איינציקע זאַך, צו וועלכער מען האָט פולשטענדיק צוטרוי, איז — אייער וואַליוטע, אייערע אַמעריקאַנער דאָלאַרן.

טאַקע באַלד נאָכן ענטפערן אויף די 26 פראַגן און נאָכן אונטערשרייבן זיך דריי מאָל, האָט מיר דער פּאָרטער פון מיין האָטעל פאַרטרויט מיט אַ שמייכל, אַז מיינע דאָלאַרן האָבן אין פאַרלויף פון גאָר אַ קורצער צייט זיך שטאַרק געהויבן אין ווערט. מען האָט ערשט געצאָלט 15 טויזנט גריכישע דראַכמעס פאַר אַ דאָ־לאַר און היינט איז שוין דער אָפיציעלער קורס אַ טאָפּלטער. פאַר איין דאָלאַר קען איך באַקומען דרייסיק טויזנט דראַכמעס, און ער האָט געשמייכלט, דער גרי־כישער פּאָרטער, מיט צוטרוי — נישט צו מיר, נאָר צו מיין דאָלאַר.

אָבער אַ חוץ דער דאָזיקער אונטערשטער אַטען איז נאָך, ווי געזאָגט, דאָ אַן אַטען פון אויבן, אַן אַטען פון די געטער און עס איז אויך דאָ אַן אַטען פון די

יידן. מיט דעם דאָזיקן אַטען של מעלה ווילן מיר זיך באַקענען אין קומענדיקן קאַפּיטל.

II

אַטען של מעלה

געטער האָבן די אייגנשאַפט, אַז וואָס מער מען דערווייטערט זיך פון זיי, אַלץ ווייניקער האָט מען פאַר זיי מורא און אַלץ ווייניקער האָט מען זיי פיינט. פון אַ גרויזאַמען גאָט ווערט אַ גוטמוטיקער גאָט, פון אַ העלד פון פינצטערער טראַגעדיע ווערט אַ העלד פון אַ קאַלירפול קינדער־מעשהלע.

באַזונדערס צייכענען זיך אויס מיט דער דאָזיקער אייגנשאַפט די גריכישע געטער, וועלכע שטעלן שוין צו זינט טויזנטער יאָרן שטאָף פאַר מעשהלעך פאַר גרויסע און קליינע קינדער. מאַנכעסמאָל דאַכט זיך אויס, אַז אַפילו די אַמאָליקע גריכן האָבן זיך מער געשפּילט מיט זייערע געטער, ווי זיי געדינט. לכל הפּחות האָט זיך מיר אַזוי אויסגעדאַכט, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַרויפגעקומען אויפן אַקראָפּאָליס אין אַטען — דעם ציטאַדעל פון דער אַלט־גריכישער הויפּט־שטאָט, וואָס זיין קרוין איז דער טעמפּל פון דער גריכישער געטין אַטענאַ.

עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר קומט אויס צו קלעטערן אויף בערג, כדי צו דערגרייכן דאָס הויז פון גאָט. דער באַרג שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין יעדער רעליגיע. עס איז אַנדערש, ווען איר גייט אַריין אין גאָטס הויז און עס איז אַנדערש ווען איר גייט אַרויף צו גאָטס הויז. דאָס אַרויפגיין פירט אַריין דעם מענטש אין אַ רעליגיעזער שטימונג. וואָס העכער ער דאַרף אַרויפגיין, אַלץ קלענער זעט אויס אין זיינע אויגן די ערד און אירע מענטשן און אַלץ גרעסער ווערט דער הימל. אָבער ווען איך בין אַרויפגעקומען אין גאָטס הויז, אָדער ריכטיקער — אין די געטלעכע הייזער אויפן אַקראָפּאָליס, האָב איך זיך אינגאַנצן אַנדערש געפילט ווי אויף אַנדערע הייליקע בערג. אויבן האָט דער מענטש אויסגעזען אין מיינע אויגן נישט קלענער, נאָר גרעסער. איך האָב דאָרט פריִער פאַר אַלץ אים באַוווּנדערט — אים, דעם מענטש פון פאַר דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, וואָס די געטער און אַלע זייערע טעמפּלען זענען פאַר אים געווען בלויז אַ מיטל אַרויסצובריינגען זיין גרויסע בענקשאַפט צו שיינקייט און האַרמאָניע.

שוין דאָס, וואָס די אַמאָליקע גריכן האָבן דערציילט מיט אַזאַ אָפנהאַרציקייט וועגן די שוואַכקייטן פון זייערע געטער, וועגן זייערע ליבעס, אייפערזוכט־סצענעס,

ווילדע קאַפּריזן, אינטריגעס, נקמה־אַקטן און מאָרדן, מאַכט זיי גרעסער ווי אַנדערע מענטשן פון זייער צייט. און אַפילו פון נעענטערע צייטן. מען דאַרף פאַרמאָגן פרייען גייסט אויף צו קענען דערציילן אַזעלכע אמתן וועגן אייגענע געטער און מען דאַרף אויך פאַרמאָגן אַ פריי מויל. און די פרייע בירגער פון אַטען, פון דער ערשטער דעמאָקראַטישער רעפּובליק אויף דער וועלט, האָבן, זעט אויס, פאַרמאָגט ביידע זאַכן. אַי, זיי האָבן טאָלערירט שקלאַפעריי? — נו האָבן דאָך די בירגער פון דער גרעסטער און פריישטער רעפּובליק אויף דער וועלט, פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, אויך טאָלערירט שקלאַפעריי, און דאָס מיט איבער צוויי טויזנט יאָר שפּעטער.

אָבער עס גייט נישט בלויז וועגן דעם, וואָס די אַלטע גריכן האָבן דערציילט וועגן זייערע געטער, נאָר ווי אַזוי זיי האָבן דאָס דערציילט. נישט אין שווערע רעליגיע־ספרים, נאָר אין די גרויסאַנגען פון זייערע פּאָעטן, איז די אומשטערבלעכע ווערק פון האָמער און העסיאָד, אין די וווּנדערלעכע ליניעס פון זייערע סקולפּטורן און בוי־מייסטער. טאַקע דאָ, צווישן די רוינעס אויפן אַקראָפּאָליס, האָט מען די בעסטע געלעגנהייט צו באַוווּנדערן דעם „ווי אַזוי" פון די אַלטע גריכן. יעדע ווייל ווערט דאָס אויג פאַרכאַפּט פון אַן אַנדער געטלעך מעשהלע, וואָס די האַנט פון מענטש האָט מיט טויזנטער יאָרן צוריק אויסגעהאַקט אין קאַלטן שטיין. עס איז אַ שפּיל פון שטערבלעכן מענטש מיט זיינע צוויי שטאַרקסטע קאָנקורענטן — מיט גאָט און צייט, פון וועלכן ער, דער מענטש, איז אַרויס דער געווינער. אַפילו דער איבער־גאָט צעאוס איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן, קיינער דינט אים מער נישט. אויך די צייט שטייט דאָ מאַכטלאָז. און בלויז ער, דער מענטש, ווי ער האָט זיך אַריינגעשניטן אין זיין קונסט־ווערק, איז געבליבן לעבעדיק און פאַרכאַפּט ווייטער אייער אויג און אייער האַרץ, ווי ער האָט דאָס געטון מיט פינף און דרייסיק יאָר־הונדערטער פריער. פון די אַלע אייביקייטן איז ער, דער שטערבלעכער — דער אייביקסטער.

ער, מיט זיין אייביקן דראַנג צו שיינקייט, צו ווייטע אומענדלעכע האָריזאָנטן און צו האַרמאָניע.

**
*

דאָס לעצטע — דער דראַנג צו האַרמאָניע — איז אפשר די וויכטיקסטע אייגנשאַפט פון דער גריכישער לערע און דערפאַר איז איר ווירקונג אויף דער גאַנצער מענטשלעכער ציוויליזאַציע געווען אַזאַ שטאַרקע און דויערהאַפטע. עס איז נישט קיין פראַגע בלויז פון אויפהייבן זיך און פליען, נאָר פון שאַפן אַ באַ־

לאַנס צווישן ערד און הימל, פון אַריינפלעכטן די בענקשאַפט צו פליִען אין דער טאָג־טעגלעכער רעאַליטעט; פון צונויפפּאָרן העכסטע קינסטלערישע אינספּיראַציע מיט פאָלקאָמער טעכנישער מייסטערשאַפט.

אַמבעסטן קומט דאָס צום אויסדרוק אין דעם גרעסטן קונסט־ווערק, וואָס איז איבערגעבליבן פון די צייטן פון אַלט־גריכנלאַנד — אין דעם טעמפּל פון דער געטין פון אַטען, אַטענאַ — דעם פּאַרטענאַן, וואָס געפינט זיך אויפן העכסטן שפּיץ פון אַקראָפּאָליס, און וווהין עס פלעגן ציִען די פּראָצעסיעס פון די בירגער פון אַטען אין די טעג פון זייערע פייערונגען. דאָס זענען גיכער געווען פאָלקס־יום־טובים, ווי רעליגיעזע חגאות. האָט דאָך אַטען אינגאַנצן נישט געהאַט קיין פּריסטער און תּפילות און זענען דאָך די צערעמאָניעס קיינמאָל נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין בלוט־פאַרגיסונג אָדער אָרגיעס. אַפילו אויף דעם ספּעציעלן אַטענער יום־טוב, ווען די יונגעלייט און מיידלעך האָבן זיך געשדכנט איינעם צום צווייטן, איז אָפּגעהיט געוואָרן דער באַלאַנס צווישן לעבנס־פרייד און מעסיקייט. די גרענעץ פון הפקר איז מען נישט אַריבער. מען האָט געזונגען וועגן דער מיסטעריע פון לעבן און פון די דאָזיקע געזאַנגען איז געבוירן געוואָרן דאָס טעאַטער.

באַלאַנס, גלייכגעוויכט, האַרמאָניע — דאָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו פון דער גריכישער קונסט, פון דער גריכישער פילאָסאָפיע און פון גאַנצן לעבנס־שטייגער פון אַטען. ר׳ יהודה הלוי האָט היפּש איבערגעטריבן, ווען ער האָט געוואָרנט פאַר דער גריכישער חכמה, זאָגנדיק, אַז אין איר זענען פאַראַן בלויז בלימלעך, אָבער נישט קיין פּירות. גריכישע חכמה איז נישט בלויז אַ פאַרהערלעכונג פון שיינער פאָרעם, נאָר די שטרעבונג צו שאַפן אַ באַלאַנס צווישן דער פּערפעקציע פון פאָרעם און דער פאָלקאָמהייט פון אינהאַלט. ביי אַלע גריכישע פילאָסאָפן, אַפילו ביי די גאָר ערשטע, וואָס האָבן בלויז געזען ערד, וואַסער, פייער, צי גאָר — ציפערן, ווי די צענטראַלע קראַפט אויף אונדזער וועלט, איז געווען דער דראַנג צו האַרמאָניע צווישן פאָרעם און אינהאַלט, צווישן קערפּער און גייסט.

אַ דערשטוינטער קוקט איר אויף דעם מאַרמאָרענעם סקעלעט פון פּאַרטענאָן און קענט זיך נישט אָפּוווּנדערן פון דער האַרמאָניע, וואָס טראָגט זיך פון זיינע קאַלטע שטיינער. די גרעסטע קונסט־עקספּערטן זענען איינשטימיק, אַז דער פּאַרטענאָן איז די העכסטע דערגרייכונג פון דער בוי־קונסט זינט אַלע צייטן ביזן היינטיקן טאָג. אָבער די דאָזיקע דערגרייכונג באַציט זיך נישט בלויז צו דער פאָרעם, נאָר אויך צום אינהאַלט. די שעפּער האָבן די קאַלטע שטיינער באַהויכט מיט אַ וואַרעמקייט, וואָס קיין שום קלימאַט און צייט קען פון דאָרט נישט באַזייטיקן. די קאָלומנעס זעען אויס צו זיין גלייכע, אָבער יעדע איינע איז אַזוי דעלי־

קאַט אויסגעבויגן, אַז עס פאַרלירט זיך איננאַנצן די שאַרפקייט און קאַלטקייט פון די ליניעס און עס שאַפט זיך אַ וואַרעמע אָפּגערונדיקטקייט, וואָס ווישט, דאַכט זיך אינגאַנצן אָפּ די גרענעץ צווישן האַרטן שטיין און דעם ברייטן הימל און די טונקעלע פאַרטראַכטע וואַסערן פון אַרום.

גלייכצייטיק זעט איר אַ מייסטערשאַפט פון טעכניק, וואָס מאַכט אייך צווייפּ־לען צי די טריט פון דער צייט זענען טאַקע אַזעלכע שווערע ווי איר האָט ביז איצט געמיינט. איר זעט דאָס, ווען איר קוקט אויף די שטיינערנע שוועלן, אויף וועלכע עס שפּאַרן זיך אָן די קאָלומנעס. אָט ליגן צוויי שטיינער און אייך דאַכט זיך אויס, אַז דאָס איז נאָר איין שטיין. אַזוי קונציק זענען די צוויי שטיינער צו־זאַמענגעפּאַסט, אַזוי האַרמאָניש זענען זיי איינגעפלאָכטן איינער אין צווייטן, אַז איר באַמערקט אַפילו נישט דעם שפּאַלט, וואָס טיילט זיי פאַנאַנדער. איז מעגלעך, פרעגט איר זיך, אַז פינף און צוואַנציק יאָר־הונדערטער זענען איבער די דאָזיקע שטיינער אַריבערגעגאַנגען? — וואַסער לייכטן טריט עס האָבן די יאָרהונדערטער!

**
*

אָבער ניין, זיי האָבן שוין גאָרנישט אַזאַ לייכטן טריט, די יאָרהונדערטער. איר ווערט דאָס באַלד געוווירר פון אַנדערע שטיינער, וואָס ליגן דאָ אָנגעוואָרפן אין גאַנצע הויפנס אין פאַרשיידענע ווינקלען פון אַקראָפּאָליס. יעדער הויפן שטיינער דערציילט אייך פון לעבעדיקע מענטשן און לעבעדיקע ציוויליזאַציעס, וואָס די טריט פון דער צייט האָבן דאָ צעטראָטן. עס האָט, זעט אויס, נישט געהאָלפן, וואָס די גריכן האָבן אָפּגעשניטן די פליגלען ביי זייער באַשיצערין, דער געטין אַטענאַ. כדי זי זאָל נישט קענען אַוועקפליִען פון אַטען און לאָזן די שטאָט אָן שוץ. זי איז טאַקע געבליבן אין אַטען, אָבער דאָס האָט פונדעסטוועגן נישט געשטערט די נאָענ־טע און ווייטע שכנים כסדר צו שלאָגן אַטען און זי אויסצורויבן. אַטענאַ איז אַפילו נישט געווען אימשטאַנד איר אייגענעם טעמפּל צו באַשיצן פון די אַריינדינגער, בלויז קעגן איין שונא אין די פריִע צייטן האָט אַטען באַוויזן זיך צו פאַרטיידיקן — קעגן די פערסיער. אַ פּאָר יאָר האָט אַטען נאָכדעם פריי אָפּגעאָטעמט און זיך רויִק געקענט ווידמען דער קונסט און פילאָסאָפיע. באַלד אָבער איז געקומען די לאַנגע, ביטערע מלחמה מיט דער מיליטאַריסטישער ספּאַרטאַ און נאָכדעם זענען שוין כסדר געקומען איינער נאָכן צווייטן אויך די פרעמדע אַריינדרינגער, אָנהייבנ־דיק מיט די אַלטע רוימער, באַרבאַרן און טערקן, און ענדיקנדיק מיט די נייע רוימער פון מוסאָליני און די נייע באַרבאַרן פון היטלער.

און אַז דאָס איז נאָך געווען ווייניק, זענען געקומען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה סטאַלינס באַרבאַרן און אויפּסנייי חרוב געמאַכט גריכישע שטעט און דערפער.

אַזוי האָבן די יאָרהונדערטער מיט זייערע שווערע שטיוול געטראָטן אומ־אויפהערלעך דעם אויסגעמאַטערטן קערפּער פון שטאָלצן גריכנלאַנד. אַ סך סימנים פון די דאָזיקע טריט געפין איך דאָ צווישן די חורבות אויפן אַקראָפּאָליס. עס איז אַ טראַגיש־קאָמיש בילד, וואָס רופט אַרויס ענלעכע געדאַנקען ווי ביי דעם תנא הלל, ווען ער האָט געזען דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ שווימען אויפן וואַסער. אָט ליגט אַ שטיק שטיין פון די ווענעציאַנער און לעבן דעם וואַלגערט זיך אַ פּאַרראָסטעטע שילד מיט אַ טערקישער האַלבער לבנה. הינטער דעם שטעקט אַרויס אַן אָפּגעבראָ־כענע שווערד פון אַ קרייץ־צוג־ריטער און אין שכנות זעט זיך אַ טאָוול מיט אַ לויב־געזאַנג פאַרן פלאָרענטינער דיוק, וואָס איז אין פערצנטן יאָרהונדערט געווען דער הערשער פון אַטען. און אָט זענען לעכער אויף אייניקע שטיינער פון פּאַר־טענאָן, וואָס זאָגן עדות, אַז אויף דעם אָרט האָט דער גרויסער אַלעקסאַנדער מוקדון אויפגעהאַנגען די בלעכענע שילדן, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט אין דער שלאַכט אין גראַניקוס. און ווער זענען די טונקעלע לעכער, וואָס זענען געבליבן אויף די אַנדערע שטיינער? — אויך אַן איבערבלייבעכץ פון דער גלאָריע פון אַן אַנדער מעכטיקן אימפּעראַטאָר, וואָס האָט אַמאָל געהערשט איבער אַטען — פון רוימישן קייזער־גאָט נעראָ. אויף די דאָזיקע לעכלעך איז געהאָט געהאַנגען אַ בראָנדזענע שילד מיט אַ לויב פאַר נעראָן־קייזער. איצט איז פון דעם אַלעם געבליבן בלויז אַ פּאָר מיט זשאַווער־באַדעקטע לעכלעך אין אַלטן שטיין.

אויך סימנים פון מאָדערנערע אַריינדרינגער געפין איך דאָ אויף טריט און שריט — פון אַריינדרינגער און פלינדערער, וואָס זענען באַפאַלן אַטען שוין נאָכ־דעם ווי די גריכן האָבן צוריק־אויסגעקעמפט זייער אומאָפּהענגיקייט פון די טערקן און זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון איצט אָן וועלן זיי שוין זיין די באַלעבאַטים פון זייער היים. און אַפילו צייכנס פון די סאַמע לעצטע פירער־געטער טרעף איך דאָ: אָט יענער טונקל־ברוינער פלעק אויף ווייסן שטיין איז אַן אָנדענק פון היט־לערס אַ באָמבע, און דער שפּאַלט אין דער מאַיעסטעטישער קאָלומנע דאָרט אין ווינקל איז אַ צייכן פון די האַרמאַטן־דונערן, וועלכע עס האָט געשיקט אויף דעם ווידערשפּעניקן אַטען דער דוטשע מוסאָליני.

ווו זענען זיי איצט, די אַלע אַמאָליקע און מאָדערנע מענטשן־געטער און אוממענטשן־געטער? — דער גורל האָט זיי נאָך ערגער באַהאַנדלט ווי די גריכישע געטער פון אָלימפּיאַ. די לעצטע האָבן איבערגעלאָזט פאַר די ווייטערע דורות

פֿאַרביקע מעשהלעך, בעת פֿון די „פּירער" און „דוטשעס" זענען איבערגעבליבן בלויז פּינצטערע קאַשמאַרן.

אָבער דער צום טויט פֿאַראורטיילטער סאָקראַטעס לעבט ווייטער, און אַזוי אויך אַריסטאָטלעס און האָמער און סאָפֿאָקלעס און אַריסטאָפֿאַנעס און פּידיאַס און די אַלע איבעריקע גרויסע זין פֿון דער אוראַלטער פֿרייער אַטען.

***

אַראָפּקומענדיק פֿון אַקראָפּאָליס, בין איך אַוועק זוכן ייִדן. אויך זיי, די שוואַכע און געטראָפֿענע, האָבן דאָך עפּעס אַ שייכות צו אייביקייט.

מיין גריכישער באַגלייטער האָט מיך אַוועקגעפֿירט אין דער שול, וואָס איר ווייסער מויער טיילט זיך אויס צווישן די הייזקעס אויף אַ שמאָל געסל פֿון דער אַלט־שטאָט. אַ קליין, דאַר שמשל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ תימנער ייִד, אָבער אָן פּאות, האָט מיך אַרומגעפֿירט איבער דער שיינער, ליכטיקער שול. ער רעדט די שפּראַך פֿון די איבעריקע צען מיליאָן גריכן — גריכיש (נישט צו פֿאַרטוישן אויף אַלט־גריכיש, וואָס איז געווען די שפּראַך פֿון די אַמאָליקע גריכן). מיר פֿאַרשטענדיקן זיך מיט דער הילף פֿון די פּאָר העברעיִשע ווערטער, וועלכע ער קען. אָבער דאָס ווייזט זיך אַרויס צו זיין צו־ווייניק און איך העלף זיך אַרויס מיט מיין גריכישן באַגלייטער, וועלכער רעדט אויך ענגליש. איך ווער געוווּיר, אַז די שול איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1938. שפּעטער איז געקומען היטלער און פֿון איר געמאַכט אַ שטאַל. נאָך דער מלחמה, ווען אַ ביסל ייִדן זענען צוריקגעקומען קיין אַטען, האָבן זיי זיך גענומען די שול אויפֿפֿרישן. איצט זעט זי ווידער אויס ווי ניי. די ווייסע ווענט מיט די באַגילדעטע אָרנאַמענטן שאַפֿן אַן אינטימע ליכטיקייט. אָבער וואָס קומט אַרויס וואָס די שול איז די זעלבע ווי פֿאַר דער מלחמה, אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז מער נישטאָ די זעלבע? פֿון פֿינף־און־זיבעציק טויזנט ייִדן אין גריכנלאַנד זענען איצט בלויז פֿאַראַן אַכט טויזנט, דערפֿון דריי טויזנט אין אַטען און נאָר צוויי טויזנט אינעם אַמאָל־רייכן ייִדישן ישוב פֿון סאַלאָניקי. די גריכישע ייִדן האָבן נישט געליטן פֿון גריכישן אַנטיסעמיטיזם, נאָר פֿון די דייטשע שחיטות. די דייטשן האָבן אַנגעלאָדן גאַנצע צוגן מיט גריכישע ייִדן און זיי אַוועקגעשיקט אין די טויטן־לאַגערן אין פּוילן. איז טאַקע איצט שווער אין מיטן דער וואָך צונויפֿצושטעלן אין שול אַ מנין. בלויז דריי מאָל אין וואָך דאַוונט מען אין שול מנחה־ומעריב — מאָנטיק, דאָנערשטיק און שבת. צום שבת־דיקן דאַוונען קומען אַ פֿופֿציק ייִדן. אויפֿן באַלעמער זע איך אויף אַ טאָוול אָנגע־

ב. שעפנער

שריבן די ברכה צו דער תורה אויף גריכיש, פאַר די וואָס קענען נישט זאָגן די ברכה אויף לשון־קודש.

פון וואָס לעבן די פאַר טויזנט איבערגעבליבענע גריכישע ייִדן? — פון אַרבעט, פון האַנטווערקעריי, פון האַנדל. פאַראַן געציילטע גבירים, אָבער די איבעריקע האָרעווען שווער אויפן שטיקל ברויט און ביסל אויל. זיי טיילן דעם גורל פון זייערע לאַנדסלייט, די גריכן, וואָס זייער שיינע, פאָעטישע מדינה איז באַדעקט מיט שטיינערנע בערג און בלויז צוואַנציק פּראָצענט פון באָדן ווערט באַאַרבעט.

דאָס שמשל שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ. מילא, פרנסה ווי פרנסה, אָבער אים איז אומעטיק איינער אַליין אין שול. ייִדן זענען פאַרהאָרעוועט, מיד און — ווייניק. וואָס קען אויפטאָן אַ קהילה וואָס איז פון פינף־און־זיבעציק טויזנט פאַר־שניטן געוואָרן אויף אַכט טויזנט?

אַ דערשלאָגענער פאַרלאָז איך די ליידיקע שול פון אַטען. עס איז טאַקע אַ טרייסט, וואָס היטלער איז דאָ מער נישטאָ, אָבער ייִדן זענען דאָ אויך נישטאָ. כמעט נישטאָ...

רוים

ווען איך בין אַריינגעפֿאָרן קיין רוים, האָט אַ פֿאַרנאַכטיקע זון זיך געשפּילט אין די דיקע, טויזנט־יעריקע מויערן און אין די קופּאָלן פֿון די דריי־הונדערט קירכעס פֿון דער אייביקער שטאָט, און אַ קיל ווינטל האָט זיך געטראָגן פֿון די מיטאָלאָגישע פֿיגורן, וואָס בילדן די פֿאָנטאַנען אויף אירע היסטאָרישע פּלעצער און סקווערן.

פֿאַרשיידענע נעמען זענען מיר געקומען אויפֿן זכרון. נעמען פֿון געטער און פֿון מענטשן, פֿון הייליקע און פֿון זינדיקע, פֿון הערשער און פֿון מאַרטירער. אָבער פֿון די אַלע נעמען, ווערטער און דאַטעס האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעשיילט איין איינציק וואָרט, וואָס האָט, דאַכט זיך, אַריינגענומען אַלץ, וואָס רוים שטעלט מיט זיך פֿאָר. דאָס דאָזיקע וואָרט טראָגט דעם קורצן נאָמען — אייביק.

געוויינלעך היט איך זיך פֿאַר דעם דאָזיקן וואָרט, וואָס קלינגט אָפּטמאָל אין מיינע אויערן צו־באָמבאַסטיש. וואָרום וואָס ווייסן מיר, אָרעמע מענטשן, וואָס קומען אַראָפּ אויף אַזאַ קורצן וויזיט אויף דער ערד, וואָס עס מיינט אייביק?

אָבער דאָ, אויף די גאַסן און פּלעצער פֿון רוים, פּונקט ווי אויף די פּלעצער און בערג פֿון ירושלים, קלינגט דאָס וואָרט אייביק, נאַטירלעך. וווהין איר קערט דאָס אויג קוקט אויף אייך יאָר־טויזנטער: צי דאָס איז פֿון די שטיינער פֿון קאָלאָסעאום, פֿון דעם טריומף־טויער פֿון טיטוסן, פֿון די קילע טיפֿענישן פֿון די קאַטאַקאָמבעס, צי גאָר פֿון די פֿיגורן און געמעלן פֿון מיקל אַנדזשעלאָ, בעליני און ראַפֿאַעל.

די טיפֿע שטילקייט אַרום איז ווי ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן, כּדי איר זאָלט בעסער זיך קענען איינהערן אין דעם עכאָ פֿון פֿאַרגאַנגענע וועלטן, וואָס הענגט דאָ אין דער לופֿט.

די זיבן־און־אַכציק טויזנט רוימער, וואָס האָבן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק,

אַנגעפּילט דעם קאָלאָסעאום, זענען שוין לאַנג פֿאַרוואַנדלט אין שטויב, אָבער זייער געשריי נאָך ברויט און שפּיל, אין אייביק, ווי אייביק עס איז די פּיין פון די, וואָס דער משוגענער אימפּעראַטאָר האָט געשיקט צום טויט און ווי אייביק עס איז זיין קראַנקע אַמביציע, אַז זיינע קרבנות זאָלן אים נאָך בענטשן און לויבן פאַרן גיין פון דער וועלט.

און ווי אייביק עס איז דער דראַנג צו אויסלייזונג, וואָס איז ווי אַריינגע־מויערט אין די קאָסטבאַרע ווענט פון די געבעט־הייזער פון די פאַרשיידענע געטער און אָפּגעטער, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון יאָרטויזנטער געמאַכט רוים פאַר זייער היים.

און ווי אייביק עס איז די מענטשלעכע בענקשאַפט צו שיינקייט, וואָס זינגט אַרויס פון שטיין און בילד פון די אומשאַצבאַרע מוזעומס, גאַלעריעס, קירכעס און פּאַרקן פון דער אייביקער שטאָט.

אַפילו ווען איר גייט אויף די מאָדערנע, גרויס־שטאָטישע גאַסן פון רוים, דראָט אייך די געפאַר, אַז פון ערגעץ אַ זייטיק ווינקל, אָדער סקווער זאָל מיטאַמאָל אַריינפאַלן אין אייער אויג אַ שטיק אייביקייט.

און אויב איר פאַרמאַכט די אויגן, טראָגט זיך צו אייערע אויערן דאָס מור־מלען פון אַלטן טיבער, וואָס האָט שוין אַזויפיל געזען און אַזויפיל צוגעדעקט. אין דעם מאָנאָטאָנעם געפּליסטער פון זיינע וואַסערן קענט איר, דאַכט זיך, דייטלעך אויפכאַפּן דאָס זעלבע וואָרט:

אייביק...

***

ווען איר וועט אויף דער וועלט טרעפן אַ מענטשן, וואָס וווּנדערט זיך, פאַר־וואָס אין אונדזער מאָדערנער צייט האָט די קאַטוילישע קירכע נאָך אַזאַ שטאַרקע מאַכט, זאָלט איר וויסן זיין, אַז יענער איז נאָך אין רוים נישט געווען. ווייל ווען איר זענט אין רוים, איבערהויפּט אין דעם פּויפּסט מלוכה, אין וואַטיקאַן סיטי, האָט איר דעם איינדרוק, אַז קיין שטאַרקערער כוח איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

איר זעט דאָרט באַשיינפּערלעך, ווי אַלץ איז אויסגערעכנט דערויף צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט אַלע חושים פון אָרעמען מענטשן און אים כסדר צו געבן צו פילן, ווי קליין און נישטיק ער איז אין פאַרגלייך מיט דעם־אָ, וואָס ער זעט דאָ, און ווי גליקלעך און שטאָלץ ער דאַרף זיך פילן, אויב מען דערלויבט אים צו זיין אַ טיילעכל פון אָט־דעם גאַנצן, אַ זעמדעלע פון דעם קאָלאָסאַלן באַרג.

אַלץ איז דאָ מאַסיווער, ווי אומעטום, גרעסער, רייכער, אָנהייבנדיק פון דער

קירכע פון הייליקן פעטער, דער גרעסטער קירכע אויף דער וועלט, און ענדיקנדיק ביי די וועלטלעכע קונסט־ווערק און ביכער פון די מוזעומס און ביבליאָטעקן. אויף יעדן טריט בלייבט דער מענטש שטיין אַ פאַרגאַפטער, האָבנדיק דאָס געפיל, אַז ער איז אינגאַנצן אַרויס פון דער רעאַלער וועלט. דערביי זענען די קאָלאָסאַלע אוצרות פון קונסט, גאָלד און איידלשטיינער אַזוי קונציק פאַנאַנדערגעלייגט און באַלויכטן, אַז זיי זאָלן וואָס שטאַרקער זיך וואַרפן אין די אויגן און פון די אויגן אַריינדרינגען אַלץ טיפער און טיפער.

די ערשטע קריסטן זענען געווען בטלנים. זיי האָבן נאָר אַריינגעלאָזט אין זייער קיניגרייך די ווערק און די אוצרות, וואָס זענען געווען אין גייסט פון דער קירכע. די ווערק פון די געצנדינער, האָבן זיי געמעגט זיין ווי ווערטפול, זענען געוואָרן פאַרמשפט צו פאַרניכטונג. שפעטער, אָבער, איז די קירכע געוואָרן פּראַקטישער. איר אומטאָלעראַנץ און גרויזאַמקייט צו אַנדערש־גלויביקע האָט איר מער נישט געשטערט צו ווערן טאָלעראַנט צו די אוצרות און קונסט־ווערק אַפילו פון די געצן־דינער. די פּויפּסטן האָבן מער נישט געהייסן אָפּהאַקן די קעפּ פון די מאַרמאָרנע סטאַטועס פון די גריכישע געטער, ווי דאָס האָבן געטון זייערע פאָרגענגער. אַנשטאָט דעם האָבן זיי די סטאַטועס צונויפגעזאַמלט און זיי אַוועקגעפירט אין זייערע אייגענע פּאַלאַצן און מוזעומס. דאָס זעלבע האָבן זיי געטון מיט אַלע אַנדערע קונסט־ווערק און אויך געביידעס און אינסטיטוציעס פון די אַנדערש־גלויביקע.

מענטשן, וואָס גלויבן נישט אין אונדזער גאָט און אין זיין זון — האָט רוים געזאָגט — מעג מען טאַקע פאַרניכטן, ווייל דערמיט ווערט זייער נשמה געלייטערט און גייט גלייך אין הימל אַריין, אָבער טויטע זאַכן האָבן דאָך קיין נשמה נישט, איז דערפאַר אַ שאָד זיי צו פאַרניכטן. בעסער זיי צו לייטערן און דערנאָך זיי צו שטעלן אין דינסט פון דער קירכע.

די קירכע האָט דערפאַר צוגענומען פאַר זיך די גרעסטע קונסט־אוצרות פון אַלטן גריכנלאַנד און אַפילו די געצנדינערישע פּלעצער פון אַלטן רוים. דער רוימישער קאָלאָסעאום, למשל, איז פריער געווען פאַר דער קירכע אַן אומריין אָרט. אָבער שפּעטער האָט די קירכע דערקלערט דעם קאָלאָסעאום אַלס הייליק אָרט, מיטן תירוץ, אַז דאָרט זענען אויף דער אַרענע אומגעקומען קריסטן. אויף דער אַלטער מויער פון קאָלאָסעאום איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אַ צלם און דער געצנדינערישער רוימישער אַמפיטעאַטער האָט אָנגעהויבן „אַרבעטן" פאַרן פּויפּסט.

דאָס זעלבע איז געשען מיט דעם פּאַנטעאָן אין רוים, וועלכן די קירכע האָט „געהייליקט".

מיט מער רעכט האָט די קירכע דאָס געטון מיט די קאַטאַקאָמבעס — די טיפע היילן אַרום רוים, ווו עס געפינען זיך ריזיקע קונציק־געבויטע גאַלעריעס און נישעס, וועלכע האָבן געדינט אַלס קברים פאַר די ערשטע קריסטן. (אויך עט־לעכע יידישע קברים מיט גריכישע אויפשריפטן זענען דאָרט פאַראַן). די רוימער האָבן זייערע טויטע פאַרברענט. בלויז די רייכע האָבן זיך אויסגעבויט קברים, וואָס זענען צייטנווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פעסטונגען. ביז די צייטן ווען די קריסטלעכע רעליגיע איז לעגאַליזירט געוואָרן (אין אָנהייב פון פערטן יאָרהונדערט דורכן אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנטין, וועלכער איז אַליין געוואָרן אַ קריסט) פלעגן די קאַטאַקאָמבעס אויך באַנוצט ווערן אַלס קריסטלעכע געבעט־הייזער. הגם אויף די קברים אונטן קען מען נאָך היינט געפינען אַ סך געצנדינערישע פיגורן, האָט פונדעסטוועגן די קירכע געהייליקט אַלע קאַטאַקאָמבעס און היינט קענט איר אַהין נישט אַראָפּגיין, אויב עס באַגלייט אייך נישט קיין גלח אָדער מאָנאַך. אויך מיך האָט אונטן באַגלייט אַ גלח מיט אַ הייליק ליכט. אויפן וועג האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט ביי אַ שטיינערנער פיגור, וואָס האָט געהאַט דריי צעעפנטע פינגער פון דער רעכטער האַנט. דער גלח האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קריסטלעכער מאַר־טירער, וואָס האָט פאַרן שטאַרבן געעפנט דריי פינגער אַלס צייכן, אַז ער גלייבט אין דער הייליקער דריי־איינקייט.

ווערט מען טאַקע פאַרבליפט, ווען מען גייט איבער די מוזעומס און ביבליאָ־טעק פון וואַטיקאַן. וואָסערע אומדערשעפּלעכע אוצרות דאָ זענען צונויפגעזאַמלט. דאַכט זיך, אַלץ, וואָס דער מענטשלעכער זשעני האָט געשאַפן אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן. און איבער דעם אַלעמען טראָגט זיך דאָס דיסקרעטע שעפּטשען פון קאַטוילישן גלח:

— פאַר דער גרויסקייט און רום פון גאָט און זיין זון יעזוס קריסטוס. אָמן.

***

— איין וויכטיקן קאָנקורענט האָט אין רוים דער קונסט־אוצר פון וואַטיקאַן — דאָס איז די באָרגהעס־גאַלעריע. איך בין אַרומגעגאַנגען אין דעם פּאַלאַץ, וואָס איז געווען די זומער־רעזידענץ פון אַ רוימישן גביר פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, און צוויי קעגנגעזעצלעכע געפילן האָבן מיך באַהערשט — אַ געפיל פון אַנטציקונג און אַ געפיל פון עקל.

אַנטציקונג — פון דעם קינסטלערישן געשמאַק און קינסטלערישע אַמביציעס, וואָס אַ רייכער איטאַליענער פון דריי הונדערט יאָר צוריק האָט פאַרמאָגט.

און עקל, וואָס איין־איינציקער מענטש האָט געקענט ווינען אין אַזאַ פאַנטאַס־טישן לוקסוס, אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע קאָלאָסאַלע קונסט־אוצרות, אין אַ צייט, ווען צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן אין זעלבן רוים געוווינט אין קברים.

אָבער נאָך אַ דריטער געפיל האָט מיך באַהערשט, בעת איך האָב אַרומ־געשפּאַצירט אין דער גאַלעריע און פּאַרק פון יענעם איטאַליענער — אַ געפיל פון טיפער סימפּאַטיע צום איטאַליענישן פאָלק. אויף דעם געפיל האָט מיך אַרויפ־געפירט מיינער אַ באַקאַנטער, אַן איטאַליענישער ייִד, אַ גרויסער קונסט־קענער, וועלכער האָט מיך באַגלייט איבער דער באָרגהעס־גאַלעריע. ער האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט אויף עטלעכע סקולפּטורן און בילדער, וועלכע באַהאַנדלען אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן איין ביבלישן מאָטיוו — דוד און גלית.

— פון אַלע ביבלישע מאָטיוון — האָט ער מיר געזאָגט — האָבן די איטאַ־ליענער אַממיינסטן ליב דעם מאָטיוו דוד און גלית. די בעסטע איטאַליענישע קינסטלער, פון מיקעל אַנדזשעלאָ ביז די מאָדערנע, האָט געלאָקט די דאָזיקע טעמע. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל זי אַנטשפּרעכט אַמבעסטן דעם כאַראַקטער פון איטאַליענישן פאָלק, זיין געפיל פאַר גערעכטיקייט. דער איטאַליענער איז אין דעם פּרט, ווי אין אַ סך אַנדערע פּרטים, ענלעך צו ייִדן. ער האָט נישט ליב שיסן... ער איז שטענדיק געווען אַ שלעכטער זעלנער און די גאַנצע וועלט האָט געזאָגט וויצן אויף דעם חשבון. מוסאָליני האָט דערפאַר אָפטמאָל געזידלט זיינע לאַנדסלייט און עס איז געווען זיין גרעסטע אַמביציע פון זיי אַראָפּצונעמען דעם דאָזיקן „פלעק" און זיי מאַכן פאַר גוטע זעלנער, אָבער דאָס האָט זיך אים נישט איינגע־געבן. דוד און גלית — דאָס איז פון איין זייט די ברוטאַלע קראַפט און פון דער צווייטער זייט די גערעכטיקייט, פון איין זייט דער בלוטדורשטיקער יעגער און פון דער צווייטער זייט — דער צאַרטער פאַסטוך. דער איטאַליענער וועט זיך אַ מינוט נישט וואַקלען, ווען ער דאַרף באַשליסן אויף וועלכער זייט זיך צו שטעלן. מיר, די איטאַליענישע ייִדן, האָבן דאָס געוווּסט אויך אין דער שוועדסטער צייט, ווען די דייטשע יעגער האָבן געווילדעוועט איבער די גאַסן פון די איטאַ־ליענישע שטעט. און דאָס איז געווען דער איינציקער קוואַל, פון וועלכן מיר האָבן אין יענע טעג און מאָנאַטן געשעפּט כוח דורכצוהאַלטן.

נישט אומזיסט האָבן די איטאַליענישע ייִדן אַזוי ליב דאָס איטאַליענישע פאָלק. וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

צווישן ייִדן אין רוים

עס זענען נאָך אפשר פֿאַראַן ייִדן אויף דער וועלט, וואָס פֿירן ווייטער דעם אַלטן ייִדישן חשבון צווישן רוים און ירושלים, אָבער — די צוועלף טויזנט רוימישע ייִדן געהערן זיכער נישט צו זיי. אַפּילו אָפֿיציעל האָבן זיי דעם דאָזיקן חשבון ליקווידירט אין יאָר 1948, ווען עס איז אַנטשטאַנען די ייִדישע מלוכה. דעמאָלט איז אַ דעלעגאַציע פֿון רוימישע ייִדן מיט ספר תורהס און מוזיק אַוועק צום טיטוס־טויער (דורך וועלכן עס זענען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק אַריינגעפּירט געוואָרן קיין רוים די ייִדישע געפֿאַנגענע פֿון באַזיגטן ירושלים) און האָבן זיך פֿאַרנומען אויף מזרח:

צוריק אַהיים, אין באַפֿרייטן ירושלים.

טויזנטער רוימער, אור־אייניקלעך פֿון די באַזיגער פֿון ירושילם, האָבן זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער סצענע און מיט סימפּאַטיע און צושטימונג צוגעשמייכלט. זיי זענען געווען צופֿרידן, וואָס אַ קאָנפֿליקט פֿון פּאָר צוויי טויזנט יאָר צוריק ווערט אויף אַזאַ פֿרידלעכן אופֿן אָפּגעמעקט. דער טיטוס־טויער שטייט טאַקע ווייטער אין צענטער פֿון רוים, קעגנאיבער די דיקע מויערן פֿון קאָלעסעאום; פֿון זיינע שטיינער קוקן נאָך אַלץ אַראָפּ די טראַגישע געשטאַלטן פֿון די ייִדישע געפֿאַנגענע, ווי זיי טראָגן אַריין די ייִדישע מנורה אין געצנדינערישן רוים, אָבער מיט דער ווירקלעכקייט האָט דאָס מער נישט צו טאָן.

נישט מיט דער גויאישער ווירקלעכקייט פֿון רוים און אויך נישט מיט דער ייִדישער ווירקלעכקייט פֿון רוים.

די רוימישע ייִדן לעבן אין פֿולער האַרמאָניע מיט רוים און זיי טראַכטן נישט וועגן אַוועקגיין.און דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן וועגן די מייגסטע פֿון די דרייסיק טויזנט איטאַליענער פֿון ייִדישן גלויבן.

און אויב עס באַהערשט אייך אַמאָל אַזאַ מאָדנער חשק צו לאָזן פֿאַלן פּאָר אַן

איטאַליענער אַ שלעכט וואָרט אויף איטאַליע, איז ראָט איך אייך אויסצוקלייבן בעסער פאַר אייער צוהערער אַן איטאַליענישן גוי, ווי אַן איטאַליענישן ייִדן.

דער גויאישער איטאַליענער וועט אייך זיכער געדולדיק אויסהערן און עס איז גאַנץ מעגלעך, ער זאָל מיט אייך אַפילו מסכים זיין. דער ייִדישער איטאַליע־נער, אָבער, אויב ער וועט אייך בכלל אויסהערן, וועט דאָס זיין מיטן גרעסטן ווידערווילן און באַלד דערנאָך וועט ער מיט היץ און מיט האַרץ אייך נעמען באַ־ווייזן, אַז איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט, ווייל אַזאַ טייער לאַנד ווי איטאַליע און אַזעלכע טייערע מענטשן ווי די איטאַליענער זענען גאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ.

און דאָס איז הונדערט פּראָצענט אמת.

דעם איטאַליענער איז אַנטיסעמיטיזם פרעמד. אַפילו אין דער שווערסטער צייט פון פאַשיזם, ווען די דייטשן האָבן דאָ געווילדעוועט, האָבן די איטאַליענער אַרויסגעוויזן זייער סימפּאַטיע צו ייִדן. אַפילו איטאַליענישע פאַשיסטן האָבן נישט פּראַקטיצירט קיין אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז אויך געווען איינע פון די אורזאַכן פאַרוואָס די איטאַליענער, אַלע איטאַליענער, האָבן קיינמאָל נישט געפילט קיין סימ־פּאַטיע צו די דייטשן. דעם איטאַליענער איז שטענדיק געווען פרעמד די דייטשע דיסציפּלין, די דייטשע חוצפה און די דייטשע ייִדן־שנאה. אין די געפערלעכסטע צייטן (און לעצטן יאָר פון דער מלחמה, ווען די מאַכט אין איטאַליע האָבן אינגאַנצן איבערגענומען די דייטשן) האָבן איטאַליענער אויסבאַהאַלטן זייערע ייִדישע שכנים. איר וועט נישט טרעפן קיין איטאַליענישן ייִדן, וואָס זאָל אייך נישט פאַר־זיכערן, אַז ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין לעבן זיינע איטאַליענישע שכנים. די אי־טאַליענער האָבן זייערע ייִדישע שכנים אויסבאַהאַלטן אין פּריוואַטע דירות און נאָך מער אין די קירכעס און מאָנאַסטירן. מאַנכע אַזעלכע געראַטעוועטע ייִדן, צווישן זיי אויך אַ רוימישער רב, האָבן אַפילו אויס דאַנקבאַרקייט צו דער קירכע, זיך שפּעטער געשמדט...

נישט ווייניקער רירענדיק איז אויך געווען די באַציִונג פון די איטאַליענער צו די היימלאָזע ייִדן, וואָס זענען געקומען קיין איטאַליע נאָך דער מלחמה, איך מיין צו אונדזערע ייִדן, צו די ייִדן, וועלכע זענען זיי דאָך געווען אינגאַנצן פרעמדע: צו די ייִדן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך דאָך אַפילו נישט געקענט פאַרשטענדיקן. הונדערטער און טויזנטער אָרעמע איטאַליענער האָבן געעפנט זייערע היימען פאַר די דאָזיקע געקומענע ייִדן, יאָ באַצאָלט, נישט באַצאָלט, קודם־כל האָט מען גע־ווינט אונטער איין דאַך און מען האָט זיך אַפילו געטיילט מיטן ביסן. אַן ווער־

טער איז דאָס צוגעגאַנגען, אויף שטום־לשון, דורך צייכנס — מען האָט שוין געפונען אַ וועג, ווי אַזוי צו מאַכן דעם איטאַליענער פאַרשטיין דאָס יידישע לשון.

אויב עס זענען פונדעסטוועגן פון די צענדליקער טויזנטער היימלאָזע יידן, וועלכע זענען נאָך דער מלחמה געקומען קיין איטאַליע, נאָר דאָרט איבערגעבליבן אַ פּאָר הונדערט, איז עס נישט די שולד פון די אָרעמע איטאַליענער, נאָר פון זייער אָרעם לאַנד, וואָס ליידט אויף כראָנישער איבער־באַפעלקערונג און אויף כראָנישער אַרבעטסלאָזיקייט. איטאַליע האָט היינט צו טאָג אַמווינציקסטן צען מיליאָן „איבעריקע" איטאַליענער, דאָס הייסט, אַזעלכע איטאַליענער, וואָס וואַרטן, אַז די טויערן פון די ווייטע אַמעריקאַנער לענדער זאָלן זיך פאַר זיי עפענען, אָבער זיי עפענען זיך נישט, און די „איבעריקע" איטאַליענער מוזן ווייטער בלייבן אין זייער שיין לאַנד.

אָבער עס איז מערקווירדיק, וואָס גראָד צווישן די יידישע איטאַליענער זענען די עמיגראַציע־שטימונגען קלענער ווי צווישן די נישט־יידישע איטאַליענער.

***

דאָ און דאָרט באַגעגנט מען אַזאַ יידישן איטאַליענער, וואָס האַלט ביי אויס־וואַנדערן. פאַרגעסט נישט, אַז קיין שום פאָלק אויף דער וועלט (אַ חוץ יידן) האָט נישט אַזויפיל קרובים אין די אַמעריקאַנער לענדער ווי דאָס איטאַליענישע פאָלק. אויך אין דער הינזיכט זענען, ווי מען זעט, איטאַליענער ענלעך צו יידן. ביידע זענען אַרומגערינגלט מיט אַמעריקאַנער פעטערס.

גיינדיק איבער די אַמאָליקע יידישע געסלעך פון רוים (איצט וווינען דאָרט ס'רוב אָרעמע איטאַליענער), האָב איך באַמערקט ווי אַ גאַסן־הענדלערקע, אַ טי־פישע, ברייטע איטאַליענערין וויל מיך עפּעס פרעגן, אָבער זי איז, זעט אויס, נישט גענוג דרייסט דאָס צו טאָן. האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי איר „קראָם" און גענומען איינהאַנדלען אַ פּאָר שיך־בענדלעך. „סעניאָר איזט איין אַמעריקאַנער?" — האָט זי מיך שטיל געפרעגט האַלב־איטאַליעניש און חצי דייטש. „יאָ" — האָב איך געענטפערט. „אַ ייד?" — האָט זי ווייטער געפרעגט שוין דרייסטער. „יאָ" — האָב איך ווידער געענטפערט. דעמאָלט האָט איר טונקל פּנים אויפגעלויכטן. „אויך איך איין יידישע" — האָט זי געזאָגט אַ דערפרייטע און אַרויסגעצויגן אַ גאָלדן מגן־דודל, וואָס זי האָט אויף אַ שנירעלע געטראָגן אויפן האַלדז. „איך האָב טאָכ־טער אין אַמעריקע, שיקאַגע".

מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט, זי האָט געוואָלט, אַז איך זאָל איר דערציילן

וועגן אַמעריקע און איבערהויפּט וועגן שיקאַגאָ. איז די שטאָט אַזוי גרויס ווי רוים, לעבן דאָרט אַ סך ייִדן, ווי ווייט איז שיקאַגאָ פון ניו־יאָרק? איך האָב איר אויף אַלץ געענטפערט. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז אַן אַלמנה און אַז זי האָט שוין פאַפירן אויף צו פאָרן צו איר טאָכטער. עס דאַרף נאָך דויערן עטלעכע חדשים ביז זי וועט זיך זעצן אויף דער שיף. זי איז גליקלעך, וואָס זי פאָרט קיין אַמעריקע, אָבער נישט דערפאַר וואָס זי וויל אַנטלויפן פון איטאַליע. אָ, זי האָט איטאַליע ליב און אויך די מענטשן דאָ האָט זי ליב. אָבער איר איז שווער דאָ אַליין, זי בענקט נאָך איר טאָכטער און נאָך די אייניקלעך, וועלכע זי האָט נאָך נישט געזען. און זי וויל זיך אויך אַ ביסל אָפּרוען. זי איז זייער מיד.

קיין גרויסע שייכות מיט ייִדן און ייִדישקייט, האָב איך געזען, האָט זי נישט, נישט געקוקט אויף דעם מגן־דודל, וואָס זי טראָגט אויפן האַלדז. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן כמעט אַלע פון די דרייסיק טויזנט איטאַליענישע ייִדן, וואָס אַ גאָר היפּשע צאָל פון זיי געהערן צו די העכערע קלאַסן, צו אַלטע, יחוסדיקע פאַמיליעס און פאַרנעמען נאָך היינט, אַזוי ווי אין די צייטן פון פאַר מוסאָליני, אָנגעזעענע פּאָזיציעס אין דער אינדוסטריע און האַנדל און אויך אין דער וויסנשאַפט און אין דער קונסט. זיי זענען צו שטאַרק און אויך צופיל אַסימילירט, זיי זאָלן זיך שעמען מיט זייער ייִדישער אָפּשטאַמונג. די שאַפונג פון מדינת ישראל האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ מין שטאָלצע נייגעריקייט, און ביי מאַנכע אַפילו אַנגערירט דאָס „פּינטעלע ייִד״ און די קעשענע. אין ביידע פאַלן אָבער האַנדלט עס זיך ביי זיי הויפּטזעכלעך אין העלפן שאַפן אַ היים פאַר די געפּלאָגטע און פאַרפּאָלגטע ייִדן פון אַנדערע לענדער און אין ווייזן דער וועלט, אַז ייִדן (אַלץ: יענע ייִדן) קענען פירן אַ מלוכה נישט ערגער ווי אַנדערע פעלקער. מיט זייער אייגן לעבן, אָבער, האָט עס קיין שייכות נישט. זיי זענען געוועזן איטאַליענער און זיי בלייבן איטאַ־ליענער. און זיי האָבן אַפילו ווייניקער גרונט צו טראַכטן וועגן אויסוואַנדערן פון זייער איטאַליע, ווי די איטאַליענישע ערדלאָזע פּויערים אָדער ווי די „איבעריקע״ איטאַליענישע אַרבעטער.

בלויז גאָר ווייניקע פון די איינגעזעסענע איטאַליענישע ייִדן האָט די שאַפונג פון מדינת ישראל אַ שטויס־געטון צו מער ייִדישקייט און מער ציוניזם. דאָס דריקט זיך אויס אין לערנען די קינדער אַ ביסל העברעיש און אין אַרויסשיקן אויף עט־לעכע וואָכן פאַר דער זומער־וואַקאַציע אַ פּאָר ייִדישע קינדער קיין ישראל. אַ סברה, אַז די גרויסע מערהייט פון די איטאַליענישע ייִדן איז אין די לעצטע יאָרן אַפילו געוואָרן ווייטער פון ייִדישקייט ווי זי איז געווען פריִער. אַ רעליגיעזער ייִד האָט

ב. שעפּנער

זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז פון יאָר צו יאָר ווערט קלענער די צאָל דאַוונער אין שול און עס ווערט גרעסער די צאָל געמישטע חתונות.

***

וואָס שייך געמישטע חתונות, איז מיר וועגן דעם שווער עפּעס צו זאָגן. דערפאַר וועגן דאַוונען קען איך יאָ עפּעס זאָגן. דעם ערשטן טאָג שבועות בין איך אַוועק אין דער הויפּט־שול, וואָס געהער צו די שענסטע געביידעס אין רוים. די שול איז אינגאַנצן אַלט פופציק יאָר און זי איז לעצטנס, נאָך דער באַפּרייאונג, געוואָרן אויפגעפרישט. אירע מאַרמאָרנע ווענט זענען געווען באַדעקט מיט ווייסע בלומען, וועלכע האָבן געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון פרישער, שמעקנדיקער יום־טובדיקייט. דערפאַר האָט פון דאַוונען זיך געטראָגן דער ריח פון מידער וואָכעדיקייט. די שול איז אַ קאָנסערוואַטיווע. די ווייבער זענען געזעסן באַזונדער. די מענער זענען אַלע געגאַנגען מיט צוגעדעקטע קעפּ, מאַנכע האָבן געטראָגן ציליג־דערס. בלויז די מזרח־וואַנט און די ערשטע רייען זענען ווי עס איז געווען אויסגע־פילט. פון די קנאַפּע טויזנט פּלעצער זענען אפשר צוויי הונדערט געווען באַזעצט.

אַ ווילנער יידישער בחור, אַ טאַלאַנטירטער יידישער מוזיקער, וואָס שטודירט אין רוים, האָט מיך אַרומגעפירט איבער דער שול. ער קומט דאָרט אַהין פון צייט צו צייט. נישט דערפאַר, ווייל ער וויל דאַוונען, נאָר ווייל ער וויל זען יידן. ער איז שטאַרק אויסגעבענקט נאָך יידן. ווען ער האָט אין מלחמה־צייט פאַרלאָזט ווילנע, איז ער נאָך געווען גאָר אַ יונג בחורל, אָבער שוין אַן אָנגעזאַפּטער מיט ווילנער יידישקייט. גייט ער אַרום אַן איינזאַמער איבער די גאַסן פון רוים און עס זינגט פון אים אַרויס אַ פאַרבענקטער ווילנער ניגון.

ער האָט שוין געשאַפן עטלעכע קאָמפּאָזיציעס, וואָס זענען שטאַרק געלויבט געוואָרן פון זיינע פּראָפעסאָרן. געווינען אין איטאַליע אַנערקענונג אַלס מוזיקער איז ווי געווינען אין ענגלאַנד אַנערקענונג אַלס שיפס־קאַפּיטאַן. דערצו נאָך פאַר אַ פרעמדן, יונגן בחור. די אַלע קאָמפּאָזיציעס זענען אויף יידישע טעמעס. ער זוכט אַ תיקון פאַר אַלטע, פאַרגעסענע יידישע מאָטיוון און גלייכצייטיק זוכט ער אַ תיקון פאַר דער אייגענער יידישער בענקשאַפט.

אויך ער האָט זיך גוט איינגעלעבט מיט די איטאַליענער און ער האָט פאַר זיי אַ סך ווערטער פון אַנערקענונג און אַפילו פון באַגייסטערונג. אָבער ער בענקט נאָך יידיש לעבן, נאָך יידישער טעטיקייט, נאָך לעבעדיק יידיש לשון, נאָך די קלאַנגען פון יידישע גאַסן און געסלעך. ווילנע וויל ער. אויב נישט גאַנץ ווילנע, איז כאָטש אַ ביסל ווילנע.

קומט ער דאָ פֿון צייט צו צייט אַהער אין שול און גייט שטענדיק, ווי ער זאָגט מיר, פֿון דאַנען אַוועק אַן אַנטוישטער. עס איז נישט דאָס, וואָס ער זוכט. אינ־גאַנצן נישט דאָס... און יעדעס מאָל, ווען ער קומט, איז עס נאָך ווייניקער „נישט דאָס״, ווי דאָס פֿריערדיקע מאָל.

דאַוונער זענען ווייניקער און אויך דאָס דאַוונען איז ווייניקער.

אַלץ איז ווייניקער און ווייניקער.

מאַנכעסמאָל דאַכט זיך אים, אַז עס איז שוין אינגאַנצן נישטאָ קיין ייִדישקייט אין איטאַליע. עס איז שוין דאָרטן אַלץ געענדיקט.

טאָקע בעת אונדזער באַזוך אין דער שול האָט ער מיר דאָס געזאָגט. פֿון גאַנצן דאַוונען האָט זיך געטראָגן אַזאַ רעזיגנירטע שלעפּערדיקייט, וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן אַ קעלט.

— איר זעט — האָט ער מיר געוויזן אויף די דאַוונער — זיי האָבן שוין קיין כּוח נישט צו טראָגן זייער ביסל ייִדישקייט.

פֿון דער שול זענען מיר אַוועק זוכן ייִדישקייט אין דעם איינציקן כּשרן ייִדישן רעסטאָראַן אין רוים. דער רעסטאָראַן געפֿינט זיך אין הויף, אויף אַ שטאָק. דער באַלעבאָס — אַ היימישער, מיטל־עריקער ייִד — איז געזעסן און געלייענט אַ ייִדישע צייטונג פֿון פּאַריז. ביים צווייטן עק טיש איז געזעסן אַ הויכער ייִד מיט אַ טונקעלער באָרד איבערגעבויגן איבער אַ גרויסן טעלער פּאַרעדיקע יויך מיט לאָקשן. די עכטע, היימישע ייִדישקייט פֿון די לאָקשן האָבן זיך מיר דאָ מער גע־וואָרפֿן אין די אויגן, ווי ערגעץ אַנדערשוווּ. איך האָב געטראַכט: וויפֿל אייגנאַר־טיק־ייִדישעס מוז ליגן אין אונדזערע לאָקשן, אַז זיי קענען דאָ, אין איטאַליע, אין לאַנד פֿון לאָקשן, זיך אַזוי שאַרף אויסטיילן פֿון אַרום.

דער באַלעבאָס האָט זיך מיט מיר דערפֿרייט. ער האָט אַריינגערופֿן זיין ווייב, אַ פֿרוי אין די פֿריִע פֿערציקער, מיט אַ טיפּישן אויסזען פֿון אַ גבירישער וואַר־שעווער באַלעבאָסטע, גאַרנישט פֿון די פּאַרשלאָפֿענע.

— אַ וואַרשעווער ייִד — האָט ער מיך פֿאַרגעשטעלט — פֿון אונדזערע וואַר־שעווער ייִדן, און נאָך דערצו פֿון אַמעריקע.

— איך בין געקומען הערן אַ ייִדיש וואָרט — האָב איך געזאָגט.

— ביי אונדז איז טאָקע דאָס איינציקע אָרט אין רוים — האָט דער באַלע־באָס מיט אַ באַהאַלטענעם זיפֿץ געזאָגט — וווּ מען קען נאָך הערן אַ ייִדיש וואָרט.

מיר האָבן זיך צערעדט. ביידע האָבן מיך אויסגעפֿרעגט וועגן אַמעריקע, הגם זיי גראָד האַלטן נישט ביי עמיגרירן. איך האָב זיי געפֿרעגט וועגן דעם ייִדישן לעבן אין רוים, וועגן ייִדישע פּרנסות און אויך וועגן זייער אייגענער פּרנסה.

ב. שעפנער

— שוואַך — האָבן זיי זיך באַקלאָגט אויף דער אייגענער פּרנסה.

— עס קומען דאָך אַזוי פיל אַמעריקאַנער ייִדן קיין רוים? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

— אונדז גייט דאָך נישט סתם וועגן ייִדן — האָט דער באַלעבאָס געשמייכלט.

— אַ כשרער רעסטאָראַן — האָט זי מיר דאָס בעסער געגעבן צו פאַרשטיין — דאַרף האָבן כשרע ייִדן.

ווען מיר זענען שוין געווען אין דרויסן, האָט מיר דער ווילנער יונגערמאַן געזאָגט, אַז דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַן האָט אַ ביסל איבערגעטריבן. זיין רעס־טאָראַן איז נישט דאָס איינציקע אָרט אין רוים, וווּ מען קען הערן אַ ייִדיש וואָרט. פאַראַן נאָך אַן אָרט — דאָס איז די קליינע קהילה פון די אַשכנזישע ייִדן אין רוים, דאָס הייסט, פון אונדזערע מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן. צוויי הונדערט אַזעלכע ייִדן זענען סך־הכל פאַראַן אין רוים. איז זיי געוואָרן קאַלט צווישן די איינגעזעסענע איטאַליעניש ייִדן, זיי פאַרשטייען נישט איינער דעם צווייטן. זענען זיי אַוועק און געגרינדעט אַן אייגענע קהילה, וועלכע געפינט זיך אין אַ צימערל פון לאָקאַל פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין איטאַליע. יעדן שבת צונאַכטס קומט מען זיך דאָרט צוזאַמען און מען רעדט ייִדיש.

וועגן וואָס רעדט מען?

מייגסטנס וועגן עמיגראַציע.

גאַנץ אָפט קומט צו זיי אַראָפּ דער קראַנקער ייִדישער פּאָעט, וואָס געפינט זיך אין דער „דזשאָינט"־סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־ליידנדיקע ייִדישע מלחמה־קרבנות פופצן מייל הינטער רוים, און ער לייענט זיי פאָר אַ בלעטל פּרץ, אַ שטיקל שלום עליכם, און אַמאָל אויך זיינע אייגענע צאַרטע שטילע לידער, געשריבן אין שעהן פון טיפער איינזאַמקייט.

דער ווילנער מוזיקער און דער קראַנקער פּאָעט זענען נאָענט באַפריינדעט. די בענקשאַפט נאָך אַ לעבעדיק ייִדיש וואָרט האָט די ביידע עלנטע יונגע ייִדן צונויפ־געפירט אין דעם פרעמדן רוים. דאָרט קען מען זיי פון צייט צו צייט זען שפּאַצירן צוזאַמען אויף די שטילע, הינטער־שטאָטישע גאַסן, וואָס פירן צו די טויערן פון רוים — דאָרט ווו עס וואַרט, לויט דער לעגענדע, דער ייִדישער משיח...

ווער־זוער, אָבער די רוימישע ייִדן וואַרטן נישט אויף אים.

ביים פויפסט

עס האָט קיין סך נישט געפעלט, אַז אויף מיר זאָל קענען אָנגעווענדט ווערן דאָס באַקאַנטע יידישע ווערטל: „געווען אין רוים און דעם פויפסט נישט געזען״.

ווייל די קאַטוילישע קירכע, וואָס דער פויפסט איז איר קאָפּ, האָט קיינמאָל מיין נייגעריקייט נישט געוועקט, גיכער האָט זי געוועקט אַנדערע געפילן, וואָס דער ווירקטיקסטער פון זיי איז געווען — שרעק. געבוירן אין אַזאַ טיף־קאַטוילישן לאַנד ווי פוילן, האָב איך שוין קליינערהייט אינסטינקטיוו אַ ציטער געטון, ווען עס האָבן אין אַ חגא־טאָג זיך צעקלונגען די קאָשטשאָל־גלאָקן. פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אָנזאָג, אַז „זייער גאָט״ פאַרנעמט הייַנט די גאַסן און אַז פאַר אַ יידישן יינגל, דערצו נאָך פאַר אַזעלכן, וואָס דער ייִד ליגט אים אויפן פּנים און אויף די קליידער, איז הייַנט געזינטער צו בלייבן אין שטוב.

אַפילו שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרן און אָנגעהויבן אַ קריג מיט „אונדזער גאָט״, איז אַלץ מיין באַציִונג צו „זייער גאָט״ נישט געוואָרן פריידלעכער. איך בין טאַקע מער נישט אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט גאַס, ווען איך בין צוגעקומען צו אַ קאָשטשאָל, ווי איך פלעג עס טון קליינערהייט, אָבער נענ־טער איז מיר דאָס דאָזיקע פרעמדע „געטלעכע הויז״ נישט געוואָרן. פאַרקערט, עס איז גיכער געוואָרן ווייטער, ווייל איצט האָב איך מער געוווסט פאַרוואָס איך שרעק זיך, ווי אַלס קינד; איצט בין איך דאָך באַקאַנט געוואָרן מיטן יידישן חשבון מיטן הייליקן רוים — אַ חשבון צו וועלכן אונדזער צד האָט צוגעטראָגן בלוט און טרערן און דעם פויפסט צד — פייער און שווערד.

אויך די געשיכטעס פון די באַזונדערע פויפסטן זענען נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרקלענערן מיין ווידערגעפיל צו דער רוימישער קירכע און אירע הייליקע פאַטערס. צו מיין נאָז האָבן פון די דאָזיקע געשיכטעס זיך דערטראָגן דער ריח פון וויין און שייטערהויפנס, פון בלוט און אָרגיעס, פון אינקוויזיציע־קעלערן און

גיפט־בעכערס, פון קרייץ־צוגן און מכשפה־פראַצעסן, פון פּאַרסמטע ברונעמס און פון — פּערפומירטע דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט היטלערן.

גראָד דעם לעצטן ריח — הגם ער שטאַמט פון דער גאָר־מאָדערנער צייט — האָט די וועלט און אַפילו די יידישע וועלט, גיך פאַרגעסן. איך, אָבער, געדענק אים מער ווי אַלע איבעריקע קאַטוילישע ריחות. די שענסטע רעדעס פון פּויפּסט פּיוס דעם צוועלפטן וועגן ראַסן־האַס און רעליגיעזע פאַראורטיילן קענען פון מיין נאָז נישט אַרויסטרייבן דעם דאָזיקן ריח. ער איז מיר אַנטקעגנגעקומען, דער ריח, די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין די בילדער־פּאַלאַצן און מוזעאומס פון וואַטיקאַן און איך האָב אַפילו פון אים זיך נישט געקענט באַפרייען אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב אין דער ביבליאָטעק פון וואַטיקאַן זיך אָנגעטראָפן מיט אַ ממשותדיקן באַווייז פון פּויפּסטס פריינטלעכקייט צו אַ יידן אין דער צייט פון דער מלחמה. דער דאָזיקער באַווייז איז אַ ריזיק בוך, אַ תנ״ך, וואָס שטייט אין אַ באַזונדערער גלעזערנער ביכער־שראַנק. דאָס איז די גרעסטע ביבל אויף דער וועלט, און זי האָט דער פּויפּסט באַקומען פון אַ רייכן איטאַליענישן ייד אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר ראַטעווען אים דאָס לעבן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

דער דאָזיקער דאַנקבאַרער ייד איז נישט דער איינציקער, וועלכן דער פּויפּסט און זיינע גלחים האָבן אויסבאַהאַלטן אין די היטלער־צייטן און אַזוי אַרום זיי גע־ראַטעוועט פון טויט. אָבער ווי הויך מיר זאָלן נישט אָפּשאַצן דעם ווערט פון אָט דער קאַטוילישער רעטונגס־אַרבעט, זעט זי אַלץ אויס נישטיק־קליין אין פאַר־גלייך מיט דער גרויסער גלייכגילטיקייט פון דער קאַטוילישער קירכע און פון פּויפּסט, צום גורל פון די יידן אונטער היטלערן.

ווען איך בין געשטאַנען לעבן דער דאָזיקער יידישער מתנה פאַרן פּויפּסט האָט אַן אינערלעכע שטים מיך כסדר דערמאָנט:

— געדענק, אַז אין דער צייט ווען די נאַציס האָבן געפירט מיליאָנען יידן צו דער שחיטה האָט היטלערס אַמבאַסאַדאָר זיך געפונען אין הויף פון פּויפּסט; געדענק, אַז „גאָטס פאַרטרעטער" אויף דער ערד האָט ווייטער אָנגעהאַלטן פריינט־לעכע דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט דעם פאַרטרעטער פון טייוול; געדענק, אַז דער כלומרשטער פאַרשטייער פון „לא תרצח" האָט אונטער זיין פרידלעכן דאַך געהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט דעם פאַרשטייער פון די גאַז־אויוונס.

אויף דער ריזיקער ביבל ליגט אַ קליין־פּיפּשעדיק ביכעלע — דאָס איז די קלענסטע ביבל אויף דער וועלט. עס האָט מיר אויסגעזען, ווי דאָס קליינע ביבעלע וואָלט געזאָגט צו דער גרויסער:

— וואָס איז דער אונטערשייד, ווי עס איז אָנגעשריבן דער „לא תרצח", מיט ריזן אותיות ווי ביי דיר, אָדער מיט גאָר קליינינקע, ווי ביי מיר, אַז סיי ווי זעט מען אים דאָ נישט?...

***

איז וואָס געהער איך זיך אָן מיטן וואַטיקאַן און ווי קום איך צום פּויפּסט?

בין איך טאַקע נישט געקומען. ערשט דעם לעצטן זונטיק פאַרן פּאַרלאָזן רוים האָב איך זיך צופעליק דערוווּסט, אַז טאַקע היינט, 10 אין דער פרי איז אין וואַטיקאַן אַן עפנטלעכע פּויפּסטלעכע אוידיענץ, און אַז טויזנטער טוריסטן פון אַלע עקן וועלט וואַרטן שוין אויף דעם זינט לאַנגע וואָכן. מיט אַמאָל האָט מיין זשורנאַליסטישע נייגעריקייט מיך אַ טרייסל געטון: איז נאָך איצט מעגלעך צו באַקומען אַ קאַרטע צו דער פּויפּסטלעכער אויפנאַמע? עס איז 9 אַזייגער, עס נעמט נישט קיין גאַנצע דרייסיק מינוט צוצופאָרן פון מיין האָטעל צום וואַטיקאַן. וועט נאָך אַלץ בלייבן אַ האַלבע שעה אויף צו מאַכן באַמיִונגען. וואָס קען איך דאָ פאַרלירן?

אָנגעקומען אין דער וואַטיקאַן־שטאָט, האָב איך אויף דעם ריזיקן פּלאַץ פאַר דער קירכע פון הייליקן פּעטער געטראָפן טויזנטער מענטשן פון אַלערליי פעלקער און ראַסן. זיי זענען אָבער נישט געגאַנגען צו דער אויפנאַמע ביים פּויפּסט, נאָר צו דער זונטיק־תפילה אין דער גרעסטער קירכע פון דער וועלט. אין פּאָדער־הויז פון דער קירכע האָבן מאַסן מענטשן זיך געשטופּט צו דער מאַרמאָרנער סטאַטוע פון הייליקן פּעטער, וועלנדיק מיט די אייגענע לעפצן קושן דעם פוס פון יעזוסעס ערשטן אַפּאָסטאָל. פון די מילי־מיליאָנען קושן איז דער רעכטער פוס פון הייליקן פּעטער געוואָרן איינגאַנצן אָפּגעריבן און קיין שום סימן פון פינגער זעט מען אויף אים מער נישט אָן.

די אַלע, וואָס האָבן איינלאַדונגען צו דער אויפנאַמע פון פּויפּסט, האָב איך זיך דערוווּסט, זענען שוין לאַנג אינעווייניק איז זאַל, וואָס געפינט זיך אויף דער רעכטער זייט פון דער קירכע פון הייליקן פּעטער. דער אַריינגאַנג ווערט באַוואַכט פון פּויפּסטס שווייצאַרישער לייב־וואַך, וואָס איז אָנגעטאָן אין מיטלאַלטערלעכע פאַרביקע קאָסטיומען, וועלכע דערמאָנען אין סטאַטיסטן פון אַ היסטאָרישער יידישער אָפּערעטע.

איך גיי צו צו איינעם פון די לייב־וועכטער און ווייז אים מיין זשורנאַליסטן־קאַרטע און אויך מיין אַמעריקאַנער פּאַס. ער פירט מיך צו אַ זייטיקן אַריינגאַנג, ווו עס פירן טרעפּן צו אַ פוסטן קאָרידאָר, וואָס איז באַדעקט מיט טעפּעך, רויטע

טעפיכער. אין אַ זייט געפינען זיך די סאַלאָנען פון פויפסטס קאַמער־מייסטער. אַ גלח אין אַ שוואַרצער סוטאַנע גייט מיר אַנטקעגן. איך דערצייל אים, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, ערשט געקומען קיין רוים און אַז איך וואָלט געוואָלט אַ קאַרטע צו דער אויפנאַמע פון פויפסט. ער באַטראַכט אַ ווײַלע מײַנע דאָקו־מענטן, דאַן גיט ער מיר אַ פאָרמולאַר מיט אַ צענדליק פראַגן, צווישן וועלכע ס׳געפינט זיך אָבער נישט קיין פראַגע וועגן רעליגיע־אַנגעהעריקייט. נאָכדעם ווי איך דערלאַנג אים דעם אויסגעפילטן פראַגע־בויגן, גיט ער מיר אַ קאַרטע און ווײַזט מיר דעם וועג צום זאַל, וווּ דער פויפסט דאַרף אין פופצן מינוט אַרום זיך באַווײַזן.

**
*

ווען איך בין אַרײַן אין דעם שמאָלן לאַנגן זאַל מיט די העלע באַגילדעטע ווענט, באַצירט מיט די פיגורן פון די פויפסטן פון אַלע צײַטן, איז שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט אַן עולם פון עטלעכע טויזנט מענטשן. אַלע זענען געשטאַנען צונויפגעדריקט ביי די ווענט, בעת אין דער מיט איז געווען אַ ליידיקער דורכגאַנג, אָפּגעשלאָסן פון ביידע זײַטן מיט אַ לעבעדיקער שנור פון פויפסטלעכע זעלנער און לייב־וועכטער. ביים סוף פון זאַל איז געווען אַ קליינע ליידיקע בינע, וואָס אין איר צענטער איז געשטאַנען אַ גאָלדענער שטול, העל באַלויכטן. פון הינטער דער בינע האָבן זיך געהערט געדעמפטע טענער פון אַ קירכן־ליד.

די אָנגעשטרענגטע שטילקייט אין זאַל איז פון צײַט צו צײַט איבערגעריסן געוואָרן פון די טריט פון די פאַרשיידענע לאַנד־דעלעגאַציעס, וואָס האָבן אַרײַנמאַרשירט אין זאַל און זיך אויסגעשטעלט מיט זייערע פענער הינטער די רוקנס פון די וואַך־זעלנער. פונקט צען אַזייגער האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט די דיקע רויטע פאָרטיערן ביי די אַרײַנגאַנגס־טירן און עס האָבן זיך באַוויזן אַכט פויפסטלעכע זעלנער מיט מיטלאַלטערלעכע שפּיזן אין די הענט און נאָך זיי — רויט־געקליידעטע לייב־וועכטער, וואָס האָבן אויף זייערע ברייטע שולטערן געטראָגן די שטול מיטן פויפסט.

דער פויפסט...

אַ הייס געשריי פון טויזנטער העלדזער און אַ ווילד קלאַפּעריי פון טויזנטער פּאָר הענט האָט באַגעגנט דעם אַלטן, דאַרן מאַן אין ווײַסן, וואָס האָט ווי געשוועבט איבער די קעפּ פון עולם. פון דער שטול אין דער הויך האָט ער זיך געבויגן אויף ביידע זײַטן, באַרירנדיק מיט זײַנע לאַנגע ביינערדיקע פינגער מאַנכע פון די צעפלאַטערטע הענט, וואָס האָבן זיך צו אים געשטרעקט.

— זאָל לעבן!

— וויוואַ על פּאַפּאַ!

— הייליקער פּאַטער! — האָבן זיך פון אַלע זייטן געהערט היסטערישע קולות.

מאַנכע האָבן קיין ווערטער אינגאַנצן פון זיך נישט געקענט אַרויסברענגען. די היסטעריע האָט זיי ווי פאַרגאָסן, האָבן זיי אַרויסגעברומט פון זיך האַלבע ווערטער, קלאַנגען, אויסרוף־צייכנס.

אַ סך געצנדינערישעס איז געלעגן אין דעם דאָזיקן עקסטאַז, וואָס איז געווען געוועגדט צו דעם בלאָסן, ביינערדיקן מאַן אין דער הויך. מענטשן האָבן זיך נישט צוגעגלויבט, אַז זיי זעען טאַקע מיט די אייגענע אויגן דעם פּויפּסט. האָבן זיי ווי איינער דעם אַנדערן געפרעגט אין הינערפּלעט: „דער פּויפּסט?״ „דער הייליקער פּאַטער?״ צוויי יונגע, פעטע גלחים, וואָס זענען געשטאַנען נעבן מיר, זענען כסדר אונטערגעשפּרונגען, נישט קענענדיק זיך קיין אָרט געפינען: „פּאַפּאַ״... „פּאַפּאַ״... אַ יונגע פרוי מיט אַ צעפלאַמט פּנים איז אַריינגעפאַלן אַ פאַרחלשטע אין די אָרעמס פון איר מאַן. מאַמעס האָבן מיט ציטערדיקע הענט אויפגעהויבן איבער די אייגענע קעפּ זייערע קינדער און מיט היסטערישע קולות זיך געבעטן ביי דעם ווייסן זקן אויף דער שטול: „פּאַטער, ריר אָן מיין קינד, ריר אָן״... פּרוּוען האָבן אַרויסגענומען שפּיגעלעך און אין זיי זיך באַמיט אַריינצוכאַפּן דאָס אָפּבילד פון „הייליקן פּאַטער״. אַנדערע האָבן געפּאַכעט אין דער לופט מיט אָפּגעשפּראָכענע קרעלן, מיט פּאַטשערקעס, מיט האַלדז־בענדער, האָפנדיק דערמיט אָנצורירן די האַנט פון פּויפּסט, אָדער כאָטש זיינע קליידער. געווען אויך מענער, וואָס האָבן דערלאַנגט דעם פּויפּסט אַ ווייס קאַפּעלע און ער האָט זיי דערפאַר געגעבן דאָס ווייסע קאַפּעלע, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין קאָפּ. אַזעלכע האָבן געהערט צו די גליקלעכסטע. זיי האָבן אָנגעטאָן דאָס קאַפּעלע וואָס דער פּויפּסט אַליין האָט געטראָגן! אַ פּאָר צענדליק אַזעלכע מענער מיט אַזעלכע ווייסע „געהייליקטע״ קאַפּעלעך האָט מען געזען צווישן עולם. זייערע פּנימער האָבן אַרויסגעשטראַלט פון דער מאָסע.

אַן ערך פופצן מינוט האָט געדויערט, ביז מען האָט דעם פּויפּסט דורכגעטראָגן דורכן זאַל ביז דער בינע. דורך דער צייט האָט יעדע ווילע אין אַן אַנדערן פונקט פון זאַל די היסטעריע אַריבערגעשוימט איבער טויזנטער קעפּ. ערשט ווען דער פּויפּסט האָט זיך שוין געפונען אויף דער בינע און פאַרנומען זיין אָרט אויף דער העל־באַלויכטענער שטול, איז אין זאַל געוואָרן רויק. צוויי קאַרדינאַלן האָבן פון ביידע זייטן אַנידערגעקניט פאַרן פּויפּסט און דעמאָלט האָט ער גענומען לייענען זיין רעדע. ער האָט אָנגעהויבן אויף איטאַליעניש, שפּעטער אַריבער אויף

ענגליש, דערנאָך אויף דייטש און געענדיקט אויף שפּאַניש. ווי פּאָר אַ רעדע פון פּויפּסט, איז זי געווען גאַנץ וועלטלעך און מיט איר רויקן טאָן איז זי געווען אַ שרייענדיקער קאָנטראַסט צו דער היסטאָריע פון עולם. דער פּויפּסט האָט גערעדט וועגן דער גרויסער בענקשאַפט צו שלום און וועגן דער נייטיקער צוזאַמענאַרבעט צווישן די פעלקער פון דער וועלט, אָן אונטערשייד פון גרויס, ראַסע און רעליגיע. ער האָט געגעבן זיין ברכה די פאַרשטייער פון די פאַרשיידענע לענדער און פעלקער, וואָס האָבן זיך געפונען אין זאַל. יעדעס מאָל ווען דער פּויפּסט האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון איינעם פון די פעלקער, האָבן אין זאַל זיך געהערט אַפּלאָדיסמענטן. אָבער די שטאַרקסטע אַפּלאָדיסמענטן האָבן אויסגעבראָכן, ווען דער פּויפּסט האָט אָנגעהויבן רעדן דייטש. דער גאַנצער זאַל האָט געשטורעמט. מענטשן האָבן זיך מיט פאַרוווּנדערונג איבערגעקוקט. די בליקן האָבן ווי געפרעגט: „אַזוי שטאַרק פילן זיך שוין די דייטשן?" „אַזוי דרייסט זענען זיי שוין?"

נאָכדעם ווי דער פּויפּסט האָט פאַרענדיקט זיין רעדע, איז ער אַריבער אויף דער טראָג־שטול און ווידער האָט אים זיין לייב־וואַך דורכגעטראָגן דורכן זאַל, דאָס מאָל פון דער בינע צום אַרויסגאַנג. ווידער האָבן זיך איבערגעחזרט די פריערדיקע סצענעס, אָבער זיי האָבן מער נישט פאַרמאָגט יענעם רעליגיעזן, אויך נישט דעם געצנדינערישן ציטער וואָס פריער. דער עולם האָט זיך איצט געפילט פרייער, וואָכעדיקער. דער ערשטער איינדרוק איז אַוועק און דער פּויפּסט האָט שוין אויסגעזען רעאַלער, צוגענגלעכער. נאָך אַ ווײַלע און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז עמיצער פון עולם וועט פרעגן דעם פּויפּסט, וויפל ס׳איז דער זייגער...

די אַפּלאָדיסמענטן זענען גראָד צוריקגעקומען נישט געווען קלענער ווי אַהינוועגס, פאַרקערט, זיי זענען מאָמענטנווייז געווען אַ סך גרעסער און שטאַרקער, אָבער זיי האָבן איצט געטראָגן אַן אַנדער, אַ מער־טעאַטראַלישן כאַראַקטער.

פינף מינוט נאָכדעם ווי די שטול מיטן פּויפּסט איז פאַרשוווּנדן, האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט די גרויסע רויטע פאָרטיערן און דער פאַרשוויצטער עולם האָט זיך אַ לאָז־געטון צום אַרויסגאַנג.

ווען איך בין אַרויסגעקומען אין דרויסן, האָב איך מיט גיכע טריט זיך געלאָזט צו די טויערן פון דער וואַטיקאַן־מלוכה, ווערלנדיק זיך וואָס פריער באַפרייען פון דעם ריח פון הייליקן ווייַרויך, וואָס האָט אָנגעפילט די לופט.

לאָנדאָן

דער ערשטער איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט ענגלאַנד, און איבערהויפּט לאָנדאָן, איז נישט געווען קיין גאָר גהויבענער. לאָנדאָן האָט מיך נישט „פאַרכאַפּט“, נישט מיטגעריסן. פאַרקערט, ביי מיין ערשטן באַזוך האָב איך זיך עטלעכע טעג אַרומגעדרייט איבער די לאָנדאָנער גאַסן אַן אַנטוישטער און אַנגעכמורעטער און זיך אַליין געפרעגט: אָט די גרויע שטאָט איז עס לאָנדאָן?

לאָנדאָן שמייכלט נישט צו אייך; לאָנדאָן זאָגט אייך אויפן ערשטן בליק גאָרנישט צו. אין קעגנזאַץ צו די פּאַריזער פּנימער, וועלכע זענען אָפענע, צע־שמייכלטע מיט אַ ברייטער איינלאַדונג אויף צו ווערן היימיש, זענען די לאָנדאָנער פּנימער, סיי די מענערישע און סיי די ווייבערישע, פאַרמאַכט אויף אַ סאָלידן ענגלישן שלאָס און דעם שליסל האָט יעדער, דאַכט זיך, איבערגעלאָזט אין דער היים. שוין מיט זיין וווּקס צווינגט אייך דער ענגלענדער צו אים אַרויפצוקוקן. דער בליק איז נישט קיין פאַרריסענער, אָבער אויך נישט קיין צוגעלאָזענער. ער זאָגט: „איך בין איך און איר זענט איר“. עס דאַכט זיך, אַז עס איז נאָר דאָ איין־איינציקער וועג, ווי אַזוי צו ווערן אינטים מיט די דאָזיקע מענטשן: ווערן ביי זיי געבוירן, אָדער ווייניקסטנס, מיט זיי חתונה האָבן...

און דעם זעלביקן איינדרוק מאַכט אויך די גרויסע שטאָט לאָנדאָן.

אייגנטלעך פּאַסט זיך נישט צו לאָנדאָן דאָס וואָרט „גרויס“, הגם זי איז געווען — און איז געבליבן — די גרעסטע שטאָט אויף דער וועלט און אַלע פּרוּוון פון ניו־יאָרק זי איבערצויאָגן האָבן זיך ביז איצט נישט איינגעגעבן. לאָנדאָן האָט נאָך אַלץ מיט איבער אַ מיליאָן איינוווינער מער ווי די אַכט־מיליאָניקע אַמעריקאַ־נער מעטראָפּאָליע. אָבער אויב מען זאָגט וועגן ניו־יאָרק, אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּאָר טויזנט קליינע שטעטלעך, איז דאָס אַ סך ווייניקער ריכטיק, ווי ווען מען זאָגט דאָס וועגן לאָנדאָן. מיטן אויסנאָם פון די גאַסן אין צענטער פון שטאָט,

ב. שעפנער

אַרום די בענק, וועסטמינסטער, פּיקאַדילי־צירקוס, מוזעאום און אויסשטעלונג־געגנט (עקסהיבישאָן ראָאַד), און אַ ביסל ווהייטשעפּל, באַשטייט לאָנדאָן פון שטילע, קליינשטעטלדיקע געסלעך, מיט רויטע, באַלעבאַטישע הייזקעס, אַרומגערינגלט מיט גוט־געפלעגטע גערטנדלעך און מיט אַ פּראָווינציעלער געמיטלעכקייט, וואָס ווערט נאָך מער אונטערגעשטראָכן פון די קעץ און הינט, וועלכע ליגן זיך ברייט־לעך אויף די שוועלן.

איר קענט אָפּפאָרן אויפן אויבערשטן שטאָק פון אַ לאָנדאָנער אָמניבוס עטלעכע שעה און דאָך האָבן דעם איינדרוק, אַז איר זענט אין דער גרויסער שטאָט נאָך נישט אַריינגעפאָרן. איר פאָרט פון איין שטעטל אַרויס און אין אַ צווייטן שטעטל אַריין. נישט מער, צווישן איין קליין שטעטל און צווייטן האָבן די ענגלענדער אויסגעבויט נאָך אַ שטעטל.

אָבער עס איז נישטאָ די צוגעלאָזנקייט, וואָס אין אַ קליין, היימיש שטעטל. די הייזקעס זענען פאַרמאַכט און אַפילו דער גלאָק, וואָס הענגט דאָרט ביי דער טיר, איז נישט שטענדיק צוטריטלעך פאַר דעם זייטיקן מענטשן. עס טרעפט, אַז איר דאַרפט פריִער אָנפרעגן, צי איר מעגט אָנקלינגען.

לאָנדאָן גיט אייך נישט צו קיין חשק, איר זאָלט אויף איר קוקן. אירע טומאַ־נען און נעפּלען זעען אויס, ווי זיי וואָלטן געווען אַ טייל פון איר טואַלעט. סיי אירע קליינע און סיי אירע מאָנומענטאַלע היסטאָרישע געביידעס זענען אַזוי שטאָלץ, אַז זיי האַלטן אַפילו נישט פאַר נייטיק זיך פאַר אייך צו באַרימען מיט זייער גרויס־קייט. פון דרויסן זאָגן זיי אייך אָפּטמאָל גאָרנישט. אַזוי זעען אויס געוויסע אַלטע אַריסטאָקראַטן וועלכע טראָגן אַלט־מאָדישע היטן און צעקנייטשטע הויזן. די נאַכ־לעסיקע קליידונג איז נישט קיין סימן פון באַשיידנקייט, אָדער דעמאָקראַטישקייט, נאָר דער אויסדרוק פון דער העכטער אַריסטאָקראַטישקייט. עס שטייט נישט אָן אַזאַ איינעם אַריינצולייגן דעם אַריסטאָקראַט אין געפּרעסטע הויזן־קנייטשן. דאָס איז אַן ענין פאַר אַן אויפגעקומענעם גביר. אויסערלעכער גלאַנץ איז נישט אין „גוטן טאָן”. דאָס איז צו וווּלגאַר. עס שמעקט מיט רעקלאַמע, מיט געפּילדער. ווי אַ סימבאָל פון דער דאָזיקער אויסערלעכער ענגלישער באַשיידנקייט, איז דאָס צווייששטאָקיקע הייזקעלע „10 דאונינג סטריט”, דאָס רעזידענץ־הויז פון די ענגלישע פּרעמיערן. פון דרויסן — די באַשיידנסטע גרויקייט. דעם גאַנצן יחוס און ווערט וועט איר ערשט געפינען אינעווייניק, אין דער טיף.

אין דעם פּרט זענען אויך זייער כאַראַקטעריסטיש די אַלטע רעסטאָראַנען און גאַסט־הייזער, וואָס ליגן באַהאַלטן אין די שטילע ווינקלען פון לאָנדאָן, און אויך פון לאַנד. פון דרויסן — אַ גרויע, אָפּגעלאָזענע געביידע. איר עפנט די טיר און

ווידעראַמאָל די זעלביקע גרויקייט און אַלט־פֿרענקישע פּרימיטיווקייט. איר האָט דעם איינדרוק, אַז דאָס אַריינפֿאַר־הויז שטייט אַזוי אין זעלביקן צושטאַנד, ווי דער אַלטער דיקענס האָט עס איבערגעלאָזט. באַלד וועט, דאַכט זיך, פֿון אַ ווינקל אויפֿשטיין דער ברייט־פּלייציקער ענגלישער אַנטרייבער אין דער פֿעלערינע און צילינדער־הוט און רופֿן די פֿאַרשוויגען, אַז זיי זאָלן פֿאַרנעמען זייערע פּלעצער אין דער הויכער בויד, וואָס שטייט אין דרויסן. אָבער, אַז איר גייט אַריין אין די ווייטערדיקע צימערן, אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אייך אַן אַריסטאָקראַטישער שלאָס, און ווי אינסטינקטיוו הייבט איר אַליין אָן גיין אויף די שפּיץ־פֿינגער. די אַנטפּלעקונג קומט נישט פּלוצלינג און פֿאַרגיסט אייך נישט די אויגן מיט אַמאָל, אַזוי ווי אַן אויפֿגעקומענע נגידיתטע מיט אירע בריליאַנטענע רינגען, וועלכע זי פּאַקט אַרויף אויף אירע אַלע פֿינגער און פּאַכעט מיט זיי אייך כּסדר פֿאַרן פּנים. ניין, זי קומט ביסלעכווייז. פֿון יעדן ווינקל און פֿון יעדן קעגנשטאַנד שיילט זיך לאַנגזאַם אַרויס די מאַטע קאָליר פֿון ענגלישן גאָלד. אַלץ איז דאָ פֿון העכסטער קוואַליטעט: די בילדער אויף די ווענט, דער טעפּיך אונטער די פֿיס, דאָס בענקל, אויף וועלכער איר זיצט, דאָס טישטוך, די טעלער, דער לעפֿל, דאָס עסן און אַפֿילו דער קעלנער.

פֿאַראַן שטעט און אויך מענטשן, וועלכע זענען זייער ענלעך צו קליינע געשעפֿטן מיט גרויסע אויסשטעל־פֿענצטער. דאָס פֿענצטער ציט אייך אַריין. עס איז אַזוי גרויס און אַזוי רייך, אַז אייך דאַכט זיך, דאָס אינעווייניק געפֿינט זיך אַלץ אין דער וועלט. אָבער ווען איר קומט אַריין אינעווייניק, לעבט איר איבער אַ גרויסע אַנטוישונג. אַ קליין, אָרעם קרעמל, ווו מען קען זיך רעכט נישט אויסדרייען. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַלץ, וואָס דער דאָזיקער קרעמער האָט פֿאַרמאָגט, האָט ער אַרויסגעשטעלט אין אויסשטעל־פֿענצטער. אין קראָם זענען בלויז פֿאַראַן ליידיקע פּאָליצעס און פּוסטע שאַכטלען. ענגלאַנד ווענדט אָן פּונקט אַ פֿאַרקערטע סיסטעם: אַ גרויס געשעפֿט מיט אַ קליין, אומבאַמערקבאַר אויסשטעל־פֿענצטער. אין דרויסן ווייזט מען אייך כּמעט גאָרנישט. ערשט, אַז איר גייט אַריין אינעווייניק, ווערט איר איבערראַשט פֿון דער רחבות און רייכקייט.

אַזאַ געפֿיל האָב איך געהאַט, ווען איך בין פֿון אויסערלעכן לאָנדאָן אַריין אין אינעווייניקסטן לאָנדאָן. וואָס מער דאָס אויסערלעכע לאָנדאָן האָט מיך אַנטוישט, אַלץ מער האָט מיך דאָס אינערלעכע לאָנדאָן אָנגענעם איבערראַשט. אונטערן גרויען לאָנדאָנער נעפּל האָט זיך פֿאַר מיר ביסלעכווייז אַנטפּלעקט די גרויסקייט פֿון ענגלאַנד און ענגלענדער. און דעמאָלסט האָט זיך אָנגעהויבן מיין „ליבע“ מיט לאָנדאָן, נישט קיין „ליבע אויפֿן ערשטן בליק“, דערפֿאַר אַ טיפֿע, אַן ערנסטע.

**
*

איך האָב אַמאָל אין בוענאָס איירעס־געהאַט אַ שמועס מיט אַ גרויסן סוחר, וואָס האָט געפירט געשעפטן מיט ענגלאַנד. ער האָט מיר דערציילט פון זיינער אַן אינטערעסאַנטער דערפאַרונג מיט ענגלישע פירמעס: ווען ער ווענדט זיך צו אַן ענגלישער פירמע, זי זאָל אים שיקן אַ מוסטער פון אירער אַ נייער אויסאַרבעטונג ווייסט ער שטענדיק, אַז דער מוסטער וועט נישט זיין בעסער ווי די באַשטעלונג, וואָס וועט שפּעטער אָנקומען. גיכער טרעפט עס פאַרקערט: די סחורה איז בעסער, ווי דער מוסטער.

דאָס איז נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון דער ענגלישער סאָלידקייט, האָט ער מיר אויפגעקלערט, נאָר נאָך מער פון ענגלישער פּראַקטישקייט. עס לוינט בעסער צו שיקן אַן ערגערן מוסטער און בעסערע סחורה, ווי אַ בעסערן מוסטער און ערגערע סחורה. דער אָפּנעמער, וואָס באַקומט אַזאַ סורפּריז, וועט זיך שוין אַזוי צוקלעפּן צו דער ענגלישער פירמע, אַז קיין שום קאָנקורענט וועט אים פון איר נישט קענען אָפּרייסן.

און וואָס נענטער מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט ענגלאַנד און מיט ענגלענדער, אַלץ מער האָב איך זיך איבערצייגט, ווי גערעכט עס איז געווען יענער אַרגענטינער סוחר. ענגלאַנד איבעראַשט אייך נישט מיט אירע מוסטערן, נאָר מיט איר סחורה גופא. ווייניק רייד, ווייניק רעקלאַמע און מער קוואַליטעט. די איבעראַשונג קומט נישט אויפן ערשטן בליק, נאָר ערשט שפּעטער נאָך אַ גרינט־לעכער באַקאַנטשאַפט: דער אויסערלעכער פּנים, די שילד, אָדער דאָס אויסשטעל־פענצטער לאָזט אייך טאַקע קאַלט, אָבער דערפאַר ווערט איר ערשט רעכט צע־וואַרעמט, ווען איר באַקענט זיך מיטן אינהאַלט. אַזוי איז עס מיט ענגלישע שיך, וועלכע „פאַנגען" אייך נישט אויפן ערשטן בליק, אָבער מיט וועלכע איר ווילט זיך שפּעטער נישט שיידן, ווייל זיי זענען באַקוועם און ווילן זיך נישט צערייסן, און אַזוי איז עס אויך מיט דער ענגלישער דעמאָקראַטיע.

אויסערלעך זעט זי זיך, דאַכט זיך, נישט אַרויס. דורכן נעפּל פון קאָנסער־וואַטיווע פאָרמען, דורך די משונהדיקע שוואַרצע פוטער־היטן פון דער קעניגלע־כער לייב־גוואַרדיע, דורך די ווייסע פּאַרוקן פון די פּאַרלאַמענט־ספּיקערס, דורך די גלאַנציקע צילינדערס פון די טאָריס, באַמערקט איר נישט דעם טיפן דעמאָקראַ־טישן גייסט פון ענגלישן פאָלק. אָבער ווער איר שפּאַרט זיך אַדורך דורך דעם נעפּל און קומט צו נענטער צום ענגלישן לעבן, ווערט איר איבעראַשט פון דער

סאָלידער קוואַליטעט פון דער ענגלישער דעמאָקראַטיע. זי איז אַזוי מאַסיוו און פעסט, ווי די מויערן פון וועסט־מינסטער.

***

איך דערמאָן זיך אַ סצענע, וואָס איך האָב בייגעוווינט נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אויף איינער פון די גרויע גאַסן פון לאָנדאָנער „איסט". אין עק גאַס איז געשטאַנען אַ רעדנער, אַ פייערדיקער אַנאַרכיסט און געשאָטן פעך און שוועבל אויפן ענגלישן קעניג. ער האָט אַפילו געלייענט אַ וויציק ליד וועגן קעניגס פּיזשאַמעס. אַרום זענען געשטאַנען צענדליקער מענטשן און געהערט און מיט עטלעכע טריט ווייטער איז זיך געשטאַנען דער הויכער פּאָליסמאַן און נישט קיין פינטל געטון מיט קיין אויג. ביסלעכווייז איז געוואַקסן די צאָל צוהערער. ענגלענ־דער מיט רעגנשירעמס, פרויען מיט קוישלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט רויִק דעם רעדנער אין מויל אַריין און פון צייט צו צייט געשטעלט אַן איראָנישע פראַגע, אָדער אַרייַנגעוואָרפן אַ וויץ, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו באַשיצן „אונדזער קעניג". די צווישן רופן האָבן נישט געהאַט דעם צוועק צו שטערן דעם רעדנער, נאָר בלויז צו ברענגען צום אויסדרוק אויך די אייגענע מיינונג. עס הייסט: „דו האָסט טאַקע דאָס פולע רעכט צו זאָגן, וואָס דו טראַכסט, אָבער איך האָב אויך אַ רעכט צו זאָגן, וואָס איך טראַכט". ווען דער עולם איז געוואַקסן און שוין פאַרנומען אַ שטיק פון מיטן גאַס, איז דער פּאָליסמאַן צוגעגאַנגען צו דעם רעדנער און אים געהייסן זיך אַרייַנרוקן טיפער אין ווינקל, ווייל ער שטערט דעם טראַפיק און דאָס איז פאַרבאָטן. דער רעדנער האָט געענטפערט מיט היציקע זידלערייען, דערקלערנדיק, אַז ער אָנערקענט בכלל נישט קיין שום פּאָליציי און קיין שום מלוכה־מאַכט. דער פּאָליסמאַן איז צו אים צוגעגאַנגען נענטער, וועלנ־דיק אים אָוועקפירן, אָבער דעמאָלסט האָט ער דעם פּאָליסמאַן אַ שטאַרקן שטויס געטון, אַזוי אַז יענער איז אומגעפאַלן. באַלד האָט דער פּאָליסמאַן זיך אויפגע־הויבן, אַרויסגערופן פון נאָענטן פּאָליציי־פּונקט נאָך דריי פּאָליסלייט און דעם רעדנער אָוועקגעפירט אין דער פּאָליציי, וואָס האָט זיך טאַקע געפונען מיט עטלעכע הייזער ווייטער.

און דאָ האָט זיך מיטאַמאָל דאָס בילד פון דער לאָנדאָנער גאַס געענדערט; דער עולם האָט זיך צעשטורעמט. די רויִקע, קאַלטע ענגלענדער האָבן גענומען זיך היצן און קאָכן: וואָס הייסט, מיט וועלכער רעכט אַרעסטירט די פּאָליציי אַ פרייען בירגער? אמת, ער האָט אַ שטויס געטון אַ פּאָליציאַנט, אָבער ער האָט גע־

האָט אַ רעכט אים אָפּצושטויסן, ווייל יענער האָט אים אינמיטן ריידן געשטערט. און ווען אַפילו ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט, דאַרף מען פאַר אַזאַ קלייניקייט אַ מענטשן אַרעסטירן? אַ פרייען בירגער?

און געקאָכט האָבן זיך אַלע — סיי די, וואָס האָבן מיטן רעדנער געהאַט מסכים געווען און סיי די, וואָס האָבן אים געהאַט געמאַכט צווישנרופן פאַר באַליידיקן „אונדזער קעניג". דאָס האָט נישט צום ענין, איצט איז ער נישט זייער קעגנער, איצט איז ער אַ מענטש, ביי וועלכן מען האָט צוגענומען די הייליקסטע זאַך: זיין פרייהייט. אין דער צווישנצייט איז דער עולם גרעסער געוואָרן. יעדער צופעליקער פאַרבייגייער, ווען ער איז געוויר געוואָרן, וואָס דאָ איז געשען, איז שוין געבליבן מיטן עולם און זיך באַטייליקט אין פּראָטעסט. עמיצער האָט פאָרשוין געשלאָגן, אַז מען זאָל אַוועק אין פּאָליציי און פאָדערן מען זאָל דעם רעדנער באַלד באַפרייען. אַלע האָבן גלייך מסכים געווען און דער גאַנצער עולם האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פּאָליציי. איך בין מיטגעגאַנגען, אָבער נאָך איידער דער עולם איז צוגעקומען צום פּאָליציי־הויז איז שוין דער רעדנער געווען אויף דער פריי.

ווען מען האָט אים דערזען, איז אויסגעבראָכן אויף דער גאַס אַזאַ שטורמישע אָוואַציע, אַז איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, דאָס איך געפין זיך אין גרויען לאַנדאָאָוואַציע, אַז איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, דאָס איך געפין זיך אין גרויען לאַנדאָן צווישן קאַלטע ענגלענדער. (אַזעלכע וואַרעמע יובלדיקע אַפּלאָדיסמענטן פון די קאַלטע ענגלענדער האָב איך אויף די לאָנדאָנער גאַסן נאָר געהערט שפּעטער איין דימאָל — ביי די קאָנצענטראַציע־פּייערונגען פון עליזאַבעט דער צווייטער, ווען די קאַרעטע מיט דער ערשט־געקרוינטער יונגער קעניגין איז געפאָרן פון וועסטמינסטער צום ביקינגהעם־פּאַלאַץ). באַלד איז ער שוין ווידער געשטאַנען אויפן זעלביקן אָרט ווי פרזיער און גערעדט קעגן קעניג און פון עולם זענען שוין ווידער געפאַלן איראָנישע צווישנרופן.

דעמאָלסט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען, ווי טיף דער דעמאָקראַטישער גייסט איז איינגעוואָרצלט אין ענגלישן לעבן. דעמאָלסט האָב איך זיך דערפילט באַזונדערס נאָענט צו די „פרעמדע" ענגלענדער.

סאָליד, מאַסיוו, ערשטער סאָרט — דאָס איז דער שטעמפּל, וואָס ליגט אויף ענגלישער אויסאַרבעטונג, אָן אונטערשייד צי דאָס איז מאַנופאַקטור, ליטעראַטור, דעמאָקראַטיע, אָדער... מלחמה.

ווער נאָך, ווי אַן ענגלענדער, וואָלט געוואַגט, איבערנעמענדיק די אָנפירונג פון דער מלחמה־מאַשין, צוצוזאָגן זיין אייגן פאָלק, ווי דאָס האָט געטון טשוירטשיל, „טרערן, בלוט און שווייס"?

דער דאָזיקער צוזאָג איז אינגאַנצן אין ענגלישן סטיל — „מעיד אין אינגלענד".

דער ענגלענדער יאָגט זיך נישט נאָך עפעקטן און דערפאַר יאָגט ער זיך איני-גאַנצן נישט.

סאָלידקייט איז אומעטום און שטענדיק געפּאָרט מיט לאַנגזאַמקייט. כדי צו אַרבעטן אי גוט, אי גיך, דאַרף מען זיין, אָדער אַ מלאך, אָדער אַ טייוול און דער ענגלענדער איז ביידע זאַכן נישט. ער איז בלויז אַ מענטש, אָבער דערביי אַ סאָלידער מייסטער, מיט דער גרויסער אַמביציע און גרויסן געדולד פון אַ סאָלידן מייסטער.

אָפט מאָל דאַכט זיך אונדז, (אַזוי האָט זיך אונדז אויך אויסגעדוכט אין די ערשטע קריגס-יאָרן), אַז ער וועט קיינמאָל נישט פאַרטיק ווערן. מיר, די צוקוקער, פאַרלירן דאָס געדולד, אונדזערע נערוון האַלטן ביי פּלאַצן, אָבער זיינע נישט.

איר יאָגט זיך? איר האָט קיין געדולד נישט? — סאָרי, עס טוט אים זייער לייד, אָבער ער, דער ענגלענדער, וועט זיין נאַטור נישט ענדערן. ער האָט יאָ צייט, ער האָט יאָ געדולד. ער שליסט נישט קיין גיכע באַקאַנטשאַפטן אָן אונטערשייד ווער עס איז דער, אָדער דאָס, מיט וועמען די באַקאַנטשאַפט דאַרף געשלאָסן ווערן — אַ מענטש, אַן אידייע אָדער אַ מלחמה. עס מוז געדויערן ביז ער גייט ערגעץ אַריין און ביז ער לאָזט עמיצן צו זיך אַריין.

אָבער סיי ער און סיי זיינע פאַרבינדעטע געניסן פון דער דאָזיקער לאַנג-זאַמקייט. אין די לעצטע מינוטן, ווען ביי אַלע לויפער פעלט שוין אויס אָטעם, איז זיין טריט נאָך פעסטער, ווי ביים אָנהייב פון לויף-וועט.

ער הייבט אָן, דאַכט זיך, גיין דער לעצטער און קומט צום ענד-ציל דער ערשטער. איך האָב דעם איינדרוק, אַז אַפילו צום סאָציאַליזם, צו דער נייער אָרדענונג אויף דער וועלט, וועט דער ענגלענדער אָנקומען דער ערשטער, הגם, ער האָט אָנגעהויבן גיין דער לעצטער. אויב דער ענגלישער אַרבעטער האָט זיך גענומען צו דער זאַך, וועט ער זי מאַכן סאָליד. זי וועט נישט אַרויסקומען אַזוי עפעקטפול און מיט אַזאַ גלאַנץ, ווי זי איז אַרויסגעקומען ביי אַן אַנדער „פירמע“, זי וועט אָבער זיין פון בעסטער קוואַליטעט. זי וועט זיך נישט רייסן.

אין לאָנדאָנער „ווייטשעפּל״

ווייסט איר, אַז דער גרעסטער ייִדישער ישוב אין אייראָפּע געפינט זיך היינט צו טאָג אין ענגלאַנד?

איך פרעג אייך די דאָזיקע פראַגע דערפאַר, ווייל איך בין זיכער, אַז די מערסטע ייִדישע לייענער ווייסן דאָס נישט און אַז אויך די ווייניקע, וואָס ווייסן עס יאָ, פאַרגעסן דאָס זייער אָפט. איך האָב אַ סימן פון זיך אַליין. איך האָב יאָקאָש געוווּסט, אַז ענגלאַנד האָט אַרום אַ האַלבן מיליאָן ייִדן און אַז מער ווי אַ פערטל מיליאָן וווינט בלויז אין לאָנדאָן, פונדעסטוועגן איז מיר עפּעס גאַרנישט איינגעפאַלן, אַז אונדזער גרעסטער פאַרמעגן אין אייראָפּע ליגט איצט אין ענגלאַנד. ערשט ווען איך בין געקומען קיין אייראָפּע צום ערשטן מאָל נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און גענומען מאַכן אַ שטיקל חשבון פון דעם ביסל ייִדן, וואָס איז אונדז דאָרט נאָכן חורבן איבערגעבליבן, האָב איך אין סאַמע שפּיץ פון דער ציפערן־ליסטע דערזען ענגלאַנד און איך האָב זיך געוווּנדערט.

— אַזוי — האָב איך זיך אַליין נישט גלייבנדיק געפרעגט, — פאַרנעמט, הייסט עס, איצט ביי אונדז די ייִדישע ענגלאַנד דעם ערשטן פּלאַץ?

— יאָ, האָבן געענטפערט די ציפערן.

אָבער בלויז די ציפערן האָבן געגעבן דעם דאָזיקן ענטפער און גראָד מיר, ייִדן, ווערן קנאָפּ־וואָס נתפעל פון ציפערן. מיר האָבן פון לאַנג שוין אַ כלל, אַז ייִדן דאַרף מען נישט ציילן, נאָר וועגן. פאַראַן לייכטע ייִדן און פאַראַן שווערע ייִדן. און אַז מען נעמט די ייִדישע ישובים אין אייראָפּע אַרויף אויף דער וואָג זעט מען אויפן ערשטן אָרט נישט ענגלאַנד, נאָר פראַנקרייך. איר ייִדישער ישוב, הגם אין צאָל בלויז איבער אַ העלפט פון ענגלישן, איז וואָגיקער, ייִדישער.

**
*

דער גרויער קאַליר פון לאָנדאָן ווערט, דוכט זיך, נאָך גרויער, ווען ער קומט צום ווייטשעפּל, דעם באַרימטן לאָנדאָנער יידישן קוואַרטאַל. אין אַ גרויסער מאָס זענען דערין שולדיק די קריגס־חורבות, וואָס אין יידישן געגנט פון לאָנדאָן זעען זיי זיך נאָך אַ ביסל אָן. די דייטשע פליִער האָבן דאָ מער געאַרבעט ווי אַנדערשוווּ, ווייל אין שכנות געפינט זיך דער לאָנדאָנער פּאָרט און אויך אַ סך פאַבריקן. אַזוי אַרום האָבן די נאַציִשע באָמבע־וואַרפער געקענט פאַראייניקן „דאָס נוצלעכע מיטן אָנגענעמען": סיי טרעפן די ענגלישע אינדוסטריע, און סיי דעם יידישן קוואַרטאַל. אַרום די גאַסן פון ווייטשעפל, זעט איר, אַז לאָנדאָן איז געווען אונטער דעם דייטשן פייער. אייער אויג פאַרטשעפּעט זיך אין געצײלטע חורבות און אויך אין ליידיקע פלעצער, אויף וועלכע עס זענען נאָך קענטיק די סימנים פון די געביידעס, וואָס זענען אויף זיי געהאַט געשטאַנען. צוזאַמען מיט די סימנים פון מלחמה טרעפט איר דאָ אויך אויף די ווענט סימנים פון יידישקייט. פון אַ קליינער חרובער הייזקע קוקט צו אייך טרויעריק אַראָפּ אַן אָפּגעבליאַקעוועטער אויפשריפט „כשר"; פון אַ צעשונדענעם מויער ווינקט צו אייך מיט געמאַכטער פריילעכקייט פון אַ געעלטערטער סוברעטע אַ קאַלירטער אַפיש, וואָס זאָגט אָן מיט גרויסע יידישע און ענגלישע אותיות דאָס אָנקומען פון אַן אַמעריקאַנער־יידיש אַקטיאָרן־פּאָרל, וואָס וועלן שפּילן אַ סענסאַציאָנעלע מעלאָדראַמע מיט, פאַרשטייט זיך, געזאַנג און טענץ.

אָבער, אויב יידיש טעאַטער איז נאָר געבליבן אין לאָנדאָן איינער פון דריי, און אויך ער אָטעמט בלויז פון צייט צו צייט מיטן כוח פון אַמעריקאַנער גאַסטראָלאָרן, זיצט דער „כשר" נאָך גאַנץ פעסט אין דער יידישער געגנט פון לאָנדאָן, ספּעציעל אין די קבצנישע גאַסן אַרום „קאָמוירשעל ראָוד", ווו מען קען נאָך אַפילו אויפכאַפּן אַ ביסל חזניש געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון ערגעץ אַ זייטיק פענצטער, אָדער גאָר דאָס הייזעריקע געבעט פון אַן אַלטן פּאָנאָגראַף: „אַ בריוועלע דער מאַמען".

איך פּרוּוו מאַכן אַ פאַרגלייך פון דער איצטיקער ווייטשעפּל מיט דער ווייטשעפּל פון פאַר דער מלחמה און קום צום אויספיר, אַז חוץ דעם ביסל קריגס־חורבות, האָט זיך דאָ נישט קיין סך געענדערט. שוין דעמאָלסט איז די גרעסטע צאָל יידן פון דאָרטן געהאַט אַנטלאָפן צו די שענערע לאָנדאָנער געגנטן, אין סטעמפאָרד היל און גאָלדערס גרין, איבערלאָזנדיק דאָ דאָס ביסל יידישע קבצנים, כלי קודש און אויך די — מיסיאָנערן, וועלכע האָבן אַמאָל שטאַרק געאַרבעט צווישן די פאַרצווייפלטע יידישע עמיגראַנטן, וואָס זענען אויף זייער וועג קיין אַמעריקע גע־

בליבן שטעקן אין לאָנדאָן, די מייסטע ווייל זיי האָבן געהאַט קראַנקע אויגן. אויף די דאָזיקע טראַכאָמניקעס האָבן די לאָנדאָנער מיסיאָנערן זיך אַממייניסטן פֿאַרלייגט, פּרוּווּנדיק זיי עפֿענען די אויגן מיט דעם ליכט פֿון יעזוסן. מאַנכע פֿון די אַרויפֿגעאַרבעטע ייִדן זענען מיט זייערע געשעפֿטן ווייטער געבליבן אין ווייטשעפּל, נישט מער, זיי האָבן זיי פֿאַרשענערט און מאָדערניזירט, פֿאַרוואַנדלענדיק די קליינע פֿענצטערלעך אין גרויסע אויסשטעל־פֿענצטער און די וווין־צימערלעך איבער די געשעפֿטן — אין סחורה־לאַגערן און אין וואַרשטאַטן.

ווייטשעפּל האָט אייגנטלעך דורכגעמאַכט דעם זעלבן פּראָצעס, וואָס ניו־יאָרקער איסט־סייד. די אַרויפֿגעאַרבעטע זענען אַוועק און די, וואָס האָבן זיך נישט געקענט אַרויפֿאַרבעטן, זענען געבליבן. און אויך אַ ביסל ייִדישקייט איז געבליבן, מיט שולן און שולעכלעך, מיט געשעפֿטן פֿון טליתים, פֿון חנוכה־לעמפּלעך און בר־מצווה־אויסשטייער, מיט כשרע רעסטאָראַנען, וווּ מען קען קריגן לאָקשן מיט יויך און אַ היימיש שטיקל פֿלייש מיט קישקע, און מיט ייִדישע קראָמען, וווּ מען קען אויך קריגן שמאַלץ־הערינג.

פֿאַר דער מלחמה איז שוין אין ווייטשעפּל דער דאָזיקער אויסוואַנדערונגס־פּראָצעס געווען אין פֿולן גאַנג און שוין דעמאָלט האָט דער ייִדישער טעאַטער און די ייִדישע פּרעסע און בכלל די גאַנצע ייִדישע קולטור געפֿילט, ווי אַרום און אַרום ווערט קעלטער, ליידיקער. איצט האָט זיך די דאָזיקע לאַגע אַ קליין ביסל פֿאַרערגערט. בלויז אַ קליין ביסעלע. אָבער פֿון שלעכט, אַז עס פֿאַרערגערט זיך אַ קליין ביסעלע, ווערט גאָר שלעכט.

**
*

אייגנטלעך האָבן זיך די ענגלישע ייִדן גאַנץ ווייניק־וואָס צו באַקלאָגן אויף זייער מזל. אין ענגלאַנד איז ייִדישע גלייכבאַרעכטיקונג קיינמאָל זינט די לעצטע דריי־הונדערט יאָר נישט געווען בלויז אויפֿן פּאַפּיר. אַפֿילו ייִדן פֿון צאַרישן רוסלאַנד האָבן געפֿונען אַ טרייסט אין דער ייִדישער גדולה אין ענגלאַנד. נישט אומזיסט איז משה מאָנטעפֿיאָרע געווען אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט אין ייִדישע היימען. מען האָט געקוקט אויפֿן פּאָרטרעט פֿון דעם ייִדישן שני־למלך און זיך אַליין געפֿילט דערהויבן: „געלויבט דער אייבערשטער, ייִדן זענען נישט הפקר.״

אַפֿילו אין די ביטערע יאָרן פֿון ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די לופֿט אין איראָפּע איז געווען פֿאַרפּעסטעט מיט נירעמבערג און מינכען, האָבן די ענגלישע ייִדן נישט געפֿילט זיך באַדראָט פֿון אַנטיסעמיטיזם. דער ענגלישער פֿאַשיסטן־פֿירער מאָזלי האָט טאַקע פֿון צייט צו צייט געפּרוּווט אַרויסרופֿן אַנטי־

יידישע צוזאַמענשטויסן אין דער לאָנדאָנער איסט־סייד, אָרגאַניזירנדיק דאָרט מי־טינגען פון זיינע אָנהענגער, אָבער די ענגלענדער פון גאַס האָבן שטענדיק געגעבן די יידן צו פילן, אַז מאַזלי איז נישט ענגלאַנד. אין ענגלאַנד איז אַנטיסעמיטיזם אַ שלעכט געשעפט, און ענגלענדער, ווי די בעסטע און סאָלידסטע סוחרים אויף דער וועלט, האָבן פיינט שלעכטע געשעפטן. אויב אַפילו אַ גוט געשעפט הייבט־אָן ווערן שלעכט, לאָזן זיי עס באַצייטנס איבער און גייען אַוועק — מעג עס אַפילו זיין אַזאַ גרויס געשעפט ווי אינדיע.

איך האָב גערעדט מיט ענגלישע יידן פון פאַרשיידענע שיכטן און ריכטונגען וועגן די שטימונגען אין ענגלאַנד אין דער צייט פון ענגליש־יידישע קאַמפן אין ארץ־ישראל און אַלע האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז קיינע פון די דריי גרויסע ענגלישע פאַרטייען האָט נישט געפּרוווט יענע געשעענישן אויסצונוצן אויף צו טרייבן אַנטי־סעמיטיזם, יידישע דעפּוטאַטן, יידישע לאָרדן און אַפילו יידישע מיניסטאָרן זענען אין ענגלאַנד אַ גאַנץ וואָכעדיקער ענין, און קיינעם פון די יידן פאַלט נישט איין צו טאַנצן אין די גאַסן, ווען אַ ייד ווערט באַשטימט אַלס מיניסטער, אָדער פאַר־קערט: זיך אַוועקזעצן וויינען, ווען אַ יידישער מיניסטער פאַרלירט זיין אַמט. אויב ער פאַלט, פאַלט ער אַליין. „מיר, יידן״, פאַלן מיט אים נישט מיט.

און פונקט ווי עס איז אָפן פאַר יידן דער צוטריט צו די אָפיציעלע אַמטן איז אויך פאַר זיי אָפן דער צוטריט צו דער ענגלישער וויסנשאַפט, צו דער קונסט, צו דער פּרעסע, שוין אָפּגערעדט וועגן האַנדל און אינדוסטריע. די יידן אין ענגלאַנד זענען מאַטעריעל אין אַ זייער גוטן צושטאַנד, אָבער גייסטיק ווערט דאָס יידישע לעבן אין ענגלאַנד אַלץ לײדיקער און לײדיקער. איר באַמערקט די דאָזיקע ליידי־קייט אויף די יידישע פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן. נישט נאָר קלאָגן זיך דערויף אונדזערע יידיש־ריידנדיקע אינסטיטוציעס, וואָס די אָנגעזעענסטע פון זיי איז דער אַרבעטער־רינג מיט זיינע צוויי טויזנט מיטגלידער, נאָר אויך די ענגליש־ריידנ־דיקע אינסטיטוציעס, און אַפילו די יידישע קהילה, די „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס״, וואָס האָט פון אירע יידן קיינמאָל קיין צופיל יידישקייט נישט פאַרלאַנגט.

אויפן ביישפּיל פון ענגלאַנד קען מען באַשיינפּערלעך זען, ווי ווייניק מען קען ראַטעווען יידישקייט מיט ענגליש. פיל יידיש־געזעלשאַפטלעכע טוער אין ענג־לאַנד, אַזוי די פון די אַלטע יחוסדיקע פאַמיליעס, אַזוי אויך קינדער פון די אַמאָליקע היימישע יידישע שניידער און שוסטער, האָבן געהאָפט, אַז זיי וועט גע־לונגען איינהאַלטן דעם אינטערעס צו יידיש לעבן און יידישער נאַציאָנאַלער און קולטור־באַוועגונג מיט דער הילף פון ענגליש. זיי האָט אין דער היגזיכט שטאַרק מיטגעהאָלפן די גוט־רעדאַגירטע ענגליש־יידישע וואָכנצייטונג „דזשואיש קראָ־

ניקל״, וואָס פאַרנעמט נאָך היינט צו טאָג אַן אָנגעזעענעם אָרט אין ענגלאַנד. אָבער אַנדערש איז אַריינקוקן איינמאָל אין וואָך אין אַ ייִדיש־ענגלישער צייטונג און אַנדערש איז קומען צו אַ ייִדיש־ענגלישער פאַרזאַמלונג. דאָס ערשטע פאָדערט גאַנץ ווייניק אָנשטרענגונג; דערצו נאָך האָט מען ביי אַ צייטונג שטענדיק די ברירה, אַפילו ווען מען קויפט זי, זי נישט צו לייענען. גיין צו אַ פאַרזאַמלונג, אָבער, איז שוין אַ גאַנצע אונטערנעמונג, און דערצו דאַרף מען האָבן מער חשק. מען דאַרף פילן אַן אינערלעכע באַדערפעניש, עס דאַרף ערגעץ אין דער טיפעניש אַ „צופ־טאָן״, אָבער, ליידער, צופט נישט. מען איז צו־ווייניק ייִד, אַז עס זאָל „צופן״.

וועגן וואָס וועט מען רעדן אויף דעם מיטינג? — פרעגן זיך אַזעלכע ייִדן. וועגן איזראַעל. וועגן פאַלעסטאַין? די זאַך איז דאָך שוין „געסעטעלט״. וועגן „דזשואיש קאָלטשור״, אָדער וועגן אַ נייעם קאַמפיין? עס איז נישט אינטערעסאַנט.

גייט מען טאַקע נישט. מעג די פאַרזאַמלונג גערופן ווערן פון פראָמינענטע פערזענלעכקייטן און מעג זי אַפילו געפירט ווערן אין דעם בעסטן, אָקספאָרדער ענגליש.

***

מיר פערזענלעך איז גראָד געווען גוט אין ווייטשעפל. איך האָב זיך געפונען אין דער וואַרעמער סביבה פון אייגענע, האַרציקע פריינט, צווישן זיי אויך אַ גרופע ניי־געקומענע פוילישע ייִדן, וואָס האָבן נאָך מיטגעבראַכט פון דער היים אַ היפש ביסל גלויבן און אומצופרידנקייט — צוויי זאַכן אין וואָס אונדזער ייִדיש לעבן נייטיקט זיך גאָר שטאַרק. אין די גאַסטפריינטלעכע ווענט פון אַרבעטער־רינג אין לאָנדאָן האָב איך זיך זייער גוט געפילט, באַזונדערס ווען איך האָב דאָרט בעת מיין לעקציע קיין איין ליידיקן שטול נישט געזען. פאַרקערט, איך האָב געזען ייִדן שטיין ביי די ווענט. איך האָב אָבער זיי נישט געקענט באַפרייען פון דער מעלאַנ־כאָליע, וועלכע איך האָב געטראָפן הענגען איבער די ייִדישע אינסטיטוציעס און אויך אויף די פנימער פון די ייִדישע שרייבער אין לאָנדאָן.

איך האָב פאַרלאָזט ווייטשעפל נאָך אַ געשטאַרקטער אין מיין איבערצייגונג, אַז ייִדישקייט, וואָס האַלט זיך בלויז אויף עקספאָרט, אויף הע״פי אָדער אויסלייזן אַנדערע ייִדן, קען קיין גרויסע האַפט נישט האָבן. אַזאַ עקספאָרט־ייִדישקייט איז געווען דאָס ייִדישקייט פון די ענגלישע ייִדן, אָנהייבנדיק פון משה מאָנטעפיאָרען ביז די היינטיקע פירער פון די ענגלישע ייִדן.

אָדער עס וועט זיין אַ ייִדישקייט, וואָס וועט זיך שטיצן אויף העלפן זיך אַליין, אָדער עס וועט אינגאַנצן נישט זיין.

פּאַריז

דער אויטאָמאָביל, וואָס האָט מיך געפירט פון פּלי־פּלאַץ, האָט לאַנגזאַם זיך געגליטשט איבער די פאָרשטאָטישע גאַסן און געסלעך פון פּאַריז. פון דעם דינעם נעפּל, וואָס האָט איינגעהילט די שטאָט, האָבן זיך ביסלעכווייז גענומען אויסטיילן באַקאַנטע מויערן, פּאַרקן, פּלעצער, דענקמאָלן און קאַפעען, וועלכע האָבן ווי לייכט אָנגערירט די קלאַווישן פון מיין האַרץ און פון דאָרט אַרויסגעבראַכט די פאַרבענקטע טענער פון אַ פּאָפּולער פּאַריזער לידל:

פּאַריז, דו ביסט אַ בלאָנדע
מיט אַ נעזל אַ פּאַרריסנס;
מיט אַן אויסדרוק אַ שטיפעריש,
מיט אויגן אייביק־לאַכנדיקע.
די, וואָס קענען דיך און גייען פון דיר אַוועק,
קומען שטענדיק צו דיר, פּאַריז.

איך האָב דאָס לידל געהערט זינגען צום ערשטן מאָל פאַר דער מלחמה אין פּאַריזער וואָדעוויל־טעאַטער „מולען רוזש“, טאַקע פון „איר“ אַליין, דער איינציקער מיסטינגעט. זי האָט שוין דעמאָלט, דאַכט זיך, גאָרנישט געהאַט: נישט קיין שטימע, נישט קיין פרילינג און אַפילו נישט קיין זומער, און דאָך האָט זי נאָך געהאַט אַלץ — אַלץ, וואָס איז נייטיק, כדי ניכטערע מענטשן אָנצושיכורן מיט אַ לידל אויף אַזוי ווייט, אַז זיי זאָל זיך דאַכטן, אַז אַזוי זינגען אַ לידל הערן זיי צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן און אַז אַלעס איבעריקע, וואָס זיי האָבן ביז איצט געהערט, איז נאָר געווען אַ טאַנדעטנע נאָכמאַכונג פון דעם־אָ!

גאַנץ פּאַריז האָט דעמאָלט מיטגעזונגען מיט מיסטינגעט. אויף יענער זייט גרענעץ — אין דייטשלאַנד — האָבן שוין איבער די גאַסן מאַרשירט יונגען אין ברוינע העמדער און געזונגען דאָס „האָרסט װעסעל ליד“ מיטן „ווען דאָס ייִדן־בלוט פון מעסער שפּריצט...“ און פראַנקרייך האָט זיך געזונגען אַ זאָרגלאָז, שטיפעריש

קאַבאַרעט־לידל. איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב דעמאָלט, צוריקפאָרנדיק פון פּאַריז קיין וואַרשע, זיך אָפּגעשטעלט אויף אייניקע טעג אין בערלין און געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן דעם געזאַנג, וואָס טראָגט זיך אויף די גאַסן פון דער דייטשער הויפּט־שטאָט, און דעם געזאַנג פון די גאַסן פון פראַנקרייכס הויפּט־שטאָט.

— קען מען מיט יענעם פּאַריזער לידל זיך אַנטקעגנשטעלן דעם בערלינער ליד? — האָב איך זיך מיט שרעק געפרעגט. — איז „סאַ ס׳ע פּאַרי״ אַן ענטפער אויף די „שטראַסן פריי פאַר די ברוינע באַטאַליאָנען״?

דאָס איז טאַקע געווען דאָס אומגליק פון פראַנקרייך און אויך דאָס אומגליק פון דער וועלט, וואָס פראַנקרייך האָט אויפן היטלערישן ליד געענטפערט מיט אַ לידל. אין דייטשלאַנד האָט מען שוין געשריִען „הייל היטלער!״, און אין פראַנקרייך האָט מען נאָך געשריִען: „בראַוואָ, מיסטינגעט!״. די וועלט וואָלט איצט אַנדערש אויסגעזען און אַוודאי און אַוודאי וואָלטן מיר, ייִדן, אַנדערש אויסגעזען, ווען פראַנקרייך וואָלט, אַנשטאָט זיך אַנצושיכורן מיט אירע אייגענע לידלעך, זיך אַ ביסל ערנסטער איינגעהערט צו די לידער, וואָס מען זינגט אויף יענער זייט גרענעץ.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז נישט נאָר פראַנצויזן, נאָר אויך פרעמדע האָבן זיך מיט די פּאַריזער לידלעך אָנגעשיכורט. עס איז אַ שיכרות, די פראַנצויזישע, נישט קיין שווערע, נישט קיין קאַשמאַרע, נישט אַזעלכע, וואָס פירט דעם באַטרונקענעם אין הימל און אין רינשטאָק. דער פראַנצויז בלייבט נאָרמאַל, ביי די קלאָרע געדאַנקען, אָבער אין די אויגן צינדט זיך אָן אַ הייטער פלעמל און די פיס נעמען גיין לייכטער, טאַנצנדיקער. נישט ער וואַקלט זיך און נישט די וועלט וואַקלט זיך, נאָר פאַרקערט, עס זעט אים דעמאָלט אויס, אַז די וועלט שטייט גאַנץ גוט און אַז מען דאַרף זיך אינגאַנצן נישט ברעכן דעם קאָפּ, כדי די וועלט איבערצומאַכן.

עס איז מערקווירדיק, וואָס גראָד די פראַנצויזן, וועלכע האָבן געבראַכט דער וועלט די ערשטע גרויסע רעוואָלוציע, האַלטן אַממיינסטן פון ווערטל, אַז וואָס מער ענדערונגען אַלץ מער בלייבט עס ביים אַלטן. דער פראַנצויז האָט מאָמענטן פון פּאַטאָס, אָבער אין די מיינסטע פאַלן געלינגט אים דעם דאָזיקן פּאַטאָס צו צוימען מיט אַ מילדן צווייפל, מיט אַ קלוגן סקעפּטיציזם. אין מיטן קאָכן זיך גיט ער פּלוצלינג זיך אַליין אַ קוק־אָן פון אַ זייט מיט אַן איראָניש מייכעלע און שטעלט זיך אַ פראַגע:

„וואָס קאָכסטו זיך?״

עס איז אַ פראַגע, וואָס עס האָט זיך נישט איינמאָל געשטעלט אונדזער טוביה

דער מילכיקער. ביי ביידן, סיי ביים פראַנצויז און סיי ביי טוביהן, קומט די פראַגע פון קוואַל פון טיפער לעבנס־חכמה און לעבנס־דערפאַרונג. זיי האָבן ביידע שוין אַ סך געזען און דאָס האָט זיי געמאַכט פאַר שטיקלעך פילאָסאָפן. אַלץ, וואָס איז מענטשלעך, איז זיי נישט פרעמד. עס קען זיין אַזוי און עס קען אויך זיין אַ ביסל אַנדערש. מען קען שמועסן אַהין און אַז מען וויל דווקא, קען מען אויך שמועסן צוריק. נאָר נביאים און נאַראָנים קענען זיך דערלויבן צו זאָגן בלויז „יאָ" און „ניין". אַ מענטש מוז אָפטמאָל אויך זיך געפינען צווישן „יאָ" און „ניין". אַ מענטש מוז קענען אויך זאָגן „אפשר".

מאַנכע ווילן האָבן, אַז דער פראַנצויזישער סקעפּטיציזם איז אַ רעזולטאַט פון איבער־ריַיפקייט. אויך דער פראַנצויז, פונקט ווי טוביה, איז אַ קינד פון אַ גרויס קולטור־פאָלק. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס טוביה איז צוויי טויזנט יאָר צייט, צוליב די אָדער אַנדערע אורזאַכן, געבליבן „אַ מילכיקער", אין דער צייט וואָס דער פראַנצויז האָט די גאַנצע צייט געגעסן פליישׁ. איז דעריבער טוביה ביי זיין גאַנצער לעבנס־חכמה און אַלטקייט דאָך געבליבן אין געוויסע הינזיכטן יוגנטלעך־נאַיִוו און גלויביק. דאַקעגן דער פראַנצויז האָט אַלץ מער זיך אַנגעהויבן וואַקלען אונטער דער לאַסט פון צופיל חכמה און צופיל קולטור. יינגערע, פרימי־טיווע, פעלקער האָבן מאַרשירט אַנטשלאָסן צו עפּעס אַ ציל, צו אַ „יאָ", אָדער צו אַ „ניין", און ער איז געבליבן שטיין אויפן זעלביקן אָרט, און אַלעמען נאָכגע־קוקט מיט אַ קלוג, סקעפּטיש שמייכעלע.

אין דער דאָזיקער אָפּשאַצונג איז זיכער פאַראַן אַ סך אמת. אַפילו פראַנצויזן גיבן דאָס צו. (קיינער קען נישט אַזוי גוט איראָניזירן איבערן פראַנצויז ווי דע־פראַנצויז אַליין). די פראַנצויזישע נאָך־מלחמה־ליטעראַטור שווימלט מיט ביכער, וואָס שילדערן די גייסטיקע ירידה פון פראַנקרייך און די עגאָיסטישקייט פון די פראַנצויזן, אַזוי אין דער צייט פון ווישי און דייטשער אָקופּאַציע, אַזוי אויך אין די יאָרן נאָכן קריג, ווען די באַפרייאונג איז באַגלייט געוואָרן מיט אַרגיעס פון שוואַרצן מאַרק און קאָרופּציע.

עס איז אָבער אויך אַ פאַקט, אַז אויפן פראַנצויזישן שמייכל און אַפילו אויפן פראַנצויזישן סקעפּטיציזם רוט דאָס מילדע ליכט פון מענטשלעכקייט.

דער פראַנצויז האָט זיך ליב, אָבער ער האָט אויך ליב זיינע מיטמענטשן. דאָס דייטשע ווערטל „לעבן אונד לעבן לאַסען" פּאַסט זיך גראָד אַמווייניקסטן צום דייטש און אַמבעסטן צום פראַנצויז. דער דייטש וועט גיכער אַליין נישט לעבן, אַבי צו קענען מאַכן אַנדערע דעם טויט. דער פראַנצויז, דאַקעגן, איז גרייט צו לאָזן די גאַנצע וועלט לעבן, אַבי אַליין צו קענען לעבן. ער זעט גאַנץ גוט זיינע

אייגענע שוואַכקייטן און ער זעט אויך די שוואַכקייטן פון זיינע מיטמענטשן, אָבער ער איז ביידע גרייט מוחל צו זיין. פרי׳ער זיך און דערנאָך אויך אַנדערע.

„מיר זענען דאָך נישט מער ווי זינדיקע מענטשן" — זאָגט דער פראַנצויז מיט אַ שמייכל פון פאַרגעבונג. דאָס איז ער זיך מוחל די זינד און איז אויך אייך מוחל די זינד. איצט זענט איר ביידע ריין, וואָס דאָס מיינט ביי אים, אַז ער און אויך איר קענען שוין ווידער זינדיקן.

אָבער עס גייט אים נישט אַזוי ווייט אין קענען זינדיקן, ווי עס גייט אים אין קענען לעבן. דער פראַנצויז וויל לעבן. דאָס איז זיין העכסטער ציל. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס דער פראַנצויז איז אין תוך אַן אַפּיקורס, אַ צווייפלער אין יענער וועלט און דערפאַר וויל ער אויף דער וועלט זיך אַלץ אָפּנעמען. (ווי זינגט דאָס פאָלקס־לידל: „ווער ווייסט צי אויף יענער וועלט וועט זיין אַ ביסל בראַנפן?). און אפשר איז עס דערפאַר, וואָס ער האָט די פאַרגעניגנס פון דער וועלט דערפירט צו אַזאַ פאַרפולקאָמענהייט און ראַפינירטקייט, אַז עס איז טאַקע אַ שאָד אַזאַ גע־שמאַקן טיש צו לאָזן שטיין אַ געדעקטן און אַוועקצוגיין — אין קבר, צי אויף מלחמה? אָבער אַזוי צי אַזוי — דער פראַנצויז טראַכט מער פון אַלץ וועגן לעבן. עס איז נישט קיין צופאַל, מיינט דער שרייבער פראַנסעס גאַנטהער, וואָס דער דייטש זינגט „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס", וואָס דער ענגלענדער רופט־אויס „רול בריטאַניאַ" אין דער צייט וואָס דער באַליבטסטער אויסרוף פון פראַנצויז איז „וויוו לאַ פראַנס" (זאָל לעבן פראַנקרייך). אַנדערע ווילן הערשן און ער וויל לעבן. נישט מער, אָבער אויך נישט ווייניקער.

***

און אַמשטאַרקסטן זעט זיך אָן דער דאָזיקער מענטשלעכער לעבנס־לוסטיקער שמייכל אויפן פנים פון פאַריז.

איך זע אים איצט ווידער, אַרויספאַרנדיק צום ווייפלטן מאָל אין אייראָפּעס הויפט־שטאָט.

יאָ, עס איז די אַלטע און אייביק־יונגע פאַריז, אַזוי ווי איך האָב זי איבער־געלאָזט מיט דריי יאָר צוריק און מיט דרייצן יאָר צוריק און מיט פערצן און מיט פופצן און מיט צוואַנציק. עס האָט זיך דאָ גאָרנישט געביטן. די וועלט האָט זיך געביטן, רעזשימען האָבן זיך געביטן, שטימונגען האָבן זיך געביטן, פאַרטייען האָבן זיך געביטן, אָבער פאַריז איז געבליבן די זעלבע, ווי געווען, פונקט ווי עס

איז דורך דורות געבליבן די זעלבע ווי געווען די מענטשלעכע בענקשאַפט נאָך אַ ביסל גליק, נאָך אַ שטיקל עולם־הזה.

מיר דוכט זיך, אַז יענעם מיטליעריקן מאַן אין שוואַרצן בערעט, וועלכן איך זע איצט רייטן אויף אַ הילצערנעם פערד אויף איינער פון די קאַרוסעלעס, וואָס דרייען זיך אויף דעם פּלאַס דע לאַ רעפּובליק, האָב איך אויך מיט יאָרן צוריק געזען, און אַז די ברייטע פראַנצויזקע מיט די לאַנגע צווי ברויט־שטעקלעך אין איין האַנט און דעם פולן מאַרק־קויש אין דער צווייטער האַנט, שטייט דאָ אַזוי פּאַרקוקט אין די קאַרוסעלעס נאָך זינט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

איך האָב דעמאָלט זיך נישט געוווּנדערט פאַר וואָס ער, אַ מיטליאָריקער מאַן, האָט זיך אינמיטן טאָג און אין מיטן גאַס אַרויפגעזעצט רייטן אויף אַ הילצערנעם פערד און פאַרוואָס זי, אַ סאָלידע באַלעבאָסטע און אַ מאַמע פון קינדער, האָט זיך אינמיטן טאָג גאָר אַוועקגעשטעלט קוקן אויף קאַרוסעלעס, אַנשטאָט צו גיין אַהיים אויפרוימען דאָס הויז. און אויך איצט וווּנדער איך זיך נישט. איך ווייס, אַז איצט, ווי דעמאָלט, איז עס די זעלבע פּאַריז און די זעלבע פראַנצויזן, וועלכע שטייען אויסגעדרייט מיטן פּנים צום — לעבן.

און ס'וועט מיך אַפילו נישט וווּנדערן, ווען זי וועט פּלוצלינג אַוועקשטעלן אַן אַ זייט דעם קויש און די ברויט־שטעקעלעך און זיך אַרויפכאַפּן אויף איינער פון די קאַרוסעלעס און זיך נעמען דרייען אין רעדל צוזאַמען מיט די קינדער און דערוואַקסענע אונטער די טענער פון דער פריילעכער מוזיק, וואָס קומט פון שפּיל־קאַסטן.

זי ווייסט: פירן דאָס הויז איז וויכטיק און גיין איינקויפן אין מאַרק איז וויכטיק, אָבער צווישן דער הויז־ווירטשאַפט און דעם מאַרק דאַרף מען אויך לעבן.

און דאָס ווייסן כמעט אַלע פראַנצויזן, די אָרעמע ווי די רייכע. מער ווי יעדעס אַנדער פאָלק ווייסן זיי ווי אויסצונוצן דעם צווישן. זיי זענען קינסטלער אויף דעם געביט, בעת אַנדערע פעלקער, וועלכע זענען אויף פיל געביטן גאַנצע בריות, זענען גראָד אויף דעם געביט אומבאַהאָלפן.

נעמט, אַ שטייגער אַמעריקע. זי פאַרמאָגט די בעסטע פּראָדוקטן אויף דער וועלט און — וואָס איז נאָך וויכטיקער — זי פאַרמאָגט אויך די מעגלעכקייט די פּראָדוקטן צוצושטעלן אַפילו צו אַרבעטער־טישן; פונדעסטוועגן האָט אין אַלגעמיין דער פראַנצויזישער אַרבעטער מער הנאה פון זיין עסן ווי דער אַמעריקאַנער אַרבעטער. דאָס איז דערפאַר, ווייל דער פראַנצויז געניסט מער פון די געריכטן, וואָס ער עסט ביים מיטיק און ער געניסט אויך פון די הפסקות צווישן די געריכטן.

אַ פראַנצויזישער מיטיק (שוין אָפּגערעדט פון אַ „לאַנטש‟, וואָס אין אַמע־ריקע פּטרט מען אים אָפּ אויף איין פוס, בעת אין פראַנקרייך דויערט ער מינ־דעסטנס איין שעה) פאַרנעמט אין דורכשניט צוויי מאָל אַזוי פיל צייט ווי אַן אַמעריקאַנער מיטיק. ערשטנס, איז טאַקע די צאָל געריכטן פון אַ פראַנצויזישן גרעסער ווי פון אַן אַמעריקאַנער מיטיק; צווייטנס, איז דער פּראָצעס פון עסן דאָרט אַ לאַנגזאַמער. דער אַמעריקאַנער עסט גיך, ווי ער וואָלט באַלד נאָכן עסן געדאַרפט טון עפּעס אַזוינס, וואָס איז פיל וויכטיקער ווי עסן, בעת דער פראַנצויז עסט גע־לאַסן, מיט הנאה, אויסנאַגנדיק די ביינדלעך און אויסווישנדיק מיט אַ שטיקל ברויט דעם טעלער. ער נעמט זיך צייט. וואָס זיין אַרבעט זאָל נישט זיין, וועט זי ערשט זיין וויכטיק שפּעטער, נאָכן עסן. איצט, ביים עסן, איז דאָס עסן וויכטיקער. עסן פאַרן פראַנצויז איז נישט קיין זאַך בלויז אויף אָפּצוקומען, בלויז אויף פול צו מאַכן דעם מאָגן, עסן פאַרן פראַנצויז איז — לעבן.

און דערפאַר האָט ער ליב „אויסצוציִען‟ דעם מאָלצייט. וואָס לענגער ער עסט, אַלץ לענגער לעבט ער דאָך. ער לאָזט איבער אַ שטיקל צייט צווישן די געריכטן, ווי אַ זינגער לאָזט איבער רוים פאַרן עכאָ, פאַרן אָפּקלאַנג, פון איין ניגון, איידער ער הייבט אָן דעם צווייטן. פאַר אָט דעם עכאָ, וואָס ערשט אין אים קען מען אַמאָל געפינען דעם גאַנצן טעם פון פאַרשווונדענעם ניגון, האָט דער־פראַנצויז זייער אַ גוט אויער. עס קען זיך אייך דאַכטן, אַז ער זיצט סתם ביים ליידיקן טעלער, אָדער ביים גלאָז מיט דעם ביסל שוין קאַלט־געוואָרענער קאַווע און פּטרט צייט, אָבער דאָס איז נישט ריכטיק — דאָס הערט ער זיך איצט איין אין עכאָ פון דעם פאַרשווונדענעם ניגון און גרייט זיך גלייכצייטיק צו הערן דעם ניגון, וואָס דאַרף ערשט קומען. דאָס געניסט ער איצט פון דעם צווישן.

אַמעריקאַנער, וואָס זענען אַ קורצע צייט אין פראַנקרייך, ווערן אָפּטמאָל אומגעדולדיק ווען זיי קוקן זיך צו צו דעם דאָזיקן פראַנצויזישן צווישן־שפּיל. אַק־טיווע מענטשן, וואָס טראָגן נאָך די פּיאָנערישקייט אין די ביינער, איז פאַר די אַמעריקאַנער בכלל יעדער „צווישן‟ אַ לאַנגווייליקער ענין, וואָס שמעקט מיט ליידיק־גייעריי. ביסט הינגעריק? — עס; ביסט דורשטיק? — טרינק; האָסט אָפּגע־געסן און אָפּגעטרונקען? — גיי דיר טון דיין אַרבעט. ניין, גיי נישט — אַ שאָד די צייט. פאַר בעסער. און אויב דו האָסט אָפּגעטון דיין אַרבעט — פאַר זיך פאַרווײלן, אָדער פאַר אַהיים שלאָפן. דאָס איז קאָנקרעט, ממשותדיק. אָבער אָפּזיצן אַ שטיק פון טאָג איבער אַ האַלב גלאָז שוואַרצע קאַווע — דאָס איז דאָך משוגעת.

אָבער אַז זיי זענען אַ ביסל לענגער אין פראַנקרייך הויבן זיך פיל אַמעריקאַ־נער אָן צוצוגעוווינען צו דער דאָזיקער „משוגעת‟ און נעמען אַליין דערפילן אַ

טעם דערין. מאַנכע ברענגען אַפילו שפּעטער אַהיים אַלס אַ ווערטפולן אָנדענק פון פראַנקרייך די דאָזיקע זעלטענע אייגנשאַפט, וואָס די רייכע אַמעריקע פאַרמאָגט נישט — די אייגנשאַפט צו קענען געניסן פון „צווישן“; די אייגנשאַפט צו קענען גיין איבער די גאַסן אָן אַ צוועק — „גלאַט אַזוי“...

* * *

אין ערגעץ איז דאָס גיין „גלאַט אַזוי“ איבער די גאַסן נישט אַזוי אָנגענעם ווי אין פּאַריז.

פריִער פאַר אַלעם איז עס דער אייגנאַרטיקער חן, וואָס עס ליגט אויף די פּאַריזער גאַסן: זיי זענען אַ געמיש פון אַלטקייט און יוגנט. אַ סך גרויסע, אַלטע פּלעצער און געביידעס פון פּאַריז, צי דאָס איז אַ פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד, צי אַ לואווּר, פאַראייביקן אין זיך דאָס מאָנומענטאַלע און דאָס יוגנטלעכע, דאָס מאַסיווע און דאָס לוסטיק־שפּילעוודיקע. דערפאַר וואַרפן זיי קיינמאָל נישט אָן קיין מרה־שחורה, ווי דאָס טרעפט מיט אַלטע, יחוסדיקע שלעסער און אַלטע, יחוסדיקע לייט. זיי שרעקן. אָבער פּאַריזער יחוס שרעקט נישט. אים מאַכט ווייכער און צוגענג־לעכער דער מענטשלעכער, אייביק־יונגער שמייכל, וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף דער דאָזיקער ווּנדערלעכער שטאָט.

דער דאָזיקער געמיש פון אַלט און יונג, פון מאָנומענטאַלקייט און שפּילעוו־דיקייט, פון עפּאָכעס פון גרויסע, פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער מיט דעם לייכטן געזאַנג פון היינטיקן פּאָפּולערן לידל מאַכט אוממעגלעך איר זאָלט זיך לאַנגווײַלן אויף אַ שפּאַציר איבער די פּאַריזער גאַסן. שטענדיק איז דאָ פאַר אייך עפּעס אַן איבערראַשונג. איר גייט אויף אַ גרוי, אָרעם געסל און מיט אַמאָל גיט אייך אַ גלאַנץ אין אויג אַ שטיק יחוסדיקע היסטאָריע; איר קוקט אויף אַ מעכטיקער היסטאָרישער געביידע און איר פילט פּלוצלינג אויף זיך דעם שטיפערישן שמייכל פון אייביק־יונגן פּאַריז — אָט פון דעם פּאַריז „מיט די אייביק־לאַכנדיקע אויגן“.

און אָט איז דער גאַסן־זינגער פון פּאַריז; ער שטייט דאָ, דאַכט זיך, אויפן בולוואַר סאַן־מישעל אַזוי ווי איך האָב אים איבערגעלאָזט פאַר דער מלחמה. און אויך די דורכגייער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט און מיט אים גענומען מיטזינגען, זענען, זעט אויס, די זעלבע — מיט די זעלביקע שוואַרצע בערעטן אויף די קעפּ, מיט די זעלביקע נאַסלעכע ציגאַרעטלך, וואָס הענגען ביי זיי נאַכלעסיק אויף דער אונטערשטער ליפּ, און מיט די זעלביקע האַלב־פאַרמאַכטע עולם־הזה־אייגעלעך.

אַוודאי זינגען זיי מיט. זיי האָבן אייגנטלעך נישט געהאַט בדעה זוך אָפּצו־

שטעלן, אָבער זיי האָבן זיך יאָ אָפּגעשטעלט. געהייסן האָט עס: בלויז אויף אַ ווײַלע. הערן אַ פּאָר סטראָפן פון לידל און אַוועקגיין. אָבער פון הערן זענען זיי, אַליין נישט ווּיסנדיק ווי אַזוי, געוואָרן מיטזינגער, און איצט ווייסט איר שוין נישט ווער פון זיי ס'איז דאָ דער פּראָפעסיאָנעלער זינגער, דער סאָליסט, און ווער דאָס פּובליקום. אַלץ איז אויסגעמישט. אַפילו די פּאָר הויז־פרויען מיט די קוישלעך אויפן אָרעם און מיט די שמאָלע צוויי־מעטערדיקע ברויט־שטעקעלעך אין האַנט זינגען שוין מיט, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן, אַז זיי דאַרפן גיין אין מאַרק.

אָבער צו וואָס זיך וווּנדערן אויף זיי, אַז אויך איר אַליין, דער פרעמדער מאַכט שוין מיט די ליפּן...

גאָר אײנפאַך: מען קען נישט אַנדערש. די לופט איז אָנשטעקנדיק. אָבער דער הויפּט־„שולדיקער" איז דאָ דער פּראָפעסיאָנעלער גאַסן־זינגער. ער האָט די אַלע מענטשן דאָ אַרײַנגעצויגן אין דעם גאַנצן עסק און געלונגען איז אים דאָס גראָד אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז איצט אינגאַנצן נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער זינגער. ער זינגט איצט נישט צוליב די פּאָר פראַנק, וואָס ער קען באַקומען פאַר פאַרקויפן זײַנע לידלעך, נאָר ער זינגט צוליבן זעלביקן צוועק, צוליב וועלכן איר זינגט: צוליב זײַן אייגענעם פאַרגעניגן. עס זינגט זיך אים. ער איז אייך איצט מוחל די פּאָר פראַנק, ער האָט איצט אין זין בלויז די זאַך אַליין — דאָס פאַרגעניגן פון זינגען. די עולם־הזה.

זעענדיק ווי לײַכט ער איז אַרויף אויפן סאַמע אייבערשטן שטאָק פון לידל און ווי גוט ער פילט זיך אין דער הויך, האָב איך געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ווען אַפילו קיינער וואָלט דאָ נישט געווען, וואָלט ער אויך פון אויבן נישט אַראָפּ. ער וואָלט געזונגען פאַר זיך.

און דערין אייגנטלעך ליגט דער סוד פון דערפאָלג פון די פראַנצויזישע עולם־הזה־הענדלער: זיי האָבן זייער סחורה נישט בלויז פאַר אײַך, נאָר אויך פאַר זיך. זיי זענען אירע ערשטע אָפּנעמער.

דער פראַנצויז געהערט נישט צו די רעסטאָראַן־אייגנטימער, וואָס זייערע שפּייזן זענען בלויז פאַר די געסט, און אויב זיי דאַרפן עסן, גייען זיי ערגעץ אַנדערשוווּ. דער פראַנצויז געניסט פריִער פאַר אַלץ אַליין פון די שפּייזן וואָס ער קאָכט און פון די ווײַנען, וואָס ער גרייט צו. פאַר מיר איז, צום בײַשפּיל, נישט געווען קיין איבעראַשונג, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז פון די זיבן און צוואַנציק מיליאָן פלעשער שאַמפּאַניער־ווײַן, וואָס פראַנקרײַך האָט אין איין יאָר פּראָדוצירט, האָבן די פראַנצויזן אַליין אויסגעטרונקען זעכצן מיליאָן פלעשער און בלויז עלף מיליאָן אַרויסגעפירט קיין אויסלאַנד. דאָס איז פראַנצויזישער גאַנג: פריִער ווערן

מיר אַליין טרינקען „לחיים״ און וואָס עס וועט איבערבלייבן, וועלן מיר אייך פאַרקויפן. האַנדל איז טאָקע זייער אַ וויכטיקע זאַך און אַמעריקאַנישע וואַליוטע איז אַוודאי וויכטיק, אָבער נאָך וויכטיקער איז, מען זאָל אַליין אַ ביסל געניסן, וואָרום אויב נישט אַליין קיין הנאה האָבן, לוינט נישט די גאַנצע מי.

אָבער נישט נאָר מיט מאַטעריעלע אַרטיקלען פירט זיך דער פראַנצויז אַזוי. אויך פון גייסטיקע אַרטיקלען און אידייען האָט דער פראַנצויז פיינט צו זיין בלויז אַן עקספּאָרטירער. אין דער הינזיכט איז ער אינגאַנצן אַנדערש ווי זיינע מזרח־שכנים, וועלכע טראַכטן שטענדיק וועגן „מיסיע״, וועגן פאַרזאָרגן די וועלט. דער פראַנצויז טראַכט פריִער פאַר אַלץ וועגן פאַרזאָרגן זיך. די וועלט גייט ביי אים אויפן צווייטן אָרט.

אַזאַ צוגאַנג זעט טאַקע אויס עגאָיִסטיש, ער איז אָבער מענטשלעך.

און הלוואי וואָלטן אַ סך „מיסיאָנערן״ און „וועלט־באַגליקער״ וויניקער זיך פאַרנומען מיט פאַרזאָרגן די וועלט און „די קומענדיקע דורות״ און מער געטראַכט וועגן זייערע אייגענע פיר ווענט און וועגן זייער אייגענעם לעבעדיקן דור, וואָלט די וועלט שענער אויסגעזען.

פּאַריז – דער ייִדישער צענטער אין נאָך־מלחמהדיקן אייראָפּע

אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות איז פראַנקרייך — און אין דעם פאַל מיינט עס הויפּטזעכלעך פּאַריז — דערהויבן געוואָרן צו אַ גאַנץ לעבעדיקן ייִדישן ישוב מיט ייִדישע צייטונגען, ייִדישע טעאַטערס, ייִדישע לעקציעס, ייִדישע פּאַרטיי־קאַמפּן, שוין אָפּגערעדט פון ייִדישע רעסטאָראַנען מיט געהאַקטע לעבער־לעך, שמאַלץ־הערינג, קרעפּלעך און נאָך אַנדערע ייִדישע מאכלים, וואָס אָן זיי האָט ייִדישקייט קיין ייִדישן טעם נישט.

אָבער אין דער ייִדישער געשיכטע (ווי אין דער קבלה) איז אויפשטייג און פאַלן, עליה און ירידה, ענג פאַרבונדן צווישן זיך. דער אויפשטייג פון ייִדישן ישוב אין פּאַריז איז געווען פאַרבונדן מיט דער ירידה פון די ייִדישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע. ייִדן זענען געקומען אין פּאַריז נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן דווקא געוואָלט אַריין קיין פראַנקרייך, נאָר ווייל זיי האָבן געוואָלט אַרויס פון זייערע היים־לענדער.

דער אַרויס האָט באַשטימט דעם אַריין.

אַמאָל איז אַ ראָזע פאַרב אין די באַקן אַ צייכן פון געזונטקייט און אַמאָל איז עס אַ סימן פון פיבער.

די ראָזע פאַרב אויף די באַקן פון פּאַריזער ייִדישן ישוב איז הויפּטזעכלעך געקומען פון פיבער, וועלכער האָט באַהערשט דעם אָרגאַניזם פון ייִדישן ישוב אין פוילן; וואָס מער עס האָט זיך געשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע העצע אין פוילן, וואָס שווערער דאָרט איז פאַר ייִדן געוואָרן דאָס לעבן, אַלץ מער איז געוואַקסן דער ייִדישער ישוב אין פּאַריז.

אָבער נישט נאָר דער פוילישער פיבער האָט פאַרדינסטן אין וווקס פון ייִדישן ישוב פון פּאַריז. אויך דער דייטשער פיבער האָט אַ גרויסן חלק דערין. היטלער האָט צוגעשטעלט קיין פּאַריז אַ חוץ אַ סך פון זיינע „אייגענע" ייִדן, אויך פוילישע

ייִדן און אַפילו רוסישע ייִדן, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געלעבט אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך און שפּעטער, ווען דאָרט איז געוואָרן הייס, אַריבער קיין פּאַריז. אַזוי אַרום האָט דער פּאַריזער ייִדישער ישוב באַקומען אַ סך ייִדן, וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט נישט בלויז ייִדישן ווילן צו לעבן, נאָר אויך ייִדישן ווילן זיך אויסצולעבן, ווי ייִדן.

אָבער ווי צאָלרייך און אַקטיוו עס איז נישט געוואָרן דער ייִדישער ישוב אין פראַנקרייך פאַרן לעצטן קריג, איז ער אַלץ געבליבן בלויז אַ צווייג פון דעם גרויסן, מעכטיקן בוים פון פּוילישן ייִדנטום.

פּאַריז האָט דעמאָלט גאָרנישט פּרעטענדירט צו זיין אַ זעלבסטשטענדיקער ייִדישער ישוב. די פּאַריזער ייִדישע פּרעסע האָט די מיינסטע אַרטיקלען איבערגע־דרוקט פון די וואַרשעווער און ניו־יאָרקער צייטונגען; פּאַריזער ייִדישע אַקטיאָרן האָבן „איבערגעשפּילט" פּיעסן פון וואַרשעווער און ניו־יאָרקער טעאַטערס, און פּאַריזער ייִדישע פּאַרטייען האָבן „איבערדיסקוטירט" די פּראָבלעמען פון די ייִדישע פּאַרטייען אין פּוילן, אָנגעמענדיק, פאַרשטייט זיך, די זעלביקע רעזאָלוציעס און ענדיקנדיק זייערע מיטינגען מיט די זעלבע לידער.

פּאַריז איז געוואָרן די לבנה, וואָס האָט גענומען איר ליכט פון דער זון, וועל־בע האָט געלויכטן אין וואַרשע און אין ווילנע.

דער גרעסטער שטורעם אין דער געשיכטע האָט אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל דעם ייִדיש־פּוילישן בוים, האָט אויף אייביק אויסגעלאָשן די ייִדיש־פּוילישע זון.

נאָכן שטורעם איז פּאַריז געוואָרן דער ייִדישער צענטער אין אייראָפּע.

***

אָבער עס וואָלט געהייסן זיין אומגערעכט צום אמת און אויך אומגערעכט צום פראַנצויזישן פאָלק, ווען מען זאָל די דערהויבונג פון ייִדישן ישוב אין פראַנק־רייך בלויז צושרייבן דעם פאַקט, וואָס די ייִדישע זון אין פּוילן איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

עס האָט אויך דאָ געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל דער פאַקט, וואָס די זון אין פראַנקרייך איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן.

אויך נישט אין די שווערסטע, פינצטערסטע צייטן, ווען אין פראַנקרייך האָט געוועלטיקט דער ווישי־טייוול.

נאָר אַ דאַנק דעם, איז מעגלעך געווען, אַז אין פּאַריז זאָלן זיך אין די נאָך־מלחמה־יאָרן געפינען אַן ערך אַ פערטל מיליאָן ייִדן, וואָס דאָס איז בלויז מיט אַ

ב. שעפנער

פאַר צענדליק טויזנט ייִדן וויניקער, ווי עס זענען געווען אין פראַנקרייך פאַרן קריג, איידער דאָס נאַצי־מעסער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די ייִדישע העלדזער.

די דייטשן האָבן גענומען אַ היפּשן בלוט שטייער פון ייִדישן ישוב אין פראַנקרייך. מען שאַצט, אַז זיי האָבן מיט דער הילף פון זייערע ווישי־קנעכט אַרויסגעפירט פון פראַנקרייך אַ 120 טויזנט ייִדן, וואָס פון זיי זענען צוריקגעקומען בלויז דריי טויזנט. צווישן די אַרויסגעפירטע צום פאַרניכטן זענען געווען אַן ערך 20 טויזנט ייִדן פון בעלגיע און האָלאַנד, וואָס האָבן זיך געהאַט געראַטעוועט קיין פראַנקרייך. די איבעריקע זענען אין זייער גרעסטער צאָל באַשטאַנען פון ייִדן פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבן געמאַכט פראַנקרייך פאַר זייער נייער היים.

מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די דייטשן האָבן געהאַט די „בעסטע אַבזיכטן" צו ליקווידירן אַלע ייִדן פון פראַנקרייך און אויב דער דאָזיקער שוידערלעכער פּלאַן איז זיי נישט געלונגען און אין פראַנקרייך איז געבליבן אַ היפּשער ייִדישער ישוב, האָבן מיר דאָס פריִער פאַר אַלץ צו פאַרדאַנקען דעם פראַנצויזישן פאָלק, וואָס האָט אין די שווערסטע צייטן נישט פאַרלוירן זיין מענטשלעכע געשטאַלט.

*****

איך האָב זיך אין פּאַריז אָנגעהערט מיט צענדליקער געשיכטעס פון ייִדן וואָס האָבן זייער אייגן לעבן און אויך דאָס לעבן פון זייערע פאַמיליעס צו פאַרדאַנקען דער מענטשלעכקייט פון די פראַנצויזן.

יעדער געשפּרעך מיינער מיט אַ געראַטעוועטן ייִדן פון פראַנקרייך, האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן פון דער פראַגע „ווי אַזוי?" „ווי אַזוי זענט איר געבליבן לעבן?" און אין די מיינסטע פאַלן איז דער ענטפער געווען, אַז דאָס האָט אַ פראַנצויז דעם נס מעגלעך געמאַכט.

אַלע שיכטן פון פראַנצויזישן פאָלק האָבן זיך באַטייליקט אין די דאָזיקע אַקטן פון מענטשלעכקייט: אַרבעטער, פּויערים, פּריצים, גאַסן־הענדלער, אינטעליגענטן, גלחים און נאָנעס.

דערציילט מיר איין ייִד ווי אַזוי זיין „קאָנסיערזשקע" (הויז־וועכטערין), וועלכע איז פאַרן קריג אָנגעגאַנגען פאַר אַן אַנטיסעמיטקע, האָט אויסבאַהאַלטן אין איר שטיבל זיין פרוי און קינדער.

אַ צווייטער דערציילט מיר, ווי אַזוי אים האָט געראַטעוועט אַ פּויער. אַ דריטער — ווי אַזוי אַ יעזואיט האָט ביי אים צוגענומען זיין קינד און דערביי אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט נישט לאָזן, עס זאָל פאַרגעסן, אַז עס איז אַ ייִד.

די דירעגנדיקסטע פון אַלע געשיכטעס האָט מיר דערציילט אַ פּוילישער ייִד, וועלכער איז אין פאַרלויף פון איבער אַ יאָר צייט געלעגן באַהאַלטן אין דעם בוידעם־שטיבל פון אַן אָרעמען פראַנצויזישן צייטונגס־פאַרקויפער.

זיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם דאָזיקן צייטונגס־פאַרקויפער איז פאָרגעקומען גאַנץ צופעליק: אין אַ געוויסן פאַרנאַכט איז צו דעם ייִדן געקומען זיין „קאָנסיערזש־קע" און אים דערציילט, אַז אַ פּאָליציאַנט האָט איר פאַרטרויט אַ סוד, אַז די נאַכט וועט מען קומען „נעמען ייִדן".

די ווישי־פּאָליציי איז אין אַלגעמיין באַשטאַנען פון אויסוואורפן און אַנטיסע־מיטן, און די מייסטע פון זיי האָבן גאַנץ טיכטיק אויסגעפירט די באַפעלן פון זייערע נאַצי־באַלעבאַטים. עס האָבן זיך אָבער נישט זעלטן געפונען פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבן פאַרן אַרויסגיין „אויף יאַגד" איבער ייִדישע הייזער געלאָזט, כּלומרשט צוליב אומפאָרזיכטיקייט, פאַלן אַ וואָרט פאַר זייטיקע מענטשן, אַז באַלד וועט מען פון די און די גאַסן אַוועקפירן די ייִדן. עס איז געוועזן גענוג, אַז מען זאָל די דאָרטיקע ייִדן וועגן דעם געבן צו וויסן, און יענע זאָלן „גראָד" נישט זיין אין דער היים, ווען די פּאָליציי איז געקומען.

געוועזן אויך פאַלן, ווען די פּאָליציי האָט אַרויסגעפירט די ייִדן פון אַ הויז אויף דער גאַס און זיי האָבן געהייסן וואַרטן, ביז זי וועט ברענגען ייִדן פון אַן אַנדער הויז. קיין וואַך האָט זי ביי די ייִדן נישט איבערגעלאָזט. די ייִדן האָבן פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש און דערווייל נישט געוואָרן.

יענער פּוילישער ייִד, הערנדיק אַז פּאָליציי וועט ביינאַכט נאָך אים קומען, איז, פאַרשטייט זיך, באַלד אַרויס פון הויז. אָבער וווּהין גייט מען? נאָכן אַרומ־בלאָנקען זיך אַ שטיק צייט איבער די גאַסן, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן צוריקגיין אַהיים. סיי־ווי וועט מען דאָך אים נעמען, איז זאָל ער כאָטש די פּאָר שעה, ביז די פּאָליציי וועט נאָך אים קומען, פילן אַז ער האָט אַ דאַך איבערן קאָפּ.

שטייענדיק אַזוי אַ פאַרלוירענער, ביי אַ הויז, האָט ער פּלוצלינג דערפילט ווי עמיצער האָט אים אָנגערירט די האַנט. דאָס איז געוועזן דער אַלטער צייטונגס־פאַרקויפער, וועלכער איז געזעסן ביים ראָג.

— וואָס זענט איר אַזוי פאַרצווייפלט? — האָט דער פראַנצויז אים שטיל געפרעגט.

האָט ער אין אַ געבראָכענעם פראַנצויזיש דערציילט דעם פרעמדן, אַז ער איז אַ ייִד און אַז ער קען נישט גיין אַהיים, ווייל היינט ביינאַכט דאַרף מען קומען אים נעמען.

דער צייטונגס־פּאַרקויפער האָט זיך פאַרזיכטיק אומגעקוקט, דאַן האָט ער אַריינגעשטופּט דעם יידן אין האַנט אַריין אַ שליסל און אים גיך געזאָגט אַן אַדרעס.

— גייט אַהין.

דאָס האָט ער דעם יידן געגעבן דעם שליסל פון זיין איינזאַמען בוידעם־שטיבל. דער ייד איז אַוועק אַהין און שוין דאָרט געבליבן ביז דער באַפרייאונג.

דער אַלטער פראַנצויז האָט מיט דעם פרעמדן יידן געטיילט זיין דאַך, זיין ברויט און אויך זיין האָפענונג אויף בעסערע, מענטשלעכע צייטן.

און ווער ווייסט צי די האָפענונג האָט נישט מער געהאָלפן דעם יידן דורכצו־האַלטן, ווי דער דאַך און דאָס ברויט. זי איז דאָך געקומען פון לויטערסטן מענטש־לעכן קוואַל.

ווען איך האָב געהערט די דאָזיקע געשיכטע האָב איך געפילט, אַז נישט נאָר יענער פוילישער ייד, נאָר אויך מיר אַלע האָבן פון דעם אַלטן פראַנצויזישן צייטונגס־פאַרקויפער באַקומען דעם שליסל צו האָפענונג.

ווייל כל־זמן עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ מענטש, טאָר מען זיך נישט מיאש זיין. אַזוי לאַנג ווי אַזאַ פּייערל ברענט אין דער נאַכט, איז נאָך נישט אינ־גאַנצן פינצטער.

**
*

געווען אין פראַנקרייך אויך געגנוג גלייכגילטיקייט און רשעות צו יידן. היטלער האָט דערקלערט יידיש לעבן אָדער יידיש האָב־און־גוטס פאַר הפקר און קיינמאָל וועלן נישט פעלן קיין בעלנים צו רויבן פון הפקר. אָבער די גרעסטע מערהייט פון פראַנצויזישן פאָלק (מאַנכע מיינען, אַז איבער דריי פערטל פון פראַנצויזישן פאָלק) האָבן בעת דער ברוינער מגפה זייער מענטשלעך פנים נישט פאַרלוירן.

די פראַנצויזן האָט דערצו אַ סך מיטגעהאָלפן דער פאַקט, וואָס זיי זענען נישט קיין מיסטיקער און זיי האָבן נישט קיין טבע פיינט צו האָבן מענטשן בלויז צוליב פיינט האָבן, אָדער צוליב עפּעס אַן אַנדער „העכערער" נישט־ראַציאָנאַלער אורזאַך. אַפילו די מאַסן גיריקע פראַנצויזן, וועלכע האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן אַנטיסעמיטישן וואָגן, זענען גיכער געווען פּראַקטישע אַנטיסעמיטן. עס האָט זיי געלוינט פיינט צו האָבן יידן: זיי האָבן געקענט צונעמען יידישע געשעפטן, יידישע הייזער, פּטור ווערן פון יידישע קאָנקורענטן, אָבער פון פיינט האָבן יידן אָן שום פּראַקטישן צוועק האָבן אויך זיי נישט געהאַלטן. פון בלויז שלאָגן האָבן פראַנצויזן נישט קיין פאַרגעניגן.

אָבער אַ חוץ דעם, וואָס די פראַנצויזן האָבן אין מלחמה־צייט געהאָלפן ראַטע־

ווען אַ גרעסערע צאָל ייִדן, וואָס האָבן פֿון פֿריִער געלעבט אין פֿראַנקרייך, האָבן זיי אויך נאָכן קריג געגעבן די מעגלעכקייט מאַסן גרעאַטעוועטע ייִדן פֿון די לאַגערן און פֿון די מזרח־לענדער אַריינצוקומען קיין פֿראַנקרייך. אין דער דאָזיקער רע־טונגס־אַרבעט האָט געשפּילט אַ באַזונדערע ראָלע די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין פֿראַנקרייך און איר אומפֿאַרגעסלעכער פֿירער לעאָן בלום.

מען שאַצט די צאָל פֿרעמדע, היימלאָזע ייִדן, וואָס זענען נאָך דער באַפֿרייאונג אַריין קיין פֿראַנקרייך אויף הונדערט טויזנט.

וואָלטן אַלע פֿון זיי געבליבן אין פֿראַנקרייך, וואָלט דער דאָרטיקער ייִדישער ישוב געוווען אַ סך גרעסער און וואָגיקער ווי ער איז. אָבער איין העלפֿט פֿון די איינגעוואַנדערטע ייִדן האָבן שוין פֿאַרלאָזט פֿראַנקרייך און אויך די צווייטע העלפֿט זיצט אייגנטלעך אויף די וואַליזעס.

פֿאַרוואָס לויפֿן ייִדן פֿון פֿראַנקרייך?

געפֿעלט זיי אפֿשר נישט דאָס לאַנד, די מענטשן? האָבן זיי אפֿשר געוואָרפֿן אַן אומחן אויף פּאַריז?

גראָד פֿאַרקערט, ייִדן האַלטן שטאַרק פֿון פֿראַנקרייך און האָבן גאָר אַ באַ־זונדערע שוואַכקייט צו פּאַריז.

פֿון גרויס צערטלעכקייט האָבן מאַנכע ייִדן פֿון דעם איבער פֿיר־מיליאָניקן פּאַריז געמאַכט אַ — שטעטעלע. „אַ וווּיל שטעטעלע", זאָגן זיי. „אַ טייער שטע־טעלע", „אַ פֿריילעך שטעטעלע". אַפֿילו ליובאַוויטשער חסידים, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו רעדן, געפֿעלט דאָס „שטעטעלע": מען קען דאָרט דאַווענען און לערנען זויפֿל מען וויל.

אַממייסנטן זענען צופֿרידן פֿון פּאַריז די צענדליקער טויזנטער ייִדן, וואָס זענען געקומען אַהין פֿון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, איבערהויפּט די, וועלכע האָבן אין די קריגס־יאָרן זיך געפֿונען אין סאָוועטרוסלאַנד. די ערשטע צייט זענען זיי ממש פֿאַרשיכורט געוואָרן פֿון דער פֿראַנצויזישער פֿרייהייט: הער אַ מעשה, אַ לאַנד, ווו דו קענסט לייענען, וואָס דו ווילסט, רעדן, וואָס דו ווילסט און גייִן ווו דו ווילסט און ווי אַזוי דו ווילסט; אַ לאַנד ווו מענטשן שמייכלען, פֿאָרן אויך אין מיטן דער וואָך אויף קאַרוסעלס, זינגען אין די גאַסן, און דאָס נישט קיין לידער צו אַ „פֿירער", נאָר גלאַט אַזוי, צו זיך אַליין, צו פּשוטע מענטשן, צו אומבאַ־קאַנטע פֿרויען.

מאַנכע ניי־געקומענע זענען אין אָנהייב אַ ביסל שאָקירט, ווען זיי זעען ווי פֿאַרליעב קושן זיך אין די פּאַריזער גאַסן. מיט דער צייט, אָבער, ווערן זיי אויך צו

דעם צוגעוווינט און עס הייבט זיי אַפּילו אָן געפעלן צו ווערן. עס איז אָנגענעמער צו זיין אין אַ שטאָט, ווו מענטשן קושן זיך, ווי אין אַ שטאָט, ווו מענטשן שלאָגן זיך.

* * *

אין אַלגעמיין איז דאָ אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן יידן און פראַנצויזן אַזוי אין אויסערלעכן אויסזען, ווי אין זייער לעבנס־פילאָסאָפיע. דער פראַנצויז, פונקט ווי דער ייד, קוקט מיט אומצוטרוי אויף אַלעם, וואָס איז אָפיציעל, וואָס שמעקט מיט רעגירונג, מיט מעשענע קנעפּ, מיט מונדירן. די מערסטע פראַנצויזישע וויצן און סאַטירישע לידלעך זענען געווענדט קעגן אָפיציעלע לייט, קעגן אויטאָריטעט. דער פראַנצויז איז פון דער נאַטור אַן אָפּאָזיציאָנער צו אַלע רעגירונגען. „גיסט אַ קראַץ אַ דייטש, קריכט אַרויס אַ שעפּס, גיסט אַ קראַץ אַ פראַנצויז קריכט אַרויס אַן אַנאַרכיסט". אַפילו די פּויערים, קרעמער און רענטיאַרן (מענטשן, וועלכע לעבן פון אָפּשפּאָרונגען), וואָס אין אַלע לענדער געהערן זיי צום קאָנסערוואַטיוון לאַגער און צו די געטרייסטע שטיצער פון דער הערשנדיקער אָרדענונג, זענען אין פראַנק־רייך שטיקלעך אַנאַרכיסטן. אין עקאָנאָמישע פראַגן מעגן זיי טאַקע זיין עקסטרעם רעכט, אָבער אַז עס קומט צו פּאָליטישע סימפּאַטיעס זענען זיי אָפּטמאָל זייער לינק. וועגן זיי זאָגט דאָס ווערטל, אַז „די קעשענע ליגט ביי זיי אויף דער רעכטער זייט און דאָס האַרץ אויף דער לינקער זייט". אויב אַן אַקטיאָר אָדער אַ קאַבאַרעט־זינגער וויל אין פראַנקרייך זיין זיכער מיט אַפּלאָדיסמענטן, דאַרף ער בלויז קענען גוט חוזק מאַכן פון מיניסטער און פון קאַרדינאַל, פון זשאַנדאַרס און פון גלח. אַזוי איז געווען פאַרן קריג און אַזוי איז אויך איצט. דער דערפאָלגרייכסטער נומער, וועלכן איך האָב ביי מיין לעצטן באַזוך אין פּאַריז געזען אין קאַפע „לאַ סורס" אין לאַטיינישן קוואַרטל, איז געווען אַ סצענע, וואָס האָט פאַרגעשטעלט אַ גראָבן, שיכורן גלח און אַ קאָמישן פּאָליציי־מאַן.

יידן האָבן אַמאָל געהאַלטן, אַז דאָס בעסטע „קנעפּל" איז דאָס, וואָס נעמט... אויך צווישן פראַנצויזן וועט איר געפינען אַ סך אַנהענגער פון דעם דאָזיקן פּרינ־ציפּ. דער פּרינציפּ איז געבוירן געוואָרן פון דער ביטערער דערפאַרונג, אַז געזעצן און געזעץ־אויספירער זענען האַרט; אַז זייער הויפּט־צוועק איז צו מאַכן שווערער דאָס לעבן פון די אָרעמע, הילפלאָזע בירגער, זיי צו בינדן און זיי צו באַשווינדלען. דאַרף מען דעריבער אויסנוצן יעדע געלעגנהייט ווייכער צו מאַכן די געזעץ־אויס־פירער און „אַרומצוגיין" די געזעצן. דאָס איז טאַקע די אורזאַך, וואָס דער קאַמף קעגן שוואַרצן מאַרק האָט אין פראַנקרייך געהאַט אַ קלענערן דערפאָלג ווי אין

די שכנותדיקע לענדער. עס איז נישט געווען אַזוי די גיריקייט פון עולם־הזה־ניקעס און ספּעקולאַנטן, ווי עס איז געווען דער פראַנצויזישער אומצוטרוי צו אָפּי־ציעלע פאַראָרדענונגען און די אַנטיפּאַטיע צום „קנעפּל״. ער, דער באַאַמטער, הייסט אַזוי — איז אַ מצוה צו טון פאַרקערט. צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון דער אָפיציעלער ליניע ליגט ביים פראַנצויז אין בלוט. דער רעגירונג העלפן? — ניין! אַ מענטשן העלפן? — אדרבה.

די דאָזיקע, איך וואָלט געזאָגט, „אַנטי־קנעפּלדיקע״ און פּראָ־מענטשלעכע שטריכן פון פראַנצויזישן כאַראַקטער האָבן געשאַפן אַ קרובהשאַפט צווישן אונדזע־רע ייִדן און די פראַנצויזן. ייִדן האָבן זיך דערפילט היימיש אין דער פראַנצויזישער אַטמאָספערע. בלויז איין חסרון האָבן מאַנכע ייִדן געפונען ביי די פראַנצויזן: וואָס זיי רעדן בלויז פראַנצויזיש. איך האָב נישט איינמאָל געהערט ייִדן אין פראַנקרייך זיפצן האַלב אין שפּאַס:

„אַך, ווען די פראַנצויזן וואָלטן נאָך גערעדט ייִדיש...״.

***

אָבער אין ייִדישן פּאַריז פעלט נישט מיט וועמען צו רעדן ייִדיש. איך האָב אין ניו־יאָרק זעלטן געזען אַזעלכע גוט־באַזוכטע ייִדישע פאַרזאַמלונגען און לעק־ציעס, ווי איך האָב געזען אין פּאַריז. און מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז גיין אויף אַ ייִדישער לעקציע אין פּאַריז מיינט נישט באַקומען אַלס פּרעמיע אַן אומזיסטן קאָנצערט, נאָר עס מיינט קויפן אַ בילעט און דערפאַר באַקומען בלויז רייד. מער גאָרנישט. מאַנכעסמאָל האָב איך, שטייענדיק אויף דער פּלאַטפאָרמע אין פּאַריז, געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך בין אין דער פאַר־מלחמהדיקער וואַרשע אָדער לאָדזש. אַזוי ענלעך איז דאָרט אַלץ געווען צו יענע שטעט און יענע צייטן — סיי די ענגשאַפט און סיי די וואַרעמקייט.

פּאַריז האָט דריי טעגלעכע ייִדישע צייטונגען. אין פּאַריז דערשיינען ייִדישע ביכער. פּאַריז האָט ייִדישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס פון אַלע פּאַרטייען און שאַטירונגען. פּאַריז האָט ייִדישע שרייבער, ייִדישע וואָרט־קינסטלער און, פאַרשטייט זיך, ייִדישע מאָלער, וועלכע וואָלטן געקענט פאַרזאָרגן מיט ייִדישער קולטור און ייִדישער קונסט אַ סך אַ גרעסערן ייִדישן ישוב ווי פראַנקרייך. ייִדישע ייִדן האָבן נישט קיין שום אורזאַך אַרומצוגיין גייסטיק־הונגעריק אין פּאַריז.

אָבער אויך פון מאַטעריעלן הונגער ליידט נישט דער ייִדישער ישוב אין פּאַריז.

אַפילו אין די ייִדישע שטעטלעך אין דער אַלטער היים, ווו ייִדיש לעבן האָט

אויסגעזען צו זיין איינגאַנצן אָפּגעשלאָסן פון דער דרויסנדיקער נישט־יידישער וועלט, האָט אַלגעמיינע בויט און אַלגעמיינער ווילשטאַנד זיך אָפּגעשפּיגלט אויף יידישע טישן און יידישע פּנימער. אַז די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן געהאַט אויף זונטיק, האָבן די יידן אין שטעטל געהאַט אויף שבת. נאָך מער איז דאָס ריכטיק אין אונדזערע מאָדערנע שטעט, ווו סיי דער יידישער אינדערוואָכן און סיי דער יידישער שבת זענען צונויפגעפלאָכטן מיטן נישט־יידישן אינדערוואָכן און נישט־יידישן שבת. און אַזוי ווי דער פראַנצויז הונגערט נישט אין פראַנקרייך, הונגערט אויך נישט דער ייד.

עס הייסט נישט, אַז די מאַטעריעלע לאַגע פון פראַנצויזישן אַרבעטער איז אַ גוטע, ווייט נישט. אין דער צייט, וואָס די פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן און אויך די פראַנצויזישע פּויערים פאַרדינען אין דורכשניט צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי פאַרן קריג, פאַרדינט דער פראַנצויזישער אַרבעטער אין דורכשניט בלויז אַ העלפט פון דעם, וואָס ער האָט פאַרדינט פאַר דער מלחמה. נישט אומזיסט האָבן די קאָמוניסטן אין פראַנקרייך נאָך אַזאַ כוח. די בעסטע באַמיסטיקונג פאַר זייערע פעלדער איז די פאַרביטערונג פון די, וואָס האָבן צו־ווייניק און די בלינדע גירי־קייט פון די, וואָס האָבן צופיל.

אָבער אַזוי ווי דער פראַנצויזישער אַרבעטער גיט אויס זייער ווייניק אויף דירה און אויף קליידער, קען ער זיך דערלויבן גוט אָפּצועסן. זיין לעבנס־פילאָ־סאָפיע איז:

„דערווייל, ביז וואָס־ווען, לאָמיך אָפּעסן. דאָס איבעריקע וועט מען שפּע־טער זען".

און אויך דער יידישער אַרבעטער אין פּאַריז, און אַוודאי נישט דער יידישער האַנטווערקער אין פּאַריז דאַרף נישט אונטערהונגערן. ער עסט און ער האָט הנאה פון עסן. ריידן פראַנצויזיש איז טאַקע נישט אַזוי גרינג זיך אויסצולערנען. דער־פאַר עסן אויף פראַנצויזיש לערנט מען זיך אויס גאַנץ גיך.

**
*

אויב אונדזערע יידן קענען פונדעסטוועגן נישט איינזיצן אין פּאַריז זענען דעריין שולדיק צוויי ווערטער, וואָס ביידע הייבן זיך אָן מיט אַ „ריש" און קלינגען גלייך פאַרן אויער. דאָס זענען:

רשעות און רוסיש.

פראַנקרייך פאַרמאָגט אַ רשעותדיקן געזעץ, וואָס איז געבוירן געוואָרן פאַרן

קריג, און דער צייט, ווען דאָרט האָט געהערשט כראָנישע אַרבעטסלאָזיקייט; אַ געזעץ, וואָס פאַרווערט פרעמדע, אַפילו אַריבערגעקומענע מיט כשרע וויזעס, צו אַרבעטן. אַרבעטן „אומלעגאַל" איז איינע פון די גרעסטע זינד אין פראַנקרייך.

די דאָזיקע רשעותדיקע פרעמדן־געזעצן זענען אין פראַנקרייך אויך געבליבן הערשן נאָך דער מלחמה. היטלער איז געקומען און היטלער איז געגאַנגען, אָבער אין פראַנקרייך איז דאָס רעכט אויף אַרבעטן ווייטער אַ פּריווילעגיע, וואָס נישט יעדער קען זי באַקומען, מעג ער אַפילו זיין אַ קרובֿ פון פראַנקרייכס גרעסטן שונא — פון נאַצי־דייטש.

מען האָט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער איינגעוואַנדערטע יידן געגעבן רעכט אויף אַרבעט, ווידעראַמאָל, אַ דאַנק די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, אָבער נאָר צייטווייליק, ווי אַן אויסערגעוויינלעכער חסד, וואָס יעדע שטיקל צייט דאַרף מען אים אויפסניי אויסבייטן.

* *
*

דער אָפיציעלער מאָטיוו, פאַרוואָס מען גיט די ניי־אַריינגעקומענע אין פראַנק־רייך נישט קיין שטענדיקע רעכט אויף אַרבעט איז אייגנטלעך אַ גאַנץ לאָגישער: די דאָזיקע מענטשן האָבן אַפילו נישט קיין שטענדיקע וווין־רעכט אין פראַנקרייך. זיי האָבן דאָך בלויז באַקומען וויזעס אַלס טראַנזיטניקעס, אַלס דורכפאָרער. און מענטשן וואָס פאָרן דורך, קענען בלויז באַקומען צייטווייליקע אויפהאַלט־רעכט, אָבער נישט קיין רעכט צו אַרבעטן.

איז אָבער די מעשה, אַז די „טראַנזיטניקעס" וואָלטן גאַנץ גערן מוחל געווען די טראַנזיט־וויזעס, ווען מען זאָל זיי געבן וויזעס מיטן רעכט שטענדיק צו וווינען און אַרבעטן אין פראַנקרייך. אָבער וועגן אַזעלכע רעכט האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין. האָבן היימלאָזע יידן גענומען, וואָס מען האָט געגעבן, לויטן באַקאַנטן כלל, אַז אַ געשענקט פערד קוקט מען נישט אין די ציין אַריין. אַז מען לאָזט אַריין קיין פראַנקרייך אַלס טראַנזיטניקעס, איז זאָל זיין טראַנזיטניקעס. און אַז מען וואָלט אַריינגעלאָזט יידן קיין פראַנקרייך אַלס באַלעט־טענצער, וואָלט דען אַיין היימלאָזער ייד זיך אַוועקגעשטעלט טענהן, אַז ער איז נישט קיין טענצער?

אַי מען וועט שפּעטער מוזן טאַנצן? — וועט מען צייט האָבן שפּעטער וועגן דעם צו זאָרגן. דערווייל דאַרף מען זען צו זיין איבעווייניק.

אָבער אַז מען איז געוועזן אינעווייניק — האָבן זיך אָנגעהויבן די טאַנץ־צרות. אַ סך טויזנטער יידן אין פּאַריז לעבן אין כסדרדיקער אומזיכערקייט. זיי האָבן טאַקע נישט וווהין צו פאָרן און אַ סך וואָלטן גאָרנישט געדאַרפט פאָרן, זיי האָבן

זיך גאַנץ גוט איינגעאָרדנט אין פּאַריז, אָבער פאַרן געזעץ און פאַר דער פּאָליציי זענען זיי טראַנזיטניקעס, וואָס אָט־אָט פאָרן זיי. זיי דאַרפן כסדר גיין פאַרלענגערן זייער אויפהאַלט־רעכט.

איז אַ וווּנדער, וואָס פאַר טויזנטער ייִדן, אויסגעמאַטערטע פון דייטשע, און „אין בעסטן פאַל״, פון סאָוועטישע לאַגערן, ווערט אומדערטרעגלעך צו לעבן טאָג־איין טאָג־אויס אין אַ צושטאַנד פון אומזיכערקייט — צווישן ציטווייליקע, אויסגעבעטלטע רעכט צו לעבן און אַרבעטן אין שטענדיקער געפאַר די רעכט צו פאַרלירן?

קען מען ביי אַזאַ צושטאַנד אויפהערן צו קוקן אין דער ריכטונג פון די וואַליזעס?

**
*

דאָס צווייטע וואָרט איז — רוסיש.

די שרעק פאַר רוסלאַנד, וואָס קוקט אַרויס פון די אויגן פון די צענדליקער טויזנטער ייִדן, וואָס זענען אין די קריגס־יאָרן געווען אין די סאָוועטישע לענדער. איך האָב אויף די פּאַריזער גאַסן דערקענט די דאָזיקע ייִדן נישט לויט זייער אויסזען, נישט לויט זייערע קליידער, נאָר לויט זייער פּיבער.

אַזוי פּיבערן קענען נאָר מענטשן, וואָס האָבן געפּילט דעם טעם פון סאָוועטישן „נייעם לעבן״, און וואָס זענען אונטערן איינדרוק, אַז דאָס דאָזיקע „לעבן״ יאָגט זיי נאָך.

אייראָפּע איז פאַר זיי פריִער פון אַלץ די סאָוועטישע געפאַר־ספערע. די רויטע אַרמיי איז טאַקע פינף הונדערט קילאָמעטער ווייט פון פּאַריז, אָבער וואָס זענען היינט, ביי דער מאָדערנער קריגס־טעכניק, פינף הונדערט קילאָמעטער? בלויז אַ שפּרונג. און פאַר דעם שפּרונג האָבן זיי מורא. זיי איז שווער זיך צו פאַרפעסטיקן אויף אַ באָדן, וואָס געפינט זיך אַזוי נאָענט פון סאָוועטישן שפּרונג־פונקט.

האָט זיך, צום ביישפּיל, פאַר מיר פאַרטרויט מיינער אַ פריינט, וואָס לעבט אין פּאַריז אין גאַנץ גוטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אַז ער טראַכט וועגן אימיגרירן.

— איר? — האָב איך זיך געוווּנדערט — וואָס פעלט אייך דען אין פּאַריז?

— מיר — האָט ער געענטפערט — פעלט דאָ גאָרנישט, אַ חוץ איין זאַך.

— וואָס?

— שלאָף.

און ער האָט מיר דערציילט, אַז ער שלאָפט קיין נעכט נישט. ער האָט אַ מענטשלעכע וווינונג, אַ באַקוועם בעט, אָבער ער קען נישט שלאָפן. ער שרעקט זיך. און דאָס מערקווירדיקסטע איז, אַז נישט מלחמה־באָמבעס שרעקן אים, נאָר די סאָוועטן.

— מלחמה? — האָט ער מיר געזאָגט — דערפאַר האָב איך קיין מורא נישט. איך וועל זאָגן, ווי דער פראַנצויז זאָגט: „איך האָב שוין צופיל קריג געזען, איך זאָל זיך פאַר אים שרעקן". וואָס־וואָס, אָבער קיין גאַז־קאַמערן פאַר יידן וועלן אין דער דריטער וועלט־מלחמה זיכער נישט זיין. קיינעם פון די צוויי קעמפנדיקע צדדים — און דאָ מעג מען דאָך ביידע אָנרופן ביים נאָמען: אַמעריקע און סאָוועט־רוסלאַנד — קען מען אין דעם נישט פאַרדעכטיקן. בלייבן דאָך איבער בלויז די קריגס־פּלאָגן, פון וועלכע אַלע וועלן ליידן, איז פאַר זיי אַרט מיך נישט. צוויי מאָל שטאַרבט מען נישט. אַז דער פראַנצויז קען באַשטיין, קען איך אויך באַשטיין. בלויז פאַר איין זאַך שרעק איך זיך — פאַר זיי, פאַר די סאָוועטן. איך האָב „דאָרט" געלעבט פינף יאָר. איך קען „זיי" דורך־און־דורך און מער אַזאַ לעבן וויל איך נישט! איך האָב פאַר זיי מער מורא, ווי פאַר דער אַטאָם־באָמבע. ביי זיי שטאַרבט מען נישט מיט איינמאָל.

און דער אויספיר פון די דאָזיקע רייד איז געווען:

— איך וויל אַוועק, און טאַקע וואָס ווייטער, ווייטער, ווייטער!

אַמסטערדאַם

מיט אַ ביטער געמיט האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין עראָפּלאַן, וואָס האָט מיך געדאַרפט אַוועקפירן קיין אַמסטערדאַם.

מיינע מיטפליער — אַמעריקאַנער און סקאַנדינאַווישע טוריסטן — זענען גראָד יאָ געווען אין אַ גוטער שטימונג און די מיניאַטור־פלעשלעך קאָניאַק, וואָס די בלאָנדע, שלאַנקע סטואַרד־מיידלעך האָבן דערלאַנגט יעדן פּאַסאַזשיר, ווי אַ מתנה פון האָלאַנד, האָבן די דאָזיקע שטימונג נאָך מער אויפגעהויבן. אַ רייזע קיין האָלאַנד געהערט צו די אָנגענעמסטע, ספּעציעל ווען מען פאָרט אַלס טוריסט. האָלאַנד איז נאָך אַלץ דאָס לאַנד פון בלומען און ווינט־מילן, פון גוטע וואַסער־וועגן און גוטע עסנס, אָבער איך בין געפאָרן קיין האָלאַנד נישט אַלס טוריסט, נאָר אַלס ייִד. האָט מיך דערפאַר די גאַנצע צייט פון דער רייזע נישט אויפגעהערט צו מאַטערן אַ קורצע פראַגע:

„צו וועמען?...״

צו וועמען פאָר איך ?— אין אַ געשמאַקפול־אַרויסגעגעבענעם ענגלישן ביכל וועגן דעם נאָך־מלחמהדיקן האָלאַנד האָב איך געפונען ענטפערס אויף אַ סך פראַגן, וואָס האָבן מיך אינטערעסירט. איך האָב זיך דערוווּסט ווי גיך האָלאַנד איז געקומען צו־זיך נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע. איך האָב זיך דערוווּסט וועגן וווּקס פון אירע שטעט און פון איר אינדוסטריע, איך האָב באַקומען ידיעות וועגן בליִענדיקן צו־שטאַנד פון אירע אוניווערסיטעטן און מוזעאומס, אין וועלכע עס קיניגט איר גרעסטער מייסטער רעמבראַנדט. אָבער וועגן צושטאַנד פון די, צו וועמען איך פאָר, האָב איך דאָרט קיין איין וואָרט נישט געפונען. פון זיי זענען דאָך געווען אין אַמסטערדאַם גאָר אַ היפּשע צאָל פאַר דער מלחמה. קנאַפּע צען פּראָצענט פון דער ניין הונדערט טויזנט קעפּיקער באַפעלקערונג פון האָלאַנדס גרעסטער שטאָט זענען דאָך געווען ייִדן.

אָבער איך האָב נישט געדאַרפט וואַרטן, אַז דאָס ענגלישע אינפאָרמאַציע־ביכל זאָל מיר דערציילן וועגן צושטאַנד פון די ייִדן אין האָלאַנד. איך האָב שוין פון פריִער געוווּסט, אַז פון אַלע ייִדישע קהילות אין מערב־אייראָפּע האָט די ייִדישע קהילה אין האָלאַנד געצאָלט היטלערן דעם גרעסטן בלוט־שטייער. פון די 140 טויזנט האָלענדישע ייִדן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין די דייטשע טויטן־לאַגערן 120 טויזנט. פון דער דאָזיקער מאַסע זענען נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען בלויז דריי טויזנט. די איבעריקע זענען אַוועק אין די גאַז־אויוונס און ברודער־קברים. און טאַקע דערפאַר וואָס איך האָב דאָס אַלץ געוווּסט האָט מיך אַזוי שטאַרק געמאַטערט די פראַגע: „צו וועמען?״

***

קורץ פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה בין איך געווען אין האָלאַנד. אויף די גאַסן פון אַמסטערדאַם האָבן זיך דעמאָלסט די ייִדן שטאַרק אָנ־געזען. זייערע טונקעלע פּנימער און פאַרבויגענע נעז האָבן זיך באַזונדערס אויס־געטײלט פון צווישן די בלאָנדע האָלענדער (דאָס איז אויך געווען די וויכטיקסטע אורזאַך פאַרוואָס אַזוי ווייניק ייִדן האָבן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע געקענט זיך אויסמישן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג און אָפּנאַרן די נאַצישע ייִדן־כאַפּער). אויף אַלע געביטן פון עפנטלעכן לעבן האָט איר געטראָפן ייִדן. איר האָט זיי אויף שריט און טריט באַגעגנט אין די האַנדלס־קוואַרטאַלן און, פאַרשטייט זיך, אויפן באַרימטן אַמסטערדאַמער ייִדן־מאַרק; איר האָט זיי געטראָפן אין די בענק, אויף די בערזעס און ספּעציעל אויף דער דימענטן־בערזע; איר האָט זייערע יחוס־דיקע ספרדישע נעמען געזען אַרויסשײַנען פון די ביכער־שענק, פון די צײַטונגען און אויך פון די אַקאַדעמיעס פון קונסט און פון וויסנשאַפט.

אָבער שוין דעמאָלט איז די ייִדישקייט פון די האָלענדישע ייִדן געווען מער אַ נעכטיקע ווי אַ הײַנטיקע. זי האָט געהאַט אַ גלאָררייכע פאַרגאַנגענהייט. פון וועל־כער עס האָבן אַהער געלויכטן דער שטאָלצער קאָפּ פון ברוך שפּינאָזאַ און די פּירכטערלעכע פלעמלעך פון די חרם־ליכט; אַלט־ייִדישקייט האָט אַהערגעקוקט דורך יאָרהונדערטער צוזאַמען מיט אַלט־ייִדיש. איז דאָך אַמסטערדאַם געווען דאָס וויגעלע פון דער ערשטער ייִדישער צײַטונג („פרייטאַגשי קוראַנטען״ און „דינסטאַג־שי קוראַנטען״, דערשינען אין יאָר 1686), אָבער מאָדערנע ייִדישקייט און מאָ־דערנער ייִדיש האָט אַמסטערדאַם געהאַט זייער ווייניק. אַמסטערדאַמער ייִדן זענען פאַרן קריג געווען שטאַרק פרום אָדער שטאַרק אַסימילירט און אַמאָל ביידע צו־

זאַמען. פון אַלע ייִדישע פּאַרטייען און באַוועגונגען האָט אין האָלאַנד געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג די פּאַרטיי, וואָס איז געשטאַנען מיטן פּנים צום נעכטן — די אָרטאָדאָקסישע „אגודת ישראל״.

אונדזערע ייִדן, די מזרח־אייראָפּעיִשע, האָבן געהאַט אין אַמסטערדאַם אַן אייגענעם קולטור־פאַריין אויפן נאָמען פון ש. אַנ־סקי, ווו דאָס נייע ייִדישע וואָרט און דאָס נייע ייִדישע ליד האָט געפונען אַ באַשיידענע, אָבער וואַרעמע היים. אַהער איז געקומען יעדער ייִדישער שרייבער און קולטור־טוער, וואָס איז דורכגעפאָרן האָלאַנד; דאָ האָבן זיך געפונען די ייִדישע צייטונגען און ייִדישע ביכער, וואָס זענען אַרויס אין וואַרשע און אין ניו־יאָרק. דאָ איז אויך אַנטשטאַנען אַ ייִדישע אַמאַטאָרן־טרופּע, וואָס האָט פון צייט צו צייט געשפּילט אַ פּיעסע פון נייעם ייִדישן טעאַטער.

אין אַ ווינקל פון דעם גרויסן נעכטיקן ייִדישן אַמסטערדאַם האָט געברענט אַ קליין פלעמעלע פון מאָדערנער נייער ייִדישקייט.

איך האָב געוווּסט, אַז נאָך דער מלחמה האָבן עטלעכע געראַטעוועטע מזרח־ייִדן, צוריקגעקומענע פון די טויטן־לאַגערן, דאָס דאָזיקע פלעמעלע ווידער אָנגעצונדן. היטלערס טויזנט־יעריקער רייך צוזאַמען מיט זיין באַשעפער ליגן באַגראָבן אונטער די חורבות, אָבער דער ייִדישער קולטור־פאַריין אין אַמסטערדאַם אויפן נאָמען פון ש. אַנ־סקי לעבט ווידער.

צו אים טאַקע פאָר איך איצט אויף אַ לעקציע. איך טראָג אין קעשענע זיין איינלאַדונג. אַלץ אַזוי ווי פאַרן חורבן. די ייִדישע עקשנים, מיט די אויסגעברענטע נומערן אויף די הענט, ברענגען שוין ווידער ייִדישע ביכער און אָרדענען שוין ווידער איין ייִדישע לעקציעס. „די זיצונג קומט ווייטער פאָר״.

האָב איך זיך דערפרייט פון דער איינלאַדונג און, פאַרשטייט זיך, זי גערן אָנגענומען. אַז זיי הייסן קומען, דאַרף מען גאָרנישט מער פרעגן. וויפל זיי זאָלן דאָרט נישט זיין — דאַרף מען פאָרן. אָבער פאָרנדיק האָט פאָרט נישט אויפגעהערט מיך צו מאַטערן די פראַגע:

„צו וועמען?״

איך האָב מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן ציפערן. מיך האָבן געשראָקן זייערע פינצטערע פּנימער. אָבער וואָס מער איך האָב זיי נישט געוואָלט צו זיך צולאָזן, אַלץ מער האָבן זיי זיך געשטופּט צו מיר אין די אויגן אַריין, ווי עפּעס אַ ריזיקע לוויה־פּראָצעסיע. צוויי גרופּן ציפערן האָבן זיך געשטופּט פאַרויס: אַ גרופּע פון זעקס: 120.000 — די צאָל פון די אַרויסגעפירטע ייִדן פון האָלאַנד און אַ גרופּע פון פיר: 3.000 — די צאָל פון די צוריקגעקומענע. דאָס איז נאָך ווייניקער, האָב איך נישט־ווילנדיק אַ באַרעכן געטון, ווי דריי פּראָצענט... פאַר מיינע אויגן האָב

איך געזען דעם באַשיידענעם זאַל פון פאַר־מלחמהדיקן אַנ־סקי־פאַריין און די פּאָר הונדערט אויגן, וואָס האָבן דעמאָלט צו מיר אַרויפגעקוקט אויף דער פּלאַטפאָרמע. איז וויפל פון זיי, האָב איך זיך געפרעגט, זענען אַוועק און וויפל פון זיי זענען צוריקגעקומען?

און נאָך שטאַרקער האָט זיך פון די טיפענישן געריסן די פראַגע:

„צו וועמען?"

ניין, איך האָב זיך נישט געריכט, אַז גראָד פון אַמסטערדאַם וועל איך האָבן אַזויפיל נחת. איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אין דער שטאָט, וואָס האָט מער ווי אַלע מערב־אייראָפּעיִשע שטעט, פאַרלוירן ייִדן אויפן מזבח פון ייִדן־האַס, וועל איך געפינען אַזויפיל סימנים פון ברידערלעכן מיטגעפיל צו ייִדן.

***

אַמסטערדאַם פאַרמאָגט אַ סך וווּנדער, וועלכע מען קען נישט מיד ווערן אָנצו־קוקן. שוין די עקזיסטענץ פון אַמסטערדאַם איז אַ וווּנדער, און דאָס נישט פון גאָט, נאָר פון די האָלענדער. עס איז בפירוש דאָ אַ היפּשער אמת אין דעם ווערטל, אַז די גאַנצע וועלט האָט באַשאַפן גאָט, אָבער האָלאַנד האָבן באַשאַפן די האָלענדער. זיי האָבן אַרויסגעריסן זייער לאַנד פון די אָרעמס פון ים און אויפן שענסטן שטיק ערד, וואָס זיי האָבן צוגערויבט ביים ים, האָבן זיי אויפגעבויט זייער גרעסטע שטאָט אַמסטערדאַם.

די ערשטע פּסוקים פון בראשית קומען אייך אויפן זינען, ווען איר באַטרעט דעם באָדן פון דער דאָזיקער וווּנדערלעכער ים־שטאָט.

„האָט גאָט געזאָגט: זאָלן זיך איינזאַמלען די וואַסערן פון אונטערן הימל אויף איין אָרט און זאָל זיך באַווייזן די יבשה און עס איז אַזוי געשען. און גאָט האָט גערופן די יבשה ערד און די איינזאַמלונג פון די וואַסערן האָט ער גערופן ימען און גאָט האָט געזען, אַז דאָס איז גוט".

בלויז אַ קליינע ענדערונג דאַרפט איר דאָ מאַכן און עס וועט זיך באַקומען אַ באַשרייבונג פון דער באַשאַפונג פון האָלאַנד. אַנשטאָט גאָט, דאַרפט איר אויפ־שרייבן די האָלענדער. דאָס האָבן זיי געהייסן די ימען זיך איינזאַמלען און עס זאָל זיך באַווייזן יבשה און אַזוי איז געשען. עס האָט זיך באַוויזן יבשה. פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך. פאַר די האָלענדער האָט דער ים וויניקער מורא געהאַט ווי פאַר גאָט. האָבן זיי טאַקע אים פּשוט אָנגענומען פאַרן קאָלנער און אַ זאָג געטון: „פּעטערשי, רוקט זיך אַ ביסל", האָט ער זיך אָפּגערוקט.

שטעט און דערפער, פעלדער און בלומען־גערטנער, האָבן די האָלענדער אויסגעבויט אויף די ערטער, פון וועלכע זיי האָבן אַוועקגעשטופּט דעם ים. און נאָך איצט האָבן זיי זייער רויב נישט אָפּגעשטעלט. אין קיין שום לאַנד אויף דער וועלט איז דער ים אַזוי נישט זיכער מיטן לעבן, ווי אין האָלאַנד. היינט איז ער אַ ים און מאָרגן קען ער זיין אַ גרינע לאַנקע, אויף וועלכער עס פּאַשען זיך קי און עס טרעטן הילצערנע שיך פון ציכטיקע, ווייס־הויביקע האָלענדערינס.

אָבער פון אַמסטערדאַם האָבן די האָלענדער דעם ים אינגאַנצן נישט פאַר־טריבן. זיי האָבן ביי אים נאָר אָרויסגעריסן הונדערט אינדזולעך און איבער זיי אַריבערגעוואָרפן אַ דריי הונדערט בריקן. אַ חוץ דעם האָבן זיי אַ ביסל פון דעם ימס וואַסערן איינגעזאַמלט אין קאַנאַלן און צופוסנס פון זיי אויסגעבויט פאַבריקן און וווין־הייזער, פּאַטריצער־פּאַלאַצן און שיף־בוי־וואַרשטאַטן, מוזעומס און אַקאַ־דעמיעס, וואָס צוזאַמען שטעלן זיי פאַר דאָס וווּנדער פון אַמסטערדאַם.

אַם בעסטן קען מען זען די וווּנדער פון אַמסטערדאַם, ווען מען מאַכט אַ רייזע מיט אַ מאָטאָר־שיף איבער די קאַנאַלן. איר זעט דאָרט דעם נאַטירלעכן געפלעכט פון אַלט און ניי; די טונקעלע דיקע מויערן פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, ווי זיי ווערן געוואַשן פון די אייביקע ווייס־גרינע כוואַליעס פון ים און באַלד ווינקען צו אייך פון ווייטנס די פייערן פון די מאָדערנע הייזער און מאַגאַזינען פון קאַל־ווערסטראַאט און די ביימער און בלומען פון אַמסטערדאַמס ברייטע סקווערן.

די אַמסטערדאַמער קאַנאַלן זענען אַ סך וויניקער ראָמאַנטיש ווי די ווענע־ציאַנער. נישטאָ דאָ די זיסע פוילקייט, וואָס טראָגט זיך איבער די פאַרחלומטע וואַסערן פון ווענעדיק. אַמסטערדאַמס קאַנאַלן וויגן נישט אין זייערע אָרעמס קיין גאָנדאָלעס. זיי טראָגן שיפן, זיי טרייבן מאָטאָרן, אָבער זיי זענען נישט קיין נשמה־לאָזע ראָבאָטן. פאַראַן עפּעס וואָכס און זינגעדיקס אין דער שטילקייט איבער די וואַסערן פון אַמסטערדאַם. דאָס איז אָבער אַ געזאַנג נישט אנשטאָט אַרבעט, ווי איבער די וואַסערן פון ווענעדיק, נאָר נאָך דער אַרבעט.

***

אָבער דאָס גרעסטע און שענסטע וווּנדער וואָס כ'האָב געזען אין אַמסטערדאַם איז געווען אַ דענקמאָל, וועלכן די יידן פון האָלאַנדס הויפּט־שטאָט האָבן נאָכן קריג אויפגעשטעלט אַלס דאַנקבאַרקייט פאַר זייערע קריסטלעכע שכנים.

מיך האָט באַהערשט אַ געפיל פון שטאָלץ, ווען איך בין אין אַ שטילן פרי־לינגדיקן פאַרנאַכט געשטאַנען אויף דעם וואָטערלאָ־פּלעין (פּלאַץ) אין אַמסטער־

דאָם, און מיט די אייגענע הענט אָנגערירט דעם קילן, ווייסן מירמלשטיין פון דעם דאָזיקן דענקמאָל.

איך האָב אין אייראָפּע געזען עטלעכע דענקמעלער, אויפגעשטעלט צום אָנדענק און כבוד פון אונדזערע פאַרשניטענע זעקס מיליאָן, אָבער קיינער פון די דענק־מעלער האָט נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן איינדרוק ווי די באַשיידענע מאַרמאָר־פּלאַטן אין אַמסטערדאַם. יענע דענקמעלער האָבן מיר דערציילט וועגן אַ מענטשלעכקייט, וואָס איז אַוועק אין די ברידער־קברים און דער דענקמאָל האָט מיר דערציילט וועגן אַ מענטשלעכקייט, וואָס לעבט.

***

די געשיכטע האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן ווי אומעטום. די נאַציס זענען אַריין אין האָלאַנד און די ערשטע זאַך זיך גענומען צו די יידן.

זיי האָבן נאָך נישט פאַרטיליקט, נאָך נישט געברענט, נאָר זיך בלויז איז־דעקעוועט איבער די אַמסטערדאַמער יידן.

זיי האָבן עס געטון מיט דער הילף פון די האָלענדישע פאַשיסטן, וועלכע זענען נאָך איידער דער קריג איז אויסגעבראָכן, געשטאַנען אין דינסט פון היטלערן, אויספירנדיק די אַרבעט פון אַ נאַצישן פינפטן קאָלום. זיי טאַקע זאָל היטלער האָבן צו פאַרדאַנקען, וואָס אים איז אַזוי גרינג געווען אַריינצוקומען קיין האָלאַנד.

די האָלענדער זענען געווען זיכער, אַז זייער לאַנד וועט היטלער קיינמאָל נישט איינעמען. אין פאַל פון אַ היטלער־געפאַר האָבן זיי זיך געגרייט צו עפענען די וואַסער־שלוזן און צו פאַרפלייצן דאָס לאַנד צוזאַמען מיט די אַריינדרינגער. אָבער די האָלענדישע וואַסערן זענען געבליבן אין זייערע ברעגעס. געהיימע הענט האָבן נישט געלאָזט דורכפירן די צוגעגרייטע פּלענער, און אַנשטאָט פאַרפלייצט צו ווערן פון וואַסער, איז האָלאַנד פאַרפלייצט געוואָרן פון נאַציס. האָפערדיקע און פריילעכע זענען זיי אַריין אין אַמסטערדאַם און זיך גלייך אַ לאָז־געטון איבער די יידישע גאַסן זיך „שפּילן" מיט די יידן.

אָבער דאָס הויפּט־שפּיל איז אָרגאַניזירט געוואָרן שבת, דעם 23סטן פעברואַר, 1941. אין יענעם טאָג האָבן די דייטשן צונויפגעטריבן די יידן אויפן וואָטערלאָ־פּלעצל און זיי באַפוילן זיך צו שטעלן אויף די קני מיט די פּנימער צו דער וואַנט. אַזוי זענען זיי אָפּגעשטאַנען לאַנגע שעהן, באַקומענדיק דערביי מערדערלעך גע־שלאָגן. יידישע וויי־געשרייען און דייטשע געלעכטערס האָבן זיך אויסגעמישט. עס איז געווען אַ שפּיל אַזאַ.

ב. שעפנער

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן ווי די דייטשן האָבן זיך איזדעקוועט איבער די ייִדן, האָט אַ כוואַליע פון צאָרן אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטאָט. האָלענדער האָבן דערפילט אַ טיפן דראַנג צו פּראָטעסטירן קעגן דער פאַרשוועכונג פון מענטשלעכן כבוד פון זייערע ייִדישע מיטבירגער און גלייכצייטיק זיי אויסצודריקן מיטגעפיל און סאָלידאַריטעט. אָבער ווי אַזוי? און דער ענטפער איז געקומען פון די אַרבע־טער־פּאַרטייען און איז באַלד מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען געוואָרן פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג פון אַמסטערדאַם:

גענעראַל שטרייק!

אויפן באַצנטסטן מאָנטיק איז דער גענעראַל שטרייק פּראָקלאַמירט געוואָרן און ער איז געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיקער. מענטשן, וואָס זענען יענעם מאָנטיק געווען אין אַמסטערדאַם, וועלן אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַלץ האָט געשטרייקט. קיין איין פאַבריק האָט נישט געאַרבעט, קיין געשעפט האָט זיך נישט געעפנט, קיין טראַמווי האָט זיך אויף דער גאַס נישט באַוויזן, קיין דאָקטער האָט נישט אויפגע־נומען קיין פּאַציענטן.

אַמסטערדאַם האָט גערוט! אָבער אין דער דאָזיקער רו איז געלעגן שטורעם, עס איז געלעגן ברענענדיקער מענטשלעכער האַס און עס איז געלעגן הייסער מענטשלעכער מיטגעפיל.

די דייטשן זענען אַרומגעגאַנגען איבער די אויסגעשטאָרבענע אַרישע גאַסן פון אַמסטערדאַם און נישט געקענט באַנעמען:

„צוליב וואָס?!“

אָבער אַז זיי האָבן באַנומען, זענען זיי ווילד געוואָרן פון צאָרן: פּערצן מענטשן זענען אין יענעם טאָג דערשאָסן געוואָרן, הונדערטער זענען אַרעסטירט געוואָרן.

די גרויזאַמסטע נקמה האָט אָבער געטראָפן די ייִדן. ניין, די נאַציס האָבן זיך מער נישט „געשפּילט“ מיט זיי, מער זיי נישט צונויפגעטריבן אויף עפנטלעכע פּלעצער. שטיל און פּלאַנמעסיק האָט מען זיי צונויפגעזאַמלט און זיי גרופּנווייז אַריינגעפּאַקט אין וואַגאָנען, וואָס זענען געגאַנגען „אין דער ריכטונג צו מזרח“.

ביי הונדערט־און־צוואַנציק טויזנט ייִדן האָט מען אָוועקגעשיקט פון האָלאַנד קיין מאַידאַנעק, אָשווענטשים און בוכענוואַלד. בלויז אַ פינף־און־צוואַנציק טויזנט ייִדן האָבן ווי עס איז באַוויזן זיך אויסצובאַהאַלטן. מייסטנס זענען עס געווען אַסימילירטע ייִדן, וואָס דאָס ייִדישקייט איז זיי נישט אַזוי שטאַרק געלעגן אויפן פּנים, אָדער וואָס האָבן געהאַט קריסטלעכע פאַמיליעס (געמישטע חתונות זענען אַן אָפטע דערשיינונג אין האָלאַנד).

גאַנץ מעגלעך, אַז ווען דער גענעראַל־שטרייק וואָלט נישט אָרגאַניזירט גע־

וואָרן, וואָלטן מער ייִדן איבערגעבליבן אין האָלאַנד. די נאַציס וואָלטן אַזוי טיכטיק נישט „געריייניקט" אַמסטערדאַם. די טיכטיקייט איז דאָך געקומען נישט בלויז פון דעם נאַצישן ווילן זיך נוקם צו זיין אין די האָלענדישע ייִדן, נאָר אויך פון דעם ווילן זיך נוקם צו זיין אין די האָלענדער.

„זעט — האָבן די אויגן פון די דייטשע טייוולאָנים געלאַכט — וואָס מיר טוען מיט אייערע ייִדן..."

וואָסער ביטערע איראָניע! אין איין אָרט (ווי, צום ביישפּיל, פּוילן) זענען די צאָל ייִדישע היטלער־קרבנות געווען גרעסער צוליב דעם האַס און דער ברוטאַ־ליטעט פון דער אָרטיקער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג צו ייִדן, און אין אַ צווייט אָרט, ווי האָלאַנד, זענען אונדזערע קרבנות געווען גרעסער, ווייל די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן איר מיטגעפיל און סאָלידאַריטעט צו די ייִדן.

***

אָבער ווי גרויזאַם עס זאָל נישט האָבן געווען שפּעטער די נקמה פון די נאַציס — דער גרויסער אַקט פון מענטשלעכקייט פון דער נישט־ייִדישער באַפעל־קערונג פון אַמסטערדאַם ווערט דערפון אויף אַ האָר נישט קלענער.

און באַלד ווי די ערשטע ייִדן זענען צוריקגעקומען פון די לאַגערן, האָבן זיי גענומען פּלאַנעווען דעם דענקמאָל פון דאַנקבאַרקייט פאַר זייערע נישט־ייִדישע שכנים.

יעדעס יאָר, אין טאָג פון יענעם גענעראַל־שטרייק, פאַרזאַמלען זיך האָלענדער און ייִדן אַרום דעם דענקמאָל. מען ברענגט אַהער בלומען, מען וויקלט־פאַנאַנדער פאָנען און מען האַלט רעדעס וועגן מענטשלעכער ברידערלעכקייט. דאָ קלינגען די דאָזיקע רעדעס נישט באַנאַל. דאָ טראָגט זיך פון זיי און אויך פון קאַלטן מירמל־שטיין דער וואַרעמער אָטעם פון לעבעדיקער ווירקלעכקייט.

***

דערפאַר האָב איך אין אַמסטערדאַם, שטייענדיק נעבן דעם ייִדישן דאַנקבאַר־קייט־דענקמאָל, מער ווי ערגעץ־אַנדערשוו, דערפילט, אַז עס זענען נישט גערעכט די פאַרצווייפלטע ייִדן, וואָס שרייען, אַז מיר לעבן אין אייראָפּע צווישן וועלף.

דאָס הייסט נישט, אַז מיר זענען דאָרט אַרומגערינגלט פון צדיקים. ווייט נישט. אַפילו נישט אין אַמסטערדאַם. עס האָבן נישט געפעלט קיין אַנטיסעמיטן אויך אין האָלאַנד. טאָקע נישט ווייט פון יענעם דענקמאָל, אויף די ייִדישע גאַסן אין אַמסטער־

דאָס, האָב איך געזען ייִדישע הייזער, וואָס זענען געווען אינעווייניק צעשטערט. דאָס האָבן האָלענדער צעריסן די ווענט פון לײדיקע ייִדישע הייזער, וואָס זייערע אייגנטימער זענען דעפּאָרטירט געוואָרן. מאַנכע האָבן עס געטון, ווייל זיי האָבן דאָס ייִדישע האָלץ געוואָלט נוצן צום הייצן; אַנדערע, ווידער, האָבן געהאַט נאָך „העכערע" צילן: זיי האָבן געהאָפט צו געפינען גאָלד אין די ייִדישע ווענט. מען האָט געזאָגט, אַז ייִדן האָבן אוצרות באַהאַלטן אין די ווענט, דאַרף מען זיי אויפ־זוכן. די ייִדן וועלן דאָך סיי־ווי שוין נישט צוריקקומען. אַז דער דייטש שיקט אַוועק אַ ייִד, איז עס אויף אייביק.

יאָ, עס זענען דאָרט געווען אָרום אונדז וועלף און עס זענען געווען מענטשן און ביידע זענען ווייטער דאָרט פאַראַן.

אַלע מלחמה־געשיכטעס, וואָס איך האָב געהערט פון ייִדן אין אייראָפּע, זענען געשיכטעס פון וועלף און געשיכטעס פון מענטשן. אויף שריט און טריט האָב איך באַגעגנט ייִדן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר לעבעדיקע ניסים. אָט־אָט און דער ייִד וואָלט געווען איינער פון די „זעקס מיליאָן". אַ האָר האָט געפעלט. דער וואָלף איז שוין געווען גרייט צו פאַרצוקן, אָבער אַ נס האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אין געשטאַלט פון אַ מענטש.

נישט אין איין וועלט לעבן ייִדן אין אייראָפּע (פּונקט ווי אויף דער גאַנצער וועלט), נאָר אין צוויי וועלטן: אין אַ וועלפישער וועלט און אין אַ מענטשלעכער וועלט. און די ייִדישע האָפענונג, אַזוי אויך די מענטשלעכע האָפענונג, איז פאַר־בונדן מיט דער צווייטער וועלט.

***

אָבער דער ייִדישער דאַנקבאַרקייט־דענקמאָל איז נישט געווען דער איינציקער אָרט אין אַמסטערדאַם, ווו איך האָב זיך געפילט געשטאַרקט און דערמונטערט.

אָט שטיי איך אויף דניאל מאירס־פּלעין און באַטראַכט די אַלטע „פּאָרטו־געזישע" סינאַגאָגע.

נאָך פאַרן קריג פלעגט מען יעדן ייִדישן גאַסט, וואָס איז געקומען קיין אַמסטערדאַם, אַוועקפירן ווייזן די דאָזיקע יחוסדיקע שול, געבויט מיט 275 יאָר צוריק פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע ייִדן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די פייערן פון דער אינקוויזיציע.

האָלאַנד איז דעמאָלט געווען דאָס פרייעסטע לאַנד אין אייראָפּע. אירע טויערן זענען געשטאַנען אָפן פאַר די געפּלאָגטע ייִדן, וואָס זענען געקומען צו אירע ברעגן.

איז די ערשטע זאַך, וואָס די ייִדן האָבן זיך געשטעלט בויען, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַוועקגעלייגט זייערע פעקלעך אין דעם נייעם לאַנד, געווען אַ שול: אַ הויז פאַר גאָט און פאַר דער אייגענער נשמה.

אויסערלעך מאַכט די שול נישט קיין באַזונדערן איינדרוק. אויף איר ליגט אויסגעגאָסן אַן איינפאַכקייט, וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך פאַר די אַמאָליקע ייִדישע בתי־תּפילות. אירע גרויע שטיינער רייסן זיך נישט צו די הימלען. גיכער איז זייער בליק געווענדט אין דער טיף, צו די פונדאַמענטן. דאָס אינעווייניקסטע, דאָס פאַרוואָרצלטע איז דער עיקר. אויב איר קוקט אַ ביסל לענגער, קענט איר אָבער שוין פון דרויסן דערבליקן די דאָזיקע פאַרוואָרצלטקייט און מאַסיווקייט, וואָס איז געווען אין אַזאַ שאַרפן קעגנזאַץ צו דער פיזישער עקזיסטענץ פון אירע בויער. פון זייערע אויגן האָט נאָך אַרויסגעקוקט די שרעק פון געיאָגטע ייִדן, פון אייביקע וואַנדרער, און פון איר האָט זיך געטראָגן דער שטילער אָפּשיין פון אייביקייט.

לעגענדעס זענען אַרומגעגאַנגען וועגן דער דאָזיקער אַלטער פּאָרטוגעזישער שול. איין לעגענדע האָט דערציילט, אַז זי שטייט אויף פונדאַמענטן פון גאָלד. דאָס זאָלן די רייכע שפּאַנישע ייִדן, וואָס זענען געקומען קיין אַמסטערדאַם, האָבן באַ־האַלטן זייערע אוצרות אין די פונדאַמענטן פון זייער שול.

די דאָזיקע לעגענדע האָב איך נאָך געהערט ווען איך האָב צום ערשטן מאָל, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַזוכט האָלאַנד. אַממיינסטן איז די לעגענדע געווען פאַרשפּרייט צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וועלכע גלייבט אַ סך מער ווי ייִדן אין באַהאַלטענע ייִדישע אוצרות.

איז טאַקע דערפאַר נאָך גרעסער דער וווּנדער, וואָס די פּאָרטוגעזישע שול אין אַמסטערדאַם איז דורך די נאַציס נישט צעשטערט געוואָרן. די שול שטייט איצט גאַנץ און אומבאַרירט, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען אַלע אירע יאָרן. יאָרהונ־דערטער זענען פאַר איר פאַרבייגעגאַנגען און זי נישט אָנגערירט. אויך היטלער איז פאַר איר פאַרבייגעגאַנגען. ער איז אויף אייביק אַוועק און זי איז גע־בליבן שטיין.

די אַמסטערדאַמער ייִדישע קהילה באַטראַכט דאָס פאַר אַ גרויסן נס, וועלכן זי האָט ספּעציעל געפייערט אין פאַרבינדונג מיט דעם 275־יעריקן יובילעי פון דער שול. אָבער מיך האָט גראָד דער דאָזיקער נס געלאָזט קאַלט. איך בין נישט באַגייסטערט פאַר נסים, וואָס געשען מיט טויטע געביידעס און וואָס געשעען נישט מיט לעבעדיקע מענטשן. די פּאָרטוגעזישע סינאַגאָגע שטייט צווישן וויסטע ייִדישע גאַסן, וועלכע זענען ערשט מיט אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק געווען פול מיט

לעבעדיקע ייִדן. אין האַרץ פֿון דעם חרובֿן אַמסטערדאַמער ייִדישן קוואַרטאַל זעט די גאַנץ־געבליבענע ייִדישע שול אויס ווי אַ שטיינערנער נס.

***

דערפֿאַר איז מיט דער צווייטער גרויסער שול, וואָס געפֿינט זיך נישט ווייט פֿון דער פּאָרטוגעזישער סינאַגאָגע, מיט דער אַשכּנזישער, קיין נס נישט געשען. זי האָט געטיילט דעם גורל פֿון אירע ייִדן. זי שטייט אַ פֿאַרוויסטע און פֿינצטערע. די נאַציס האָבן זי פֿאַרברענט. דורך די אויסגעהאַקטע שויבן טונקלט אַרויס אַ טויטע פּוסטקייט. איך האָב די דאָזיקע חרובֿע שול געזען אויף דער נאַכט, ווען די שוואַך־באַלויכטענע גאַסן אַרום זענען געווען ליידיק. די דאָזיקע שאָטנדיקע ליידיקייט פֿון אַרום האָט געשאַפֿן אַ נאַטירלעכע ראַם פֿאַר דער חורבה.

די ווענט אירע זענען געבליבן גאַנץ און זי וואָלט געקענט אָן גרויסע שוועריקייטן צוריק אויפֿגעבויט ווערן. אָבער זי וועט נישט אויפֿגעבויט ווערן. קיינער טראַכט גאָרנישט וועגן דעם, האָבן מיר אַמסטערדאַמער ייִדן געזאָגט. פֿאַר וועמען זאָל מען זי אויפֿבויען? אַ שול דאַרף דאָך נישט בלויז ווענט און אַ דאַך, זי דאַרף דאָך אויך האָבן ייִדן. און קיין ייִדן פֿאַר איר זענען מער נישטאָ. פֿאַר די 15 טויזנט איבערגעבליבענע ייִדן אין אַמסטערדאַם (פֿון קנאַפּע נײַנציק טויזנט), זענען אין שטאָט פֿאַראַן איבערגענוג שולן.

מיט אַ זיפֿץ דערציילן מיר דאָס מײַנע אַמסטערדאַמער פֿרײַנט. דער זיפֿץ איז אַ טאָפּלטער: ערשטנס, זיפֿצט מען אויף די אַמסטערדאַמער ייִדן, וואָס זענען נישט צוריקגעקומען, און צווייטנס, זיפֿצט מען אויף די פֿרעמדע ייִדן, וואָס וואָלטן געקענט קומען קיין האָלאַנד און זענען נישט געקומען.

אַזוי ווער איך געוווירע, אַז באַלד נאָך דער מלחמה זענען די טויערן פֿון האָלאַנד כּמעט געווען אָפֿן פֿאַר היימלאָזע ייִדן, באַזונדער נאָך פֿאַר די ייִדן פֿון די לאַגערן. מען האָט נאָר געדאַרפֿט וועלן קומען.

די האָלענדער האָבן באַלד נאָך דער באַפֿרײַאונג געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפֿט אויף די ייִדישע היטלער־קרבנות. מיט ברייט־צעעפֿנטע אָרעמס האָבן זיי אויפֿגענומען זייערע אייגענע האָלענדישע ייִדן, וועלכע זענען צוריקגעקומען פֿון די לאַגערן און מיט גרויס גאַסטפֿרײַנטלעכקייט האָבן זיי אויך אויפֿגענומען די פֿרעמדע ייִדן, וועלכע זענען פֿון די דײַטשע לאַגערן געקומען קיין האָלאַנד.

אַ באַזונדערער יחסן איז געווען אַ קאַצעטלער מיט אַן אויסגעברענטן נומער

אויף דער האַנט. אַזאַ נומער איז געווען אַ לעגיטימאַציע, פאַר וועלכער עס האָבן זיך געעפנט אין האָלאַנד גרענעצן און הייזער און מער פון אַלץ — הערצער.

אַ קאַצעטלער האָט אַפילו געקענט אין האָלאַנד פאָרן אויף די באַנען און טראַמווייען אומזיסט. אַנשטאָט אַ בילעט האָט ער געוויזן דעם אויסגעברענטן נומער אויף דער האַנט.

טויזנטער פון אונדזערע יידן וואָלטן געקענט לייכט אַריינקומען קיין האָלאַנד, אין געבענטשטן לאַנד פון מילך און האָניק, און זיי וואָלטן פאַרשפּאָרט זיך צו וואַלגערן אויף דער דייטשער ערד און צו וואַרטן אויף וויזעס. זיי וואָלטן אַליין אויפגעלעבט און וואָלטן אויך אַריינגעבראַכט אַ פרישן שטראָם יידיש לעבן אין אַמסטערדאַם.

אָבער מען איז קיין האָלאַנד נישט געפאָרן. אפשר דערפאַר, ווייל האָלאַנד איז געווען אַזוי נאָענט און אַזוי לייכט צו דערגרייכן. בלויז עטלעכע הונדערט לאַגער־יידן האָבן אַהער פאַרבלאָנדזשעט. דערוויל איז דער ענטוזיאַזם פון די האָלענדער צו די היטלער־קרבנות אָפּגעקילט געוואָרן. מאַנכע מיינען, אַז דאָס איז אוממענטשלעך, אָבער גיכער פון אַלץ איז דאָס מענטשלעך. איז דאָך אויך דער ענטוזיאַזם פון יידן צו די אייגענע היטלער־קרבנות אָפּגעקילט געוואָרן.

עטלעכע מאָנאַטן נאָכן פאַלן פון היטלערן האָט אָנגעהאַלטן דער וואַרעמער יום־טוב פון מענטשלעכקייט און נאָך דעם איז געקומען דער גרויער קאַלטער אינדערוואָכן.

מיט זיינע קאַלטע דאגות, קאַלטע פאַרדאַכטן און מיט זיין קאַלטער מלחמה.

קיין קאַצעטלער איז שוין אין ערגעץ מער נישט קיין יחסן. און מיט קיין אויסגעברענטן נומער אויף דער האַנט עפנט מען מער נישט קיין גרענעצן און טירן. פאַרקערט, אַז גרענעצן און טירן דערזעען אַן אויסגעברענטן נומער, פאַר־מאַכן זיי זיך נאָך שטאַרקער.

ווייל אַזאַ נומער איז דאָך אַ באַווייז, אַז דער אייגנטימער איז נישט קיין טוריסט. און די באַפרייטע לענדער פון אייראָפּע ווילן איצט טוריסטן. צו זיי איז מען זיכער, אַז מען וועט נישט דערלייגן.

***

האָט דערפאַר טאַקע איז אין מיינע אויגן נאָך גרעסער אויסגעזען דער נס וואָס איז האָב געטראָפן אין דעם יידישן קולטור־פאַריין אויפן נאָמען פון ש. אַנ־סקי אין אַמסטערדאַם.

ב. שעפּנער

אויך די דאָזיקע „שול" פון אונדזערע אַשכּנזישע ייִדן איז אין די מלחמה־יאָרן חרוב געוואָרן. אָבער זי איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן. די ערשטע היימישע ייִדן, וואָס זענען צוריקגעקומען, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט זי בויען. מען האָט נאָך אַליין קיין רעכטן דאַך איבערן קאָפּ נישט געהאַט און מען האָט זיך שוין גע־שטעלט בויען אַ דאַך פאַרן ייִדישן וואָרט, פאַר דער ייִדישער קולטור.

און מען האָט אויסגעבויט נאָך אַ שענערע היים ווי די, וועלכע מען האָט גע־האַט פאַרן חורבן.

ווי אַזוי איז דאָס געווען מעגלעך?

לויטן חשבון, האָט דאָך דאָ אַלץ געדאַרפט זיין אָרעמער און איינגעשרומ־פּענער? דאָס קליינע ייִדישע ישובֿ פון מזרח־ייִדן אין אַמסטערדאַם איז דאָך גע־ברענט און געבראָטן געוואָרן אין די נאַצישע פייערן?

דאָך איז פון אַש אויפגעשטאַנען נאָך אַ שענערער ייִדישער קולטור־בנין, ווי דער, וועלכן דאָס ישובֿ האָט פאַרמאָגט פאַר דער מלחמה.

אַלץ איז דאָרט איצט שענער ווי פריִער: דער זאַל, די בינע, די ביבליאָטעק, וועלכע פאַרמאָגט איבער אַכט־הונדערט ייִדישע ביכער, דער לייען־זאַל. עס איז אַ מאָדערן קולטור־הויז, געשמאַקפול איינגעאָרדנט.

אָבער מער פון אַלץ האָט דאָרט מיך איבערראַשט — די לעבעדיקייט. שוין אין די קאָרידאָרן פונעם אַנ־סקי־פאַריין האָב איך דערפילט דעם וואַרעמען שטראָם פון היימיש ייִדיש לעבן. אין דער דאָזיקער וואַרעמקייט זענען צעשמאָלצן געוואָרן אַלע ציפערן און חשבונות, וועלכע האָבן מיך געמאַטערט אויפן וועג קיין אַמ־סטערדאַם.

„וויפל היימישע ייִדן זענען איבערגעבליבן?" — איך פרעג מער נישט די פראַגע.

דאָ איז נישט קיין פראַגע וועגן וויפל. צען וואַכעדיקע זעלנער זענען מער ווי טויזנט וואָס שלאָפן. אַזאַ מונטערע וואַכזאַמקייט האָב איך דערפילט די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב זיך געפונען אין אַנ־סקי־פאַריין אין אַמסטערדאַם.

און וואַכנדיקע זעלנער האָבן נאָך אויך די מעלה, וואָס אַ חוץ אַליין עפּעס טון, קענען זיי אויך אויפוועקן אַנדערע.

די פאָר וואַכע ייִדישע זעלנער אין אַמסטערדאַם האָבן, דאַכט זיך, דעם לעצטן מזרח־ייִד אין אַמסטערדאַם אויפגעוועקט. אַנדערש וואָלט גאָרנישט מעגלעך געווען אין אַזאַ קליין, פאַריתומט ישובֿ צו קענען צונויפברענגען אַ הונדערט־קעפּיקן ייִדישן עולם אויף אַ ייִדישער לעקציע, אויף אַ ייִדישן קאָנצערט, אויף אַ פאָרשטע־לונג פון דער אייגענער דראַמאַטישער טרופּע. ווען איך בין דאָרט אַ פאַרשוויצטער

געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָב איך געהאַט די טרייסט, אַז איך שטיי נישט אַליין. נאָך צענדליקער ייִדן זענען געשטאַנען ביי די ווענט, ווייל אַלע פּלעצער אין זאַל זענען שוין געווען פאַרנומען. צווישן אַזעלכע שטייענדיקע צוהערער שטייט זיך אויף דער פּלאַטפאָרמע גאָר אַנדערש.

מיר דאַכט זיך, אַז דער נס פונעם אַנ־סקי־פאַריין אין אַמסטערדאַם איז אַ גרעסערער, ווי דער נס פון דער „פּאָרטוגעזישער סינאַגאָגע". אין דער שול איז דער נס אַ שטיינערנער און אינעם אַנ־סקי־פאַריין — אַ לעבעדיקער.

אין דאַכאַו

אַ מילדער פרילינג־טאָג האָט מיך באַגלייט אויף דעם געפלאַסטערטן וועג מינכען־דאַכאַו. פאַר מײַנע אויגן איז אַנגעגאַנגען אַ פאַרבן־שפּיל פון בלוי, גרין און רויט: אַ בלויער הימל, וואָס האָט זיך אין דער ווייטקייט צונויפגעגאָסן מיט די טונקעלע בערג און רויטע שינדל־דעכער, וואָס האָבן ווי מאַן־קעפּלעך אַרויסגע־קוקט פון גרינע טאָלן. דאָמינירט האָט דער גרינער קאָליר, ווייל ער פאַרמאָגט דעם צויבער, וואָס די איבעריקע צוויי קאָלירן האָבן נישט פאַרמאָגט — דעם צוי־בער פון יוגנט. יענע האָבן אויף זיך געטראָגן דעם שימער פון אייביקייט, פון סאָלידקייט און זי, די גרינע קאָליר, איז געווען באַדעקט מיט דעם טוי פון ניי־געבוירענעם. די פרישע, ציטערדיקע גראָזן און די שמאָלע קוים־צעעפנטע קנאָספּן האָבן ווי שטיל געזונגען:

„היינט איז עס געשען. היינט האָבן מיר אָנגעהויבן בליִען״.

איך האָב זיך אַזוי פאַרקוקט אויפן פרילינג, אַז איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן וווּהין איך פאָר. באַלד האָב איך זיך געכאַפּט און אַליין געוואונדן אויסריידן: פרי־לינג... דאָס האָט ער דאָך פונקט אַזוי געשמייכלט און געזונגען מיט פינף און מיט זעקס און מיט זיבן יאָר צוריק — דעמאָלט, ווען אויף דעם וועג זענען גע־טריבן געוואָרן הונדערטער טויזנטער מענטשן קיין דאַכאַו. אין קאָפּ האָט זיך גע־נומען פּלאָנטערן אַ פאַראַפראַזירטע סטראָפע פון ביאַליקס „שחיטה שטאָט״: „דער פרילינג האָט געפרילינגט און דער שוחט האָט געשאָכטן״.

איצט נעם איך קוקן אויף דעם בליִענדיקן אַרום מיט אַנדערע אויגן — מיט די אויגן פון אַ ייד, וואָס פאָרט קיין דאַכאַו. איך זוך איבערן גאַנצן וועג סימנים פון דעם, וואָס דאָ איז געהאַט געשען, און באַלד דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך געפין זיי אין צעבליטן פרילינג. איך האָב דעם איינדרוק, אַז וואָס נענטער איך קום קיין דאַכאַו, אַלץ שענער ווערט דער פרילינג, אַלץ זאַפטיקער זעען אויס די

גראָזן און אַלץ ברייטער די קנאָספּן. דאָס איז זיכער דערפֿאַר, ווייל דאָ איז די ערד פֿעטער, דורכגעקנאָטן מיטן בלוט און מיט די לייבער פֿון די דאַכאַו־קרבנות. אויף אַזאַ ערד דאַרף דער פֿרילינג קומען פֿריִער ווי אַנדערשוווּ.

איך וואָלט זיך גאָרנישט געוווּנדערט, ווען איך וואָלט זיך דערוווּסט, אַז דער פּרייז פֿון די פֿעלדער אַרום דאַכאַו איז העכער ווי דער פּרייז פֿון דער ערד אין אַנדערע געגענטן. פֿאַרוואָס זאָלן די דייטשן, וועלכע האָבן ערד אין דער געגנט, נישט געניסן פֿון דעם, וואָס זייערע פֿעלדער זענען צוליב „געוויסע אומשטענדן" געוואָרן פֿרוכטבאַרער? — פֿאַר אַ זאַך וואָס איז געשטיגן אין ווערט, דאַרף מען נעמען מער געלט.

**
*

אונדזער אויטאָמאָביל דערנענטערט זיך צו אַ שטעטל, וואָס ווינקט צו אונדז פֿריינטלעך מיט זיינע גרינע לאָדנדלעך. דאָס איז דאַכאַו, אָבער נאָך נישט דער לאַגער. פֿון דאַנען דאַרף מען פֿאַרקערעווען לינקס און אין פֿאַרלויף פֿון געציילטע מינוטן איז מען „דאָרט". דאָ איז אַ פֿרידלעך דייטש שטעטל, וואָס די געמיטלעכקייט ליגט דערויף אויסגעשפּרייט, ווי עס ליגט אויסגעשפּרייט די ווייסע קאַץ אויף דער זוניקער שוועל פֿון דעם גרינעם ביר־שענק, דאָרט ביים שאָסיי.

אויפֿן בריקל, וואָס ליגט איבער אַ שמאָל, ראָמאַנטיש טייכל, צווישן גרינע ברעגן, באַגעגענען מיר דאַכאַוער דייטשן, מאַנכע פֿאָרן אויף ראָווערן און אַנדערע גייען צופֿוס. זיי איילן זיך נישט. איינער קען דעם צווייטן. דורכפֿאָרנדיק, באַגריסט מען זיך היימיש מיטן ביירישן „גרוס גאָט". אייניקע פֿאַרהאַלטן זיך אַ ביסל און פֿאַרפֿירן אַ שמועס: וועגן גאָרטן, וועגן די הינט, וועגן די קינדער, וועגן שכן וואָס פֿאָרט אַרבעטן קיין פֿראַנקרייך, וועגן דעם גלחס דרשה דעם לעצטן זונטיק. עס איז דאָ צייט, מען קען זיך פֿאַרגינען צו ריידן מיט אַ שכן. מען האָט נישט ווייט צו גיין אַ היים. אָט־דאָ באַלד ווױנט מען. און אפֿשר וועט מען פֿריִער אַריינגיין אין דעם שענק אויסטרינקען אַ קופֿעל ביר און הערן אַ ביסל נייעס?

איך האָב די מענטשן נאָכגעקוקט, האָב אויפֿגעכאַפּט שטיקלעך זאַצן פֿון זייערע שמועסן און די גאַנצע צייט האָט מיך געמאַטערט איין פֿראַגע: „וואָס האָבן די מענטשן געטון דעמאָלט, ווען יענער דאַכאַו האָט פֿונקציאָנירט? — האָבן זיי אויך אַזוי געלעבט ווי איצט? האָבן זיי געפֿירט די זעלבע גוט־שכנותדיקע שמועסן? האָבן זיי אויך דעמאָלט געפּלעגט זייערע גערטנדלעך? האָבן זיי געהאַט אויף די פֿענצטער די זעלבע בלומען־טעפּ און איבער די פֿענצטער די זעלבע גרינע לאָדנ־דלעך? — האָט דאָ געהערשט די זעלבע פֿרידלעכע געמיטלעכקייט, וואָס איצט?

„זיכער!" — הער איך אַן ענטפער.

דער ענטפער קומט פון מיין אַמעריקאַנער באַגלייטער, וועלכער געפינט זיך שוין אין מינכען העכער דריי יאָר, און וועלכער קען זייער גוט די גאַנצע געגנט. אַלץ איז דאָ אַזוי ווי עס איז געווען פריִער. רעדט מיטן ערשטן בעסטן דייטש פון דאַכאַו, און ער וועט עס אייך גאַנץ אויפריכטיק צוגעבן, נישט פילנדיק, אַז ער האָט דערמיט, חלילה, געזאָגט עפּעס שלעכטס אויף זיין שטעטל. דאָ האָט זיך גאָרנישט געענדערט; פאַרקערט, אויב יאָ אַן ענדערונג, איז עס צום ערגערן. דאָס שטעטל איז פריִער געווען לעבעדיקער ווי איצט, פריילעכער. אויך די דאַכאַוער דייטשן האָבן דאָך פאַרלוירן די מלחמה, אַזוי ווי די דייטשן פון אַנדערע דייטשע שטעט און שטעטלעך, און אַ חוץ דעם האָבן זיי דאָך אויך פאַרלוירן אַ סך איינקונפט. דער לאַגער איז געווען אַ גרויסער קוואַל פון הכנסה פאַר דעם שטעטל. אַהער זענען געקומען זיך „צעשטרייען" נאָך דער „אַרבעט" די הונדערטער אויפזעער און אַנגעשטעלטע פון לאַגער. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין שטעטל אַריין געלט און פריילעכקייט. דאָ האָבן זיי געטרונקען, דאָ האָבן זיי געזונגען זייערע סענטימענטאַלע לידער, און דאָ, מיט די היגע טעכטער, האָבן זיי געפירט זייערע ליבעס.

אָבער איך פאַרשפּאָר פון מיין אַמעריקאַנער צו הערן דעם ענטפער. דער גאַנצער אַרום דערציילט פון סאָלידקייט, פון איינגעזעסנקייט, פון המשך. די הייזקעס דאָ, מיט די גרינע לאָדנדלעך, האָט מען נישט געבויט נעכטן, די גערטנדלעך האָט מען נעכטן נישט פאַרפלאַנצט, און אַפילו דער בויך פון ביר־שענקער האָט נישט ערשט נאָכן קריג אָנגעהויבן וואַקסן. דער דאַכאַו האָט זיך געלעבט רויִק און געמיטלעך אונטערן שאָטן פון יענעם דאַכאַו.

ערשט דאָ, באַטראַכטנדיק דאָס געמיטלעכע שטעטעלע, קען מען ווי געהעריק אָפּשאַצן די קאָמישקייט פון דער טענה פון מאַנכע דייטשן, אַז זיי האָבן „נישט געוווּסט" וואָס עס קומט פאָר אין די לאַגערן. די גרינע לאָדנדלעך פון דעם דאַכאַו האָבן נישט באַמערקט די רויטע קרעמאַטאָריע־קוימענס פון יענעם דאַכאַו.

***

ענדלעך בין איך ביי „יענעם" דאַכאַו.

דער אויטאָמאָביל אונדזערער בלייבט שטיין ביים ברייטן טויער. אַרום און אַרום איז שטיל. איך האָב געוואָלט זאָגן „שטיל ווי אויף אַ בית־עולם", אָבער איך פיל, אַז דער אויסדרוק פאַסט זיך נישט אַהער. די שטילקייט איז אַן אַנדערע

ווי אויף אַ בית־עולם, אַ שווערערע, אַ קלעפּיקע, הגם דאָ איז זייער ציכטיק אַרום און אַרום. נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אַ באַרג־קבר פון טויזנטער קרבנות. דאָס האָבן די אַמעריקאַנער זעלנער צונויפגענומען די אומגעקומענע, וואָס זיי האָבן געפונען אין דאַכאַו און אויך אויף די אַרומיקע וועגן, און זיי דאָ מקבר געווען אויף אַ בערגל. אַ סך פון די דאָ־באַגראָבענע האָבן נאָך דערלעבט דעם מאָמענט פון באַפרייאונג. אָבער ווייטער לעבן האָבן זיי שוין נישט געקענט. זייערע מידע אויגן האָבן נאָך אַ שמייכל געטון צו דער פרייהייט און דאַן זיך פאַרמאַכט אויף אייביק. אַ ביסל ווייטער געפינען זיך נאָך צוויי גרעסערע פעלדער מיט קברים, אָבער אויך דאָרט איז די שטילקייט אַן אַנדערע ווי אויף אַ נאָרמאַלן בית־עולם.

אַן אַמעריקאַנער זעלנער קומט אַרויס און עפנט פאַר אונדז דעם טויער פון לאַגער. דורך דעם דאָזיקן טויער זענען אַריין איבער אַ מיליאָן מענטשן, וואָס פון זיי איז קיינער שוין מען קיין לעבעדיקער נישט אַרויס. דריי־פערטל פון זיי זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און קאַטאָרגע־אַרבעט, און אַ פערטל מיליאָן (געגוי: 238.000) זענען דערשאָסן, געהאַנגען, אָדער פאַרגאַזט געוואָרן.

דער ערשטער טייל פון לאַגער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גרויסשטאָטישער פאַבריק־געגנט. דאָ געפינען זיך ציגל, ווו עס האָבן זיך געפונען גוט־איינגעאָרדנטע וואַרשטאַטן. אינמיטן — שיינע הייזער מיט מאָדערן־איינגעריכטעטע וווינונגען. דאָ האָבן געוווינט אין לוקסוס די העכערע באַאַמטע פון לאַגער, דאָ זענען געלעגן טעפּיכער אויף די טרעפּן, דאָ זענען געשטאַנען בלומען־טעפּ אויף די פענצטער, און דאָ זענען געווען גערטנדלעך, ווו עס האָבן זיך געשפּילט קינדער. ערשט העט־העט ווייטער אַראָפּ־צו זעען זיך די נידעריקע באַראַקן, ווו עס האָבן זיך געפונען די „העפטלינגע" (די קאַצעטלער). דורך די טונקעלע פענצטערלעך קען מען נאָך באַמערקן די גרויע ברעטער פון די נאַקעטע נאַרעס. שטייענדיק ביי די באַראַקן, קען מען זען די וואַנט מיט די עלעקטרישע שטעכל־דראָטן און דעם קאַנאַל, וואָס פליסט פון אונטן. דאָס איז געווען פאַר די קאַצעטלער איין „אויסוועג" פון לאַגער, דער צווייטער האָט זיך געפונען אַ ביסל ווייטער, אָט דאָרט ווו עס ווייזט אַ שילד מיט אַ פייל: „קרעמאַטאָריום".

איך שטיי אויפן צענטראַלן עקזעקוציע־פּלאַץ פון דאַכאַו. די דייטשע מייסטער האָבן דאָ אַלע מאָרד־אַנשטאַלטן קאָנצענטרירט אויף איין אָרט. צוליב באַקוועמ־לעכקייט און מסתמא אויך צוליב האַרמאָניע. אָט איז אַ בערגל, ווו עס פלעגט אויס־געפירט ווערן עקזעקוציעס דורך שיסן; אָט איז אַ משונהדיק־ברייטער, נאַקעטער בוים מיט אַן אָפּגעשונדענער, גראָבער צווייג, וואָס שטאַרצט אַרויס ווי דער איינ־ציקער פאָדערשטער צאָן אין מויל פון אַ מכשפה. צופוסנס פון דעם בוים ליגט

אַ שטיין, אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן: „טויט דורך הענגען״. אַ פּאָר טריט ווייטער פון דער דאָזיקער תּליה (פאַראַן אויך אַ צווייטע נישט־פּאַטישע תּליה) שטאַרצן אַרויס די קוימענס פון די קרעמאַטאָריעס. צוויי קרעמאַטאָריעס שטייען איינע נעבן דער אַנדערער. די ערשטע, אַ קליינע מיט איין אויוון און די צווייטע — אַ פיל גרעסערע, מאָדערנער איינגעריכטעט און מיט צוויי אויוונס. די דאָזיקע געביידע האָט מען צוגעבויט אין די לעצטע יאָרן פון קריג. די דייטשע טעכניק איז געגאַנגען פאָרויס און דער דייטש איז געגאַנגען צוריק. אויף דעם דאָזיקן געקרייצטן וועג איז עס אַנטשטאַנען די נייע, מאָדערנע קרעמאַטאָריע און אויך די גאַז־קאַמער, וואָס געפינט זיך דאָ־אָ אויף דער לינקער זייט.

איך גיי אַריין אין דער גאַז־קאַמער. אויף דער אייזערנער טיר שטייט אויפ־געשריבן: „בראַוזעבאַד״ (שפּריץ). דאָס האָט דער דייטש נאָך דאָ, ביי דער טיר, אָפּגענאַרט זיינע קרבנות, איינריידנדיק זיי, אַז ער פירט זיי נעמען אַ שפּריץ. יעדן האָט מען אויך געגעבן אין האַנט אַריין אַ שטיקל זייף. אָבער נישט בלויז ביז דער שוועל; אויך אינעווייניק, אין דער גאַז־קאַמער, האָט מען נאָך די קרבנות געפּרוווט אָפּנאַרן. אָט זע איך פון דער סטעליע אַרויסשטאַרצן טונקעלע בלעכלעך, ענלעך צו די בלעכלעך פון וואַסער־שפּריצן. איך ריר־אָן מיט דער האַנט די בלעכלעך — זיי האָבן נישט קיין לעכלעך. זיי זענען טויט. דאָס האָט מען זיי אַנגעקלאַפּט אין דער הויך, כדי אָפּצונאַרן דאָס אויג. זאָל מען אויפן ערשטן בליק מיינען, אַז דורך די בלעכלעך וועט קומען וואַסער. און ווער ווייסט וויפל מענטשן עס האָבן געגלויבט? די דייטשע פּסיכאָלאָגן האָבן געוווסט: נישט אַזוי גיך פאַרלאָזט דעם מענטשן דער לעצטער פונק פון האָפענונג. ער גייט מיט אים אַמאָל מיט אַפילו איבער דער שוועל פון דער גאַז־קאַמער.

און אפשר איז עס נישט בלויז געווען די האָפענונג געראַטעוועט צו ווערן, ווי דער גלויבן אין מענטשן? די קרבנות האָבן פּשוט ביז דער לעצטער מינוט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איין מענטש איז פעיִק צו שיקן אַ צווייטן מענטשן אין אַ גאַז־קאַמער.

אַרויסגייענדיק פון דער גאַז־קאַמער, שטויס איך זיך ווידער אָן אויף דעם גרינעם קאָליר פון פרילינג, עס גרינט אַרום און אַרום. פון אַלע זייטן זע איך פרישע גראָז, גרינע שפּראָצונגען אויף די ביימער. בלויז דער תּליה־בוים איז אַן אויסנאַם. ער איז נאַקעט. פאַרשאָלטן.

איך ווער געוווּיר, אַז די אַלע גרינע דעקאָראַציעס זענען נישט ערשט באַשאַפן געוואָרן נאָך דער באַפרייאונג. דאָס האָט דער דייטש אַזוי אַרומגעצירט מיט גרינס דעם עקזעקוציע־פּלאַץ. דאָס איז אַ טייל פון דער דייטשער „אָרדענונג״, פון דייטשן

סטיל: אַ גערטנדל מיט אַ גאַז־קאַמער פּאָרן זיך, פּונקט ווי עס פּאַרט זיך קינדער־מאָרד מיט אַ סענטימענטאַל ליד וועגן היימאַט און נאַכטיגאַל.

און דאָך קענט איר נישט שלום מאַכן מיט דער דאַזיקער צונויפּפּאָרונג. עס זעט אייך אויס ווילד. איינס פון דיביידע מוז דאָ זיין אַ ליגן. אָדער דער גרינער פּרילינג, אָדער די גרויע גאַז־קאַמער. אָבער ניין, די גאַז־קאַמער איז זיכער נישט קיין ליגן. אָט פאַלט אייער אויג אויף אַ שטיין, אויף וועלכן עס געפינט זיך אַזאַ אויפשריפט אין ענגליש:

„דאָס איז אמת. לאָמיר זען, אַז דאָס זאָל שוין קיינמאָל מער נישט געשען".

דאָס האָבן די זיגערישע אַליאירטע דעם דאַזיקן שטיין דאָ אַוועקגעלייגט, ווי אַ דערמאָנונג און מאָנונג פאַר אַלע דורות, וואָס וועלן קומען. דעם זעלבן צוועק דאַרף אויך דינען דער מאָנומענט, וואָס שטייט דאָ אין מיטן עקזעקוציע־פּלאַץ און וועלכער איז פייערלעך אַנטהילט געוואָרן דעם 30סטן אַפּריל 1950 — צום פינפטן יאָר־טאָג פון דער ליקווידאַציע פון דאַכאַו — אַ פיגור פון אַ קאַצעטלער, איינגעפלאָנטערט אין שטעכל־דראָט.

אָבער כדי דער דאַזיקע צוועק זאָל דערגרייכט ווערן, טאָרן די דאַזיקע ווערטער נישט בלייבן בלויז דאָ אויפן שטיין. זיי דאַרפן אַריבער פון דעם לאַגער־דאַכאַו אין שטעטל דאַכאַו, און פון דאָרט איבער די אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון דייטשלאַנד, און נישט בלויז פון דייטשלאַנד.

ליידער, האָב איך אין דרויסן די ווערטער נישט באַגעגנט. אין דרויסן האָט מען שוין לאַנג אויפגעהערט ריידן פון „יענעם" דאַכאַו. אַנשטאָט דעם, האָב איך, אַרויספאָרנדיק פון לאַגער, באַגעגנט אַן אַמעריקאַנער זעלנער געאָרעמט מיט אַ דייטש מיידל. „ווער וועט וועמען איבערדערציִען?" — האָב איך געטראַכט.

מיר האָבן גיך אַדורכגעשניטן דאָס שטעטל דאַכאַו און שווייגנדיק אַריינגעפאָרן קיין מינכען.

שטאָקהאָלם

פאַראַן עטלעכע לענדער אין אייראָפּע, וואָס האָבן געהאַט דאָס זעלטענע גליק נישט אַריינגעצויגן צו ווערן אין די לעצטע צוויי וועלט־מלחמות. אָבער אין קיינעם פון זיי פילט זיך נישט אַזוי אין דער לופט דער וווּנדערלעכער אַראָמאַט פון שלום, ווי אין שוועדן.

יאָ, שוועדן שמעקט מיט פרידן. איר דערפילט דעם געשמאַק באַלד ווי איר באַטרעט די ערד פון דעם דאָזיקן גליקלעכן צפון־לאַנד. איר דערפילט אים נאָך מער, גייענדיק איבער די ליכטיקע און ציכטיקע גאַסן פון שוועדנס הויפּט־שטאָט שטאָקהאָלם. יעדער שטיין און יעדער בלומען־טאָפּ זינגט אייך, דאַכט זיך, אַנטקעגן:

„מיר האָבן, גאָט צו דאַנקען, שוין הונדערט און פופציק יאָר קיין קריג נישט געפירט".

און שוועדן איז גראָד אַמאָל געווען זייער אַ קריגעריש לאַנד, דאָס קריגע־רישסטע אין אייראָפּע. די שוועדישע קריגס־העלדן האָבן איינגענומען אַ סך פרעמ־דע שטעט און לענדער, אָבער די שוועדן האָבן זיך באַצייטנס אַרומגעזען, אַז נישט שלאָגן זיך איז אַפילו נאָך בעסער ווי צו זיגן. דעם דאָזיקן אמת האָב איך אַראָפּ־געלייענט פון אַלע גאַסן און אַלע פּנימער, וועלכע איך האָב געזען אויף מיין ערשטן שפּאַציר איבער שטאָקהאָלם:

„זאָלן אַנדערע זיגן, מיר פאַרגינען זיי".

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נישט געווען שוועדנס פאַרדינסט, וואָס זי האָט נישט געזיגט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה. האָבן דאָך אירע צוויי סקאַנדינאַ־ווישע ברידער, נאָרוועגן און דענעמאַרק, דעם זיג נישט אויסגעמיטן, הגם זיי האָבן, פּונקט ווי שוועדן, געוואָלט בלייבן פון דרויסן פון דער מלחמה און אויך פון זיג. דאָס האָט היטלער זיי מיט געוואַלד אַריינגעצויגן. אָבער וועמענס פאַר־דינסט דאָס זאָל נישט האָבן געווען — שוועדן האָט קיין מלחמה נישט געהאַט, האָט נישט פאַרשפּילט און נישט געזיגט, און זי ווייסט ווי גוט דאָס איז.

***

אויב מען וויל באַלד ביים אָנקומען דערזען דעם ספּעציפישן חן פון שטאָקהאָלם, זאָל מען אויף איר צום ערשטן מאָל קוקן, אָדער פון דער הויך, אָדער פון וואַסער. איך האָב זי צום ערשטן מאָל דערזען דורכן פענצטערל פון עראָפּלאַן און גערדאַכט האָט זיך מיר, ווי פון טונקל־בלויע וואַסערן טויכט אויף אַ ווייסער מאַרמאָרנער פּאַלאַץ.

שטאָקהאָלם, פּונקט ווי ווענעדיק און אַמסטערדאַם, איז אַ וואַסער־שטאָט. נאָך פון די אַלטע צייטן טראָגט זי דעם נאָמען „די שטאָט אונטער די בריקן". די נאַ־טירלעכע דעקאָראַציע סיי פאַר די אַלטע קעניגלעכע פּאַלאַצן און סיי פאַר דעם מאָדערנעם פּרעכטיקן בנין פון שטאָקהאָלמער שטאָט־פאַרוואַלטונג איז — וואַסער. פון איין זייט טראָגן זיך די שוימיקע כוואַליעס פון באַלטישן ים, פון דער צווייטער זייט שפּיגלט זיך די מעלאַר־אָזערע און פון גאַנצן אַרום ווינקען די טויזנט אינדזלען מיט גרינע גאָרטלען אַרומגענומען. אָבער דער אונטערשייד צווישן שטאָקהאָלם און די אַנדערע וואַסער־שטעט ליגט נישט נאָר אין אירע גאַסן, פּאַרקן און קלימאַט, נאָר אויך אין כאַראַקטער פון אירע וואַסערן. אין שטאָקהאָלם זענען די וואַסערן נישט רויק. נישט נאָר זעט איר כסדר וואַסער, נאָר איר הערט עס. דאָס געזאַנג פון פרידן, וואָס טראָגט זיך איבער דער שטאָט, איז דורכגע־פלאָכטן מיטן אייביקן גערויש פון אירע וואַסערן.

דער הימל איבער שטאָקהאָלם איז זייער אָפט גרוי. די שוועדן ווייצלען זיך, אַז אין זייער לאַנד איז ניין מאָנאַטן אין יאָר ווינטער און די איבעריקע דריי מאָנאַטן איז — קאַלט. און אַזוי ווי עס איז דער קאָליר פון הימל, איז דאָך אויך דער קאָליר פון די וואַסערן אונטער אים. נעמען דעריבער די שוועדן אַן אַלע מיטלען כדי אויף אַ קינסטלעכן אופן צו דעקן זייער קאָליר־דעפיציט. די שוועדישע שטעט און דערפער זענען באַדעקט מיט ווייסע און גרינע קאָלירן. אַ העלקייט און ליכטיקייט שלאָגט פון יעדן הויז, פון יעדן שפּיל־פּלאַץ. די שוועדן זאָגן: „די זון וויל אונדז נישט געבן קיין ליכט, וועלן מיר אַליין באַשאַפן ליכט". שוועדן קאָנ־קורירט אין עלעקטרישע ליכט אַפילו מיט אַמעריקע. זי שפּאַנט איין אירע גרויע וואַסערן אין איר גרויסער ליכט־פּראָדוקציע. אָבער אויך בייטאָג איז זייער ליכטיק אין שוועדן. אַפילו די גרויסע, מאָדערנע ווינן־הייזער זעען אויס העל, ליכטיק. זייער מאַסיווקייט וואַרפט זיך אינגאַנצן נישט אין די אויגן. די שוועדישע אַרכי־טעקטן זאָרגן נישט ווייניקער פאַר דער אויסערלעכער ליכטיקייט פון די נייע געביידעס, ווי פאַר דער אינערלעכער. מאַנכע נייע שטאָקהאָלמער געביידעס מיט

זייערע ווייסע גראַציעזע באַלקאָנען זעען אויס ווי זיי וואָלטן געווען געמאַכט פון ווייסן טיול.

און דערנאָך קומט דער גרינער קאָליר, וואָס שימערט כּסדר פאַר די אויגן. שטאָקהאָלם איז פּונקט ווי מיט וואַסער אויך באַדעקט מיט גערטנער, וואָס האָבן נאָך דערצו אייגענע געשלענגלטע וואַסערלעך און וועלכע פאַרמאָגן אי די שיינקייט פון גוט־געפּלעגטע פּאַרקן און אין דעם חן פוןווילדן וואַלד, וואָס קיין מענטש־לעכע האַנט האָט זיך צו אים נאָך נישט צוגערירט. אויך פיל גאַסן זענען פאַר־פלאַנצט מיט ביימער, אָבער די שטאָקהאָלמער באַנוגענען זיך נישט מיט דעם. זייער דערפאַרונג פון צפון־מענטשן לערנט זיי, אַז אויף דער נאַטור טאָר מען זיך נישט צופיל פאַרלאָזן. פלאַנצן זיי אַלערליי ביימער און בלומען אין היל־צערנע קעסטלעך און אין טעפּ און שטעלן זיי אַרויס אין די גאַסן. פון דער ווייטנס דאַכט זיך דיר, אַז די אַלע זעלטענע ביימער און בלומען וואַקסן אַרויס פון דער ערד, אָבער ווען דו קומסט צו נענטער, זעסטו, אַז „די מאַמע ערד" זיצט זיך דאָ אין אַ קעסטל אַזוי, אַז טאָמער, חלילה, זאָל דער הימל איר וועלן שלעכטס טון, וועלן אירע קינדער זי גיך אַריינגעמען אין דער וואַרעמער שטוב אַריין.

אָבער צו דער העלקייט און ליכטיקייט פון שוועדן טראָגט אויך אַ סך צו דער אויסזען פון אירע איינוווינער. גייענדיק איבער דער לעבהאַפטער קונגסגאַטאַן (קעניג־גאַס) אין שטאָקהאָלם, האָב איך מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן אָבסערווירט די ליכטיקע קעפּ פון די שלאַנקע שוועדישע מענער און פרויען און זייערע העלע, אָפענע פּנימער. נישט אומזיסט איז היטלער געווען אַזוי אין כּעס, פאַרוואָס די שוועדן זענען וויניק באַגייסטערט פאַר דער ראַסן־טעאָריע. ווער־ווער, אָבער זיי, דער ריינסטער טיפּ פון דער נאָרדישער ראַסע, האָבן דאָך געדאַרפט אָננעמען זיין תּורה. דאָס האָט ער דאָך זיי געוואָלט אויפהייבן צו דער ראָל פון דער „הערן־ראַסע". אָבער אַפילו אין די קריטישסטע צייטן, ווען היטלער איז געווען אויפן העכסטן שפּיץ פון זיין גדולה, האָבן די דאָזיקע נאָרדישע מענער און פרויען זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און אַנטשלאָסן געענטפערט:

— מוחל!

איידער צו זיין אַ פאָלק פון הערן, האָבן די שוועדן אויסגעקליבן צו זיין אַ פאָלק פון מענטשן. און נישט צו פאַרזינדיקן: זיי האָבן נישט קיין גרונט צו באַ־דויערן. די שוועדן זענען אין דער גליקלעכער לאַגע צו וויסן, אַז נישט נאָר איז גוט צו זיין אַ מענטש, נאָר עס לוינט אויך צו זיין אַ מענטש.

קוקט זיך טאַקע גאָר אַנדערש אויף אַ בלאָנדן דייטש. דאָרטן, אין דייטשלאַנד,

קענסטו אָנטרעפן אָפּטמאָל אויף אַ בלאָנדער בעסטיע און דאָ ווייסטו, אַז דו קוקסט אויף אַ בלאָנדן מענטשן.

***

אָבער די שוועדן זענען ווייניקער שטאָלץ מיט זייערע ליכטיקע שטעט און גרינע נאַטור־ווינקלען, ווי מיט זייער הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד.

אַ שטאָקהאָלמער איינוווינער האָט זיך פֿאַר מיר באַרימט, אַז די אַרבעטער פֿון שטאָקהאָלם לעבט זיך נישט ערגער ווי די אַרבעטער פֿון ניו־יאָרק. בלויז צוויי זאַכן האָבן זיי נישט, וואָס די ניו־יאָרקער האָבן יאָ: האַרץ־אַטאַקעס און מיסט אויף די גאַסן.

אין דער דאָזיקער באַרימערײַ איז דאָ, אויב נישט גאַנצע הונדערט — נײַנציק פּראָצענט אמת. דער שוועדישער אַרבעטער און באַזונדערס דער שטאָקהאָלמער לעבט נישט ערגער ווי זײַן קאָלעגע אין ניו־יאָרק. אַמבעסטן קען מען דאָס זען, ווען מען באַקענט זיך מיט דעם בודזשעט פֿון אַן אַרבעטער־פֿאַמיליע. אין דורכ־שניט גיט אַ קוואַליפֿיצירטער אַרבעטער, אַזוי אויך אַ נידעריקער באַאַמטער אין שטאָקהאָלם אויס בלויז 32 פּראָצענט פֿון זײַן פֿאַרדינסט אויף עסן, 21 פּראָצענט אויף וווינונג, 10 פּראָצענט אויף קליידער און שיך, איבערלאָזנדיק מער ווי אַ דריטל פֿון זײַן לוין אויף פֿאַרווײַלונג, מעדיצין און אָפּשפּאָרונגען. דאָס איז מער־ווייניקער דער זעלבער בודזשעט וואָס פֿון אַ בעסער־באַצאָלטן אַרבעטער אין אַמעריקע. אין אַלע אַנדערע לענדער פֿון מערב־אייראָפּע (וועגן די מזרח־אייראָ־פּעיִשע „פֿאָלקס־דעמאָקראַטיעס״ רעדן מיר שוין נישט), פֿאַרנעמט אין אַרבעטער־בודזשעט די פּאָזיציע פֿון עסן מער ווי 50 פּראָצענט. אין פֿראַנקרײַך דערגייט אַפֿילו די שפּייז־פּאָזיציע אין די בודזשעטן פֿון אַ סך קאַטעגאָריעס אינדוסטריע־אַרבעטער ביז 80 פּראָצענט. דערפֿאַר איז דאָרט די פּאָזיציע פֿון דירה־געלט אַ נישטיקע צוליב דער איינפֿאַכער אורזאַך, וואָס אויך די דירה אַליין איז אַ נישטיקע. שוועדן איז דאָס איינציקע „אַמעריקאַנישע״ לאַנד אין אייראָפּע אין הינזיכט פֿון לעבנס־סטאַנדאַרד. איר דאַרפֿט נישט ערשט אַרײַנקוקן אין בודזשעט־ביכל פֿון די שוועדישע באַלעבאָסטעס כדי דאָס צו וויסן (אַ סך שוועדישע הויז־פֿרויען, ווי „מוסטערהאַפֿטע באַלעבאָסטעס״ האָבן אַ געוווינהייט אַלע אויסגאַבן גענוי און פּינקטלעך צו פֿאַרשרײַבן). איר קענט דאָס לייכט אָראָפּלייענען פֿון די פּנימער און פֿון די קליידער פֿון די אַרבעטער און פֿון זייערע קינדער, וואָס איר טרעפֿט אין גאַס. מען זעט גוט אויס און מען איז אויך גוט אָנגעטאָן. מען דערלויבט זיך

צו קויפן בלומען און נישט זעלטן אויך אַ בוך. מען פֿאַרט אָפּט אַרויס אויף אויס־פלוגן און מען זשאַלעוועט נישט קיין געלט אויף ספּאָרט־מכשירים.

אמת, וואָס שייך וווינונגען איז דער שטאָקהאָלמער אַרבעטער אָפּגעשטאַנען פון ניו־יאָרק. אַ דריטל פון אַלע וווינונגען אין שטאָקהאָלם באַשטייען פון צוויי־צימערדיקע, דאָס הייסט, איין צימער מיט אַ קיך. מען קען אָבער נישט זאָגן, אַז מען וווינט אין שטאָקהאָלם ענג. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס די שטאָקהאָלמער פֿאַמי־ליעס זענען געוויינלעך קליינע, מיט איינס אָדער העכסטנס צוויי קינדער. דעם איינציקן דעפיציט, וואָס שטאָקהאָלם האָט, איז אַ געבורטס־דעפיציט. ווען נישט דאָס וואָס לעצטנס וואַנדערן אַריין קיין שטאָקהאָלם מער מענטשן פון דער פּראָ־ווינץ, וואָלט די צאָל באַפעלקערונג אין שוועדנס הויפּט־שטאָט זיך פֿאַרקלענערט. אַזוי פירט זיך שוין אויף דער וועלט: עס האָבן אַ סך קינדער גראָד די פעלקער וואָס קענען זיך דערויף אַמווייניקסטן דערלויבן.

דערצו נאָך האָט דאָס דרייפערטל מיליאָניקע שטאָקהאָלם צוויי־און־זעכציק טויזנט פרויען מער ווי מענער. איז אַז מען לעבט אַליין, איז נישט ענג אין צוויי צימערן, און אויב יאָ, איז עס אַזאַ ענגשאַפט, וואָס מיט נאָך אַ צימער אָדער צוויי וואָלט זי נישט פֿאַרשווונדן, פֿאַרקערט, אין מער ליידיקע צימערן קען אַן איינ־זאַמער מענטש זיך אַמאָל פילן נאָך ענגער.

אויך אין דער צאָל אויטאָמאָבילן איז שטאָקהאָלם, פֿאַרשטייט זיך, אָפּגעשטאַנען פון ניו־יאָרק. אָבער דערפון האָט דער שטאָקהאָלמער אַרבעטער אַמווייניקסטן עגמת־נפש. ער יאָגט זיך נישט. אים איז פולשטענדיק גענוג זיין ראָווער. ער באַנוצט אים נישט אַזוי אויף אָנצוקומען פריִער, ווי צוליב ספּאָרט. ער האָט צייט, דער שוועד. עס ברענט נישט. עס איז נישט די פילאָסאָפיע פון פוילקייט פון די מזרח־ און דרום־מענטשן. עס איז נישט דער שלעפעריקער „מאַניאַנאַ" (מאָרגן וועט מען באַווייזן) פון דעם לאַטיין־אַמעריקאַנער. עס איז גיכער די זיכער־קייט פון דעם ענערגישן, אָבער רויקן צפון מענטש, אַז ער וועט דאָס זייניקע באַ־ווייזן צו טון אָן יאָגן זיך, אָן פיבער. דער ספּאָרט האָט אים אויסגעלערנט ווי צו באַהערשן זיינע פיזישע באַוועגונגען און אויך ווי צו באַהערשן זיינע נערוון. ער דאַרף נישט כאַפּן. ער קען רויִק נעמען.

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַפילו די נייע אונטערגרונט־באַן (סאָבוויי) בויט איצט שטאָקהאָלם נישט צוליב דעם מען זאָל גיכער אָנקומען, ווי צוליב ווילטיק: זאָל זיך אַרומדרייען אין דער הויפּט־שטאָט אַ „סאָבוויי". אַ לאַנד, וואָס האָט 150 יאָר נישט געפירט קיין קריג, קען זיך אויך דאָס דערלויבן.

אגב, איז שטאָקהאָלם די איינציקע פון אַלע שטעט און לענדער, וואָס איך

האָב זייט דעם אויסברוך פון דער מלחמה באַזוכט, אין אַמעריקע, אַזיע און אייראָ־פּע, ווו איך האָב געטראָפן בויען אַן אונטערערד־באַן. נאָך מער ווי אַלע אַנדערע שטיינער פון שטאָט האָבן די שטיינער פון שטאָקהאָלמער „סאָבוויי״ מיר אַנטקעגנ־געזונגען די בשורה, אַז שוועדן האָט שוין לאַנג קיין מלחמה נישט געפירט.

די שטאָקהאָלמער לויפן נישט צום „סאָבוויי״, זיי כאַפּן נישט קיין „סאָבוויי״, נאָר גייען צום „סאָבוויי״ און נעמען דעם „סאָבוויי״.

די איינציקע זאַך וואָס די שטאָקהאָלמער, פּונקט ווי אַלע ווייערע לאַנדסלייט, כאַפּן יאָ, איז די זון.

אַז אין איינעם אַ טאָג גיט אַ קום אַרויס די זון, לויפט מען אַרויס פון אַלע זייטן זי כאַפּן. אַפילו דער רויִקער שוועד מיט זיינע געזונטע נערוון קען זיך דאָ נישט באַהערשן. זי באַווייזט זיך דאָ אַזוי זעלטן אין דעם דאָזיקן ליכטיקן לאַנד.

אָבער אין דער ליכטיקייט פון שוועדן איז נישט בלויז שולדיק דער שלום, נאָר אויך די באַטירלעכע רייכקייט פון לאַנד און — די שוועדישע סאָציאַליסטן. וועגן זיי און אויך וועגן די ייִדן אין שוועדן — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

צווישן ייִדן און ניט־ייִדן אין שוועדן

עס איז אַ מערקווירדיקע זאַך: די שוועדן, וועלכע געהערן צו די ציווילי־זירטסטע פעלקער פון אייראָפּע, זענען אייגנטלעך וואַלד־מענטשן.

זיי לעבן מיטן וואַלד און זיי לעבן פון וואַלד: דריי־פערטל פון דער שוועדישער ערד (גענוי: 65,7 פּראָצענט) איז באַדעקט מיט וועלדער און בלויז איבער עלף פּראָצענט מיט פּאַרם־לאַנד. די דאָזיקע וועלדער צוזאַמען מיט די רייכע גרובנס פון אייזן און אויך פון גאָלד, זילבער, קופּער און צינק האָבן פאַרוואַנדלט דאָס דאָזיקע קליינע זיבן־מיליאָניקע לאַנד אין אַ הויך־אַנטוויקלטער אינדוסטריע־לער מלוכה, וואָס פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אויף די וועלט־מערק.

די שוועדן האָבן אָבער נישט אויף זיך דעם שטעמפּל פון בלייכקייט, וואָס די אינדוסטריאַליזאַציע לייגט אַרויף. דער שוועדישער אַרבעטער איז געבליבן אַ נאַטור־מענטש. דער ליאַרעם פון דער מאָדערנער מאַשין איז נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרטרייבן פון זיינע אויערן דאָס רוישן פון שוועדנס אומענדלעכע וועל־דער און דאָס מורמלען פון אירע ברייטע וואַסערן.

דער שוועדישער מענטש איז פריינטלעך צו פרעמדע. ער האָט ליב געזעל־שאַפט, אָבער — ער קען אויך שווייגן. שוועדנס נאַטור און שוועדנס קלימאַט האָבן דערצו מיט געווירקט. דער צפון־מענטש, וואָס פראָסט און וואַלד שליסן אים אָפּ אויף לאַנגע מאָנאַטן פון דער דרויסנדיקער וועלט, האָט געמוזט זיך אויסלערנען זיין אַליין מיט זיך, מיט די אייגענע געדאַנקען.

זיכער דערפאַר, וואָס דער שוועד איז אַזוי אָפט אָפּגעשניטן פון קאַלטן דרויסן, לייגט ער אַריין אַזוי פיל מי און ליבע אין שענער מאַכן זיין אייגענע היים. עס איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון דער שוועדישער שפּראַך, וואָס זי פאַרמאָגט מער ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן, ווערטער אויף צו באַצייכענען דעם באַגריף „היים“.

דאָס וואָרט „היים" זאָגט דער שוועד אַרויס מיט גרויס צערטלעכקייט. אָבער דאָס מיינט נישט דווקא פאַמיליע. אין שוועדן לעבן הונדערטער טויזנטער מענטשן אַליין, אָן פאַמיליעס. פאַראַן דאָרט מער ווי אין אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער זעלבסטשטענדיקע פרויען, וואָס וווינען באַזונדער. פאַראַן אויך אַ היפּשע צאָל מענער, וואָס האָבן נישט חתונה. שוועדן האָט דערפאַר זייער אַ גרויסע צאָל אַזוי־גערופענע „אומלעגאַלע" קינדער (עס דערגייט אין די גרויסער שטעט ביז 15 פּראָצענט פון דער צאָל געבורטן), אָבער צי מען וווינט מיט אַ פאַמיליע, צי מען וווינט אַליין — די היים איז טייער און מען שענקט איר די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. אין ערגעץ האָב איך אין פּריוואַטע היימען נישט געזען אַזוי פיל בלומען, ווי אין שוועדן. נישט נאָר זעט מען בלומען אויף די פענצטער, אויף די באַלקאָנען, אויף די טישן און אין די ווינקלען, נאָר אויך אויף די ווענט. פון בלומען־טעפּ לאָזן זיך אַרויס איבער די ווענט גרינע „אייביקע וואַנדערער".

אין שטוב האָט מען פאַרן שאַרפן קלימאַט נישט קיין מורא. אַהער וועט ער מיט זיין קאַלטן אָטעם די בלומען נישט נאָכיאָגן. דאָ איז וואַרעם, ליכטיק און געמיטלעך. וואָס קעלטער עס איז אין דרויסן, אַלץ וואַרעמער איז אינעווייניק. דער שוועד קען זייער גוט די קונסט פון שיצן זיך קעגן דרויסנדיקער פינצטערניש און קעלט.

***

דאָס האָט דער שוועד אויך באַוויזן אין די שרעקלעכע יאָרן, ווען דרויסן, ביי די טירן פון שוועדן, האָט געבושעוועט די קעלט און די פינצטערניש, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד.

קעגן היטלערס שווערד און באָמבעס וואָלט, פאַרשטייט זיך, די קליינע שוועדן נישט געקענט זיך שיצן, און וואָלט היטלער אויך זי באַפאַלן, וואָלט שטאָקהאָלם געווען באַפלעקט געוואָרן מיט דעם האַקן־קרייץ, פונקט ווי עס זענען באַפלעקט געוואָרן קאָפּענהאַגען און אַמסטערדאַם, בריסעל און פאַריז.

אָבער נישט ווייניק גבורה האָט שוועדן אַרויסגעוויזן אין שיצן זיך קעגן דעם נאַציסטישן גיפט, וואָס האָט געשטראָמט פון דייטשלאַנד.

אויך דאָ איז די געפאַר געווען געוואַלדיק גרויס. עס איז פאַר היטלערן געווען אַן „ערן־פראַגע" צו געווינען אויף זיין זייט דאָס דאָזיקע שטאָלצע נאָרדישע פאָלק. ער האָט שוועדן פאַרפלייצט מיט נאַצי־ליטעראַטור און מיט נאַצי־אַגענטן. ער האָט זיך באַמיט איבערצוקויפן און טעראָריזירן שוואַכע און אָפּגעשראָקענע באַאַמ־

טע. אָבער אין קיין שום שכנותדיק לאַנד האָט די ראַסיסטישע און אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע פון היטלערן זיך נישט אַזוי ווייניק אָנגענומען ווי אין שוועדן.

אין שוועדן איז געווען פאַר דעם קריג אַ קליינע, ראַכיטישע נאַצי־פּאַרטיי, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון היטלערס פינפטן קאָלום. אָבער זי האָט זיך געשטיקט אין שוועדן. די לופט איז דאָרט געווען פאַר איר צו ריין, זי זאָל זיין אימשטאַנד צו אָטעמען.

דעם ערשטן אָרט אין באַשיצן די ריינע לופט פון שוועדן האָבן פאַרנומען די שוועדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע שטייען אין פאַרלויף פון צוויי צענדליק יאָר אין דער שפּיץ פון דער שוועדישער רעגירונג.

דער קאַלטער באָדן פון שוועדן האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גאַנץ פרייַנטלעך צו די סאָציאַליסטישע קערנדלעך, וואָס עטלעכע פּיאָנערן האָבן מיט העכער פינף צענדליק יאָרן צוריק פאַרזייט. אין שוועדן האָט זיך צעבליט אַן אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז היינט צו טאָג, נעבן דער ענגלישער, די שענסטע און איינפלוסרייכסטע אין אייראָפּע. אין אַ לאַנד, וואָס האָט נישט קיין גאַנצע זיבן מיליאָן איינוווינער, פאַרמאָגט די לאַנד־אָרגאַניזאַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אַ מיליאָן מיט 300 טויזנט מיטגלידער.

פּאַקטיש זענען 98 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער פון שוועדן אָרגאַניזירט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

נעבן דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פאַרמאָגן די שוועדישע אַרבעטער אַן אומגעהייער רייכע קאָאָפּעראַטיווע־באַוועגונג, וועלכע ציילט אַ קנאַפּן מיליאָן מיטגלידער. אין יעדן שטעטל און אַפילו דערפל פון שוועדן וועט איר געפינען שיינע געשעפטן, וועלכע געהערן צו די קאָאָפּעראַטיוון. אין שטאָקהאָלם איז דאָס שענסטע דעפּאַרטאַמענט־געשעפט פון שטאָט דאָס אייגנטום פון די קאָאָפּעראַטיוון. פּונקט מיט אַזאַ ברייטן פאַרנעם ווי די קאָאָפּעראַטיוון פאַרקויפן פּראָדוקטן בויען זיי אויך הייזער פאַר די מיטגלידער.

אָבער דאָס גרעסטע פאַרמעגן פון דער שוועדישער אַרבעטער־באַוועגונג איז — איר נשמה.

די שוועדישע אַרבעטער־באַוועגונג איז נישט אומפּאַרטייאיש, זי איז סאָציאַליסטיש. די שוועדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זענען פאַרבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די שוועדישע אַרבעטער זענען באַצייטנס דערגאַנגען דעם סוד, אַז כדי צו קעמפן פאַר בעסערע לוינען דאַרף מען אויך קעמפן פאַר אַ בעסערער וועלט.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין שוועדן ציילט היינט צו טאָג צוזאַמען

מיט איר יוגנט־פֿאַרבאַנד אין פּרוויען־אָרגאַניזאַציע — אַ קנאַפּן מיליאָן מיטגלידער, און זי איז די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט. נאָך איר איז די שטאַרקסטע פּאַרטיי די פֿאָלקס־פּאַרטיי, און ערשט ביים סאַמע סוף קומען די קאָמוניסטן, מיט זייער האַלבן טוץ דעפּוטאַטן.

האָבן טאַקע די שוועדישע סאָציאַליסטן (וועלכע שטייען אין דער שפּיץ סיי פֿון דער שוועדישער רעגירונג און סיי פֿון דער שטאָקהאָלמער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג) אַרויפֿגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דעם גאַנצן לעבן אין לאַנד. שוועדן פֿאַרמאָגט די מאָדערנסטע סאָציאַלע געזעצגעבונג מיט שוץ קעגן אַלערליי חולאתן, ווי אַר־בעטסלאָזיקייט, קראַנקהייט, אַרבעט־אומפֿעיִקייט אד״גל. אויך די שוועדישע מוטער־און קינדער־שוץ מעג דינען אַלס מוסטער אַפֿילו פֿאַר אַמעריקע. אין שוועדן לויַנט אַפֿילו געבוירן צו ווערן אַלס „אומלעגאַל״ קינד.

די שוועדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז שטענדיק געווען אַ מעסיקע, אָן אויסערלעכן רעוואָלוציאָנערן ברען און פֿלאַמיקן פּאַטאָס. דאָ האָט זיכער גע־שפּילט אַ ראָל דער געצוימטער טעמפּעראַמענט פֿון צפֿון־מענטש, וועלכער קען גיין צו זיין ציל רויִק און שוויַגנדיק, נישט שפּרינגענדיק אין די הימלען און נישט פֿאַלנדיק אין די אָפּגרונטן.

אָבער נישט קיין קליינע ראָלע האָט דאָ אויך געשפּילט דער דעמאָקראַטישער כאַראַקטער פֿון שוועדישן פֿאָלק און אַפֿילו פֿון דער מאָנאַרכיע. דעם שוועדישן קעניג, פּונקט ווי דעם ענגלישן, האָט מען אויף קיין באַריקאַדן נישט געדאַרפֿט באַקעמפֿן, ווייל ער האָט סיי־ווי קיינעם נישט געשטערט.

אָבער עס האָט זיך געפֿאָדערט אַ שטאַרקער ווילן און עקשנות, כדי צו טראָגן דעם אידעאַל פֿון סאָציאַליזם איבער די וועלדער און אונטער די בריקן פֿון שוועדן, און דאָס האָבן געטון די סאָציאַליסטישע פּיאָנערן מיטן באַרימטן בראַנטינג אָן דער שפּיץ, וועלכער איז געווען דער ערשטער סאָציאַליסטישער פּרעמיער־מיניס־טער פֿון שוועדן. אַ ספּעציעלע עקשנות האָט זיך דערצו געפֿאָדערט אין די פֿאַר־פֿעסטעטע יאָרן פֿון פֿאַרן קריג און אין די פֿינצטערע יאָרן פֿון דער מלחמה, ווען יעדן טאָג און יעדע שעה האָבן די שוועדישע סאָציאַליסטן זיך געריכט אויפֿן אַרייַנ־מאַרש פֿון די דייטשן.

דערביי האָבן זיי געוווסט, אַז די ליסטע מיט אַלע זייערע נעמען ליגט שוין אַ גרייטע אין דער דייטשער געזאַנדשאַפֿט אין שוועדן.

איינער פֿון די סאָציאַליסטישע פֿירער, וואָס איז אין די מלחמה־יאָרן מיט אַ באַזונדערער דרייסטקייט אַרויסגעטראָטן אין קאַמף קעגן די גרויזאַמקייטן פֿון די נאַציס און אין שוץ פֿון די נאַצי־קרבנות, איז געווען צעטה הייגלונד — דער מוח

פון דער שוועדישער אַרבעטער־באַוועגונג און אויך דער פינאַנץ־מיניסטער פון דער סאָציאַליסטישער שטאַט־רעגירונג אין שטאָקהאָלם.

זיינע שאַרפע טעגלעכע לייט־אַרטיקלען קעגן נאַציזם אין דעם סאָציאַליסטישן צענטראַל־אָרגאַן „סאָציאַל־דעמאָקראַטען" האָבן אַרויסגערופן דעם צאָרן פון היט־לערן. דער דייטשער געזאַנדטער אין שטאָקהאָלם איז אַוועק צו דער שוועדישער רעגירונג מיט אַ פאָדערונג אָפּצושטעלן די „גרויל־פּראָפּאַגאַנדע" קעגן דייטשלאַנד אין שוועדן. די קאָאַליציע־רעגירונג האָט זיך דערשראָקן פאַר היטלערן און זיך געווענדט צו הייגלונדן, ער זאָל שרייבן אַ ביסל מילדער. ער האָט אָבער זיך דער־פון אָפּגעזאָגט, אויסקלייבנדיק בעסער אינגאַנצן אַרויסצוטרעטן פון רעדאַקציע.

און, פאַרשטייט זיך, אַז אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון האַס און עקל צו היטלערן און צו זיין תורה, און פון ליבע און מיטגעפיל צו זיינע קרבנות האָבן אונדזערע ייִדן, וועלכע זענען דורך פאַרשיידענע וועגן געקומען קיין שוועדן, געהאַט אַ מעגלעכקייט, צום ערשטן מאָל נאָך אַ סך יאָרן, פריי אָפּצואָטעמען. און אפשר צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן דערפילט דעם טעם פון זיין אין אַ „גויאיש" לאַנד אַ מענטש מיט אַלע מענטשן צוגלייך.

דערפאַר האָב איך זיך נישט געוווּנדערט, ווען איך האָב געזען, ווי ייִדן זענען ממש באַגייסטערט פאַר שוועדן און דאָס נישט דווקא די אַלט־געזעסענע, נאָר אויך (און אפשר מער) די ניי־געקומענע — די ייִדן פון פוילן און ליטע.

איך צווייפל שטאַרק, צי אַפילו צווישן די שוועדישע „גוים" וועט מען געפינען אַזעלכע הייסע שוועדישע פּאַטריאָטן, ווי צווישן אונדזערע ייִדן. ערשטנס, קענען די שוועדישע גוים בכלל נישט זיין אַזוי הייס ווי אונדזערער אַ ייִד; קיין קאַלטע לונג־און־לעבערס זענען זיי טאַקע נישט, אָבער פון קאָכן זיך זענען זיי זייער ווייט. ביי זיי איז רעכט אַפילו וועגן אַזאַ וואַרעמער טעמע, ווי שוועדן, צו ריידן קאַלט און דערצו בלויז מיטן מויל; בעת אַ ייִד פון אונדזערע ייִדן רעדט וועגן שוועדן אויך מיטן מויל, אָבער דער עיקר — מיט די הענט און מיטן האַרץ. צווייטנס, זענען די שוועדן גאָרנישט אימשטאַנד אַזוי אָפּצושאַצן די פרייהייט און מענטשלעכקייט פון זייער אייגן לאַנד, ווי די פרעמדע ייִדן, ביי וועלכע עס ליגט נאָך פריש אין די ביינער דער טעם פון „פרייהייט" און „מענטשלעכקייט" אין רוסלאַנד, אין פוילן און אויך אין די דייטשע לאַגערן. נאָר זיי קענען ווי געהעריק פאַרגלייכן דעם „דאָ" מיטן „דאָרט", און דאָס מאַכט זיי פאַר בעסערע שוועדישע פּאַטריאָטן פון די שוועדן.

**
*

„אַ מענטש מיט מענטשן צו גלייך" — אין דעם דאָזיקן קורצן זאַץ איז אייגנט־לעך אויסגעדריקט אַלץ, וואָס עס פילן אונדזערע ייִדן אין שוועדן. זיי פילן דאָס אויף אַלע געביטן פון עפנטלעכן און פּריוואַטן לעבן: אַזוי אין די אָפיציעלע אַמטן, ווי אויף דער גאַס; אַזוי אין הויז, צווישן די שכנים, ווי אין דער פאַבריק.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז מער פון אַלץ האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינ־דרוק די גלייכהייט, פון וועלכער עס געניסן אונדזערע ייִדן אין דער שוועדישער פאַבריק; ווייל אַלע אַנדערע גלייכע רעכט האָבן אַ גאַנץ צווייפלהאַפטן ווערט, ווען זיי גייען נישט צוזאַמען מיט גלייכע רעכט אויף אַרבעט. איך האָב זיך אַן איבעריק מאָל דערין איבערצייגט אין פראַנקרייך און באַזונדערס אין בעלגיע, און אין דער שווייץ. די פּראָבלעם „אַרבעטס־רעכט", וואָס מאַטערט אַזוי שטאַרק טויזנטער היימ־לאָזע ייִדן אין די מערסטע מערב־אייראָפּעיִשע לענדער, עקסיסטירט אינגאַנצן נישט אין שוועדן. יעדער פרעמדער אַרבעטער, וואָס קומט קיין שוועדן, געניסט פון פּונקט די זעלבע רעכט אויף אַרבעט, און אויך פון די זעלבע געזעצן פון סאָציאַלער שוץ, ווי דער שוועדישער אַרבעטער.

אויך אין דער הינזיכט איז שוועדן דאָס איינציקע „אַמעריקאַניזירטע" לאַנד אין אייראָפּע.

מאַנכע געראַטעוועטע ייִדן, וועלכע האָבן די לעצטע יאָרן געאַרבעט אין שוועדן און פון דאָרט עמיגרירט קיין אַמעריקע, גייען אַפילו נאָך ווייטער. זיי פאַרזיכערן, אַז אויף די שוועדישע אַרבעטס־פּלעצער האָבן זיי זיך די ערשטע צייט, אַלס נײַ־געקומענע, בעסער געפילט ווי זיי פילן זיך די ערשטע צייט אַלס „גרינע" אין די שעפּער אין אַמעריקע. דאָרט איז די גלייכהייט געווען אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. פון ערשטן טאָג אָן, ווי זיי זענען אַריינגעקומען אין דער פאַבריק אין שוועדן, האָבן זיי באַקומען די זעלבע לוינען און אויך די זעלבע באַהאַנדלונג וואָס דער שוועדישער אַרבעטער. אין ניו־יאָרק, אָבער, איז אַנדערש. די באַציִונג איז נישט קיין שלעכטע, זי איז אָבער נישט די זעלבע וואָס צו די אַמעריקאַנער אַרבע־טער. אַמאָל איז זי געמישט מיט אַ ביסל רחמנות, אַמאָל מיט גרינגשעצונג, אָבער מערסטנס מיטביידע צוזאַמען.

„אַ גרינער..."

און גאָרנישט זעלטן דריקט זיך דער אונטערשייד אויך שטאַרק אויס אין די לוינען.

עס לייגט זיך פּשוט נישט אויפן שכל, נישט פון די אַרבעטס־געבער און נישט פון די אַרבעטער, אַז אַ „גרינער" זאָל פאַרדינען אַזויפיל ווי אַן אַמעריקאַנער.

אין שוועדן, אָבער איז אוממעגלעך, אַז אַ „גרינער" זאָל פאַר דער זעלבער אַרבעט באַקומען אַ קלענערן לוין. דאָס וואָלט נאָר געקענט געשען אין אַ נישט־יוניאָן פאַבריק, אָבער אַזאַ פאַרזעעניש איז אין שוועדן אינגאַנצן נישטאָ. אַלע אַר־בעטס־פלעצער, אָן אויסנאַם, זענען אָרגאַניזירט. פאַר דער שוועדישער אַרבעטער־באַוועגונג, פּונקט ווי פאַר דער אַמעריקאַנישער טרעיד־יוניאָן־באַוועגונג, איז, פאַרשטייט זיך, די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן אַלע אַרבעטער אין לאַנד, אָן אונטער־שייד צי זיי זענען פרעמדע, אָדער אייגענע, פריִער פון אַלץ אַ פראַגע פון זעלבסט־שוץ. אַז דער פרעמדער אַרבעטער וועט אויך זיין אָרגאַניזירט, און באַקומען אַ מענטשלעכן לוין פאַר זיין אַרבעט, וועט ער נישט דאַרפן זיין קיין לוין־דריקער, און דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אייגענע אַרבעטער וועט נישט פאַלן.

אָבער אין דער באַציִונג פון די שוועדישע אַרבעטער צו די פרעמדע שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע, אַ חוץ די דאָזיקע פּראַקטישע מאָטיוון, אויך ריין־מענטשלעכע, הומאַניטאַרע מאָטיוון. דער שוועדישער אַרבעטער האַלט, אַז אַ פרעמדער, היימלאָ־זער מענטש, וואָס האָט זיך דערשלאָגן קיין שוועדן און וויל דאָ פאַרדינען ערלעך זיין ברויט, איז באַרעכטיקט נישט צו זיין מער פרעמד און היימלאָז. ער פאַרדינט באַהאַנדלט צו ווערן אין שוועדן ווי אַן אייגענער.

איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, וואָס עס זענען אין אַמעריקע פאַראַן ניי־אָרי־בערגעקומענע פון שוועדן, וועלכע פילן זיך אַנטוישט אין אַמעריקע און בענקען נאָך אייראָפּע. דאָס איז אַ בענקשאַפט נאָך דעם איינציקן „אַמעריקאַנישן" לאַנד אין אייראָפּע — נאָך שוועדן.

ערשט נאָכדעם ווי איך בין געווען אין שוועדן, האָב איך פאַרשטאַנען די דאָזיקע בענקשאַפט.

***

די צאָל ייִדן אין שוועדן איז זייער אַ קליינע — אַרום־און־אַרום קוים אַ דרייצן טויזנט. זי באַשטייט פון דריי פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, וועלכע מען וואָלט געקענט איינטיילן אויף אַן ענלעכן אופן ווי יענע אַקטיאָרן פאַר־פאַלק האָבן איינגעטיילט זייערע קינדער:

„דיינע, מיינע און אונדזערע".

„דיינע ייִדן" וואָלט איך אָנגערופן יענע שוועדישע בירגער פון „מאָזאַישן" גלויבן, וועלכע וווינען אין שוועדן זינט דורות און וואָס זייער ייִדישקייט איז פּונקט אַזוי גרויס, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פּונקט אַזוי קליין, ווי די ייִדישקייט פון אַלע אַנדערע אַסימילירטע רעפאָרם־ייִדן. אַ חוץ אַ שיינעם טעמפּל האָבן זיי אויך אַ מין

קהילה („מאָזאַיסטאַ פאַרזאַמלונג״, רופט זי זיך), וועלכע האָט ספּעציעל אין די לעצטע יאָרן, זינט עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ייִדן פון די לאַגערן, גענומען אַרויסווייזן אַ גרעסערן אינטערעס צו ייִדישע ענינים, סיי אויפן געביט פון הילף פאַר ייִדישע צוועקן, סיי אויפן געביט פון דערציִונג און קולטור, באַמיִענדיק זיך צו באַקענען די ייִדישע קינדער מיט אַ ביסל רעליגיעזער ייִדישקייט און אויך איינצואָרדענען פון צייט צו צייט אַ ייִדישן קאָנצערט. אַזעלכע ייִדן זענען פאַראַן אַרום זעקס טויזנט.

„מיינע ייִדן״ וואָלט איך אָנגערופן די היימישע ייִדן, פוילישע און ליטווישע, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון די געטאָס און לאַגערן. אַזעלכע זענען געווען אַרום עלף טויזנט, די מערסטע פון זיי געבראַכטע אין די לעצטע מאָנאַטן פון קריג דורך דעם גראַף בערנאַדאָט. פון זיי האָבן איבער ניין טויזנט שוין אויסגעוואַנדערט, דער עיקר קיין ישראל און אין די אַמעריקעס, אַזוי אַז אין לאַנד זענען איבערגע־בליבן אַן אַנדערטהאַלבן טויזנט.

אָבער פאַראַן נאָך אַ קאַטעגאָריע, וועלכע מען קען אָנרופן „אונדזערע ייִדן״. דאָס זענען אַ פינף טויזנט ייִדן פון מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער און אויך פון דייטש־לאַנד, וועלכע האָבן איינגעוואַנדערט קיין שוועדן אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. פיל פון זיי פאַרנעמען אין לאַנד אָנגעזעענע פּאָזיציעס, צוגלייך מיט די אַלט־געזעסענע שוועדישע ייִדן, און געהערן, פאַרשטייט זיך, אויך צו די „מאָזאַאיסקאַ פאַרזאַמלונגען״. טייל פון זיי זענען אויך שוועדישע בירגער, ווייל אויך אין דער הינזיכט פון געבן בירגערשאַפט איז שוועדן כמעט אַמעריקאַניזירט. דאָ קען מען ווערן אַ בירגער נאָכן אָפּזיין אין לאַנד זיבן יאָר. די דאָזיקע איינגעזעסענע ייִדן פאַרנעמען אַ באַזונדער אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער אַנטיקן־בראַנזשע. די שענסטע געשעפטן פון אַנטיקן אין שטאָקהאָלם זענען ייִדישע. די אייגנטימער פון די געשעפטן זענען אַמאָל אין דער היים געווען שניידערס און שוסטערס. מען האָט אַליין הויך אַ שפּאַן געטון אויף דעם לעבנס־לייטער, אָבער נאָך אויף אַ העכערן שטאַפּל האָט מען, ווי עס פירט זיך ביי אונדז, אַרויפגעשטופּט די קינדער.

דער חורבן אונדזערער האָט שטאַרק דערנענטערט „דיינע, מיינע און אונ־דזערע״ ייִדן אין שוועדן. די איינגעזעסענע ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך ברידער־לעכן מיטגעפיל צו די אומגליקלעכע היימלאָזע ייִדן, ספּעציעל אין די ערשטע צייטן. אָבער די גרעסטע איבערראַשונג פאַר די ניי־געקומענע איז נישט געווען די באַציִונג צו זיי פון די שוועדישע ייִדן, נאָר די באַציִונג צו זיי פון דער שוועדי־שער רעגירונג און פון דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג. די געקומענע, וואָס זענען אין זייער גרעסטער מערהייט יונגע ייִדישע פרויען פון די נאַצי־לאַגערן,

זענען לאַנגע חדשים פּאַקטיש געווען די געסט פון דער שוועדישער רגירונג. זיי זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין האָטעלן און אין סאַנאַטאָריעס אויפן רעכענונג פון דער מלוכה. זיי האָבן גענאָסן פריי פון דער בעסטער מעדיצינישער הילף און פון דער האַרציקסטער אויפמערקזאַמקייט און הילף פון די שוועדן. דער דורכ־שניטלעכער שוועד האָט געפילט, אַז ער, וואָס האָט אין די מלחמה־יאָרן געלעבט מיט זיין פאַמיליע רויִק אין זיין פרידלעכן לאַנד, איז שולדיק אַ חוב די היימ־לאָזע יידן.

און ער האָט אַלץ געטון, אַז זיי זאָלן אין שוועדן מער די היימלאָזיקייט נישט פילן.

אָבער נישט קוקנדיק אויף דער דאָזיקער פריינטלעכער באַציִונג מצד זייערע שכנים, פילן זיך די יידן אין שוועדן נישט אַזוי רויִק. זיי שרעקן זיך פאַר די שוועדישע שכנימס שכן — פאַר סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס קוקט אַהער דורך די געדיכטע פינלענדישע וועלדער...

זשענעווע

פון קאַלטן שוועדן פירט מיין וועג צו דער וואַרעמער שווייצאַריע.

אָבער ניין, גיכער וואָלט דאָ געפּאַסט צו זאָגן: פון וואַרעמען שוועדן צו דער קאַלטער שווייצאַריע.

ווייל אין שווייצאַריע פילט איצט אַ ייִד מער די קעלט, ווי אין שוועדן, ספּעציעל נאָך אַ הימלאָזער ייִד, וואָס קומט אין לאַנד אַריין נישט מיט קיין טשעקביכל, נאָר מיט אַ פּאָר הענט, וואָס ווילן אַרבעטן.

דאָס קאַלטע שוועדן שטרעקט אַזאַ ייִדן אויס אַ וואַרעמע האַנט; דאַקעגן די וואַרעמע שווייצאַריע באַגעגנט אים מיט אַ קאַלטן בליק פון אַן אַנטוישטן קעלנער פון אַ רייכן רעסטאָראַן, וואָס אַן אָרעמער גאַסט האָט ביי אים באַשטעלט אַ מילכיקן סענדוויטש.

דער צופאַל, וואָס איך האָב באַזוכט שווייצאַריע באַלד נאָך מיין באַזוך אין שוועדן, האָט מיך כסדר געצוווּנגען צו מאַכן פאַרגלייכן צווישן די צוויי לענדער און עס איז נישט מיין שולד, וואָס פון די דאָזיקע פאַרגלייכן איז שווייצאַריע אַרויסגעקומען קעלטער.

אייגנטלעך איז פאַראַן אַ שטאַרקע ענלעכקייט צווישן שווייצאַריע און שוועדן.

ביידע זענען קליינע לענדער מיט אַ גרויסער קולטור און מיט אַן איינגעפונדעוועטער דעמאָקראַטישער אָרדענונג; ביידע זענען ריין און ציכטיק, פול מיט נאַטירלעכן חן און אויך מיט אַ חן, וואָס די ציוויליזאַציע האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, און ביידע זענען געבליבן געשוינט סיי פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און סיי פון דער צווייטער.

אַן ענלעכקייט איז אויך פאַראַן צווישן די צוויי וויכטיקסטע שטעט פון די ביידע לענדער: שטאָקהאָלם און זשענעווע: ביידע זענען שטעט מיט וואַרעמקייט און

אינטימקייט פון אַ קליינער שטאָט און מיט דעם פּאַרנעם און גלאַנץ פון אַ גרוי־סער שטאָט.

דאָס איז נאָך מער ריכטיק וועגן זשענעווע, הגם לויט דער צאָל באַפעלקערונג (ווייט נאָך פון הונדערט־און־פופציק טויזנט) איז זי אַפילו נישט קיין פערטל די גרויס ווי שטאָקהאָלם. זי פאַרמאָגט אָבער די ברייטקייט און דעם שווונג פון אַ רעזידענץ־שטאָט, וואָס אַלע הויפּט־וועגן פון דער וועלט פירן צו איר. איר פילט דעם דאָזיקן וועלט־פּאַרנעם אויף זשענעוועס לופט־פלעצער און וואָקזאַלן, אויף אירע עפנטלעכע, אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, אויף אירע גרויסע האָטעלן, אויף אירע רחבותדיקע פּאַרקן, און אַפילו אויף איר בלויער אָזערע, איבער וועל־כער עס וואַכט דער דענקמאָל פון איר באַרימטן זון זשאַן זשאַק רוסאָ.

זשענעווע איז די איינציקע קליינע שטאָט אין אייראָפּע, וואָס האָט באַוויזן, אַז מען דאַרף גאָרנישט זיין גרויס, כדי צו זיין גרויס־שטאָטיש.

שפּאַצירנדיק איבער זשענעוועס שיינע גאַסן און סקווערן, אונטערן אָנבליק פון שווייצאַריעס מאַיעסטעטישע בערג און מויערן פון וועלט־אָרגאַניזאַציעס, צווישן צעדער־ביימער און לוקסוס־מאַגאַזינען, האָט איר דאָס אָנגענעמע געפיל, אַז איר געפינט זיך אין צענטער פון דער גרויסער וועלט און אַז גלייכצייטיק זענט איר אין אַ געמיטלעך שטעטל, וווּ איין שכן קען דעם צווייטן און וווּ אינמיטן טאָג קען מען זיך אַהיימגיין צופוס אויף מיטיק.

אַמשטאַרקסטן דערשפּירט איר דעם וועלט־כאַראַקטער פון זשענעווע, ווען איר שטייט אויף די ברייטע שטיינערנע טרעפּ פון דעם נייעם פּאַלאַץ פון פעלקער־בונד, וווּ עס געפינט זיך איצט די אייראָפּעיִשע צענטראַלע פון דער „יו־ען".

דער מאַסיווער, ברייטער בנין, וועלכער איז ערשט פּאַרטיק געוואָרן האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געבויט אין דער פאָרעם פון אַ „חית". ער שטייט איבער אַ שטילן גרינעם טאָל אין דעם וווּנדערלעכן אַריאַנאַ־פּאַרק, און־טערן שאָטן פון די הויכע שווייצאַרישע בערג מיטן מאָן־בלאַן אין דער מיט.

דאָס איז אַ זעלטענע באַגעגעניש פון צווי מעכטיקע, שטיינערנע מאָנומענטן, איינער אויסגעבויט פון דער נאַטור אַליין און באַדעקט מיט אייביקן שניי, אין דער צווייטער — אויסגעבויט פון מענטשלעכע הענט און באַדעקט מיטן ווייס־בלויען שימער פון מענטשלעכן חלום וועגן פרידן.

אין דער פייערלעכער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט איבערן גאַנצן אָרום, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, ווי איך הער דעם עכאָ פון וואָרט אייביק.

דאָס וואָרט איז ווי געקומען פון ביידע זייטן. דער מאָן־בלאַן מיט זיין שניי־ווייסן קאָפּ האָט שטאָלץ געוווּנקען:

„איך בין אייביק".

און מיט נישט ווייניקער שטאָלץ האָט אָפּגעענטפערט די ווייסע געביידע פון אַנטקעגנאיבער:

„אויך איך בין אייביק".

איך, דאָס הויז פון מענטשלעכן פרידנס־חלום.

אַזוי לאַנג ווי דער מענטש וועט גיין אויף צוויי פיס און וועט זיין אימשטאַנד אויפצוהייבן די אויגן צום הימל, אַזוי לאַנג וועט ער נישט אויפהערן צו זען אין חלום זיינע שווערדן איבערגעשמידטע אין אַקער־אייזנס.

און גראָד אין צייטן, ווען עס דוכט זיך אויס, אַז מען האָט דעם מענטשלעכן פרידנס־חלום שוין אָפּגעטויט, זעט מען פּלוצלינג, ווי ער שטייט ווייטער אויף פון דער ערד און נעמט קלעטערן העכער און העכער.

טאַקע די נייע געביידע פון דער פעלקער־ליגע אין זשענעווע איז דער בעסטער עדות ווי אַזוי דער פרידנס־חלום באַקומט טויט־קלעפּ און ווי אַזוי ער שטייט ווידער אויף.

אין דערזעלבער צייט, ווען די פעלקער האָבן געבויט דעם דאָזיקן נייעם הערלעכן שלום־פּאַלאַץ, האָבן אין פאַרשיידענע פּונקטן פון דער וועלט פעלקער געשאָכטן איינע די צווייטע אין לאָקאַלע מלחמות און מלחמהלעך, און ווען דער דאַך פון שלום־פּאַלאַץ איז פאַרטיק געוואָרן, איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און אַלעמען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט אויף אייביק אומגעשליידערט די נייע פרידנס־געביידע צוזאַמען מיט דעם מענטשלעכן פרידנס־חלום.

אָבער אַט זענען אַ פּאָר יאָר אַוועק און — דאָ זיצן שוין ווידער מענטשן און פּלאַנעווען אָפּצושאַפן מלחמות. זיי זיצן איצט דאָ נישט מער אַלס מיטגלידער און באַאַמטע פון דעם חרובֿן פעלקער־בונד, נאָר פון דער ניי־אַנטשטאַנענער פאַר־אייניקטער פעלקער־אָרגאַניזאַציע, דער „יו־ען". איר וועלט־צענטראַלע איז נישט אין זשענעווע, נאָר אין ניו־יאָרק, און דאָ איז בלויז איר אייראָפּעיִשע אָפּטיילונג — אָבער וואָסער נאָמען איר זאָלט דער געביידע נישט געבן — אין אירע ווענט וועבט זיך ווייטער דערזעלבער, אייביקער חלום וועגן פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון מענטש מיט מענטש און ער האָט דאָס רעכט, דער חלום, זיך צו פאַרמעסטן אין אייביקייט און אין הויכקייט אַפילו מיטן מאָן־בלאַן.

***

אָבער וואָס מער איר קוקט זיך צו צו שווייצאַריע, אַלץ שטאַרקער ווערט ביי אייך דער איינדרוק, אַז די גאַנצע שיינקייט פון אַרום, סיי די שיינקייט פון שוויי־

צאַריעס נאַטור, סיי פון איר ציוויליזאַציע און סיי אַפילו די שיינקייט פון אירע חלומות זענען אין דער ערשטער ריי באַשאַפן געוואָרן נישט פאַר די אָרטיקע איינ־וווינער, נאָר פאַר די אויסלענדישע געסט.

דאָס איז אייגנטלעך דער גרויסער אונטערשייד צווישן שוועדן און שווייצאַריע. די ערשטע אַרבעט מער פאַרן אייגענעם געברויך און די צווייטע — פאַר עקספּאָרט.

שווייצאַריע, איבערהויפּט אירע דייטשע קאַנטאָנען, האָט אין מיינע אויגן שטענדיק אויסגעזען ווי אַ גרויסער, ערשט־קלאַסיקער האָטעל, וואָס האָט אָנגע־גרייט פאַר זיינע געסט די געשמאַקסטע שפּייזן. די שענסטע נאַטור־אַטראַקציעס און דעם פריינטלעכסטן שמייכל.

דאָס מיינט נישט, אַז די שווייצאַרער אַליין זענען גלייכגילטיק צו די שיינקייטן פון זייער לאַנד. די מייסטע רעסטאָראַן־אייגנטימער האָבן געוויינלעך אַליין ליב גוט אָפּצועסן, און די מייסטע באַלעבאַטים פון זומער־האָטעלן זענען באַגייסטערט פון די בלומען, וואָס וואַקסן ביי זיי אין גאָרטן און לאַכן שטאַרק פון די וויצן וואָס זייערע „פּאַרוויילער" דערציילן. אָבער סיי ביים צונויפשטעלן דעם מעניו, סיי ביים דינגען אַקטיאָרן האָבן האָטעל־אייגנטימער געוויינלעך אין זינען דעם געשמאַק פון זייערע געסט.

די שווייצאַריער נוצן אַליין די זייגערלעך, וואָס זיי אַרבעטן אויס. פּונקט ווי זיי נוצן די אייגענע בערג און קולטור־איינריכטונגען. דאָס לעצטע איז באַזונדערס ריכטיק וועגן זשענעווע, וועלכע איז פון שטענדיק אָן געווען אַ צענטער פון פראַנ־צויזישער קולטור, וואָס נאָר פּאַריז האָט אים איבערגעשטיגן. אָבער קוקנדיק אויף די גלייכגילטיקע, גרויע פּנימער פון די שווייצאַריער, דאַכט זיך אייך, אַז זייערע זייגערס גייען פאַר די אויסלענדער און זייערע בערג שטייען פאַר די אויסלענדער.

מיין איינדרוק איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט די פרעמדן־געזעצן פון שווייצאַריע.

איך בין געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס לאַנד, וואָס קען זיין אַזוי פריינטלעך צו פרעמדע געסט, קען גלייכצייטיק זיין האַרט ווי שטיין צו די פרעמדע, וואָס קומען נישט אַלס געסט.

צום לויב פון דער שווייצאַרישער רעגירונג און פון אַ גרויסער צאָל פון אירע בירגער, מוז מען זאָגן, אַז אין די קריגס־יאָרן האָבן זיי געהאָלפן טויזנטער יידישע היימלאָזע, וועלכע זענען געלאָפן פון פראַנקרייך, בעלגיע, לוקסעמבורג, און אַפילו פון פּוילן. די שווייצאַרישע רעגירונג האָט אַריינגעלאָזט נאָר אַזעלכע יידן, וואָס האָבן געהאַט קינדער ביז זעקס יאָר אַלט. נישט איין טראַגישע געשיכטע האָב איך געהערט, ווי יידישע טאַטעס און מאַמעס האָבן וואָכן־לאַנג געלערנט זייערע יונגע

קינדער, זיי זאָלן ביי דער גרענעץ זאָגן, אַז זיי זענען יינגער פון זעקס יאָר און ווי די שווייצאַרישע גרענעץ־באַאַמטע האָבן דורך פאַרשיידענע קונציקע מיטלען און ראַפינירטע אויספאָרשונגען אַרויסגעקראָגן ביי אַ סך „פאַרדעכטיקע״ יידישע קינדער דעם אמת, אַז זיי זענען עלטער פון זעקס יאָר און דאַן זיי צוזאַמען מיט זייערע פאַרצווייפלטע טאַטעס און מאַמעס צוריקטרייבן פון דער גרענעץ צו אַ זיכערן טויט.

אָבער וויפל ווייטיק און צאָרן די דאָזיקע שוידערלעכע געשיכטעס זאָלן ביי אונדז נישט אַרויסרופן, טאָרן מיר פונדעסטוועגן נישט זען בלויז די טויזנטער יידישע קינדער און עלטערן, וועלכע זענען פון דער שווייצאַרישער גרענעץ צוריק־געטריבן געוואָרן, נאָר מיר דאַרפן אויך זען די יידישע קינדער און עלטערן, וואָס זענען נישט צוריקגעטריבן געוואָרן, נאָר אַריינגעלאָזט געוואָרן אין דער פרידלע־כער שווייצאַריע און האָבן דאָרט געפונען שוץ און זיכערקייט. געווען שווייצאַרישע מענטשן, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן כדי אַריינצושמוגלען אין לאַנד אַזעלכע יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין רעכט (לויטן שווייצאַרישן געזעץ) געראַטעוועט צו ווערן. מאַנכע פון די דאָזיקע שווייצאַריער, מיינסטנס זענען דאָס געווען סאָציאַליסטן און גייסטלעכע, האָט די געשטאַפּאָ געכאַפּט ביי דער גרענעץ און זיי פאַרפייניקט.

אָבער אַפילו די יידן וואָס האָבן שוין יאָ געהאַט אַ רעכט געראַטעוועט צו ווערן, האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו אַרבעטן. זיי האָבן געדאַרפט אויסגעהאַלטן ווערן פון אויסלאַנד.

„דו האָסט ביי אונדז אַ רעכט צו לעבן, אָבער נישט צו פאַרדינען אויף צו לעבן״.

אויף דעם דאָזיקן „פּרינציפּ״ איז געבויט דאָס איצטיקע שווייצאַרישע פרעמדן־געזעץ, וואָס איז שטרענגער צו היימלאָזע מענטשן, ווי די פרעמדן־געזעצן פון אַלע איבעריקע אייראָפּעישע לענדער, וועלכע איך האָב באַזוכט.

דאָס שטימט אייגנטלעך מיט דעם אייגנטלעכן כאַראַקטער פון דעם שווייצאַ־רישן אַזיל־רעכט, פאַר פּאָליטיש־פאַרפאָלגטע, וואָס האָט דאָס דאָזיקע מאָלערישע טוריסטן־לאַנד פאַרוואַנדלט אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אַ צענטער פון פּאָליטישע עמיגראַנטן.

אין שווייצאַריע זענען געווען די לאַבאָראַטאָריעס און קלובן, ווו עס זענען אויסגעאַרבעט און דיסקוטירט געוואָרן די פּראָגראַמען און פּלענער פון די פאַר־שיידענע סאָציאַליסטישע און נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פון מזרח־אייראָפּע. אין די שווייצאַרישע אוניווערסיטעט־זאַלן, ביבליאָטעקן און סטודענטן־

קיכן האָט מען צוגעגרייט דעם אויפּרייס־שטאָף, וואָס האָט געדאַרפט צעשמעטערן די ווענט פון דער אַלטער וועלט און מאַכן פּלאַץ פאַר אַ נייער. אַ — ווי עס האָט זיך אויסגעדוכט — שענערער.

דער בירגער פון אַ בערן אָדער זשענעווע האָט זיך נישט געמישט. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ טאָלעראַנץ און אַפילו סימפּאַטיע צו די פרעמדע פּאַרשוינען מיט די צעשויבערטע האָר און שוואַרצע העמדלעך, וועלכע טראַכטן אַזוי ווייניק וועגן זיך און אַזוי פיל וועגן אַנדערע. איין זאַך, אָבער, האָט ער געוווּסט, און דאָס איז געווען דער הויפּט־קוואַל פון זיין טאָלעראַנץ: וועגן זיין שווייצאַריע, גאָט צו דאַנ־קען, טראַכטן זיי נישט. די אַלע פּראָגראַמען און אויפּרייס־שטאָפן ווערן צוגעגרייט פאַר פרעמדע לענדער, וואָס ליגן ווייט פון דער שווייצאַרישער גרענעץ. איז, זאָלן זיי. ער וועט זיי נישט שטערן. זאָלן זיי נאָר נישט אַריבערטראָגן זייערע דיסקוסיעס אויף די שטילע גאַסן נאָך 10 אַזייגער אויף דער נאַכט, ווען סאָלידע מענטשן שלאָפן שוין.

דאָס איז דער אמתער כאַראַקטער פון דער שווייצאַרישער אַזיל־רעכט — אַן אַזיל־רעכט, וואָס עס גיט אַ האָטעל־אייגנטימער צו זיינע געסט. איר מעגט טון אין אייער צימער וואָס איר ווילט, אויב נאָר איר שטערט נישט די רו פון די אַנדערע איינוווינער פון האָטעל און אויב — פאַרשטייט זיך — איר באַצאָלט פּינקטלעך דעם רעכענונג.

***

אויך די וויכטיקסטע יידישע אידייען און פּראָגראַמען האָבן געהאַט זייערע לאַבאָראַטאָריעס און דיסקוסיע־קלובן אין שווייצאַריע. פון דאַנען האָט ד״ר הערצל אַרויסגעלאָזט זיין רוף פאַר אַ יידנשטאַט; דאָ האָט דער „בונד״ געהאַט זיין אויס־לענדישן קאָמיטעט און זיין באַרימטן אַרכיון; דאָ האָבן געפירט זייערע פייערדיקע ווערטער־שלאַכטן די פירער פון די יידישע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און פון די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע גרופּירונגען. דאָ, אין דער קליינער, שטילער שווייץ, האָבן געפלאַטערט אין דער לופט די גרויסע יידישע חלומות.

אָבער אויך אין די פאַלן האָט שווייצאַריע געשפּילט די ראָלע פון אַ האָטעל, ווו עס קומען אָלערליי געסט מיט אַלערליי וואַליזעס. יעדער גאַסט, וואָס קומט אַהין צופאָרן, פאָרט פריער אָדער שפּעטער פון דאָרט אַוועק. און יעדער וואַליזע, וואָס ווערט דאָרט פאַנאַנדערגעפּאַקט, ווערט פריער אָדער שפּעטער צוריק צו־נויפגעפּאַקט.

מיט צוויי צענדליק טויזנט שווייצאַרישע יידן, וואָס די מיינסטע פון זיי זענען

בלויז „יום־כיפור״־ייִדן, האָבן די דאָזיקע ייִדישע וואַליזעס געהאַט אַ קנאַפּן שייכות. די „איזראַעליטישע געמיינדע״ מיט איר „איזראַעליטישעס וואָכענבלאַט״ האָבן זיך ווייטער „איזראַעליטעוועט״ און די ייִדן האָבן זיך ווייטער געלעבט זייער געמיטלעך שווייצאַריש לעבן. היטלער האָט די דאָזיקע ייִדן אַ ביסל געשראָקן, אָבער נישט אויפגעוועקט.

***

דערפאַר אָבער האָבן מיט די דאָזיקע וואַליזעס שוין גאָר אַ גרויסן שייכות די פּאָר טויזנט מזרח־ייִדן אין שווייצאַריע, ספּעציעל אין זשענעווע און ציריך, וועלכע באַשטייען אַ ביסל פון זייגער־מאַכער און אַנדערע בעלי־מלאכות, און אויך געוועזענע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, און אַ ביסל פון ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס אַ דאַנק דער ספּעציעלער ראָלע פון דער שווייץ אַלס צענטער פון אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, געפינען זיי זיך דאָרט אין אַ גרעסערער צאָל, ווי אין אַנדערע קליינע לענדער פון מערב־אייראָפּע.

דאָס שיינדל פון דער ייִדישער זשענעווע איז אַ סך יאָרן (ביז זיין טויט אין 1956) געווען דער אָנגעזעענער פּראָפעסאָר פון זשענעווער אוניווערסיטעט, ליבמאַן הערש, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען פּאָרזיצער פון ייִדישן קולטור־פאַריין אין זשענעווע. פּראָפ׳ הערש איז געווען אַן אַקטיווער ייִדישער סאָציאַליסט, אַ בונדיסט, אָבער ער האָט געגאָסן פון טיפער אַכטונג פון אַלע טיילן פון דער ייִדישער באַפעל־קערונג, אַפילו פון די „איזראַעליטן״, באַזונדערס נאָכדעם ווי דער זשענעווער אוני־ווערסיטעט האָט געפייערט עפנטלעך דעם 30־יעריקן פּראָפעסאָרן יובילעאום פון דעם דאָזיקן ליטווישן ייִדן און אים צוגעטיילט דעם גרעסטן כבוד, וואָס איז אַ פּראָפ׳ ווען עס איז געגעבן געוואָרן. אָפּגעפרעמדטע ייִדן האָבן געוויינלעך שטאַרק דרך־ארץ פאַר אַ ייִדן, וועלכער קריגט אָנערקענונג פון דער גויאישער וועלט און זיי זענען אים אַפילו גרייט מוחל צו זיין, וואָס ער רעדט ייִדיש.

אָבער זשענעווע פאַרמאָגט אויך היינט עטלעכע אָנגעזעענע און געאַכטעטע ייִדישע קולטור־טוער, וואָס פיל גרעסער ייִדיש ישובים וואָלטן מיט זיי שטאָלצירט.

דער ייִדישער קולטור־פאַריין אין זשענעווע אָרדנט איין קולטור־אונטערנע־מונגען סיי מיט אָרטיקע כוחות און סיי מיט אויסלענדישע געסט. אַז אַ ייִדישער שרייבער אָדער בינע־קינסטלער קומט קיין זשענעווע, ווייסט ער, אַז אויף אים וואַרטן דאַנקבאַרע אויערן און הערצער אין די אינטימע ווענט פון ייִדישן קולטור־פאַריין. אָבער דער זשענעווער ייִדישער קולטור־פאַריין פאַרנעמט זיך נישט בלויז מיט שטילן דעם דורשט פון די זשענעווער מזרח־ייִדן נאָך אַ ניי ייִדיש וואָרט.

ער פֿאַרנעמט זיך אויך מיט פֿראַגן וועגן ייִדישן קיום. אַזוי האָט דער פֿאַריין אויף אַ ספּעציעלער פֿאַרזאַמלונג דורכגעפֿירט אַ דיסקוסיע וועגן אַריינטרעטן אין די ייִדישע קהילות, וועלכע זענען איצט אויסשליסלעך אין די הענט פֿון די אַסימי־לאַטאָרן. דער באַשלוס, וואָס דער קולטור־פֿאַריין האָט וועגן דעם אָנגענומען, פֿאַרדינט, לויט מיין מיינונג, אויך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די ייִדן אין אַנדערע לענדער. די נויטווענדיקייט אַריינצוטרעטן אין די קהילות ווערט אין דעם דער־מאָנטן באַשלוס מאָטיווירט דערמיט, וואָס ייִדן, וועלכע זענען באַזאָרגט איבערן ייִדישן קיום איבער גאָר דער וועלט, גיבן זיך איצט אָפּ אַ רעכענונג, אַז „יחידים זענען מאַכטלאָז אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און קעגן דער אַסימילאַציע, וואָס לויערט אויף אונדזערע קינדער״. דאַרף מען דעריבער דעם קאַמף פֿירן צוזאַמען.

אָבער דער זשענעווער ייִדישער קולטור־פֿאַריין איז נישט דער איינציקער גרינער אינדזל אין דער „איזראַעליטישער״ שווייצאַריע. נאָך אַ מער פֿאַרצווייגטע טעטיקייט פֿירט דער פֿרץ־פֿאַריין אין ציריך, וואָס זיין אייגענע דראַמאַטישע סעק־ציע באַדינט אַפֿילו מיט ייִדישע טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען די ייִדישע ישובים אין די שכנותדיקע לענדער.

אָבער די קרוין פֿון אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס אין דער שווייץ איז דער צענטראַלער לערן־אינסטיטוט פֿון דעם „אָרט״, אין אַניער, ביי דער שווייצאַריש־פֿראַנצויזישער גרענעץ. אַפֿילו אין די רייכסטע פֿעלקער וועט איר נישט געפֿינען אַזאַ לערן־אַנשטאַלט, געבויט מיט אַזאַ פֿאַרנעם און וויזיע, ווי עס איז דער דאָזיקער „אָרט״־אינסטיטוט.

מײַן באַגעגעניש מיט יאַפּאַן

פֿון װעלכער זײַט מען זאָל נישט אָנקומען קײן יאַפּאַן, מוז מען פֿאַרכאַפּט װערן פֿון דער פֿאַרבנרײַכקײט און אַנדערשקײט פֿון דעם דאָזיקן מזרח־לאַנד, אָבער אַמשטאַרקסטן איז דער אײַנדרוק, װען מען קומט אַהין פֿון רוסלאַנד. די אַנדערשקײט איז דעמאָלט אַזױ גרױס, אַז מען הײבט אַזש אָן צו צװײפֿלען, צי זעט מען טאַקע דאָס אַלץ אױף דער װאָר און נישט אין חלום, נאָכדעם װי מען איז אײַנגעשלאָפֿן איבער אַ בוך מיט אָריענטאַלישע מעשׂהלעך.

איך בין אַרױסגעפֿאָרן פֿון רוסלאַנד אין מיטן יאַנואַר פֿון 1940, עלף טעג האָט מיך פֿריִער געהאַט געפֿירט דער טראַנס־סיבירישער עקספּרעס פֿון מאָסקװע קײן װלאַדיװאָסטאָק. װאָס װײַטער פֿון מאָסקװע, אַלץ טיפֿער האָט זיך דער צוג אַרײַנגעשניטן אין שאַרפֿן רוסישן װינטער. אױף אײן סטאַנציע אין סיביר האָב איך געזען, װי דער טערמאָמעטער װײַזט 59 גראַד אונטער זעראָ. װען איך בין נאָך עטלעכע מינוטן צוריק אַרײַן אין צוג איז בײַ מיר דאָס מױל און די אױגן געװען באַדעקט מיט קערנדלעך אײז. דורך די װאַגאָן־פֿענצטערלעך האָט פֿאַרבײַגעטאַנצט גאַנצע טעג אײן קאָליר — טונקל־גרױ. אַזאַ קאָליר האָבן געהאַט די כאַטעס, די קוימענס, די אוראַלער בערג, די מענטשלעכע פּנימער, די קלײדער און אַפֿילו די מאַרמאָרנע סטאַלין־מאָנומענטן װעלכע שטײען אין פֿראָנט פֿון כמעט יעדער רוסישער באַן־סטאַנציע. דאָס איז געװען אַ גרױקײט, אָדער אַ שטײפֿע, אַ בײזע, אָדער אַ טרױעריק־געבױגענע, אַ רעזיגנירטע.

אױך די שטאָט װלאַדיװאָסטאָק מיט אירע קרומע גאַסן, געפּלאַסטערטע מיט שפּיציקע שטײנער, האָט קײן העלע קאָלירן מיר נישט געהאַט צו װײַזן. דאָ און דאָרט האָט זיך צװישן די טונקעלע, צעשװנדענע הײַזער אױפֿגעהױבן אַן אָפֿיציעלע געבײַדע מיט מאַסיװע מױערן, אָבער אױך זײ זענען געװען באַדעקט מיט דער גרױער קאָליר. אַפֿילו די יאַפּאַנישע שיף, װאָס איז געשטאַנען אין פּאָרט, האָט

זיך נישט אויסגעטיילט פֿון דעם גאַנצן טונקעלן, פּראָסטיקן אַרום. דער שניידיקער ווינט, וואָס האָט מיך באַגלייטביים ארויפגיין אויף דער שיף, איז פֿון מיר נישט אָפּגעטראָטן אויך שפּעטער, ווען דער יאַפּאַנישער מאַטראָז, איינגעהילט אין אַ ברייטן, לאַנגן פּוטער, פֿון וועלכן מען האָט אים קוים אַרויסגעזען, ווי אַ שליח פֿון לאַנד פֿון אייביקן ווינטער, האָט מיך געפֿירט איבער דעם מיט אייז־באַדעקטן דעק צו די טונקעלע טרעפּלעך פֿון דריטן קלאַס.

אָבער אָט איז די שיף קוים אַ טאָג אָפּגעשוואומען און מיט אַמאָל האָט זיך דאָס בילד געענדערט. פֿון די גרויסע פּוטערס האָבן זיך אויסגעשיילט פֿאַרביקע מענטשעלעך, ווי קאָלירטע פֿליגעלעך, נאָר־וואָס אַרויסגעוואַרעמטע אונטער דער פֿרילינג־זון, און גענומען אַרומפֿלאַטערן גיך־גיך איבער דעם דעק. איינער האָט גענומען האַקן דאָס אייז, אַ צווייטער וואַשן דעם דיל, אַ דריטער פּוצן די מעטאַלענע טירן, אַ פֿערטער — די פֿענצטער. און ווי דורך אַ קלאַפּ פֿון אַ צויבער־שטעקעלע אוז מיט אַמאָל פֿאַרשוווּנדן די גרויע קאָליר פֿון דער שיף, פֿון הימל, פֿון ים און איר אָרט האָבן פֿאַרנומען העלע, ליכטיקע קאָלירן, שליחים פֿון לאַנד פֿון אייביקן פֿרילינג.

איצט איז אונדזער שיף געשוווּמען אונטער אַ בלויען הימל, באַגעגנט פֿון מילדע ווינטלעך, וואָס האָבן זי צוגעפֿירט צו די גרינע ברעגעס פֿון דער יאַפּאַנישער פּאָרט־שטאָט טסורוגאַ.

שוין אין פּאָרט האָט דאָס אויג גענומען גאַפֿן פֿון דער אומגעהייערער אַנדערשקייט. דער דעק איז פֿול געוואָרן מיט קליינע, פֿריש־געגאָלטע מענטשעלעך, אָנגעטאָן אין בונטע, ציכטיקע קליידער און אין לייכטע, געפּוצטע שיך. אַלע זענען זיי געווען רירעוודיקע, פֿלינקע. ערשט זענען זיי געווען דאָ און באַלד זענען זיי אויף דעם אויבערשטן דעק, אָדער אונטן אויפֿן ברעג. יעדער פֿון זיי האָט עפּעס געטון. איינער האָט געשלעפּט ריזיקע פּעק, וואָס איר האָט בשום אופֿן נישט געקענט פֿאַרשטיין ווי אַזוי זיי זענען אַרויף אויף זיינע שמאָלע פּלייצעלעך. אַן אַנדערער האָט אויסגערופֿן אַלעמענס נעמען און פֿאַרשריבן גיך־גיך, קוים מיטן אויג צו כאַפּן; אַ פֿרעדער האָט געטראָגן אויפֿן קאָפּ אַ גרויסן טורעם מיט באַנאַנעס, וואָס אויף יענער זייט האָט איר גאָרנישט געגלויבט, אַז אַזאַ פֿרוכט וואַקסט נאָך ערגעץ, און איר האָט נישט געוווּסט וואָס מער צו באַוווּנדערן, צי ווי אַזוי ער טראָגט, אָדער וואָס ער טראָגט.

איר האָט אַראָפּגעקוקט אונטן און געזען ווי צענדליקער יאַפּאַנעזער לאָדעוועץ סחורות אויף קליינע קאָלירטע וואַגאָנעלעך, צוזינגענדיק אַ מאָנאָטאָנעם ניגון, וואָס זיין אָריענטאַלישקייט האָט אייך דערמאָנט אין עפּעס היימישעס. די קאָלירטע

בלוזעס פון די אַרבעטער זענען געווען געדיכט באַשריבן. דאָס זענען, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט, לידער וועגן געטער און ווולקאַנען. די יאַפּאַנעזער האָבן ביידע אַ סך, פאַר ביידע שרעקן זיי זיך און ביידע באַזינגען זיי.

זייער גרעסטער ווולקאַן איז פודזשי־יאַמאַ און צו אים זינגען זיי דאָס שענסטע ליד זייערס. אָט זענען בלויז צוויי קליינע סטראָפן פון דעם דאָזיקן ליד:

...זיין פייער ווערט פאַרלאָשן פון אייביקן שניי,
און זיין שניי ווערט צעשמאָלצן פון אייביקן פלאַם.

אָ, גרויסער פודזשי! אָ, פודזשי־נאַ יאַמאַ!
איך קען שטיין און קוקן אויף דיר אייביק־אייביק.

איר דאַרפט מיט אייער אויג זוכן נישט זוכן אין דער הויך, כדי זיך אָנצושטויסן אויף אַ ווולקאַן, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט פאַרביקע הייזקעס, דין, דורכזיכטיק, ווי טעאַטער־דעקאָראַציעס, דאָ און דאָרט מיט אַ צעבליטן קאַרשנבוים ביים אַריינגאַנג און מיט אַ שמייכלדיקן פרויען־פּנים אין פענצטער.

אַלץ איז אַזוי אַנדערש פון דאָרט, פון וואַנען איר זענט ערשט געקומען. אַזוי אויסטערליש אַנדערש. עס איז נישט מעגלעך, טראַכט איר, אַז ביידע זאָלן זיין טיילן פון דער ווירקלעכקייט. אויב אַזוי, איז די גרויע קאָליר, וואָס איר האָט דאָרט געזען — ווירקלעכקייט און די קאָלירן, וואָס איר זעט דאָ, בלויז אַ מעשהלע.

דעם איינדרוק, אַז מיר דרייען זיך אַרום אין אַ מעשהלע האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די פרויען, וואָס מיר האָבן באַגעגנט ביי אונדזער ערשטן אַריינפאָר קיין טסורוגאַ.

די יאַפּאַנישע פרוי ווערט פון דער פריִעסטער יוגנט צוגעגרייט צו דריי פליכטן: צו פלעגן בלומען, צו געדולדיקער געהאַרכזאַמקייט און צו שמייכלען. דער שמייכל איז אייגנטלעך אַ טייל פון געדולד, וואָס די יאַפּאַנישע פרוי דאַרף פאַרמאָגן. וואָס עס זאָל מיט איר נישט געשען, טאָר זי נישט פאַרלירן איר געדולד און איר מילדן, אונטערטעניקן שמייכל. אַפילו געבורטס־ווייען דאַרף אַ יאַפּאַנישע פרוי קענען פאַרטראָגן שווייגנדיק און מיט אַ שמייכל. אַנדערש פילט זיך איר משפּחה פאַרשעמט. האָט זיך טאַקע אין פאַרלויף פון יאָר־הונדערטער אויסגעפורעמט אויפן ראָזן פּנים פון דער יאַפּאַנישער פרוי אַ מילדער שמייכל, וואָס ליגט ווי צוגעקלעפּט, פּונקט אַזוי סטאַביל ווי איר שמייכל איז אויך איר טורעמדיקע פריזור, וואָס אַפילו ביינאַכט וואַכט זי איבער איר. צו דעם קומט צו די בונטע געבלימלטע קימאָנע, וואָס אירע לאַנגע אַרבל פאַרדעקן געוויינלעך אויך די פינגער, און אַ פּאָר פאַנטאָפל מיט זייער הויכע האָלצערנע קלעצער, וואָס מאַכן

ב. שעפּנער

אוממעגלעך צו שטעלן נאָרמאַלע, מענטשלעכע שריט. ווען איך האָב אין יאַפּאַן צום ערשטן מאָל געזען אַזאַ גרופּע יונגע פרויען, האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס זענען זיי מיטן כוח פון אַ שוואַרץ־קינצלער אַראָפּ פון אַן אָריענטאַלישער טעאַטער־דעקאָראַציע און באַלד וועלן זיי דאָרט צוריק אַרויף.

שפּעטער האָב איך געזען אויך אַנדערע פרויען. איך האָב געזען פרויען אויף די אויטאָבוסן אַלס קאָנדוקטאָרן, איך האָב זיי געזען אין די ביוראָען, אויף די רייז־פעלדער, אין די לער־אַנשטאַלטן. פיל זענען אָנגעטאָן אין אייראָפּעיִשע אַר־בעטס־קליידער און אַרבעטן פּונקט אַזוי גיך ווי די מענער, אָבער ביי די מייַנסטע פון זיי האָבן איך נאָך אַלץ באַמערקט דעם זעלבן אונטערטעניקן שמייכל, און די זעלבע מילדע באַוועגונגען, וואָס האָבן זיי געמאַכט פאַר פיגורן פון דעם פאַנטאַס־טישן יאַפּאַנישן מעשהלע.

⁂

די אַנדערשקייט האָט זיך מיר אויך געוואָרפן אין די אויגן אין די עפנטלעכע אינסטיטוציעס און פּלעצער. איך האָב זיך אַרומגעדרייט עטלעכע וואָכן אין די וויכטיקסטע שטעט פון יאַפּאַן, ווי טאָקיאָ, קאָבע, אָסאַקאָ, נאַראַ און אין ערגעץ נישט געזען דאָס בילד פון הערשער, פון מיקאַדאָ.

דאָרט, אין רוסלאַנד, האָט מיר דאָס בילד פון הערשער באַגלייט אויף שריט און טריט. ווו ערגעץ אַ וואַנט, אַ גאַנצע צי אַ האַלב־חרובע, אַן עפנטלעכע, אָדער אַ פּריוואַטע, האָב איך געזען פון איר אַראָפּקוקן דאָס בילד פון סטאַלינען. און דאָ, אין יאַפּאַן — נישטאָ קיין בילד פון הערשער. איך זוך דעם מיקאַדאָ און איך קען אים נישט געפונען.

גאָר גיך איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז דאָס נישט אַרויסהענגען דעם מיקאַדאָס בילד קומט נישט דערפון, וואָס די יאַפּאַנעזער האָבן צו־ווייניק אַפּשיי פאַר זייער קייסער, נאָר ווייל זיי האָבן פאַר אים צו פיל אַפּשיי. ער איז צו הייליק, אַז מען זאָל זיין בילד אַרויסהענגען פאַר אַלעמען אין די אויגן. די יאַפּאַנישע מלוכה־רעליגיע, שינטאָ, פאַרזיכערט, אַז דער יאַפּאַנישער הויפּט־גאָט איזאַנאַגי האָט זיך באַהאַפטן מיט דער גאָטיכע איזאַנאַמי און אַז פון דער באַהעפטונג איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער מיקאַדאָ און אויך די אינדזלען פון יאַפּאַן. אַזוי אַרום איז דער מיקאַדאָ דער זון פון גאָט און יאַפּאַן דאָס לאַנד פון גאָט — „דאָס לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון”. דער ערשטער זון פון גאָט זאָל טאַקע האָבן אָפּגעגעבן אַ שבועה, אַז ער וועט אויסשפּרייטן די יאַפּאַנישע הערשאַפט איבער אַלע זעקס טיילן פון דער וועלט. די קינדער פון גאָטס לאַנד דאַרפן אים דערין העלפן און

דערפאַר וועט יעדער יאַפּאַנעזער, אויב ער וועט שטאַרבן פאַרן מיקאַדאָ, אַליין ווערן אַ גאָט. אויף די דאָזיקע שינטאָ־פונדאַמענטן האָט זיך אַנטוויקלט דער יאַפּאַנעזישער אימפּעריאַליזם, וואָס האָט זיין טויט קלאַפּ באַקומען אין היראָשימאַ.

אָבער מען דאַרף נישט מיינען, אַז בלויז דאָס זענען די פונדאַמענטן פון דער שינטאָ־רעליגיע. שינטאָ האָט פאַרשיידענע סעקטעס און זיי פאַרמאָגן אויך הויכע עטישע געבאָטן. די וויכטיקסטע פון זיי זענען צו קענען באַהערשן דעם כעס און די שנאה און צו באַציִען זיך ברידערלעך צום פרעמדן. איין פסוק זאָגט: „פריידיק נישט קיין ליבע מיט די ליפּן, אויב דו טראָגסט שנאה אין האַרצן. אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי אַ פרעמדער". קיין כינע און אין די אַנדערע לענדער, וועלכע „די קינדער פון גאָט" האָבן מיט פייער און שווערד איינגענומען, האָבן זיי טאַקע די פּסוקים נישט מיטגענומען. אַהין האָבן זיי בלויז מיטגענומען די פּסוקים וועגן דער אייגענער געטלעכקייט און וועגן דער הייליקער שבועה פון גאָטס זון, דעם מיקאַדאָ. אָבער מען וואָלט באַגאַנגען אַן אומגערעכטיקייט קעגן יאַפּאַנישן פאָלק, ווען מען זאָל זאָגן, אַז עס האָט די פּסוקים וועגן מענטשלעכקייט צו פרעמדע קיינמאָל נישט באַנוצט. אַמווייניקסטן קענען זיך דערלויבן אויף אַזאַ אומגערעכטיקייט די טויזנטער הימלאַזע פּוילישע יידן, וואָס יאַפּאַן האָט פאַר זיי פריינטלעך געעפנט אירע טויערן, ווען זיי זענען געלאָפן פון היטלערן און סטאַלינען.

איך בין געווען איינער פון די דאָזיקע יידן און איך וועל נישט פאַרגעסן די מענטשלעכע מיטפילנדיקע בליקן פון די יאַפּאַנער, אויך פון מאַנכע רעגירונגס־באַאַמטע, ווען זיי האָבן דערזען אויף זייערע אַלטע געדרייטע געסלעך די פרעמדע הימלאָזע. פאַר מיינע אויגן שטייט איצט יענער אַלטער יאַפּאַנער אויף אַ רעגנדי־קער גאַס אין קאָבע, וואָס איז נאָכגעלאָפן אַ יידישע פרוי מיט אַ קינד און זיי אַוועקגעגעבן זיין רעגנשירעם.

ער האָט דערביי עפּעס אַרויסגעלאָזט פון מויל אַזעלכע ווילד־פרעמדע ווערטער און קלאַנגען, וואָס קיינער פון אונדז האָט נישט געוווסט זייער טייטש. מיר האָבן אָבער געוווסט, אַז דאָס זענען מענטשלעכע ווערטער.

זיי האָבן אויך געגעבן שפּייז, וואָס זיי אַליין האָבן דערין געפילט אַ גרויסן מאַנגל. אין קאָבע, למשל, האָט די רעגירונג צוגעטיילט די הימלאָזע יידן, דורכן יידישן קאָמיטעט, ברויט און אויך צוקער. דערביי זענען די צוקער־פּאָרציעס געווען גרעסער ווי די, וואָס זענען אין די קראָמען אויסגעטיילט געוואָרן פאַר דער אייגענער באַפעלקערונג. דאָס געבן די יידן צוקער דורכן קאָמיטעט און נישט דורך די קראָמען האָט די רעגירונג מאָטיווירט דערמיט, וואָס די פרעמדע, שטייענ־דיק אין דער רייע פאַר די קראָמען צוזאַמען מיט די יאַפּאַנער, וואָלטן אַמאָל גע־

קענט האָבן אויסצושטיין אומאַנגענעמלעכקייטן פון אַן אומצופרידענעם הונגעריקן יאַפּאַנער. עס וואָלט אים פאַרדראָסן, וואָס מען גיט אַוועק די פרעמדע דאָס ביסל יאַפּאַנישן צוקער. איז כדי דאָס אויסצומיידן, האָט מען די ייִדן דעם צוקער צוגעשיקט אַהיים.

אַ מאָדנעם געמיש האָב איך באַמערקט ביי די יאַפּאַנער און אויך אין זייער לאַנד — דעם זעלבן געמיש, וואָס אין זייער שינטאָ־רעליגיע, אַ געמיש פון באַר־באַריזם און באַרמהערציקייט, פון אורוואַלד און מאָדערניזם, אַ געמיש פון שטאַרק־פּרימיטיוון מענטשן און פון העכסט־ציוויליזירטן; אַ געמיש פון טונקעלן מיסטיציזם און פון קלאָרן ראַציאָנאַליזם; אַ געמיש פון סאָבוויי און ריקשאַ; אַפילו אין דער אַכט־מיליאָניקער הויפּט־שטאָט טאָקיאָ איבערראַשט אייך דער דאָזיקער געמיש. אָט דרייט איר זיך אויף אָריענטאַלישע געסלעך פון צענטן יאָרהונדערט און מיטאַמאָל גיט איר אַ קום־אַרויס אויף אַ בולוואַר פון איין און צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט.

דעם שאַרפן אַראָמאַט פון דאָזיקן פאַנטאַסטישן געמיש האָב איך אַמ־שטאַרקסטן געפילט, ווען איך האָב זיך געפונען אַלס „גאַסט״ אין אַ יאַפּאַנישן פּאָליציי־אַמט.

איך וועל וועגן דעם דערציילן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

איך און דער יאַפּאַנישער פּאָליצײ־שעף

די אײַנלאַדונג, וואָס איך האָב דערהאַלטן פון דעם הויכן יאַפּאַנישן פּאָליצײ־באַאַמטן אין קאָבע, ווען איך בין דאָרט געווען אין מלחמה־צײַט, ווי אַ היימלאָזער פּוילישער ייִד, אַן אַנטלאָפענער פון היטלערן און סטאַלינען, האָט אײגנטלעך געטראָגן אַ האַלב־פּאָליצײאישן און האַלב־פּריינטשאַפטלעכן כאַראַקטער. דורך דעם פאָרשטײער פון דער ייִדישער קהילה אין קאָבע האָט ער מיר געלאָזט וויסן, אַז ער וואָלט וועלן, איך זאָל צו אים קומען זיך מיט אים דורכשמועסן. פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף גיין. אַז פּאָליצײ בעט, קען מען קיין חזיר נישט זיין, בפרט נאָך יאַפּאַנישע פּאָליצײ. איך בין אַוועק אין פּאָליצײ־פּרעזידיום אין דער באַגלײטונג פון אַן אָרטיקן ייִדישן יונגנמאַן, אַ געבוירענער אין כאַרבין, וועלכער באַהערשט גוט יאַפּאַניש און אויך רוסיש. ער האָט געדאַרפט זיין מיין איבערזעצער.

דער לאָקאַל פון פּאָליצײ־פּרעזידיום פאַרמאָגט אין זיך זייער ווייניק יאַפּאַנישעס. אַלץ איז דאָ זייער ענלעך צו די פּאָליצײ־לאָקאַלן אין אייראָפּע. די ספּעציפישע פּאָליצײ־אַטמאָספערע ליגט אויף די גרויע ווענט, אויף די נאַקעטע, הילצערנע טישן און אויך אויף די פּנימער פון די פּאָליצײ־באַאַמטע, וועלכע זיצן איבערגעבויגן איבער די פאַרשיידענע פּאָליצײ־פּאַפּירן און וואַרפן פון אַ זייט אַזאַ זאַכלעכן, פּאָליצײאישן בליק אויף יעדן ציווילן, וואָס קומט דאָ אַריין. אַ באַקאַנטע, היימישע פּאָליצײ־לופט — יענע היימישקייט, פון וועלכער עס ווילט זיך זיין וואָס ווייטער.

אָבער באַלד ענדיקט זיך די היימישקייט און עס הייבט זיך אָן דער אָריענט, בעסער געזאָגט — דער יאַפּאַנישער אָריענט, וואָס דאָ איז גאָר עפּעס אייגנאַרטיקס: אַ געמיש פון פּרימיטיוו און ציוויליזאַציע, פון טעכנישער קולטור מיט אורוואַלד. אַ שוואַרצע קימאָנע מיט לאַנגע ברייטע אַרבל, אין וועמענס פאַלדן עס באַהאַלט זיך נישט קיין האַלב־רונדיקער מעסער, נאָר אַ קליינער רעוואָלווער פון נייסטן טיפּ.

ב. שעפּנער

עס קומט אַריין דער הויכער יאַפּאַנישער באַאַמטער און לאַדט מיך איין צו זיך אין קאַבינעט. ער איז אָנגעטאָן אייראָפּעיש. זיין קליינע פיגור זעט אויס נאָך קלענער. דאָס בייגט ער זיך פאַר מיר. פון זיין געלן, פאַרמאַכטן פּנים זעען זיך נאָר אַרויס די צוויי רייען ווייסע ציין. ער איז גליקלעך, וואָס איך בין צו אים געקומען און דאָס שמייכלט ער צו מיר פריינטלעך און אונטערטעניק. ער באַדויערט נאָר, וואָס ער האָט מיך באַמיט. איך וועל דאָך זיכער נישט אָפּזאָגן זיין ביטע און אויס־טרינקען מיט אים צוזאַמען אַ גלאָז קאַווע. דאָס וועט פאַר אים זיין אַ גרויסער כבוד.

ער רעדט יאַפּאַניש און אויך אַ ביסל רוסיש. זיין שפּראַך איז זיס ווי זיס און אונטערטעניק עס קען נאָר זיין די שפּראַך פון אָריענט. איצט זיץ איך שוין אַנטקעגאיבער אים אויף אַ לעדערנעם פאָטעל ביי אַ גלאָז קאַווע און פיל זיך עפּעס מאָדנע. ווו געפין איך זיך דאָ אייגנטלעך? געפין איך זיך אַלס גאַסט אין אַ יאַפּאַניש הויז, אָדער אַלס פאַרדעכטיקטער פרעמדער אויף אַ פּאָליציייאישער אויספאָרשונג?...

מיר אַליין איז די זאַך נישט קלאָר. איך אַליין פיל זיך, ווי איינגעהילט אין אַן אָריענטאַלישן טומאַן. יעדע מינוט קען, דאַכט זיך, פון הינטער אַ פאָרהאַנג אַרויסקומען אַ יאַפּאַנערין מיט אַ טורעמדיקער פריזור און אין אַ העלער געבלימל־טער קימאָנע און מיר, ווי דעם גאַסט פון הויז, אונטערגעטראָגן איר אונטערטע־ניקסטן שמייכל און דאַן פאַר מיר אויסזינגען אַ פאַרחלומט ליד וועגן צעבליטע קאַרשן־ביימער. און פונקט אַזוי קען זיך יעדע מינוט עפענען די טיר און אַ פּאָליציאַנט זאָל אַריין און מיך פעסט אַ נעם־טון ביי דער האַנט.

ביידע זאַכן זענען דאָ מעגלעך. נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע וואָלט מיך דאָ איבערראַשט. אָריענטאַלישע גאַסטפריינטלעכקייט און אָריענטאַ־לישע ברוטאַלקייט גייען דאָ צוזאַמען און דערביי גייען זיי שטיל, אין די בלויזע זאָקן. זייערע טריט הערט מען נישט. איר דערזעט זיי ערשט דעמאָלט, ווען זיי זענען שוין האַרט נעבן אים. איר וועט זיי קיינמאָל נישט איבערראַשן, זיי אייך — שטענדיק.

***

דער געשפּרעך הייבט זיך אָן.

פריער וואָלט ער געוואָלט פון מיר עפּעס הערן וועגן רוסלאַנד. אָ, יאַפּאַן איז אין די בעסטע באַציִונגען מיט רוסלאַנד. ביידע גרויסע פעלקער לעבן איצט אין פריינטשאַפט. יאַפּאַן אינטערעסירט זיך אָבער מיט רוסלאַנד... און אַזוי ווי איך בין ערשט געקומען פון רוסלאַנד און האָב דאָרט זיכער אַ סך געזען, וואָלט ער וועלן, איך זאָל אים עפּעס דערציילן. ער ווייסט, אַז איך האָב שוין געזען אַ סך לענדער,

איך האָב זיכער זיך אויך צוגעקוקט צום רוסישן מיליטער, איז, ווי איז מיין מיינונג וועגן דער רוסישער אַרמיי?...

ער רעדט לאַנגזאַם, מאָנאָטאָן, זיין שפּראַך פאַרמאָגט נישט קיין ספּעציפישן קלאַנג. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלטן געקאַפּעט טראָפּנס וואַסער פון אַ קראַן, וואָס איז נישט פעסט פאַרדרייט. דאָס איז, אַגב, די אייגנשאַפט פון דעם יאַפּאַנער, ווי פון אַ סך אַנדערע מזרח־מענטשן. דער קלאַנג פון זייער שפּראַך איז איינטאָניק. פון צייט צו צייט קען פּלוצלינג דער יאַפּאַנער אַרויסריידן אַ וואָרט מיט אַ קוויטש. דאָס טרעפט אין מאָמענטן, ווען ער ווערט אויפגערעגט, ווילד און דעמאָלט דערזעט איר פאַר זיך אַ נאַקעטן וואַלד־מענטש. אָבער אין אַלגעמיין איז די שפּראַך זיינע אינגאַנצן איינטאָניק, אָן זיג־זאַגן, אָן „בערג און טאָלן". אַלע ווערטער זענען פון איין קלאַנג. אַפילו אַ פראַגע קלינגט אין אַ יאַפּאַניש מויל נישט אַנדערש, ווי אַן ענטפער. דעריבער טאַקע ווערט אין דער יאַפּאַנישער שפּראַך צו יעדער פראַגע, וואָס איינער באַנוצט אין ריידן, צוגעגעבן דאָס וואָרט „אַ פראַגע". מיר באַנוצן פראַגע־צייכנס (?) בלויז ביים שרייבן. די יאַפּאַנער, אָבער, באַנוצן זיי אויך ביים רעדן. למשל, ווען איינער פרעגט דעם צווייטן „איר גייט אַהיים?" — גיט ער צו צום סוף פון זאַץ דאָס וואָרט: „אַ פראַגע", ווייל לויטן קלאַנג פון די ווערטער וועט יענער נישט קענען זיך אָנשטויסן, אַז דאָס איז אַ פראַגע.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק צו דערציילן דעם יאַפּאַנישן פּאָליציי־באַאַמטן וועגן רוסלאַנד. איך האָב אים דעריבער געענטפערט, אַז, ליידער, האָב איך רוסלאַנד בלויז געזען פון וואַגאָן־פענצטערל און דאָס איז זייער ווייניק אויף צו קענען עפּעס זאָגן וועגן אַ לאַנד. נאָך ווייניקער קען איך עפּעס זאָגן וועגן דער רוסישער אַרמיי. איך האָב זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן פאַר קיין פאַכמאַן אין מיליטערישע פראַגן און איך האָב אויך נישט די מינדסטע האָפענונג, אַז איך וועל זיך אין דער צוקונפט אויף דעם געביט עפּעס אויסלערנען. פאַרפאַלן, איך וועל שוין דאָס געביט איבערלאָזן פאַר מיליטערישע ספּעציאַליסטן. איך בין זיכער, האָב איך צוגעגעבן, אַז אַזאַ הויך־אַנטוויקלט לאַנד ווי יאַפּאַן פאַר־מאָגט גוטע מיליטערישע ספּעציאַליסטן, וועלכע זענען אויסגעצייכנט באַקאַנט מיט דעם צושטאַנד פון די פאַרשיידענע אַרמייען אין דער וועלט, אויך מיטן צושטאַנד פון דער רוסישער אַרמיי.

בעת איך און שפּעטער דער איבערזעצער האָבן גערעדט, האָט אויפן יאַפּאַנערס פּנים זיך נישט באַוועגט קיין איין־איינציקער מוסקול. די אויגן זענען נאָר גע־וואָרן נאָך שמעלער, אַזוי אַז מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז איינגעשלאָפן.

עטלעכע מאָל בעת אונדזער אַנדערטהאַלבן־שעהדיקן שמועס, האָב איך געהאַט דעם זעלביקן איינדרוק, אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז קיין איינציק וואָרט איז פאַר אים נישט פאַרלוירן געגאַנגען. דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט הערן, האָט ער געהערט.

אויך דאָס איז אַן אָריענטאַלישער כאַראַקטער־שטריך, וואָס נעמט אָן ביי די יאַפּאַנער אַן אייגנאַרטיקע פאָרעם. איר רעדט צו אַ יאַפּאַנער און איר באַקומט נישט קיין שום ענטפער. דער יאַפּאַנער האָט אויסגעהערט און רעדט קיין שום וואָרט נישט. עס גייט אַוועק אַ מינוט, צוויי מינוט, דריי מינוט, פינף מינוט און — שטיל. איר שווייגט און ער שווייגט. ער זיצט אומבאַוועגלעך אַנטקעגנאיבער אייך און איר ווייסט נישט וואָס אַזוינס מיט אים איז געשען. איר הייבט שוין אָן טראַכטן, אַז אפשר האָט ער נישט דערהערט וואָס איר האָט גערעדט, אפשר פּאַסט אים נישט ביי אייך איבערצופרעגן. אָבער דעמאָלט, ווען איר האָט שוין פאַרלוירן די האָפענונג צו באַקומען פון אים אַן ענטפער, עפנט ער פּלוצלינג דאָס מויל און ער ענטפערט אייך אויף אַלעם, וואָס איר האָט אים געפרעגט. אַ יאַפּאַנער טראַכט לאַנגזאַם. ער האָט צייט. דאָס לעבן איז אייביק. די זון וועט אַוועק אויף מערב־זייט, אָבער מאָרגן וועט זי זיך ווידער באַווייזן אויף מזרח־זייט.

פּריִער טראָגט ער אַוועק צו זיך די ווערטער, וואָס איר האָט געזאָגט און דאָרט, אין דעם טיפסטן ווינקל פון זיין נשמה, ווו אייער אויג קען נישט דער־גרייכן, באַטראַכט ער זיי געלאַסן, מיט אויפמערקזאַמקייט און מיט פאַרדאַכט. ער מוז פריִער, אײדער ער ענטפערט אייך, גוט אַרומטאַפּן יעדעס וואָרט און וויסן וואָס עס ליגט אין אים און וואָס עס באַהאַלט זיך הינטער אים. ער וויל וויסן, וואָס איר האָט געוואָלט דערמיט זאָגן און וואָס איר האָט געוואָלט דערמיט נישט זאָגן. ערשט שפּעטער הייבט ער אָן צו קלייבן ווערטער פאַר אייך. ער קלייבט פאַרזיכטיק, ביטרע. דאָס אַלץ פאָדערט צייט. יעדעס וואָרט — אַ קאָלירט שטיינדל, אַ פאַרביק סטענגעלע, וואָס דאַרף וואָס שענער גלאַנצן און נאָך מער — פאַרדעקן, פאַרדעקן... דאָס דאַרף זיין אַ געבלימלטער פעכער, מיט וועלכן מען זאָל קענען פאַרשטעלן צו יעדער צייט דאָס אייגענע פּנים און דורך וועלכן מען זאָל גלייכצייטיק קענען גוט זען יענעמס פּנים.

וועגן רוסלאַנד האָט ער מיט מיר מער נישט גערעדט. איצט איז ער אַריבער־געגאַנגען צו דייטשלאַנד. צי האָב איך געזען דייטשלאַנד און וואָס טראַכט איך וועגן די דייטשע דערפאָלגן אין דער איצטיקער מלחמה?

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב עטלעכע מאָל באַזוכט דייטשלאַנד, אויך היטלער־דייטשלאַנד. דאָס „דריטע רייך" פאַרמאָגט אַ סך זאַכן, וועלכע מוזן

אַרויסרופן באַוווּנדערונג: אַ גוטע אַרמיי, אַ גוטע אָרגאַניזאַציע, אַ שטאַרקע דיס־ציפּלין, איין זאַך, אָבער, פאַרמאָגט זי נישט און דאָס איז — צייט. זי האָט קיין צייט נישט. זי מוז זיך איילן. ענגלאַנד, אָבער, וועלכער עס פעלט נאָך אַ סך זאַכן, פאַרמאָגט מער צייט. און, לויט מיין מיינונג, וועט די מלחמה געווינען יענער צד, וואָס וועט האָבן מער צייט.

ער האָט נאָך מער פאַרמרוזשעט די אויגן און ווידער אַמאָל האָט געדויערט אַ היפּשע וויילע ביז ער האָט אָנגעהויבן רעדן.

איך וויל נישט, האָט ער מיר געזאָגט, איר זאָלט מיינען, אַז מיר זענען מיט דייטשלאַנד. מיר גייען צוזאַמען מיט דייטשלאַנד, ווייל זי פאַרשטייט אונדז. אַנ־דערע ווילן אונדז נישט פאַרשטיין. ווען אַמעריקע וואָלט אונדז געוואָלט פאַרשטיין... אָבער זי וויל נישט. מיר זענען נישט קיין אימפּעריאַליסטן, מיר ווילן קיין פרעמדע לענדער נישט פאַרכאַפּן, דאָס איינציקע וואָס מיר ווילן, איז — לעבן. מיר ווילן לעבן.

אויף דער שפּיץ־צונג איז מיר געלעגן איין קורץ וואָרט „כינע", אָבער איך האָב עס נישט אַרויסגעזאָגט. פון „אַזאַ כינעזישער פּאָלעמיק" מיט אים וועט כינע זיכער גאָר נישט געווינען, דאַקעגן איך קען אַ היפּש ביסל פאַרשפּילן. יאַפּאַן וויל לעבן, אָבער איך וויל אויך לעבן...

ער האָט אָבער באַמערקט פון מיין פּנים, אַז איך בין נישט אַזוי שטאַרק אַנטציקט פון דעם שותּפות מיט דייטשלאַנד און ער האָט צוגעגעבן:

„אונדז זענען אינגאַנצן פרעמד די דייטשע אידייען און מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט נאָכמאַכן. ביי אונדז איז יעדער גלייך. מיר באַהאַנדלען פרעמדע בעסער, ווי מיר באַהאַנדלען אייגענע".

און ווידער האָב איך געשוויגן. איך האָב, וואָס אַן אמת, אַלס דורכרייזנדער, זיך נישט געקענט באַקלאָגן אויף דער באַהאַנדלונג פון די יאַפּאַנער, אָבער נישט אַלע מענטשן האָבן דאָס גליק צו זיין ביי די יאַפּאַנער בלויז טוריסטן. טאַקע די כינעזער וואָלטן וועגן דעם געקענט עפּעס דערציילן.

איצט האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט אַ פראַגע, איך זאָל אים זאָגן, ווי עס געפעלט מיר יאַפּאַן. ער האָט דערביי צוגעגעבן, אַז ער איז נישט אויסן צו הערן קאָמפּלימענטן וועגן יאַפּאַן, נאָר פאַרקערט — איך זאָל אים זאָגן, וואָס עס איז מיר אין יאַפּאַן נישט געפעלן געוואָרן.

איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אין יאַפּאַן, זענען די „ריקשעס" (צוויי־רעדערדיקע וועגעלעך, געשלעפּט פון מענטשן). וואָלט יאַפּאַן געווען אַ צוריקגעשטאַנען, נישט אַנטוויקלט לאַנד,

וואָלטן די דאָזיקע „מענטשן־פערד" אפשר אַזוי נישט געשטאָכן דאָס אויג. אָבער יאַפּאַן פאַרמאָגט די נייעסטע טעכנישע איינריכטונגען, אַן אויסגעצייכנטע קאָמוני־קאַציע און דערפאַר זענען די „ריקשעס" פּשוט נישט פאַרשטענדלעך. אונטער דער ערד גייט אַ „סאָבוויי" און אויבן לויפט אַן איינגעשפּאַנטער „מענטשן־פערד" און שלעפּט אַ צווייטן מענטש, וואָס זיצט אויסגעלייגט ווי אַ פּריץ אין דער „ריקשע". ווי קען מען דערלאָזן אַזאַ מענטשלעכע דערנידערונג?

מיין פראַגע איז אים אויסגעקומען נישט אינגאַנצן פאַרשטענדלעך. מען דאַרף קענען, האָט ער געזאָגט, דעם כאַראַקטער פון אָריענט.

אויף אַ פּאָרזיכטיקן אופן, אַרומגעפּוצט מיט אָריענטאַלישער העפלעכקייט, האָב איך אים דאַן אָנגעוויזן, אַז אין יאַפּאַן וואַרפט זיך אין די אויגן דער גרויסער אונטערשייד צווישן דער טעכנישער קולטור און דער גייסטיקער קולטור. אין דער הינזיכט פון טעכנישער קולטור שטייט יאַפּאַן גאַנץ הויך. זי האָט שוין אַפילו איבערגעיאָגט אַ סך אייראָפּעיִשע קולטור־לענדער. דאַקעגן אין דער הינזיכט פון גייסטיקער קולטור איז זי שטאַרק אָפּגעשטאַנען. איך האָב זיך אַ ביסל באַקאַנט מיטן יאַפּאַנישן טעאַטער, מיט דער יאַפּאַנישער מוזיק, איך האָב אויך געלייענט וועגן דער יאַפּאַנישער ליטעראַטור, און איך ווייס, אַז אויף קיין שום געביט פון גייסטיקן שאַפן האָט זיך יאַפּאַן מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. יאַפּאַן קאָפּירט פון אייראָפּע און אַמעריקע. זי קאָפּירט פלייסיק, מיט אַ סך געדולד און איינגעשפּאַרט. דערפאַר טאַקע איז זי אין איר טעכנישער אַנטוויקלונג געגאַנגען אַזוי ווייט, אָבער גייסטיקע קולטור לאָזט זיך נישט בלויז קאָפּירן. אַגב, דאַרף מען שטיין אויף אַ געוויסער גייסטיקער הויך, כדי צו וועלן אַריינלייגן די געהעריקע מי אויף צו קאָפּירן גייסטיקע קולטור־ווערטן. קאָפּירן אַ ביקס איז לייכטער, און עס לוינט בעסער, ווי קאָפּירן, למשל, שעקספּירן.

ער האָט זיך נישט באַליידיקט. פאַרקערט, ער האָט אין אַן עכט אָריענטאַלישן סטיל געלויבט מיין מיינונג און גלייכצייטיק זיך אַליין געמאַכט קליין און נישטיק. ווי קען ער, אַ בלויזער באַאַמטער, ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי ליטעראַטור און טעאַטער, מאָלעריי און מוזיק? און ווי קען ער דאָס נאָך ריידן אין מיין אַנוועזנ־הייט. וואָס ווייסט ער און וואָס פאַרשטייט ער אין די זאַכן אין פאַרגלייך מיט מיר? נישט מער, ער וויל זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז אפשר נעמט זיך מיין טעות דערפון, וואָס איך קוק אויף דער יאַפּאַנישער קונסט מיט אייראָפּעיִשע אויגן. דאָס, וואָס זעט ביי אַן אייראָפּעער אויס גייסטיק, אָדער קינסטלעריש, מינדערוועדטיק, קען גאָר, ווען מען קוקט דערויף מיט אויגן פון אַ מזרח־מענטש, אויסזען גרויס און אַפילו געניאַל.

איך האָב אים דערויף געענטפערט אויף זיין אָריענטאַלישן סטיל, אַז מיר דוכט זיך, אַז אייראָפּעער זענען יאָ אימשטאַנד אָפּצושאַצן די גייסטיקע אוצרות און ווערטן פון די מזרח־פעלקער, אויב נאָר יענע האָבן ווירקלעך פאַרמאָגט עפּעס גרויסעס. אָט האָבן די אייראָפּעער אַזוי הויך אָפּגעשאַצט די אַראַבישע קולטור, די אינדישע קולטור און אויך די כינעזישע קולטור.

ביים וואָרט „כינעזישע קולטור" האָבן זיינע אייגעלעך אַ מרושע געטון. אַ פּייערל האָט זיך דאָרט אָנגעצונדן. דאָס פּנים אָבער איז געבליבן אומבאַוועגלעך און אָן אויסדרוק ווי פריִער.

עטלעכע מינוט האָט ער געשוויגן, דאַן האָט ער אָנגעהויבן:

מיר זענען אַן אָרעם פאָלק. מיר אַרבעטן זייער שווער, און דערפאַר, אפשר, קענען די יאַפּאַנעזער זיך נישט אַזוי פיל אָפּגעבן מיט גייסטיקער קולטור. די יאַפּאַנעזער זענען גוטע מענטשן. זיי גלייבן יעדן, זיי גלייבן סיי וואָס עס זאָגן זיי גוטע מענטשן, און סיי וואָס עס זאָגן זיי שלעכטע מענטשן, וועלכע זענען נאָר אויסן זיי צו פאַרפירן. און פון דעם דאַרף מען די יאַפּאַנעזער אָפּהיטן.

אונדזער געשפּרעך איז געווען געענדיקט. ער האָט זיך פאַר מיר טיף פאַר־בייגט און געזאָגט, אַז ס'איז פאַר אים געווען אַ גרויסער כבוד און אַזוי ווייטער און ווייטער, ווי עס פּאַדערט דער אָריענטאַלישער פּסוק.

איך בין אַרויס אין דרויסן און לאַנג געטראַכט, וואָס איך בין געווען אינע־ווייניק — אַ גאַסט אָדער אַ פאַרדעכטיקער.

ביזן היינטיקן טאָג איז מיר דאָס נאָך נישט קלאָר.

קאַנטראַסטן אויף די גאַסן פון מעקסיקע

איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון מעקסיקעס וווּנדערלעכער הויפּט־שטאָט און געטראַכט וועגן משה רבינו. איך האָב געטראַכט, אַז דער גרעסטער פאַרדינסט פון אונדזער ערשטן פאָלקס־פירער איז נישט באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון הימל אַ תורה פאַר די באַפרייטע שקלאַפן, נאָר וואָס ער האָט געהאַט דעם מוט די דאָזיקע תורה צוצוברעכן.

די שענסטע תורה האָט נאָר דעמאָלט אַ זין און אַ ווערט, אויב מען נוצט זי. נוצט מען זי, אָבער, נישט, איז אַ שאָד דער שטיין, אויף וועלכן זי איז אויסגעקריצט און דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן זי איז אָפּגעדרוקט.

אַזוי האָט צו זיך געזאָגט משה, ווען ער איז אַראָפּגעקומען פון באַרג סיני מיט די לוחות אין די הענט און געזען ווי דאָס פאָלק טאַנצט אַרום גאָלדענעם קאַלב. און אָן וואַקלעניש האָט ער אַ שליידער געטון די לוחות אונטערן באַרג אין זיי צעבראָכן.

קיין לוחות מיט קיין עגל זענען נישט קיין פּאָר! ביידע טאָרן זיך נישט געפינען אונטער איין פאָלקס־דאַך. אַנדערש, באַקומט זיך אַזאַ שוואַרץ־ווייס באַשעפעניש, ווי — מעקסיקע.

מעקסיקע איז נישט דאָס איינציקע לאַנד, ווו עס לעבן אונטער איין דאַך דער עגל מיט די לוחות, אָבער אין קיין אַנדער לאַנד האָט זיך מיר דאָס אַזוי שטאַרק נישט געוואָרפן אין די אויגן, ווי דאָרט. אפשר איז דערין אויך שולדיק די מעקסיקאַנער זון. זי האָט פאַר מיר צו־שטאַרק אָפּגעדעקט און צו־שאַרף באַלויכטן ביידע, די לוחות און דעם עגל. אונטער אירע שטראַלן האָבן מעקסיקעס שיינע געזעצן אויסגעזען אין מיינע אויגן נאָך שענער און מעקסיקעס העסלעכע אומגעזעצלעכקייט — נאָך העסלעכער.

***

ווען עס וואָלט געווען מעגלעך צו באַזוכן אין מעקסיקע סיטי די רעגירונגס־געביידעס, קונסט־גאַלעריעס, גאַסן־מאָנומענטן, פּאַרקן און אויך זיך באַקענען מיט דער סאָציאַלער געזעצגעבונג פון לאַנד, אָבער דערביי נישט צו באַגעגענען קיין מענטשן, וואָלט מען געקענט באַקומען דעם איינדרוק, אַז מעקסיקע איז דאָס פּראָג־רעסיוווסטע און גליקלעכסטע לאַנד אויף דער וועלט.

אויף טריט און שריט דערציילן אייך די שטיינערנע און בראָנדזענע פיגורן פון מעקסיקעס נאַציאָנאַלע העלדן און אויך די פּאַרכאַפּנדיקע וואַנט־מאָלערייען פון מעקסיקעס גרעסטן מאָלער דיעגאָ ריוועראַ, אַז דאָס מעקסיקאַנער פאָלק האָט אין אַ רייע זיגרייכע רעוואָלוציעס אויסגעקעמפט פאַר זיך נאַציאָנאַלע און סאָ־ציאַלע פרייהייט און איצט געניסט עס אין נחת און אין פרייד פון די פרוכטן פון זיין אַרבעט. אַלע זיינע אונטערדריקער און אויסנוצער איז דאָס מעקסיקאַנער פאָלק בייגעקומען. פריִער די שפּאַניער, דערנאָך די פראַנצויזן, שפּעטער די היימישע פריצים און גלחים און ענדלעך די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן גע־האַלטן אין זייערע הענט מעקסיקעס גרעסטע נאַטירלעכע אוצרות — די נאַפט־קוואַלן. אויב איר ווילט זען אין מעקסיקע אַ גלח אין אַ סוטאַנע, דאַרפט איר גיין אין קירכע, אָדער אין מוזעום. אויף דער גאַס טאָר זיך קיין גלח נישט באַווייזן אין זיינע גלחישע קליידער. אויך אַ שטרייק־ברעכער וועט איר אין ערגעץ אין מעקסיקע נישט באַגעגענען, דאָס מעקסיקאַנער געזעץ דערלויבט נישט קיין שטרייק־ברעכעריי. אַ שטרייק איז הייליק און ער ווערט געשיצט און אָפּגעהיט פון דער פּאָליציי. קוים דערקלערט דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין אַ שטרייק אין אַן אינטערנעמונג, ווערט איבער דער געביידע אַרויסגעהאָנגען אַ שוואַרצע פאָן און פּאָליציי ווערט אַוועקגעשטעלט היטן, דער שטרייק זאָל, חלילה, נישט געבראָכן ווערן.

אויך אַלע אַנדערע געזעצן, וועלכע זענען נוגע אַרבעטער, פּויערים און כּלל אָרעמע מענטשן, זענען פּונקט אַזוי פּראָגרעסיוו און הומאַניטאַר. אין אַלע קאָנ־פליקטן צווישן אַרבעטער און אַרבעטסגעבער איז דאָס געזעץ אויף דער זייט פון די אַרבעטער. דאָס גליק און דער פּראָגרעס גייען אין מעקסיקע נאָך דעם אָרעמען מענטשן אומעטום, אַפילו אין תּפיסה. אַן אַרעסטירטער געניסט אין מעקסיקע פון דער ברייטסטער פרייהייט. מען דערלויבט אים אַפילו אַריינצונעמען צו זיך אין קאַמער זיין ווייב.

אָבער אַז איר קערט אָפּ אייער בליק פון דעם שטאָלצן, גליקלעכן אַרבעטער, וואָס קוקט צו אייך אַראָפּ פון די בראָנדזענע דענקמעלער אויף די סקווערן, פון די שטיינערנע ווענט אין די מוזעומס און פון די פּאַפּירענע בלעטער פון די געזעץ־

ביכער און איר ווענדט אים צו דעם לעבעדיקן אַרבעטער אויף דער גאַס, דערשרעקט איר זיך. אין געזעץ האָט דער אַרבעטער אַלץ און אין לעבן האָט ער נישט קיין רעכט העמד אויפן לייב. דער אַרבעטער פון פּאַפּיר שרייט שטאָלץ, אַז ער האָט שוין זיגרייך פאַרענדיקט די סאָציאַלע רעוואָלוציע און דער אַרבעטער פון בלוט און פליש זאָגט:

— זי האָט זיך נאָך אַפילו נישט אָנגעהויבן.

אין פאַרלויף פון צען יאָר האָב איך נישט באַגעגנט אין ניו־יאָרק אַזוי פיל קינדער־אַרבעטער און אַזוי פיל קאַליקעס, וויפל איך האָב באַגעגנט אין פאַרלויף פון איין טאָג אין מעקסיקע.

פונקט ווי מיר האָבן אין ניו־יאָרק און בכלל אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיך צוגעוווינט, אַז אַ מענטש דאַרף גיין אין אַ פּאָר גאַנצע הויזן, האָבן מיר זיך אויך צוגעוווינט, אַז אַ קינד דאַרף גיין אין שולע. דאָס זענען פאַר אונדז געוואָרן זאַכן, וואָס ביי זיי האָבן מיר אָוועקגעשטעלט אַ „פאַרשטייט זיך״.

פאַרשטייט זיך, אַז קינדער דאַרפן לערנען.

אין מעקסיקע, אָבער, האָב איך אויף טריט און שריט דער דאָזיקע „פאַרשטייט זיך״ פאַרלוירן.

די גאַסן און פאַרוויילונגס־פּלעצער זענען פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט פול מיט אויסגעדאַרטע, אָפּגעריסענע קינדער, וואָס טוען אַלערליי אַרבעטן, וועלכע ביי אונדז טוען געוויינלעך דערוואַקסענע: שלעפּן פּעק, פירן פאַרשיידענע גאַסן־מכּרים, טראָגן ליים און ציגל אויף רישטאָוואַניעס, טרייבן שיפלעך אויפן וואַסער.

און מער פון אַלץ פאַרנעמען זיך קינדער מיט פאַרקויפן די פּאָפּולערסטע סחורה פון מעקסיקע — לאָטעריע־צעטלען. ווו דו זאָלסט נישט זיצן, צי אין אַ רעסטאָראַן, אָדער אויף אַ באַנק אין פּאַרק, וואַקסט פלוצלינג פאַר דיר אויס אַ ברודיק, באָרוועס קינד, האַלטנדיק אין דאַרן הענטל אַ פּאַק לאָטעריע־צעטלען:

— אַ מיליאָן צו געווינען.

צוויי מאָל אין וואָך דרייט זיך אין מעקסיקע דאָס גרויסע ראָד פון גליק. דאַרפסט נאָר טרעפן דעם ריכטיקן נומער און דאָס ראָד וועט זיך אָפּשטעלן ביי דיין טיר. גאַנץ מעקסיקע איז כסדר פאַרנומען מיט זוכן דאָס צעטעלע מיטן ריכ־טיקן נומער.

דאָס קינד פּאַכעט פאַר דיין פּנים מיט אַ צעטעלע: „דאָ ליגט דיין גליק. דאָס איז דער ריכטיקער נומער״ — זאָגן זיינע טונקעלע, הונגעריקע אויגן.

דיר וועט דאָס צעטעלע ברענגען דעם מיליאָן און אים — אַ פּאָר קוקורוזע־פּלעצלעך מיט שוואַרצע אַרבעסלעך.

אָבער עס ברענגט נישט.

נישט נאָר ברענגט עס נישט דעם מיליאָן, נאָר אַפּילו קוקורוזע־פּלעצלעך ברענגט עס זעלטן. צענדליקער טויזנטער מעקסיקאַנער קינדער־סוחרים גייען יעדע נאַכט שלאָפן הונגעריקע.

די קאָנקורענץ איז גרויס. עס זענען דאָ צופיל יונגע גליק־פּאַרקויפער אין מעקסיקע.

אָבער די אורזאַך פון דער גרויסער צאָל גאַסן־קינדער דאַרף מען נישט בלויז זוכן אין דער אַלגעמיינער נויט פון לאַנד, נאָר אויך אין דעם לויזן מעקסיקאַנער פאַמיליען־לעבן.

מעקסיקע איז טאַקע אַ קאַטוילייש לאַנד, אָבער דאָס שטערט איר נישט צו האָבן אַ רעקאָרד־צאָל פון אַזוי־גערופענע אומגעזעצלעכע קינדער. קיין גענויע סטאַטיסטיק איז נישט פאַראַן, אָבער איר וועט זעלטן טרעפן צווישן די יונגע גאַסן הענדלער אַ קינד, וואָס ווייסט ווער עס איז זיין טאַטע. נישט אומזיסט האָט זיך אין מעקסיקע איינגאַנצן נישט אָנגענומען דער „פאָטערס טאָג״, אין דער צייט וואָס דער „מוטערס טאָג״ ווערט דאָרט געפייערט מיט אַזאַ פּאַראַד, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן אויף דער גאַנצער וועלט. מוטערס זענען דאָ און פאָטערס זענען נישטאָ. מען דאַרף זיי גוט זוכן.

דער מעקסיקאַנער איז פּרימיטיוו, ראָמאַנטיש און לייכטזיניק. ער גיט זיך גיך אַ צינד־אָן, און דעמאָלט איז ער גרייט פאַר זיין אויסדערוויילטער אַלץ אָוועקצוגעבן: אַפילו דאָס מעסער, וואָס איז אים באַזונדערס טייער. אָבער פּונקט אַזוי גיך, ווי ער צינד זיך אָן, אַזוי גיך לעשט ער זיך אויס. ערשט נעכטן האָט ער צוליב איר פאַרלוירן זיין קאָפּ און היינט האָט ער שוין פאַרלוירן איר אַדרעס.

אַ ביסל איז אויך דערין שולדיק דער קלימאַט, דער אייביקער צושטאַנד פון האַלבן דרימל, פון זיסלעכן שיכרות, ווען די בלוטן רעגירן מיטן קאָפּ, און ווען די זון מאַכט מענטשן און פלאַנצן אויסזען אַנדערש ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט היינט האָט די זון זיך געשפיגלט אין „איר״ פּנים, זינגט ער צו „איר״ דאָס ליב פון אייביקער ליבע און אייביקער געטריישאַפט און ער איז גרייט צו דערשטעכן יעדן איינעם, וואָס וועט וואַגן אויף „איר״ צו וואַרפן אַ צו־דרייסטן בליק. „זי״ איז זיינע און נאָר זיינע. מאָרגן זענען די זון־שטראַלן געפאַלן אויף אַן אַנדערס פּנים און ער האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז אייגנטלעך קען ער נישט לעבן אָן אָט־דער, אָן דער צווייטער...

דערווייל ווערן געבוירן קינדער, די נאַטור גייט זיך מיט איר נאָרמאַלן גאַנג, נישט רעכענענדיק זיך דערמיט, ווו דער מאַן איז געגאַנגען.

ב. שעפנער

***

איך האָב לאַנג אומגעוואַנדערט איבער די אָרעמע געגנטן פון דער שטאָט מעקסיקע. סך־הכל עטלעכע הונדערט טריט פון די פּאַלאַצן און לוקסוס־ווילעס האָב איך געטראָפן „וווינונגען", ווו עס זענען נישט געווען נישט קיין פענצטער, נישט קיין פּאָדלאָגעס, נישט קיין ליכט, נישט קיין וואַסער און אויך נישט קיין — טאַטעס. דערפאַר זענען אָבער דאָרט געווען מוטערס און קינדער. אַ סך, אַ סך קינדער. אין איינער אַזאַ וויסטער קבר־דירה האָב איך געטראָפן אַכט קינדער. אין אַן אַנדערער — זעקס, פינף. דריי־פיר קינדער איז געווען אַ קליינע פאַמיליע.

פיל פון די קינדער ווייסן אַפילו גאָרנישט, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ „אינסטיטוציע", ווי אַ טאַטע. זיי ווייסן, אַז אַ קינד דאַרף האָבן אַ מאַמע און אַז אַ קינד דאַרף פאַר־דינען אויף צו לעבן.

פילן זיי טאַקע אָן, די דאָזיקע קינדער, די גאַסן און מערק פון מעקסיקע. זיי אַרבעטן, זיי האַנדלען, זיי פירן טראַנספּאָרטן אויף אייזעלעך, וועלכע זענען פונקט אַזוי שמוציק און אויסגעדאַרט ווי זיי, זיי פאַרקויפן גליק.

די מיינסטע פון זיי קענען נישט לייענען און נישט שרייבן. פון וואַנען זאָלן זיי קענען? נישט די שולע זוכט זיי, און נישט זיי זוכן די שולע.

אין מעקסיקעס געזעצן זענען טאַקע פאַראַן שולעס פאַר אַלע קינדער, אָבער אין די מעקסיקאַנער געזעצן איז דאָך אויך פאַראַן סאָציאַלע גערעכטיקייט...

ביסלעכווייז האָב איך דערפילט, ווי די פעק „פאַרשטייט זיכס", וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווערן צערונען אונטער דער מעקסי־קאַנער זון.

„פאַרשטייט זיך, אַז קינדער דאַרפן גיין אין שולע?" — ניין, עס פאַרשטייט זיך גאָר נישט.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַ מענטשלעך הויז דאַרף זיין וואַסער? — ניין, עס פאַרשטייט זיך נישט.

„פאַרשטייט זיך, אַז אַן אַרבעטער דאַרף פאַרדינען אויף אַ גאַנץ העמד? — ניין, עס פאַרשטייט זיך נישט.

און אָט וואַקסט פאַר מיינע אויגן אויס אַ בילד, וואָס מאַכט ווידער אַ תל פון נאָך אַ „פאַרשטייט זיך" — אַ בילד פון בריוו־שרייבער. אין דער שיינער געגנט פון דער הויפּט־פּאָסט האָב איך זיי געטראָפן אונטערן פרייען הימל, בריוו־שרייבער מיט שרייב־מאַשינקעס און אויך אַלטמאָדישע בריוו־שרייבער, וואָס שרייבן בריוו מיט דער האַנט. אָרעמע מענטשן, וואָס קענען אַליין קיין בריוו נישט אָנשרייבן, קומען

אַהער צוגיין און באַצאָלן עטלעכע סענט, מען זאָל זיי אָנשרייבן אַ בריוול. ביי איינעם אַזאַ האַנט־בריוו־שרייבער האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. אַן אָרעמע פרוי איז דאָרט געזעסן און מיט די לעפצן שטיל דיקטירט אַ בריוו. איך האָב נישט געהערט די ווערטער, אָבער איך האָב געזען דעם צער אין די אויגן פון דעם דאָזיקן אומבאַהאָל־פּענעם מענטשן, וואָס דאַרף אָנקומען צו פרעמדע הענט אויף צונויפשרייבן זיך מיט אַ נאָענטן. אפשר איז דאָס אַ בריוול צו אַ קינד, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער פרעמד, און אפשר איז עס אַ געבעט צו אַן אַנטלאָפּענעם מאַן, ער זאָל צוריק־קומען.

„פאַרשטייט זיך, אַז אַ מענטש דאַרף קענען אַליין אָנשרייבן אַ בריוול?״ — ניין, עס פאַרשטייט זיך נישט!

און דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל דער עגל און די לוחות לעבן זיך געמיטלעך אונטער איין דאַך. די שיינע געזעצן בלייבן זיך געזעצן, קיינעם פאַלט נישט איין זיי צו ליקווידירן. פאַרקערט, יעדעס מאָל ווערן געשאַפן נייע, נאָך שענערע, אָבער גלייכצייטיק טאַנצן זיך פריי און הפקרדיק אין אַלע גאַסן די העסלעכע אומגע־זעצלעכקייטן.

***

אין מעקסיקע איז אייגנטלעך געשען דאָס, וואָס האָט שוין נישט איינמאָל גע־טראָפן אויך אין אַנדערע לענדער נאָך זיגרייכע רעוואָלוציעס:

די מאַכער פון דער רעוואָלוציע זענען מיט דער צייט געוואָרן די קאַסירער פון דער רעוואָלוציע...

אָבער אין מעקסיקע ווערט די דאָזיקע קאָרופּציע געטריבן אָפענער, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער און, איך וואָלט געזאָגט, גוטמוטיקער. דער מעקסיקאַנער באַאַמטער, הויכער און נידעריקער, ווען ער נעמט ביי אייך געלט פאַר דערלויבן „אַרומגיין״ דעם געזעץ, מאַכט נישט דערביי דעם אָנשטעל, אַז ער באַגייט צוליב אייך ווער־ווייס וואָס פאַר אַ געוואַלדיק פאַרברעכן, אָדער, פאַרקערט, אַז ער איז אַ מאַרטירער, וואָס ברעכט אַ קליינעם געזעץ צוליב עפּעס אַ העכערן צוועק. ער איז אויפריכטיק און אויך גוטמוטיק, ווי ער וואָלט געטון איינע פון זיינע נאָרמאַלע טאָג־טעגלעכע פונקציעס, ווי, אַ שטייגער — געשפּילט אויף דער לאָטעריע, אָדער גענומען זיך נאָך אַ ווייב. אַוודאי איז לויט די געזעצן נישט דערלויבט צו האָבן צוויי ווייבער, אָבער יעדער ווייסט אין מעקסיקע, אַז דאָס דאָזיקע געזעץ האָט מיטן לעבן קיין שייכות נישט. פונקט אַזוי ווייסט יעדער איינער, אַז דאָס געזעץ נישט צו נעמען קיין כאַבאַר האָט מיטן לעבן קיין שייכות נישט. אין די אויגן פון דורכ־

שניטלעכן מעקסיקאַנער זענען בײדע זאַכן נישט קײן זינד. ער װײַסט: אײן װײַב איז צו־װײניק און אײן געהאַלט איז צו־װײניק.

אַ באַאַמטער קען פֿון זײַן געהאַלט נישט לעבן, ער מוז פֿאַרדינען „פֿון אַ זײַט". פֿאַרן נידעריקן באַאַמטן איז עס אײנפֿאַך אַ פֿראַגע פֿון ברױט און פֿון פּאָר גאַנצע שיך. די געהאַלטן, װאָס די רעגירונג צאָלט אירע באַאַמטע און אױך די פּאָליצײ־אַנגעשטעלטע, זענען אַזעלכע נישטיקע, אַז זײ קלעקן נישט אַפֿילו אױפֿן באַשײדנסטן לעבן. דער געהאַלט פֿון פֿינף־זעקס אַמעריקאַנער דאָלער אַ װאָך געהערט װײַט נישט צו די קלענסטע, דערבײ זענען די פּרײַזן פֿון קלײדער און אַפֿילו לעבנס־מיטל נישט פֿיל קלענער װי אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן.

מיר איז אױסגעקומען עטלעכע מאָל צו זען װי טראַפֿיק־פּאָליציאַנטן האָבן „גע־נומען" און יעדעס מאָל האָב איך באַװוּנדערט װי פֿרײ און גוטמוטיק זײ האָבן זיך דערבײ געהאַלטן. שעמען זיך? — האָבן זײערע אױגן װי געפֿרעגט — זאָלן זיך שעמען די, װאָס נעמען נישט. זאָלן זײ זיך שעמען, דערפֿאַר, װאָס זײ זענען אַזעלכע בהמות.

אָבער קײן סך אַזעלכע „בהמות" זענען אין מעקסיקע נישטאָ. עס נעמען אַלע, פֿון אונטן ביז גאָר אױבן. דער נידעריקער נעמט אױף אַ פּאָר שיך און דער העכערער נעמט אױף אַ װילע. מען דערצײלט, אַז אײן געװעזענער מיניסטער האָט אין זײַן פּאַלאַץ זיך אײַנגעאָרדנט אַ באָד־צימער, װאָס האָט אָפּגעקאָסט אַ פֿערטל מיליאָן דאָלער. געװען אין מעקסיקע אַ קאָמוניקאַציע־מיניסטער, װעלכער האָט גענומען אַ שטענדיקן אָפּצאָל פֿון זײַנע אײגענע באַאַמטע. זײ האָבן אים געדאַרפֿט אַראָפּגעבן צען פּראָצענט פֿון זײער געהאַלט. אין די בענק פֿון די פֿאַראײניקטע שטאַטן ליגן צענדליקער מיליאָן דאָלער פֿון הױכע מעקסיקאַנער רעגירונגס־באַאַמטע, װעלכע זענען בײַם איבערנעמען זײערע אַמטן געװען אײזערנע קבצנים. דאָס האָבן זײ אָפּגעשפּאָרט אַ „זײַטיקן גראָשן" אין פֿאַרלױף פֿון די געצײלטע פּאָר יאָר, װאָס זײ זענען געזעסן אױף דער רעגירונגס־שטעלע. מען דערצײלט אין מעקסיקע, אַז װען די מעקסיקאַנער רעגירונג האָט זיך געװענדט צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג װעגן אַן הלװאה, זאָל װאַשינגטאָן האָבן געענטפֿערט, אַז עס װאָלט געװען אַ יושר די מעקסיקאַנער געװעזענע הױכע רעגירונגס־באַאַמטע זאָלן אױסבאָרגן זײער רעגירונג די מיליאָנען דאָלערס, װאָס זײ האָבן אין די אַמעריקאַנער בענק.

איך האָב זיך אין מעקסיקע אָנגעהערט אומצײליקע געשיכטעס װעגן דעם, װער אַלץ עס נעמט און װי אַזױ מען נעמט. אָט אײנע אַזאַ געשיכטע: אײנע פֿון די שענסטע און מאָדערנסטע טעאַטער־געבײדעס אין דער שטאָט מעקסיקע געהערט צו אַ געװעזענעם מיניסטער. ער איז געקומען צו דער געבײדע דורך אַ צופֿאַל. ער איז

איינמאָל פאַרבייגעגאַנגען די געביידע, ווען זי האָט זיך געהאַלטן אין בויען, און זי איז אים געפאַלן אין אויג־אַריין, אַט אַזוי ווי די אַמאָליקע דעספּאָטן איז „געפאַלן אין אויג־אַריין" אַ פרעמד ווייב. אויף צו־מאָרגנס האָט ער צוגעשיקט אַ שליח צום אייגנטימער מיט אַ פאָרשלאָג צו פאַרקויפן אים די געביידע. דערביי האָט ער אָנגעבאָטן אַ פּרייז, וואָס איז געווען ווייניקער ווי אַ פערטל פון איר ווערט. דער אייגנטימער האָט זיך אויסגעלאַכט. ווען דער שליח איז צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אַז דער אייגנטימער איז איינגעשפּאַרט האָט דער מיניסטער אַ שמייכל געטון: „ער וועט בעסער ווערן". און ער האָט „געטראָפן". אין אַ חודש אַרום, נאָכדעם ווי דער אייגנטימער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער וועט קיינמאָל די געביידע נישט קענען פאַרענדיקן, ווייל די רעגירונג לאָזט נישט „צוליב אורזאַכן פון עפנטלעכער זיכערקייט", איז ער ווייכער געוואָרן. ער האָט געלאָזט וויסן דעם מיניסטער, אַז ער האָט זיך אַרומגעזען, דאָס דער פאַרגעלייגטער פּרייז איז אַ גאַנץ גוטער און ער איז גרייט צו מאַכן דאָס געשעפט. איצט האָט דער מיניסטער זיך געקענט איינשפּאַרן, אָבער ער האָט דאָס נישט געטון, ער האָט נאָכגעגעבן און באַצאָלט דעם צוגעזאָגטן פּרייז.

און אַז אַלע נעמען, פאַרוואָס זאָלן די סעקרעטאַרן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען נישט נעמען? — נעמען טאַקע אַ סך פון זיי. נישט, חלילה, פון די אַרבעטער. זיי האָבן דאָך נישט, נאָר פון די אַרבעטס־געבער. מאַנכע נעמען נישט פאַר עפּעס ספּעציעלע טובות, נאָר גלאַט אַזוי. מען מוז דאָך לעבן. דער באַלעבאָס ווייסט דאָס און ער גיט. אַזוי פילט ער זיך רויקער. אַ סעקרעטאַר, וואָס „נעמט", רעדט מיטן אַרבעטס־געבער אָנשטענדיקער, מענטשלעכער. פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע, וואָס נעמען פאַר באַשטימטע „לייסטונגען". זיי נעמען און גיבן. מיר אַליין האָט אַן אַרבעטס־געבער דערציילט, אַז נאָכדעם ווי ער איז געהאַט אַדורכגעקומען מיט זיינע אָפּגעזאָגטע אַרבעטער וועגן אויסצאָלן זיי אַ געוויסע סומע אַלס אַנטשעדיקונג, איז צו אים געקומען דער סעקרעטאַר פון דער יוניאָן און אים פאַרגעלייגט, ער זאָל אים, דעם סעקרעטאַר, געבן אַ דריטל פון דער באַשטימטער אַנטשעדיקונגס־סומע און דערפאַר וועט ער אים געבן די מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען פון זיינע אַרבעטער אָן אַ גראָשן אַנטשעדיקונג. דאָס געזעץ איז טאַקע זייער פּראָגרעסיוו און אַרבעטער־פריינטלעך און עס זעט פאַר אַ בכבודיקע אַנטשעדיקונג פאַר אַן אָפּגעזאָגטן אַרבעטער, אָבער ביי אַ קליין ביסל אָנשטרענגונג קען מען מאַכן, אַז די געזעץ־היטער זאָלן זיין נאָך פריינטלעכער פאַר די אַרבעטס־געבער.

מעקסיקע איז אַן אָרעם לאַנד. פון די פופציק מיליאָן אַקער לאַנד, וואָס וואָלטן געקענט קולטיווירט ווערן, זענען בלויז 23 מיליאָן באַאַרבעט און אויך זיי גיבן בלויז

אַרויס פון יעדן אַקער איין דריטל פון דעם, וואָס עס גיט אַרויס אַן אַקער לאַנד אין די פאַראייניקטע שטאַטן. עס מאַכט אויס איין אַקער אָרעם לאַנד פאַר אַן איינווינער, אין דער צייט וואָס אין די פאַראייניקטע שטאַטן מאַכן אויס דריי אַקער רייך לאַנד אויף אַ קאָפּ. מעקסיקע דאַרף וואַסער פאַר אירע פעלדער. אַפילו דאָס וואַסער, וואָס דער הימל שיקט אַראָפּ, בלייבט נישט אינגאַנצן אויף דער מעקסיקאַנער ערד. די מאַיעסטעטישע מעקסיקאַנער בערג, טרייבן אַוועק די רעגן־שטראָמען אין גאָלף און אין פּאַסיפיק. די זעלבע בערג וואָס גיבן־צו מעקסיקע אַזויפיל שיינקייט, גיבן איר גלייכצייטיק צו אָרעמקייט. אָבער אויך דאָס ביסעלע גוטס, וואָס מעקסיקע פאַרמאָגט, ווערט געטריבן אין די קעשענעס פון אַ קליין הייפעלע. און דאָס שוין נאָך אַלע זיגרייכע רעוואָלוציעס און דורכגעפירטע סאָציאַלע רעפאָרמען.

און דער „באַפרייטער” מעקסיקאַנער, אַן אָפּגעריסענער און באָרוועסער, רייט זיך אויף זיין אויסגעדאַרט אייזעלע צווישן די פּאַלאַצן און מאָנומענטן און חלומט וועגן אַ פּאָר קוקורוזע־פּלעצלעך.

אַזוי זעט אויס אַ לאַנד, וואָס אונטער זיינע הימלען הויזן אין פרידן די געטלעכע לוחות צוזאַמען מיטן גאָלדענעם קאַלב.

אַ שמועס וועגן מאָרגן אויף די געסלעך פון האַוואַנאַ

איך האָב געוואַנדערט איבער די שמאָלע געסלעך פון אַלט־האַוואַנאַ מיט אַ ווילנער יונגנמאַן און געשמועסט וועגן אַזאַ נאָענט־ווייטע זאַך, ווי מאָרגן.
לוינט מקריב זיין דעם היינט פאַרן מאָרגן?

ער, דער נעכטיקער שילער פון דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע און דער נעכטיקער פלאַמיקער רעוואָלוציאָנער, האָט גערעדט וועגן אַלע מאָרגן־באַגליקער, סיי גויאישע און סיי יידישע, מיט טרעפלעכער איראָניע און מיט באַרעכטיקטער פאַרביטערונג.

די שאַרפע שטריכן פון זיין מאָגער, אינטעליגענט פּנים זענען, דאַכט זיך, געוואָרן נאָך שאַרפער, נאָך געשפּאַנטער, און די טונקעלע אויגן זיינע — טיפער, גלאַנציקער.

מאָרגן? — ער האָט באַקומען גאָר אַ האַרבע לעקציע פון די, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן זייערע אייגענע פעלקער און אויך די גאַנצע וועלט צו באַזאָרגן מיט „אַ גליקלעכן מאָרגן" — אַ לעקציע, וואָס ער וועט האָבן צו געדענקען זיין גאַנץ לעבן.

ער איז ביזן סוף פון דער מלחמה געווען אַ „גאַסט" אין סאָוועטישן מאָרגן־לאַנד. ער איז אַוועק אַהין אַ באַגייסטערטער, אַ גלויביקער, מיט דער גרייטקייט צו שטעלן זיין יונג לעבן און זיינע אַלע קענטענישן און זיין התלהבות אין דינסט פון דעם ליכטיקן מאָרגן און ער איז געקומען פון דאָרט אַן אַנטוישטער נישט בלויז אין די סאָוועטישע מאָרגן־גליקן, נאָר אויך אין די אַנדערע „מאָרגניסטן", וואָס נעמען זיך דאָס רעכט היינט אַרויפצולייגן אַלץ נייע און נייע לאַסטן אויף געבויגענע מענטשלעכע פּלייצעס פאַרן צוזאָגן, אַז מאָרגן וועט דאָס לעבן זיין לייכטער.

מיטן „מאָרגן" צאָלן אַ סך שווינדלער אַלע זייערע היינטיקע חובות; מיטן „מאָרגן" פאַרדעקן אַ סך רשעים זייערע היינטיקע זינד; מיטן „מאָרגן" האַקן היינט מאַסן־מערדער אומשולדיקע קעפּ.

ער איז אויך איצט אַן אידעאַליסטישער ייִד, וואָס באַמיט זיך מיט אַלע כוחות אַריינצוברענגען אַ ביסל דערהויבנקייט און יום־טובדיקייט אין דעם וואָכעדיקן לעבן פון דעם קליינעם ייִדישן קיבוץ, וועלכן דער גורל האָט פאַרוואָרפן אויפן הייסן קור־באַנער אינדזל, אָבער פאַר די פּראָפעסיאָנעלע פּרעדיקער פון „ליכטיקן מאָרגן" שרעקט ער זיך. וואָס גלאַטיקער עס זענען זייערע רייד, אַלץ ווייניקער צוטרוי האָט ער צו זיי.

עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר קומט אויס צו שמועסן מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך ביטער אַנטוישט אין די פאַלשע „מאָרגן־פּרעדיקער", אָבער קיין מאָל האָט אַזאַ שמועס פאַר זיך נישט געהאַט אַזאַ צוגעפּאַסטע ראַם, ווי דער, וועלכער איז געפירט געוואָרן אויף די געסלעך פון האַוואַנאַ.

אַט גייען מיר אויף אַ שמאָל געסעלע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אינקוויזידאָר" — אויף דעם געסל האָט עס די הייליקע אינקוויזיציע מיט דריי־הונדערט יאָר צוריק געפירט די אַפּיקורסים און מאַראַנען צום שייטער־הויפן, ווו מען האָט היינט פאַר־ברענט זייערע קערפּערס, כדי צו ראַטעווען פאַר מאָרגן זייערע נשמות. און אַט פאַרקערעווען מיר אין אַ צווייט געסל, וואָס פון ראָג קוקט צו אונדז אַהער דער גרינער צלם פון דער אינקוויזיציע. ביי דעם צלם האָבן זיך די פאַרמשפּטע געדאַרפט אָפּשטעלן און אים קושן, איידער זיי זענען אַוועק אויף זייער לעצטן וועג — צום ליכטיקן „מאָרגן".

די שמאָלע געסלעך האָבן ווי צוגעשאָקלט מיט זייערע גרויע קעפּ צו די רייד פון מיין האַוואַנער פריינט.

— יאָ, יאָ — האָבן זיי, דאַכט זיך, געזאָגט — מיר זענען עדות וואָסערע גרוי־זאַמקייטן און מיאוסקייטן מענטשן קענען אַלץ אָפּטון אין נאָמען פון שיינעם מאָרגן.

**
*

אָבער נישט בלויז די אַלטע געסלעך פון האַוואַנאַ, נאָר אויך אירע נייע ברייטע גאַסן, די שאָטנדיקע פּאַלמען אַלייען, די שפּיל־פּלעצער און קאַפע־הייזער זענען אַ זייער פּאַסיקע ראַם פאַר אַ שמועס וועגן היינט און מאָרגן.

אומעטום, ווו נאָר איר גייט און שטייט באַגעגנט איר זיך מיט האַלב־נאַקעטע

און באַרוועסע פילאָסאָפן, וואָס זייער גאַנצער שטייגער־לעבן איז אַ געזאַנג צום היינט און אַ פאַרלייקענונג פון מאָרגן.

„אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן" — שרייט האַוואַנאַ אייך כסדר אין אויער אַריין.

דער מענטש פון די באַרדישע לענדער, וואָס קומט צום ערשטן מאָל קיין קובאַ (און דאָס איז אין דער גרעסטער מאָס אויך ריכטיק וועגן די אַנדערע לאַטייך־אַמעריקאַנער לענדער) ווערט געוויינלעך איבערראַשט פון דער גרויסער אָרעמקייט און גרויסער רייכקייט, וואָס ער באַגעגנט האַרט איינע נעבן דער צווייטער. אָט זענען די שענסטע ווילעס און פּאַלאַצן, וועלכע באָדן זיך אין בלומען און אין לוקסוס און בלויז עטלעכע טריט ווייטער — מענטשלעכע הייזקעס, צונויפגעשטעלט פון שטיק־לעך ברעטער און פאַרראָסטע שטיקלעך בלעך, צעגליטע אין דער טראָפּישער זון, און אָנגעפילט מיט האַלב־נאַקעטע, שמוציקע קינדער, וואָס מען קען פון ווייטנס אָפילו אָנציילן די אַרויסשטאַרצנדיקע ביינער אויף זייערע דאַרע לייבער.

אָבער נאָך מער ווערט דער פרעמדער איבערראַשט פון דער זאָרגלאָזיקייט און פריילעכקייט, וואָס ער באַגעגנט אין די הייזקעס און אויף די פּנימער פון די אָרעמע. די שטעט און דערפער זענען פול מיט פריילעכע קבצנים. מען טראָגט אַ פּאָר צעריסענע, לייוונטענע הויזן און אַ פּאָר אויסגעריבענע סאַנדאַלן אויף די פיס און — מען טאַנצט.

אַבי מען האָט צוויי סענט אויף אַ קאַווע, איז מען אויסגעזאָרגט. ווער שמועסט נאָך, אַז מען האָט אויך עטלעכע סענט אויף אַ ביסל בעבלעך — דעמאָלט לאַכט מען שוין אינגאַנצן פון דער וועלט.

אַי, וועט איר דאָך פרעגן, וואָס וועט זיין מאָרגן?

איז דער תּירוץ, אַז קיין מאָרגן אַנערקענט נישט די דאָזיקע פריילעכע קבצנים. מאָרגן איז אַן ענין פאַר גאָט און נישט פאַר קובאַנער.

אמת, די קובאַנער ווי אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער, באַנוצן אָפט דאָס וואָרט „מאָרגן" — מאַניאַנאַ. אָבער נאָר אויף איין צוועק — אויף אָפּצושיקן אַהין אַלע דאגות און אַלע קאָפּ־ברעכענישן, וואָס קומען שטערן דאָס ביסל פרייד פון היינטיקן טאָג. דאַרף מען עפּעס טון אַ זאַך, וואָס מען איז צו־פויל צו טון, גיט מען מיט אַ גרינג געמיט אַ זאָג „מאַניאַנאַ" — מאָרגן וועט מען עס שוין טון.

און דערווייל, ביז מאָרגן, שטעקט מען אַריין די הענט אין די קעשענעס און מען זינגט זיך צו אַ לידעלע וועגן אַ שוואַרץ־אויגיקער סעניאָריטאַ.

מיר, די „קלוגע" פעלקער, זאָרגן היינט סיי פאַרן היינט און סיי פאַרן מאָרגן,

און זיי, די לייכטזיניקע לאַטיין־אַמעריקאַנער, שיקן אַפֿילו די היינטיקע זאָרגן אַריי־בער צום מאָרגן.

אין אַ גרויסער מאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, אין דער דאָזיקער פֿילאָסאָפֿיע שול־דיק די זון. אומזיסט ווילן אונדז די פּאָעטן איינריידן, אַז די גרעסטע פֿאַרפֿירערין איז די לבֿנה. ניין, נאָך אַ פֿיל גרעסערע פֿאַרפֿירערין איז די זון, די טראָפּישע זון, וואָס וואַרפֿט אַריין די דרום־מענטשן אין אַ צושטאַנד פֿון האַלבן־דרימל, און רוימט זיי איין אין די אויערן אַריין מעשהלעך וועגן גן־עדנס און פּרינצעסינס.

און ווי פּאַסן זיך דאָ אַריין אַזעלכע פּראָזאַישע זאַכן, ווי אַרבעט און תּכלית?

אַוודאי, אַז מען מוז, אַז דער חלף ליגט אויפֿן האַלדז, איז קיין ברירה נישטאָ און מען שפּאַנט זיך איין אין לעבנס־וואָגן, אָבער ביי דער ערשטער געלעגנהייט גיט מען אַ צי־אַרויס דעם האַלדז פֿון שפּאַן און מען צעטאַנצט זיך הפֿקרדיק, ווי אַ יונג לאָשעקל אויף דער לאָנקע.

דערציילט מיר, למשל, מיינער אַ פֿריינט אין האַוואַנאַ, אַז זיין אָנגעשטעלטער איז דעם לעצטן שבת אַוועק פֿון דער אַרבעט און אָנשטאָט מאָנטיק איז ער צוריק־געקומען מיטוואָך. ער איז אַ ווילער און אינטעליגענטער בחור, אָבער ער איז אַ — קובאַנער. ער האָט לכּבֿוד דעם קאַרנאַוואַל, וואָס געדויערט אין קובאַ גאַנצע פֿינף וואָכן, זיך פֿאַרלענגערט דעם „סוף־וואָך״ אויף נאָך צוויי טעג. ער האָט אָנגע־הויבן טאַנצן שבת און ער האָט אַריינגעטאַנצט אין אין דינסטיק אַריין. און ער וואָלט נאָך ווייטער אויסגעצויגן דעם שבת און, לויטן ביישפּיל פֿון ר׳ שלמהן פֿון פּרצעס „גאָלדענער קייט״, נישט געמאַכט קיין הבדלה, ווען עס וואָלט נישט פּלוצלינג געשען קיין „צופֿאַל״ — ער האָט זיך געכאַפּט, אַז פֿון זיין קעשענע זענען פֿאַרשוווּנדן די לעצטע פֿינף סענט. איז אויב אַזוי — האָט ער געטראַכט — איז נישטאָ קיין ברירה, מוז מען מאַכן וואָך און צוואַרטן ביז מען וועט ווידער באַקומען אין קעשענע עטלעכע דאָלער. דעמאָלט וועט מען ווידער אָנהייבן פּראַווען דעם לאַנגן שבת.

דערוויס איך זיך פֿון אַ צווייטן קובאַנער ייִד:

דער גרעסטער טאָג פֿאַר די געשעפֿטן אין קובאַ איז שבת. דאָס איז דער טאָג, ווען די אַרבעטער נעמען אָפּ זייערע לוינען. זיי פֿאַרדינען זייער ווייניק אין פֿאַר־גלייך מיט די אַרבעטער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דאָס לעבן איז אין קובאַ נישט ביליקער און אויף וויפֿל עס האַנדלט זיך וועגן סחורות — אַפֿילו טייערער, ווי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע באַזאָרגן זייער צוקער־שכנטע מיט אַלע אינדוסט־ריעלע אַרטיקלען. אָבער אַ לוין פֿון זעכציק דאָלער אַ חודש פֿאַר אַן אַרבעטער איז אַ שיינער פֿאַרדינסט. מער־ווייניק די זעלבע געהאַלטן באַקומען אויך ביוראָ־

אָנגעשטעלטע. אַ דינסט־מיידל קען מען באַקומען פאַר אַ „לוין" פון אַכט־צען דאָלער אַ חודש. דערלויבן זיך טאַקע געשעפטס־מענטשן צו האָבן עטלעכע דינסטן. פאַרוואָס נישט? פאַר עטלעכע דאָלער קען אַ באַלעבאָסטע זיין אַ גאַנצע „מאַדאַם". אָבער די גאַנצע וועכנטלעכע פענסיע פון 15 דאָלער גיבן פיל קובאַנער אַרבעטער אויס שוין שבת אין אָוונט. מען גייט איבער די געשעפטן און מען קויפט אַלץ וואָס די אויגן זעען. פיל זאַכן נעמט מען אויף אויסצאָלן, איינצאָלנדיק באַלד דעם ערשטן דאָלער. נאָך עטלעכע וואָכן וועט ער אויפהערן צאָלן און דעמאָלט וועט מען ביי אים די ראַדיאָ, אָדער דעם פרידזשידעיר צונעמען. וועט ער זיך אויך נישט אַוועקזעצן וויינען — דערווייל האָט ער זיך מיט די זאַכן אָנגעפרייט עטלעכע וואָכן. איז עס שוין ווערט דאָס געלט. און דעם קומענדיקן שבת וועט ער ווידער נעמען אַ פרי־דזשידעיר אויף אויסצאָלן און ווידער איינצאָלן איין דאָלער. אויסגעגעבן דאָס גאַנצע געלט, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט נאָך אין קעשענע פינף סענט — קוקט ער זיך אום פון אַלע זייטן: — דאָס זוכן זיינע שוואַרצע אייגעלעך עפּעס איינצוהאַנדלען פאַר די לעצטע פינף סענט. ער האָט קיין האַרץ נישט אַרויסצוגיין פון קראָם מיט געלט אין קעשענע.

מאָרגן וועט ער זיך דאַרפן שאַפן עטלעכע סענט אויף אַ קאַווע און אויף אַ ביסל בעבלעך — דאָס באַליבטע געטראַנק און דאָס נאַציאָנאַלע מאכל פון די קובאַנער. איז פאַרפאַלן. וועט מען זיך מאָרגן זאָרגן.

דערווייל טאַנצט מען מאַמבאָס און רומבאָס, צוזינגענדיק זיך אין די אויערן־אַריין:

> **איך קוק אויף דיר,**
> **דו קוקסט אויף מיר —**
> **דאָס איז גליק...**

אונדזערע ייִדן אין קובאַ ריידן מיט ליבשאַפט וועגן זייערע קובאַנער שכנים, צווישן וועלכע זיי האָבן געפונען אַ וואַרעמע היים. עס איז נישט בלויז צוליב דעם, וואָס די קובאַנער זענען גוטע קונים און מען קען ביי זיי לייכט פאַרדינען אַ דאָלער — עס איז גיכער צוליב דער פריינטשאַפט און פריילעכקייט פון די דאָזיקע גרויסע, טונקל־הויטיקע קינדער, נעבן וועלכע די קינדער פון אַלטן, קלוגן תכלית־פאָלק פילן זיך ווי אויסגעבלייכטע שטאָט־לייט, וואָס קומען צו־גאַסט אין דאָרף אַריין און דערהערן דאָס געזונטע געלעכטער פון דער מילך־מויד מיט די רויטע באַקן.

עפּעס געפינען זיי, אונדזערע ייִדן אַ באַזונדער חן אין דער דאָזיקער פּרימי־טיווער זאָרגלאָזיקייט פון די קובאַנער. די „תכליתלאָזיקייט" הייבט זיי אָן צו

ב. שעפּנער

געפּעלן און ווי פון זיך אַליין נעמען די ייִדישע ליפּן אונטערברומען דאָס חסידישע זשיטלאָווסקי־לידל:

„שוין נישטאָ קיין נעכטן,
נאָך נישטאָ קיין מאָרגן.
ס'איז נאָר דאָ דאָס שטיקל היינט.
פאַרשטערט עס נישט מיט זאָרגן...".

און אַ געדאַנק קומט אין קאָפּ אַריין — אַ הייסער, אַן אפּיקורסישער:

— אפשר איז ער, דער קובאַנער, גאָר דער חכם? אפשר איז טאַקע מער נישטאָ ווי „דאָס שטיקעלע היינט"?...

ליסטע און כאַראַקטעריסטיק פון ביז־איצט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „יידבוך"

בוך נומער 1) י. ל. פרץ: דריי חסידישע דערציילונגען

דערשינען אין יאָר 1949. 32 זייטן. אַלבום־פאָרמאַט

דאָס דאָזיקע בוך איז אין דער פאָרם אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור; דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט קינסטלעריש געכתיבהטן שריפט, אויסגעפירט דורך דעם באַקאַנטן קינסטלער משה פייגענבלום און אַנטהאַלט פרצעס 3 דערציילונגען: „אויב נישט נאָך העכער", „דער כעלעמער מלמד" און „מקובלים". אויסער די קינסטלערישע שריפט, איז דאָס בוך אויך פאַרזען מיט אינטערעסאַנטע קינסט־לערישע צייכענונגען. דאָס בוך האָט געהאַט אַ געוואַלדיק גינסטיקן אָפּרוף פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק.

בוך נומער 2) ח. ש. קאַזדאַן: מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור

דערשינען אין יאָר 1950. 356 זייטן

האַנט־בוך פאַר יידישע לערער, ווי אַזוי צו לערנען יידיש און יידישע ליטע־ראַטור אין די העכערע גראַדן פון דער יידישער שול. עס איז אויך אַ בוך וואָס קאָן גענוצט ווערן פון שילער פאַר ווייטערדיקע זעלבסט־בילדונג. די ערשטע „אויפלאַגע" פון דאָזיקן בוך, איז דערשינען אין פוילן אין יאָר 1939, האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און בלויז געציילטע עקזעמפּלאַרן פון דאָזיקן בוך האָבן זיך געראַטעוועט און פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן.

בוך נומער 3) י. י. טרונק: כעלעמער חכמים

דערשינען אין יאָר 1950. 342 זייטן

דאָס זענען „מעשיות פון דעם כעלעמער פנקס, וואָס מען האָט נישט לאַנג צוריק געפונען אויף אַ בוידעם פון אַ מקוה", לויט דער אָנגאַבע פון מחבר. דאָ ווערט אויף דער קאַנווע פון דער צוגעטראַכטער שטאָט כעלם, ווי „די קליגסטע שטאָט אין דער וועלט", אַריינגעוועבט און אַריינגעפלאָכטן אַ גאַנצע ריי פאָלקס־מעשהלעך און פאָלקלאָר, וואָס ווערט צוגעשריבן, סיי דער „קלוגער" שטאָט כעלם און דעם נאָך „קליגערן" רב זייערן — ר' יוסף לאָקש.

בוך נומער 4) שלמה סיימאָן: אַמאַליקע יידן

דערשינען אין יאָר 1952. 192 זייטן

דאָס איז אַ זאַמלונג פון 26 פאָלקס־מעשהלעך, וועגן איבערגעגעבנקייט, האָר־ציקייט און אמתן אידעאַליזם פון „אַמאַליקע יידן". די דאָזיקע מעשיות זענען מער ווי געוויינלעכע פאַבולעס, דאָס זענען פונקען פון אהבת־ישראל און קידוש־השם, פון פשוטע און האַרציקע יידישע פאָלקס־מענטשן, געשריבן אין אַן אייפאַכער און גלייכצייטיק קינסטלערישע שפּראַך.

בוך נומער 5) ליבמאַן הערש: אויף דער גרענעץ פון צייטן

דערשינען אין יאָר 1952. 302 זייטן

אין דאָזיקן בוך, וואָס איז אַ זאַמלונג פון פאַרשידענע אַרטיקלען אויף יידישע טעמעס, דערשינענע צווישן ביידע וועלט־מלחמות, ווערן באַהאַנדלט אויף אַ גרינטלעכן אופן, אַ גאַנצע ריי פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אין גאָר דער וועלט; פראַגן וועגן יידישן קיום, וועגן אַנטיסעמיטיזם, וועגן דער מדינת־ישראל, וועגן גלות־ייד פאַרן געריכט פון דער געשיכטע א. אַ.

פאַראַן אויך אַ ריי דעמאָגראַפישע ציפערן, סטאַטיסטיקעס וועגן באַפעלקע־רונגס־פּראָבלעם ביי יידן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און וועגן יידישע און נישט־יידישע פאַרברעכערישקייט אין פוילן.

בוך נומער 6) יצחק פערלאָוו: אין אייגענעם לאַנד

דערשינען אין יאָר 1952. 350 זייטן

20 דערציילונגען, איינגעטיילט אין צוויי טיילן: 1) „אין אייגענעם לאַנד", וו עס ווערט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן דערציילט וועגן דעם לעבן פון די נייע עולים אין מדינת־ישראל און די צווייטע טייל פון 5 דערציילונגען „נאָכן שטורעם", באַהאַנדלט די מלחמה און נאָך־מלחמה־צייט.

בוך נומער 7) י. י. טרונק: דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט

דערשינען אין יאָר 1953. 390 זייטן

דאָס דאָזיקע בוך וואָס האָט אַן אונטער־טיטל „פאָלקסטימלעכער ראָמאַן פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער" איז אַ ווייטערדיקע פאָרזעצונג פון י. י. טרונקס דער־ציילן פאָלקס־מעשיות און פאָלקלאָריסטיק, אַרומגעוועבט אַרום לעגענדאַרן יידישן פאָלקס־וויצלער הערשעלע אָסטראָפּאָליער. אין דאָזיקן בוך וואָס נעמט אַרום הער־שעלעס לעבן־יאָרן, ווערט דערציילט ווי אַזוי הערשעלע איז אַראָפּגעקומען אויפן עולם־התחתון, ווי אַזוי ער דרייט זיך אויפן וועלט־יאַריד, ווי אַזוי ער ראַנגלט זיך מיטן יצר־הרע און ווערט נישט געשטרויכלט... אָבער מיט דעם אַלעמען דער־גייט ער נישט צום רבין קיין מעזשיבעזש...

בוך נומער 8) שלמה סימאָן: תוך יידישקייט

דערשינען אין יאָן 1954. 340 זייטן

אַ טיף און ערנסט ווערק, וווּ דער מחבר, וואָס איז באַקאַנט ווי אַן אינטע־רעסאַנטער דערציילער, ווייזט זיך אַרויס ווי אַ טיפער און ערנסטער דענקער, מיט אייגנאַרטיקע מיינונגען וועגן פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שייכות צו תוכיקע פראַגן פון יידן און יידישקייט־פּראָבלעם. דאָ זענען פאַראַן 18 גרינטלעכע אָפּ־האַנדלונגען, וועגן גאָר וויכטיקע יידישע ענינים, צו וועלכע דער מחבר האָט אָפּט־מאָל אַן אַנדערע, גאָר אינטערעסאַנטע מיינונג. אין די מיינונגען פאַררופט ער זיך סיי אויף אַמאָליקע קוועלן, ווי תלמוד, תנ״ך, פרק א. אַ. און אויך אויף אַ ריי מאָדערנע קוועלן.

בוך נומער 9) נ. ב. מינקאָוו: זעקס יידישע קריטיקער

דערשינען אין יאָר 1954. 350 זייטן

אַ וויכטיק און וואָגיק בוך וועגן זעקס יידישע קריטיקער, וואָס האָבן גע־לעבט אין פאַרשידענע צייטן און געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער יידישער ליטעראַטור און ליטעראַטור־קריטיק. צווישן אַזעלכע עקסטרעמען ווי דער פריי־מיטיווער קריטיקער אַלעקסאַנדער צעדערבוים און גייסטרייכן קריטיקער ש. ניגער איז פאַראַן אַ היפּשער מהלך — דאָס איז דער וועג פון דער יידישער ליטעראַטור און וועגן טיילן פון דאָזיקן וועג ווערט דערציילט אויף אַ גרינטלעכן אופן אין דעם בוך פון נ. ב. מינקאָוו.

בוך נומער 10) אברהם זאַק: אין אומרו פון יאָרן

דערשינען אין יאָר 1954. 390 זייטן

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 3 טיילן: 1) אַ גרעסערע כראָניק א. נ. „וואַרשע 1939”, 2) אַן אָפּטיילונג „צווישן חורבן און אויפקום” וואָס נעמט אַרום 6 כראָניקעס פון דער נאָך־מלחמה־צייט און די 3טע אָפּטיילונג „פרילינג און טויט” האָט 5 דערציילונגען פון פאַרשידנאַרטיקן זשאַנר. דאָס דאָזיקע בוך האָט באַקו־מען די מאָטיע סטאָליאַר־פּרעמיע אין בוענאָס־איירעס.

בוך נומער 11) יוסף רייך: וואַלד אין פלאַמען

דערשינען אין יאָר 1954. 302 זייטן

דער שרייבער פון דעם בוך, אַ געוועזענער פּאַרטיזאַן אין די וועלדער און „פּושטשעס” פון ווייס־רוסלאַנד, דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען אין דער פאַרטיזאַנקע. דערציילט וועגן די העלדישקייטן און וועגן די צרות פון די יידישע פּאַרטיזאַנער. דאָס בוך געשריבן אין אַן איינפאַכער, נישט געשליפענער שפּראַך האָט אַ גרויסן ווערט, מער ווי אַ ליטעראַריש ווערק ווי אַ מענטשלעכער דאָקומענט.

בוך נומער 12) מרדכי וו. בערנשטיין: אין לאַבירינטן פון תקופות

דערשינען אין יאָר 1955. 400 זייטן

דאָס ערשטע בוך פון אַ סעריע (וואַרשיינלעך דריי) ווו דער מחבר מאַכט אַ שפּאַציר איבער די לאַבירינטן פון אַמאָליקן דייטשלאַנד, לויט די געפונענע אַרכיוון, וואָס זענען פון מחבר געפאָרשט און פאַרצייכנט געוואָרן אין דעם נאָך־מלחמהדיקן דייטשלאַנד. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 3 טיילן: 1)צ שטיינער דערציילן; 2) געשעענדעטע הייליקייטן; 3) פאַרשווונדענע לאַנדשאַפט. אין די אַלע דריי טיילן, ווערט איבערגעגעבן אַ שלל מיט מאַטעריאַלן פון דעם יידישן לעבן און שאַפן אין פאַרלויף פון דער טויזנט־יעריקער תקופה פון אַמאָליקן לעבן אין דייטשלאַנד — אין דער א. ג. עפּאָכע פון נוסח אשכנז.

בוך נומער 13) לעאָן קאָברין: מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע

דערשינען אין יאָר 1955. 414 זייטן

אַ בוך פון דעם בראשית פון דער גרויסער יידישער איינוואַנדערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. הייבט זיך אָן אין די יאָרן 1892, ווען אַ „שיף מיט מרה־שחורה" ברענגט צו די ברעגן פון פילאַדעלפיאַ אַ גרופּע יידן, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך דער שפּעטער באַקאַנטער שרייבער לעאָן קאָברין. אין בוך ווערט איבערגעגעבן אויף אַן איינפאַכן און קינסטלערישן אופן, ווי אַזוי די אימיגראַנטן פּאַסן זיך צו צו דעם נייעם לעבן, ווי אַזוי זיי זען אַ סך אַנדערע זאַכן ווי אין זייערע שטעטלעך, ווי אַזוי עס אַנטשטייען צווישן זיי פאַרשידענע פּאַרטייען, ווי אַזוי זיי קעמפן צווישן זיך און הונגערן צוזאַמען.

בוך נומער 14) יצחק פערלאָוו: דזשעבעליאַ

דערשינען אין יאָר 1955. 382 זייטן

„דזשעבעליאַ" איז דער נאָמען פון אַ פאַרוואַרלאָזטער געגנט, וואָס איז פאַר דער באַפרייאונגס־מלחמה און פאַר דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל, געווען באַזעצט מיט אַראַבער און וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בליענדיקער יידישער שטאָט, צווישן יפו און בית־ים.

וועגן אָט דער פאַרוואַנדלונג, גיט איבער אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן דער שרייבער יצחק פערלאָוו, וואָס איז אַליין אויך אַ מיטמאַכער פון דער דאָזיקער איבערוואַנדלונג.

אין דעם בוך גייען דורך די נייע עולים, מיט זייער גוטע און שלעכטע זייטן, מיט זייערע מעלות און חסרונות. איר זעט דאָרטן די צעבראָכענע און אויסגעוואָרצלטע, ווי אַזוי זיי פּאַסן זיך אַריין און העלפן מיט צו שאַפן די נייע ווירקלעכקייט.

בוך נומער 15) ברוך ריווקין: ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק

דערשינען אין יאָר 1955. 250 זייטן

דאָס בוך איז אַ זאַמלונג פון 15 גרעסערע אַרטיקלען, וועגן דאָס שאַפן פון גרויסן יידישן שרייבער ה. לייוויק. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 2 טיילן: דער

ערשטער טייל וועגן ה. לייוויקס לידער און דער צווייטער טייל וועגן לייוויקס דראַמאַטישע ווערק. אין אַלע זיינע אַרטיקלען גייט דורך דאָס זוכן די אויסלייזונגס־אידייע אין לייוויקס שאַפן — דעם א. ג. „משיחיזם״, אַן אידייע וואָס קומט שטאַרק צום אויסדרוק אין אַלע שאַפונגען פון ה. לייוויק און נאָכמער אין קריטישע אַרבעטן פון ב. ריווקין.

בוך נומער 16) מלכי לי: דורך קינדערשע אויגן

דערשינען אין יאָר 1955. 180 זייטן

דאָס בוך איז געשריבן אין אַ לייכטן, צאַרטן און גראַציעזן טאָן, דערמאָנט אָפטמאָל אין אַ קינדערשער קלאַסן־קאָמפּאָזיציע. גיט איבער דאָס לעבן פון אַ קינד און שפּעטער שוין אַ דערוואַקסענע אין אַ יידיש שטעטל פון אַמאָליקן גאַליציע — פון מאַנאַסטרישטש, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און די שפּעטערדיקע נאָך־מלחמה צייט.

אין דער איצטיקער צייט ווען יידישע שטעט זענען חרוב געוואָרן און ווען פאַרשידענע עדות באַמיען זיך צו רעסטאַווירן זייערע היים־שטעט און גיבן אַרויס ספּעציעלע פּנקסים און יזכור־ביכער איז דאָס דאָזיקע בוך אַ וויכטיקער צושטייער.

בוך נומער 17) יעקב פּאַט: די לערערין אסתר

דערשינען אין יאָר 1956. 473 זייטן

דאָס בוך „די לערערין אסתר״ ווי עס שרייבט דער מחבר אין זיין פאָרוואָרט „איז נישט קיין דמיון, די מענטשן, די געשטאַלטן, די סילועטן, וואָס קומען אַריין אין דעם סיפּור־המעשה, זענען אמתדיקע, זיי זענען שוין אָבער מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע — זכרונם לברכה״.

אין דאָזיקן בוך ווערט איבערגעגעבן אויף אַ סענטימענטאַל־קינסטלערישן אופן, די געשיכטע פון דער יידיש־וועלטלעכער שול־באַוועגונג אין געוועזענעם פּוילן. איר זעט דאָרטן די לערער, די שילער, די שול־טוער און אַלצדינג איז אַרומגעוועבט מיט אַזוי פיל אידעאַליזם און מסירת־נפשדיקייט — פּונקט ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט.

בוך נומער 18) שלמה סיימאָן: וואַרצלען

דערשינען אין יאָר 1956. 316 זייטן

אַן אויטאָביאָגראַפיש בוך, וווּ דער מחבר דערציילט וועגן זיין אַמאָליקן שטעטעלע אין די פּאָליעסער בלאָטעס, דאָס שטעטעלע קאַלינקאָוויטש, דער הויפּט־„העלד״ פון בוך, דער קליינער שמעון גייט דורך און מאַכט דורך דאָס לעבן פון אַלע יידישע קינדער פון יענער צייט. אין דעם קליינעם שמעון לעבט אָבער אַ ספּעציעלער חוש, וואָס הערט און נעמט אויף אַלע אַרומיקע דערשיינונגען אַנדערש און טיפער ווי די איבעריקע און אויך ווי עס מיינט דער מחבר — דעם אָפּקלאַנג פון דורות.

בוך נומער 19) משה דלוזשנאָווסקי: האָרבסט אין ווײַנגאָרטן

דערשינען אין יאָר 1956. 321 זײַטן

דאָס בוך פאַרמאָגט 9 דערציילונגען און 2 גרעסערע דראַמעס. די טעמאַטיק פון די דערציילונגען איז אַ פאַרשידנאַרטיקע; פאַראַן אַ דערציילונג „דער צינז־איינמאָנער פון אווינאָן", וואָס טראָגט זיך אַריבער אין אַמאָליקן פראַנקרייך פון עטלעכע הונדערט יאָר צוריק. פאַראַן דערציילונגען פון געוועזענעם יידישן לעבן אין פוילן, פון יידישן ניו־יאָרק און אויך פון יידישן לעבן אין אַפריקע. די סאַמע גרעסטע דערציילונג פון בוך „האָרבסט אין ווײַנגאָרטן" איז פון דער אָקופּאַציע־צייט אין פראַנקרייך. אויך די האַנדלונג פון די 2 דראַמעס קומט פאָר איינע אויפן ים, ווו אַ שיף מיט יידישע פליטים ווערט פאַרפאָלגט פון אַ דייטשע אונטער־וואַסערשיף און די צווייטע דראַמע קומט פאָר אין יידישן טייל פון צפון־אַפריקע.

בוך נומער 20) מנחם באַריישאַ: עסייען

דערשינען אין יאָר 1956. 243 זײַטן

אַ זאַמלונג פון אַ גרעסערע צאָל אַרטיקלען און עסייען, איינגעטיילט אין דריי טיילן: 1) יידן און יידישקייט אין אַמעריקע, ווו עס ווערט באַהאַנדלט די שטענדיקע פראַגעס וועגן דער יידישער יוגנט, וועגן יידישע דערציאונג, וועגן פרומע און וועלטלעכע יידן אאַ"וו; 2) ישראל און די תפוצות, ווו עס ווערן אַרויסגעזאָגט אינטערעסאַנטע און אייגנאַרטיקע מיינונגען וועגן די דאָזיקע פּראָבלעמען; 3) אין דער אַלטער היים, ווו ער דערמאָנט זיין אַלטע היים־שטאָט בריסק, וואַרשע און וועגן זיין גרויסער לערער י. ל. פרץ. דאָס בוך האָט אויך אַן אינטערעסאַנטע פאָררעדע פון זיין טאָכטער אַדאַ באַריישאַ־פאָגעל.

בוך נומער 21) לעאָן בערנשטיין: ערשטע שפּראָצונגען (זכרונות)

דערשינען אין יאָר 1956. 226 זײַטן (מיט אילוסטראַציעס)

דער שרייבער פון בוך איז אַ פּיאָנער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אָנטייל גענומען אין די ערשטע אַרבעטער־„קרייזלעך" אין ווילנע אין יאָר 1894. שפּעטער אין דער גרינדונג פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד. מיטגעאַרבעט אין אַ ריי פּערייאָדישע אויסגאַבן פון „בונד" אין יידיש און רוסיש. אין דעם בוך „ערשטע שפּראָצונגען" גיט ער איבער זכרונות פון יענער צייט און כאַראַקטעריסטיקעס פון אַ טייל מיטאַרבעטער און אָנטיילנעמער פון די ערשטע טריט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

בוך נומער 22) משה אייזנבוד: געלעבט הינטער קראַטן

דערשינען אין יאָר 1956. 218 זײַטן

דאָס איז די דערציילונג פון אַ יידישן יוגנטלעכן אַרבעטער פון דעם קליינעם שטעטל ביעסוויזש, וואָס איז אין די ערשטע מלחמה־צייט אַריינגעפאַלן צו די

סאָוועטן. אין אָנהייב פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה, געלונגט אים צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד. אים געלונגט אָבער נישט אויסצומיידן די אַלע מלחמה־גרוילן. אין רוסלאַנד ווערט ער אָװעקגעשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט און ליידט דאָרטן אַלע אומזיניקע פאַרפאָלגונגען, ווען ער פּרוּווט פּראָטעסטירן און זיך קעגנשטעלן, ווערט ער אַריינגעוואָרפן אין די תּפֿיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ער ווערט באַפרייט ערשט אין סוף פון דער מלחמה, בעת דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע.

בוך נומער 23) פ. מינץ (אַלעקסאַנדער): יידישער אומקום און ווידערשטאַנד אין פראַנקרייך

דערשינען אין יאָר 1956. 267 זייטן

דאָס זענען פּערזענלעכע זכרונות פון דעם שרייבער, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין דער צייט פון דער מלחמה און נאַצישער אָקופּאַציע פון פראַנקרייך. און כאָטש די זכרונות זענען אין גרעסטן טייל פּערזענלעכע, דאָך גיט דאָס אַ כאַראַקטעריסטיק, וועגן אַלגעמיינעם לעבן, וועגן אומקום און ווידערשטאַנד פון די יידן אין פראַנקרייך.

בוך נומער 24) דוד איגנאַטאָוו: „אָפּגעריסענע בלעטער"

דערשינען אין יאָר 1957. 339 זייטן.

פון דעם גרויסן און קרעפטיקן יידישן שרייבער דוד איגנאַטאָוו איז פאַרבליבן אַ ריי נישט־פאַרעפנטלעכטע כתבים און אַ גרעסערער פראַגמענט פון אַן אָנגעהויבן אויטאָביאָגראַפיש ווערק אונטערן נאָמען „באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ". דאָס אַלץ צוזאַמען מיט אַ ריי כאַראַקטעריסטיקעס פון דוד איגנאַטאָווס צייט־חברים, די א"ג „יונגע" איז דער קערן פון דאָזיקן אינטערעסאַנטן און צום באַדויערן לעצט בוך פון דוד איגנאַטאָוו.

בוך נומער 25) דער לעבעדיקער (חיים גוטמאַן): פּאַמפּאַדור

דערשינען אין יאָר 1957. 328 זייטן

געשריבן אין אַ לייכט פעליעטאָניסטישן און הומאָריסטישן אופן, ווערט אין דעם בוך באַהאַנדלט אַ גאַנצע ריי אַקטועלע און אַלגעמיינע פראַגן פון יידישן און אַלגעמיינעם כאַראַקטער. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן: דאָס ערשטע: „אַ באַזוך אויף דער איסט־סייד" איז שוין דערשינען אין פריערדיקע 2 אויפלאַגעס. די צווייטע טייל וואָס באַהאַנדלט „די נייע איסט־סייד", דערשיינט דאָס ערשטע מאָל אין בוך־פאָרם. ביידע טיילן שטעלן זיך צוזאַמען פון פּאַראַדאָקסן און שטימונגען, געשריבן אויפן שטייגער פון ניטשעס „אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ".

בוך נומער 26) נח גאָלדבערג: אויף צעוואָרפענע וועגן

דערשינען אין יאָר 1957, 256 זייטן.

דאָס בוך האָט צוויי אָפּטיילונגען: 1) פון דער היים, 2) אַמעריקע. אין דער ערשטער אָפּטיילונג זענען פאַראַן 9 גרעסערע דערציילונגען פון דער געוועזענער אַלטער היים און די לעצטע — דרך אגב די שטאַרקסטע דערציילונג פון דער אָפּטיילונג — „שטורעם", דערציילט פון דעם חורבן פון דער דאָזיקער היים.

בוך נומער 27) י. ה. פישמאַן: פריער און שפּעטער

דערשינען אין יאָר 1957, 184 זייטן

28 קלענערע דערציילונגען פון אַלטן אַמאָל, פון דעם שטעטעלע פּאָקשיצע א. אַ. שטעטלעך פון אַמאָליקע יידישן פּוילן אין פאַרשידענע צייטן, פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, די צווישן־צייט און זאָיך דער לעצטער שטורעם.

געשריבן פון אייגעם, וואָס האָט די אַלע זאַכן מיטגעלעבט און דורכגעמאַכט, מאַכן די דערציילונגען אַן איינדרוק פון זכרונות.

בוך נומער 28) ל. לאַסאַווין: אַ חתונה אויפן באַרג לבנון

דערשינען אין יאָר 1958, 296 זייטן.

פון דעם יונגן יידישן שרייבער ל. לאַסאַווין, וואָס געפינט זיך אין מיאַמי־ביטש (פאַריייניקטע־שטאַטן) איז דערשינען דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז שוין דאָס צווייטע פון דעם מחבר. אין דעם אַריינפיר זאָגט זיך „אַז וועלכע עס איז ענ־לעכקייט פון מענטשן און געשעענישן אין די דערציילונגען איז אַ רייגער צופאַל", און די דערציילונגען זענען טאַקע אויס ווי אמתדיקע, ווי שטיקער אַרויסגענומענע פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

בוך נומער 29) משה דלוזשנאָווסקי: ווי אַ בוים אין פעלד (ראָמאַן)

דערשינען אין יאָר 1958, 496 זייטן

דאָס בוך איז אַ ראָמאַן אין אַ גרעסערן פאַרנעם, נעמט אַרום פאַרשידענע פעריאָדן פון דעם לעבן פון דעם הויפּט־העלד מאַרק העלער אין פאַרשידענע פעריאָדן פון יידישן לעבן בכלל.

פאַראַן דאָרטן דאָס אַלטע יידישע שטעטל, פאַראַן אויך די מלחמה און שטור־רעם־צייט און דער אומקום פון דעם יידישן לעבן, און שליסלעך איז דאָרטן אויך פאַראַן דאָס יידישע לעבן אין די פאַריייניקטע שטאַטן.

עס איז אַ בוך פון גרעסערן פאַרנעם, וואָס פאַראינטערעסירט און האַלט געשפּאַנט דעם לייענער פון אָנהויב ביז צום סוף.

B. SZEFNER

A GLIMPSE AT ISRAEL AND THE WORLD

★

"IDBUJ"
BUENOS AIRES
1958

B. SZEFNER

UNA MIRADA A ISRAEL Y AL MUNDO

(A BLIK OIF ISRAEL UN OIF DER WELT)

★

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1958